STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09614

# ZIKHROYNES

Baruch Tsukerman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# זכרונות

ברוך צוקערמאַן

# זכרונות

ערשטער באַנד

פאַרלאַג „אידישער קעמפער" און פאַרבאַנד ביכער־פאַרלאַג

1962 ניו־יאָרק תשכ"ב

# ZICHRONOS

(Memoirs)

By BARUCH ZUCKERMAN

*Copyright 1962 by*

BARUCH ZUCKERMAN

***Printed by***

SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.

21 East Fourth Street New York 3, N. Y.

# אינהאַלט


אַריינפיר ........................................ 9

קינדער־יאָרן ........................................ 18

ווייט פון דער היים.................................... 42

אַ גורל'דיקע באַגעגעניש................................ 50

אין דער טעלזער ישיבה.................................. 65

אין ליבאַווע........................................... 81

אין ווילנע............................................. 89

ד״ר הערצל'ס באַזוך אין ווילנע.......................... 115

אויפן וועג קיין אַמעריקע............................... 124

מיינע פּרנסות אין אַמעריקע............................. 143

מיינע ערשטע שריט אין לאַנד............................ 166

דער ערשטער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון אַמעריקאַנער פּועלי־ציון........ 198

אַ יאָר אין פילאַדעלפיע................................ 207

די צווייטע ס. ט. קאָנווענשאָן אין באָסטאָן............... 225

די אַמעריקאַנער אידישע פּראָווינץ אין די יאָרן 1907־8.............. 231

מיין באַקאַנטשאַפט מיט יהואש'ן.......................... 260

ווייטערדיקע באַגעגענישן................................ 270

אידישע פּראָבלעמען אין יענער צייט....................... 280

„קינסטלערישער״ חוזק — און אַ מוסר־השכל.................... 296

דער פונאַנדערפאַל פון די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן 303

יאָרן פון גרויסע פאַרמעסטן.............................. 323

די גרינדונג פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד............ 329

די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולע..................... 337

1911 — אַ וויכטיק יאָר פאַר מיר........................... 344

געווידמעט, מיט יראת הכבוד, דעם זכר
פון מיינע עלטערן שרה און אביגדור און
מיין ברודער הירשע־מיכל — וואָס בלויז
דורך זייער גרייטקייט זיך אָפּצוזאָגן פון
סאַמע־נויטיקסטן, אַבי איך זאָל האָבן די
געלעגענהייט צו לערנען, איז אויסגעפּלאַס־
טערט געוואָרן מיין לעבנס־וועג.

דער מחבר

# אַריינפיר

דער געדאַנק צו שרייבן זכרונות איז ביי מיר געבוירן געוואָרן אַזוי שנעל ווי איך האָב באַשלאָסן זיך צוריקצוציען פון אחריות׳פולע, געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס אין אונזער אַמעריקאַנער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער באַוועגונג און זיך באַזעצן אין מדינת ישראל. דאָס איז אָבער נישט געווען מיין ערשטער פּאַרזוך צו באַזעצן זיך אין ארץ-ישראל. אָבער איך בין געווען זיכער, אַז דאָס מאָל וועט עס מיר געלינגען (פּרטים וועגן מיינע דריי פּאַרזוכן וועל איך דערציילן אין די זכרונות גופא). איך האָב שוין דאַן געהאַט דערגרייכט מיין 68טן לעבנסיאָר און שוין געהאַט אַריבערגעשפּאַנט 50 יאָר פון געזעלשאַפט-לעכער טעטיקייט. אין מיין וועזן האָב איך שוין געהאַט אַריינגעזויגן די השפּעות פון גאַנצע דריי דורות — און נישט קיין געוויינטלעכע! במשך פון אַט-די דריי דורות זיינען צעטרייסלט געוואָרן די סאַמע יסודות פון דער גאַנצער מענטשהייט בכלל און פון אידישן פאָלק בפרט. איך האָב דערשפּירט, אַז איך האָב געהאַט דעם זכות אָנגע-לאָדן צו ווערן מיט געשיכטלעכן שטאָף פון העכסטער באַדייטונג. האָב איך דערפאַר געהאַלטן פאַר מיין חוב צו מאַכן אַ חשבון-הנפש פון מיינע איבערלעבונגען אין דער עפנטלעכקייט.

* * *

אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן דורכצולעבן אַט-די דריי דורות אין די צוויי וויכטיקסטע לענדער פון אידישער קאָנצענטראַציע — רוסלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דער ערשטער האָב איך דורכגעלעבט מיינע קינדער-און-אינגל-יאָרן; אין דער צווייטער — איבער 50 יאָר פון דערוואַקסענעם, באַוואוסטזיניקן לעבן. במשך פון אַט-די 50 יאָר איז מיין לעבן אויך געווען פאַרבונדן מיט אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אין ארץ-ישראל, איידער די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן און אין מדינת-ישראל זינט זי עקזיסטירט. איך מעג זאָגן,

אַז דורכדעם איז מיין גאַנץ וועזן פאַרוועבט געוואָרן מיט אַלץ וואָס האָט פּאַסירט אין אָט־די דריי לענדער; פּאַסירונגען וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם קווינט־עסענץ פון מאָדערנער אידישער געשיכטע, מיין פליכט־געפיל, אַז איך דאַרף נישט האַלטן אָט־די איבערלעבונגען בלויז אין זיך — און אַז זיי האָבן אַן אינטערעס פאַר אַ גרויסן טייל פון אידן — איז נאָך שאַרפער געוואָרן.

* * *

אויך אַ צאָל נאָענטע חברים האָבן עס געפאָדערט פון מיר. זייער טענה איז געווען, אַז אַ סך קאַפּיטלען פון מיין לעבן געהערן נישט צו מיין רשות־היחיד; אַז אויך זיי האָבן אין דעם אַ חלק; איז דעריבער מיין פליכט צו דערציילן וועגן זיי. זיי זיינען — מיט רעכט! — געווען זיכער, אַז נישט נאָר מיין יחידישער לעבן וועט אַרויסגעבראַכט ווערן אין מיינע זכרונות, נאָר אויך דאָס לעבן פון אַ סך צענטליקער חברים — מיט וועמען איך האָב געהאַט דאָס גליק מיטצואַרבעטן — וועט באַקומען עפנטלעכן תיקון. זיי האָבן עס זיכער פאַרדינט. איך אַליין בין אָבער געווען שטאַרק מסופק, אויב איך פאַרמאָג די נויטיקע פעאיקייטן צו אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט; צי איך וועל קענען זיין פולשטענדיק גערעכט און אָביעקטיוו סיי צו מיר אַליין, סיי צו מיינע בני־הדור. האָב איך אַ פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד זיך געראַנגלט מיט די אייגענע ספיקות.

* * *

במשך פון אָט־די פּאָר יאָר זיינען נפטר געוואָרן זייער אַ גרויסע צאָל פון מיינע גאָר־נאָענטע חברים. די רשימה איז אַ צו לאַנגע, בכדי זי צו קענען אויסרעכענען. זיי האָבן די זכרונות פון זייער לעבן מיטגענומען מיט זיך אין קבר. האָב איך שאַרף דערפילט דעם חוב צו נאָטירן אויך זייערע איבערלעבונגען, ווי ווייט איך האָב זיי געקענט, פאַר דער עפנטלעכקייט. סוף זומער 1959, ווען איך האָב אַריבערגעשפּאַנט מיין 72טן געבוירנטאָג, האָב איך דערשפּירט, אַז איך בין לכל־הפחות מחוייב צו פּרובירן; צו מאַכן אַ פּאַרזוך פון שרייבן מיינע זכרונות און דאַן באַשליסן צי זיי זיינען ראוי פאַרעפנטלעכט צו ווערן. די צייט שטייט נישט. אמת, איך פיל זיך נאָך גאַנץ גוט, אָבער קיין גאַראַנטיע פון רבונו של עולם האָט קיינער נישט אַרויסבאַקומען — און די ביישפּילן פון אַוועקגעגאַנגענע חברים

וואָרענען. בין איך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. דער ביז-איצטיקער רעזולטאַט איז — דער ערשטער טייל פון מיינע זכרונות, וועלכע איך ברענג איצט אין אָט-דעם בוך.

* * *

ווען איך האָב גענומען אויסשטעלן אין דער מחשבה אַ פּלאַן פאַר דער אַרבעט, האָב איך נאָך שאַרפער דערפילט די גרויסע אחריות וואָס איך האָב אויף זיך גענומען. די עפּאָכע אין וועלכער איך האָב געלעבט איז אָן-ספק געווען איינע פון די וויכטיקסטע אין דער אידישער געשיכטע. דער סעקטאָר, אין וועלכן איך האָב געלעבט און צוגעטראָגן מיין באַשיידענעם טייל צו זיינע אויפטועון, האָט זיכער בייגעשטייערט אַ גרויסן חלק צו דער פאַרמירונג פון אָט-דער עפּאָכע. אונזער גאַנצע סביבה איז געווען אַ פול-בלוטיקע, אָנגעלאָדן מיט מחשבה און טאַט. אונזער דור האָט, דורך זיינע מעשים, אַריינגעפירט אַ סך ענדערונגען אין אונזער געשיכטע. ער האָט, אמת, איבערגע־לאָזט אויך בכתב אַן אומגעהויערע ירושה: די שיינע ליטעראַטור אין אַלע אירע פאָרמען, די רייכע עסייאיסטיק און פּובליציסטיק. דאָס אַלץ וועט קענען איבערגעבן זיין מהות צו קומענדיקע דורות. אָבער מעמואַריסטישע פאַרצייכענונגען גיבן פאָרט אַ גאַנץ-באַזונדער בילד און קלאָריט צו אַן עפּאָכע. אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ דאָס גייסטיקע פּנים פון אַ דור אַ סך אינטימער און אַלזייטיקער. און דווקא אָט-דער שטח איז פון מיינע בני-הדור פאַרוואַרלאָזט געוואָרן. אָבער די ספיקות האָבן אַלץ נישט נאָכגעלאָזט: באַזיץ איך די פעאיקייט צו געבן אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג פון מיין מערקווירדיקן דור? ביז איך האָב זיך אַנטשלאָסן אָנצוהויבן.

* * *

דאָס ערשטע בוך וועט נאָך, לײדער, נישט קענען געבן קיין פולן ענטפער, צי איך האָב מיין אויפגאַבע ריכטיק דערפילט: די וויכ־טיקסטע ביישטייערן פון מיין דור זיינען צוגעטראָגן געוואָרן דער אידישער געשיכטע אין דעם פעריאָד וואָס ליגט צווישן דעם אויס־ברוך פון ערשטן וועלט-קריג ביז אונזערע היינטיקע טעג. און איך האָב דערווייל נאָר דערציילט וועגן מיינע איבערלעבונגען ביז צום „רואיקן" יאָר 1911. אָבער איך נעם אָן, אַז דאָס בוך, וואָס איך

ברענג איצט דעם לייענער, קען אים דאָך געבן אַ טיילווייזן ענטפער אויף דער פראַגע: צי בין איך באַרופן צו דערפילן די פליכט, וואָס איך האָב אויף זיך גענומען.

* * *

אין אייגענעם הארץ נעסטן נאָך אַלץ ספיקות. אויב אַפילו מיר איז געלונגען צו געבן אַן אָביעקטיוו בילד פון מיינע ערשטע צוויי־צענדליק יאָרן, איז עס נאָך נישט קיין באַוויז, אַז איך וועל קענען אָנהאַלטן אַזאַ אָביעקטיוויטעט אין די ווייטערדיקע המשכים, ווען איך דאַרף זיך שוין באַשעפטיקן נישט בלויז מיט נאַאיווע איבער־לעבונגען פון קינד, אינגל און אין בעסטן פאַל יונגן בחור, נאָר אויך מיט שאַרפע געראַנגלען אין וועלכע איך האָב זיך באַטייליקט. איך קען נאָר אויסדריקן די האָפענונג, אַז אויב דער רבונו של עולם וועט מיך דערהאַלטן ביים לעבן נאָך אַ פּאָר יאָר, וועל איך זיך באַמיען אויך אין די ווייטערדיקע המשכים צו זיין אַזוי אָביעקטיוו ווי נאָר מעגלעך. איך וועל זיכער נישט אַריבערגיין בשתיקה איבער טעות'ן וואָס איך האָב בפירוש געמאַכט און אויך נישט פאַרשווייגן ענינים ביי וועלכע אונזער גאַנצע באַוועגונג איז אפשר אַמאָל אַראָפּ פון דרך־הישר. נאָכאַלעמען קען מען דאָך איצט, קוקנדיק צוריק, אַ סך קלערער זען די גערעכטיקייט, אָדער אומגערעכטיקייט, סיי פון מיינע אייגענע האַנדלונגען, סיי פון די האַנדלונגען פון אונזער גאַנצער באַוועגונג.

* * *

איך בין מתפלל פאַר נאָך אַ פּאָר יאָר לעבן אויך צוליב נאָך אַ מאָמענט, וואָס איז וויכטיק פאַר אונזער גאַנצער באַוועגונג, אָבער נאָך מער וויכטיק פאַר מיר פערזענלעך: שוין צענטליקער יאָרן לעבט אין מיין געמיט אַ נישט־פאַרענטפערטע פראַגע, וואָס ד"ר חיים זשיט־לאָווסקי האָט געפרעגט — טאָקע בשייכות מיט מיר. זי איז דערשינען אין זיין חודש־זשורנאַל „דאָס נייע לעבן", אין דעצעמבער 1910 (אויך אַריין אין 4טן באַנד פון זיינע „געקליבענע שריפטן". ניו־יאָרקער יובליי־אויסגאַבע. זייטן 6-95). אין אַ סעריע אַרטיקלען האָט ער דאַן באַגרינדעט די נייע „פּאַראייניקונגס־פּראָגראַם", וואָס די פּועלי־ציון האָבן אָנגענומען אויף זייער שיקאַגער קאָנווענשאָן בערך מיט אַ יאָר צוריק. זשיטלאָווסקי האָט זיך גאָר אַקטיוו באַטייליקט אינעם

צוגרייטן די דאָזיקע פּראָגראַם (אויף יענער קאָנווענשאָן טאַקע האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי). אין יענעם אַרטיקל וויל ער באַווייזן, אַז אויך נאַציאָנאַל־געשטימטע „בונדיסטן" דאַרפן אָננעמען די דאָזיקע פּראָגראַם, ווייל די נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות פאַר־נעמט דאָרט אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע. ריידנדיק וועגן דעם אידיש־פּראָגרעסיוון און נאַציאָנאַלן געדאַנק, זאָגט דאָרט זשיטלאָווסקי:

זיין תוך איז, אַז דאָס אידישע פאָלק מוז קעמפן פאַר זיין דערהאַלטונג און אַנטוויקלונג אונטער אַלע אומשטענדן, וואו ער זאָל נישט זיין צעזייט און צעשפּרייט; קיינמאָל נישט פאַרלירן דעם מוט און די האָפענונג אויף אַן אייגענעם קיום אין דער וועלט. אַזאַ נאַציאָנאַליזם איז דער זיכערסטער, דער געטרייסטער צו די אינטערעסן פון אידישן פאָלק. זיין איבערגעבנקייט צום אידישן פאָלק איז נישט אָפּהענגיק פון וועלכע עס איז באַזונדערע באַדינגונגען. ער „בעיאַהט", ווי דער דייטש זאָגט, די אידישע עקזיסטענץ אבסאָלוט. אַזאַ נאַציאָנאַלער בונדיסט איז נישט קיין איד „בתנאי", נישט קיין איד מיט אַ „במה דברים אמורים", ווי מיין פריינט יהואָש האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט. זיין נאַציאָנאַליזם איז דעריבער אַן אַבסאָלוטער, אויף וועלכן מען קען זיך אונטער אַלע אומשטענדן פאַרלאָזן.

ווי וויכטיק עס איז פאַרן אידישן פאָלק צו האָבן אַזעלכע איבערגעגעבענע קינדער, קאָן אונז קלאָר מאַכן אַ קליינע מעשה'לע וואָס האָט נישט לאַנג פּאַסירט. אויף דער 5טער קאָנווענשאָן פון די פּועלי־ציון אין מאָנטרעאָל האָט חבר צוקערמאַן, איינער פון די הייסטע נאַציאָנאַליסטן וועלכע איך קען, אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק וואָס הערשט כמעט ביי אַלע פּועלי־ציון, אַז די גאַנצע נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות האָט נאָר דעמאָלט אַ זין, ווען זי קען אָנווייזן אויף ציון ווי איר לאָגישן ענדציל. קוים זאָגט מען זיך אָפּ פון דעם ענדציל, אַזוי פאַרלירט די אַרבעט אין גלות יעדע באַדייטונג און יעדן ווערט. און תוך כדי דיבור האָט דער זעלביקער חבר געלאָזט דורכבליקן, אַז זיין גלויבן אין ציון איז שוין איצטער נישט אַזוי פעלזן־פעסט ווי אַמאָל. מוז מען דאָך נישט ווילנדיק אַ פרעג טאָן: וואָס וועט ווערן פון זיין גאַנצער איבערגעגעבנקייט צו דעם אידישן פאָלק, זאָלן חלילה די ספיקות אין ציון אויסעסן ביי אים דעם גלויבן אין דעם ענדציל? לאָגישערהייט מוז מען קומען צום רעזולטאַט, אַז ווי נאָר ער וועט פאַרלירן די האָפענונג אויף ציון, אָדער אויף אַן אַנדער לאַנד, אַזוי וועט דאָס אידישע פאָלק פאַרלירן אין אים אַן איבערגעגעבענעם טוער און פריינט. און פון דעם זעלביקן שטייגער זיינען כמעט אַלע ציוניסטן, טעריטאָריאַליסטן און נישט קיין קליינע טייל פון סערפּיסטן (די וואָס האָבן געפאָדערט אַ אידישן סיים אין רוסלאַנד. ב. צ.). ביי זיי אַלעמען איז דער אידישער נאַציאָנאַליזם נישט מער ווי אַ „מצוה התלויה בארץ", אַ באַפעל וואָס הענגט אָפּ פון דעם לאַנד. אויס האָפענונג אויף אַן אייגן לאַנד — אויס איד. ווי ביי די רעליגיעזע אָרטאָדאָקסן רחמנא ליצלן — אויס תפילין, אויס איד. רעלאַטיווע אידן זיינען זיי אַלע, אידן מיט אַן אָפּמאַך, מיט אַ קאָנטראַקט, מיט אַ „באם". באם חלילה די געשיכטע (אָדער זייער דרש אויף דער געשיכטע) וויל נישט האַלטן קיין וואָרט אין דעם פּונקט פון אַן אייגן לאַנד, מעגן אויך זיי ברעכן דעם קאָנטראַקט, און מען איז פּטור פון אַלע התחייבות'ן צום אידישן פאָלק. גאַנץ אַנדערש איז דער נאַציאָנאַל־געשטימטער בונדיסט. לאָגיש איז זיין צוגעבונדנקייט צו די אידישע אינטערעסן, אַן אייביקע, אַן אַבסאָלוטע, אָן תנאים, אָן קאָנטראַקטן.

און ער, זשיטלאָווסקי, קומט דעריבער צום שלום, אַז —

אין די אינטערעסן פון אידישן פאָלק ליגט, דער בונדיזם זאָל זיין דער יסוד

פון יעדן ערנסטן נאַציאָנאַל־אידישן פּראָגראַם; ער זאָל זיין אַ „קרן קימת", אַן אומבאַרירלעכער פאָנד, פון וועלכן מיר טאָרן זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן, ווייל נאָר ער קען דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק פאַרהיטן פון באַנקראָט.

איך וויל איצט נישט אַריינגיין אין אַ וויכוח מיט דעם, וואָס ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט געשריבן אין יענער צייט, מיט איבער 50 יאָר צוריק. איך נעם אָן, אַז די ווערטער וועלכע ער לייגט אַריין אין מיין מויל זיינען ריכטיק ציטירט. (מער וועגן יענער מאָנטרעאָלער רעדע וועט דער לייענער געפינען אין דעם איצטיקן באַנד זכרונות וואָס ער האַלט אין האַנט. ב. צ.) געדענקען עס פּינקטלעך, קען איך נישט. דערביי בין איך גרייט מודה צו זיין, אַז ווען איך דאַרף היינט פאָרמולירן אָט־דעם געדאַנק, וואָלט ער אַרויסגעקומען אַביסל אַנדערש, הגם וועזנטלעך בין איך אויך איצט איבערצייגט, אַז די וועלכע האָבן פאַרמאָגט דעם ענדציל, דעם חזון, האָבן טאַקע אַריינגעבראַכט מער ענערגיע אויך אין זייער נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות. איך מיין אָבער יאָ, אַז איצט, ווען איך שטיי שוין, לכל הדעות, ביים אָנהויב פון סוף פון מיין אייגענעם לעבן, קען איך שוין מאַכן דעם סך־הכל, וויאַזוי מיין ענערגיע און איבערגעבנקייט איז פאַרווענדעט געוואָרן במשך פון מיין באַוואוסטזיניק לעבן.

איך בין זיכער, אַז אין דעם פּרט בין איך נישט געווען קיין יחיד, אוודאי נישט קיין אויסטערלישער יחיד. הונדערטער, אפשר טאַקע טויזנטער פון מיין דור האָבן פּונקט אַזוי פאַרווענדעט זייער ענערגיע און איבערגעגעבנקייט. וויל איך פּרובירן זיין אויך זייער מליץ יושר. איך בין זיכער, אַז די איבער 50 יאָר פון אונזערע אַקטיוויטעטן אויף אַלע געביטן פון אידישן און אַלמענטשלעכן לעבן האָבן באַשטעטיקט מיין הנחה, אַז דווקא דאָס פאַרמאָגן דעם ענדציל האָט געגעבן אונזער גאַנצער באַוועגונג אַן אומגעהויערן כוח צוצוטראָגן איר חלק צו דער מאָדערנער אידישער געשיכטע, דורך איר ביישטייער אויך אויפן שטח פון נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות.

* * *

אינעם איצטיקן בוך ברענג איך זכרונות פון דריי באַזונדערע צייט־אָפּשניטן אין מיין לעבן: א) מיין קינדהייט ביז בר־מצוה; ב) די איבער דריי יאָר נאָך מיין בר־מצוה ביז איך בין געקומען קיין אַמעריקע; און ג) מיינע ערשטע אַכט יאָר אין אַמעריקע. די פּאַסירונגען פון אָט־די אַלע דריי צייט־אָפּשניטן זיינען אויפגעהיטן געוואָרן אין

מיין זכרון אין זייער פולער פרישקייט. ס׳איז דערביי כדאי צו פאַר־צייכענען דעם מערקווירדיקן פאַקט: וואָס עלטער איך ווער, אַלץ בולט׳ער קומען אויף אין זכרון דווקא די פּאַסירונגען פון די קינדער־און־אינגל־יאָרן. מן־הסתם בין איך אויך אין דעם נישט קיין יוצא מן הכלל. די דאָזיקע פּאַסירונגען זיינען נישט פאַרבונדן מיט גע־וויינטלעכע קינדער־מעשׂיות, אָדער קינדער־שפּילערייען. איך האָב אַזעלכע געהאַט זייער ווייניק אין מיינע קינדער־יאָרן. דערפאַר אָבער האָב איך, שוין אין מיינע קינדערישע יאָרן, דורכגעשפּירט עפּיזאָדן פון געזעלשאַפטלעכער באַדייטונג. איך האָב זיי דאַן אַנדערש באַ־נומען. אָבער קוקנדיק איצט צוריק אויף זיי, טויכט ערשט אויף זייער טיפערער זין.

* * *

אָבער אויך די פּאַסירונגען פון די אַנדערע צוויי צייט־אָפּשניטן זיינען געבליבן פריש אין מיין זכרון. די פּאַסירונגען פון צווייטן צייט־אָפּשניט טראָגן נאָך אַלץ אויף זיך דעם חותם פון נאַאיווער אינגליש־קייט. נאָך אַלעמען בין איך, ביי מיין אָנקומען קיין אַמעריקע, אינ־גאַנצן אַלט געווען זעכצן און אַ האַלב יאָר. דערצו זיינען די דאָזיקע פּאַסירונגען פאַרגעזעצט געוואָרן כמעט אין דער זעלביקער אַטמאָ־ספער פון די קינדער־יאָרן. אמת, במקום חדרים און קליינע ישיבות אין קליינע שטעטלעך במשך דעם ערשטן צייט־אָפּשניט, זיינען אין צווייטן צייט־אָפּשניט געקומען וויכטיקע ישיבות — איינע, די טעל־זער, גאָר אַ וויכטיקע — כאָטש נאָך אַלץ אין קליינע שטעטלעך און כמעט צוויי יאָר אין די גרויסע שטעט ווילנע און ליבאַווע. אָבער אויך אין אָט־דעם צייט־אָפּשניט איז נאָך אַלץ געווען דער זעלביקער המשך: די סביבה איז נאָך אַלץ אַ טיפע, אידיש־טראַדיציאָנעלע און דאָס לערנען — בעיקר תלמוד. די ספרי־חוץ זיינען נאָך אַלץ געווען אַגב־אורחא׳דיקע; די פּראָבלעמען וואָס האָבן מיך אָנגעהויבן מאַטערן — נאָך אַלץ יוצא־דופנ׳דיקע פון מיין דעמאָלטיקן, גייסטיקן לעבן.

* * *

אַ שאַרפער איבערברוך איז געשען מיט מיין אָנקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די סביבה איז אינגאַנצן אַן אַנדערע. מיין אייגן לעבן — סיי מאַטעריעל, סיי גייסטיק — איז אַרויף אויף גאָר אַנדערע רעלסן. איך האָב געמוזט דורכגיין שווערע צופּאַסונגס־

פּראַצעסן. דאָס לעבן איז פאַר מיר געוואָרן ערנסטער. די פּראָבּ־לעמען וואָס האָבן מיך געמאַטערט — שוין נישט קיין יוצא־דופנ־דיקע. זיי האָבן אָנגעהויבן פאָדערן ענטפערס און זיי זיינען געוואָרן דער צענטראַלער אינטערעס פון מיין לעבן. פונדעסטוועגן קען איך זאָגן, אַז ביזן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג בין איך נאָך אַלץ באַהערשט געוואָרן דורך דער נאַאיווקייט פון מיין יוגנט, אָבער מיטן זייער וויכטיקן צוגאָב: מיין לעבן האָט אָנגעהויבן באַלויכטן ווערן דורך אַ גרויסן אידעאַל.

* * *

ווען איך פּרוביר נאָכאַמאָל דורכגיין אין מחשבה דעם דריטן צייט־פּעריאָד געפין איך, אַז בעצם געהערט ער נאָך אַלץ צו די ריינע, כמעט קינדערישע, יאָרן. אָן ספק איז ער שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון די ערשטע צוויי צייט־אָפּשניטן, אין וועלכע איך בין דורכגע־גאַנגען מיינע פאָרמאַטיווע יאָרן; יענע יאָרן האָבן באַווירקט מיין גאַנץ וויטערדיק לעבן, נישט נאָר דעם צייט־אָפּשניט פון מיינע ערשטע אַכט יאָר אין אַמעריקע. איך בין זיכער, אַז ווען דער צווייטער טייל פון מיינע זכרונות וועט פאַרעפנטלעכט ווערן, וועלן בולט'ער ווערן די השפּעות, וועלכע איך האָב אין זיך אַריינגעצויגן אין מיינע קינדער־און־אינגל־יאָרן. אָבער דאָס וואָס איך דערצייל דאָ וועגן דעם דריטן צייט־אָפּשניט דאַרף צוגערעכנט ווערן צו די ריינערע, נאַאי־ווערע קינד־הייט־יאָרן. בעיקר צוליב דעם, וואָס איך מוז זיך פאַר־לאָזן בלויז אויף מיין זכרון. דערציילנדיק וועגן יענע פּאַסירונגען; וועגן געשעענישן וואָס האָבן פּאַסירט אין די שפּעטערדיקע צענט־ליקער יאָרן, וועל איך זיך נישט טאָרן פאַרלאָזן בלויז אויף מיין זכרון. איך וועל זיי מוזן באַשטעטיקן דורך דאָקומענטן. דורך זיי וועל איך מוזן קאָנטראָלירן מיין אייגענעם זכרון. גאַנץ אַנדערש איז עס בנוגע די פּאַסירונגען פון דריטן צייט־אָפּשניט. אמת, איך האָב וועגן זיי געמוזט אָנשטרענגען מיין זכרון פיל מער, ווי וועגן די פּאַסי־רונגען פון די ערשטע צוויי צייט־אָפּשניטן. בעיקר האָב איך געמוזט קאָנטראָלירן מער ווי געוויינטלעך מיין אייגענעם זכרון, ווען איך האָב גענדאַרפט איבערגעבן מיינונגען פון אַנדערע, צווישן זיי אַזעלכע וואָס לעבן שוין נישט מער און קענען שוין אַליין נישט אויסבעסערן אַ טעות וואָס איך האָב געקענט מאַכן וועגן זייערע איינשטעלונגען. איך קען אָבער מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט באַהויפּטן, אַז נאָך אַזעלכע

שאַרפע אָנשטרענגונגען פון מיין זכרון איז מיר געלונגען זיי צו פאַר־צייכענען געוויסנהאַפטיק און — ווי ווייט ס'איז מענטשלעך מעגלעך — מיטן מאַקסימום פון אָביעקטיווקייט.

* * *

נאָכדעם ווי די זכרונות האָבן אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכט ווערן אין „אידישער קעמפער" האָבן אַ גרויסע צאָל חברים, סיי אין פּער־זענלעכע שמועסן, סיי אין צוגעשיקטע בריוו זיך זייער וואַרעם אָפּ־געררופן וועגן זייער אינהאַלט. די מערסטע פון אָט־די חברים האָבן באַלד פאָרגעשלאָגן, אַז די זכרונות דאַרפן דערשיינען אין אַ בוך. אַ סך האָבן אויסגעדריקט גרייטקייט מיטצוהעלפן. בין איך זיי אַלע־מען זייער דאַנקבאַר. אָבער צוויי חברים פאַרדינען גאָר אַ באַזונדערע אָנערקענונג. אָן זייער הילף וואָלט דאָס בוך נישט געקענט דערשיינען. זיי זיינען: מיין אַלטער חבר ש. באַנטשעק, וועלכער האָט גע־נומען אויף זיך די אויפגאַבע צו באַזאָרגן די דערצו־נויטיקע פינאַנציע־לע מיטלען, און מיין יונגן חבר מרדכי שטריגלער, וועלכער האָט אויף זיך גענומען נישט קיין גרינגערע אויפגאַבע: אָפּצוהיטן דעם ליטע־ראַרישן סגנון און אויך, ווי ווייט מעגלעך, אויסצוהיטן דאָס בוך פון צופיל דרוק־טעותים.

מיין טיפן דאַנק צו זיי ביידן.

ברוך צוקערמאַן

# קינדער־יאָרן

א.

געבוירן געוואָרן בין איך אין אַ פרום־חסידיש שטעטל — קורעניץ, ווילנער גובערניע, דעם 26טן יוני, 1887.

די דאָזיקע דאַטע האָב איך פעסטגעשטעלט, לויט דער אידישער דאַטע, וואָס מיין טאַטע האָט פאַרצייכנט אין אַן אַלטן סידור. אויף דער אינעווייניק־סטער זייט טאָוול פון אָט־דעם סידור האָט דער טאַטע פאַרצייכנט די געבורט־טעג פון אַלע קינדער. איך בין געווען דאָס דריטע קינד. האָט די דריטע שורה זיך אַזוי געלייענט: ב״ה, דעם 13טן תמוז, תרמ״ז. די דאָזיקע דאַטע איז זיכער אַ ריכטיקע. צי די ניט־אידישע דאַטע איז אַ פינקטלעכע בין איך ניט זיכער. איך האָב זי אַליין פעסטגעשטעלט שפּעטער, לויט אַ פאַרגלייך־לוח פון אידישע און ניט אידישע דאַטן, וואָס איך האָב געפונען אין דער סטראַשון־ביבליאָטעק אין ווילנע. איך קען ניט גאַראַנטירן, אַז איך האָב די פאַרגלייכונגען ריכטיק פאַרשטאַנען, אָדער אפילו זיי ריכטיק איבערגעלייענט. סיי־ווי איז די דאַטע אַזוי שוין ביי מיר געבליבן אויף אַלע מיינע פאָרמעלע דאָקומענטן.

דאָס שטעטל קורעניץ האָט פאַרמאָגט פינף בתי תפילות, פיר פון זיי חסידישע און איינע אַ מתנגדישע. צוויי פון די חסידישע און די מתנגדישע זיינען געווען גרויסע בתי־מדרשים. אַלע דריי זיינען געשטאַנען אויפן שול־הויף: אַ ספּעציעלער ווינקל, אַרויסגערוקט פון דעם שטעטלשן מאַרק־פּלאַץ. די אַנדערע צוויי זיינען געווען קלויזן. איינע האָט זיך געפונען אינעם הויף וואו דער רב, ר׳ משה־לייב לאַנדאַ, האָט געוואוינט און זי האָט זיך גערופן דעם רב׳ס קלויז. די צווייטע האָט זיך געפונען אויף אַ צווייטן גאָרן פון אַ גרויס הויז וואָס האָט געהערט צו איינעם פון די שענסטע בעלי־בתים פון קורעניץ, ר׳ יודע זושעס, און האָט זיך טאַקע גערופן „ר׳ יודע זושעס קלויז״.ביידע קלויזן האָבן זיך געפונען אין צוויי פאַרשידענע ווינקלען פון מאַרק־פּלאַץ. די מתפללים פון ביידע קלויזן און פון איינעם פון די חסידישע בתי־מדרשים האָבן זיך באַטראַכט ווי ליובאַוויטשער חסידים. אינעם צווייטן

חסידישן בית־המדרש האָבן מתפלל געווען קוידענאָווער חסידים. אַזויערנאָך איז מיין שטעטל געווען איינע פון די חסידישע אינזלען אינעם ים פון ליט־ווישער און ווייס־רוסישער מתנגדישקייט.

די באַפעלקערונג פון שטעטל איז געווען דורכאויס אַ אידישע. געציילטע נישט־אידישע פאַמיליעס האָבן געלעבט אין די לעצטע הייזער, פון די 5 גאַסן וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט. אין מאַרק־פּלאַץ, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמע־מיטן שטעטל — און פון וועלכן עס האָבן זיך געצויגן די 5 גרויסע גאַסן — האָבן זיך קיין נישט־אידישע משפחות נישט געפונען. אויך נישט אין די דריי קלענערע פאַרבינדונגס־געסלעך אינעווייניק אין שטעטל. דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט צוויי קירכעס, אַ פּראַוואָסלאַווע און אַ קאַ־טוילישע (די לעצטע האָט זיך אין שטעטל גערופן „דער פוילישער קלויסטער"). אַהין פלעגן קומען בעטן נישט בלויז די נישט־אידן פון שטעטל, נאָר בעיקר פון די אַרומיקע דערפער, וועמענס צאָל איז געווען אַ גאַנץ היפּשע.

די אידישע באַפעלקערונג האָט געמוזט זיין צווישן 2500 און 3000 נפשות. קיין פאָלקס־ציילונגען זיינען, ביז דער צייט וואָס איך האָב געלעבט אין שטעטל, נישט פאָרגעקומען. אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך נישט געפונען קיין שום סטאַטיסטישע ציפערן וועגן איר. מיין אָפּשאַצונג איז באַזירט אויף דער צאָל „שטעט" אין די פינף בתי־תפילות, אויף ווי ווייט איך קען זיי געדענקען. יעדער פון די דריי גרעסערע בתי־מדרשים האָט פאַרמאָגט אַרום 100 „שטעט". די צוויי קלויזן האָבן פאַרמאָגט צו 50 „שטעט". צוזאַמען זיינען, בכן, געווען אַרום 400 „שטעט". די צאָל פון אַזעלכע אָרעמע משפחות, וועלכע האָבן אַפילו קיין „שטאָט" אין שול נישט פאַרמאָגט, האָט אויך געמוזט דערגרייכן ביז 50. עס זיינען אָבער געווען אַזעלכע „שטעט", וועלכע האָבן קאָנצענטרירט עטלעכע משפחות. אַ טאַטע האָט איבערגעלאָזט בירושה אין איינציקע „שטאָט" פאַר עטלעכע זין. מיין איך דעריבער אַז אין קורעניץ האָבן געלעבט אַרום 500 אידישע משפחות. דער דורכשניט פון אַ משפחה האָט זיכער דערגרייכט איבער 5 נפשות.

די „עקאָנאָמיע" פון שטעטל איז געווען נישט אַנדערש ווי די עקאָנאָמיע פון די הונדערטער שטעטלעך אין יענער געגנט, דאָס הייסט, אויפן גרענעץ פון ווייס־רוסלאַנד און ליטע. יענע געגנט איז געווען באַרימט מיט איר „עשירות". און אין אַט־דעם שטעטל איז מיין משפחה געווען פון די אָרעמסטע.

איך בין געווען דער דריטער פון 14 קינדער, וואָס מיין מאַמע האָט אויסגעטראָגן און געבראַכט אויף דער וועלט. ניין פון זיי זיינען געבליבן לעבן. אין שטעטל האָב איך פאַרבראַכט מיינע ערשטע אַכט יאָר. נאָכדעם

האָבן זיך אָנגעהויבן מײַנע וואַנדערונגען, וועגן וועלכע איך וועל בקיצור דערציילן. איך פלעג קומען צוריק אין שטעטל נאָר אויף די ימים־טובים. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל פאַרלאָזט מײַן געבורט־שטעטל האָבן שוין אין אונדזער קליינער, ענגער שטוב געדאַרפט געפינען פלאַץ זיבן קינדער. צוזאַמען מיט די עלטערן — ניין נפשות. דער עלטסטער פון די קינדער איז געווען 12 יאָר אַלט, דאָס אינגסטע קינד — אַ יאָר.

פרנסה איז געווען זייער בצימצום. מײַן עלטערער ברודער הירשע־מיכל (ער איז שוין לאַנג אויפן עולם האמת) האָט נאָך פאַר זײַן בר־מצווה געדאַרפט מיטהעלפן דעם טאַטן אײַנעם פאַרזאָרגן חיונה פאַר דער משפחה. ער איז שוין דעריבער מיטגעפאָרן מיטן טאַטן אין די אַרומיקע דערפער „האַנדלען". די אידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט גענוג שילדערונגען פון אַט־דעם ספּעציעלן אידישן „פאַך". אַמ׳בולט׳סטן האָט עס געשילדערט דער קדוש משה קולבאַק. מײַן מאַמע האָט אויך געדאַרפט מיטהעלפן פאַרדינען אויף ברויט. זומער־צײַט פלעגט זי באַאַרבעטן גערטנער פון רײַכערע פאַמיליעס. ווינטער־צײַט פלעגט זי פליקן פעדערן און נאָך אַזעלכע אַרבעטן. אין די אַלע מלאכות האָט איר שוין געדאַרפט אַרויסהעלפן מײַן עלטערע שוועסטער, נחמה.

איך וואָלט אפשר אויך געדאַרפט גיין אײַנעם וועג פון מײַן עלטערן ברודער. האָבן אָבער מײַנע 4 מלמדים, בײַ וועלכע איך האָב געלערנט פון מײַן 5טן ביזן 8טן יאָר, מיך אַרויסגעראַטעוועט פון דעם. בײַם ערשטן מלמד — ר׳ אברהם, ווערמען ס׳שטעטל האָט גערופן „אָווערמל דער טויבער" — האָבן איך געלערנט פון אַלף־בית, ביז חומש מיט רש״י. בײַם צווייטן — ר׳ יוסף־ליב, ווערמען דאָס שטעטל האָט גערופן „די בולבעטשקע" צוליב זײַן זייער נידעריקן וואוקס, האָב איך ממשיך געווען חומש און אָנגעהויבן תנ״ך. בײַם דריטן — ר׳ חיים ראַדזשעוויצער (דאָס איז שוין נישט געווען קיין צונאָמען; ער האָט פשוט געשטאַמט פון אַ נאָענטן דאָרף וואָס האָט געהייסן ראַדזשעוויץ) האָב איך ממשיך געווען תנ״ך און אָנגעהויבן גמרא. דער עיקר אָבער איז געווען זײַן לערנען תנ״ך. אַט־דער ר׳ חיים איז פשוט געווען אַ וואונדער־מלמד. איך קען נאָך עד־היום ניט דערקלערן דעם פאַקט: הגם אַ געבוירענער אין אַ דאָרף, וואו עס זײַנען געווען בלויז דרײַ אידישע משפחות און כאָטש ער האָט אָפּגעלעבט זײַן גאַנץ לעבן אין קורעניץ — האָט אַט־דער איד געקענט אַרײַנגעבן אַזויפיל טיפקייט אין יעדן פסוק תנ״ך, וואָס ער האָט מיט אונז געלערנט. עד־היום פיל איך נאָך דעם טעם. ביז־איצט שטייט פאַר מײַן גײַסטיק אויג דאָס בילד פון אַט־דעם רבי׳ן מײַנעם, ווערמען

איך דערמאָן היינט מיט יראת־הכבוד. צו דער טיפקייט מיט וועלכער ער האָט מסביר געווען דעם תנ״ך איז נאָך צוגעקומען די געוואַלטיקע ליבשאַפט: צום תנ״ך גופא, צום העברעאישן לשון־הקודש און צו יעדער תנ״כישער פערזענלעכקייט. די דאָזיקע ליבשאַפט האָט ער איינגעפלאַנצט אין די הערצער פון זיינע תלמידים. אין מיין האַרץ איז זי געבליבן פריש עד היום הזה. ביים פערטן — ר׳ אַברהם־מענדל — האָב איך שוין געלערנט בלויז גמרא. אַלע 4 מלמדים האָבן פאַרשפּרייט מיין שם ווי אַ אינגל מיט אַ גוט קעפּל. טאַטע־מאַמע האָבן דעריבער באַשלאָסן: ברוקעס דאַרף ווייטער לערנען.

אָבער פּרנסה קומט אָן אַזוי שווער — און לערנען קאָסט געלט. וואָס העכער די מדרגה פון מלמד אַלץ אַ העכערן שכר־לימוד דאַרף מען צאָלן. איז ממילא אויפגעקומען דער געדאַנק, וואָס אַ סך טויזנטער אַנדערע טאַטעס און מאַמעס האָבן זיך צו אים דערטראַכט: אַוועקשיקן ברוקען לערנען אין דער פרעמד. אין שטוב וועט זיין מיט איין מויל ווייניקער; ער וועט דאַרטן עסן „טעג״, ווי עס טוען אַנדערע אינגלעך וועלכע ווילן לערנען. בעיקר: ער וועט ווייטער לערנען.

אָבער איידער איך הויב אָן שילדערן מיין קינדעריש, נע־ונד׳יש לעבן — וויל איך איבערגעבן צוויי פּאַסירונגען אין קורעניץ, וואָס האָבן איבער־געלאָזט אויף מיר אַ שטאַרקן רושם אין מיינע ווייטערדיקע יאָרן.

ביי אונז אויפן הויף איז געווען אַ ברונעם. מען האָט אים טאַקע גערופן „וויגדערס ברונעם״ (מיין טאַטנס נאָמען איז געווען אַביגדור). מיין טאַטע האָט אַמאָל געקויפט אַ וואָגן־האָלץ ביי אַ גוי אין מאַרק, בכדי צו פאַריכטן דעם ברונעם. איז פון אָט־דעם „האַנדל״ אַרויסגעקומען אַ „געשלעג״ אין שטעטל צווישן גויים און אידן. 8 אידן זיינען אַרעסטירט געוואָרן. צווישן זיי — מיין טאַטע. זיי זיינען גע׳משפט געוואָרן נישט אַזוי פאַרן „געשלעג״ ווי פאַרן באַליידיקן דעם „לעשניקס״ אָפיציעלע קנעפּלעך אויף זיין היטל. אים — דעם „לעשניק״ — האָבן די גויים געבראַכט אין פאַרבינדונג מיט דעם האָלץ־סכסוך. ער האָט געדאַרפט באַשטימען, צי דאָס האָלץ איז נישט גע׳גנב׳עט געוואָרן. דאָס באַליידיקן אַן אָפיציעל קנעפּל איז געווען כמעט ווי אַ מאַיעסטעט־באַליידיקונג קעגן צאַר. דער משפט איז דערגאַנגען ביז צו אַ העכן געריכט אין ווילנע. מיין טאַטע איז פאַרמשפט געוואָרן צו 8 חדשים טורמע. איין איד, דער וואָס האָט אַרויסגעזאָגט די שאַרפסטע ווערטער קעגן דעם „לעשניקס קנעפּל״, איז פאַרמשפט געוואָרן צו 10 חדשים טורמע. די איבעריקע — צו 4 חדשים טורמע.

אין שטעטל האָט דער פּסק־דין אַרויסגערופן גרויס צאַרן, אָבער

אויך גרויס פּחד. איך האָב דאַן געלערנט ביי דעם דערמאָנטן מלמד, ר׳ יוסף־לייב. ער אַליין איז אויך געווען אַ גאָר גרויסער קבצן. נאָכדעם ווי דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן „זיצן״, האָט ער מיך צוגערופן און האָט מיר איינגערוימט אַזויווי אַ סוד אין אויער: „זאָג דיין מאַמען זי זאָל וועגן דיין לערנען נישט זאָרגן. וועסט ווייטער קומען לערנען. אויב דיין טאַטע וועט קענען, וועט ער מיר אַוודאי שפּעטער באַצאָלן מיין שכר־לימוד״. איך האָב מיך גלייך באַוואָשן מיט טרערן. מיין דאַנקבאַרקייט צו אים איז אַוודאי געווען זייער גרויס. אָבער מיין פאַרשעמטקייט — צו האָבן אַ טאַטן אין טורמע — איז אפשר געווען נאָך גרעסער. בין איך טאַקע ווייטער געגאַנגען אין חדר, איך האָב אָבער זייער שטאַרק געליטן פון די רחמנות־בליקן, וואָס איך האָב כסדר געשפּירט אַרום זיך. אָפּט האָט אויך דער הונגער פאַרגרעסערט מיין ווייטיק און שאַנד. פון דער מאַמעס פאַרדינסטן אַליין איז נישט געווען גענוג אַפילו אויף טרוקן ברויט.

די צווייטע פאַסירונג האָט איבערגעלאָזט נאָך אַ טיפערע ווירקונג אויף מיר. דאָס איז געווען בלויז עטלעכע וואָכן נאָכדעם ווי מיין טאַטע האָט זיך אומגעקערט פון טורמע (ער איז אָפּגעזעסן נישט מער ווי 4 חדשים. צוליב עפּעס אַ צאַרישן יום־טוב האָט מען אים באַפרייט פריער). ער האָט זיך ווידער גענומען צו זיין „געשעפט״: אַרומפאָרן איבער די דערפער און אַהיים קומען בלויז אויף שבת. יעדעס מאָל, ווען איך פלעג גיין פרייטיק־צו־נאַכט מיט אים אין שול אַריין, פלעג איך שפּירן, אַז ער טראָגט אין זיך אַ שאַרפן ווייטיק. שטענדיק האָב איך פון אים אַרויסגעפילט די באַליידי־קונגען, וואָס ער שטייט אויס אין די דערפער. נאָך שאַרפער האָב איך עס אַרויסגעשפּירט אין די שבתים, נאָך זיין אומקערן זיך פון טורמע.

איינמאָל האָט געטראָפן, אַז מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון שול שבת נאָך מנחה און געגאַנגען אַהיים צו שלוש־סעודות. אין מאַרק זיינען געשטאַנען אַ סך פויערים וועלכע האָבן געפירט „וואָזקע״ (אַזעלכע גרויסע, דיקע קלע־צער, וואָס זיי האָבן געפירט צו ערגעץ אַ טייך, דורך וועלכן מען האָט די קלעצער געשיקט אין מרחקים). איך האָב מיטגעטראָגן אַ סידורל. די גויים זיינען געווען שיכור. איז צוגעלאָפן איינער פון זיי, האָט אַרויסגעריסן דאָס סידורל ביי מיר פון האַנט און האָט אָנגעהויבן חוזק־מאַכן דערפון. הגם די צאָל פון די גויים איז געווען אַ גאַנץ גרויסע, האָט אָבער מיין טאַטע — וועלכער איז געווען פיזיש אַ גבר — זיך נישט איבערגעשראָקן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון וואָגן איינעם פון די דיקע שטעקנס (אויף וועלכע די „וואָזקע״־קלעצער האָבן זיך געהאַלטן) און ער האָט פאַרפירט אַ מלחמה קעגן

די שיכורע פויערים. דערביי האָט ער אויסגעלאָדן אַלע אָנגעקליבענע ווייטיקן אין האַרצן. דאָס סידורל האָט ער אַרויסגעראַטעוועט. עטלעכע פויערים זיינען געבליבן ליגן צעבלוטיקטע, אָבער אויך מיין טאַטע איז שטאַרק צע־שלאָגן געוואָרן.

שוין דורך אָט־דעם צוזאַמענשטויס איז אין מיר פאַרזייט געוואָרן דער ערשטער זאָמען פון ביטערקייט אינעם פּראָבלעם „ישראל בגויים", וועגן וואָס איך האָב שפּעטער אַ סך געטראַכט און פיל געלערנט. שוין אין מיין יונגער נשמה האָט זיך אַריינגעגאָסן דער ביטערער טעם פון אידישן גלות. אָט־די ביידע פּאַסירונגען האָבן משפּיע געווען מיין ווייטערדיקן לעבנס־וועג. דערווייל אָבער האַלט איך ביים אָנהויב פון מיין נע־ונד זיין, ווען איך בין נאָך קיין פולע 8 יאָר נישט אַלט געווען.

## ב.

7 רוסישע וויאָרסט פון קורעניץ געפינט זיך די אויעזדנע שטאָט ווי־לייקע (דאָס איז נישט די קליין־ווילייקע, וואָס איז נאָענט צו ווילנע. די ווילייקע, וועגן וועלכער איך דערצייל, איז געווען אַ גרעסער שטעטל ווי קורעניץ). דאָרט האָט מיין טאַטע געהאַט אַ מומע. זי האָט געהאַט עטלעכע זין און טעכטער, אַלע אויסגעגעבענע. דאָס האָט מיר געגעבן האָפענונגען. ערשטנס: האָבן אַ הויז וואו צו שלאָפן. צווייטנס: צו האָבן לכל־הפּחות עטלעכע „טעג" וואו צו עסן. דערצו האָט נאָך ווילייקע פאַרמאָגט אַ „ישיבה" (מאָלט איך: אַ ישיבה, זייער אַ קטנה!). איר ראש־ישיבה איז טאַקע געווען אַ קורעניצער אידעם, ר' אָרע נתנ'ס. אויף די ימים־טובים פלעגט ר' אָרע קומען קיין קורעניץ. האָט ער מסכים געווען מיך מיטצונעמען.

איך קען נישט זאָגן אַז איך האָב געהאַט אַ גרויסע פּעולה אין אָט־דער ישיבה. קיין געוואַלטיקער פּעדאַגאָג איז ר' אָרע נישט געווען. מיר האָבן דאָרט געלערנט בבא קמא. אין מיין זכרון איז קיין סך נישט געבליבן, נישט פון יענעם לערנען און נישט פון ר' אָרען אַליין. דערפאַר זיינען מיר איבער־געבליבן פון שטעטל ווילייקע (וואָס איז, אַגב, געווען, אַזויווי קורעניץ, אַ חסידיש שטעטל), צוויי איינדרוקן, וועגן וועלכע עס איז כדאי צו דערציילן.

דער ערשטער איינדרוק איז געווען פון דעם דאָרטיקן מרא דאתרא, ר' איצעלע. אַזוי האָט מען פאַרצויגן זיין נאָמען. אין קורעניץ איז אויך געווען אַזאַ טיפּ רב — ר' זושקע. אויף זיין נאָמען האָט מען עס אָנגערופן די קלויז, אויפן רב'ס הויף. ער איז פאַר מיר שוין געווען אַ לעגענדע. אין מיינע קינדער־יאָרן האָט מען וועגן אים דערציילט ממש נסים ונפלאות, סיי פון זיין גאונות,

סיי פון זיין גוטסקייט. נישט איינמאָל האָט מיין קינדערש האַרץ געוויטיקט איבער דעם, וואָס איך האָב נישט זוכה געווען אים צו קענען פערזענלעך. דערוואַקסענע אידן, סיי קורעניצער, סיי ווילייקער, האָבן פאַרגליכן דעם ווילייקער ר׳ איצעלע צום קורעניצער ר׳ זושקע. דערפאַר האָט מיין האַרץ געפונען אַ שטיקל טרייסט דערין, וואָס איך קען ר׳ איצעלען. איך בין געווען גליקלעך, ווען מיין טאַטע — וואָס איז נישט געווען קיין חסיד (ר׳ איצעלע איז געווען, פונקט ווי ר׳ זושקע, אַ שאַרפער חסיד), גאַנץ ווייט פון אַ תלמיד־חכם און אויך נישט צו־שטאַרק אַפּגעהיט אין פרומקייט, האָט איינמאָל מיך גענומען צו ר׳ איצעלען בכדי צו באַקומען פון אים אַ ברכה. ביי מיין טאַטן און מאַמען האָט געהאַלטן אין שטאַרקן זיך דער חשק, אַז איך זאָל לכל־הפחות ווערן אַ למדן. מיין טאַטע האָט געהאָפט, אַז אַ ברכה פון ר׳ איצעלען וועט אין דעם שטאַרק אַרויסהעלפן.

די דאָזיקע ברכה האָט אויך אין מיין געמיט אַריינגעבראַכט דאָס, וואָס איך קען איצטער באַצייכענען מיטן אויסדרוק התרוממות הנפש. וואָכן נאָכאַנאַנד איז פאַר מיר געשטאַנען זיין אַצילות׳דיק געשטאַלט. איך בין געוואָרן גאָר פרום און שטאַרקער באַגערט צו לערנען. די ישיבה האָט זיך געפונען אין „ליובאַוויטשער שטיבל". אָפט האָב איך דאָרט גענעכטיקט, כאָטש איך האָב געהאַט אַ סטאַנציע ביי איינעם פון מיינע קרובים. אויף דער סטאַנציע איז אָבער געווען אַ פולע שטוב מיט קינדערלעך, מיט אַ גרויסן טומל. מיך האָט שוין צו אָט־דעם קינדערשן טומל נישט געצויגן. דאַקעגן, דאָס זיצן און לערנען שפּעט ביינאַכט מיט דעם טרויעריק־זיסן גמרא־ניגון, האָט מיך אָנגעפּולט מיט גרויס הנאה. בפרט ווען ר׳ איצעלע האָט ביים זעגענען זיך מיטן טאַטן און מיט מיר בלויז געהאַט צו זאָגן: „לערן, אינגעלע, וואָס מער".

אָבער אין ווילייקע האָט אויף מיר, צום סוף פון מיין 9טן יאָר אַ בלאָז געטאָן דער אָטעם פון השכלה. עס רעדט זיך אַזוי — השכלה. קיין „טריפה" ביכער האָב איך נאָך דאַן נישט געלייענט. אָבער אַ מערקווירדיקער עפּיזאָד, פון אַ מין „קולטור־קאַמף", האָט דאַן יאָ פּאַסירט, וואָס האָט מיין קינדערשע געדאַנקען־רואיקייט אַ רעכט ביסל צעטרייסלט.

אין ליובאַוויטשער „שטיבל" האָט געדאַוונט אַ איד, לייזער דער בלעכער. אַזוי האָבן אים אַלע גערופן. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט מ׳זאָל אים רופן „ר׳ לייזער". ער איז געווען אַ פאַרברענטער ליובאַוויטשער חסיד. געדענק איך ווי ער פלעגט בלייבן שפּעטער פון אַלע מתפללים און געלערנט פאַר זיך אַליין דעם „תניא". מיין נייגער צו דעם מענטש האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. אין שטיבל זיינען געווען אַ סך „תניאס". האָב איך געפּרובירט

אַריינקוקן און האָב — אידל גערעדט — זייער ווייניק פאַרשטאַנען. איינמאָל, קומענדיק אין דער ישיבה, האָב איך געטראָפן לייזער דעם בלעכער אַרומגע־וויקלט מיט אַ פאַטשיילע דאָס גאַנצע פנים. די פאַטשיילע איז געווען אַרומ־געבונדן איבער זיין קאָפּ און אונטער זיין גאָמבע. אַרומגייענדיק צווישן די עלטערע אידן האָב איך מיך דערוואוסט אַזאַ מין מעשה:

לייזער דער בלעכער האָט געהאַט אַ שאַרפע מחלוקת מיט אַ יונגנמאַן, צדוק דעם שוחט׳ס. לייזער דער בלעכער האָט אַמאָל געכאַפּט צדוקן לערנען תנ״ך מיטן „ביאור״. האָט לייזער אַרויסגעכאַפּט דעם „טריפהנעם״ תנ״ך פון צדוק׳ס הענט, אים אַ וואָרף געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע, נאָך צוגעטראָטן מיטן פוס און אויסגעשריען: „אוי לרשע ואוי לשכנו״. צדוק דעם שוחט׳ס האָט פון גרויס כעס געכאַפּט אַ „תניא״ און אַראָפּגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע. האָט לייזער דער בלעכער אויפגעהויבן דעם „תניא״, אים אַ קוש געטאָן און עפענענדיק דעם שער־בלאַט פון „תניא״ אָנגעוויזן צדוקן אויף דעם ערשטן אות, דעם „תיו״ פון „תניא״, וואָס איז אַריינגעדרוקט אין אַ רעמל, זאָגנדיק דערביי: „אָט־דער ׳תיו׳ מיינט תמות און דאָס רעמל מיינט דיין קבר. דו וועסט אין גיכן שטאַרבן״. צדוק דעם שוחט׳ס האָט אָבער באַלד געהאַט אַן ענטפער: „דער ׳תיו׳ — זאָגט ער — מיינט דווקא תחיה... איך וועל לעבן!״ בקיצור די צוויי בר־פלוגתאס האָבן זיך זייער הייס צעקריגט. איין נוסח האָט דערציילט, אַז עס איז אַפילו געקומען צו קלעפּ. געענדיקט האָט זיך דער עפּיזאָד מיט דעם, וואָס צדוק דעם שוחט׳ס, צוזאַמען מיט זיינס אַ גרופּע חברים, האָבן אָפּגעהיט לייזער דעם בלעכער ביינאַכט און האָבן אים בגעוואַלט אָפּגעגאָלט די באָרד. דעריבער גייט ער אַרום מיט אַ פאַרבונדן פנים.

מיינע סימפּאַטיעס זיינען לגמרי געווען מיט לייזער דעם בלעכער. ערשטנס — די אַכזריות דערפון: כאַפּן אַ איד און אים אָפּגאָלן די באָרד! צווייטנס בין איך אַליין געווען זייער פרום און אַ אידישע באָרד איז פאַר מיר געווען אַ דבר שבקדושה; דריטנס — דאָס איז דער עיקר — לייזער דער בלעכער האָט פשוט געליטן פיזישע יסורים פונעם בזיון. פון דער אַנדערער זייט, מוז איך מודה זיין, אַז אין האַרצן האָט אויך געפונען אָרט אַ געפיל פון פאַרוואונדערונג, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט רעספּעקט, פאַר דעם „מוט״ וואָס צדוק דעם שוחט׳ס און זיינע חברים, בחורימלעך פון 16 ביז 18 יאָר, האָבן אַרויסגעוויזן.

דער רעזולטאַט פון אָט־דעם ערשטן „קולטור־קאַמף״ — וואָס מיר איז באַשערט געווען צו זיין אַן עדות פון אים — איז אָבער געווען אַ פאַר־קערטער: איך האָב אָפּט גענומען אַריינקוקן אין תנ״ך מיטן „ביאור״. ביי

מיין רבין, ר׳ חיים ראַדזשעוויצער אין קורעניץ, האָב איך פון אַזאַ תנ״ך נישט געוואוסט. צי דער רבי אַליין האָט געוואוסט פון „ביאור״ ווייס איך נישט עד־היום. דעם תנ״ך מיטן „ביאור״ האָב איך געקענט פאַרשטיין אַ סך לייכטער ווי דעם „תניא״. אָבער אָט־דיביידע ספרים האָבן זיך, דורך דעם עפּיזאָד, אַריינגעקריצט אין מיין געמיט. עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך ביידע ספרים זייער ערנסט געלערנט. און מערקווירדיק: אין מיר, אין מיין באַוואוסטזיין, האָבן זיי ביידע זיך גוט איינגעוואָרצלט. דורכן „ביאור״ זיינען מיר געוואָרן מער פאַרשטענדלעך און שטאַרק נעענטער אַ סך שטעלן פון תנ״ך. וואָס שייך דעם „תניא״ האָט ער מיך פּשוט „פאַרטיפט״. איך בין געוואָרן אַן אָנהענגער פון חב״ד, כאָטש מיין טאַטע האָט גאָר געדאַוונט אין מתנגדישן בית־המדרש. ביידע ספרים האָבן פאַר מיר נאָך היינט אַ געוואַלדיקן כוח־המושך.

* * *

דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט אויך געהאַט זיין „הומאָריסטישן״ פינאַל, כמעט אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער, דווקא אין אַמעריקע.

אין יאָר 1921, ווען דער קרן היסוד איז עטאַבלירט געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, בין איך געשיקט געוואָרן צו ריידן וועגן קרן היסוד אין אַ קליין שטעטל, וואָס ליגט אַרום אַלבאַני און סאַראַטאָגאַ לייק, מיטן נאָמען ליטל פאָלס. די אַסיפה האָט געדאַרפט פאָרקומען אין דער איינציקער שול פונעם שטעטל, מוצאי שבת. די אידישע באַפעלקערונג פון יענעם שטעטל איז געווען אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישע. נאַטירלעך האָב איך געמוזט קומען אַהין ערב שבת. מען האָט מיך איינגעקוואַרטירט ביים גבאי פון שול. ביי אים האָב איך געגעסן אַלע דריי שבתדיקע מאָלציטן און מיט אים בין איך געגאַנגען אין שול. ער האָט מיך אַפילו מכבד געווען מיט אַן עליה. קיין רב איז דעמאָלט אין שטעטל נישט געווען. דער גייסטיקער מנהיג פון אָט־דער שטרענג־אָרטאָדאָקסישער קהילה איז טאַקע געווען דער גבאי, זייער אַ בכבודיקער איד.

גלייך נאָך מעריב האָט מען זיך גענומען צום ענין פון קרן היסוד. די נייקייט פון קרן היסוד, מיין אייגענע באַגייסטערונג פאַרן פאָנד, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון לאָנדאָנער קאָנפערענץ, וואו דער קרן היסוד איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין זומער 1920, אין וועלכער איך האָב געהאַט די זכיה זיך צו באַטייליקן, האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטן. דער עולם איז געווען זייער צופרידן. צופרידענער פון אַלעמען איז געווען דער גבאי.

ער האָט פאַרבעטן צו זיך, לכבוד דעם גאַסט, אַ פּאָר צענדליק חשובע אידן. וכטוב לב הקהל ב„טיי און פאַרבייסן" האָט מען זיך צעשמועסט. אין דעם געשפּרעך גיט מיך דער גבאי אַ פּרעג: „פון וואַנען קומט אַ איד?" איך הויב אָן, ווי דער שטייגער אין אַזעלכע פאַלן, פון ווילנער גובערניע, גיי דאַן אַרונטער צו סמאַרגאָן, וואָס איז — כלפּי קורעניץ — געווען אַ גרויסע שטאָט, קום צו ווילייקער אויעזד, ביז איך דערגרייך קורעניץ. דערהערט מיין געאָגראַפישן יחוס הויבט זיך אויף דער גבאי, גיט מיר אַ נייעם שלום עליכם: „אַך, כמעט אַ לאַנדסמאַן, איך בין אַ געבוירענער אַ ווילייקער".

בקיצור, עס האָט לאַנג נישט גענומען און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אָט־דער פירער פון דער שטרענג־אָרטאָדאָקסישער קהילה, דער גבאי פון איר איינציקער שול אין שטעטל, איז נישט קיין אַנדערער ווי דער „אַפּי־קורוס" צדוק דעם שוחט׳ס פון ווילייקע.

עס איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן ווי מיר בײדע האָבן געפילט. איך האָב אים דערמאָנט אין זיין „קאַמף" מיט לייזער דעם בלעכער. „קינדער־שע נאַרישקייטן" — דאָס איז געווען זיין איינציקע דערקלערונג. פאַר מיר, בין איך מודה, איז עס אָבער נישט געווען קיין קינדערשע נאַרישקייטן. איך האָב אין דעם אַריינגעטייטשט אַ גאַנצע „געשיכטס־פילאָזאָפיע", וויאַזוי דער אידישער מענטש איז, דורך וואַנדערונגען און דורך די נייע באַדינגונגען וואָס ער האָט געטראָפן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, גייסטיק פאַרענדערט געוואָרן. אַ סך האָבן דורכגעמאַכט אַזעלכע פּראָצעסן ווי צדוק דעם שוחט׳ס. נאָך מער האָבן דורכגעמאַכט אַ פאַרקערטן וועג. איך האָב מיך אינעם דאָזיקן עפּיזאָד נישט איינמאָל דערמאָנט אין מיין וויטערדיקן לעבן.

ג.

אין די וויטערדיקע דריי יאָר, פון דער פּרשה ווילייקע ביז מיין בר־מצווה, האָב איך געלערנט אין פיר פאַרשידענע שטעט, אַלע אין ווילנער גובערניע: דאַלהינעוו, אָשמענע, סמאַרגאָן און לעבעדעווע, וואו איך בין געוואָרן בר־מצווה.

אין דאַלהינעוו האָט שוין פונקציאָנירט אַ ישיבה פון אַ העכערער מדרגה ווי אין ווילייקע. זי איז געווען צעטיילט אין צוויי חלקים — אַן ערשטער שיעור און אַ צווייטער שיעור. אין צווייטן האָבן שוין געלערנט עלטערע אינגלעך. מיך האָט מען אַריינגענומען אינעם צווייטן.

ווי קום איך קיין דאַלהינעוו, וואו נישט דער טאַטע און נישט די מאַמע האָבן דאָרטן געהאַט קרובים? איז די מעשה אַזוי געשען: די דאַלהינעווער

ישיבה האָט געהאַט אַ משגיח, ר׳ שמערל. זיין אויפגאַבע איז געווען אַ צווייר־פאַכע: באַזאָרגן „טעג״ פאַר די ישיבה־בחורים און אויפהאַלטן אַ גרויסע קיך פאַר דער ישיבה, וואו די ישיבה־בחורים האָבן געגעסן, ווען זיי האָבן קיין „טעג״ נישט געהאַט. בכדי צו קענען אויפהאַלטן די קיך, פלעגט ר׳ שמערל פאָרן אין די נאָענטע שטעטלעך זאַמלען נדבות פאַר דער ישיבה. אויסער אַ משגיח איז ר׳ שמערל אויך געווען אַ בעל־תפילה. ער פלעגט אין די זעלביקע שטעטלעך אַמאָל דאַווענען ביים עמוד. די ימים־נוראים, פאַר מיין פאָרן קיין דאַלהינעוו, האָט טאַקע ר׳ שמערל געדאַווענט שחרית׳ן און מוסף׳ן אין דער קורעניצער מתנגדישער שול, וואו מיין טאַטע האָט געהאַט אַ „שטאָט״. ר׳ שמערל פלעגט אין אַט־די שטעטלעך אויך זוכן פאַסיקע בחורימלעך פאַר זיין ישיבה. מיין קורעניצער גמרא־מלמד, ר׳ אברהם־מענדל, האָט געהאַלטן אַן אויג אויף מיר און האָט מיך אויסגעפרעגט וואָס איך האָב געלערנט אין ווילייקע. ר׳ אַברהם־מענדל האָט געהאַלטן, אַז די ווילייקער ישיבה איז נישט גוט גענוג פאַר מיר. האָט ער זיך צוזאַמענגערעדט מיט ר׳ שמערל דעם משגיח און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז איך דאַרף פאָרן קיין דאַלהינעוו. מיין טאַטע האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט ר׳ אברהם־מענדל׳ס מיינונג. עס האָט מיין טאַטן שטאַרק הנאה געטאָן וואָס דער בעסטער גמרא־מלמד אין קורעניץ איז אַזוי ערנסט פאַראינטערעסירט אין זיין זונ׳ס צוקונפט. נאַטירלעך האָט מיין טאַטע מסכים געווען.

ר׳ שמערל איז געקומען צו אונז אין שטוב. קודם האָט ער מיך פאַרהערט. דאַן האָט ער פאַרזיכערט טאַטע־מאַמע, אַז זיי זאָלן קיין זאָרג נישט האָבן. ער אַליין וועט אויף מיר אַכטונג געבן איך זאָל לערנען גוט און אויך, אַז איך זאָל האָבן וואו צו שלאָפן און וואָס צו עסן. ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט. אין דאַלהינעוו האָבן איך נישט געהונגערט. און דער ראש־הישיבה, דעם מ״צ׳ס איידעם (אַזוי האָט מען אים גערופן. קיין אַנדער נאָמען האָט ער אין שטאָט נישט געהאַט), אַ זייער הויכער און זייער שטרענגער איד, האָט מיר געשענקט ספּעציעלע השגחה. ער האָט מיך מדריך געווען אין לערנען אויך מחוץ פון די שיעורים, וועלכע ער פלעגט זאָגן אַלע דאָנערשטיק. טראָץ זיין שטרענגקייט האָט ער זיך צו מיר באַצויגן מיט פאָטערלעכער איבערגעגעבנקייט. אינעם יאָר וואָס איך האָב דאָרטן געלערנט זיינען מיר דורכגעגאַנגען סיי בבא מציעא, סיי בבא בתרא. מיין פרומקייט איז אויך געשטיגן אונטער דער ווירקונג פונעם ראש־ישיבה.

צוויי שאַרפע, זייטיקע איינדרוקן זיינען מיר פאַרבליבן פון דאַלהינעוו. דער ערשטער — פון אַ שריפה וואָס האָט דאָרט אויסגעבראָכן און האָט

פאַרברענט זייער פיל הייזער אין שטאָט. בעיקר זיינען אָפּגעברענט געוואָרן כמעט אַלע קלייטן וואָס האָבן זיך געפונען אין מיטן מאַרק. איך זע נאָך איצט פאַר מיינע אויגן וויאַזוי הירשקע דער פעלדשער, דער אָנפירער פון די שטאָטישע פייער־לעשער, אַ קליין, דאַר, אָבער זשוואַווע מענטשל, האָט זיך פלינק אַרויפגעכאַפּט אויף די דעכער פון די קלייטן און האָט פון דאָרט געקאָמאַנדעוועט מיט זיין מחנה. איך הער נאָך איצטער דאָס טרעשטשען פון די שינדלדיקע דעכער; איך זע ווי דאָס פייער ציט זיך אַלץ נענטער צו הירשקען, אָבער ער בלייבט אויף זיין אָרט ביז דער לעצטער מינוט. ערשט דאַן שפּרינגט ער אַראָפּ פון דאַך, צעשלאָגט זיך גאַנץ שטאַרק, שטייט אָבער באַלד אויף און קאָמאַנדעוועט ווייטער.

די אידן פון דאַלהינעוו האָבן געליטן אַ שטאַרקן היזק. דאָס האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף דער לאַגע פון דער ישיבה. עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד זיינען אַ סך ישיבה־בחורים אַרומגעגאַנגען אָן „טעג״, וואָס זיי האָבן געהאַט ביי די אָפּגעברענטע משפּחות. די לאַסט אויף דער קיך איז געוואָרן שווערער. נאָר אַדאַנק דעם ענערגישן ר׳ שמערל, וועלכער האָט זיך תיכף אַרויסגעלאָזט איבער די נאָענטע שטעטלעך קלייבן געלט פאַר דער ישיבה, איז עס צו פּשוטן הונגער נישט געקומען. נאָך אַ פּאָר חדשים האָט די ישיבה ווידער אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן נאָרמאַל. אָפּגעשטעלט אינגאַנצן איר אַרבעט האָט זי בלויז פאַר איין וואָך צייט. אָבער צו דערגרייכן נאָרמאַליטעט האָט עס גענומען אַרום צוויי חדשים. סיווי — די דאָזיקע איבערלעבונג איז געווען אַ ווייטיקדיקע, אָבער ווייט נישט אַזוי טיף ווי די צווייטע איבערלעבונג, וואָס האָט שטאַרק דערדריקט מיין געמיט.

אין דער גרויסער שול איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פאָרמעלער חרם אויף אַ אידישער יונגער פרוי, וועמענס מאַן איז שוין געווען אַ פּאָר יאָר אין אַמעריקע און זי האָט געבוירן אַ קינד. די צערעמאָניע פון אָפּזונדערן זי מחוץ־למחנה האָט אַזוי טיף געשניטן אין האַרצן, אַז עד היום הזה — איבער 60 יאָר שפּעטער — קען איך דעם שוידער נישט אַרויסטרייבן פון זיך. די אָנגעצונדענע שוואַרצע ליכט אין בית־המדרש; די פיגור פון דעם מ״ץ אַליין, אַ הויכער איד מיט אַ לאַנגער, אָבער ווייס־גרויער, הערצל־באָרד, מיט פלאַמענדיקע אויגן, זאָגנדיק דערביי די חרם־פּסוקים; די אימה מיט וועלכער די גאַנצע עדה איז געווען דורכגעדרונגען, האָט אויף מיין נאָך־כמעט קינדערישן געמיט געדריקט ווי מיט שאַרפע, ברענענדיקע שטיינער. אינגאַנצן באַגריפן וואָס עס האָט פּאַסירט האָב איך נאָך נישט, נאָר מיין פרום האַרץ האָט געשפּירט, אַז עפּעס שוידערלעכס איז פאָרגעקומען.

זינט דאַן האָב איך אַ פּאָר מאָל געזען סצענעס פון חרם׳ס אין אידישן טעאַטער. איך האָב די דאָזיקע סצענעס נישט געקענט ליידן, ווייל קיינע פון זיי האָט זיך נישט געקענט פאַרגלייכן אין מיין געפיל מיט יענעם חרם אין דאַלהינעוו, וואָס פון זיין שוידער האָב איך מיך קיינמאָל נישט באַפרייט.

איך בין היינט זיכער, אַז איך וואָלט דאַלהינעוו נישט פאַרלאָזט אַזוי שנעל, ווען נישט אָט־דער שוידער. אין לערנען האָב איך געפילט אַז איך האָב דאָרטן געהאַט גאָר אַ גרויסע פּעולה. עסן האָט מיר נישט געפעלט. סיי דער ראש־הישיבה, סיי דער משגיח ר׳ שמערל האָבן מיר אַרויסגעוויזן אַזויפיל גוטסקייט. אָבער דער חרם האָט מיר געטריבן פון דאָרטן. אין עלטער פון כמעט 11 יאָר האָט מיך מיין טאַטע אַוועקגעפירט קיין אַשמענע.

## ד.

די אידישע קהילה אין אַשמענע איז אין איר מערהייט באַשטאַנען פון מתנגדים. דאָך האָט דאָרטן געלעבט אַ רבי. איך ווייס נישט צי ער האָט געפּראַוועט „טישן״; איך ווייס נאָר אַז מען האָט אים גערופן דער קאַרעליצער רבי. דאָרטן האָט אויך געלעבט זייער אַן אינטערעסאַנטער אַלטער איד, גאָר אַ שאַרפער למדן, ר׳ ישראל־ראובן, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון קורעניץ. צוליב אָט־די צוויי אידן האָט מיין טאַטע באַשלאָסן מיך אַוועקצופירן אַהין לערנען.

די אָרעמקייט ביי אונז איז שטאַרקער געוואָרן. זינט מיין פאַרלאָזן קורעניץ האָט מיין מאַמע מזכה געווען די משפחה מיט אַ נייעם צווילינג. איינער פון זיי האָט מן הסתם גלייך דערשפּירט, אַז ער איז אפשר אַן איבעריקער אין דעם וועלטל, האָט ער זי טאַקע באַלד פאַרלאָזט. דער צווייטער איז ברוך השם געבליבן לעבן. די מאַמע האָט זיך מיט אים געטרייסט אויך פאַר דעם פאַרשטאַרבענעם. איר איז צוגעקומען נאָך „אַ שטיק גאָלד״, וואָס מיט מיליאָנען קען מען עס נישט פאַרגלייכן. אָבער אין חיונה נויטיקט זיך אויך „דאָס שטיק גאָלד״. פונדעסטוועגן איז ביידן, סיי דעם טאַטן, סיי דער מאַמען, נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז אפשר זאָל ברוכקע אויך אָנהויבן העלפן פאַרדינען אויף חיונה. ביידע זיינען געווען זיכער, אַז ברוכקע דאַרף ווערן אַ רב ביי אידן. און דער טאַטע — וועמענס ווייטקייט פון חסידות און זיין נישט־זייער שטאַרקע אָפּגעהיטנקייט אין פרומקייט איך האָב שוין פריער דערמאָנט — האָט שטאַרק געגלויבט אין דער השפּעה פון אַ ברכה פון אַ גוטן־אידן. האָט ער איינגעשפּאַנט דאָס אייגענע דאַרע פערדל, מיט וועלכן ער פלעגט פאָרן אין די דערפער האַנדלען, אין דעם אייגענעם צעפאַרענעם

וואָגן, און האָט אַליין אַוועקגעפירט זיין זון קיין אָשמענע, אַ מהלך פון אַרום 50 רוסישע וויאָרסט פון קורעניץ, אויב נישט מער. דערביי האָט ער געהאַט אַ דרייפאַכן ציל: אַ ברכה פון קאַרעליצער רבין פאַר זיין זון; זיין זון זאָל בלייבן לערנען אין דער אָשמענער ישיבה און טאַקע בעטןביים רבין אויף פרנסה פאַר זיך אַליין.

די פרשה אָשמענע האָט פאַר מיר צוגעגרייט דריי איבערלעבונגען, איינע גאָר אַ ליכטיקע, די אַנדערע צוויי שטאַרק־שאָטנדיקע.

די ליכטיקע איבערלעבונג האָט מיר פאַרשאַפט ר׳ ישראל־ראובן. אין אויסזען האָב איך (אין שפּעטערדיקע יאָרן) געפונען אַ גלייכן צו אים אין ר׳ שלמה׳לע דיין פון ווילנע (צו אים וועל איך קומען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען זכרונות. ב. צ.). אַזוי ווי ר׳ שלמה׳לע האָט אויך ר׳ ישראל־ראובן פאַרמאָגט אַ גרוי־ווייסע, קיילעכדיקע באָרד, וואָס האָט אַרומגענומען נאָך אַ ווייסערן פנים — אויסגעאיידלט דורך תורה און מעשים טובים. אין מידות, אין אמתער מענטשלעכער מאָראַלישקייט, האָב איך געפונען אַ גלייכן צו אים אין דר. נחמן סירקין. אין זיין באַציאונג צו קינדער, אין דער וואַרעמקייט וואָס האָט פון אים אַרויסגעשטראַלט צו אַ קינד, בפרט צו אַ קינד וואָס האָט געלערנט תורה, האָב איך קיין גלייכן צו אים קיינמאָל נישט געטראָפן. ווען ער פלעגט צוגיין צו מיר, איז מיין אייגענע נשמה אָנגעפילט געוואָרן מיט טיפער אהבה צום מענטש אין אים און צום איד אין אים.

ער האָט געהאַט אַ מנהג, אַז שבת האָט ער גערעדט נאָר לשון־הקודש. איך האָב בכלל קיינמאָל נישט געטראָפן אַ צווייטן צו אים, פון וועמען די שבתדיקע נשמה יתירה האָט אַזוי אַרויסגעשטראַלט. מען האָט די קדושה פשוט געקענט דערטאַפּן מיט די פיזישע אויגן. אין דער ישיבה פלעגט ער זאָגן — נישט דווקא אַ שיעור אין תלמוד, נאָר פשוט ריידן צו די ישיבה־בחורים דברי־קודש. יענע שעה איז פאַר מיר געווען די גליקלעכסטע פון דער גאַנצער וואָך.

אָבער נישט ר׳ ישראל־ראובן איז געווען דער ראש־ישיבה. דער ראש־ישיבה איז גאָר געווען — עד־היום קען איך נישט פאַרשטיין פאַרוואָס! — אַ איד, אַ חולה, וואָס איז פשוט געווען נישט ביי די געדאַנקען. מן הסתם איז די קהילה געווען פאַרפליכטעט צו אים. וואָס מיט אים אַליין און מיט דער ישיבה איז שפּעטער געשען, ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז יענע ישיבה־בחורים, וואָס האָבן נאָר געקענט, זיינען זיך אין מיטן זמן צעלאָפן פון אָשמענע. איך האָב אָבער געמוזט אויסהאַלטן אַ גאַנצן זמן, ווייל איך האָב נישט געהאַט וואוהין צו לויפן.

די צווייטע נישט־ליכטיקע איבערלעבונג איז שוין נישט געווען פון אזא טראַגישן סאָרט. פונקט אין יענעם זמן ווען איך האָב געלערנט אין אַשמענע האָבן זיך מיישב געווען סלאָנימער אידישע בעלי־עגלות און האָבן אין מיטן נאַכט אַרויסגע׳גנב׳עט דעם קאַרעליצער רבין און אים אַוועקגעפירט קיין סלאָנים.

וואָס עס האָט זיך יענעם טאָג אָפּגעטאָן אין אַשמענע בין איך נישט בכוח צו שילדערן. פאַר מיר אַליין האָט אַשמענע אַנגעוואוירן אַ גרויסן טייל פון איר חן. ממש: פנה הודה, פנה הדרה. אַפילו דער הוד פון ר׳ ישראל־ראובן האָט אויך נישט געקענט אין גאַנצן מכפּר זיין אויף דער פאַרשאָטנטקייט פון אַשמענע דורך אָט־דער געשעעניש. די שטאָט אַשמענע, ווי ווייט זי איז געבליבן אין מיין זכרון, איז דווקא געווען גאָר אַ פיין שטעטל, פיל שענער פון די שטעטלעך וואו איך האָב פריער געלערנט. כלפּי קורעניץ איז אַשמענע, מיט אירע גלייכע גאַסן, מיט אירע שיינע געביידעס, מיט איר גרויסער צאָל מויערן אַפילו, געווען אי אַ גרויסע, אי אַ שיינע שטאָט.

ה.

געקומען אַהיים אויף פסח, איז אויפגעקומען די פראַגע: וואוהין פאָרט מען ווייטער? ר׳ אַברהם־מענדל האָט פאַרבעטן מיין טאַטן און מיך צו זיך אין שטוב. ער האָט מיך אויסגעפרעגט וואָס איך האָב געלערנט אין אַשמענע. האָב איך אים דערציילט, אַז געלערנט האָבן מיר מסכת גיטין, אָבער צוליב דער קראַנקייט פון דעם ראש־ישיבה זיינען מיר נישט ווייט דערגאַנגען אינעם לערנען. מיין געוועזענער גמרא־מלמד האָט זיך שטאַרק מצער געווען אויף מיין כמעט־פאַרלוירענעם זמן. איך האָב אים אָבער אויך דערציילט וועגן דער השפעה וואָס ר׳ ישראל־ראובן, ווען ער האָט גוט געקענט, האָט געהאַט אויף מיר. האָט זיך מיין וואָלונטערער, גייסטיקער אַפּוטרופּוס נאָר טיילוויז געטרייסט מיט דעם. זיין איינשטעלונג איז געווען: מידות טובות איז אַוודאי גאָר אַ געהויבענער ענין, אָבער דו, ברוכקע, דאַרפסט טיפער זיך אַריינטאָן אין ים־התלמוד. נאָך אַ לאַנגן טראַכטן האָט ער מיר פאָרגע־שלאָגן צו פאָרן קיין סמאַרגאָן און לערנען דאָרט אין דער ישיבה וואָס געפינט זיך אין דער שוסטערשער קלויז, אויף קרעווער גאַס. ער האָט מיר געגעבן אַ ספּעציעלן בריוו צום דאָרטיקן ראש־ישיבה, בעטנדיק אים צו זאָרגן דער־פאַר, אַז איך זאָל באַקומען „טעג" וואו צו עסן און ער זאָל אויך אַכטונג געבן אויף מיין לערנען. ער האָט מיך געבענטשט מיט אַ סך ברכות, דערביי האָט ער מיך געוואָרנט צו זיין פאָרזיכטיק מיט מיין פרומקייט. סמאַרגאָן

— האט ער געזאגט — איז אַ גרויסע שטאָט. פאַראַן דאָרטן אַ סך אַפּיקורסים, וועלכע זוכן צו פאַרפירן דווקא ישיבה־בחורים און קלייבן אויס דווקא די גוטע קעפּלעך. טאָ היט זיך פאַר זיי. במשך פונעם יאָר לערנען אין סמאַרגאָן האָב איך טיפער באַגריפן דעם זין פון זיין וואָרענונג.

פון קורעניץ קיין סמאַרגאָן — אַן ערך 6 רוסישע מייל — פלעגן צוויי מאָל אין וואָך פאָרן קאָמיסיאָנערן, איינצוקויפן סחורה פאַר קורעניצער קראָמען. מיט איינעם אַזאַ קאָמיסיאָנער — ר׳ נאָטע — האָט מען מיך אָפּ־געשיקט באַלד נאָך יום־טוב קיין סמאַרגאָן. דער קאָמיסיאָנער איז געווען מיין טאַטנס אַ נאָענטער ידיד. אויך ער האָט געדאַוונט אין מתנגדישן בית־המדרש און זיין „שטאָט" איז געווען טאַקע די צווייטע פון מיין טאַטנס „שטאָט". אין „עברי" איז דער ר׳ נאָטע נישט געווען קיין גרויסער עקספּערט. אין די יום־טובדיקע מחזורים האָט ער אָפט פאַרלוירן וואו מען האַלט און פלעגט אין אַזאַ עת־צרה דאַרפן אָנקומען צו מיר. אין זיינע הענט האָט דער טאַטע מיך פאַרטרויט. בעיקר האָט ער אים געבעטן צו געפינען דאָרט אַ פּאַסיקע סטאַנציע פאַר מיר ביי איינעם פון ר׳ נאָטע׳ס פילע באַקאַנטע אין סמאַרגאָן. דאָס האָט ר׳ נאָטע אויך דורכגעפירט.

סמאַרגאָן האָט פאַרמאָגט אַ מין פאַרשטעטל, וואָס האָט געהייסן „די קרקע". משמעות, אַז מיט אַ צייט צוריק האָבן דאָרטן אידישע משפחות זיך באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט. אָבער ווען איך בין אָנגעקומען אַהין זיינען שוין געווען זייער ווייניק אַזעלכע אידישע משפחות. ר׳ נאָטע פלעגט אַליין נעכטיקן, ווען ער איז געווען אין סמאַרגאָן, ביי אַ משפחה וואָס האָט געוואוינט אויף „די קרקע". אַהין האָט ער מיך געבראַכט, מיך זייער שטאַרק אויסגעלויבט, און די בעלי־בתים האָבן מסכים געווען איך זאָל ביי זיי איינ־שטיין. דאָס האָט מיר אַפילו פאַרשאַפט שווערקייטן. פון קרעווער גאַס, וואו די ישיבה האָט זיך געפונען, ביז „די קרקע", איז געווען נישקשה פון אַ מהלך. אַט־דעם שפּאַציר, אַהין און צוריק, האָב איך געמוזט מאַכן ווייניקסטנס צוויי מאָל אַ טאָג, אַמאָל אַפילו מער. אָבער אַ בעט צום שלאָפן האָב איך געהאַט אַ גוטע און אַ גאַניק וואו צו זיצן און שעפּן פרישע לופט איז אויך געווען. די באַציאונג צו מיר מצד די בעלי־בתים איז אויך געווען אַ גוטע. אַזוי האָב איך דאָרט אויסגעהאַלטןביידע זמנים, זומער און ווינטער, וואָס איך האָב געלערנט אין סמאַרגאָן.

מיטן לערנען אין דער ישיבה איז מיר אויך זייער געלונגען. די ישיבה האָט אויך געהאַט צוויי „קלאַסן". אָבער מיך האָט דער ראש־ישיבה פאַר־חבר׳ט מיט זיינעם אַן אייגענעם זון פון מיין עלטער — יוסף האָט מען אים

גערופן — און האָט מיט אונז געלערנט באַזונדער. זיין זון איז געווען אַ אינגל מיט גאַר־גאַר אַ גוט קעפּל און דערצו אויך מיט אַ סך לעבעדיקייט און פריילעכקייט. לעבעדיקייט האָט מיר אויך נישט געפעלט. אָבער פריילעכקייט — דערמיט בין איך נישט געבענטשט געוואָרן, בעיקר צוליב דער זייער שלעכטער לאַגע פאַר מיר מיטן עסן. איך האָב זיך פונדעסטוועגן מיט יוסף׳ן זייער נאָענט איינגעלעבט און מיר האָבן געלערנט גוט צוזאַמען. מיר האָבן דאָרטן געלערנט די מסכת כתובות. דער ראש־ישיבה האָט מיר געשענקט נישט ווייניקער אויפמערקזאַמקייט ווי זיין זון יוספן, אַזוי אַז די פּעולה וואָס איך האָב דאָרטן געהאַט יענעם יאָר, האָט דעם קומענדיקן פּסח שטאַרק צופרידנגעשטעלט ר׳ אַברהם־מענדלען, און דורכדעם האָבן זיך טאַטע־מאַמע געפילט „אויפן זיבעטן הימל״.

אָבער וועגן דעם ענין „טעג״ איז געווען גאַר־גאַר שלעכט. בלויז צוויי „טעג״ האָב איך געקראָגן: שבת און מיטוואָך. פאַר די איבעריקע „טעג״ פלעגט די מאַמע צושיקן, טאַקע דורך ר׳ נאָטע׳ן, צוויי מאָל אין וואָך, ברויט מיט גאָמלקעס, וואָס זי אַליין האָט געמאַכט פון צוואָרעך (אַ מין לויזער קעז, וועלכן זי פלעגט אַריינטאָן אין אַ זעקעלע און אים אויסטריקענען). איך האָב דעם טעם פון הונגער שוין פאַרזוכט אויך פריער. אָבער דאָן פלעגט עס טרעפן זייער זעלטן. אין יענעם יאָר האָב איך דעם דאָזיקן שאַרפן טעם געפילט זייער אָפט און עס איז מיר געפאַלן זייער שווער. נישט אומזיסט האָב איך אין די שפּעטערדיקע יאָרן געפונען אַזאַ טיפן אָפּקלאַנג אין מיין האַרץ פון אַברהם רייזינ׳ס באַרימט ליד — „מאי קא משמע לן״.

די בעלי־בתים וואו איך בין געשלאָפן האָבן זיך אַביסל שפּעטער דער־וואוסט פון מיין לאַגע, און, ווי זיי זיינען נישט געווען אָרעם, האָבן זיי גאַנץ אָפט מיך פאַרבעטן צו עסן מיט זיי. איך האָב אָבער בשום־אופן נישט גע־קענט אָננעמען זייערע איינלאַדונגען. גענוג וואָס זיי האָבן מיר געגעבן אומזיסט אַן אָרט וואו צו שלאָפן, זאָל איך נאָך אויך עסן ביי זיי? דאָס האָט מיר פאַרשאַפט נאָך אַ צוגאָב־צרה: מורא האָבנדיק, אַז איך זאָל נישט אַריינקומען צו זיי אין שטוב בשעת זיי עסן, פלעג איך מיך זומער־צייט אַרומשלייען אין די גאַסן ביז שפּעט. ווינטער־צייט פלעג איך בלייבן שפּעטער אין דער ישיבה און פלעג קומען ווען עס פלעגט שוין זיין גאַר־גאַר פינצטער.

אויך פון מיין טייערן חבר יוסף פלעג איך זיך מוזן היטן. ער האָט באַמערקט מיין לאַגע, אָבער העלפן האָט ער מיר ווייניק געקענט. ביי אים פלעג איך שוין אָפט יאָ אָננעמען אַ שטיקל בייגל, וואָס ער פלעגט אָפּשפּאָרן פון זיין אייגענער פּאָרציע און מיר עס ברענגען. ביים ראש־ישיבה אין הויז

האָט אויך שטאַרק געפּייפּט דער דלות. און קינדערלעך זיינען דאָרטן אויך געווען נישט ווייניק. שרייבנדיק די דאָזיקע שורות לאָזט דעם מוח נישט רוען אַ פראַגע: וואו איז ער, אָט דער חבר פון מיין קינדהייט? לעבט ער נאָך ערגעץ?

אויף מיין לערנען האָט דער הונגער געהאַט אי אַ נעגאַטיווע, אי אַ פּאָזיטיווע ווירקונג. ווען דער הונגער האָט צו־שטאַרק געדריקט איז נישט געווען אַזוי גרינג צו קאָנצענטרירן זיך אין לערנען. אָבער ביים אָנהויבן פילן דעם הונגער איז די בעסטע זאַך געווען דווקא אַריינצואוואַרפן זיך מיט אַלע חושים אין לערנען. דאָס פילן פון אָנקום פון הונגער האָט פאַרשאַרפט די חושים. אָפט זיינען גראָד דאַן קלאָרער געוואָרן ענינים, וואָס פריער איז זיי געווען שווער צו באַנעמען.

אַרויסגעהאָלפן צו אָט־דער קאָנצענטרירונג האָט דער גרויסער בית־המדרש. מיין ישיבה האָט זיך געפונען אין אַ קליינער קלויז, אָבער אין גרויסן בית־המדרש האָבן געלערנט עטלעכע צענדליק עלטערע בחורים „פאַר זיך״. זיי האָבן זיך שוין נישט געניטיקט אין ראשי־ישיבה. דאָרטן האָבן אויך געלערנט „פאַר זיך״ פּרושים: פאַרהייראַטע יונגעלייט, וועלכע האָבן פאַרלאָזט זייערע יונגע פרויען און געפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט פאַרפולקאָמען זיך אין לערנען, כדי צו באַקומען סמיכה אויף רבנות. אַריינגיין אַהין אין בית־המדרש איז פאַר אַ אינגל, וואָס איז נאָך אָפילו נישט געווען בר־מצווה, געווען ממש אַן איבערלעבונג. דאָרטן האָט מען באַגעגנט יונגעלייט וואָס האָבן גע׳שמ׳ט ווי עילויים. אין יענעם יאָר האָט טאַקע דאָרטן געלערנט „דער קאָסעווער עילוי״ — אַזוי האָבן אים אַלע גערופן — וואָס איז געווען אַן אויס־נאָם אָפילו צווישן דער צאָל אַנדערע עילויים. שפּעטער איז ער באַקאַנט געוואָרן אין דער אידישער וועלט אונטערן נאָמען „דער חזון איש״. זיין התמדה האָט אָן ספק משפּיע געווען אויף צענדליקער און אפשר הונדערטער ישיבה־בחורים. קיינמאָל האָט מען אים נישט געזען זיצנדיק. שטענדיק איז ער געשטאַנען ביי זיין שטענדער און געלערנט. מיין חבר יוסף און איך פלעגן זייער אָפט באַזוכן דעם גרויסן בית־המדרש. איך אַליין פלעג אויסזוכן אַ שטענדער אַזוי נאָענט צום קאָסעווער עילוי ווי איך האָב נאָר געקענט גע־פינען; אַריינקוקן אַליין אין אַ ספר, אָבער בעיקר זיך צוהערן צום שטילן געזאַנג וואָס האָט זיך געטראָגן פון קאָסעווער׳ס לערנען. קיין בעסער מיטל ווי צו פאַרטויבן דעם הונגער האָב איך אין סמאַרגאָן נישט געהאַט, און מיט דעם מיטל האָב איך מיך זייער אָפט באַנוצט.

די וואָרענונג פון ר׳ אברהם־מענדל איז זיכער געווען אַ באַרעכטיקטע.

פון מויל־צו־מויל פלעגט דערציילט ווערן וועגן ישיבה־בחורים, בעיקר פון די וואָס האָבן געלערנט „פּאר זיך", וועלכע זיינען אַראָפּ פון גלייכן וועג. מען פלעגט דערציילן וועגן איינעם אַ סיניטצקי — עד־היום וויס איך נישט צי דאָס איז געווען אַ איד אָדער אַ קריסט; איך בין אויך נישט זיכער צי דאָס איז טאַקע געווען זיין ריכטיקער נאָמען, נאָר אַזוי פלעגט מען דערציילן — אין וועמענס הויז מען קלייבט זיך צונויף ־ און מען פאַרברענגט דאָרטן שוין נישט אין לערנען תלמוד, נאָר אין חכמות־חוץ. די אונטערשטע שורה: קומט מען אַריין צו אָט־דעם סעניטצקי גייט מען גלייך אַרויס לתרבות רעה.

וואָס מען האָט דאָרט געלערנט וויס איך אויך נישט. עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז דאָרטן פלעגט זיך צונויפקומען אַ סאָציאַליסטיש קרייזל. מען דאַרף געדענקען אַז סמאַרגאָן איז געווען אַ שטאָט פון זייער פיל אידישע גאַרבער־אַרבעטער. זיי, די גאַרבער, זיינען טאַקע געווען פון די ערשטע וואָס האָבן אויסגעפּולט די סאָציאַליסטישע און אַפילו אַנאַרכיסטישע רייען. אין יענעם יאָר, 1899, האָט שוין, ווי באַוואוסט, עקזיסטירט דער „בונד". איז מעגלעך אַז דאָרטן איז אויסגעפּיקט געוואָרן דאָס ערשטע אייעלע פון „בונד" אין סמאַרגאָן. דער „בונד" האָט טאַקע שפּעטער פאַרנומען גאָר אַ שטאַרקע פּאָזיציע אין סמאַרגאָן. דאָס אַלץ זיינען מיינע היינטיקע השערות. דאַן האָב איך נאָר געוואוסט, אַז יעדע וואָך האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין שטאָט וועגן אַ נייעם ישיבה־בחור וואָס „גייט" צו סיניטצקין. נישט וויסנדיק דאַן וואָס דאָס האָט געמיינט, האָב איך דאָך געשפּירט דעם וויטיק פון צוזען ווי עס פאַלן אָפּ בלעטער פונעם אַלטן, פאַרוואָרצלטן בוים. ביי מיין גאַנצער פרומקייט האָב איך אָבער דורכדעם גענומען אַליין טראַכטן, צי איז טאַקע אָט־דער בוים אַזוי טיף פאַרוואָרצלט? דער יתוש פון אומ־זיכערקייט אין דעם אייגענעם וועג האָט אָנגעהויבן טאָטשען. ער האָט נאָך נישט באַאיינפלוסט דעם באַוואוסטזיין, נאָר ערגעץ־וואו אונטער דעם באַ־וואוסטזיין. אויך דעם דאָזיקן יתוש האָב איך אָפּט געזוכט צו פאַרטרייבן דורכן זיצן נאָענט צום קאָסעווער עילוי. אין אים האָב איך געזען די אומ־באַרירטע פאַרוואָרצלטקייט.

אָט־אַזוי האָט זיך נאָך פאַר בר־מצווה אַ טרייסל געטאָן מיין אינערלעך־גייסטיקע וועלט. איך האָב געקעמפט קעגן דעם מיט מיינע שוואַכע אינגלשע כוחות. נאָך מער אויסגערייפט איז אָט־די צעטרייסלונג געוואָרן אין מיר קומענדיקן יאָר, ווען איך האָב געלערנט אין לעבעדעווע.

## ו.

ווי אויבן דערציילט איז מיין וואָלונטערער גייסטיקער אפּוטרופּוס, ר׳ אברהם־מענדל, געווען שטאַרק צופרידן פון די רעזולטאַטן פון מיין לערנען אין סמאַרגאָן. אָבער פאָרן ווייטער אַהין האָב איך נישט געקענט. מיינע עלטערן האָבן זיך, דורך ר׳ נטע׳ן, דערוואוסט, אַז איך האָב דאָרטן שטאַרק אונטערגעהונגערט. מן הסתם האָבן מיינע בעלי־בתים פון „די קרקע״ אים דאָס דערציילט. צושיקן פון דער היים מער ווי די מאַמע האָט געשיקט, איז געווען פשוט אוממעגלעך. אַפילו אַט־דאָס ביסל האָט זי געמוזט אָוועקנעמען פון די אַנדערע קינדער, וועמענס צאָל ס׳האָט זיך ווידער פאַרגרעסערט. און אַזויווי ר׳ אַברהם־מענדל האָט גע׳פּסק׳נט, אַז איך דאַרף שוין נישט מער קיין רבי׳ן; אַז איך קען שוין אויך לערנען „פאַר זיך״, איז דעריבער געפאַלן דער גורל אויף לעבעדעווע. קיין ישיבה איז אין אַט־דעם שטעטעלע נישט געווען. דערפאַר האָט עס געהאַט אַן אַנדער גרויסע מעלה: מיין מאַמע איז אַליין געווען אַ לעבעדעווער. זי האָט דאָרטן געהאַט זייער אַ פאַרצווייגטע משפחה: דריי שוועסטער און אַ ברודער. זי איז געווען זיכער אַז וואָס־וואָס, הונגערן וועל איך אין לעבעדעווע נישט דאַרפן. און זי איז געווען גערעכט.

לעבעדעווע איז געווען אַ מתנגדיש שטעטל. בלויז איין־איינציק, קליין חסידיש קלייזל איז דאָרטן געווען. דער גבאי און אויך דער שמש פון קלייזל איז געווען ר׳ נח דער שוסטער (וועגן זיין השפעה אויף מיר — אַביסל שפּע־טער). פריער דאַרף איך דערציילן ווי עס איז דאָרטן איינגעשטעלט געוואָרן מיין לערנען. וועגן עסן און שלאָפן האָב איך נישט געהאַט קיין זאָרג. געשלאָפן בין איך ביי דער מומע מירקע (איינע פון מיין מאַמע׳ס שוועסטער — מרים). דאָרטן האָב איך געגעסן צוויי טעג. די אַנדערע פינף טעג זיינען געווען צעטיילט צווישן דער מומע גיטע (די עלטסטע שוועסטער פון מיין מאַמען), וואו איך האָב געגעסן פרייטיק און שבת; ביי דער מומע שימקע צוויי טעג און איין טאָג ביים עלטערן זון פון דער מומע גיטע — ר׳ נחמיה. דער מאַמע׳ס ברודער איז געווען אַן אַלמן.

לעבעדעווע איז געווען אַ שטעטל פון אַ סך לומדים און אַפילו אַ צאָל מוסמכים. אין מיין צייט האָבן זיך אין לעבעדעווע געפונען, אויסער צוויי רבנים, נאָך 16 יונגעלייט מיט סמיכה אויף רבנות, וועלכע האָבן געוואַרט אַז עפּעס אַ שטעטל זאָל זיי איינלאַדן צו ווערן איר רב. ר׳ נחמיה דער מומע גיטע׳ס איז געווען איינער פון זיי. ער איז געוואָרן מיין מדריך אין לערנען.

אין בית־המדרש האָבן דאַן געלערנט „פאַר זיך״ 6 אינגלעך, אפשר שוין טאָקע האַלבע בחורים. אייניקע פון זיי האָבן געמוזט זיין עלטער פאַר

מיר מיט 2—3 יאָר, אָבער מיר האָבן זיך אַלע געהאַלטן ווי אין חברותא. בלויז מיט איינעם פון זיי האָב איך זיך באַגעגנט אין שפּעטערדיקע יאָרן. זיין נאָמען איז מאַקס גאַפּט און ער איז איינער פון די אָנפירער פון אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אין אַמעריקע. אַ צווייטער, טאַקע אַ קורעניצער, יצחק צימערמאַן, האָט שפּעטער חתונה געהאַט אין קורעניץ און איז געוואָרן איינער פון די שיינע בעלי־בתים פון שטעטל. ער איז אומגעקומען דורך די נאַציס אין חודש שבט 1942, צוזאַמען מיט נאָך 12 אידן. די גאַנצע קורע־ניצער קהילה איז אומגעקומען אַרום זיבן חדשים שפּעטער — דעם 27טן אלול 1942. וואָס פון די אַנדערע פיר איז געוואָרן ווייס איך נישט.

אונזער לערנען איז נישט געווען קיין קאָלעקטיווער, ווי אין אַ ישיבה. יעדער האָט געלערנט וועלכע מסכתא ער האָט געוואָלט. מיין קוזין ר׳ נחמיה האָט געהאַט גאָר אַ באַזונדערן, פּעדאַגאָגישן צוגאַנג צו לערנען. ער האָט מיך באַוואויגן אָנצוהויבן איבערגיין נאָכאַמאָל די מסכתות וועלכע איך האָב שוין פריער געלערנט. זיין באַליבטסטע מסכתא איז געווען בבא בתרא. האָב איך געלערנט „פאַר זיך", און אויך אָפט מיט אים, בבא בתרא. איך רעכן אַז זיין מעטאָדע איז געווען אַ ריכטיקע. פון אַלע מסכתות איז מיר בבא בתרא פאַרבליבן מער אין זכרון (אַן אויסנאַם איז געווען מסכתא חולין, וואָס געהערט צו אַ שפּעטערער „עפּאָכע", וועגן וועלכער איך וועל דערציילן ווען איך וועל דערצו קומען).

אָבער דווקא אין אָט־דעם שטעטל איז מיר אויסגעקומען דורכצומאַכן צוויי עקסטרעמע אַנטוויקלונגען. איינע האָט געצויגן צו פאַרטיפטער פרומ־קייט; די צווייטע האָט געצויגן אין דער פאַרקערטער ריכטונג. אין מיין נשמה איז פאָרגעקומען ממש אַ געראַנגל צווישן דער השפּעה פון דעם דער־מאָנטן ר׳ נח דעם חסיד און צווישן די קינדער פון מיינע מומעס — אויסער ר׳ נחמיה׳ן — וועלכע זיינען געווען אַרבעטער. דער מאַן פון מיין מומע מירקע איז געווען אַ סטאָליער. זיינע קינדער האָט ער אויך דערצויגן ווי סטאָליערס. דער מאַן פון מיין מומע שימקע איז געווען אַ שניידער און זיינע קינדער זיינען אויך צוגעגרייט געוואָרן צו ווערן שניידער. די קינדער פון אָט־דיביידע משפּחות פלעגן זיך אָפט צוזאַמענקלייבן און זינגען לידער. דאָס זיינען געווען די ערשטע אַרבעטער־לידער, וועלכע האָבן שוין דער־גרייכט אין די קליינע שטעטלעך. אַלע לידער האָבן באַזונגען און באַקלאָגט די לאַגע פון דעם אַרבעטער. אין אָט־די לידער האָבן זיך געלאָזט הערן די ערשטע רעוואָלוציאָנערע רופן צו דער אידישער יוגנט. איך האָב אָט־די לידער פאַרנומען זייער פּשוט. זיי האָבן פאַר מיר אויסגעדריקט ערלעכקייט

צום געדריקטן מענטשן און דאָס האָט פאַרכאַפּט מיין נשמה. דאָס דאַזיקע געזאַנג איז אַוודאי געווען אַנדערש ווי דאָס זינגען ביים לערנען. אָבער די מינאָרקייט פון טאָן, דער טרויער און ווייטיק וואָס זיי האָבן אויסגעדריקט, זיינען גאָרנישט ווייט געווען פונעם טרויער און ווייטיק פון דעם „גמרא־ניגון״. איך בין דעריבער געווען גאַנץ פילבאַר צו אָט־די השפעות. האָט עס מיך זייער שטאַרק געצויגן צו זיי.

און נאָך אַ פאַקטאָר האָט צוגעצויגן. ביי אָט־די באַגעגענישן פלעגן זיין נישט נאָר די זין פון דעם סטאָליער און שניידער, נאָר אויך די טעכטער. זיין אין דער קעגנוואַרט פון יונגע מיידלעך איז פאַר מיר געווען גאָר אַ נייע און זייער אַנגענעמע איבערלעבונג. ביז לעבעדעווע האָב איך אַמאָל אויף אַ „טאָג״ געזען אַ מיידל. אָבער ריידן מיט אַ מיידל, ווער רעדט נאָך זינגען צוזאַמען מיט איר, דאָס איז געווען הס מלהזכיר. און דאָ — אַזאַ פרייע, נישט קיין אָנגעשטרענגטע באַציאונג צווישן אינגלעך און מיידלעך. וואָס זאָל איך לייקענען? — אויך דאָס איז געווען אַ שטאַרקע צונויגונג צו דער „סיטרא אחרא״.

דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבן די אָפטע וויכוחים צווישן די זעקס אינגלעך־בחורים, נישט בלויז אין סוגיות פון לערנען נאָר אויך אין וועלט־זאַכן; דאָס אָפטע פאַרטראַכטן זיך וועגן בריאת העולם; וועגן דעם ווי דער ערשטער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן. דאָס אַלץ איז שוין געווען דורכגעדרונגען מיט צווייפלען אין דער פעסטקייט פון די ביז דאַן איינגעשטעלטע מיינונגען. מיר האָבן אָנגעהויבן שענקען מער אויפמערקזאַמקייט צו נאַטור־דערשיינונגען און זוכן דערקלערונגען פאַר זיי. בקיצור — עס האָט זיך אָנגעהויבן אויסרייפן אינעם אָקאָרשט בר־מצווה־געוואָרענעם אינגל יענע ספיקות, פון וועלכע ער האָט געליטן נאָך עטלעכע יאָר כסדר, ביז אין אים איז מיט אַרום דריי יאָר שפּעטער פאַרגעקומען דער שאַרפער גייסטיקער איבער־ברוך, ווען ער האָט געלערנט אין ווילנע.

אַנטקעגן דעם האָט געווירקט די אומגעוויינלעכע השפעה וואָס ר׳ נח דער שוסטער האָט אויף מיר געהאַט. דאָס איז געווען גאָר אַ מערק־ווירדיקער אַלטיטשקער. געוואוינט האָט ער אין פאַליש פון דעם דערמאָנטן קלייזל פון לעבעדעווע. פון דאָרטן האָט ער דורכגעפירט זיינע שמש־פליכטן; דאָרטן אין אַ ווינקל איז געשטאַנען זיין שוסטערשער „וואַרשטאַט״; אין אַן אַנדער ווינקל זיינען געלעגן אין אומאָרדענונג פאַרשידענע ספרים, בעיקר חסידישע.

ביי ר׳ נח׳ן און מיר איז געוואָרן אַ „ליבע פון ערשטן בליק״. מיר זיינען

ממש צוגעצויגן געוואָרן איינער צום אַנדערן ווי דורך אַ מאַגנעט. וואָס עס האָט מיך געצויגן צו אים וועל איך באַלד דערציילן. וואָס עס האָט אים געצויגן צו מיר קען איך אפשר איצטער — 60 יאָר שפּעטער — דערקלערן דערמיט, וואָס ער איז געווען אַן עלנטער מענטש, איינער אַליין, דערביי אָנגעלאָדן מיט אַ פול האַרץ אידיש־חסידישער ליבע צו מענטשן, בעיקר צו אידן. אויף וועמען אויסצולאָדן די ליבע האָט ער נישט געהאַט. איך בין דעריבער פאַר אים געווען אַ זייער וויכטיקע אידיש־מענטשלעכע בריאה אויף וועמען אויסצושפּרייטן זיין נאַטירלעכע אהבה. איך ווייס נאָר אַז ווען איך בין נאָר אַריין צו אים — און דאָס האָט פּאַסירט זייער אָפט, ווייל דאָס קלייזל האָט זיך געפונען זייער נאָענט צום בית־המדרש — האָבן זיך זיינע אויגן צעשיינט. ער האָט תיכף אָפּגעשטעלט זיין אַרבעט און האָט אָנגעהויבן — דערציילן חסידישע מעשיות.

אין אָט־דעם מענטשן האָט געשטעקט אַ גרויסער, נאַטירלעכער טאַלאַנט צו דערציילן, בעיקר, מעשיות פון חסידישע רביים. זיין אייגענער רבי איז געווען דער ליובאַוויטשער, אָבער מעשיות האָט ער געוואוסט צו דערציילן אויך פון פּוילישע רביים, פון אוקראַינער און אפילו פון גאַליציאַנער רביים. פון אים האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט דעם נאָמען פון „בעל־שם־טוב״. זיינע מעשיות זיינען געווען סיי פון אַ באַשטימטן נוסח, סיי פון אַ באַשטימטן תוכן. ער האָט דערציילט ווייניק וועגן נסים און וואונדיירים פון רביים. ער האָט נאָר דערציילט אַזעלכע מעשיות וואָס האָבן פאַרמאָגט אָדער אַ הויכן סאָציאַלן תוך, אָדער וועגן דער גוטוועגדיקייט צו רייניקן די מענטשלעכע נשמה. יעדער מעשה׳לע האָט געמוזט דערהויבן דעם צוהערער. זיינע מעשה־לעך זיינען געווען פון דעם טיפּ מעשיות ווי י. ל. פּרצ׳ס „אויב נישט נאָך העכער״. אַ שאָד טאַקע וואָס דער גרויסער פּרץ האָט נישט געהערט די אַלע מעשיות וואָס ר׳ נח האָט געהאַט צו דערציילן. פּרץ וואָלט דאַן נאָך רייכער געמאַכט דעם אוצר וואָס ער האָט אונז איבערגעלאָזט. ווען ר׳ נח האָט דער־ציילט איז זיין פּנים געווען באַלויכטן מיט אַזאַ מין גלאַנץ, וואָס קיין אַנדער אויסדרוק ווי „זיו השכינה״ קען איך פאַר דעם נישט געפינען. זיין השפּעה אויף מיר איז געווען אַ קאָלאָסאַלע.

ווען ער האָט געפונען אין מיר אַזאַ פאַראינטערעסירטן צוהערער, האָט ער אָנגעהויבן מיט מיר לערנען צוויי מאָל אַ וואָך. דאַסמאָל האָב איך אַליין שוין אָנגעהויבן בעסער פאַרשטיין דעם „תניא״. וואָס איך האָב נאָך נישט פאַרשטאַנען האָט מיר ר׳ נח מסביר געווען. עד היום ווייס איך נישט צי ר׳ נח איז אויך געווען אַ למדן אין תלמוד. אָבער דעם „תניא״ האָט ער גוט

געקענט. בקיצור — ער האָט מיך, אַ זון פון אַ פּראָסטן אידן, אַ מתנגד, פאַרוואַנדלט אין אַ הייסן חסיד. זיין השפּעה טראָג איך אין זיך עד היום הזה.

אין אַזעלכע עקסטרעמע קאָנטראַסטן האָט זיך געוואָרפן מיין נשמה אין יאָר פון מיין בר־מצווה, אין דעם שטעטל לעבעדעווע. דווקא אין שטוב פון מיין קוזין, דער מוסמך ר׳ נחמיה, האָב איך געפונען אַ תנ״ך מיטן „ביאור״. ר׳ נחמיה אַליין האָט מיך דערמוטיקט צו שטודירן דעם „ביאור״. דאָס דאָזיקע לערנען האָט נאָך מוסיף געווען צו דער גייסטיקער אויפטרייסלונג וואָס איז אין מיר פאָרגעקומען.

אין אַזאַ גייסטיקן פלאָנטער האָב איך פאַרלאָזט לעבעדעווע. פונדעסטוועגן: ווען איך טראַכט היינט וועגן יענער צייט שיינט עס מיר, אַז איבערוואַיגן אין מיין נשמה האָט דאַן די השפּעה פון ר׳ נח. אין זאַך איז אויסער יעדן ספק: איך אַליין האָב דאַן געגאַרט אַז אָט־די השפּעה זאָל מיך באַהערשן, פּשוט דערפאַר, ווייל זי איז געווען מער אין הסכם מיט מיין גייסטיקן לעבן פון די פריערדיקע יאָרן.

סיי־ווי, ווען איך האָב פאַרענדיקט דעם יאָר אין לעבעדעווע און בין געקומען אין קורעניץ אויף פּסח, האָט מיין אַלטער גמרא־מלמד דערשפּירט די טיפע ענדערונג אין מיר. דעם טאַטן האָט ער וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט. אָבער צו מיר אַליין האָט ער גערעדט אָפן: „אַי, ברוכ׳קע, ברוכ׳קע, דו האָסט זיך נישט צוגעהערט צו מיינע רייד. כ׳האָב זייער שטאַרק מורא דו זאָלסט נישט צו וויט פאַרבלאָנדזשען״. ווען איך האָב אים געפרעגט: „רבי, וואָס זאָל איך איצטער מיט זיך טאָן?״ האָט ער לאַנגע עטלעכע מינוטן געטראַכט. דאַן האָט ער געזאָגט: „אפשר וועט אַ גאָר גרויסע ישיבה זיין גוט פאַר דיר״. און ער האָט צוגעגעבן: „אַ שאָד וואָס וואָלאָזשין איז שוין נישט דאָס וואָס געווען. אפשר פּרובירסטו טעלז? דאָרטן זיצן צוויי גרויסע אידן, וועלכע איך קען פון סמאַרגאָן: ר׳ לייזער און ר׳ שמעון. אויב דו קענסט נאָר, איז מיין עצה זאָלסט אַהין פאָרן״.

דערמיט האָט זיך געענדיקט מיין „עפּאָכע״ פון ישיבות נישט וויט פון קורעניץ. עס הויבן זיך אָן מיינע נסיעות אין מרחקים. די סטאַנציעס זיינען: יעלאָק (אַ שטעטל אין קאָוונער גובערניע), טעלז (בלויז איין זמן), ליבאָווע (אָדער ווי די דאָרטיקע אידן האָבן עס גערופן: ליפּאַי) און — ווילנע. דאָס זיינען געווען די שטעט וואו איך האָב געלערנט במשך מיין צווייטער עפּאָכע, איידער איך בין אין 1904, אין עלטער פון 16 און אַ האַלב יאָר, אַנגעקומען קיין אַמעריקע.

# ווייט פון דער היים

מיינע עלטערן האָבן סוף־סוף מסכים געווען צו דער עצה פון ר׳ אברהם מענדלען. אָבער דאַן האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וויאַזוי איז מען זיכער, אַז מ׳וועט מיך דאָרט אָננעמען? דאָ איז ווידער ר׳ אברהם מענדל געקומען צו הילף: דער משולח פון דער טעלזער ישיבה פלעגט איין מאָל אין יאָר — צווישן פסח און שבועות — קומען אין מיין שטעטל קורעניץ. דאָ האָט ער שוין געהאַט זיינע שטענדיקע מנדבים און ער פלעגט איינשטיין ביי ר׳ אברהם מענדל׳ען, וועלכער האָט שוין געהאַט זיין חזקה אַרומצוגיין מיט אים איינצומאָנען די נדבות. אמת: דאָס האָט ער מקיים געווען מיט ווינציקער ברען, ווי די מצווה פון אַרומגיין מיטן קוידאַנאָווער „חוזר" — וואָס אויך ער פלעגט קומען קיין קורעניץ איינמאָל אין יאָר. אָבער זיין התלהבות׳דיקע חסידות האָט ביי אים נישט אָפגעקילט דאָס פייער פאַר דער מצווה פון הרבצת התורה, אַפילו ווען עס גייט אין אַ מתנגדישער ישיבה.

ר׳ אברהם מענדל האָט דערפאַר געהאַלטן, אַז איך זאָל בלייבן לערנען „פאַר זיך" אין קורעניצער בית המדרש, ביז דער משולח וועט קומען — און ער וועט מיט מיר לערנען אַ שיעור אָן שכר־לימוד, ביז איך וועל פאָרן קיין טעלז. ער האָט מיט מיר געלערנט מסכת יבמות. כ׳פאַרשטיי עד־היום נישט פאַרוואָס ער האָט איבערגעהיפּערט „גיטין" און „קידושין", וואָס מען פלעגט געוויינטלעך לערנען נאָכן אַדורכגיין אַלע דריי בבא׳ס. די לערן־שעה׳ן מיט ר׳ אברהם מענדל׳ען זיינען פאַר מיר געווען אַ גייסטיקע התחזקות, אין וועלכער איך האָב זיך דאַן שטאַרק גענויטיקט. איך האָב דאַן געליטן פון ספיקות, געזוכט צו פאַרשטיין זאַכן און נישט סתם צו גלויבן. ער האָט געשפּירט מיינע אינערלעכע ראַנגלענישן און זיי זיכער בעסער באַנומען ווי איך אַליין. היינט פאַרשטיי איך, אַז ער האָט מיר געוואָלט לייכטער מאַכן דעם געראַנגל און מיך צוהאַלטן ביי דער אמונה. דערפאַר האָט ער נאָר געלערנט מיט מיר אַ האַלבע שעה און די צווייטע העלפט פלעגט ער שמועסן מיט מיר און מיך אויספרעגן, וועגן וואָס איך טראַכט אַ גאַנצן טאָג. ער האָט בסדר איבערגע׳חזר׳ט צו מיר: „דו ביזט שוין נישט קיין אינגעלע און

האָסט שוין דיינע אייגענע מחשבות. דאָס איז גוט. אָבער דו דאַרפסט זיך היטן און וויסן, וואוהין דיינע מחשבות זאָלן דיך פאַרטראָגן". איך האָב אים דערציילט, אַז אויסער די גמרא־שיעורים — וואָס ער פאַרגיט מיר — פּרוביר איך לערנען דעם „תניא". דערויף האָט ער מיר געענטפערט, לויט ווי איך קען זיך דערמאָנען אַצינד, מיט דעם לשון:

— ווי דו ווייסט, בין איך אַליין אַ חסיד. אמת: איך בין אַ קוידאַנאָווער — אָבער דער חילוק צווישן די קוידאַנאָווער און ליובאַוויטשער איז נישט קיין צו־גרויסער. איך האַלט זייער שטאַרק פון „תניא" — אָבער דו, ברוך'קע, ביזט נאָך צו־יונג, בכדי ריכטיק צו באַנעמען זיין טיפקייט. דערביי איז אויך פאַראַן אַ סכנה: אין „תניא" איז דאָ צופיל פילאָזאָפיע, וואָס איז גוט פאַר דערוואַקסענע מענטשן. אין דיין עלטער קען עס דיך פירן צו אַ צאָל שאלות, וועלכע זיינען מסוגל דיך צו פאַרטומלען. וואַרט נאָך עטלעכע יאָר, ווען דו וועסט אַלט זיין כאָטש אַכצן יאָר וועסטו דאַן מעגן אָנהויבן צו לערנען פילאָזאָפיע. ביז דאַן האָסטו פאַר זיך נאָר איין ציל: לערן וואָס מער גמרא מיט תוספות . . .

אין איינעם אַזאַ שמועס האָב איך פאַר אים אַרויסגעלייגט מיין שאַרפסטן ספק וועגן בריאת העולם. איך האָב אים אָפן אַ פרעג געטאָן: „רבי, איר ווייסט וויאַזוי דער ערשטער מענטש איז געקומען אויף דער וועלט?" ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט און זיך כמעט ווי צעשריגן: „וואָס איז עס פאַר אַ מין פראַגע? האָסט פאַרגעסן די פרשה בראשית?" איך האָב אים דאַן, מיט מיין גאַנצער קינדערשער תמימות, געענטפערט: „רבי, די פרשה בראשית האָב איך נישט פאַרגעסן, אָבער עס לייגט זיך עפּעס נישט אויפן שכל". דאָ איז ר' אברהם מענדל אַריינגעפאַלן אין כעס. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל אין די יאָרן וואָס ער האָט אויף מיר אַכטונג געגעבן, ווען ער האָט צו מיר אַרויסגעוויזן אמת'ן כעס. „דו, שנעק איינער" — האָט ער אויסגעשריגן — „אויף דיין שכל לייגט זיך דאָס נישט, האַ? אויפן שכל פון די גרעסטע תנאים און אמוראים האָט זיך די פרשה בראשית יאָ געלייגט; אויף דעם שכל פון דעם גרויסן פילאָזאָף — דער רמב"ם — וועלכער איז אויך געווען אַ געלערנטער מענטש אין „זייערע" זאַכן און איז אַפילו געווען אַ דאָקטאָר און האָט זיכער מער געוואוסט פון דיר און פון די אַלע „היינטיקע" דעם דרך־העולם פון געבוירן ווערן — אויף זיין שכל האָט זיך די פרשה בראשית יאָ געלייגט און אויף דיין שכל לייגט זיך עס נישט?"

לאַנגע מינוטן דערנאָך האָט ער געשוויגן. אין מיר איז אויפגעגאַנגען אַ שאַרפער חרטה־וויטיק, פאַרוואָס איך האָב אים אַזוי שטאַרק מצער געווען.

איך האָב נישט געוואוסט, וויאַזוי אַרויסצוגיין פון דער לאַגע און זיך פּראָסט־פּשוט צעוויינט. האָט ער זיך צוריק אָוועקגעזעצט לעבן מיר און גאַנץ ווייך אַ זאָג געטאָן: „וויינען דאַרף מען נישט. דו דאַרפסט זיך אָבער שטאַרקן אין אמונה. איך וועל דיר געבן אַ ספר פון אַ גרויסן גאון, ר' ישראל מאיר הכהן. לערן אים און טראַכט זיך גוט אַריין. אפשר וועט דיר גרינגער זיין צו פאַרגעסן די מאָדנע קשיות, וועלכע דו האָסט זיך אָנגעהערט פון די עלטערע ישיבה־בחורים אין סמאַרגאָן". ער האָט מיר געגעבן דעם ספר „חפץ־חיים", איינער פון די גאָר־פּאָפּולערע ספרים, וואָס דער באַרימטער ראש ישיבה פון ראַדון האָט דאַן מחבר געווען. צוליב דעם ספר איז טאַקע דער באַליבטער גאון באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען „דער חפץ חיים". דער ספר איז דאַן שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן אין אונזערע שטעטלעך.

דערפילנדיק אַז ר' אברהם מענדל איז געוואָרן נאָך מער צוגעלאָזן צו מיר, האָב איך געקראָגן אַ ביסל מוט פאַר אַ נייער פראַגע: „רבי" — האָב איך געזאָגט און דאָס האַרץ האָט געציטערט — „איר האָט פריער דערמאָנט דעם נאָמען רמב"ם. איך האָב אָט־דעם נאָמען שוין געהערט אין לעבעדעווע. אַ שבת נאָך שלוש סעודות זיינען אין שטוב פון מיין קוזין ר' נחמיה געקומען עטלעכע פון זיינע חברים, אויך מוסמכים, און האָבן געפירט אַ וויכוח טאַקע וועגן דעם רמב"ם. זייער פיל פון וויכוח האָב איך נישט פאַרשטאַנען. אָבער איין פּונקט האָב איך יאָ פאַרשטאַנען. זיי האָבן געזאָגט, אַז דער רמב"ם האָט געזוכט אַלץ צו דערקלערן מיטן שכל. איינער פון זיי, געדענק איך, האָט זיך אַפילו אַזוי אויסגעדריקט: אליבא דרמב"ם מוז מען דעם בורא עולם אַליין פאַרשטיין מיטן שכל. מיר איז דאָס זייער געפעלן געוואָרן. איך האָב אויף מאָרגן געבעטן מיין קוזין, ר' נחמיה, ער זאָל מיט מיר לערנען אַ ביסל רמב"ם. ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט, צוליבן זעלבן טעם וואָס איר, רבי, האָט מיר פריער געזאָגט: אַז איך בין נאָך צו־יונג צו לערנען אַזעלכע ספרים. טאָ וואָס זאָל איך טאָן ווען עס קומען פאַרט אויף אין מיין מוח שאלות אויף וועלכע איך קען קיין תשובות נישט געפינען? וואו זאָל איך זיי זוכן?" האָט ער מיר ווידער פאַרזיכערט, אַז פון ספר „חפץ־חיים" וועלן מיר אַ סך שאלות קלאָר ווערן.

נאָך אָט־דעם שמועס האָב איך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד זיך פאַרטיפט אין דעם ספר „חפץ־חיים", וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק, אַז דעם מענטש'ס נשמה איז אַ „חלק אלוה ממעל" — אַ חלק פון גאָט אַליין. דער באַגריף „גאָט" האָט אין מיין באַוואוסטזיין אָנגענומען קאָנקרעטע פאָרמען. מיין נשמה האָט שוין פון פריער אַריינגעזויגן דאָס געפיל, אַז „אין לו גוף

ואין לו דמות הגוף״. אָבער די זעלביקע נשמה איז דורכגעדרונגען געוואָרן מיטן געפיל, אַז ער איז דאָ, קאָנקרעט, הגם קיינער ווייסט נישט ווי ער זעט אויס. בעיקר האָט דער דמיון אים געזען אין דער פאָרם פון אַ גייסט, „ורוח אלהים מרחפת על פני המים״. ווען מיין נשמה איז דורך דעם מערקווירדיקן ספר פאַרבונדן געוואָרן מיט אָט־דעם גייסט, זי איז אַפילו געוואָרן אַ חלק פון אים, איז מיין געמיט געשטאַרקט געוואָרן. אין בית המדרש, וואו איך האָב געלערנט, האָב איך געפונען דעם „חובת הלבבות״ פון רבינו בחיי און גענומען זיך פאַרטיפן אין אים. דער תוכן זיינער האָט זיך דאַן זייער גוט צוגעפּאַסט צו מיין זוכנדיק געמיט. די קאַרגע צוויי חדשים אין קורעניץ האָבן געהאַט אויף מיר אַ שטאַרקע השפעה ביים אויפהאַלטן מיין פרומקייט. ר׳ נח פון לעבעדעווע און ר׳ אברהם מענדל פון קורעניץ האָבן, מיט דער הילף פון „חובת הלבבות״ און „חפץ־חיים״, דאַן באַקומען די אויבערהאַנט אין מיין נשמה.

ב.

בשעת ר׳ אברהם מענדל האָט מיר געגעבן דעם ספר „חפץ־חיים״ האָט ער נאָך מוסיף געווען עטלעכע ווערטער, וועלכע האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין גאַנצן וועזן. ער האָט געזאָגט: „דו דאַרפסט אויך געדענקען ווי דיין טאַטע־מאַמע זיינען זיך מקריב צוליב דיר, ווייל זיי ווילן דו זאָלסט אויסוואַקסן אַ וואויל־לערנער און אַ פרומער איד. דו וועסט זיי פאַרשאַפן גרויס צער, אויב דו וועסט חלילה אַראָפּגיין פון גלייכן וועג״. מיט אָט די ווערטער האָט ער אָנגערירט מיין פילבאַרסטן פּונקט. איך בין שוין אַ בחור נאָענט צו 14 יאָר און זיץ אויפן טאַטנס קאַרק. נאָך ווייניק וואָס איך העלף אים נישט, ווי מיין עלטערער ברודער, באַזאָרגן חיונה פאַר אָן־עין־הרע אַזויפיל קינדער, זיץ איך אין הויז, טו גאָרנישט, עס און טרינק — פאַרשאַף איך נאָך מיין טאַטע־מאַמע האַרץ־ווייטיק. ווען זיי האָבן געשפּירט, אַז ר׳ אברהם מענדל איז צופרידן פון מיר, האָבן זיי דערפון געהאַט גרויס נחת. איצט שפּירן זיי, אַז ער איז מיט מיר נישט צופרידן און דאָס פאַרשאַפט זיי יסורים. איך האָב דעריבער פעסט באַשלאָסן אים צו פאָלגן.

ווען דער טעלזער משולח איז געקומען, האָט ר׳ אברהם מענדל אים געבעטן מיך „פאַרהערן״ אין לערנען. דאָס „פאַרהערן״ איז טאַקע פאָרגע־קומען אין ר׳ אברהם מענדלס חדר. מיין טאַטע איז אויך דערביי געווען. דער משולח האָט מיר געשטעלט גאָר אַ סך שאלות. מיינע ענטפערס האָבן אים צופרידנגעשטעלט און ר׳ אברהם מענדל האָט דערפון געהאַט גרויס נחת. פילנדיק זיין צופרידנקייט האָבן זיך ביי מיין טאַטן געשטעלט טרערן

אין די אויגן. ער האָט קוים געוואָגט אַרויסצובריינגען עטלעכע אומבאַהאָל־פענע ווערטער פון דאַנק צו ר׳ אברהם מענדלען. צום משולח האָט ער נאָר געזאָגט: „איך בעט איך, ווי גאָט איז איך ליב, גיט אַכטונג אויף מיין זון״. דער משולח האָט דאַן געזאָגט: „אין טעלז לערנט נאָך אַ קורעניצער בחור. אייער זון וועט האָבן אַ נאָענטן חבר״. דאָס האָט געמיינט, ערשטנס, אַז איך בין אָנגענומען אין דער טעלזער ישיבה און, צווייטנס, אַ טרייסט פאַרן טאַטן. דאַן איז דער משולח אַוועקגעגאַנגען.

מיין רבי האָט אונז נאָך פאַרהאַלטן. דאָס וואָס דער משולח האָט דער־מאָנט דעם צווייטן קורעניצער האָט אים, מיין איבערגעגעבענעם אַפּוטרופּוס, איבערגעשראָקן. איך האָב גוט געקענט דעם קורעניצער בחור — אַ זון פון מיין צווייטן מלמד ר׳ יוסף לייב. ער איז שוין געווען אַ בחור פון אַרום 18 יאָר. אין שטעטל האָט מען דערציילט, אַז ער איז אַרויס לתרבות רעה. מיין אַפּוטרופּוס האָט דערפון געוואוסט. ווען דער משולח איז אַוועק, האָט מיין רבי מיך געוואָרנט איך זאָל מיך נישט חברן מיט זלמן בער׳ן. „דו מוזט געפינען״ — האָט ער געזאָגט — „פרומע אינגלעך אין דיין עלטער און מיט זיי זיך חברן. איך בין בטוח, אַז עס זיינען דאָ גענוג אַזעלכע אינגלעך אין דער טעלזער ישיבה״.

אין שטוב האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צו מיין אַוועקפאָרן. דער מאַמעס צער איז געווען נישט אַריבערצוטראָגן. איך אַליין האָב מיך אויך געפילט דערשלאָגן. ווען איך האָב געלערנט אין שטעטלעך אַרום קורעניץ, איז די פאַרבינדונג מיט דער היים געווען זייער אָן אָפּטע. איך פלעג באַקומען כמעט יעדע וואָך גרוסן פון מיין משפחה. מיין מאַמע האָט מיר פון צייט צו צייט געקענט שיקן אַ „פּאַסילקע״. די גרוסן און די פּעקלעך האָבן גע־ברענגט שטעטלשע, נאָענטע מענטשן, וועלכע איך האָב גוט געקענט. אָבער איצט גרייט איך מיך צו פאָרן אין מרחקים. סיי די מאַמע און סיי איך אַליין האָבן געוואוסט, אַז פון „דאָרטן״ וועל איך נישט קענען קומען אַהיים אפילו די צוויי מאָל אַ יאָר, ווי איך האָב עס געטאָן, ווען איך האָב געלערנט אין שטעטלעך נאָענט צו קורעניץ. דער עלטערער ברודער און די עלטערע שוועסטער — אַפילו אויך די אינגערע — האָבן נאָך שווערער געמאַכט די שטימונג דורך זייער אָפּטן וויינען. אָבער שווערער פאַר אַלץ איז געווען אַריבערצוטראָגן דעם טאַטנס שטומען, אין־זיך־פאַרשטיקטן ווייטיק.

מיר איז באַשערט געווען פאַר מיין נסיעה קיין טעלז נאָך טיפער צו דערשפירן דעם שפל׳ן מצב פון מיין טאַטן, בנוגע באַזאָרגן חיונה פאַר דער גרויסער משפחה. ער פלעגט יעדן יאָר, פון נאָך שבועות ביז פאַר ראש

השנה, זיך פאַרדינגען ווי אַ שומר אין אַ ווילנער סאָד. נאָך שבועות פלעגט ער פאַרקויפן זיין פערד און פאַר ראש־השנה קויפן אַ נייעם. אין קורעניץ איז נאָך דאַן קיין באַן נישט געווען. פלעגט ער פאָרן „מיטן־אָקס" ביז סמאָרגאָן — און פון דאָרט מיט דער באַן קיין ווילנע. קיין סמאָרגאָן פלעגט ער פאָרן מיט זיין שוין־דערמאָנטן ידיד, נאָטע דער קאָמיסיאָנער. דאָס מאָל בין איך מיט אים מיטגעפאָרן ביז ווילנע. איך בין געבליבן מיט אים אין ביידל, וואו ער האָט גענעכטיקט, איבער שבת. האָב איך געזען ווי ער האָט זיך געוואַלגערט אויף דער פשוט׳ער ערד אַלע נאַכט; ווי ער האָט געדאַרפט פירן מלחמות מיט ווילנער זשוליקעס, וועלכע פלעגן קומען רייסן פרוכטן פון די בוימער; כ׳האָב געזען ווי ער האָט זיך געמוזט דערנידעריקן פאַרן בעל־הבית פון סאָד, אָדער פאַר זיינע קרובים; איך האָב דערשפירט זיין בענקשאַפט צו דער משפחה, זיין איינזאַמקייט, זיין עסן ברויט מיט פרוכט אַפילו שבת. און מיין קינדיש האַרץ איז ממש צעבראָכן געוואָרן.

דערצו האָט נאָך יענעם שבת עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט מיך אינגאַנצן דערשלאָגן. דער טאַטע פלעגט יעדן שבת נאָכמיטאָג גיין הערן אַ מגיד אין אַ קלויז אויף זאַוואַלנער גאַס. דער סאָד האָט זיך געפונען ביים סוף פון דער אַסטראָבראַמסקער גאַס. גייענדיק הערן דעם מגיד פלעגט מען דאַרפן פאַרבייגיין די „אַסטראָבראַמסקע קירכע", וואו עס האָבן זיך געפונען הייליקע קריסטלעכע חפצים פון פאַרשידענע סאָרטן. ווער עס איז דאָרט פאַרביי־געגאַנגען, האָט געמוזט אַראָפּנעמען דאָס היטל. זייענדיק צום ערשטן מאָל אין ווילנע האָב איך וועגן דעם מנהג נאַטירלעך נישט געוואוסט. יענעם שבת האָט דער טאַטע מיך מיטגענומען צום מגיד. דורכגייענדיק דעם טויער, האָט ער דאָס היטל נישט אַראָפּגענומען. צי ער האָט עס געטאָן ווייל דער איד אין אים האָט עס נישט דערלאָזט, אָדער ער האָט סתם פאַרגעסן — ווייס איך נישט. איך געדענק נאָר, ווי צוויי גרויסע, פּוילישע יונגען האָבן אים דערלאַנגט אַזעלכע קלעפּ אין קאָפּ, אַז דאָס היטל איז אים אַראָפּגעפאַלן און אויפן שטערן איז באַלד אויפגעלאָפן אַ בייל. דער טאַטע האָט אַפילו נישט רעאַגירט אויפן אָנפאַל. ער האָט בלויז אויפגעהויבן דאָס היטל, פאַר־שטעלט מיטן ברייליק די וואונד, מיך גענומען פאַרן האַנט און אָוועקגעשפּאַ־צירט צו דער קלויז הערן דעם מגיד, ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. אויב ער האָט געהערט דעם מגיד׳ס דרשה אָדער נישט, ווייס איך נישט. איך ווייס אָבער, אַז מיר איז נישט געקראָכן אין קאָפּ קיין איינציק וואָרט. איך האָב אין זיך געשטיקט די טיפע יסורים, וואָס מיין טאַטע איז אַזוי באַליידיקט געוואָרן. גייענדיק צוריק האָט מיך דער טאַטע געפירט דורך אומוועגן וואָס

האָבן אויסגעמיטן דעם אָסטראָבראָמער טויער. דעם גאַנצן וועג האָט ער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. איך אויך נישט. איך האָב פּשוט נישט געוואוסט, וואָס אים צו זאָגן, בכדי גרינגער צו מאַכן זיין געמיט. ערשט ביינאַכט, פאַרן שלאָף, ווען מיר זיינען ביידע געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ ראַגאָזשע, די קעפּ אויף אַ הילצערנעם אָנשפּאַר, וואָס איז אויך געווען צוגעדעקט מיט אַ ראַגאָזשע, האָב איך מיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן און אים געפרעגט: „טאַטע, פאַרוואָס האָסטו זיי נישט געשלאָגן צוריק?"

ווי איך האָב פריער דערציילט איז מיין טאַטע פיזיש געווען אַ גיבור. איך האָב אים טאַקע דערמאָנט יענעם געשלעג, ווען ער האָט נישט פאַרשוויגן אַ באַליידיקונג. מיין טאַטע האָט מיר דאַן געגעבן אַ מערקווירדיקן ענטפער: „מיין קינד" — האָט ער געזאָגט — „אין קורעניץ זיינען מיר אויך אין גלות. און אין גלות איז זייער נישט גוט. אָבער קורעניץ איז מיין היים. דאָרט פיל איך מיך אַ סך זיכערער, ווי דאָ אין ווילנע. אין קורעניץ קענען מיך אַלע. אין יענעם געשלעג אויפן מאַרק האָבן טאַקע די קורעניצער אידן, וועלכע זיינען אויך געגאַנגען פון שול אַזוי ווי מיר, זיך נישט אַריינגעמישט. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל זיי האָבן געזען אַז איך קען זיך אַליין „ספּראַ־ווען". ווען איך וואָלט געכאַפּט מער קלעפּ — וואָלטן זיי זיכער זיך אָנגענומען פאַר מיר. אָבער דאָ אין ווילנע, ווער קען מיך? ווער וועט זיך אָננעמען פאַר מיר? נאָך אַ זאַך דאַרפסטו נישט פאַרגעסן" — האָט ער וויטער גערעדט — „אין קורעניץ האָבן די גויים באַליידיקט אונזער הייליקן סידור. אָבער דאָס מאָל בין איך געווען שולדיק. איך האָב באַליידיקט זייערס אַ הייליקן אָרט. איך האָב אָדער געדאַרפט אַראָפּנעמען דאָס היטל, אָדער גיין אַרום־און־אַרום, ווי מיר זיינען געגאַנגען צוריקוועגס. איך האָב זיי דעריבער נישט געקענט צוריקשלאָגן".

איך בין געבליבן מיט אים אויף דעם זונטיקדיקן טאָג. זונטיק פאַרנאַכט האָט ער מיך גענומען צו דער באַן־סטאַנציע. ווען דער צוג איז אָנגעקומען האָט ער פאַרכאַפּט פאַר מיר אַן אָרט אויף אַן אויבערשטער באַנק, האָט אַרויפגעלעגט דאָרט מיין קלומיקל און האָט זיך מיט מיר כמעט אָן ווערטער אָפּגעזעגנט. אין מיין פּעקעלע האָבן זיך געפונען, אויסער ברויט מיט פּרוכטן, אויך מיינע תפילין, אַ סידורל און די ספרים „חובת הלבבות" און „חפץ־חיים".

איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט אין מרחקים.

ג.

איינשלאָפן האָב איך נישט געקענט. איך בין געווען צו־שטאַרק צערודערט. פאַרנדיק פון סמאַרגאָן קיין ווילנע איז נאָך דער טאַטע מיט מיר

געוועזן. האָב איך מיך נישט געפילט אַזוי פאַרלאָזן. דערצו איז עס געווען מיין ערשטע רייזע אויף אַ באַן. געפאָרן זיינען מיר בייטאָג. בין איך גע־שטאַנען די מערסטע צייט ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט אויף די פּראַכט־פולע בילדער פון צעוואַקסענע פעלדער פון קאָרן און ווייץ. פאַר מיינע אויגן זיינען פאַרבייגעפלויגן די פויערישע באַטעס. איך בין ממש געפּלעפט געוואָרן פון די איינדרוקן. ווען איך בין פאַרמאַטערט געוואָרן שטייענדיק, האָב איך מיך צוגעזעצט אָפּרוען. דאַן האָב איך אַריינגעקוקט אין „חובת הלבבות״. פאַרטיפן זיך האָב איך אָבער נישט געקענט. עס האָט מיך צור־שטאַרק געצויגן צוריק צום פענסטער. איך דערמאָן זיך דאַן וואָס עס שטייט אין פרקי אָבות וועגן איינעם וואָס איז מפסיק זיין לערנען און באַוואונדערט: „מה נאה אילן זה״. צעשפּילט זיך אין מיין געמיט ווידעראַמאָל דער גייסטיקער געראַנגל. אין אַזעלכע שטימונגען איז אַדורך יענע רייזע.

דעם טאַטן האָבן מן הסתם אַזעלכע הרהורים נישט געמאַטערט. ער איז אָבער סיי־ווי געזעסן אַ דערשלאָגענער. ווי איך פאַרשטיי איצט, האָבן אים בלי ספק געקוועלט צוויי זאַכן: ערשטנס — וואָס וועט פון מיר ווערן איינער אַליין אין מרחקים? צווייטנס — זיין אייגענע לאַגע: ער וועט זיין אַליין אַ גאַנצן זומער, ער וועט לעבן אַ היניטיש לעבן, זיך וואַלגערן אין אַ קאַנורע. איז ער געזעסן די גאַנצע צייט שטום, אָן אַ וואָרט.

דאָס מאָל פאָר איך איינער אַליין, ביינאַכט. די רייזע איז אַ לאַנגע, דער געלעגער אין אַ האַרטער; די אויבערשטע בענק אין יענע וואַגאָנען זיינען געווען ענלעך צו מולטערס. דאָס שטאַרקע טרייסלען פון צוג האָט מיך געוואָרפן פון איין זייט צו דער צווייטער. און דאָס געפיל פון זיין אַליין, פון נישט וויסן צו וואָס איך פאָר און צו וועמען, האָט נישט אָפּגעלאָזט. איך האָב קוים דערלעבט אַז עס זאָל אָנהויבן צו טאָגן. פונקט דאַן זיינען מיר אָנגעקומען קיין שאַוול, וואו דער צוג איז געשטאַנען אַרום אַ האַלבע שעה צייט. איך בין אַראָפּגעקראָכן פון דער אויבערשטער באַנק, אַרויסגעגאַנגען אויף דער סטאַנציע וואַשן די הענט, צוריק אַרויפגעקומען, אָפּגעדאַוונט שחרית, אָפּגעגעסן מיין פרישטיק — ברויט מיט עפּל, וואָס דער טאַטע האָט מיר מיטגעגעבן — דאַן בין איך ווידער אַראָפּ אויף דער סטאַנציע, געקויפט אַ גלאָז טיי און פאַרטרונקען. געלט האָב איך געהאַט, אַנדערהאַלבן רובל. היינט בין איך זיכער, אַז דאָס האָט מיר דער טאַטע דאַן אָפּגעגעבן זיין גאַנצן „קאַפּיטאַל״, וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאַר זיך ביז ער וועט באַקומען זיין „געהאַלט״ פאַרן ערשטן חודש. וויאַזוי ער האָט איבערגעלעבט דעם גאַנצן חודש אָן אַ קאָפּיקע, ווייס איך נישט עד־היום.

# אַ גורל׳דיקע באַגעגעניש

א.

לאַנגע מינוטן בין איך געווען איינער אַליין אין דעם אָפּגעצאַמטן חדרל פונעם וואַגאָן. אין די אַנדערע חדרימלעך זיינען אויך נישט געווען קיין סך פּאַסאַזשירן. די מערסטע זיינען אַראָפּ אין שאַוול. ביסלעכווייז האָט זיך דער וואַגאָן גענומען צוריק אָנפילן. אין מיין חדרל, וואָס האָט געהאַט אַכט זיץ־פּלעצער, זיינען אַריין פיר פּאַסאַזשירן. איינער פון זיי האָט זיך אוועק־געזעצט פונקט קעגנאיבער מיר. אַ בחורל, אַ דאַרער, נישט קיין הויכער, מיט ברענענדיקע, פאַרשנדיקע אויגן, וועלכע זיינען פול מיט וואַרעמקייט. ער האָט אויסגעזען אַרום 17־18 יאָר אַלט. ווען ער איז אַריינגעקומען און האָט זיך איינגעמאַשטשעט אין זיין ווינקל, האָט ער זיך תיכף געווענדעט צו מיר מיט דער פראַגע: „וואוהין פאָרט עס אַ בחורל איינער אַליין? און וואָס לייענט עס אַ בחורל פאַרנדיק?"

אין דער פראַגע איז געלעגן אַזויפיל נאַענטקייט, אַז אין מיין געמיט האָט פּשוט אויפגעפלאַמט אַ שמחה: מיט דעם יונגעגעמאַן וועט זיין פריילעך צו פאָרן, האָב איך געטראַכט. איך וועל נישט זיין אַזוי איינזאַם. איך האָב דערשפירט, אַז זיין פראַגע איז נישט סתם אויס דרך־ארץ, אָדער נייגעריקייט; איך האָב אַרויסגעהערט אמתן מיטגעפיל. אפשר האָט עס געשטאַמט פון מיין טיפער האָפענונג צו געפינען גוטע חברים, וואָס זאָלן אויספילן דעם חלל וואָס איז געבליבן אין דער נשמה נאָכן זעגענען זיך מיטן טאַטן. שפּעטער האָב איך מיך איבערציינגט, אַז דאָס איז טאַקע געווען אַ באַגעגעניש, וואָס האָט מיר געגעבן אַ נייעם, גייסטיקן אָנשפּאַר אין מיין ווייטערדיקן לעבן. דאָס דאָזיקע בחורל איז שפּעטער זייער גוט באַקאַנט געוואָרן אין דער אידי־שער וועלט: זיין נאָמען איז געווען ישראל יעפּרויקין. ער איז פון שאַוול געפאָרן צו זיין געבורטס־שטעטל וועקשנע, וואָס איז געלעגן צווישן שאַוול און ליבאַווע.

דערזעענדיק אַז איך „לייען" דעם „חובת הלבבות" איז זיין נאָענטקייט געוואָרן נאָך מער בולט. ער האָט געוואָלט וויסן אַלץ: ווי אַלט איך בין?

פון וואַנעט איך קום? וואָס האָב איך ביז איצט געלערנט? וואָס דענק איך ווייטער צו טאָן? וואוהין פאָר איך עס איצט? איך האָב דערפילט אַזאַ גרינגקייט אויף דער נשמה, אַז איך האָב אים אַלץ דערציילט; אַפילו וועגן די ספיקות וואָס לאָזן מיך נישט רוען. דאַן האָט ער מיך איבעראַשט מיט אַ פשוטער פראַגע: „זאָגט מיר, איז מוזט איר טאַקע פאָרן קיין טעלז?" ביי מיר האָט זיך אַרויסגעריסן אַ נאַרישער ענטפער: „וואוהין דען זאָל איך פאָרן?" אָבער ער האָט נישט אָפּגעלאָזט: „הערט, יונגערמאַן, וואָס איך וועל אייך זאָגן. איך בין נישט קיין סך עלטער פון אייך, אָבער איך האָב, ווי עס זעט אויס, געהאַט מער דערפאַרונג ווי איר. די טעלזער ישיבה קען איך זייער גוט. איך האָב אַ צאָל גוטע באַקאַנטע צווישן די ישיבה־בחורים. זיי פאַרווענדן זייערע טעג און יאָרן אין פּילפּול. איך אַליין האָב אויך אָפט הנאה זיך דורכצופּילפּולן. עס שאַרפט אַביסל דעם מוח, אָבער ממשות'דיקס בלייבט גאָרנישט. עס איז כדאי צו שאַרפן דעם מוח לשמה אַביסל צייט. דאָס איז אָבער נישט פאַר אייך. איר מוזט טראַכטן וועגן אַ תכלית. אויב איר ווילט טאַקע ווערן אַ רב ביי אידן, וועל איך אייך נישט אָפּריידן. צי זיינט איר אַליין אָבער זיכער, אַז אָט־דאָס ווילט איר? פון דעם וואָס איר האָט מיר דערציילט וועגן אייך און בעיקר וועגן אייער משפחה, דוכט זיך מיר, אַז איר וועט צו רבנות נישט דערגיין. עס דאַרף געדויערן לאַנגע יאָרן. איר וועט מוזן זוכן פּרנסה. עס וועט אייך נישט זיין לייכט צו געפינען און דאָס וועט אייך שטערן אין לערנען. איר וועט זיך דעריבער אָפּשטעלן אין מיטן. איר וועט דאַן מוזן ווערן אַ מלמד ערגעץ אין אַ קליין שטעטל. אפשר קענט איר דערגרייכן ביזן אויסלערנען שחיטה, וואָס דאָס נעמט אויך לאַנג. חוץ דעם שטעלט איר זיך אַליין און אַנדערע אַזעלכע פראַגן, וואָס באַווייזן, אַז איר וועט נישט קענען זיין קיין ערלעכער מלמד און אַוודאי נישט קיין ערלעכער שוחט. די שאלות קענען אייך ברענגען צו פיל טיפערע ספיקות ווי די, וועגן וועלכע איר האָט מיר דערציילט. מיין איינדרוק פון אייך איז, אַז קיין פאַלש לעבן וועט איר נישט קענען פירן. איז מיין עצה, אַז איר זאָלט זוכן אַ געלעגנהייט זיך צו בילדן אין דברי חול. אפשר וועט אייך דורכדעם זיין גרינגער זיך דערשלאָגן צו אַ תכלית".

יעדער געדאַנק וואָס ער האָט אַרויסגעברענגט האָט געטראָפן אין סאַמע־פּינטל. איך אַליין האָב זיך שוין געגריבלט אין אָט־די פראַגן. איך האָב אָבער נישט געזען קיין אַנדער וועג און אויסגעלייגט פאַר אים אַלע מיינע גריבלענישן: „ווי קען איך, אַן אָרעם אינגל, זיך בילדן? דאָס קאָסט דאָך געלט. פון מיין טאַטן וועל איך מער קיין זאַך נישט נעמען, ווייל וואָס ער

גיט מיר נעמט ער אָוועק פונעם מויל פון די קליינע קינדער. איך קען אויך נישט געבן אַזאַ קלאַפּ מיין טאַטע־מאַמע, וועלכע ווילן איך זאָל לערנען אַ סך, בלייבן אַ פרומער איד און אפשר טאַקע אַמאָל באַקומען סמיכה אויף רבנות. חוץ דעם ווייס איך פשוט נישט, וויאַזוי אַנצוהייבן זוכן בילדונג. וואָס דאַרף איך טאָן? וואוהין דאַרף איך פאָרן? עס איז דאָ נאָך אַ צרה: דער טעלזער משולח האָט צוגעזאָגט מיין קורעניצער גמרא־מלמד, אַז ער וועט שרייבן אין דער ישיבה מען זאָל מיך אַריינגעמען. וואָס וועט דערפון ווערן? אויב איך קום נישט איצט קיין טעלז, וועלן זיי אפשר שפּעטער מיך נישט וועלן אַריינגעמען, אויב איך וועל קיין אַנדער עצה נישט האָבן און וועל מוזן פאָרן קיין טעלז״.

מיין מיט־פּאַסאַזשיר האָט לאַנגע מינוטן געשוויגן. דאַן האָט ער געזאָגט: „ליבער פריינט — איך וואָלט אסור אייך געפרעגט צי מוזט איר פאָרן אין טעלז, ווען איך וואָלט נישט געהאַט קיין אַנדער עצה פאַר אייך. איך באַגרייף אייער פאַרלוירנקייט. איך וואָלט געווען אַ רשע־מרושע נאָך ערגער צו מאַכן אייער לאַגע. טאָ הערט וואָס איך האָב אייך צו זאָגן: איר פאָרט קיין טעלז אין מיטן זמן. איר וועט מן הסתם זיך דאַרפן וואַלגערן אין טעלז ביז ראש־השנה און קיינער וועט פאַר אייך נישט זאָרגן. פאַרלאָזט זיך נישט אויף דעם בריוו וואָס אַ משולח האָט געשריבן. די אָנפירער פון דער ישיבה האָבן הונדערטער אַזעלכע בחורים צו באַזאָרגן. נישט איין יונג בחורל האָט געטאָן אַזוי ווי איר און האָט געליטן זייער פיל, ביז ער איז אָנגעקומען געוואָרן אין דער ישיבה, באַקומען אַ פּלאַץ וואו צו שלאָפן און גענוג מיטלען צום לעבן. מיין עצה צו אייך איז, דעריבער, איר זאָלט זיך אָפּשטעלן ערגעץ אין אַ שטעטל און לערנען „פאַר זיך״ אין בית־המדרש ביזן סוף זמן. איך קען אייך אַרויסהעלפן צוגרייטן פאַר אייך אייער קומען קיין טעלז. איך קום אַהין זייער אָפט. איך קען כמעט אַלע מנהיגים פון דער ישיבה״. ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און דאַן האָט ער ממשיך געווען: „איך האָב געערעכנט אייך עצה׳ן אַראָפּצוגיין מיט מיר אין מיין שטעטל. אָבער עס פעלט מיר איין אַ בעסערער געדאַנק. טאַקע נישט ווייט פון טעלז איז דאָ אַ שטעטל יעלאָק. דאָרט איז דאָ אַ קליינע ישיבה. זי ווערט אָנגעפירט פונעם דאָרטיקן רב. ער איז זייער צוגעלאָזן צו זיינע ישיבה־בחורים. איך האָב דאָרט אַ נאָענטן ידיד, אַביסל אַן עלטערער פאַר מיר. זיין נאָמען איז בענטשע (בן־ציון) גוטמאַן. ער איז פון אַ פאַרמעגלעכער משפחה. ער האָט זייער אַ גוט האַרץ. וועל איך אייך מיטגעבן אַ בריוו צו אים. איך בין בטוח, אַז ער וועט אייך מקרב זיין. איך וועל אין עטלעכע וואָכן אַרום זיין אין

טעלז. נאָכדעם וועל איך קומען קיין יעלאָק זיך טרעפן מיט מיין פריינט. וועלן מיר דאָרט ווייטער שמועסן״.

איך האָב געקראָגן פולן צוטרוי צו מיין נייעם פריינט און בין גרייט געווען צו פאָלגן זיין עצה. אָבער די גריבלענישן אין מוח האָבן נישט נאָכ־געלאָזן. בעיקר — וויאַזוי איז מען מודיע טאַטע־מאַמע וועגן אַזאַ ענדערונג? זיי וועלן זיכער טראַכטן, אַז עמעצער האָט מיך פאַרפירט אויף אַ שלעכטן וועג. איך האָב עס טאַקע געזאָגט מיין נייעם פריינט. זעט אויס, אַז ער אַליין האָט געטראַכט וועגן דעם, ווייל ער האָט מיר תיכף געענטפערט: „זאָרגט זיך נישט. מיין פריינט בענטשע גוטמאַן וועט זיכער פועלן ביים יעלאָקער רב, אַז ער זאָל שרייבן אַ בריוו צו אייערע עלטערן. דאָס וועט זיי זיכער באַרואיקן. איך וועל עס אים טאַקע בעטן״. נישט וואַרטנדיק לאַנג האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיין פריינט, אים מיר איבערגעגעבן און אָנגעזאָגט אויף וועלכער סטאַנציע איך זאָל אַרויסגיין. „צו יענער סטאַנציע — האָט ער געזאָגט — קומען בעלי־עגלות פון יעלאָק. זיי וועלן אייך ברענגען גלייך צו מיין פריינט אין הויז אַריין״. אין אַ מינוט אַרום פרעגט ער מיך: „געלט אויף הוצאות האָט איר?״ דאָס האָט מיך אַזוי איבעראַשט, אַז טרערן האָבן מיך גענומען שטיקן. איך האָב אים געזאָגט ווי גרויס מיין „פאַרמעגן״ איז. האָט ער אַרויסגענומען דריי רובל און מיר געגעבן, זאָגנדיק: „דאָס וועט אייך זיין גענוג ביז יעלאָק״. ער האָט דאַן צוריקגענומען פון מיר זיין בריוול צו בענטשע גוטמאַן, דאָרט צוגעשריבן נאָך עפּעס און האָט דאָס מאָל פאַרקלעפּט דאָס בריוול, הגם פריער האָט ער עס געלאָזט אָפן. אין עטלעכע מינוט אַרום איז די באַן אָנגעקומען קיין וועקשנע. נאָכדעם ווי ער האָט מיר געזאָגט וואַרעמע, דערמוטיקנדיקע ווערטער ביים געזעגענען, איז ער אַרונטער פון דער באַן.

איך בין ווידער געבליבן אַליין. אָבער די נייע אַליינקייט איז שוין נישט געווען גאָלע איינזאַמקייט. איך האָב דערפילט, אַז איך האָב באַקומען אַ נייעם אַנשפּאַר, וואָס וועט אפשר פאַרנעמען דאָס אָרט פון ר׳ אברהם מענדל פון קורעניץ. דעם גאַנצן, ווייטערדיקן וועג בין איך געווען דורכ־געדרונגען פון באַוואוסטזיין, אַז דער בורא עולם האָט מיר דאָ געטאָן אַ חסד, וואָס גרענעצט זיך מיט אַ נס. מיין פרום, נאַאיוו האַרץ האָט געדאַנקט גאָט וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט אַזאַ נייעם פריינט.

## ב.

דאָס שטעטל יעלאָק איז געווען אַנדערש ווי קורעניץ סיי אין אויסזען

און סיי אין תוכן. זי האָט, ערשטנס, אויסגעזען ריינער. די היזער זיינען, אמת, געווען מערסטנס הילצערנע, ווי אין קורעניץ, אָבער זיי זיינען געווען ליכטיקערע, אויסגעוויסט פון דרויסן. די גאַניקעס — גאַנצער, נישט אַזוי צעפאַרן. דער מאַרק האָט גאָר אַן אַנדער פנים געהאַט. די מענטשן האָבן אויסגעזען אַ סך פריילעכער, ווי אין די שטעטלעך פון מיין געגנט. אין מיין זכרון איז עד־היום פאַרבליבן דער ערשטער איינדרוק וואָס איך האָב באַ־קומען, ווען דער בעל־עגלה איז אַריינגעפאָרן אין שטעטל, פאַרנאַכטלעך, ווען די זון האָט נאָך געשיינט און שטאַרק געוואַרעמט. אין מאַרק־פּלאַץ, וואו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיינען געווען אַ סך מענטשן. די פריילעכקייט האָט ממש אַרויסגעשפּריצט פון די אויגן. נישטאָ די דערשלאָגנקייט פון געמיט וואָס מען האָט שטענדיק באַמערקט, אַריינפאָרנדיק אין איינעם פון אונזערע שטעטלעך. איך טראַכט איצט, אַז די נאָענטקייט פון דייטשלאַנד האָט מן־הסתם משפיע געווען. יענע גאַנצע געגנט וואָס ליגט צווישן ריגע, ליבאַווע און מעמל האָט זיכער אַריינגעזויגן עפּעס פון יענעם אַנדערשדיקן לעבנס־שטייגער, ווי אין די שטעטלעך צווישן ווילנע און מינסק. מיין ערשטער איינדרוק איז שפּעטער נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן.

דער בעל־עגלה האָט צעפירט די פּאַסאַזשירן, יעדערן צו זיין היים און גאָר צום סוף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ צוויי־גאָרנדיק הויז און געזאָגט צו מיר: „אָט דאָ, בחורל, לעבט דער יונגערמאַן צו וועמען דו פאָרסט". איך פרעג אים, וויפל איך דאַרף אים באַצאָלן, ענטפערט ער: „נישט געאיילט זיך, בחורל. איך דאַרף פריער זען בענטשען. דו ביזט נישט דער ערשטער וואָס פאָרפאָרט צו אים". איך האָב לכתחילה נישט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ געשעפט ער האָט מיט דעם יונגנמאַן, צו וועמען מיין נייער פריינט ישראל יעפּרויקין האָט מיר געגעבן אַ בריוול. אַביסל שפּעטער איז מיר דער ענין טיילווייז קלאָר געוואָרן: לויט מיין קלומיקל־באַגאַזש האָט ער אויסגערעכנט, אַז פון מיר קען ער נישט נתעשר ווערן. עס לוינט אים בעסער צו קריגן זיין געצאָלט פון בענטשען, וואָס איז אַ פאַרמעגלעכער בחור. ווען איך האָב זיך באַקאַנט אַביסל נענטער מיט בענטשען און זיינע חברים, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז זיי האָבן אָנגעזאָגט דעם בעל־עגלה נישט צו נעמען פון אַזעלכע פּאַסאַזשירן ווי איך קיין געלט, ווייל איך בין טאַקע נישט געווען דער איינציקער, וואָס איז צו זיי געשיקט געוואָרן.

דער בעל־עגלה האָט אָנגעקלונגען אין טיר. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ זייער־געוויקסיקער, פּראַכטפול־געבויטער יונגערמאַן. זיין קליידונג איז געווען אַ גרויס־שטאָטישע. אין אונזערע קליינע שטעטלעך האָב איך אַזאַ

קליידונג נישט געזען, אַפילו ביי די גבירישע בחורים. ער פרעגט דאַן דעם בעל־עגלה דווקא אין אַ גוטן, ליטווישן אידיש: „וואָס וועט איר אונז היינט זאָגן גוטס?" ענטפערט דער בעל־עגלה: „געבראַכט איך אַ פּאַסאַזשיר". דער יונגערמאַן גיט אַ קוק אויף מיר. איך בין פול מיט ציטערניש: וואָס וועל איך טאָן, אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן אַריינצולאָזן מיך אין זיין שטוב? מיט טרייסלענדיקע פינגער שלעפּ איך אַרויס דאָס פאַרמאַכטע בריוול און גיב אים איבער. ער עפנט עס און כהרף־עין צעלייכטן זיך זיינע אויגן און פון זיי שטראַלט מיט וואַרעמקייט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט דאָס בריוול גאַרנישט איבערגעלייענט. ער האָט נאָר געזען די אונטערשריפט. ער פרעגט מיר בלויז: „ווען האָט איר געזען אונזער ישראל'יקלען?" (אַזוי פאַרצויגן האָט ער אים אָנגערופן). איך האָב אים אָנגעהויבן דערציילן, וויאַזוי מיר האָבן זיך באַגעגנט אין צוג און האָב זיך געגרייט אים צו שילדערן די גאַנצע אויסטערלישע פאַסירונג. אָבער ער האָט מיר איבערגעשלאָגן די רייד: „קומט פריער אַריין אין שטוב. איר וועט עפּעס איבערבייסן. נאָכדעם וועט איר מיר אוודאי אַלץ דערציילן". איך פרעג נאָך אַמאָל דעם בעל־עגלה, וויפל אים קומט. שלאָגט מיר דער יונגערמאַן ווידער איבער און זאָגט צום בעל־עגלה: „קומט מאָרגן, איידער איר פאָרט צום באַן, וועלן מיר זיך צערעכענען". איך פּרוביר טענה'ן, אַז איך האָב געלט אַליין צו באַצאָלן. אָבער זיינע ווייכע אויגן האָבן בלויז געענטפערט מיט אַ שמייכל, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט. דער בעל־עגלה האָט נישט געוואַרט אויפן סוף פון אונזער „אַמפערן" זיך. ער איז באַלד נעלם געוואָרן.

ביי מיין איבערגעשראָקענעם געמיט, האָט זיין וואָרט צום בעל־עגלה וועגן „צערעכענען־זיך" מיך נאָכמער צעטומלט. וואָס קען ער דערביי מיינען? צי מיינט ער נישט, אַז ער וועט אים דאַרפן באַצאָלן פאַרן פירן מיך צוריק צום באַן? דער יונגערמאַן האָט מיך אָבער נישט געלאָזט צופיל טראַכטן. ער האָט באַלד אַליין גענומען מיין קלומיקל און מיך אַרויפגעפירט אויפן צווייטן שטאָק, זאָגנדיק: „אָט־דאָ וועט איר דערווייל שלאָפן" — און האָט אָנגעוויזן אויף איינעם פון די צוויי בעטן אינעם גאַנץ געראַומען חדר. „אויף דעם אַנדערן בעט שלאָף איך" — האָט ער צוגעגעבן — „ביי אונז אין שטוב איז קיין פרייער צימער (צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט דאָס וואָרט „צימער" במקום „חדר" ווי מען זאָגט ביי אונז) נישטאָ. אָבער איך וועל שוין פאַר אייך געפינען אַ באַזונדערן צימער ביי איינעם פון מיינע פריינט. איר זאָלט זיין רואיק. ביי אונז אין יעלאָק זיינען דאָ אַ מנין גוטע חברים, וואָס האָבן ישראל'יקלען שטאַרק ליב. ווען ער בעט אונז עפּעס צו טאָן,

זיינען מיר אַלע מוכן ומזומן ממלא צו זיין זיין פאַרלאַנג. ער בעט אונז זייער שטאַרק צו זאָרגן, אַז איך זאָל קיין זאַך נישט פעלן".

ער האָט מיך דאַן אַרונטערגעפירט אויפן ערשטן שטאָק, מיר באַוויזן אַלץ וואָס מען דאַרף וויסן אין אַ שטוב; ער האָט מיר אַפילו אָנגעוויזן וואו איך קען זיך גוט אַרומוואַשן פון דער לאַנגער רייזע. ער האָט מיך דאָרט איבערגעלאָזט און אַליין איז ער אַוועק אין קיך, צוגעשטעלט קאָכן וואַסער. אין עטלעכע מינוט אַרום בין איך געזעסן צוזאַמען מיט אים ביי אַ גלאָז הייסע קאַווע מיט מילך און . . . דאָס מאָל האָב איך גערעדט און ער האָט געהערט. דער אופן פון זיין הערן, די סימפּאַטיע וואָס האָט געשטראַלט פון אים, האָט מיך דערמוטיקט אויסצודערציילן אַלץ, נישט פאַרגעסנדיק די אָרעמקייט פון מיין משפחה.

דאַן האָט ער מיך פאַרוואָרפן מיט פראַגן: וועלכע מסכתות איך האָב שוין געלערנט? צי באַשטיי איך דורכאויס צו פאָרן קיין טעלז נאָך די ימים־טובים? און בכלל וויל ער וויסן, וואָס פאַרא תכלית זוך איך? נאָך איידער איך האָב אים געענטפערט, האָט ער מיך באַרואיקט, אַז מאָרגן וועט ער זיך טרעפן מיטן רב און ער אַליין וועט אים העלפן אָנשרייבן אַ בריוו צו מיינע עלטערן. ער וועט אויך ריידן מיטן רב, אַז ער זאָל מיך אַריינגעמען אין זיין קליינער ישיבה. ער האָט פאַרענדיקט מיט דעם, אַז ער אַליין כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אין בית־המדרש צו שמועסן מיט די בחורים וואָס לערנען דאָרטן.

איך האָב אים פּרובירט ענטפערן אויף זיינע פראַגעס. בנוגע תכלית האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וויל לערנען אַ סך. אויב איך וועל אַמאָל דערגרייכן צו רבנות, וועל איך זיין גליקלעך און מיינע עלטערן וועלן זיין גליקלעך. ער האָט דאַן געזאָגט: „נו, מיר וועלן זען מיט וואָס מיר קענען אייך העלפן". איצט האָב איך דערפילט נאָך שאַרפער וואָס פאַרא גרויס גליק דאָס איז געווען פאַר מיר, וואָס איך האָב באַגעגנט מיין נייעם אַפּוטרופּוס, ישראל יעפּרויקין. איך האָב געשפּירט, אַז עפּעס מער ווי סתם פריינטשאַפט פאַרבינדט אים מיט דעם „מניך" אין יעלאָק. שפּעטער האָב איך זיך דער־וואוסט, אַז אַזעלכע „מנינים" האָבן זיך געפונען אין אַ סך שטעטלעך פון יענער געגנט; אַז אין טעלז גופא זיינען געווען מער ווי איין „מניך" פון זייערע פריינט. כ'האָב זיי נאָך שפּעטער געטראָפן אויך אין ליבאַווע. אומעטום האָט דאָס בריוועלע פון ישראליקלען געעפנט פאַר מיר טירן צו פריינט און האָט מיך פּשוט אַרויסגעראַטעוועט פון דער איינזאַמקייט־סכנה, וואָס האָט געלויערט אויף מיר.

אין צוויי טעג צייט האָט בן־ציון גוטמאַן אַלץ איינגעאָרדנט על צד היותר טוב. ער האָט באַקומען פאַר מיר אַ באַזונדערן צימער. „טעג" וואו צו עסן און אַלץ איינגעאָרדנט אויך מיטן רב. אָבער אידער איך גיי איבער צו דער פעולה וואָס איך האָב געהאַט אין לערנען אין די צען חדשים, וואָס איך בין געבליבן אין יעלאָק, דאַרף איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן אָט־די מאָדנע „מנינים": דאָס איז געווען אַ גרופּע וואָס איז טאַקע געווען גוט אָרגאַניזירט. איר ציל איז געווען אַרויסצוהעלפן אָרעמע ישיבה־בחורים. פאַר דעם צוועק האָט זי אויך געהאַט אַ שטיקל פאָנד. זי האָט נישט געזוכט אַרויפצופירן דעם ישיבה־בחור אויף אַ געוויסן דרך. זי האָט גאָר קיין אייגענעם דרך נישט געהאַט. זי האָט זיך פריער גוט צוגעקוקט צום ישיבה־בחור גופא. אירע מענטשן האָבן געזוכט אויסצוגעפינען קודם־כל, וואָס פאַרא תכלית ער אַליין זוכט. אויב זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז זיין תכלית איז לערנען, בכדי צו דערגרייכן רבנות, אָדער סתם צו לומדות, האָבן זיי אים אין דעם מיטגעהאָלפן. האָבן זיי דערשפּירט אין אַ ישיבה־בחור די נויגונג צו וועלטלעכער בילדונג, האָבן זיי אים אין דעם מיטגעהאָלפן. איך האָב זיך דאָן געהאַלטן ביי מיין איינשטעלונג פון לערנען וואָס מער גמרא מיט תוספות, מיט אַנדערע מפרשים. דער יעלאָקער רב האָט אויף מיר געהאַט אַ גרויסע השפּעה איך זאָל ממשיך זיין מיין דרך. די „מנין"־מענטשן זיינען געווען אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיטן רב. זיי האָבן זיך דערוואוסט פון אים, אַז איך לערן גוט און בין אַ פרומער בחור, האָבן זיי אַלץ געטאָן מיך צו דערמוטיקן אויף דעם וועג, וואָס איך האָב אויסגעקליבן.

ג.

דער יעלאָקער רב, ר' שמואל יעקב ראַבינאָוויטש, איז בלי ספק געווען אַ גרויסער בקי אין תלמוד. די דעמאָלטיקע רבנים פלעגט מען באַצייכענען מיט פאַרשידענע טיטלען. קיין „עוקר הרים" — איינער פון אַזעלכע טיטלען — איז דער יעלאָקער רב נישט געווען. נאָר זיין בקיאות איז ממש געווען פענאָמענאַל. זיין מעטאָד פון לערנען איז אויך געווען באַזירט בעיקר אויף בקיאות. ער האָט צוליב דעם מחבר געווען אַ קליין ספרל, „המזכיר", אין וועלכן ער האָט איבערגעגעבן זיין מעטאָד ווי צו לערנען גאַנץ ש"ס און פוסקים. איך קען נישט מסביר זיין גענויער דעם מעטאָד ווי דורך זאָגן, אַז ער איז געווען באַזירט אויפן פּרינציפּ פון „רבי יהודה היה נותן בהם סימנים: דצ"ך, עד"ש, באח"ב". פונקט ווי רבי יהודה האָט דורך אָט־די דריי ווערטער, וואָס קלעפּן זיך נישט איינס צום אַנדערן און וואָס האָבן נישט קיין ברעקל

איגענעם מיין, מעגלעך געמאַכט צו געדענקען דעם סדר פון די עשר מכות, אַזוי קלינגט — און זעט טאַקע בפירוש אויס — דער ספר „המזכיר". די ווערטער צווישן זיך קלעפּן זיך נישט. מען מוז זיי נאָר גוט איינחזרן און געדענקען — און דורכדעם קענען איינגעהאַלטן ווערן אין זכרון גאַנצע סוגיות פון גמרא. זייענדיק דער גרויסער בקי, האָט ער אַרויסגענומען פון יעדער סוגיא דאָס סאַמע־כאַראַקטעריסטישע וואָרט, האָט די ווערטער צוזאַמענגעבונדן אין זאַצן און אָנגעזאָגט די תלמידים אויסצו'חזר'ן גוט די צווישן־זיך־נישט־קלעפּנדיקע ווערטער. אין זיינע שיעורים פאַר די תלמידים פלעגט ער קודם־כל זיי אויספּרובירן, אויב זיי געדענקען גוט די איינגע'חזר'טע ווערטער. יעדער תלמיד האָט געדאַרפט איבערזאָגן די ווערטער אויסנווייניק. דאַן האָט יעדער תלמיד געדאַרפט פונאַנדערוויקלען איינע פון אָט־די סוגיות. דורך דעם כאַראַקטעריסטישן וואָרט איז די סוגיא טאַקע צוריקגעקומען צום תלמיד. זעלטן האָט עס געטראָפן, אַז איינער פון די נײַן ישיבה־בחורים, וואָס האָבן דאַן געלערנט אין דער ישיבה, זאָלן מאַכן אַ טעות אין דער סוגיא, אויב זיי האָבן נאָר גוט איינגעשטודירט די נישט־צוזאַמענגעבונדענע ווערטער.

במשך די צען חדשים, וואָס איך האָב געלערנט אין יעלאָק, זיינען מיר דורכגעגאַנגען מיט אָט־דער מעטאָדע די מסכת חולין. קען איך עדות זאָגן, אַז עד־היום איז מיר פיל גרינגער צו דערמאָנען זיך סוגיות פון חולין, ווי פון אַלע אַנדערע מסכתות, וואָס איך האָב געלערנט נישט לויט אָט־דער מעטאָדע. דערמיט האָב איך שוין אייגנטלעך דערציילט, אַז איך בין נאָך ראש־השנה קיין טעלז נישט געפאָרן. איך האָב דערווייל באַקומען אַ בריוו פון מיינע עלטערן, אַז זיי זיינען גליקלעך וואָס איך לערן אין יעלאָק. זיי האָבן דעם בריוו, וואָס זיי האָבן באַקומען פון יעלאָקער רב, גלייך אַוועק־געטראָגן צו מיין קורעניצער אַפּוטרופּוס ר' אַברהם מענדל. ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז ער האָט געהערט וועגן יעלאָקער רב, אַז ער איז אַ גרויסער ירא־שמים און זיינע תלמידים לערנען זיך זייער פיל אויס אונטער זיין השגחה. בין איך דערביבער געבליבן אין יעלאָק נאָך אַ זמן.

אויסער די פריינט פון ישראל'יקס „מנין" האָב איך מיר דערוואָרבן אין יעלאָק נאָך צוויי ידידים פון די ישיבה־בחורים. איינער איז געווען אַן „אַלטער" באַקאַנטער, וואָס האָט פריער געלערנט צוזאַמען מיט מיר אין לעבעדעווער בית־המדרש. דער צווייטער איז געווען אַ געבוירענער אין דעם קורלענדישן שטעטל „בויסק". דאָרט איז געזעסן אַ געוויסע צייט על כסא־הרבנות דער באַרימטער גאון הרב קוק זכר צדיק לברכה. אונזער „בויסקער" פלעגט נישט אויפהערן צו דערציילן נסים ונפלאות פון הרב קוק. מיט אָט־די

אַלע ידידים האָב איך אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט, סיי ווען איך האָב געלערנט אין טעלז און סיי ווען איך בין געווען אין ליבאַווע. דער קאָנטאַקט האָט זיך איבערגעריסן ווען איך האָב מיך צוריקגעקערט קיין ווילנע. אָבער דער קאָנטאַקט מיט „ישראל׳יקלען״ איז אין שפּעטערדיקע יאָרן באַנייט געוואָרן און האָט אָנגעהאַלטן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. מיט אים וועלן מיר זיך נאָך שפּעטער באַגעגענען.

אין יעלאָק האָט זיך פאַרטיפט סיי מיין לערנען און סיי מיין פרומקייט. מיינע פריינט פון „מניך״ זיינען שוין געווען ווייט פון פרומקייט, אָבער זיי האָבן מיך געלאָזט גיין מיין דרך. פונדעסטוועגן האָב איך דורך זיי פאַרט פאַרזוכט צום ערשטן מאָל דעם טעם פון „השכלה״. עד־היום ווייס איך נישט, צי מיט אַ כוונה אָדער אָן איר האָט מיר בן־ציון גוטמאַן אַמאָל געבראַכט אין בית־המדרש פּרץ סמאָלענסקינס באַרימט בוך „התועה בדרכי החיים״. דאָס איז געווען דאָס ערשטע בוך וואָס איך האָב „געליינט״ און נישט „געלערנט״ ווי פריערדיקע ספרים. מיין גריבלענדיקע נאַטור האָט דאָרט אויך געזוכט דעם גאַנצן „פּרדס״ (פּשט, רמז, דרוש, סוד). אויב בן־ציון גוטמאַן האָט געהאַט דערביי אַ כוונה, האָט ער געטראָפן אין סאַמע פּינטל. איך האָב תיכף זיך אַליין דערשפּירט אין דער ראָלע פון דעם „תועה״. כ׳האָב דאָס בוך איבערגעליינט דריי מאָל. דאָס העברעאישע לשון איז פאַר מיר געווען אַביסל ניי, שטאַרק אַנדערש ווי דאָס לשון פון דער גמרא, אָדער די אַנדערע ספרים וועלכע איך האָב געלערנט. איך האָב נישט געוואָלט דורכלאָזן קיין איין וואָרט, איידער איך האָב עס גוט משיג געווען. וואָס איך אַליין האָב נישט געקענט משיג זיין, האָב איך געבעטן טאַקע בן־ציון גוטמאַנען ער זאָל עס מיר מסביר זיין, וואָס ער האָט גערן געטאָן.

די פראַגן, וועלכע האָבן מיך די גאַנצע צייט געמאַטערט, האָט דאָס בוך נישט פאַרענטפערט. דער נשמה־געראַנגל צווישן „פאַרשטיין״ און „גלויבן״ איז פאַרבליבן. איך האָב פון בוך נאָר אַרויסגעלערנט וועגן דעם ביטערן, שפּל׳ן לעבן פון דעם בלאָנדזשענדיקן ישיבה־בחור. וועגן דעם „מאי־קא־משמע־לן״ פונעם בוך האָב איך עטלעכע מאָל געשמועסט מיט בן־ציון גוטמאַן און מיט אַנדערע חברים פון זיין גרופּע. די דאָזיקע שמועסן זיינען אויך געווען אַ וויכטיקער טייל פון מיין „איבערדערציאונג״, וואָס איך האָב אָנגעהויבן באַקומען דווקא אין יעלאָק. דערמאָנענדיק זיך איצט וועגן יענע שמועסן, שפּיר איך ווי פאַרזיכטיק־קלוג מיינע נייע מחנכים זיינען געווען. אויף קיין האָר האָבן זיי נישט אָנגערירט מיין אינערלעך נשמה־לעבן. זיי האָבן פול־שטענדיק אויסגעפירט זייער „פּראָגראַם״ נישט צו צעשטערן מיין גייסטיקע

גלייכגעוויכט. אפשר דווקא דערפֿאַר האָבן זיי מער ווי מצליח געווען איך זאָל זיך פֿאַרטראַכט וועגן זיך אַליין: וואוהין פֿאָרט דאַרף איך גיין? וואָס פֿאַרט וויל איך דערגרייכן? איך האָב זיך באמית צו פֿאַרשטיין — וואָס פֿאַרא מענטשן זיינען זיי? זיי פֿירן אַ פּול־אידישן לעבנס־שטייגער, אָבער זיי זיינען דאָך אַנ־דערש ווי איך און די בחורימלעך מיט וועלכע איך האָב זיך ביז דאַן באַגעגנט. אַפילו די דערוואַקסענע בחורים, וועלכע האָבן געלערנט אין סמאַרגאָנער בית־המדרש, זיינען אויך געווען אַנדערש ווי אָט־די גרופּע. איך האָב באַזוכט זייערע משפּחות. איך בין אָפּט פֿאַרבעטן געוואָרן אויף מאָלצייטן, טאַקע צו דער משפּחה פֿון בן־ציון גוטמאַן. זיין טאַטע־מאַמע האָבן אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי מלכות׳דיקע מענטשן. אין מיין מחשבה האָט אויפֿגעטויכט אַ פֿאַרגלייך צווישן זיי און מיין טאַטע־מאַמע. פֿון איין זייט האָט עס פֿאַרשאַפֿט טיפֿע ווייטיקן. מיין טאַטן האָב איך געזען אין ווילנער סאָד־בײדל; מיין מאַמען האָב איך געזען ביינאַכט פֿליקנדיק פֿעדערן. פֿון דער צווייטער זייט האָבן זיינע עלטערן אַרויסגערופֿן אמתן יראת־הכבוד, ספּעציעל פֿאַר זיין טאַטן, דעם שיינעם, שטאָלצן איד.

דאָס געפֿיל פֿון באַוואונדערונג פֿאַר דער גרופּע איז ביי מיר נאָך שאַרפֿער געוואָרן ווען „ישראל׳יקל" האָט זיך באַוויזן אין יעלאָק, עטלעכע וואָכן פֿאַר ראש־השנה. דער „מנין" האָט אים אויפֿגענומען ווי חסידים אַ רבין. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט פֿון אים אַרויסגעשטראַלט צופֿרידנקייט. זיינע חברים האָבן, ווי עס זעט אויס, אים דערציילט וועגן מיר נאָר גוטס. זיינע פֿראַגן, וועלכע ער האָט מיר געשטעלט, זיינען אויך געווען זייער פֿאַרזיכטיקע. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער ווייסט וועגן מיר מער ווי איך אַליין; פּונקט דאָס זעלבע געפֿיל וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט וועגן ר׳ אברהם מענדלען. דער ציל פֿון אַלע זיינע פֿראַגן איז בעיקר געווען פֿעסטצושטעלן, אויב איך האַלט מיך נאָך ביי מיין רצון צו דערגרייכן רבנות. ווען מיין ענטפֿער איז געווען אַ פּאָזיטיווער, האָט ער מיר דאַן דערציילט, אַז ער איז געווען אין טעלז און גערעדט וועגן מיר מיט די מנהלים. איך קען קומען קיין טעלז ווען איך וויל, וועט מען מיך אַריינגעמען אין דער ישיבה. דערביי האָט ער דערמאָנט דעם נאָמען פֿון ר׳ שמעון שקאָפּ, וועמען ער האָט זייער געלויבט ווי אַ מסביר. ר׳ שמעון האָט געזאָגט זיינע שיעורים פֿאַר דער פֿערטער כיתה אין דער טעלזער ישיבה. אינגאַנצן איז די ישיבה געווען צעטיילט אין פֿינף כיתות. מיט די ערשטע דריי האָט געלערנט ר׳ יוסף לייב בלאָך, מיט דער פֿערטער — ר׳ שמעון שקאָפּ און מיט דער פֿינפֿטער — ר׳ לייזער גאָרדאָן אַליין, וואָס איז געווען דער הויפּט ראש־ישיבה. ישראל יעפּרויקין

האָט געהאַלטן, אַז אַמבעסטן וואָלט פאַר מיר געווען ווען איך קען אַריינגיין אין דער פערטער כיתה.

עס איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן, אַז פאַר מיר איז מיין נייעם פריינטס וואָרט געווען — געזעץ. די נויטיקייט צוצוגרייטן זיך צו דער פערטער כיתה האָט נאָך פאַרשטאַרקט סיי מיין אייגענע מיינונג און סיי די מיינונגען פון דער גרופּע אינעם באַשלוס, וואָס מיר האָבן שוין פריער אָנ־גענומען, צו בלייבן נאָך אַ זמן אין יעלאָק. פאַר מיר אַליין איז עס געווען גאָר אַ גרויסע שמחה. ערשטנס — האָב איך פּשוט ליב באַקומען דעם תמימות׳דיקן און האַרציקן יעלאָקער רב, וואָס האָט זיין גאַנצע נשמה ממש איבערגעגעבן צו די ישיבה־לייט. צווייטנס — די גרופּע. איך האָב געהאַט דאָס גליק דורכצומאַכן מיין איבערגאַנג פון די ימי־הנערות (אינגלערישע יאָרן) צו די ימי הבגרות (רייפקייטס־עלטער) אין איר סביבה, אין וועלכער איך האָב מיך געפילט אַזוי גוט ווי קיינמאָל נישט פריער. ווען איך האָב אין שפּעטערדיקע יאָרן געלייענט שילדערונגען וועגן די גייסטיקע קריזיסן וואָס אידישע קינדער האָבן דורכגעמאַכט במשך אָט־די פּראָצעסן, האָב איך מיך שטענדיק דערמאָנט ווי גרינג מיר איז אָנגעקומען אָט־דער איבערגאַנג, אַ דאַנק אָט־דער גרופּע. דריטנס — האָט מיך די טעלזער ישיבה אַביסל געשראָקן. בעיקר די מורא, אויב איך וועל דאָרט קענען געפינען אַזעלכע חברים ווי דער גורל האָט מיר צוגעטראָגן דאָ אין יעלאָק.

איך בין געווען דער גליקלעכסטער צווישן די יעלאָקער ישיבה־בחורים, ווייל די גרופּע האָט זיך באַצויגן צו מיר מיט טיפערן אינטערעס ווי צו די אַנדערע, צו וועמען זיי האָבן זיך אויך באַצויגן זייער גוט. איך בין געווען „זייערער". צווישן די דעמאָלטיקע ניין ישיבה־בחורים בין איך געווען דער איינציקער, וואָס ישראל׳יקל האָט דירעקט אַריינגעשיקט צו זיי.

ד.

איידער איך צי אונטער דעם סך־הכל פון מיינע צען חדשים אין יעלאָק, דאַרף איך נאָך דערציילן וועגן צוויי אינצידענטן וואָס, לויט מיין מיינונג, גיבן זיי צו אַביסל קאָליר צו דער גאַנצער פּרשה: אויך אין יעלאָק זיינען נאַטירלעך געווען אַ רעכט ביסל עם־הארצים. געווען דאָרט אַ גאָר־גרויסע גרופּע פון רייכע פערד־הענדלער, וועלכע האָבן געפירט געשעפטן מיט די גרויסע, אַרומיקע שטעט. איינער פון זיי, אַ גאַנצער תקיף אין שטעטל האָט איין טאָג, מנחה־צייט, דערזען אַז איך האַלט עפּעס אַ ספר׳ל אין האַנט, אויסער דער גמרא, חולין, וואָס איז געלעגן אַ צעעפנטע אויפן שטענדער.

דאָס האָב איך דאַן טאַקע אַריינגעקוקט אינעם דערמאָנטן „התועה". ער האָט מיט אַ גאַנץ גראָבן און הויכן טאָן אַ זאָג געטאָן: „יונגערמאַן, דו האָלסט אויפן שטענדער אָפן דעם גרויסן סידור (קיין אַנדער נאָמען פאַר ספר האָט ער נישט געוואוסט), צו וואָס דאַרפסטו נאָך דאָס קליינע סידור'ל?" דער רב האָט דערהערט, אַז דער איד שרייט אויף מיר, איז ער תיכף צוגעקומען. ער האָט דערזען דעם „התועה", אים ביי מיר אַוועקגענומען און מיך געהייסן אַריינקומען צו אים אין זיין וואוינונג, וואָס איז געווען צוגעבויט צום בית־המדרש.

איך בין אַריינגעקומען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אין מוח זיינען אויפגעקומען מחשבות, וואָס איך זאָל זאָגן דעם רב. איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל אים קיין ליגן נישט זאָגן; אָבער אויב איך זאָג אים דעם אמת, מוז איך דאָך דערציילן, אַז דאָס בוך האָב איך געקראָגן פון בן־ציון גוטמאַן. טאָ ווי קען איך טאָן אַזאַ זאַך צו אַזאַ טייערן מענטש? צום גליק האָט דער רב אַליין מיך אַרויסגעפירט פונעם פלאָנטער. אַנשטאָט מיך פרעגן שאלות, האָט ער אָנגעהויבן אַזוי: „איך ווייס צו וועמען אָט־דאָס בוך געהערט. בן־ציון גוטמאַן האָט עס אַמאָל געברענגט צו מיר און מיך גע'עצה'ט איך זאָל עס לייענען. איך האָב אַפילו געהערט, אַז דער מחבר פון בוך איז אַן אדם גדול. איך האָב אָבער דאָס בוך נישט געלייענט. איך וויל אין ספרי־חול אַפילו נישט אַריינקוקן. אָט האָב איך די טעג באַקומען אַ לאַנגן קול־קורא פון דעם לידער רב, הרב ריינעס, וועגן עפּעס אַ נייער חברה וואָס זיי ווילן גרינדן (דאָס האָט געמוזט זיין דער ערשטער קול קורא וועגן דער גרינדונג פון מזרחי. ב.צ.). הרב ריינעס איז אַ גדול בתורה, אָבער איך וועל אין זיין חברה נישט אַריין. מיין שטאַרקסטע תשוקה איז מרביץ תורה זיין. און אויך איך אַליין דאַרף נאָך פיל לערנען. איך וואָלט אוודאי געוואָלט, אַז אויך מיינע תלמידים זאָלן זיך נישט אָפּגעבן מיט ספרי־חול. איך וועל אָבער אויף דיר נישט שרייען ווי דער תקיף האָט געטאָן. איך בין בטוח, אַז ער ווייסט גאָרנישט דעם חילוק צווישן אַ גמרא און אַזאַ בוך. בן־ציון גוטמאַן איז זייער אַ פיינער יונגערמאַן. ער מיינט אוודאי דיין טובה. אָבער מיין עצה איז, אַז דו זאָלסט זיך היטן פון אַזעלכע ספרי־חול".

איז מיר צוגעקומען אַ נייער גראַנגל: דער שטאַרקער ווילן צו פאָלגן דעם רב פון איין זייט און די תשוקה צו זוכן אַזעלכע ספרי־חול פון דער צווייטער זייט. גובר געווען האָט גאָר שנעל די צווייטע תשוקה. שטאַרק אַרויסגעהאָלפן דערצו האָט דער צווייטער אינצידענט. אין די חנוכה־טעג פון יאָר תרס"ב איז „ישראל'יקל" ווידער געקומען קיין יעלאָק. דער „מגיד"

האָט דורכגעפירט אַ חנוכה־אָוונט, טאָקע ביי בן־ציון גוטמאַן אין שטוב. צום אָוונט זיינען געקומען אַרום אַ 30 יונגעלייט און מיידלעך. צווישן זיי — דריי ישיבה־בחורים, איינשליסנדיק מיך. ישראל יעפּרויקין האָט דערקלערט די געשיכטע פון חנוכה. דאָס איז געווען מיין ערשטע לעקציע אין אידישער געשיכטע. דער קאַמף קעגן דער גריכישער הערשאַפט אין ארץ־ישראל און די גבורה פון די מאַקאַבייער זיינען פון אים אַרויסגעברענגט געוואָרן אויפן ערשטן אָרט און נישט דער נס מיטן קריגל בוימל, וואָס ביז דאַן איז עס ביי מיר — פונקט ווי ביי אַלע פרומע אידן — געווען דער עיקר פון די חנוכה־נסים. איז עס געווען פאַר מיר דער ערשטער חידוש יענעם אָוונט. געווען אויך אַ צווייטער: איינער פון „מנין" האָט דאַן געלייענט די זייער־הומאָריסטישע דערציילונג וואָס שלום־עליכם האָט פונקט יענעם יאָר אָנגעשריבן — „וואָס איז חנוכה". מן־הסתם האָט עס ישראל'יקל מיטגעבראַכט מיט זיך קיין יעלאָק. איז פאַר מיר סיי דער נאָמען „שלום עליכם" און סיי דער עצם־פאַקט אַז מען שרייבט אין אידיש דערציילונגען, געווען פלאַמ'דיקע חידושים. אין אידיש האָב איך געוואוסט פון „צאינה וראינה", פון תחינות־לעך און פון אַנדערע קלייניקע ביכעלעך, וואָס נאָר ווייבער און מיידלעך האָבן געלייענט. אָט־די חידושים זיינען געווען פאַר מיר אַ נייער צוגאָב צו די פריערדיקע ווידערשפּרוכן, וואָס האָבן אָנגעפילט מיין וועזן. וואָס מיינט דאָס אַלץ? עפּעס געשעט אין דער גרויסער וועלט — מחוץ די „כותלי בית־המדרש" — וואונדערלעכע זאַכן. דאָס האַרץ ציט צו וויסן וועגן דעם. אין דער זעלביקער צייט ציטערט דאָס זעלביקע האַרץ פאַרן פאַרלירן דעם גייס־טיקן יסוד, אויף וועלכן מיין נשמה האַלט זיך: פרומקייט און לערנען אַ סך.

אויף מאָרגן, נאָכן חנוכה־אָוונט, האָב איך געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט ישראל יעפּרויקין. דאָס מאָל אויף מיין איניציאַטיוו. איך האָב אים דערציילט דעם אינצידענט מיטן רב, וועגן דעם „התועה בדרכי החיים" און וואָס דער רב האָט מיך גע'עצה'ט. איך האָב אים אויך געפּרובירט דערקלערן די נייע רעגונגען, וואָס דער נעכטיקער אָוונט האָט ביי מיר אַרויסגערופן. אויף דעם האָט ער מיר געגעבן אַ קורצן, אָבער שניידנדיקן ענטפער: „אויב איר ווילט נאָך אַלץ פאַרן קיין טעלז און דערגרייכן רבנות, איז מיין עצה איר זאָלט פאָלגן דעם רב. און — האָט ער נאָך צוגעגעבן שמייכלענדיק — גריבלט זיך אַביסל ווייניקער". האָב איך אים געפרעגט די זעלביקע פראַגע וואָס איך האָב אַמאָל געשטעלט ר' אברהם־מענדלען: „וואָס זאָל איך פאַרט טאָן, ווען עס קומען אויף אין מוח אַזעלכע קשיות און שאלות? וואו זאָל איך זוכן די תשובות?" זיין ענטפער איז דאָס מאָל שוין נישט געווען אַזוי קורץ און אויך נישט שניידנדיק.

איך קען נאַטירלעך, נישט געדענקען זיינע פּינקטלעכע ווערטער, אָבער זיין געדאַנקען־גאַנג ליגט מיר גוט אין זכרון. ער האָט מיר ערשטנס, פאַרזיכערט, אַז איך וועל די ענטפערס סוף־כל־סוף געפינען. אויף אַלע פראַגן — האָט ער געזאָגט — געפינט קיינער נישט קיין ענטפערס, אָבער אויף די מערסטע געפינט מען יאָ. יעדער איינער מוז זיי זוכן אין זיך. עס איז גוט וואָס איר זוכט ענטפערס, אַנדערש וועט איר קיינמאָל נישט לערנען. אָבער עס טויג נישט וואָס איר נעמט זיך אַזוי צום האַרצן פון יעדער פראַגע. עס מוז נעמען צייט ביז דער ענטפער קומט.

דער סוף פון אַט־דעם שמועס איז געווען, אַז איך פאַר נאָך פּסח קיין טעלז. ער, יעפּרויקין, וועט נאָך פּאַר פּסח ווידעראַמאָל באַזוכן טעלז און וועט זיך באַמיען ביי די מנהלים, מען זאָל מיך תיכף אַריינגעמען אין ר׳ שמעון׳ס כיתה.

* * *

איך קען איצט קומען צו דער אונטערשטער שורה פון די צען חדשים יעלאָק. איך בין פון דאָרט אַרויסגעפאָרן גאָר־גאָר אַן אַנדערער ווי איך בין אַהין אַריינגעקומען. מיין פרומען לעבנס־שטייגער האָט עס נאָך נישט באַרירט. אָבער ערגעץ־וואו אין הינטערבאַוואוסטזיין האָט שוין געגעסטיקט אַ געפיל, אַז עס קען אויך זיין אַן אַנדער לעבן. ווידער אַן אינערלעכער נשמה־געראַנגל. ער האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין מיר מיטן פריערדיקן, צווישן „פאַרשטיין" און „גלויבן". דער נייער געראַנגל האָט מיך אָבער מער באַאומרואיקט. ער איז געווען פאַרבונדן מיטן פּחד צו פאַרלירן דעם ביז־איצטיקן, גייסטיקן יסוד. דער דאָזיקער פּחד האָט שוין געשטעקט ערגעץ־וואו אין דער נשמה. איך מיין איצט, אַז אַט־דער געראַנגל האָט מיר קיין שאָדן נישט געטאָן. אפשר האָט ער מיר גאָר געהאָלפן אַרויפגיין אויף יענעם דרך, אויף וועלכן איך בין שפּעטער געגאַנגען כמעט מיין גאַנץ לעבן. אָבער דאַן האָט עס מיר פאַרשאַפט טיפע, גייסטיקע יסורים.

# אין דער טעלזער ישיבה

א.

די טעלזער ישיבה איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע אַנטוישונג. 10 חדשים האָב איך זיך אין יעלאָק געפונען אין אַ קרייז פון מענטשן, וועלכע זיינען מיר ממש געוואָרן איינגעבאַקן אין האַרצן. פסח האָב איך פאַרבראַכט מיט זיי און זיך געפילט אַזוי היימיש, ביז איך האָב כמעט פאַרגעסן אין דער בענקשאַפט אַהיים. אָבער אין טעלז בין איך די ערשטע וואָכן געווען זייער איינזאַם. עס איז מיר שווער געווען צו געפינען אַפילו איין חבר, צו וועמען איך זאָל שפּירן כאָטש אַ טייל פון יענער נאָנטקייט, וואָס איך האָב געפילט צו אַזאַ צאָל ידידים אין יעלאָק.

צוגעהאָלפן צו אָט דער איינזאַמקייט האָבן די ידיעות וואָס איך האָב באַקומען פון דער היים. מיינע עלטערן זיינען נישט געווען קיין געניטע בריוו־שרייבער. די עטלעכע בריוולעך, וואָס איך האָב באַקומען קיין יעלאָק, האָט געשריבן מיין עלטערער ברודער, הירשע־מיכל. די צוויי וויכטיקסטע בריוו צו מיר האָט גאָר געשריבן מיין פריערדיקער אַפּוטרופּס ר׳ אברהם מענדל, וואָס האָט געהאַלטן אויף מיר אַן אויג פון דערווייטן. טאַקע פון זיינס אַ בריוול האָב איך מיך דערוואוסט, אַז דער יעלאָקער רב האָט צו אים געשריבן וועגן מיר צוויי מאָל. פון דער טיפער פרייד וואָס האָט אַרויס־געשטראַלט פון ר׳ אברהם מענדלס בריוו האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ר׳ שמואל יעקב ראַבינאָוויטש האָט מיר פאַראויסגעזאָגט אַ גוטע צוקונפט, אויב איך וועל זיך נאָר האַלטן פעסט ביים לערנען. פון די בריוו פון מיין ברודער האָב איך אַרויסגעפילט, אַז טאַטע־מאַמע זיינען אויך גליקלעך דערפון, כאָטש דער ווייטיק, וואָס איך בין אַזוי וויים פון זיי, איז נאָך אַלץ געווען שאַרף. איך האָב דעריבער אין יעלאָק געשעפּט נחת סיי פון לערנען, סיי פון די ידיעות פון דערהיים און סיי — בעיקר — פון מיינע האַרציקע ידידים.

אָבער פונקט ווען איך בין פאַרפאָרן קיין טעלז איז געקומען אַן איבערברוך אין אַלע דריי שטחים. איך הייב אָן פון דערהיים:

די לאַגע אין דער פרנסה איז געוואָרן אַלץ ערגער. דער „מסחר" אין די

דערפֿער איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ מאָגערער. שוין אין לעצטן בריוו וואָס איך האָב אין דער פּסח־וואָך באַקומען קיין יעלאָק איז געווען אַ רמז, אַז מיין ברודער גרייט זיך צו פֿאָרן קיין אַמעריקע. ער איז געווען עלטער פֿאַר מיר מיט 4 יאָר — שוין אַ 19־יעריקער בחור. קיין צוקונפֿט אין טאַטנס „געשעפֿטן״ האָט ער נישט געזען. דערצו האָט ער זיך שטאַרק געשראָקן פֿאַר דער „סלוזשבע״. אין קאַרגע צוויי יאָר אַרום דאַרף ער זיך שטעלן צום פּריזיוו. ער איז, וואָס אַן אמת, געווען וואָס מען האָט ביי אונז גערופֿן אַ „לעגאַטניק״. דאָס מיינט: ווי דער בכור אין דער משפּחה, האָט ער געהאַט אַ צווייטע גראַד לעגאָטע. אַן ערשטע גראַד „לעגאָטע״ האָבן געהאַט בני־יחידים. אָבער ער האָט געוואוסט, אַז פֿון קורעניץ האָט מען אין די לעצטע פּריזיוון צוגענומען אַפֿילו די וואָס האָבן געהאַט ערשטע „לעגאָטע״. עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן דער מאַסן־געלויף קיין אַמעריקע. די שטעטלעך האָבן זיך בעיקר אויסגעליידיקט פֿון זייערע יונגע מענטשן. יעדער קרייז האָט אָבער געמוזט צושטעלן אַ באַשטימטע צאָל סאָלדאַטן. איז עס דעריבער דערגאַנגען ביז צו די „לעגאַטניקעס״.

סיי מיינע עלטערן, סיי מיין ברודער אַליין האָבן זיך שטאַרק געשראָקן פֿאַר דעם. ביז איצט האָט דער ברודער אַרויסגעהאָלפֿן אויסצושלאָגן ווי־עס־איז די אָרעמע חיונה. וואָס וועלן זיי אָבער טאָן, ווען מען נעמט אַוועק מיין ברודער אויף גאַנצע 4 יאָר? אויך דאָס עצם „דינען פֿאָניען״ (אַזוי האָבן עס אַלע אידן דאַן באַצייכנט) איז נישט געווען פֿון די געשמאַקע זאַכן. עס פֿלעגן אָפֿט קומען אַ גרופּע סאָלדאַטן אין שטעטל און די אידן האָבן געזען ווי שווער ס׳איז זייער „סלוזשבע״. מען קען זיך דעריבער גרינג פֿאָרשטעלן וויאַזוי מיין משפּחה האָט געפֿילט.

און פֿון יענע בחורים וואָס האָבן באַוויזן צו דערגרייכן אַמעריקע האָבן אָנגעהויבן קומען בריוו. אָפֿט זיינען צו די בריוו געווען צוגעלייגט אַנווייזונגען אויף געלט. די סכומים זיינען געווען קליינע. אָבער 5 אַמעריקאַנער דאָלער זיינען דאַן געווען פֿיל מער ווי מיין טאַטע, מיטן ברודער צוזאַמען, האָבן פֿאַרדינט אַ גאַנצן חודש. האָט דעריבער דער געדאַנק פֿון פֿאָרן קיין אַמעריקע נישט אָפּגעלאָזט.

דער צווייטער בריוו, וואָס איך האָב באַקומען קיין טעלז, איז שוין נישט געשריבן געוואָרן פֿון מיין ברודער. עס האָט אים געשריבן מיינס אַ פֿעטער, דער דרדקי־מלמד ר׳ שמואל, דער מאַן פֿון מיין טאַטנס שוועסטער צביהביילע. אין אַט דעם בריוו איז דערציילט געוואָרן, אַז מיין ברודער הירשע־מיכל איז שוין בעזרת השם אַריבער די גרענעץ. מען דערוואַרט גאָר אין גיכן צו הערן

פון אים, אַז ער איז שוין אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דערביי שרייבט ר׳ שמואל וועגן די שוועריקייטן וואָס דער טאַטע האָט געהאַט, ביז ער האָט צוזאַמענגעקליבן די נויטיקע הוצאות פאַר מיין ברודערס נסיעה. ער האָט געמוזט פאַר׳משכנ׳ען אונזער שטוב צו אַ שכן, חיים דוד דער שוסטער. (ווען איך בין אין 1919 געקומען אויף אַ באַזוך אין קורעניץ, האָט אַ זון פון חיים דודן מיר געבראַכט דאָס וועקסל וואָס מיין טאַטע האָט אונטער־געשריבן אויף 105 רובל. ער האָט געהאַנדלט זייער אידל וואָס ער האָט מיר נישט גערעכנט קיין פּראָצענט פאַר די 17 יאָר צייט).

ערשט אַרום שבועות האָב איך באַקומען אַ צווייטן בריוו מיט דער ידיעה, אַז דער ברודער איז בשלום אָנגעקומען קיין אַמעריקע. במשך די דאָזיקע וואָכן, ווען איך האָב אַזוי אינטענסיוו געלעבט מיט די ליידן פון דער משפחה, האָב איך פון דער ישיבה, סיי בנוגע לערנען, סיי בנוגע דערווערבן זיך פּריינט, אויך נישט געהאַט קיין נחת. פאַרקערט, איך האָב געטרונקען מיט דער פולער מאָס דעם היפך פון נחת.

## ב.

די ערשטע, צו וועמען איך האָב מיך געדאַרפט אָנמעלדן, זיינען געווען די משגיחים פון דער ישיבה, מיט וועמען מיין נייער אַפּוטרופּוס ישראל יעפּרויקין האָט גערעדט וועגן מיר און וועמענס נעמען ער האָט מיר געגעבן. ער האָט מיר אויך געגעבן נעמען און אַדרעסן פון אַנדערע פריינט. צו זיי בין איך אָבער געקומען מיט וואָכן שפּעטער. אין די ערשטע פאַר וואָכן בין איך לגמרי געווען אינעם רשות פון די משגיחים. די באַציאונגען צווישן די שטאָטישע איינוואוינער און דער ישיבה זיינען אין טעלז געווען גאָר אַנדערע ווי אין די פריערדיקע שטעט וואו איך האָב געלערנט. דאָרטן זיינען די שטאָט און די ישיבה געווען איין קיבוץ. די שטאָטישע אידן האָבן געגעבן די בחורים „טעג״ צו עסן און אַ בעט צום שלאָפן. זיי האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער לאַגע פון די ישיבה־בחורים. נישט אַזוי אין טעלז. דאָ איז די ישיבה געווען אַ מלוכה פאַר זיך. צווישן איר און די שטאָטישע אידן איז געשטאַנען אַ מין מחיצה. דער איינציקער ביישטייער פון די שטעטל־שע איינוואוינער צו דער ישיבה איז געווען, וואָס עטלעכע משפחות האָבן געגעבן די ישיבה־בחורים פּלאַץ צום שלאָפן. אָבער די מערסטע ישיבה־בחורים האָבן געמוזט צאָלן פאַר זייער נאַכטלעגער. פאַר זייער שפּייז האָבן אַלע בחורים געדאַרפט צאָלן. יעדער בחור האָט באַקומען אַ באַשטימטע סומע פון דער ישיבה־קאַסע. די גרויס פון די סכומים זיינען מערסטנס באַשטימט

געוואָרן לויט דער גרויס פון דער הכנסה. וואָס די ישיבה האָט באַקומען פון יענעם שטעטל, פון וואַנען דער ישיבה־בחור איז געקומען. אין מיין פאַל האָט מיך געטראָפן אַ „גליק”: זלמן־בער קורעניצער האָט פאַרלאָזט טעלז, בשעת איך האָב געלערנט אין יעלאָק. בין איך געבליבן יענעם זמן דער איינציקער קורעניצער. איז דעריבער דער סכום וואָס איך האָב באַקומען פון דער קאַסע נישט געווען — פאַר יענע באַדינגונגען — קיין קליינער. אַזויווי צו גרויסע לוקסוסן בין איך דאָך נישט צוגעוואוינט געוואָרן, איז פון דעם שטאַנדפונקט מיין מצב געווען גאָר נישט קיין שלעכטער. שפּעטער אין זמן האָב איך אויך באַקומען — דורך די אַנדערע פריינט פון ישראל יעפּרויקין — סיי אַן אָרט וואו צו שלאָפן, פאַר וועלכן איך האָב נישט געדאַרפט צאָלן, סיי אַ משפחה וואָס האָט מיך צוגענומען צום עסן ביי איר שבתים. איז מיר נאָך גרינגער געוואָרן. דאָס איז אָבער געווען אין צווייטן האַלבן זמן און דערווייל האָלט איך ערשט ביים אָנהויב.

אַריינגענומען אין ישיבה האָט מען מיך דווקא אָן שוועריקייטן. דער פּראָצעס פון „פאַרהערן” מיך איז געווען אָן טיפן אינטערעס מצד די פאַר־הערערס. נישט די ראשי־ישיבה האָבן מיך פאַרהערט, נאָר די משגיחים. צו די ראשי־ישיבה בין איך געבראַכט געוואָרן ערשט שפּעטער. לכתחילה האָב איך עס פּשוט נישט פאַרשטאַנען. אין יעלאָק זיינען געווען עלטערע בחורים, וועלכע האָבן געלערנט אין טעלז. זיי האָבן מיר פאַראויס־געזאָגט, אַז דער פּראָצעס פון פאַרהערן און צוגענומען ווערן אין טעלז איז זייער אַ שווערער. אַפילו ישראל עפּרויקין, וואָס האָט שטענדיק געזוכט מיר גרינגער מאַכן אויפן האַרצן, האָט מיך אויך געוואָרנט אַז איך זאָל זיך גוט צוגרייטן. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט די הויפּט־סיבה פון דער ענדערונג, וואָס איז דווקאַ געווען מיין טובה ביים אָנגענומען ווערן אין דער ישיבה. עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט לרעה, נישט נאָר פאַר מיר, נאָר פאַר אַלע בחורים וואָס האָבן יענעם זמן געלערנט אין טעלז. דאָס לערנען איז יענעם זמן געווען זייער נישט געלונגען און די שטימונג בכלל איז געווען זייער אַ געדריקטע.

ג.

ווי איך האָב שוין דערציילט, איז די טעלזער ישיבה געווען איינגעטיילט אין 5 כיתות. מיט די ערשטע דריי כיתות האָט געלערנט ר׳ יוסף ליב, דער איידעם פון הויפּט ראש־ישיבה ר׳ אליעזר גאָרדאָן (אין דער ישיבה האָט מען אים גערופן ר׳ לייזער. אין די אַרומיקע שטעט האָט מען אים גערופן ר׳

לייזער טעלזער, איך וועל מיך האַלטן ביי זיין ישיבה־נאָמען). מיט דער 4־טער כיתה האָט געלערנט ר׳ שמעון שקאָפּ (אין דער ישיבה: ר׳ שמעון), און מיט דער 5־טער כיתה האָט געלערנט ר׳ לייזער אַליין. יענעם זמן איז ר׳ יוסף לייב נישט געווען מיטן גאַנצן האַרצן ביי דער ישיבה — און דווקאַ ער, נישט זיין שווער ר׳ לייזער, האָט געגעבן דעם טאָן אין דער ישיבה. ער האָט געהאַט די עיקר דעה אין אַלע ענינים און וויבאַלד ער איז געווען שטאַרק צערודערט, האָט עס אַריינגעבראַכט צערודערונג אין דער גאַנצער ישיבה. דאָס לערנען האָט זיך פשוט נישט געקלעפּט.

דער אָפּטימיזם פון מיין אפּוטרופּוס, אַז איך וועל אַריינגענומען ווערן אין דער 4־טער כיתה צו ר׳ שמעונען, איז דאָס ערשטע האַלבע יאָר נישט מקויים געוואָרן. מיינע פאַרהערער האָבן באַשטימט, אַז איך דאַרף אַריין אין דער צווייטער כיתה. בין איך אויך געפאַלן אַ קרבן פון ר׳ יוסף לייבס צערודערטקייט. איך האָב געהערט פון אים בלויז געציילטע שיעורים און זיי האָבן אויף מיר, פּונקט ווי אויף די אַנדערע ישיבה־בחורים, קיין השפּעה נישט איבערגעלאָזט.

פון די עלטערע ישיבה־בחורים האָב איך מיך דערוואוסט, אַז ר׳ יוסף לייב׳ס מאָדנע הנהגה שטאַמט דערפון, וואָס ער איז שוין דאַן אָנגענומען געוואָרן ווי אַ רב אין וואָרנע, אַ שטעטל נישט ווייט פון טעלז. זיי האָבן אויך מרמז געווען, אַז דער שלום־בית צווישן דעם שווער און דעם איידעם איז נישט בסדר. וואָס עס האָט צווישן זיי פּאַסירט האָב איך מיך קיינמאָל נישט פאַראינטערעסירט אויסצוגעפינען. דער פאַקט איז געווען, אַז ר׳ יוסף לייב איז טאַקע במשך יענעם זמן אוועק קיין וואָרנע און זיך צעשיידט מיט דער טעלזער ישיבה אויף עטלעכע יאָר. ערשט נאָך דער פּטירה פון ר׳ לייזערן — 1910, אין לאָנדאָן — איז ר׳ יוסף לייב צוריק געקומען קיין טעלז, האָט דאָרט איבערגענומען סיי די רבנות פון טעלז, סיי די הויפּט־פירערשאַפט פון דער ישיבה. ר׳ שמעון האָט זי פאַרלאָזט אין יאָר תרס״ג, אַזוי אַז פּונקט ווען איך האָב דאָרט געלערנט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע ירידה אין דער טעלזער ישיבה.

## ד.

נאָך צוויי פאַקטאָרן האָבן משפּיע געווען אויף מיין געמיט דעם ערשטן האַלבן זמן. איינער אַן אַלגעמיינער, דער צווייטער אַ מער־פּערזענלעכער.

דער אַלגעמיינער פאַקטאָר איז געווען: אַן איבערגעבליבענע אומרואי־קייט און אָנגעצויגנקייט אין דער טעלזער ישיבה פון אַ מאָדנעם „סטרייק״

וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען מיט אַן ערך 4 יאָר פריער, איידער איך האָב דאָרט געלערנט. אין אָט דעם „סטרייק" האָט געהאַט אַ חלק מיין נייער אַפּוטרופּוס ישראל יעפּרויקין. ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוואוסט, טאַקע פון די מענטשן פון יעפּרויקינס „מנין" אין טעלז, איז אָט־דער מאָדנער „סטרייק" אויסגעבראָכן ווי אַ פּראָטעסט קעגן די משגיחים, וועלכע האָבן געררודפט ישיבה־בחורים ביי וועמען מען האָט געפונען השכלה־ביכלעך. צוזאַ־מען מיט די משגיחים האָט אָנגעפירט מיט די רדיפות — און מיט אַ שטאַרקער האַנט — טאַקע ר׳ יוסף לייב. ר׳ לייזער און ר׳ שמעון האָבן אויך מלחמה געהאַלטן קעגן דער השכלה. אָבער זייער מעטאָדע איז געווען צו פירן די מלחמה דורך אויפקלערונג, דורך מוסר־רייד, נישט דורך רדיפות. קעגן זייערע מעטאָדן וואָלט דער „סטרייק" נישט דערקלערט געוואָרן. די משגיחים אָבער, בעיקר דער משגיח ר׳ יהודה לייב חאַסמאַן, זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער קאָוונער „לשכה השחורה" (אַן אָרגאַניזאַציע פון אַנטי־ציוניסטישע אָרטאָדאָקסן) און זיינען פון איר שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן. פון דעם נאָמען וואָס דער דעמאָלטיקער ציוניסטישער דור האָט איר געגעבן קען מען זען, אַז די דאָזיקע „לשכה" האָט נישט איבערגעקליבן אירע מיטלען אין קאַמף קעגן ציוניזם, וואָס האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין דער אָרטאָ־דאָקסיע בכלל און צווישן ישיבה־בחורים בפרט. די „לשכה" האָט נאַטירלעך אויך געקעמפט קעגן השכלה — און די משגיחים, מיט דער נאָענטער הילף פון ר׳ יוסף לייב, האָבן די אַרבעט פון דער „לשכה" געפירט אין דער טעלזער ישיבה. איך האָב דאַן ווייניק געוואוסט סיי וועגן ציוניזם, סיי וועגן דער לשכה השחורה. אָבער דער ענין פון השכלה האָט מיך שוין לאַנג געהאַט אינטערעסירט. „השכלה" איז פאַר מיר דאַן געווען אַ המשך פון מיין ווילן צו פאַרשטיין זאַכן און נישט נאָר צו גלויבן. דעריבער האָט אויך מיך פאַר־אינטערעסירט אַלץ וואָס עלטערע ישיבה־בחורים האָבן דערציילט וועגן דעם אויסערגעוויינטלעכן „סטרייק" פון 4 יאָר צוריק.

שוין דער נאָמען פונעם „סטרייק" האָט פאַראינטריגירט. ער האָט גע־הייסן „דער שאַ־שאַ־סטרייק". פון וואַנען אַזאַ נאָמען? — איז אַזוי די מעשה:

די משגיחים האָבן זיך דערטראַכט צו אַ מיטל וויאַזוי אַרויסצוטרייבן ביידע דיבוקים — סיי די השכלה, סיי דעם ציוניזם — פון די ישיבה־בחורים. זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יעדער ישיבה־בחור מוז יעדן טאָג לערנען אַ געוויסע צייט מוסר־ספרים. אַ גרויסע צאָל ישיבה־בחורים זיינען דערפון געווען אומצופרידן. האָבן זיי זיך צוזאַמענגערעדט, אַז אין אַ באַ־שטימטער צייט פון לערנען זאָלן אַלע צוזאַמען אָנהויבן קלאַפּן אין די שטענ־

דערס און שרייען: „שאַ! שאַ!" אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן. דאָס האָט געפירט צו ביטול־תורה. דאַן האָבן זיך די ראשי־ישיבה אַריינגעמישט. זיי האָבן אויפ־געפאָדערט די אָנפירער פון דעם סטרייק צו דערקלערן וואָס זיינען זייערע קריוודעס. וועגן דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג זיינען דאָ צוויי נוסחאות: איינע זאָגט, אַז דער „סטרייק" איז באַלד פאַרענדיקט געוואָרן דורך אַ פשרה, אַז לערנען מוסר איז נישט קיין חוב, נאָר אַ רשות. ווער עס וויל נישט לערנען מוסר, איז נישט מחויב. דערמיט זאָל זיך עס האָבן פאַרענדיקט. אַ צווייטער נוסח גיט נאָך צו, אַז איניקע פון די אָנפירער פון „סטרייק" האָט מען משלח געווען פון דער ישיבה.

איך האָב וועגן מוסר דאַן געוואוסט נאָר פונעם ספר „חובת הלבבות". איך האָב נישט געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַ גאַנצע מוסר־באַוועגונג און אַז ר' ישראל סאַלאַנטער האָט אַריינגעבראַכט אַ גאַנצע שיטה פון לערנען מוסר. וואָלט איך וועגן דעם געוואוסט, וואָלט מיין וואונדער נאָך גרעסער געווען, הלמאי מיין אַפּוטרופּוס, ישראל יעפּרויקין, איז געווען איינער פון די אָרגאַני־זירער פונעם „סטרייק". איך האָב דאָך אים געקענט ווי אַ טיף־ערלעכן, צו־מענטשן־איבערגעגעבענעם, מיט נשמה'דיקער התלהבות־דורכגעדרונגענעם יונגערמאַן, וואָס דער מוסר פון „חובת הלבבות" פּאַסט אַזוי צו זיין געמיט. האָב איך דאָך געדענקט וואָס פאַר אַ רושם עס האָט אויף אים געמאַכט דער פאַקט, וואָס איך האָב — בעת אונזער ערשטער באַגעגעניש אין באַן — אַריינגעקוקט אין „חובת הלבבות". ווען איך האָב מיך שפּעטער (ערשט אין ליבאַווע) אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן אין דער מוסר־באַוועגונג און אין דער פּערזענלעכקייט פון ר' ישראל סאַלאַנטער — און איך האָב דערשפּירט ר' ישראל'ס טהרת־הנפש און זיין ציען זיך צו קדושה, וואָס איז דער צענטראַלער ציל פון דער מוסר אידייע — איז מיין וואונדער אויף מיין גייסטיקן מדריך געוואָרן נאָך שטאַרקער. זיינע טיף־מענטשלעכע האַנדלונגען בעת אונזער באַגעגעניש אין טעלז און בעת די דריי באַגעגענישן שפּעטער, אין ליבאַווע, האָבן נאָך מער פאַרשאַרפט מיין פאַרוואונדערונג. איך האָב אָבער דאַן נישט געוואַגט צו שטעלן אים אַ פראַגע, וואָס וואָלט געווען אַן אויסדרוק פון קעגנערשאַפט צו זיין הנהגה אין אַט דעם ענין. ערשט אין יאָר 1920, ווען מיר האָבן זיך ווידער באַגעגנט ביי דער אַלוועלטלעכער הילפס־קאָנפערענץ אין קאַרלסבאַד, האָב איך אים דערמאָנט זיין ראָלע אין דעם „שאַ־שאַ" סטרייק. זיין דערקלערונג איז געווען זייער אַ קלאָרע: ערשטנס האָט ער דאַן נאָך נישט גוט באַגריפן דעם אמתן זין פון דער מוסר־לערע. צווייטנס, איז ער בעצם אַרויסגעטראָטן קעגן די צוואַנג־מעטאָדן פון דעם משגיח ר' לייב

חאַסמאַן. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז ער איז געווען איינער פון די וואָס האָט פאָרגעשלאָגן די פשרה וועגן איבערלאָזן דעם ענין פון לערנען מוסר ווי אַ רשות, נישט ווי קיין חוב. דערביי האָט ער צוגעגעבן: „איך אַליין האָב דווקא יאָ אָנגעהויבן לערנען מוסר און עד־היום האָב איך אויף דעם קיין חרטה נישט".

דער שאַרפער רושם פון יענעם סטרייק איז, ווי עס זעט אויס, נישט קיין סך אָפּגעשוואַכט געוואָרן פאַר די גאַנצע 4 יאָר. כמעט אַלע ישיבה־בחורים וואָס האָבן זינט דאַן געלערנט אין טעלז האָבן נישט אויפגעהערט ריידן וועגן דעם. אין יענעם זמן ווען איך האָב געלערנט אין טעלז האָט דער געשפּרעך וועגן דעם סטרייק פאַרנומען מער אויפמערקזאַמקייט, ווי דער פּלפּול־ספר, דער „קצות החושן" פון ר' אריה לייב העלער, וואָס איז כמעט געווען דער סימבאָל פון טעלזער שיטה אין לערנען. וואָס גרעסער עס איז געווען די צעטומלונג, מחמת דעם וואָס ר' יוסף לייב האָט צעשטערט דעם נאָרמאַלן גאַנג פון לערנען, אַלץ מער האָט מען זיך געשושקעט וועגן דעם „שאַ־שאַ־סטרייק". עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די עלטערע ישיבה־בחורים האָבן אויך איצט געטראַכט וועגן דורכפירן אַזאַ מין סטרייק, בכדי צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די ישיבה־פירער און זיי זאָלן זוכן אַ וועג וויאַזוי צו מאַכן אַ סוף צו דער צורודערונג, וואָס האָט כמעט אַלעמען אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט. עס איז אָבער צו דעם נישט געקומען. די צוויי פאַרבליבענע ראשי־ישיבה האָבן זיך אַליין דערשראָקן פון דער אומנאָרמאַלער לאַגע און האָבן צעטיילט צווישן זיך די ישיבה־בחורים, אַזוי שנעל ווי ר' יוסף לייב איז אַוועק קיין וואַרנע. דורכדעם זיינען די בחורים צוריק אַריין אין דער ישיבה־דיסציפּלין.

איך בין דאַן אַריבער אינעם רשות פון ר' שמעון און דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע פריידי. אין דער צעטומלטער צייט פלעג איך מיך אַריינכאַפּן הערן אַ שיעור סיי פון ר' לייזער, סיי פון ר' שמעון. איך בין נישט געווען דער איינציקער. מיר זיינען נישט געזעסן צוזאַמען מיט די בחורים פון זייערע כיתות, אָבער מען האָט אונז דערלויבט צו זיצן אין אַ זייט און הערן. פון ר' לייזערן האָב איך געהערט נאָר געציילטע שיעורים. מער האָב איך נישט געוואָלט. ער האָט באַהאַנדלט זיינע תלמידים — מילד גערעדט — נישט איידל: האָט איינער געענטפערט אויף זיינער אַ פראַגע נישט ווי ער, ר' לייזער, האָט דערוואַרט, האָט שוין דער אָרעמער געקראָגן זיין אויסקומעניש. זיין מילדעסטער אויסדרוק איז געווען: „קריך, קריך, קריך אויף די גלייכע ווענט, וועסט אַראָפּפאַלן און צעשלאָגן דיין פוילערשע קאָפּ". דער סאַמע־

היפוך דערפון איז געווען ר׳ שמעון. זיין באַציאונג צו די תלמידים איז געווען אַ האַרציקע, כמעט פּאַטערלעכע.

איך דאַרף דערביי מודה־זיין, אַז ר׳ לייזער׳ס שיעורים האָב איך נישט גוט געגוג באַנומען. אָבער די השפּעה פון זיין פּלפּול, די פעאיקייט צו אַרגו־מענטירן, אָפּט אַפילו מיט זיך אַליין, איז מיר פאַרבליבן. די שאַרפקייט פון זיין מוח איז געווען פענאָמענאַל, נאָך פיל שאַרפער ווי זיין צונג. אָבער זיין הסברה־כח איז נישט געווען פון אַזאַ הויך און מיין פעאיקייט אים נאָכצופאָלגן און אים באַגרייפן האָט שטאַרק אונטערגעהונקען. דאַקעגן ר׳ שמעון איז דווקא געווען דער גרויסער מסביר. ער האָט זיינעם אַ שיעור אויפגעבויט לויט די פעסטע געזעצן פון לאָגיק. צו הערן זיינעם אַ שיעור איז געווען ממש אַ פאַרגעניגן און מען האָט טאַקע פון יעדן שיעור אַ סך געלערנט. ער האָט די פּלפּול־מעטאָדע זייער ווייניק באַנוצט. ליידער האָב איך נישט זוכה געווען צו לערנען ביי אים מער ווי קאַרגע דריי חדשים. איך האָב מער ווי אַיך זמן אין טעלז נישט אויסגעהאַלטן. די נעגאַטיווע אויסווירקונגען פון דעם ערשטן האַלבן זמן האָבן פיל איבערגעוואויגן די פּאָזיטיווע אויסווירקונגען פון די לעצטע חדשים און איך האָב פאַרלאָזט טעלז.

מיט ר׳ שמעונען האָב איך מיך געטראָפן מיט יאָרן שפּעטער אין גראָדנע, וואו ער האָט געפירט אַ ישיבה אין דער „פאָרשטאָט״. ווי אויבן געזאָגט, האָט ער פאַרלאָזט טעלז אין תרס״ג. ער איז אַריבער קיין מאַלטש. דאָרטן איז ער געווען עטלעכע יאָר און איז דאַן אַריבער קיין בריינסק. אין בידע שטעט האָט ער געפירט ישיבות. פון בריינסק איז ער געקומען קיין גראָדנע. דאָרטן האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט. אָבער דאָס געהערט שוין צו די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

## ה.

דער צווייטער, מער־פערזענלעכער, פאַקטאָר איז געווען אַ רעזולטאַט פון די גוטע ראשי־ישיבה אידער איך בין געקומען קיין טעלז.

מיין מזל האָט מיר צוגעשפּילט, אַז איך האָב כמעט אומעטום, וואו איך האָב פריער געלערנט, באַקומען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. אין טעלז האָט אָבער נישט געקענט זיין אַזאַ אינדיווידועלע באַציאונג צו אַ ישיבה־בחור, אַפילו ווען די משגיחים און ראשי־ישיבה וואָלטן געהאַט אַ נויגונג דערצו. אַפילו אין די גרעסערע ישיבות וואו איך האָב געלערנט, אין סמאַרגאָן און דאַלהינעוו, זיינען די צאָל ישיבה־בחורים געווען בלויז צענדליקער. אין טעלז זיינען זיי געווען הונדערטער. נישט די משגיחים, נישט די ראשי־ישיבה

האָבן דעריבער געקענט שענקען אַ בחור אַזאַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. זיי האָבן זיך צוגעוואוינט צו באַהאַנדלען די גאַנצע ישיבה ווי אַ קאָלעקטיוו. בלויז דאַן ווען אַ ישיבה־בחור האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט האָט מען אים באַהאַנדלט ווי אַ יחיד.

אַלץ צוזאַמען: די לאַגע אין דער היים, די געשילדערטע לאַגע אין דער ישיבה, דער מאַנגל אין אינדיווידועלער אויפמערקזאַמקייט און דער מאַנגל אין נאָענטע חברים האָבן דערפירט דערצו, אַז טעלז איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע אַנטוישונג.

אַביסל פאַרגיטיקונג האָב איך געהאַט אין די שיעורים פון ר' שמעון. דאַן איז אויך געקומען אַ נעענטערע פאַרבינדונג מיט די אַנדערע פריינט פון ישראל עפּרויקין. מיט די ערשטע פון זיי האָב איך מיך געטראָפן ערשט שבועות. זיי האָבן זיך געווענדעט צו מיר, נישט איך צו זיי. איך האָב נישט געוואָלט זיך אַרויפצווינגען אויף נייע מענטשן מיט מיינע געמיט־שוועריקייטן. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז ישראל עפּרויקין האָט זיי געשריבן וועגן מיר. זיי האָבן מיך די ערשטע וואָכן אָבסערווירט מן הצד. זיי האָבן דערשפּירט מיין געפּלאָנטערט געמיט. אָבער העלפן האָבן זיי מיר ווייניק געקענט. זייער איינפלוס אויף דער ישיבה איז געווען אַ גאַנץ שוואַכע, בעיקר טאַקע צוליב דער מחיצה צווישן דער ישיבה און די שטאָטישע אידן. זיי האָבן דעריבער געהאַלטן, אַז זיי דאַרפן בעטן יעפּרויקינען צו קומען קיין טעלז, אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן. ערב שבועות האָבן זיי דערהאַלטן פון אים אַ ידיעה, אַז ער וועט קומען אין צוויי וואָכן אַרום. זיינען זיי געקומען מיר אָנזאָגן די בשורה. איך האָב טאַקע די ידיעה אויפגענומען מיט גרויס פרייד. איך האָב מיך געניוטיקט סיי אין אַ פריינט פאַר וועמען מען קען זיך אַביסל אַראָפּריידן פון האַרץ, סיי אין אַן עצה וואָס זאָל איך ווייטער טאָן מיט זיך. מיר — דער „מנין" און איך — האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו זיין באַזוך.

## ו.

ווען ער איז געקומען האָט ער, נאָך זיין באַגעגעניש מיטן „מנין", פאַר־פירט מיט מיר אַ לאַנגן שמועס. ער האָט מיך אויסגעפרעגט ווי מיר גייט עס אין לערנען און ווי עס גייט מיין משפחה אין דער היים. ער האָט אויך געוואָלט וויסן אויב איך האָב פאַר דער צייט געלייענט ספרי־חוץ און בעיקר — זיין שטענדיקע פראַגע: צי האַלט איך נאָך אַלץ, אַז איך דאַרף שטרעבן צו לומדות און אפשר אויך צו רבנות?

וועגן די ערשטע צוויי פראַגן האָב איך אים אַלץ דערציילט. וועגן דער

לאַגע אין טעלז האָט ער באַוויזן זיך צו אינפאָרמירן דורך זיינע חברים פיל מער, ווי איך האָב געוואוסט. ער איז געווען זיכער, אַז דער קריזיס וועט זיך ציען; אַז אויך ר׳ שמעון וועט אינגיכן פאַרלאָזן טעלז. און נאָך איידער איך האָב באַוויזן אים צו זאָגן, אַז איך זע נישט קיין נוצן אינעם בלייבן לאַנג אין טעלז, האָט ער דאָס מיר געזאָגט. נאָך איידער איך האָב אים געפרעגט וואָס ער עצה׳ט מיך ווייטער צו טאָן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער גרייט זיך דורכשמועסן מיט זיינע פריינט און מן־הסתם וועלן זיי מיר קענען געבן אַן עצה.

וועגן לייענען ספרי־חוץ האָב איך אים דווקאַ יאָ געהאַט וואָס צו איב־פאָרמירן. איך האָב במשך די צערודערטע וואָכן באַקומען פון אַן עלטערן ישיבה־בחור — ישראל ריטעווער (דער שפּעטערדיקער דר. י. מאַרקוס, וואָס איז געקומען קיין צפון־אַמעריקע, זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ, געווען טעטיק אין דער פּועלי־ציון באַוועגונג, געהאַלטן אָפטע לעקציעס און געשריבן פיינע עסייען אין דער שיקאַגער אידישער טאָג־צייטונג) וואָס איז דאַן דער־שינען) צוויי ביכער צו לייענען: „אהבת ציון״ און „עיט צבוע״, ביידע גע־שריבן פון אברהם מאַפּו. „אהבת ציון״ האָט געמאַכט אויף מיר גאָר אַ שטאַרקן רושם. איך האָב עס מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג נישט פאַר־בונדן, ווייל איך האָב נאָך דאַן פון איר נישט געוואוסט. איך האָב עס אָבער יאָ פאַרבונדן מיט דער טיפער בענקשאַפט צו שיבת־ציון, וואָס איז שוין געווען פאַרוואָרצלט אין מיין נשמה. דערפאַר אָבער האָט דער צווייטער, פיל־בענדיקער „עיט צבוע״ אַרויסגערופן אין מיר אַ שאַרפן פּראָטעסט. ווען איך האָב אים געענדיקט — האָב איך זיך פאַרשוואוירן קיינמאָל מער נישט לייענען קיין זאַך, וואָס אָט דער „צורר היהודים״ (מיט אָט דעם עפּיטעט האָב איך אים באַצייכנט אין דער מחשבה!) האָט געשריבן.

איך האָב געפילט ווי דער מחבר וויל מיר איינרעדן, אַז אַלע רבנים וועלכע איך האָב געקענט — איבערהויפּט זיינען פאַר מיר געשטאַנען די געשטאַלטן פון ר׳ איצעלע ווילייקער און ר׳ שמואל יעקב יעלאָקער — זיינען נישט בלויז צבועקעס, נאָר פּשוטע רויבער און מערדער. דאָס האָט מיך אַזוי אויפגעבראַכט, אַז טעג נאָכאַנאַנד האָב איך קיין רו נישט געקענט געפינען. ווען איך האָב מיך באַקלאָגט פאַר ישראל ריטעווער, הלמאַי ער האָט מיר אונטערגעטראָגן אַזאַ מציאה — האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז אברהם מאַפּו ווערט באַטראַכט פאַרן גרעסטן שרייבער אין לשון־קודש. ער אַליין האָט אויך קיין הנאה נישט געהאַט פון „עיט צבוע״, אָבער ער האָט מיך געזוכט צו באַרואיקן, אַז איך פאַרמשפּט צו־שטאַרק דעם שרייבער.

ווען איך האָב עס דערציילט חבר יעפּרויקין האָט ער דווקא וועגן „עית צבוע״ מסכים געווען מיט מיר. ריידנדיק אָבער וועגן „אהבת ציון״ האָט ער מיר דערציילט, אַז עס איז דאָ אַ ציוניסטישע באַוועגונג; אַז מאַפּו׳ס „אהבת ציון״ העלפט אָט־דער באַוועגונג. אויפן שפּיץ מעסער האָט ער מיר מסביר געווען וואָס דער ציל פון דער באַוועגונג איז, נאָר אַפילו מיט קיין רמז האָט ער נישט אָנגעוואונקען, אויב ער אַליין איז פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג. ער איז גאָר באַלד אַריבער צו דער צווייטער פראַגע, זאָגנדיק: „אויב איר ווילט ווייטער לערנען, ראָט איך אייך וואָס־ווייניקער זיך אַריינצולאָזן אין באַוועגונגען״.

ז.

איידער איך גיי איבער צו אָט דער וויכטיקסטער פראַגע, האָב איך נאָך עפּעס צו זאָגן וועגן טעלז: אין לערנען האָב איך אָביסל געגנאָסן פון ר׳ שמעונען. ר׳ לייזער האָט אַביסל געהאָלפן אַנטוויקלען ביי מיר די נייגונג זיך מפלפל צו זיין. פון ר׳ יוסף לייבן איז מיר ווייניק איבערגעבליבן. דערפאַר אָבער איז מיר פון אים געבליבן בירושה אַ מערקווירדיק ליד, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. ער פלעגט עס זינגען פרייטיק אַרום 1:30 נאָכמיטאָג, ווען אין דער ישיבה האָט מען שוין דאַן אַריינגעפירט די קדושת־שבת. אין די עטלעכע פרייטיקס, וואָס ער איז נאָך געווען אין טעלז, פלעגט ער פונקט 1:30 קומען אין ישיבה־בנין, זיך אַוועקשטעלן אויף אַ באַשטימטן, אַלעמאָל דעם זעלביקן, פלאַץ ביים באַלעמער און אָנהויבן ברומען זייער שטיל און דערנאָך אַריבערגיין אַביסל העכער (קיין צו־הויכן טאָן האָט ער קיינמאָל נישט גענומען) און דאָס גאַנצע הויז איז אָנגעפילט געוואָרן מיט זיין געזאַנג. דער ישיבה־בנין איז געווען אַ נייער. בלויז מיט אַ פאָר יאָר פריער האָט מען אים פאַרענדיקט בויען. פון דרויסן האָט ער אויסגעזען ווי אַ פּרעכטיקער פּאַלאַץ. אינעווייניק איז ער נאָך שענער געווען. ווען דאָס געמיט איז געווען גוט, איז פּשוט געווען אַ נחת־רוח צו זיצן דאָרטן און לערנען. זיין נישט־הויכער קול האָט זיך געטראָגן אינעם גרויסן זאַל און זיין שטימע איז געווען זייער צוגעפּאַסט צום גייסט פון דאָזיקן ליד.

פון וואַנען דאָס ליד שטאַמט ווייס איך נישט. עס האָט אין זיך אַ מוסר־טאָן, אפשר האָט עס געשטאַמט פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער אַליין. דאָס ליד איז אין אידיש. אָבער דער אָנהויב פון יעדן פערז איז געווען אין העברעאיש. דעם ניגון קען איך ליידער נישט איבערגעבן שריפטלעך, הגם ער ברענגט אַרויס דעם טעם פון די ווערטער אַ סך בולטער. אָבער די ווערטער גייען אַזוי:

בואו, בואו חשבון, בואו, בואו חשבון *)
בואו ונחשוב חשבונו של עולם:
הפסד, הפסד מצווה כנגד שכרה
ושכר, ושכר עבירה כנגד הפסדה.

און דאַן גייט עס אַריבער אויף אידיש:
מען אַרבעט, מען אַרבעט, מען אַרבעט, מען אַרבעט
און מען ווייס ניט פאַרוואָס מען אַרבעט;
מען בויט, מען בויט, מען בויט, מען בויט
און מען ווייס ניט פאַר וועמען מען בויט.
מען גייט, מען גייט, מען גייט, מען גייט
און מען ווייס ניט וואוהין מען גייט;
מען דאַרף, מען דאַרף, מען דאַרף, מען דאַרף
און מען ווייס ניט וואָס מען דאַרף.
און אַזוי אַלע זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק, פרייטיק, שבת;
שבת, פרייטיק, דאָנערשטיק, מיטוואָך, דינסטיק, מאָנטיק, זונטיק.

* * *

די פערזן, ווי מען באַמערקט, גייען נאָכן אַלף־בית: מען אַרבעט, מען בויט, מען גייט, מען דאַרף. נאָכן אויסרעכענען די טעג פון וואָך הין און צוריק, הויבט זיך ווייטער אָן דער „בואו, בואו חשבון“, ביז צום סוף און דאַן גייען ווייטערע פערזן נאָכן אַלף־בית: מען האָוועט, מען וויל, מען זוכט, מען חלומט. און ווידער די טעג פון וואָך אויסגערעכנט הין און צוריק און ווידער אָנגעהויבן פון בואו־בואו, ביז מען פאַרענדיקט דעם גאַנצן אַלף־בית.

דער ציל פונעם ליד איז, ווי מען זעט, אַרויסצוברענגען דעם הבל־הבלים פונעם לעבן אויף דער וועלט. דער מענטש יאָגט זיך כסדר נאָך עפּעס און ווייס נישט נאָך וואָס; אַז מען דאַרף רעכענען דעם הפסד פון דער מצווה קעגן איר שכר און דעם שכר פון דער עבירה קעגן איר הפסד; אין ביידע חשבונות איז דאָס לעצטע דער עיקר: אין דער עבירה איז דער עיקר איר הפסד און אין דער מצווה איז דער עיקר דער שכר. דעריבער האָט זיך דער מענטש נישט וואָס צו יאָגן נאָך דער עבירה און מוז דווקא זוכן די מצווה. פון דעם וואָס איך האָב דערציילט וועגן ר׳ יוסף לייב׳ס הנהגה יענעם זמן קען מען זען, אַז קיין סימפּאַטיע אין מיין האַרץ האָט ער נישט געפונען. אָבער יעדעס מאָל ווען איך האָב אים געהערט זינגען דאָס ליד האָט ער נישט נאָר זיך, נאָר אויך מיך געבראַכט צו התרוממות־הנפש.

*) דער העברעאישער רעפריין איז גענומען פון רב נחמן בר יצחק׳ס מאמר אין דער גמרא בבא בתרא.

## ח.

גרייטנדיק זיך צו אַ נייער באַגעגעניש מיט יעפּרוויקינען האָב איך גע־וואוסט, אַז דאָס מאָל מוז ענדגילטיק באַשטימט ווערן וואָס עס זאָל מיט מיר ווייטער געשען. איך האָב געשפּירט, אַז איך מוז קודם זיך אַליין קלאָר מאַכן מיין ווייטערדיקן וועג. מיין פריערדיקע פעסטקייט, אַז איך דאַרף ווייטער לערנען, איז שטאַרק צעטרייסלט געוואָרן. טעלז האָט דעם חשק פּשוט אונטערגעגראָבן. אויב אין טעלז, וואָס איז דאָן באַטראַכט געוואָרן ווי די גרעסטע ישיבה אין גאַנץ רוסלאַנד, בין איך נישט ווייטער געגאַנגען אין לערנען, טאָ וואו קען איך איצטער פאָרן? יענעם זומער ביז איך אַלט געוואָרן 15 יאָר. איך האָב דאָן געמוזט טראַכטן וועגן אַ תכלית. האָב איך צוזאַמענ־גענומען דעם גאַנצן סך־הכל פון כמעט 7 יאָר לערנען אין דער פרעמד און האָב מיך נאָך אַלץ דערזען ווייט פון עפּעס אַ ציל. איך האָב מיך גענומען אַרומקוקן, וויאַזוי איך קען אָנהויבן אַליין פאַרדינען אויף חיונה. איך האָב שאַרף דערשפּירט דאָס פּראָבלעם פון הלבשה. ביז יעלאַק איז מיין הלבשה באַשטאַנען פון בגדים פון וועלכע מיין עלטערער ברודער איז אַרויסגעוואַקסן. אין יעלאַק (וואָס איז שייך זיך צו שעמען?) האָט דער גוטער בן־ציון גוטמאַן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון מיין ברודער. אין טעלז האָב איך דווקא באַוויזן אָפּצושפּאָרן עטלעכע רובל, בעיקר נאָכדעם ווי איך האָב באַקומען אַ צימער צום שלאָפן אומזיסט און אַ שבת צו עסן. דאָס האָט מיר דערמעגלעכט, צום ערשטן מאָל, אַליין צו קויפן זיך סיי אַ גאַרניטער, סיי אַ פּאָר שיך. דאָס איז געשען צום סוף זמן. אַזוי האָב איך מיך אויסגעפּוצט אויף ראש השנה. ביז דאַן האָב איך געטראָגן מיינע יעלאַקער בגדים.

זיך באַשליסן צו קויפן בגדים איז מיר אָנגעקומען נישט גרינג. איך האָב שוין דאַן געוואוסט, אַז איך וועל פאַרלאָזן טעלז. איך האָב נאָך נישט געוואוסט וואוהין איך וועל פאָרן. געטראַכט האָב איך וועגן ווילנע. זיכער איז אָבער געווען, אַז וואו איך זאָל נישט קומען — וועל איך דאַרפן האָבן עטלעכע רובל אויף צום לעבן, ביז איך וועל עפּעס געפינען. אָבער מיין הילוך האָט אָנגעהויבן אויסזען זייער אָפּגעלאָזן. בעטן די נייע פריינט, האָב איך באַשלאָסן, וועל איך נישט. פריער האָב איך אויך נישט געבעטן. זיי האָבן עס מיר פאַרגעשלאָגן. ווען די טעלזער פריינט האָבן מיר עס נישט פאַרגעשלאָגן, האָב איך קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט.

אָנהויבנדיק זיך אַרומפרעגן וואָס עס טוען אַנדערע ישיבה־בחורים, וועלכע האָבן פאַרלאָזן טעלז, האָב איך אויסגעפונען: די מערסטע פון זיי לעבן פון געבן העבראַישע „אוראָקן". מיין העבראַאיש איז געווען נישט

ערגער ווי פון אַ דורכשניטלעכן ישיבה־בחור. אפשר אַביסל בעסער. אָבער קיין דקדוק האָב איך נישט געלערנט. איז מיר איינגעפאַלן צו לערנען דקדוק. די געבליבענע חדשים ביז ראש השנה, ווען איך האָב וויטער געטראַכט וועגן מיין צוקונפט, האָט זיך גענומען אויספאָרמירן פאַר מיר אַן אויסזיכט, אַז איך קען טאַקע אפשר ווערן אַ פּראָפּעסיאָנעלער לערער. איך האָב, בכן, פאַר מיר אַליין אָנגעצייכנט אַ „ליניע", לויט וועלכן איך זועל ריידן מיט מיין נייעם אַפּוטרופּוס. זעט אָבער אויס, אַז ער, מיט זיינע חברים, זיינען געקומען צו אַן אַנדער מסקנה. נאָכדעם ווי איך האָב פונאַנדערגעוויקלט מיינע „פּלענער", האָט ער זיך אָפּגערופן:

— זייט נישט אַזוי פאַרצווייפלט. פון אייערע פּלענער נעמען מיר נאָר אָן (גְעווען נאָך דריי חברים זיינע) אייער באַשלוס צו לערנען דקדוק. דאָס דאַרפט איר סיי־ווי טאָן, ווייל אַ געוויסע צייט וועט איר טאַקע דאַרפן אויס־שלאָגן אייער תּיונה דורך געבן העברעאישע אורא‎קן. אָבער אַפילו צו ווערן אַ פּראָפּעסיאָנעלער לערער דאַרפט איר זיך נאָך זייער אַ סך בילדן. אויך מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אייער וועג דאַרף זיין גאָר אַן אַנדערער, ווי ביז איצטער. אָבער אייער נייער וועג איז נאָך אַלץ פאַרבונדן מיט לערנען. איר מוזט אָנהויבן שטודירן. אונזער מיינונג איז בכן, אַז איר זאָלט נאָך די יום־טובים פאָרן קיין ליבאַווע. עטלעכע פון אונז וועלן אַהין שרייבן צו באַקאַנטע משפּחות, וועלכע וועלן גרייט זיין צו נעמען איך ווי אַ לערער פאַר זייערע קינדער. איר וועט דאַרפן אָפּגעבן דערצו דריי־פיר שעה אַ טאָג. די איבעריקע צייט וועלן מיר פּרובירן קריגן לערער, וועלכע וועלן איך צוגרייטן צום שטודירן. ליבאַווע איז די נאָנטסטע גרויסע שטאָט. דאָרטן האָבן מיר עטלעכע רייכע משפּחות, וואָס העלפן אונז אַרויס און שטיצן אָרעמע ישיבה־בחורים. אין ליבאַווע קומט אָפט אויף באַזוכן טאַקע בן־ציון גוטמאַן אַליין. ער וועט איך נישט לאָזן פאַלן.

איך וואָלט זייער עצה סיי־ווי־סיי אָנגענומען. די איינציקע מעלה פון ווילנע איז, וואָס זי איז נעענטער צו קורעניץ. אָבער וועמען האָב איך אין ווילנע? עס וואוינען דאָרט איניקע קורעניצער משפּחות, אָבער צי זיי וועלן גרייט זיין מיר צו העלפן וויס איך נישט. דאָ זאָגט מען מיר צו גלייך הילף — און דערצו איז עס מבטיח אַ מענטש, וואָס איך האָב שוין געוואוסט, אַז ער האַלט וואָרט. ווען איך האָב נאָך דערהערט, אַז בן־ציון גוטמאַן וועט אָפט קומען קיין ליבאַווע איז פאַר מיר שוין קיין ספק נישט געווען, אַז איך דאַרף אַהין פאָרן.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער דערמאָנטער ישראל ריטעווער איז

געוואָרן מיין לערער אויף דקדוק: ער איז געווען איינער פון יעפּרויקינס „מבין". דאָס איז געווען מיין צווייטע קאָמפּענסאַציע — די ערשטע איז, ווי פריער געזאָגט, געווען ר' שמעונס שיעורים — וואָס דער צווייטער האַלבער זמן אין טעלז האָט מיר געגעבן, נאָך דער שווערער אַנטוישונג פון ערשטן האַלבן זמן.

ט.

דער אָנגענומענער באַשלוס האָט אַרויסגערופן אין מיר גאָר נייע כוחות. דאָס לערנען דקדוק האָט מיך זייער פאַראינטערעסירט. דעם „מסלול" האָב איך דורכגעשטודירט במשך די דריי חדשים וואָס איך בין נאָך פאַרבליבן אין טעלז. מיין מדריך אין דקדוק האָט מיר אויך אָנגעוויזן אויף גרינגע, לשון־קודש׳דיקע לערן־ביכלעך, וועלכע איך האָב פשוט איינגעשלונגען. אַ האַלבע שעה אין טאָג האָבן מיר גערעדט צווישן זיך לשון־קודש.

דווקא דער פאַקט וואָס איך האָב דערשפּירט, אַז איך טרעט אַרויף אויף אַ נייעם וועג האָט געגעבן אַ שטויס פאָרויס אויך מיין לערנען גמרא. ר' שמעון האָט דאָן מיט אונז געלערנט מסכת סנהדרין. אויסער ר' שמעונס אינטערעסאַנטע שיעורים, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם ווילן צו לערנען, איז צוגעקומען אַן אינסטינקטיווער פאַקטאָר: אַ ביסל פּחד פאַר דעם נייעם וועג אויף וועלכן איך קלייב מיך צו גיין. מיין גייסטיקער יסוד פון פרומער אידישקייט איז נאָך אין מיר געווען גאַנץ פעסט און איך האָב אים בפירוש נישט געוואָלט פאַרלירן. איך האָב מיך דעריבער גענומען, נאָך מיט גרעסערן אימפּעט, צו דער גמרא. אויך מיין פרומער לעבנס־שטייגער איז דאָן דווקא פאַרשטאַרקט געוואָרן. איך האָב געדאַווענט מיט טיפערער כוונה, ווי פריער. אויך אַלע אַנדערע מצוות מעשיות האָב איך מער מקיים געווען. איך האָב אויך געפּרובירט נאָכטאָן דעםביישפּיל פון ר' ישראל ראובן פון אָשמענע און גערעדט שבת נאָר לשון קודש. קיין העברעאישע ספרי־חוץ האָב איך דאָן נישט געלייענט. דאָס איז זיכער געווען אַ רעזולטאַט פון דער נעגאַטיווער השפּעה פונעם „עיט צבוע". איך האָב יאָ געלייענט — אייגנטלעך פאַסט זיך בעסער דער אויסדרוק „געלערנט" — מוסר־ספרים. במשך אָט די דריי חדשים האָב איך דורכגעלערנט דעם מוסר־ספר „מסילת ישרים" פון ר' משה חיים לוצאַטאָ.

אין אַזאַ גייסטיקן מצב בין איך אויף מאָרגן נאָך ראש־השנה תרס"ג (1903) אָנגעקומען קיין ליבאַווע.

# אין ליבאַווע

א.

אין ליבאַווע האָט מיר שטאַרק אַרויסגעהאָלפן אַ נייער, גליקלעכער צופאַל. איינע פון די ליבאַווער פאַרמעגלעכע משפחות — וועלכע האָט פיל אַרויסגעהאָלפן די פריער־דערמאָנטע „מנינים" צו פירן זייער אויסטערלישע אויפזיכט־אַרבעט איבער אָרעמע ישיבה־בחורים — איז געווען די פאַמיליע קאַסטרעל. דער הויפּט פון דער משפחה איז געווען אַ גרויסער סוחר און דערצו אַ שאַרפער חסיד. ער האָט געהאַט גאָר אַ נאָענטע שייכות צו קורעניץ. אַ זייער נאָענטער קרוב זיינער איז געווען ר׳ נחום שוחט, איינער פון די צוויי שוחטים וואָס קורעניץ האָט פאַרמאָגט (ר׳ נחום׳ס פאַמיליע־נאָמען איז געווען קאַסטרעל). צו אָט דער משפחה האָב איך, לויט די אָנווייזונגען פון ישראל יעפּרויקין, געדאַרפט אַריינפאַרן קומענדיק קיין ליבאַווע. נישט די „מנין"־מענטשן און נישט איך האָבן געוואוסט פון דעם, אַז „הער קאַסטרעל" (אַזוי האָבן זיי אים אָנגערופן) האָט עפּעס אַ שייכות מיט מיין געבורטס־שטעטל. די „מנין"־מענטשן האָבן נאָר געוואוסט וועגן זיין גוטהאַרציקייט און זיין טיפן אינטערעס צו אָרעמע ישיבה־בחורים.

גלייך ווי איך בין אָנגעקומען אין הויז האָט מען מיך זייער וואַרעם אויפגענומען. די משפחה האָט זיך געגרייט אָפּצופּאַסטן פון צום־גדליה. זיי האָבן מיך פאַרבעטן צום אָוונט־מאָלצייט. דער שמועס האָט זיך פריער געדרייט אַרום דער לאַגע אין טעלז, אין וועלכער דער בעל־הבית איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט. שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן די מער־אינטימע פראַגן: „פון וואַנען קומט אַ יונגערמאַן"? ווען דער בעל־הבית האָט דערהערט מיין ענטפער, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון שטול, צוגעגאַנגען צו מיר נענטער און אַ פרעג געטאָן: „איר זייט אַ קורעניצער? קענט איר אפשר ר׳ נחום שוחט?"

איך האָב תיכף דערפילט אַ היימישע נאָענטקייט. איך האָב אים אויסגערעכנט די גאַנצע משפחה פון ר׳ נחום׳ען. מיט איינעם פון זיינע אייניקלעך — זלמנ׳קע — פלעג איך זייער אָפט פאַרברענגען. יעדעס מאָל ווען איך בין

צוריקגעקומען פון די נאָענטע שטעטלעך קיין קורעניץ אויף אַ יום־טוב האָב איך געהאַט אַ גאַנצע חבריה פון אינגלעך אין מיינע יאָרן, מיט וועלכע מיר פלעגן סיי פירן ערנסטע שמועסן, סיי אַ רעכט ביסל אַרומשטיפן. זלמנ׳קע איז געווען איינער פון זיי. ער איז געווען מיט דריי־פיר יאָר עלטער פאַר מיר און איז אַלעמאָל געווען דער לעבעדיקסטער און שטיפערישסטער פון דער גאַנצער חבריה. אַלע האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט (איך האָב אים אין די שפּעטערדיקע יאָרן באַגעגנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צום ערשטן מאָל אין בענגאָר, מעין, און שפּעטער — צוויי מאָל אין דעטראָיט). דער בעל־הבית, אַן עלטערער הדרת־פּנים׳דיקער איד, האָט זיך צו מיר ווי צוגעקלעפּט. עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער האָט מיר נישט געקענט אָנבאָטן קיין צימער וואו איך זאָל נעכטיקן, אַזוי לאַנג ווי איך וועל בלייבן אין ליבאַווע. נאַטירלעך בין איך געבליבן ביי אים עטלעכע טעג ביז איך האָב — צוזאַמען מיט נאָך אַ געוועזענעם ישיבה־בחור — געדונגען אַ פּאַסיקן צימער. קאַסטרעל איז אָבער באַשטאַנען דערויף, אַז שבתים און יום־טובים עס איך ביי אים. איך האָב עס גערן אָנגענומען.

## ב.

שבת תשובה האָב איך ביי קאַסטרעלן אין הויז געטראָפן אַ ליבן גאַסט: בן־ציון גוטמאַן פון יעלאָק. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ מאָדנעם בחורל. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך אַזעלכע טיפּן געטראָפן צווישן די באָהעמער פון ניו־יאָרקער גריניטש ווילעדזש. אָבער זיי זיינען געווען עלטערע יונגעלייט. דאָ איז געשטאַנען אַ בחורל, וואָס איז אפשר געווען עלטער פאַר מיר נישט מער ווי מיט צוויי יאָר, אַ רעכט ביסל פאַרוואַקסן, אין אַ שוואַרצער בלוזקע פאַרשפּילעט ביז האַרט אונטער דער גאָמבע און אויפן האַלז, איבער דער בלוזקע, אַ מאָדנער אויסגעבונדענער שניפּס. בן־ציון האָט אים אַזוי פאָרגעשטעלט: „שמואל לעווין, אַ בחור פון כרך זשידיק (אַ שטעטל נאָענט צו יעלאָק), געלערנט אין טעלז, אָבער איז משוגע אויף מוזיק. ער איז געקומען אַהער אַריינטרעטן אין דער קאָנסערוואַטאָריע. ער האָפט צו ווערן אַ גרויסער מוזיקער״. און ביים ווענדן זיך צו קאַסטרעלן האָט ער צוגעגעבן: „איר און אייערע פריינט וועלן אים מן הסתם אַביסל צוהעלפן״.

מיר איז וואַרעם געוואָרן אויף דער נשמה דערזעענדיק בן־ציון גוטמאַנען. פאַר דעם האַלבן יאָר וואָס איך האָב אים נישט געזען, איז ער, ווי מיר האָט

זיך אויסגעדוכט, נאָך העכער און שענער געוואָרן. נאָכן פאָרשטעלן דעם נייעם גאַסט איז ער תיכּף צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט, אַז ער בלייבט אין ליבאַווע ביז ערב יום־כּיפּור. ער וועט פּרובירן געפינען פאַר מיר אַ פּאָר „אוראָקן" און ער האָפט אויך צו געפינען לערער וואָס זאָלן מיך צוגרייטן צום שטודירן. איך האָב אים דערציילט וועגן דער אויסערגעוויינטלעכער פריינטשאַפט צו מיר מצד ה' קאַסטרעלן. האָט ער דאַן צוגעגעבן: „אויב אַזוי, וועט איר שוין דאָ קיין דאגות נישט האָבן".

בן־ציון האָט מיך דאַן צוזאַמענגעפאָרט מיט „דעם צוקונפטיקן גרויסן מוזיקער" און אַרויסגעגאַנגען מיט אונז זוכן אַ פּאַסיקע קוואַרטיר פאַר ביידן. מיר האָבן געפונען אַ גאַר גרויסן חדר ביי אַן עקאָנאָמיש־געפאַלענער משפּחה, וועלכע האָט נאָך געזוכט אָנצוהאַלטן גבירישן „שטאַט". די דאָזיקע משפּחה האָט געהאַט אַ גרויס הויז, טאַקע נישט ווייט פון דער ים־פּלאַזשע, אויף דער „זעע־שטראַסע". די פאַמיליע גופא איז געווען שטאַרק אַסימילירט. דאָס גאַנצע לעבן איז געפירט געוואָרן אין דייטש. צוויי דערוואַקסענע טעכטער האָבן נאָך געשפּילט אויף אַ גרויסן פאָרטעפּיאַן. און אָט־יענעם גרויסן חדר, וואו דער פאָרטעפּיאַן איז געשטאַנען, האָבן זיי אונז פאַרדונגען פאַר 5 רובל אַ חודש. מיין חבר שמואל לעווין האָט אויך באַקומען דאָס רעכט צו באַנוצן זיך מיטן פאָרטעפּיאַן. צוליב דעם האָט ער געדאַרפט צאָלן דריי רובל אַ חודש און איך בלויז צוויי רובל אַ חודש. די דאָזיקע צעטיילונג האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער צימער האָט אויך געהאַט גאָר־נישקשה'דיקע מעבל. קאַסטרעל האָט אונז געגעבן אַ בריוול צום בעל־הדירה אין וועלכן ער האָט גאַראַנטירט, אַז מיר וועלן צאָלן דירה־געלט.

עס האָט נישט גענומען לאַנג און איך האָב באַקומען גאַנצע 5 „אוראָקן". איינעם פון די אוראָקן האָב איך טאַקע געדאַרפט געבן צו קאַסטרעלס אַן אייניקל, אַ אינגל פון אַ יאָר צען. קאַסטרעל האָט מיר געצאָלט גאַנצע 4 רובל אַ חודש — גאָר אַ הויכער פּרייז. די אַנדערע 4 „אוראָקן" האָבן מיר אַריינגעבראַכט צו צוויי רובל אַ חודש. איך האָב, בכן, אָנגעהויבן פאַרדינען גאַנצע 12 רובל אַ חודש. ווען איך האָב עס פאַרגליכן מיט די פּרנסות פון מיין טאַטן און מיין ברודער, האָב איך מיך שוין באַטראַכט, ווי אַ גרויסן פאַרדינער. מיין מיט־שכן איז עס נישט אַזוי גוט געגאַנגען. לשון קודש האָט ער געקענט ווייניקער פון מיר. ער האָט געזוכט צו געבן „מוזיק־שטונדן", אָבער קיין גרויסן דערפאָלג האָט ער נישט געהאַט. טאַקע דערפאַר האָט לאַנג נישט אויסגעהאַלטן די צעטיילונג פון דירה־געלט. איך האָב אָנגעהויבן צאָלן דריי רובל און ער צוויי. אַ פּאָר חדשים האָב איך באַצאָלט

דאָס גאַנצע דירה־געלט. דערפאַר האָט מיין חבר לעווין מיט מיר געלערנט „נאָטן". צו־פיל האָב איך מיך נישט אויסגעלערנט. אָבער דעם „סקייל" פון די נאָטן האָב איך יאָ געכאַפּט און האָב זיך פון אים אויסגעלערנט עטלעכע מוזיקאַלישע שטיקלעך, סיי צו לייענען און סיי צו זינגען. מיך האָט זיין מוזיק נישט געצויגן. פיל מער האָט מיך געצויגן צו אידישער נגינה. בעיקר האָט מיך פאַרכאַפּט — נאָך זייענדיק אין קורעניץ — אַ געוואַלטיקער באַגער צו קענען אַלע פאַרשידענע ניואַנסן פון טראָפּ. איך האָב זייער ליב געהאַט דעם טראָפּ־ניגון פון מפטיר, די פאַרשידענע טראָפּ־ניגונים פון די מגילות. שפּעטער, אין ווילנע, איז עס מיר שטאַרק צונוץ־געקומען אין זוכן פּרנסה. אין ליבאַווע האָב איך צו דעם נישט געדאַרפט אָנקומען. מיין חבר לעווין האָט עס אָבער געצויגן צו וועלט־מוזיק.

וואָס עס איז געוואָרן פון אָט־דעם אָן־ספק שטאַרק באַגאַבטן מוזיקער, ווייס איך נישט. איך האָב פון אים, נאָכדעם ווי איך האָב פאַרלאָזט ליבאַווע, מער קיינמאָל נישט געהערט. לעבט ער נאָך ערגעץ? ווער ווייסט!

בן־ציון גוטמאַן האָט, פאַר זיין אָפּפאָר, מיך אויך פאַרזאָרגט מיט אַ לערער אויף רוסיש און אַ לערער אויף דייטש. אויב די לערער האָבן באַקומען באַצאָלט און פון וועמען — ווייס איך נישט עד־היום. איך האָב זיי נישט געצאָלט. קיין גרויס פאַרשריט האָב איך נישט געמאַכט — נישט אין רוסיש און נישט אין דייטש, ווייל מיין האַרץ איז פּשוט נישט געווען ביי אָט די נייע לימודים.

ג.

מיט וואָס איך האָב גייסטיק געלעבט אין ליבאַווע? איך קען זאָגן, אַז מיין גייסטיקע חיונה האָב איך געצויגן פון די שבתים און ימים־טובים אינעם מערקווירדיקן הויז פונעם חסידישן איד, קאַסטרעל. ער איז אויך געווען אַ גרויסער מכניס־אורח. יעדן שבת פאַרנאַכט פלעגן קומען צו אים זייער פיל געסט. דאָרטן האָט מען געגעסן שלוש־סעודות צוזאַמען. דערביי פלעגט מען ריידן תורה, זינגען זמירות, דערציילן חסידישע מעשהלעך, פירן ערנסטע וויכוחים און אַמאָל זיך אויך דערלויבן אַביסל שיחות־חולין. איך וועל דער־ציילן אַ זייער קורצן אַנעקדאָט פון אַזעלכע שיחות־חולין, וואָס אונטערשטרייכט אויך זייער פעאיקייט אַריינצוזאָגן איינער דעם צווייטן.

איין שבת־צו־נאַכט האָט זיך באַטייליקט דער מרא־דאתרא פון ליבאַווע (די אידן האָבן די שטאָט גערופן „ליעפּאַי"). אינמיטן איז אַריינגעקומען דער רב פון זשידיק, דאָס שטעטל פון וואַנען מיין דירה־שכן שמואל לעווין

איז געקומען. דער מרא־דאתרא האָט זיך פאַר אים אויפגעשטעלט, געגעבן אים „שלום־עליכם" און דערביי געמאַכט אַ הלצה׳לע: „וואָס מאַכט עפּעס דער זאַדיקער (פאַרדרייט פון זשידיק) רב?" האָט אים דער גאַסט מגיה־וביה געענטפערט: „בעסער צו זיין אַ רב אין זאַדיק איידער אַ זאַדיק (געמיינט דער הינטער־חלק פון אַ בהמה) אין ליעפּאַי".

אַזעלכע הלצה׳לעך האָט מען זיך נישט אָפט דערלויבט. מערסטנס זיינען די מסיבות געווען דורכגעדרונגען פון טיפע, ערנסטע געדאַנקען און דער־הויבנדיקע געפילן. איך האָב געצויגן גייסטיקע חיונה פון אָט־די מסיבות און פון נאָך עפּעס, וואָס איך האָב דאָן אינגאַנצן געטאָן על דעת עצמי.

דווקא אין דער פּרעכטיק־שיינער שטאָט ליבאַווע, וואָס אין איר הויפּט־גאַס — קאָרן־שטראַסע — האָב איך אַרומגעוואַנדערט יעדעס מאָל ווען מיין געמיט איז געווען געדריקט, זוכנדיק — און אָפט געפינענדיק — אַ באַרואיקונג אין דער ליכטיקער און פריילעכער, כסדר מיט מענטשן־אָנגעפולטער, גאַס — דווקא אין ליבאַווע האָב איך מיך גייסטיק געשפּייזט מיט לערנען וואָס מער מוסר. איך האָב אין הויז פון דער משפּחה קאַסטרעל געפונען אַ גרויסע צאָל מוסר־ספרים און איך האָב מיך אין זיי פאַרטיפט. „תיקון המידות" איז געוואָרן פאַר מיר דער הויפּט־ציל. אַלע מוסר־ספרים האָבן געפאָדערט, אַז דער מענטש דאַרף זיך אַליין דערהויבן דורך מצוות און מעשים טובים: „דער מענטש מוז זוכן צו ווערן מער געטלעך דורך זיין וואָס מער מענטשלעך". אַן אויסטערלישע פראַזע פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט דורכגענומען מיין גאַנצן מהות. איך האָב אָט די פראַזע — „צרכי הגוף של זולתי הם ענין הנשמה שלי" (די פיזישע באַדערפעניש פון יענעם זיינען דער ענין פון מיין נשמה) געהאַלטן שטענדיק אין איבערחזרן. און אַ קורץ לידל פון די מוסר־ניקעס האָב איך געהאַלטן כסדר אין אונטערברומען: „אדם דואג על איבוד דמיו, ואינו דואג על איבוד ימיו".

ווען איך פּרואוו זיך פאַרטראַכטן וועגן מיין געמיט אין יענע חדשים דוכט זיך מיר, אַז ערשט דאַן האָט זיך אין מיר צעפלאַקערט דער געראַנגל צווישן די בייע דרכים אויף וועלכע איך הויב אָן גיין און דעם פאַרפלאַנצטן יסוד פון פרומער אידישקייט. איך האָב זיך געשראָקן פאַר די לאָקונגען פון די נייע דרכים און זיך אַליין געזוכט צו פאַרפאַנצערן קעגן זיי. כ׳האָב געוואוסט, אַז איך בין אָנגעוויזן אויף זיך אַליין. לעבנדיק אין ליבאַווע מחוץ יעדער אויסערלעכער דיסציפּלין, האָב איך אָנגעהויבן טיפער איינזען, אַז איך מוז אַליין באַשטימען מיין ווייטערדיקן לעבנס־גאַנג. מיינע אַפּוטרופּסים זיינען אַלע טייערע חברים און אמתע פריינט; אָבער זיי אַליין טענהן כסדר,

אַז דעם עיקר באַשלוס וועגן מיין צוקונפט מוז איך אַליין מאַכן. אַן לאַגישע אויסרעכענונגען — צו וועלכע איך בין אפשר גאַרנישט פעאיק געווען, ווייל אין די מערסטע פאַלן האָבן אַנדערע געמאַכט פאַר מיר לאַגישע חשבונות — האָב איך מיך אָנגעכאַפּט אין דעם, וואָס איז געווען טיף אין מיין נשמה; וואָס איך האָב געוואוסט, אַז עס גיט מיר גייסטיקע מנוחה: מיין פרומער אידישקייט. טאַקע דערפאַר האָבן זיך צו מיר נישט געקלעפּט די לעקציעס פון מיינע לערער אין דברי־חול. איך האָב גאַר אָנגעהויבן האָבן אַביסל פחד פאַר זיי. איך האָב מיך דערמאָנט אין די וואָרענונגען פון מיין ערשטן אפּוטרופּוס — ר' אברהם־מענדל פון קורעניץ. דאָס יונגע האַרץ האָט זיך געצויגן צו דער שלווה פון מיינע גאָר־פריע יאָרן. איך האָב אָנגעהויבן ערנסט טראַכטן וועגן פאָרן אַהיים.

די ידיעות פון דער היים זיינען געווען אי גוטע און אי נישט־גוטע. צו די גוטע האָט געהערט דאָס, וואָס מיין ברודער האָט אָנגעהויבן שיקן אַביסל געלט. ער האָט אויך געשריבן, אַז ער שפּאָרט שוין געלט צו קויפן שיפס־קאַרטן בכדי אַראָפּצונעמען צו זיך דעם טאַטן און מיין עלטערע שוועס־טער נחמה. די נישט־גוטע זיינען געווען, וועגן דער בענקשאַפט פון דער משפחה צו צוויי קינדער „אין דער פרעמד". דער געדאַנק אַז גאָר גיך וועלן דער טאַטע מיט דער שוועסטער אויך פאָרן קיין אַמעריקע, האָט באַצייטנס אָנגעוואָרפן נאָך אַ גרעסערן אומעט אויף אַלעמען. ווער ווייסט, ווי לאַנג די משפחה וועט דאַרפן זיין דערוויטערט איינער פון צווייטן? האָט מיך געצויגן צוריק אַהיים.

אַנטקעגן דעם איז אָבער געשטאַנען שאַרף די פראַגע: וואָס וועל איך טאָן אין קורעניץ? קיין אוראָקן וועל איך דאָך אין קורעניץ נישט באַקומען. קיין אַנדער אַרבעט קען איך נישט. זיצן אין קורעניצער שול און לערנען און זיך ווידער אַרויפוואַרפן אויפן טאַטן — ווען איך בין שוין אַריבער מיין 15טן געבורטסטאָג — וויל איך אויך נישט. נאָך לאַנגע ראַנגלענישן האָב איך פאָרט באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים, נאָר אויפן וועג וועל איך זיך אָפּשטעלן אין ווילנע: אפשר וועל איך דאָרט קענען עפּעס געפינען וואָס צו טאָן און אַפילו ממשיך זיין דאָרט מיין לערנען.

## ה.

חבר יעפּרויקין האָט דורך דעם ווינטער באַזוכט צוויי מאָל ליבאַווע. ביים ערשטן באַזוך האָט ער מיך געטראָפן גאָר אין אַ געהויבענער שטימונג. זיינע חברים זיינען אויך געווען צופרידן. אַלץ וואָס זיי האָבן אים צוגעזאָגט וועגן

מיר האָבן זיי אויסגעפירט. פון אים האָט דאָן אויך אַרויסגעשטראַלט טיפע פרייד, וואָס אין ליבאַווע איז מיר געגאַנגען אַזוי גוט. ביים צווייטן באַזוך זיינעם האָט זיך שוין מיין שטימונג שטאַרק פאַרערגערט, כאָטש אין מיין מאַטעריעלער לאַגע זיינען קיין שינויים נישט פאָרגעקומען. ער האָט תיכף דערשפּירט, אַז מיין געמיט איז געבראָכן. מיט די איידלסטע ווענן האָט ער פּרובירט אַרויסקריגן פון מיר, וואָס מיך דריקט. איך האָב פאַר אים קיין זאַך נישט פאַרבאָרגן. איך האָב אים געזאָגט, אַז ווי עס זעט אויס וועל איך אויף מיין נייעם וועג פון שטודירן וועלטלעכע ענינים צו קיין תכלית זיך נישט דערשלאָגן. איך האָב אים אויך דערציילט וועגן מיין באַשלוס צו פאָרן קיין ווילנע. ער האָט מן הסתם פאַרשטאַנען, אַז איינער פון די מאָטיוון — וואָס האָט מיך געפירט צו אָט־דעם באַשלוס — איז געווען: מיין נישט וועלן זיין אָנגעוויזן אויף אים מיט זיינע חברים. ער האָט נאָר רעאַגירט:

„איך זע איין, אַז איר זיינט אַנטשלאָסן צו גיין פון היינט אָן אַליין אויף אייער וועג. איך קען עס נאָר באַגריסן. איר מוזט דאָך אַמאָל אָנהויבן שטעלן אויף זיך. אייער געדאַנק צו פּרובירן זוכן עפּעס אין ווילנע, געפעלט מיר“.

נאָך אַ פּאָר מינוט טראַכטן האָט ער געזאָגט: „בלייבט אין ליבאַווע ביז נאָך פּסח. חול־המועד פּסח וועל איך מיט בן־ציון גוטמאַנען זיין דאָ. מיר וועלן שרייבן צו אונזערע צוויי פריינט וואָס מיר האָבן אין ווילנע. דאָס זיינען פריינט פון גאָר אַן אַנדער קאַטעגאָריע ווי די, וועלכע איר האָט דערקענט אין יעלאָק, אין טעלז און דאָ אין ליבאַווע. איידער איך וועל אייך עצה׳ן צו פאַרבינדן זיך מיט זיי — מוז איך פון זיי הערן. אפשר וועט הער קאַסטרעל אונז אָנווייזן אויף זיינע פריינט. ער פירט גרויסע געשעפטן מיט ווילנער סוחרים. אַוודאי וועט איר פון איצט אָן זיך אָנשפּאַרן אויף זיך אַליין. אָבער קענענדיק אייך ווייס איך, אַז עס וועט זיין גוט פאַר אייך, אויב איר וועט די ערשטע וואָכן אין ווילנע זיך נישט פילן איינזאַם.

איך בין געבליבן ביז נאָך פּסח. דער שמועס מיט עפּרויקינען איז פאָרגעקומען פּורים. דעם פאַרבליבענעם חודש האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען מער לשון־קודש. איך האָב זייער פיל געלייענט די העברעאישע צייטונגען, וואָס זיינען אָנגעקומען צו קאַסטרעלן, ביי וועמען איך האָב פאַר־בראַכט דעם גאַנצן פּסח.

חול־המועד זיינען ביידע געקומען. גלייך האָט חבר ישראל עפּרויקין מיר מודיע געווען, אַז די צוויי פריינט זייערע אין ווילנע וועלן מיך מקרב זיין. ער האָט מיר געגעבן זייערע נעמען און אַדרעסן: שלמה שניאור און א. קונין. זייענדיק אין ווילנע האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די פאַרבינדונג

צווישן עפּרויקין און גוטמאַן מיט שניאור און קונין זיינען געווען אויפן שטח פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

בן־ציון גוטמאַן האָט מיך געפּרעגט, ווי עס האַלט מיט הוצאות־הדרך און מיט עטלעכע רובל פאַר דער ערשטער צייט. איך האָב אים דאַן געזאָגט, אַז מיר איז געבליבן גאַנצע דרייסיק רובל פון מיינע אוראָקן אין ליבאַווע. איך האָב זיי שטאַרק געדאַנקט פאַר זייער האַרציקן אינטערעס. דאַן האָט ער מיר מיט אַ שמייכל געזאָגט: „איך בין נאָר אַ שליח לדבר מצווה. קאַסטרעל האָט מיך געבעטן איך צו געבן 10 רובל אויף הוצאות. באַטראַכט עס ווי אַ הלוואה. ווען איר וועט קענען וועט איר אָפּצאָלן".

מיין האַרץ איז אַזוי פול געוואָרן מיט דאַנקבאַרקייט, אַז איך האָב קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסריידן. טרערן האָבן אַ שפּאַר געטאָן פון די אויגן. עפּרויקין איז דאַן צוגעגאַנגען. ער האָט פאַרשטאַנען די סיבה פון טרערן. און פונקט אין פּינטל האָט ער מיר צוגעטראָפן, ווען ער האָט אַ זאָג געטאָן: „אויך קאַסטרעל האָט געלערנט דעם פּסוק פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער: „צרכי הגוף של זולתי הם ענין הנשמה שלי". די צוויי טייערע און האַרציקע חברים האָבן זיך מיט מיר צעזעגנט, אויסדריקנדיק די האָפענונג זיך נאָך אָפט צו באַגעגענען אין דער צוקונפט. דאַן זיינען זיי אָפּגעפאָרן פון ליבאַווע.

די קאַסטרעל־משפחה האָט מיך דורך דער גאַנצער פּסח־וואָך באַהאַנדלט פּשוט ווי אַן אייגן קינד. עד היום ווייס איך נישט צי די 10 רובל, וואָס בן־ציון האָט מיר געגעבן, זיינען טאַקע געווען פון ה׳ קאַסטרעל. איך ווייס אָבער יאָ, אַז נאָכן אָפּפאָרן פון עפּרויקין און גוטמאַן איז מיר געפאַלן זייער שווער זיך צו טרעפן מיט ה׳ קאַסטרעל. איך האָב פּשוט נישט געוואוסט, ווי אים אָפּצודאַנקען פאַר דער באַציאונג צו מיר, סיי פון אים און סיי פון זיין גאַנצער משפחה. פון זיין צד און מצד זיין גאַנצער משפחה האָט זיך די באַציאונג צו מיר נישט געענדערט ביז די לעצטע טעג פון מיין זיין אין ליבאַווע. דער טרויער פון דער גאַנצער משפחה ביים געזעגענען זיך מיט מיר האָט מיך דערמאָנט דעם טרויער פון מיין מאַמען, ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַוועקגעפאָרן פון קורעניץ. איך האָב מער קיינעם פון זיי נישט באַגעגנט אין מיין לעבן. אויב ווער פון יענער משפחה לעבט נאָך ערגעץ און וועט לייענען אָט־די שורות, זאָל ער אין זיי געפינען דעם אויסדרוק פון טיפסטער אָפּשאַצונג פאַר דער ליבשאַפט און הילף־גרייטקייט וואָס זייך משפחה האָט אַרויסגעוויזן צו אַ וואַנדערנדיקן, איינזאַמען אידישן בחורל — וועלכער איז היינט שוין איבער שבעים, אָבער ער האָט זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם חסד וואָס זיי האָבן אים, מיט אַזויפיל וואַרעמקייט, צוגעטראָגן.

# אין ווילנע

א.

אויפן באַן פון ליבאַווע קיין ווילנע זיינען די מערסטע פּאַסאַזשירן געווען אידן. ווען איך בין אַריין אין וואַגאָן האָב איך דערשפּירט אַ גוואַלטיקע
אידן. ווען איך בין אַריין אין וואַגאָן האָב איך דערשפּירט אַ גוואַלטיקע
צערודערונג. די פּאַסאַזשירן זיינען נישט געזעסן, נאָר געשטאַנען אין „רעד־לעך" און כמעט ווי געשריגן. איך האָב מיך דערנענטערט צו איין „רעדל" און האָב קיין קלאָרע רייד נישט געהערט. איינער האָט איבערגעשריגן דעם צווייטן. אָבער איין וואָרט האָב איך יאָ דערהערט און אַ שוידער האָט מיך אַרומגענומען. דאָס וואָרט איז געווען: פּאָגראָם! מיין שוידער האָט געהאַלטן אין שטייגן, ווען איך האָב באַמערקט דעם פּחד וואָס קוקט אַרויס פון אַלעמענס אויגן. איך פּרוביר צוגיין צו אַן אַנדער „רעדל" — דאָס זעלביקע! דאָס וואָרט „פּאָגראָם" און דער פּחד אין די אויגן. ענדלעך האָט איינער פון זיי מיר דערקלערט די סיבה פון דער אויפרעגונג: „שביעי של פסח האָבן פּאָגראָמשטשיקעס אויסגעקוילעט אַ סך אידן אין קישענעוו. די צאָל פון הרוגים ווייסט מען נאָך נישט. אָבער די גאַנצע קישינעווער אידישע באַפעל־קערונג האָט מען צעשלאָגן און אָוועקגערויבט זייער האָב און גוטס".

איך פרעג אים, וויאַזוי מען האָט זיך עס דערוואוסט. ווייזט ער מיר אָן אויף אַ רוסישער צייטונג פון יענעם טאָג, וואו עס איז אָפּגעדרוקט אַ ידיעה וועגן דעם. איך האָב קוים דורכגעקראָכן די קורצע ידיעה און ווענד מיך ווידער צו אים: „אפשר איז עס אַ פאַלשע ידיעה?" האָט ער כמעט ווי אָנגעשריגן אויף מיר: „וואו לעבט עס אַ יונג'ערמאַן? איר ווייסט נאָך נישט וואָס עס טוט זיך אין פּאַניעס מדינה?" ער האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר און מיך איבערגעלאָזט אַ צעטומלטן.

מער קיין פּרטים האָב איך מיך נישט דערוואוסט ביז די באַן איז אָנגעקומען קיין שאַוול. אויף יעדער צווישן־סטאַנציע זיינען אַרויף פרישע פּאַסאַזשירן און דער טומלדיקער געשפּרעך, מיטן פּחד אין די אויגן, איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן. טראַכטנדיק איצט וועגן דעם, פיל איך,

נאָך שאַרפער ווי דאַן, דעם זין פון דער גורל־איינהייטלעכקייט ביים אידישן פאָלק, ווי ער האָט זיך אָפגעשפיגלט אין זייערע אויגן. יעדער נייער אידישער פּאַסאַזשיר, וואָס האָט באַוויזן זיין פּנים אין וואַגאָן, איז בוכשטעבלעך געווען אַ קאָפּיע פון אַלע פריערדיקע, נאָך איידער ער איז צוגעטראָטן צו איינעם פון די „רעדלעך". ער האָט דאָס קאָלעקטיווע פּחד־פּנים מיטגעבראַכט מיט זיך פון זיין גאַנצן שטעטל מיט אידן.

אין שאַוול, וואו די באַן איז געשטאַנען אַרום אַ האַלבע שעה, בין איך אַרונטער אויף דער סטאַנציע. דער זעלביקער קאָלעקטיווער פּחד האָט אויך אַרומגענומען די שאַוולער אידן, וואָס זיינען געקומען צו דער באַן. דאָ זיינען אָבער די געשפּרעכן געווען מער איינגעאָרדנטע. מען האָט שוין אָנגעגעבן פּרטים: די צאָל הרוגים איבער הונדערט (די ריכטיקע צאָל איז, ווי ווייט איך געדענק, געווען אַרום 50). די צאָל פאַרוואונדעטע — עטלעכע הונדערט. די צאָל צעראַבירטע — כמעט אַלע קישינעווער אידן.

די איינגעוואָרצלטע שרעק פאַרן וואָרט „פּאָגראָם" האָט אַרומגעכאַפּט אַלע אידן, בעיקר קינדער, אויך אין שטעט און שטעטלעך וואו קיין פּאָגראָמען זיינען אַפילו אין יאָר 1881 נישט פאָרגעקומען. די פאַרשפּרייטער פון אָט דער שרעק זיינען, ווי ווייט מיר שיינט, בעיקר געווען די מגידים, וועלכע פלעגן באַזוכן יעדע שטאָט און שטעטל. אַלע פון זיי — סיי מגידים וועלכע האָבן געזוכט פרימער צו מאַכן דעם עולם און סיי מגידים וועלכע האָבן שוין דאַן גערופן צו ציון — האָבן דעם פּאָגראָם־מאָטיוו שטאַרק אויסגענוצט. איך האָב געהערט זייער פיל פון די מגידים און איך געדענק גוט אַ נוסח, וואָס איז געווען כמעט איינהייטלעך פאַר יעדן פון זיי. אין יענער צייט זיינען פאָרגעקומען שווערע רדיפות אויף אידן אין רומעניע און אין מאַראָקאָ. פלעגן די מגידים אָנהויבן מיט אַזאַ נוסח:

„מיר דאַרפן דאַנקען גאָט וואָס אונזער מלכות איז אַ מלכות של חסד, אָבער אונזערע ברידער אין רומעניע און מאַראָקאָ ווערן אויסגעמאָרדעט צוליב אונזערע זינד". „אונזערע זינד" האָט פאַר אייניקע געמיינט דאָס וואָס אידן זיינען נישט פרום געגנוג; פאַר אַנדערע האָט עס געמיינט, וואָס מיר טוען אַזוי ווייניק פאַר אונזער מוטער ציון, וואָס וואַרט אויף אונז. יעדער מגיד האָט עס אויסגעזונגען מיט זיין באַזונדערן טאָן און מיט זיינע ספּעציעלע ווערטער. די צוהערער האָבן אָבער גוט געוואוסט די אמתע באַדייטונג פון אָט־דעם נוסח. דעם צווייטן טייל האָבן זיי אָנגענומען ווי ער איז געזאָגט געוואָרן. פונעם ערשטן טייל זיינען זיי חלילה נישט פאַרפירט געוואָרן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער מגיד מוז נעבעך אַזוי ריידן. אָבער זיי אַליין

האָבן גוט געוואוסט ווי גרויס עס איז דער „חסד" פון אונזער „מלכות". זיי האָבן תיכף אַריבערגעטראָגן די שרעק, וואָס דער מגיד האָט אין זיי אַרויס־גערופן, דווקא אויף „פּאָניעס מדינה", ווי דער יונגערמאַן אין באַן האָט עס באַצייכנט.

און אָט־דאָס שרעקלעכע וואָרט „פּאָגראָם" האָט מיך באַגעגנט און אַרומ־געכאַפּט אויפן וועג, פאַרנדיק פון ליבאָווע קיין ווילנע און האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט וואָכן נאָכאַנאַנד אין ווילנע גופא.

## ב.

מיינע 40 רובל וואָס איך האָב פאַרמאָגט, פאַרלאָזנדיק ליבאָווע, האָבן מיר דערמעגלעכט צו פאַרפאָרן אין אַן אכסניה (האָטעל בלע"ז), וואו איך האָב געדאַרפט צאָלן אַ גאַנצן רובל אַ טאָג פאַר איבערנעכטיקן און פרישטיק. מיין „פאַרמעגן" וואָלט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, ווען מיין קורעניצער יחוס וואָלט מיר ווידער נישט געקומען צוהילף. דער טייערער קאַסטרעל פון ליבאָווע האָט מיר געגעבן עטלעכע בריוו צו זיינע מסחר־פאַרבינדעטע אין ווילנע. איינער פון אָט־די אַדרעסן איז געווען פון אַ קורעניצער משפחה, וועלכע האָט זיך נישט לאַנג צוריק באַזעצט אין ווילנע. איך האָב די משפחה גוט געקענט פון קורעניץ. נאַטירלעך איז זי געווען די ערשטע, צו וועלכער איך האָב מיך געווענדעט אויף מאָרגן נאָך מיין אָנקומען קיין ווילנע.

דער פאָטער פון דער משפחה — ר' אהרן לעוויטאַן — איז געווען אַ שאָפער, אַ מין פאַרמיטלער אין וואַלד־מסחר. ער איז אין קורעניץ באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פאַרמעגלעכער איד. ער האָט געהאַט פיר קינדער. זיין עלטערע טאָכטער, עלקע, איז שוין, זייענדיק אין קורעניץ, „געשטאַנען אין שידוכים". זי האָט פאַר אַזאַ קלויזניק, ווי איך בין געווען, קיין ברעקל אינ־טערעס נישט געהאַט. אָבער מיט די אַנדערע דריי קינדער בין איך געווען נענטער פאַרבונדן שוין אין קורעניץ. בעיקר מיט דעם עלטערן ברודער זרח־העשל. אין יענע צוויי חדשים — פון פסח ביז שבועות תרס"א — ווען איך האָב געלערנט „פאַר־זיך" אין קורעניצער בית־המדרש אונטער דער אויפזיכט פון ר' אברהם־מענדל, האָט ער, זרח־העשל, אויך געלערנט „פאַר־זיך" אין זעלביקן בית־המדרש. זרח־העשל איז געווען עלטער פאַר מיר מיט 6־5 יאָר. ער איז געווען זייער פרום. ער האָט דערמאָנט אין דעם טיפּ פון אַ מתמיד, אָבער זיינע פעאיקייטן צום לערנען זיינען געווען שטאַרק באַגרענעצט. ר' אברהם־מענדל פלעגט אַמאָל לערנען מיט אונז ביידע צוזאַמען. דורכדעם זיינען מיר געוואָרן גאָר נאָענט איינער צום צווייטן. איך האָב אָפט

באַזוכט זייער הויז. דאָרט האָב איך מיך באַקאַנט מיט זיין אינגערן ברודער לייבקע, וואָס האָט שוין דאַן געלערנט אין אַ ווילנער קאָמערץ־שולע און פלעגט קומען קיין קורעניץ כמעט יעדן שבת, אָנגעטאָן אין די סטודענטישע קליידער. איך האָב מיך אויך באַקאַנט מיט זייער אינגערער שוועסטער מלכה, וואָס איז געווען אין מיינע יאָרן. לייבקע איז געווען עלטער פאַר מיר מיט צוויי יאָר.

לייבקע איז געווען ממש דער היפוך פון זרח־העשלען. ער איז געווען אַ צעבאַלעוועט אינגל און אַ גרויסער שטיפער. דער טאַטע ר׳ אהרן איז — צוליב זיינע וואַלד־געשעפטן — זעלטן געווען אין קורעניץ. די מאַמע — ראָשע־דישע — איז ווייט נישט געווען קיין פעדאַגאָגין. סיי זרח־העשל און סיי לייבקע זיינען כמעט געוואַקסן אָן אַ דערציערישער ווירקונג פון דער אייגענער היים. אָבער דער חילוק איז געווען אין דעם, וואָס זרח־העשל האָט זיינע פאָרמאַטיווע יאָרן דורכגעמאַכט ווי אַ גמרא־לערנער אין דער סביבה פון דער פרומער קורעניץ און לייבקע האָט זיינע פאָרמאַטיווע יאָרן דורכגעמאַכט אין דער קאָמערץ־שולע און אין דער אַטמאָספער פון דער גרויסער שטאָט ווילנע. איז זרח־העשל פאַרבליבן דער נאַאיווער, פרומער תם און לייבקע איז געוואָרן דער צעשטיפטער לעב־יונג. די שוועסטער מלכה איז אין איר געמיט געווען נענטער צו לייבקען ווי צו זרח־העשלען, כאָטש ווייט נישט אַזאַ שטיפערקע ווי ער.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין ווילנע, איז שוין די גאַנצע משפחה געווען פאַרבירגערט אין דער גרויסער שטאָט. דער איינציקער וואָס האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט איז דווקא געווען לייבקע. דער טאַטע — ר׳ אהרן — איז אויך אין ווילנע זייער זעלטן געווען אין דערהיים. די מאַמע איז געווען פון יענע אידענעס, וואָס זיינען צופרידן אַז די קינדער לאָזן זיי צורו. נישט זי האָט געהאַט, נישט זי האָט געזוכט צו האָבן אַ דעה אין הויז. זרח־העשל איז דערווייל נאָך פרומער געוואָרן און מער איינגעשלאָסן אין זיך. דער שטיפער לייבקע האָט מיר גלייך דערציילט די סיבה פון זרח־העשל׳ס ברוגז אויף דער וועלט. ער, זרח־העשל, האָט זיך פאַרליבט אין אַ מיידל, אָבער דער טאַטע האָט אים פאַרבאָטן חתונה צו האָבן איידער זיין עלטערע שוועסטער, עלקע, וועט געפינען איר באַשערטן. דאָס מיידל האָט אָבער נישט געוואָלט וואַרטן לאַנג, האָט זי חתונה געהאַט פאַר אַן אַנדערן. איז זרח־העשל געוואָרן שטאַרק פאַרביטערט. ווי ווייט דאָס איז אמת, ווייס איך נישט עד היום.

אויך אין דעם הויז האָב איך מיך תיכף אָנגעשלאָגן אויפן קישינעווער פּאָגראָם. זרח־העשל האָט געהאַט פאַר דעם אַ פאַרטיקן תירוץ: „ומפּני

חטאינו". לייבקע האָט זיך פון אים פשוט אויסגעלאַכט. אַליין האָט ער פאַרן פּאַגראָם קיין דערקלערונג נישט געהאַט. איך האָב זרח־העשלען נישט אויס־געלאַכט. דער פרומקייט־עלעמענט איז נאָך געווען גאַנץ שטאַרק אין מיר. אָבער איך האָב פּאַרט נישט געקענט דערקלערן דערשיינונגען בלויז דורך פרומען גלויבן. האָב איך אַרויסגערוקט אַ טענה צו זרח־העשלען: וויאַזוי קען ער מאַכן דעם בורא עולם פאַר אַזאַ אכזר, אַז ער זאָל עס האָבן באַוועגט מיט די העק פון די פּאַגראָמשטשיקעס איבער אידישע קעפּ? דער שטיפער לייבקע האָט גרויס נחת געהאַט, וואָס איך האָב זיין ברודער — צו ווען ער האָט קיין צו־טיפע ליבע נישט פאַרמאָגט — אַזוי צעטומלט. איך האָב אָבער קיין נחת דערפון נישט געהאַט. איך האָב זרח־העשלען דווקא יאָ רעספּעקטירט פאַר זיין תמימות. וועגן דער ראָלע פון דער צאַרישער רעגירונג אין די פּאַגראָמען האָב איך דאַן קיין באַגריף נישט געהאַט. בין איך געבליבן מיט דער אַלטער פראַגע אין מיין גאַנצן געמיט: „פאַרוואָס?" פאַרוואָס קומט אונז אידן אַזאַ גורל?

ג.

דער ערשטער טאָג פון אונזער צוריק־באַגעגעניש אין ווילנע, איז פאַר אונז ביידן, פאַר זרח־העשלען און פאַר מיר, נישט געווען קיין דערפאַלגרייכער. עס האָט אונז נישט נענטער געבראַכט איינער צום צווייטן. ערשט אויף מאָרגן האָט זיך זיין שטימונג געענדערט און אויך זיין באַציאונג צו מיר. דער אָפּגעפרישטער זכרון פון די צוויי חדשים לערנען צוזאַמען האָט אים געהאָלפן אַרויסקריכן פון זיין פאַרביטערטער איינגעשלאָסנקייט. ער האָט מיך אָנגעהויבן אויספרעגן וואָס איך דענק צו טאָן אין ווילנע. ווי אַ רעזולטאַט פון אָט־דער אָפּגעפרישטקייט האָט ער מיך געפרעגט צי וואָלט איך גרייט געווען אַריבערצוציען זיך צו זיי אין הויז. איך האָב זיך נאַטירלעך שטאַרק דער־פרייט דערפון. ער איז אַוועק צו זיין מאַמען און איז באַלד געקומען מיט אַ תשובה, אַז זי איז מסכים. זייער דירה איז געווען אַ גאַנץ גרויסע, אָבער קיין באַזונדערן חדר האָבן זיי פאַר מיר נישט געהאַט. האָט מען אַריינגעבערענגט אַ קאַנאַפּע אין זרח־העשל'ס חדר און איך בין געוואָרן זיין קוואַרטיראַנט.

לאַנג בין איך, אָבער, מיט אים נישט געבליבן. דאָס הויז איז געווען צו־טומלדיק, סיי פאַר אים און סיי פאַר מיר. ער פלעגט ביי טאָג אַוועקגיין לער־נען אין בית־המדרש. איך האָב נאָך די ערשטע טעג נישט געהאַט באַשלאָסן וואָס אָנצוהויבן טאָן. ביי מיין גאַנצן רעספּעקט פאַר זרח־העשלען, האָב איך אָבער בשום אופן נישט געפילט אין אים נישט קיין ישראל עפרויקין, נישט

קיין בן־ציון גוטמאַן. פאַרקערט, צווישן אונז בײדן איז געשטאַנען אַ מחיצה. ער האָט זייער גוט געוואוסט וועגן דעם שפּל׳ן מעמד פון מיין משפחה אין פאַרגלייך צו זיינער. אינגאַנצן פריי פון סנאָביזם איז ער זיכער נישט געווען. פריי דערפון איז דווקא געווען זיין ברודער לייבקע. זרח־העשל האָט אויך נישט אינגאַנצן פאַרגעסן דעם פאַקט, וואָס ר׳ אברהם־מענדל האָט אים נישט איינמאָל פאַרגעהאַלטן, פאַרוואָס ער באַנעמט נישט אַזוי שנעל אַ נייע סוגיא אין דער גמרא ווי איך, דער פּיל־אינגערער פון אים. דאָס אַלץ האָט באַשאַפן צווישן אונז אַן אַנגעצויגענע באַציאונג. אי ער, אי איך האָבן געוואָלט וואָס שנעלער פּטור ווערן פון אַזאַ לאַגע.

ווען ער האָט מיך צום צווייטן מאָל געשטעלט די פראַגע: וואָס פאַרט דענק איך צו טאָן אין ווילנע? — האָב איך אים דערציילט, אַז אין ליבאַווע האָב איך פאַרדינט מיין חיונה דורך געבן אוראָקן אויף לשון־קודש. איך מוז דעריבער זיך דערוויסן, צי איך קען באַקומען אַזעלכע אוראָקן דאָ, אין ווילנע. דאַן מוז איך זוכן אַ שטענדיק אָרט וואו צו נעכטיקן. איך וויל בשום אופן מיך נישט אָנוואַרפן אויף אים. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב בריוו צו צוויי יונגעלייט, וואָס וועלן מיר מן הסתם העלפן און איך האָב אים געפרעגט, צי האָט ער געהערט פון די צוויי יונגעלייט: אברהם קונין און שלמה שניאור.

דעם צווייטן נאָמען האָט ער נישט געהערט, אָבער וועגן דעם ערשטן האָט ער יאָ געהערט. קונין איז אַ באַקאַנטער אפּיקורס אין ווילנע און ער, זרח־העשל וואָרנט מיך, אַז איך זאָל זיך מיט אים נישט באַגעגענען. איך האָב דאַן איינגעזען, אַז מיינע וועגן גייען נישט אין די דרכים פון זרח־העשל און האָב מער וועגן קונין און שניאור מיט אים נישט גערעדט.

### ד.

פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט זרח־העשלען איז דאָך אַרויסגעקומען פאַר מיר אַ גרויסע טובה. ער האָט מיך געבראַכט אין דער קלויז וואו ער פלעגט לערנען בייטאָג. דאָס איז געווען די שוסטערישע קלויז, וואָס איז געשטאַנען אין לייב־לייזערס הויף, אויף דער אידישער גאַס. זרח־העשל האָט מיר דערקלערט, אַז ער האָט אויסגעקליבן אָט־די קלויז צוליב דעם גרויסן יחוס פון לייב־לייזערס הויף. דאָ, אין איינעם פון די קעלערן, איז געבוירן געוואָרן דער באַרימטער ווילנער גאון. ווי יעדער ישיבה־בחור האָב איך גוט געקענט דעם נאָמען „הגר״א״ (די ראשי־תיבות פון הגאון ר׳ אליהו). איז דאָס טאַקע פאַר מיר אויך געווען זייער אַ וויכטיקער ענין. זרח־העשל האָט מיר צוגעזאָגט,

אַז אויב איך וויל אויך לערנען דאָ, וועט ער ריידן וועגן דעם מיטן שמש. ער האָט אַזוי געטאָן. דער שמש האָט מסכים געווען.

אָט־די פאַרבינדונג האָט זיך פאַר מיר פאַרענדיקט מיט צוויי גאָר וויכ־טיקע רעזולטאַטן. שוין דעם זעלביקן טאָג האָב איך אַליין גערעדט מיטן שמש און אים געפרעגט, צי קען איך באַקומען די דערלויבעניש צו נעכטיקן אין קלויז. דער שמש האָט מיר געזאָגט, אַז איינער, אַן עלטערער ישיבה־בחור, נעכטיקט שוין אין קלויז. דענקט ער, אַז קיינער וועט נישט זיין קעגן דעם, אַז נאָך אַ ישיבה־בחור זאָל דאָרט נעכטיקן. שוין אויף מאָרגן האָב איך מיינע מטלטלין אַריבערגעטראָגן אין דער שוסטערשער קלויז.

דעם זעלביקן טאָג האָב איך מיך דערוואוסט, אַז די קלויז זוכט אַ בעל־קריאה. דאָס האָט מיר דערציילט טאַקע דער שמש, וואָס איז ביז דאַן אַליין געווען אויך דער בעל־קריאה פון קלויז. ער, דער שמש, מוז אויפהערן צו לייענען אין דער תורה, ווייל זיינע אויגן ווערן אים שוואַך און ער קען שוין אָפט נישט מבחין־זיין די אותיות. איך האָב אים דאַן געזאָגט, אַז איך קען זיין אַ בעל־קריאה; אַז איך קען גוט דעם טראָפּ; אַז איך קען די פאַרשידענע ניגונים סיי פון געוויינטלעכן לייענען אין דער תורה, סיי דעם באַזונדערן ניגון פאַר די הפטרות און סיי די ספּעציפישע ניגונים פון די מגילות. ער האָט זיך איינגעקוקט אין מיר מיט זיינע קרומלעכע אויגן, פון וועלכע איינס איז געווען פאַרצויגן מיט אַ בעלמע, און האָט מיך געפרעגט: „ווי אַלט ביזטו?" האָב איך געענטפערט, אַז אין תמוז ווערט מיר 16 יאָר. האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אַזוי? — נאָך צו־יונג! אָבער איך וועל איבערשמועסן מיטן גבאי".

דער סוף איז געווען, אַז טאַקע אויף מאָרגן, שבת, האָט מען מיר דערלויבט אַ פּראָבע. איך האָב די פּראָבע אויסגעהאַלטן און בין געוואָרן זייער בעל־קריאה. דער אמת איז, אַז איך האָב אהבת נפש ליב געהאַט די קריאת־התורה. איך האָב געוואַרט אויף די שבתים מיט געוואַלטיקן אומ־געדולד. נאָך גליקלעכער בין איך געווען, ווען עס האָט אַמאָל געטראָפן, אַז דער וואָס מען האָט אויפגערופן צו מפטיר האָט אַליין זיך נישט געקענט „ספּראַווען" מיט דער הפטורה (נאָך אַלעמען איז עס דאָך געווען אַ קלויז פון בעלי־מלאכה, וואו אַזעלכע האָבן זיך נעבעך געפונען). דאַן האָב איך געדאַרפט זאָגן די הפטורה אויך. דער תוכן פון אַלע הפטורות האָט מיך אַלעמאָל פאַרכאַפּט. נאָך מער — דער וואונדערלעכער טראָפּ־ניגון פון די הפטרות. דאָס קול/כל איז געווען יונג און פריש, האָב איך אַליין שטאַרק הנאה געהאַט און די מתפללים זיינען פשוט צעגאַנגען פון מתיקות. דאַן

פלעג איך אַפּט געבעטן ווערן, אַפילו פון אַזעלכע וואָס האָבן אַליין אויך געקענט זאָגן די הפטורה, אַז איך זאָל עס בעסער טאָן. איך האָב זיך פון דעם קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט. עד היום זינגען אין מיר זייער אָפט די טראָפּ־קלאַנגען, בעיקר פון די הפטרות.

דערצו האָב איך נאָך באַקומען אַ האַלבן רובל פאַר יעדן שבת. פאַר שבועות, ווען איך האָב געלייענט מגילת רות, האָב איך באַזונדער באַקומען אַ גאַנצן רובל. דאָס זעלביקע תשעה־באב, ווען איך האָב געלייענט מגילת איכה.

ה.

מיין „עקאָנאָמישע" לאַגע איז, גלייך אין די ערשטע עטלעכע טעג פון מיין זיין אין ווילנע, „נאָרמאַליזירט" געוואָרן. אַ פּלאַץ צו שלאָפן אַ פּאַרזי־בערטער; צוויי רובל אַ חודש פאַרדינסט פאַרזיכערט און פון מיין געבראַכטן „קאַפּיטאַל" איז מיר נאָך פאַרבליבן גאַנצע 35 רובל. פאַרלעבט האָב איך העכסטנס 20 קאָפּיקעס אַ טאָג. מיינע מלבושים זיינען נאָך אויך נישט צו־שטאַרק אָפּגעפאָרן. דער פחד פאַר הונגער איז פאַרטריבן.

דערצו איז דאָ אַ באַקאַנטע משפחה וואו מען קען אַמאָל פאַרברענגען אַ שעה אָדער צוויי. לייבקע האָט זיך געהאַלטן גאָר חבריש מיט מיר, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז סטודענט און איך בין ישיבה־בחור. אויך די אינגערע טאָכטער מלכה האָט זיך געהאַלטן גאַנץ פריינטלעך. די מערסטע חברים לייבקעס זיינען געווען סטודענטן פון זיין קאָמערץ־שולע. זיי פלעגן אָפט קומען צו די לעוויטאַנס אין הויז און געבראַכט פיל פרייליכקייט. די דאָזיקע מסיבות זיינען געווען פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער ווי די מסיבות ביי קאַסטרעלן אין ליבאַווע. דאָס אָרט פון תורה־שמועסן האָבן דאָ פאַרנומען וויכוחים וועגן די שווערקייטן, וואָס זיי באַגעגענען אין זייערע שולעס, סיי מצד די לערער, סיי מצד די נישט־אידישע סטודענטן. דאָס אָרט פון חסידישע ניגונים האָבן פאַרנומען סטודענטן־לידלעך אין רוסיש. אָבער אָט־די סאָרטן שמועסן און געזאַנגען האָב איך געהערט ערשט אין די שפּעטערדיקע וואָכן. אין די ערשטע טעג האָט מען נאָר גערעדט וועגן קישינעווער פּאָגראָם.

אין שטראָם פון די געשפּרעכן האָב איך צום ערשטן מאָל דערהערט אַן אומבאַקאַנטן וואָרט: „סאַמאָ־אָבאָראָנע". דערביי איז פאָרגעקומען אַ מערקווירדיקע דערשיינונג. די סטודענטן האָבן צווישן זיך גערעדט רוסיש און געזונגען רוסישע לידער. אָבער ריידנדיק וועגן קישינעווער פּאָגראָם זיינען זיי אַלע איבערגעגאַנגען צו אַ פּליסיקן, ווילנער אידיש. ווען זיי האָבן

גערעדט וועגן „סאַמאָ־אַבאָראָנע" איז מען אויף אַ נאַטירלעכן אופן צוריק אַריבער צו רוסיש און דערצו האָט מען נאָך פאַרנעפּלט די רייד. איך האָב אַפילו אַ פשוטן רוסיש זייער ווייניק געקענט נאָכפאָלגן, בפרט דעם דאַזיקן אופן פון זייער ריידן. דאָס האָט אַרויסגערופן אין מיר אַ זייער טיפע פאַר־אינטערעסירונג, געמישט מיט אַן אומהיימלעכקייט. לייבקע האָט מיר דאַן פאַרטייטשט דאָס „נייע" וואָרט, אַז דאָס מיינט „זעלבסט־פאַרטיידיקונג". ער האָט נאָך צוגעגעבן מיט אַ סודותדיקן טאָן: „מיר ווילן זיך צוזאַמענריידן, וויאַזוי מיר זאָלן זיך קענען אַליין פאַרטיידיקן, אויב אויך אין ווילנע זאָל אויסברעכן אַ פּאָגראָם". איך האָב אים דאַן מער קיין פראַגעס נישט געשטעלט. אָבער דער דאָזיקער נייער ענין האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין צעטומלונג פון יענע טעג. איך וויל אָבער דערמאָנען אַ פריילעכן שטריך פון מיין פאַר־בינדונג מיט דער לעוויטאַן־משפחה.

די סטודענטן זיינען צוגעצויגן געוואָרן מער דורך מלכה לעוויטאַן, איידער דורך לייבקען. זי האָט זיך געפילט ווי די אמתע „מלכה", אַרומגערינגלט פון אַזויפיל אינגלעך־פאַרערער. פונדעסטוועגן האָט זי אויך פאַר מיר, הגם איך בין געווען אַזוי אַנדערש פון די אַנדערע בחורימלעך, אויך געהאַט אַ שמייכל, אַמאָל אַ גוט וואָרט. מיר איז עס אַוודאי געווען נישט אומאָנגענעם. די ערשטע פאָר וואָכן האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז זי טוט עס אויס רחמנות צו מיר. דאָס האָט מיר פשוט וויי געטאָן. אָפט האָב איך זיך טאַקע צוליב דעם געראַנגלט מיט דער אייגענער דעה, צי זאָל איך בכלל באַזוכן דאָס הויז פון די לעוויטאַנס. מנצח געווען האָט אָבער די תשוקה נאָך אַביסל פריילעכ־קייט אין לעבן, אַן פריינט און אַן פרייד. דערצו — וואָס טויג צו לייקענען? — האָב איך טאַקע אַביסל געבענקט נאָך איר שמייכל. בין איך געגאַנגען. איך האָב מיך שפּעטער איבערצייגט, אַז איר שמייכלען צו מיר איז נישט געווען אויס רחמנות. זי האָט פשוט געשמייכלט צו אַלע אינגלעך וועלכע האָבן זי באַוואונדערט און זי האָט — מיט רעכט — געשפּירט, אַז עפּעס פון אָט־דער באַוואונדערונג איז אויך דאָ ביי איר לאַנדסמאַן, דעם קלויזניק.

דאָס אַלץ — מיין „נאָרמאַליזירטע" עקאָנאָמישע לאַגע און די פריינט־לעכע משפחה — איז געווען זייער גוט. אָבער צוויי זאַכן האָבן מיך באַאומ־רואיקט: ערשטנס — וואָס וועל איך פאַרט טאָן אין ווילנע? צווייטנס — איך האָב שוין עטלעכע וואָכן נישט געהערט פון דער היים. דעם ערשטן בריוו פון קורעניץ האָב איך באַקומען ערשט אויף דער דריטער וואָך פון מיין זיין אין ווילנע. וואָס שייך דער צווייטער זאָרג, האָב איך בלויז געקענט וואַרטן. אָבער וועגן דער ערשטער האָב איך באַשלאָסן וואָס שנעלער זיך צו טרעפן

מיט שניאורן און קונינען, אפשר וועל איך פון זיי קענען באַקומען אַן ענטפער אויף מיין פּראָבלעם.

ג.

לייבקע האָט געקענט ווילנע אויסגעצייכנט. אויפן פינפטן טאָג פון מיין זיין אין ווילנע האָט ער מיך געבראַכט צו שלמה שניאור, וועלכער איז געווען פאַרוואַלטער פון דער ווילנער ביוראָ פון דער אידישער טאָג־צייטונג „דער פריינד" (דאַן דערשינען אין וואַרשע). אין זיין ביוראָ האָבן מיר גע־פונען דאָס צימער אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. זיי זיינען עס געקומען קויפן — אָדער בלויז לייענען — דעם נייעם נומער „פריינד". בעיקר האָט מען געזוכט צו וויסן מער וועגן קישינעוו. לייבקע און איך זיינען אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם זעלביקן דראַנג. עס איז אָבער געווען נישט גרינג זיך צו־צושלאָגן צו אַ צייטונג. אויך דאָ האָבן אידן גערעדט און כמעט אַלע מיטאַמאָל.

מיר האָבן נאַטירלעך געפרעגט אויף שלמה שניאור. איז צוגעקומען צו אונז אַ קליין־געוויקסיקער יונגערמאַן, מיט זייער אַ גרויסן קאָפּ און האָט אָנגעשטעלט אויף אונז גרויסע, ברענענדיקע אויגן:

„איר זוכט מיך?" — האָט ער געפרעגט — „איך בין שלמה שניאור. ווער זייט איר?"

האָב איך אַרויסגעכאַפּט עפּרויקינ׳ס בריוו צו אים און אים איבערגעגעבן, זאָגנדיק דערביי, אַז איך האָב אויך אַ בריוו צו אברהם קונין און פרעג אים צי ער ווייסט וואו איך קען אים טרעפן. זיין ענטפער איז געווען:

„קונין וועט זיכער באַלד קומען, ווייל אין צייטונג איז אָפּגעדרוקט זיינס אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ווילנע. איך וועל אייך באַקענען מיט אים ווי נאָר ער וועט אַריין". דאַן האָט ער געעפנט דעם בריוו, האָט אים איבערגעלייענט, דערנאָך האָט ער עטלעכע מינוט געשוויגן פאַרטראַכטערהייט, ביז ער האָט זיך צו מיר געווענדט:

„איך בעט אייך קומען אַהער אין אָוונט. מיר וועלן דאַרפן לאַנג שמועסן. איך וועל בעטן קונינען, אַז אויך ער זאָל דאָ זיין אין אָוונט. אויב איר ווילט וואַרטן אויף קונינען, קענט איר עס טאָן. איר קענט דערוויילע לייענען דאָס בלאַט. אייער סטודענט קען דאָ אויך בלייבן אויב ער וויל. איז ער אייערס אַ קרוב?"

דאָ איז דער זשוואַווער לייבקע מיר פאַרלאָפן דעם וועג. ער האָט דער־ציילט, אַז מיר זיינען לאַנדסלייט. ער האָט מיך אָנגעהויבן לויבן: „אין אונזער שטעטל האָבן אַלע געוואוסט, אַז ער האָט אַ וואויל קעפּל. ער האָט געקענט

בעסער לערנען ווי עלטערע פון אים". מיר איז געוואָרן פריקרע פון זיין איבערגעטריבענעם טאָן. איך האָב אים געפּרואווט אָפּשטעלן. אָבער לייבקען שטעלט מען אַזוי לייכט נישט אָפּ, ווען זיין שטראָם רייד עפנט זיך. ביז שלמה שניאור האָט אים אַ זאָג געטאָן:

„ווער אייער לאַנדסמאַן איז, ווייס איך שוין פון דעם בריוו וואָס עס שרייבט מיר מיינער אַ חבר, אויף וועמענס מיינונג איך פאַרלאָז מיך. ווי איך זע, זיינט איר אַ היגער, אַ ווילנער סטודענט. מן הסתם האָט איר דאָ אַ משפּחה. וועט אייער לאַנדסמאַן קענען זיין ביי אייך ביז מיר וועלן זיך מיישב זיין וואָס מיר קענען טאָן בכדי אים צו העלפן געפינען דאָ חיונה און ער זאָל קענען ווייטער לערנען?"

דאָס מאָל האָב איך שוין נישט געלאָזט לייבקען ווייטער ריידן. איך האָב געזען, אַז אַנדערע אידן ווילן ריידן צו שניאורן. האָב איך אים בקיצור דערציילט, אַז מיין פּריינטס משפּחה האָט מיר שוין פיל געהאָלפן; אַז איך האָב שוין אַ פּלאַץ צום נעכטיקן און אַז איך האָב שוין אַפילו אַן אָנהויב אויף חיונה. איך האָב אים געדאַנקט וואָס ער איז גרייט מיך צו טרעפן אין אָוונט. לייבקע האָט געקויפט אַ צייטונג און מיר האָבן ביידע פאַרלאָזט די ביוראָ.

ז.

יענעם אָוונט האָב איך פאַרבראַכט מיט שלמה שניאור און קונינען לאַנגע שעה'ן. שלמה שניאור איז פאַר מיר געווען אַ קוואַל פון פרייד. דאָס סאַמע פאַרקערטע — א. קונין. שניאור איז געווען זייער אַ צוגעלאָזענער. קונין, דאַקעגן, זייער אַ פאַרשלאָסענער. כולו אומר: האַלט זיך פון ווייטן, איך בין אַ שרייבער! דעם גאַנצן אָוונט האָט ער כמעט קיין אָנטייל נישט גענומען אין אונזערע שמועסן, וואָס האָבן אָנגערירט זייער פיל פראַגן. בלויז דאַן, ווען דער שמועס האָט זיך געדרייט אַרום ווילנער אידישע אינסטיטוציעס האָט ער זיך באַטייליקט. אָבער בלויז ווי ווייט אים איז געגאַנגען אין דערציילן וואָס ער האָט וועגן זיי געשריבן אין בלאַט.

דעם תוכן פון די בריוו וואָס עפרויקין האָט צו זיי געשריבן האָב איך, נאַטירלעך, נישט געוואוסט. ערשט במשך די שמועסן האָט שלמה שניאור זיך באַצויגן צו פּונקטן פון בריוו. איך בין געווען זיכער, אַז עפרויקין האָט געשריבן צו ביידן דאָס זעלביקע. פונדעסטוועגן איז שניאור'ס באַציאונג צו מיר געווען פון איינעם וואָס וויל זיין מיט מיר אַ גלייכער חבר, וואָס וואַרפט פונאַנדער מחיצות פון יאָרן, פון וועלטלעכער בילדונג — וואָס ער האָט שוין

פאַרמאָגט אַ סך און איך נאָך זייער ווייניק; פון עקאָנאָמישן שטאַנד — וואָס ער איז געווען באַזאָרגט מיט אַ פיינער, בכבודיקער שטעלע און איך האָב נאָך אַלץ נישט געוואוסט וואָס איך וועל טאָן. אָט־די אַלע מחיצות האָט ער צעשטערט און אונזער שמועס איז געפירט געוואָרן אויף אַ באַזע פון חבר־שאַפט, מיט ערנסטן זאָרג פאַרן חבר, דעם נע־ונדניק. קוניץ, דאַקעגן, האָט די מחיצות געהאַלטן אין איין פעסטער און העכער מאַכן. איז יענע באַגע־געניש געווען פאַר מיר די ערשטע און די לעצטע מיט קונינען. וואָס פון אים איז שפּעטער געוואָרן, ווייס איך נישט. אָבער שניאור'ס שפּעטערדיק לעבן ליגט פאַר מיר אָפן אויסגעלייגט, פון אונזער ערשטער באַגעגעניש ביז זיין אומגליקלעכן סוף.

ער איז געשטאָרבן אין אַ משוגעים־הויז נישט ווייט פון מאָנטרעאָל, קאַנאַדע. זיין קליינער קערפּער איז פּשוט געווען צו־שוואַך צו טראָגן אויף זיך דעם אומגעהויער־גרויסן קאָפּ, מיטן איבערפלוס פון גייסט, וואָס האָט אים צעמישט זיינע רעיונות אין זיינע לעצטע יאָרן. אין זיינע נאָרמאַלע יאָרן האָט ער אָבער באַוויזן דורכצוגיין כמעט דעם זעלביקן וועג וואָס אַ גאַנצע גרופּע, מיט נחמן סירקין בראש — מיך איינגעשלאָסן — איז דורכ־געגאַנגען.

אין יאָר 1904 איז ער געקומען קיין אַמעריקע און האָט זיך באַזעצט אין פילאַדעלפיע. דאָרטן האָט ער, צוזאַמען מיט חבר חיים פיינמאַן זכרונו לברכה און — אים צו לאַנגע יאָר — דעם חבר מאיר בראַון געגרינדעט דעם דאָרטיקן פּועלי־ציון־צוייג. צוזאַמען מיט דער דערמאָנטער גרופּע איז ער אין 1905 אַריבער צו די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. צוזאַמען מיט איר איז ער אין 1909 צוריקגעקומען צו די פּועלי־ציון. ער האָט זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל און דאָרטן זיך באַטייליקט אין אַלע אַרבעטן פון דער באַווע־גונג. ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „קענעדער אָדלער" — וואָס דערשיינט נאָך עד־היום אין מאָנטרעאָל. ביז זיין גייסט האָט אָנגע־הויבן פאַרטונקלט ווערן איז ער געווען איינער פון די שעפערישסטע חברים אין אונזער באַוועגונג, מיט אַן אייגענעם צוגאַנג צו אַלע אידישע און אַל־געמיינע פּראָבלעמען.

זאָלן אָט־די עטלעכע אָרעמע ווערטער סילוקן כאָטש אַ קלייניקן טייל פון דעם חוב וואָס די באַוועגונג בכלל — און איך בפרט — זיינען שולדיק דעם זכר פון אָט־דעם מערקווירדיקן מענטש, וואָס איז ווייט נישט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן, נישט ביי זיין לעבן און — נאָך ווייניקער — נאָך זיין אומגליקלעכן סוף.

## ח.

חבר שלמה שניאור האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן אַלץ: וועגן מיין משפחה, וועגן וואָס איך האָב ביז איצטער געלערנט און — די אומפאַרמיידלעכע פראַגע — צי וויל איך בלייבן ביים לערנען גמרא (דאָס מאָל איז צו גמרא אויך צוגעגעבן געוואָרן פוסקים) אָדער איך וויל שטודירן וועלטלעכע ענינים. מיין ענטפער איז געווען, אַז איך האָב נאָך וועגן דעם אַליין נישט באַשלאָסן. דאָס איז געווען דער ריינער אמת. דער אינערלעכער געראַנגל צווישן די צוויי וועגן איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען אין דער נשמה. איך האָב דערווייל באַשלאָסן נאָך צו לערנען גמרא און פוסקים. סוף זומער, ווען איך וועל וויסן וואָס איך קען דאָ אין ווילנע אויפטאָן, וועל איך אָננעמען אַ באַשלוס. (עס איז מיר אַפילו אויפן זינען נישט געקומען, אַז גאָר גיך וועלן פאַרקומען אין מיין לעבן אַזעלכע אַנטוויקלונגען, וואָס וועלן מיך אַוועקפירן גאָר אויף אַן אַנדער דרך). איך האָב אים געבעטן מיך צו אינפאָרמירן וועלכע ישיבות עס זיינען דאָ אין ווילנע.

שלמה שניאור האָט ליב געהאַט אַ סך צו ריידן. יעדן פונקט וואָס ער האָט באַרירט, האָט ער אַרומגערעדט פון אַלע זייטן. ענטפערנדיק מיין פראַגע האָט ער זיך צערעדט וועגן צוויי תורה־אינסטיטוציעס אין ווילנע: וועגן ראַמאַילעס ישיבה און וועגן ר' חיים עוזר'ס קיבוץ. די אויספירלעכע לעקציע האָט ער פאַרענדיקט אַזוי: „איך פאַרשטיי, אַז פאַר אַ יונגנמאַן וואָס האָט געלערנט אין טעלזער ישיבה איז ראַמאַילעס ישיבה נישט מער נויטיק. עס בלייבט דעריבער פאַר אייך אָנגענומען צו ווערן אין ר' חיים עוזר'ס קיבוץ.

אויף מיין פראַגע: „ווי קומט מען צו צו ר' חיים עוזר'ן?" האָט ער געענטפערט דווקא זייער קורץ: „דאָס לאָזט איבער צו מיר! עס קומען דאָ אַריין גענוג אידן, צווישן זיי טאַקע אויך ר' חיים עוזר'ס תלמידים, וואָס כאַפּן זיך אַריין בגנבה לייענען דאָס בלאַט; איך וועל שוין וועגן דעם אויסגעפינען. מאָרגן קום איך צו אייך אין דער שוסטערשער קלויז מיט אַ תשובה".

אויף מאָרגן איז ער געקומען מיט אַ שטאַרק־פאַרוואַקסענעם איד, אין די מיטעלע יאָרן, און שטעלט מיר אים אַזוי פאָר: „דאָס איז ר' חיים עוזר'ס משגיח פון קיבוץ. איך האָב אים געוויזן דעם בריוו וואָס איך האָב וועגן אייך באַקומען. איך האָב אים אויך דערציילט, אַז איר האָט געלערנט אין טעלז. האָט ער וועגן אייך גערעדט מיט ר' חיים עוזר, וואָס האָט אים געשיקט אייך פאַרהערן".

דער משגיח האָט אים כמעט ווי איבערגעשלאָגן די רייד: „ניין, ניין!"

— האָט ער געזאָגט — „נישט פאַרהערן! ר׳ חיים עוזר וויל נאָר וויסן אַביסל מער פּרטים וואָס דו האָסט ביז איצט געלערנט. ביי אונז פאַרהערט מען נישט. אין אונזער קיבוץ דערפילט דער תלמיד אַליין זייער שנעל צי ער קען זיך צופּאַסן צום לימוד, אָדער נישט. ר׳ חיים עוזר האָט זיין אייגענע שיטה אין לערנען מיט תלמידים. אויב דער תלמיד פילט, אַז ער האָט אַ פּעולה אין לערנען, בלייבט ער. אויב נישט — אויב למשל דער שיעור איז פאַר אים צו־הויך — גייט ער אַליין אַוועק".

איך האָב אויסגערעכנט פאַרן משגיח וואָס איך האָב געלערנט. דאַן האָט ער געזאָגט: קום דאָנערשטיק אינדערפרי, נאָכן דאַווענען, אין גאונ׳ס קלויז. ר׳ חיים עוזר וועט דיך דאָרט באַגעגענען.

צו דער ריכטיקער צייט בין איך געקומען און האָב געטראָפן צוויי אידן. איך האָב נישט געוואוסט וועלכער פון זיי איז ר׳ חיים עוזר. איך האָב מיך גענומען אַרומקוקן, זוכן דעם משגיח. ער איז אָבער נישט געווען. דער איי־נגערער פון די צוויי אידן איז דאַן צוגעגאַנגען צו מיר און מיך געפרעגט וועמען איך זוך. האָב איך געענטפערט, אַז איך זוך דעם משגיח פון ר׳ חיים עוזר׳ס קיבוץ. אויף דעם אידס פּנים האָט זיך צעשפּרייט אַ שמייכל, וואָס איז געווען אין פולער סתירה צו דער שטרענגקייט, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון זיינע אויגן. דאָס קול זיינס איז אָבער געבליבן האַרט, אַפילו ווען ער האָט מיט עניוות אַ זאָג געטאָן: „איך בין חיים עוזר". און אָנווייזנדיק אויפן צווייטן עלטערן איד, האָט ער צוגעגעבן: „און דאָס איז ר׳ שלמה׳לע דיין".

איך בין געבליבן אַ צוגעשמידטער צום אָרט. ר׳ שלמה׳לעס נאָמען איז מיר געווען גוט באַקאַנט. די גמרות, וועלכע איך האָב אין די לעצטע יאָרן געלערנט, זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך „האלמנה והאחים ראָם" און אין יענע גמרות זיינען שוין געווען אָפּגעדרוקט ר׳ שלמה׳לעס פּירושים אויפן ש״ס, צוזאַמען מיט די פּירושים פון אַנדערע פאַרהערלעכטע גאונים. דאָס געפיל, אַז איך געפין זיך אין דער מחיצה פון אַזעלכע צוויי גאונים, בפרט אין דער מחיצה פון ר׳ שלמה׳לען, האָט מיך אי צעטומלט, אי דערהויבן. איך האָב זיך פּשוט פאַרלאָרן. איך האָב אַפילו נישט געוואָגט צו געבן זיי שלום עליכם. דאָ האָט ר׳ שלמה׳לע מיר אַרויסגעהאָלפן.

להיפוך צו די שטרענגע אויגן פון ר׳ חיים עוזר׳ן, האָבן פון אַ ווייסן פּנים, מיט נאָך אַ ווייסערער, קיילעכדיקער באָרד, אַרויסגעקוקט צו מיר צוויי מילדע, קינדיש־ריינע אויגן פול מיט ליבשאַפט. ער האָט צו מיר אויסגעש־טרעקט אַ ווייסע האַנט, זאָגנדיק: „שלום עליכם, יונגערמאַן. זעט אויס נישט קיין היגער. פון וואַנען קומסטו, מיין קינד?"

מיט אינערלעכן ציטער האָב איך אָנגעכאַפּט זיין האַנט. איך האָב מורא, אַז אין מיין צעטומלטקייט האָב איך דעם טייערן, אַלטיטשקן גאון צו־שטאַרק אַ דריק געטאָן. עס האָט מיר גענומען אַ פּאָר מינוט ביז איך האָב געוואַגט צו ענטפערן. איך האָב געהאַט כוח בלויז אַרויסצורײדן אַ קורצן זאַץ: „דער משגיח פון ר׳ חיים עוזר׳ס קיבוץ האָט מיך געהייסן קומען היינט אַהער״.

דאַן האָט שוין אויך ר׳ חיים עוזר אויסגעשטרעקט זיין האַנט געבנדיק מיר שלום עליכם און זאָגנדיק: „דו מוזט זיין דער טעלזער ישיבה־בחור וועגן וועלכן מיין משגיח האָט מיר דערציילט. גוט, גוט, דו ביזט אָנגענומען אין מיין קיבוץ. קום היינט 4 אַזייגער. איך לערן דאָ מיט מיינע תלמידים״.

פון גרויס אויפרעגנדיקער התרוממות איז מיך באַפאַלן אַ שטאַרקע היץ. איך האָב מורא געהאַט, אַז מיינע טרייסלענדיקע פיס וועלן נישט אויסהאַלטן און איך וועל באַלד פאַלן. אין מיין צעטומלטקייט האָב איך אַפילו פאַרגעסן צו דאַנקען זיי פאַר אַזאַ וואַרעמען קבלת־פנים. אומגעלומפּערט האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן דער ענטפער: „איך וועל קומען, אַוודאי וועל איך קומען. זייט געזונט, טייערע אידן!״ און איך האָב אַרויסגעשטורעמט פון קלויז.

## ט.

פון גאונ׳ס קלויז בין איך תיכף אַוועק צו שלמה שניאור׳ס ביוראָ. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט, ווען ער האָט געהערט פון מיר, אַז ר׳ חיים עוזר האָט מיך אַריינגענומען אין קיבוץ. איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב דאָרט אויך באַגעגנט ר׳ שלמה׳לע דיין. זיין עקספּראָמטער ענטפער איז געווען: „זעט איר, דאָס איז גאָר אַ גרויסער זכות!״ ער האָט מיר דאַן דער־קלערט, אַז ר׳ שלמה׳לע איז דער הויפּט מורה־הוראה פון ווילנע; אַז זינט דעם ווילנער גאונ׳ס פּטירה האָט די היגע קהילה קיינעם נאָך נישט געגעבן דעם טיטל „ווילנער רב״, נאָר „ווילנער דיין״. די אידישע קהילה גרויסט זיך אָבער מיט ר׳ שלמה׳לען. אַלע האָבן אים זייער ליב. און — אויף זיין שטייגער — האָט זיך שלמה שניאור צערעדט וועגן ר׳ שלמה׳לע דיין.

דאָס מאָל האָב איך אים נישט איבערגעשלאָגן. פאַרקערט: איך האָב געוואָלט הערן מער און מער. ר׳ שלמה׳לע האָט מיך פּשוט באַצויבערט. די וואַרעמקייט פון זיינע אויגן האָט נאָך אַלץ ווי געשטראַמט צו מיר און מיר פאַרשאַפט גרויס נחת־רוח. ווען שלמה שניאור האָט פאַרענדיקט זיין לעקציע וועגן ר׳ שלמה׳לען, זיינען מיר אַריבער אויף אַן אַנדער טעמע.

די „נייע״ טעמע איז געווען: דער קישינעווער פּאָגראָם. אינעם אָוונט

ווען איך האָב פאַרבראַכט מיט אים און קונינען, איז עס געווען דער צענטראַ־לער פונקט פון אונזער שמועס. דאַן האָט זיך דער געשפּרעך באַוועגט — בעיקר פון שניאור׳ס זייט — אַרום דעם פּאַרנעס פון דעם אומגליק. מיך האָט אָבער אַלץ געדריקט די פראַגע וועגן דער סיבה. שלמה שניאור האָט נאָר אַנגעוואונקען אויף אַ סיבה. איך האָב געפילט, אַז ער דערזאָגט נישט אַלץ וואָס ער ווייסט, אָדער וואָס ער מיינט. דער רמז האָט בלויז געזאָגט, אַז עמעצער איז פאַראינטערעסירט אין די פּאָגראָמען. ווער דער עמעצער איז האָט ער נישט דערקלערט. האָב איך אים איצט אָפן געפרעגט וועמען ער מיינט.

איז דאַן געקומען אַ לאַנגער, טעאָרעטישער אַנאַליז פון דער פּאָליטישער לאַגע אין רוסלאַנד. צוזאַמען דערמיט — אַן אויספירלעכע דערקלערונג וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. צום סוף האָט ער קלאָר אַרויסגעזאָגט דעם פונקט, אַז די צאַרישע רעגירונג וויל אָפּווענדן אויף אידישע קעפּ דעם צאָרן פון פאָלק קעגן איר.

איצט האָב איך בעסער פאַרשטאַנען דעם אויסדרוק פון יענעם יונגנמאַן אויף דער באַן פון ליבאַווע קיין ווילנע, ווען ער האָט זיך געוואונדערט, אַז איך ווייס נישט וואָס עס טוט זיך אין „פּאַניעס מדינה". איך האָב מיך אויך דער־מאָנט דעם געשפּרעך פון די סטודענטן אין לעוויטאַנס הויז וועגן זעלבסט־שוץ. ווען איך האָב עס דערציילט שניאור׳ן, איז געקומען אַ לאַנגע אויפ־קלערונג וואָס עס ווערט געטאָן דאָ אין ווילנע, כדי אויפצושטעלן אַ שטאַרקע זעלבסט־שוץ. וויאַזוי עס גרייטן זיך אידישע קצבים, בעלי־עגלות, גאַרבער, שוסטער און אַנדערע אידן, בעיקר די וואָס געהערן צו רעוואָלוציאָנערע באַ־וועגונגען. ער האָט מיר דערביי אָנגעזאָגט מיט קיינעם נישט צו ריידן וועגן דעם. די גאַנצע פּרשה איז פאַר מיר געווען אַזוי ניי, אַז זי האָט פאַר אַ ווײַלע אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ און האַרץ אפילו די איבערלעבונג פון מיין באַגעגעניש מיט ר׳ שלמה׳לען און ר׳ חיים עוזר׳ן.

די דריטע טעמע פון אונזער שמועס איז געווען וועגן „השכלה". ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָבן מיר אַ סך גערעדט וועגן דעם. בעיקר האָט גערעדט שלמה שניאור. איך האָב מיין „פילאָזאָפיע" אויסגעדריקט אין צוויי קורצע וואונטשן: איך וויל סיי גלויבן, סיי פאַרשטיין! אָט־די „פילאָזאָפיע" האָט דאַן אַרויסגערופן אַ הויכן געלעכטער — נישט בלויז אַ שמייכל — מצד א. קונין. שניאור אָבער האָט נישט געלאַכט. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן אַ בוך, וואָס פּאַסט זייער גוט פאַר דעם וואָס איך זוך. דאָסמאָל האָט ער געהאַט גרייט פאַר מיר דאָס בוך. דאָס איז געווען דער ראָמאַן פון ראובן־אָשר ברוידעס — „הדת והחיים".

איך בין אַוועק מיטן בוך אין האַנט אין מיין שוסטערשער קלויז. אויפן וועג האָב איך געקויפט ברויט מיט אַ שטיקל הערינג — מיין שטענדיקער מיטאָג. קומענדיק אין קלויז האָב איך נאָך געהאַט גאַנצע דריי שעה ביז צום ערשטן שיעור פון ר׳ חיים עוזר׳ן. איך בין געווען שטאַרק צעשטורעמט פון די איבערלעבונגען. איך האָב געעפנט אַ גמרא און האָב בשום־אופן זיך נישט געקענט קאָנצענטרירן. איך האָב אויפגעזוכט ר׳ שלמה׳לעס פירוש. אויך דאָ האָט צו מיר קלאָר אַרויסגערעדט בלויז דער נאָמען. אין תוכן האָב איך נישט געקענט אַריינדרינגען. האָב איך דאַן געעפנט דאָס בוך „הדת והחיים״. דאָ בין איך אינגאַנצן פאַרכאַפּט געוואָרן. איך האָב שיער נישט פאַרשפּעטיק דעם „שיעור״ פון ר׳ חיים עוזר׳ן. מיט כוח האָב איך זיך אָפּגעריסן פון בוך און אַוועק צום שיעור.

איך וועל מיך צוריק צום בוך „הדת והחיים״ נישט אומקערן. וויל איך בלויז זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם רושם וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, נאָכדעם ווי איך האָב אים צוויי מאָל איבערגעלייענט און עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זיין אינהאַלט.

אַוודאי האָט ער מיך דערמאָנט אין דעם „התועה בדרכי החיים״ פון פּרץ סמאָלענסקין. אָבער ער איז טיפער אַריינגעדרונגען אין מיין מחשבה. דער „התועה״ האָט זיך מער צוגעפּאַסט צו מיין אייגענעם טאָג־טעגלעכן לעבן. איך האָב מיך אַליין געזען אין דעם „תועה״. עס האָט אַוודאי אַרויסגערופן רחמנות צו זיך אַליין, וואָס איך דאַרף, פּונקט ווי דער העלד פון בוך, שטענדיק בלאָנדזשען. אָבער דער העלד פון „הדת והחיים״ בלאָנדזשעט נישט. דער תלמוד־לערנער זוכט וועגן ווי צו ענדערן דעם דת. ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן דער מיסטיק פון חסידים. ער וויל, אַז די לאַסט פון שולחן־ערוך־מצוות זאָל פאַרגרינגערט ווערן. איך האָב דאַן דערשפּירט, אַז דאָס וואָס מיך באַאומרואיקט ווערט דורך דעם בוך נישט באַרירט. אָפּטיילן אמונה־אידישקייט פון דער מצוות־לאַסט האָט צו מיר נישט אַפּעלירט. איך האָב געזוכט אַן ענטפער אויף אַ מער־געפערלעכער פראַגע: צי זיינען בכלל די יסודות פון דער אמונה פעסטע? און מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט, אַז עמעצער זאָל דעם ספק אַרויסציען פון האַרץ, ווייל איך האָב געוואָלט גלויבן.

י.

פיר אַזייגער דעם זעלביקן טאָג בין איך געווען אין גאונ׳ס קלויז.

ר׳ חיים עוזר׳ס קיבוץ איז דאַן באַשטאַנען פון נײַן תלמידים. איך בין געווען דער צענטער. די מעטאָדע פון זיין לערנען איז באמת געווען אַן אייגג־

אַרטיקע. דעם ערשטן שיעור, וואָס איך האָב פון אים געהערט, איז געווען וועגן אַ סוגיא אין נדרים. איך האָב מיך נאָך נישט געהאַט צוגעגרייט צו דער סוגיא. האָט עס מיר גענומען מערערע מינוטן, ביז איך האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין זיינע רייד. איינער פון די תלמידים האָט אים געשטעלט אַ פראַגע וועגן אַ סתירה וואָס ער האָט געפונען צווישן דעם פירוש וואָס רש״י גיט אויף אַ געוויסער שטעלע אין דער סוגיא און דעם פירוש וואָס דער ר״ן (רבינו נסים, אַ צווייטער פרשן פון נדרים) גיט אויף דער זעלביקער שטעלע. ר׳ חיים עוזר האָט זיך נישט באַנוגנט מיט אויסגלייכן די צוויי פירושים. דווקא וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דעם האָב איך נישט פאַרשטאַנען. אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם עצם זין פון אַ נדר, האָב איך שוין אים געקענט גוט נאָכפאָלגן.

ער האָט זיך פאַרטיפט אין דער באַדייטונג וואָס אַ מענטשנס וואָרט האָט, בפרט נאָך אַ מענטשנס אַ נדר. מיר איז פאַרבליבן עד־היום דער גרונטגעדאַנק פון יענעם שיעור. גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן אַ צונג אויף צו ריידן. אָבער איבער דער צונג האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם מענטשנס שכל. ווייל ווען די צונג וואָלט נישט געהאַט איבער זיך דעם שלטון פון שכל, וואָלט עס געקענט דערפירן צו די גרעסטע אומגליקן. דעריבער זאָגט טאַקע דער פסוק: „החיים והמות ביד הלשון״. די צונג קען ריידן לשון־הרע; די צונג קען זאָגן שקרים; די צונג קען מבייש זיין מענטשן, זי קען מענטשן וויי־טאָן; די צונג קען פירן צו מלחמות צווישן אומות. דער מענטש מוז דעריבער זיין זייער אָפּגעהיט איידער ער ברענגט אַרויס אַ וואָרט פון מויל. יעדער אַרויסגעבראַכטער וואָרט דאַרף זיין ריין און אמת׳דיק. ווען אַ מענטש נעמט נאָך אויף זיך אַ נדר, מוז ער איבערטראַכטן צי וועט ער קענען דורכפירן דעם נדר. אַלע מצוות בין אדם לחבירו זיינען ענג פאַרבונדן מיטן מענטשנס וואָרט. אַפילו די מצוות בין אָדם למקום זיינען אויך פאַרבונדן מיט דעם מענטשנס וואָרט. תפילה איז אַ וואָרט־שליחות צום בורא־עולם. דעריבער מוז מען פאַרשטיין וואָס מען רעדט צום רבונו־של־עולם. אָבער דער רבונו־של־עולם איז אַ בוחן לבבות, ווייסט ער ווי ווייט דעם מענטשנס וואָרט איז ריין. נישט אַזוי איז עס מיט אַ וואָרט וואָס איין מענטש גיט צום צווייטן מענטשן. דער צווייטער מענטש פאַרלאָזט זיך, אַז מען זאָגט אים דעם אמת; אַז דאָס וואָס מען זאָגט אים צו וועט מען מקיים זיין. אויב מען איז עס נישט מקיים, קען עס דעם צווייטן מענטשן ברענגען פיל שאָדן. דעריבער האָבן אונזערע חכמים צוגעגרייט אַזויפיל דינים ווי אַ מענטש דאַרף זיך באַגיין מיט זיין וואָרט.

אַט־דער גרונט־געדאַנק איז געווען דורכגעוועבט מיט מימרא׳ס פון ש״ס ופוסקים. מיט יעדער נייער ציטאַט איז די מאָס פון אחריות פאַרן וואָרט געשטיגן. אַט־דעם געדאַנקען־גאַנג האָט ער נאָך מער פאַרטיפט אין די ווייטערדיקע שיעורים. איך קען דעריבער מיט פולער זיכערקייט באַהויפּטן, אַז אים האָב איך צו פאַרדאַנקען דאָס ביסל אחריות־געפיל וואָס איז מיר פאַרבליבן פאַר יעדן וואָרט, פאַר יעדן געדאַנק, פאַר יעדער אידיי וואָס איך האָב אויפגענומען אין די ווייטערדיקע יאָרן פון מיין לעבן. די דאָזיקע באַציאונג צום וואָרט און צו דער אידיי איז אין מיר שפּעטער נאָך פאַרטיפט געוואָרן דורך דער השפעה פון מיין וויכטיקסטן רבין — נחמן סירקין.

אָן גוזמא קען איך זאָגן, אַז נאָך די עטלעכע שיעורים וואָס איך האָב געהערט פון ר׳ שמעוג׳ען אין טעלז זיינען די שיעורים וואָס איך האָב געהערט פון ר׳ חיים עוזר׳ן געווען פאַר מיר די פּרוכטבאַרסטע, ווי ווייט זיי האָבן געהאָלפן פאַרמירן מיין נשמה. פיל איך שטענדיק אַ טיפע דאַנקבאַרקייט צום גורל, וואָס האָט מיר צוגעשטעלט אַזעלכע ראשי־ישיבה.

אָבער גאָר שנעל האָבן זיך מיינע געדאַנקען אַ קער געטאָן לגמרי אין אַן אַנדער ריכטונג.

## יא.

שוין צייט צו דערציילן עפּעס וועגן מיין משפּחה. ווי געזאָגט, האָב איך דעם ערשטן בריוו פון דער היים באַקומען ערשט אויף דער דריטער וואָך אין ווילנע. געשריבן האָט דעם בריוו מיין עלטערע שוועסטער נחמה, וואָס איז אויך נישט געווען קיין געשיקטע שרייבערין. דער בריוו האָט אַנטהאַלטן פינף פּונקטן, צוויי פון זיי גאַנץ פריילעכע.

ערשטנס — דער ברודער פון אַמעריקע האָט אָנגעהויבן שיקן אָפּט געלט. ער האָט יעדע וואָך אַריינגעשיקט פינף דאָלאַר. צווייטנס — אַז דער ברודער האָט שוין כמעט ווי אויסגעצאָלט צוויי שיפס־קאַרטן פאַרן טאַטן און פאַר דער עלטערער שוועסטער און זיי ביידע הויבן זיך אָן גרייטן אין וועג אַריין. דריטנס — דעם טאַטנס געשעפטן ווערן אַלץ ערגער. ער האָט איצט וויניק אינטערעס אַרויסצופאָרן אין די דערפער. פערטנס — דעם טאַטנס הויפּט־זאָרג איז צו קענען אָוועקפאָרן איידער מען וועט זוכן הירשע־מיכלען זיך צו שטעלן צום פּריזיוו. הירשע־מיכל איז שוין דאַן געווען 20 יאָר. אַט־אַט רופט מען אים. דער טאַטע איז אויך פאַרזאָרגט וועגן דעם וואָס די מאַמע וועט קענען טאָן, ווען מען וועט פון איר מאָנען 300 רובל שטראָף וואָס איז דאַן אַרויסגעלייגט געוואָרן אויף אַ משפּחה, אויב אירס אַ זון מעל־

דעם זיך נישט צום פּריזיוו. דער לעצטער פּונקט האָט דערציילט, אַז די גאַנצע משפּחה וואָלט געוואָלט איך זאָל קומען קיין קורעניץ כאָטש אויף עטלעכע טעג.

מיין ענטפער אויפן לעצטן פּונקט איז געווען, אַז איך קען איצט פון ווילנע נישט אַוועקפאָרן. איך האָב זיי געשריבן, אַז איך לערן ביי ר׳ חיים עוזר׳ן אין קיבוץ און זיי געגעבן אַן עצה, זיי זאָלן וויזן דאָס בריוול צו מיין אַלטן אַפּוטרופּוס ר׳ אברהם־מענדל — וועט ער זיי געבן צו פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט. איך האָב דאַן געפרעגט, צי וואָלט דער טאַטע היי־יאָר נישט געקענט קומען קיין ווילנע פריער ווי נאָך שבועות, וויבאַלד ער פאָרט ווייניק אַרום אין די דערפער.

אויף דעם איז געקומען זייער אַ שנעלער ענטפער. אינעם בריוו איז אויך געווען אַ צעטל פון ר׳ אברהם־מענדלען אין וועלכן ער גיט מיר פּשוט אַפּ מזל־טוב, וואָס איך האָב דערגרייכט צו קענען לערנען ביי ר׳ חיים עוזר׳ן. לויט דעם וואָס מיין שוועסטער האָט געשריבן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ר׳ אברהם־מענדל האָט זיי שטאַרק פאַרלויבט דעם קיבוץ. לויט זיין אָפּשאַצונג גייען פון דאָרט אַרויס פאַרטיקע רבנים. עס האָט זיך פון יעדער שורה אַרויסגעפילט די טיפע שמחה, וואָס ער האָט פאַרשאַפט מיין משפּחה. נאָך מער האָב איך עס דערשפּירט, ווען דער טאַטע איז געקומען קיין ווילנע. אינעם בריוו האָבן זיי מיר געשריבן, אַז דער טאַטע אַליין האָט אויך גע־טראַכט צו קומען פריער קיין ווילנע. דער בעל־הבית פון סאַד, וואו דער טאַטע איז געווען אַ שומר, האָט זיך דווקא צום טאַטן זייער גוט באַצויגן. ער, דער בעל־הבית, האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט אידישע אַדוואָקאַטן אין ווילנע. דער טאַטע האָט געהאָפט, אַז זיין בעל־הבית וועט אים פאַר־בינדן מיט אַ גוטן אַדוואָקאַט, וועלכער וועט אים קענען געבן אַן עצה ווי צו האַנדלען ווען ער וועט באַקומען די שיפס־קאַרטע און וואָס צו טאָן וועגן די 300 רובל שטראָף. דער טאַטע איז טאַקע געקומען אויף מאָרגן נאָך ל״ג־בעומר.

איז אָבער מיין טאַטן באַשערט געווען דורכצולעבן עטלעכע שווערע טעג צוליב מיר. אַ פּאָר טעג נאָך זיין קומען קיין ווילנע בין איך אַרעסטירט געוואָרן.

נישטאָ וואָס נתפּעל צו ווערן פון מיין אַרעסט. צו דער מדרגה פון יענע רעוואָלוציאָנערן, וואָס מען האָט אַריינגעזעצט אין קרעפּאָסטן, אָדער גאָר פאַרשיקט קיין סיביר, האָב איך קיינמאָל נישט דערגרייכט. מיין אַרעסט האָט גאָר פאַרמאָגט אַ שפּאָר ביסל פּאָרס. אָבער מיין טאַטן האָט עס איבער־

געשראָקן און אויף מיר האָט עס איבערגעלאָזט גאָר אַ גרויסע השפּעה. דאָס איז געווען די ערשטע וויכטיקע פּאַסירונג וואָס האָט מיין לעבן אַ שטויס געטאָן אויף נייע רעלסן. געשען איז עס אַזוי:

ערב שבת, נאָך ל״ג־בעומר, איז אַריינגעקומען אין דער שוסטערשער קלויז אַ הויכער יונגערמאַן. ער איז צוגעקומען צו מיר און מיר געגעבן צוויי זאַכן: נישט קיין גרויס ביכל און אַ געדרוקטן, באַזונדערן בויגן פּאַפּיר. די טערמינען „בראָשורע״ און „פּראָקלאַמאַציע״ זיינען נאָך צו מיינע אויערן נישט דערגאַנגען. איך האָב אָנגעהויבן מעיין־זיין אין ספר און באַקומען חולשת הדעת: דאַכט זיך געשריבן אין אידיש — און איך פאַרשטיי נישט כמעט קיין וואָרט. דעם נאָמען פון ביכל געדענק איך נישט, אָבער דעם נאָמען פון מחבר געדענק איך גוט: בנימין פייגנבוים. ס'איז דאָרטן גערעדט געוואָרן וועגן צוויי ענינים: „רעליגיאָן און קלאַסנקעגנזאַצן״. „רעליגיאָן״ האָב איך געוואוסט וואָס עס מיינט. „קלאַסנקעגנזאַצן״ — אָט־דאָס וואָרט באַגעגן איך צום ערשטן מאָל. האָט עס מיך פאַרדראָסן און איך האָב באַשלאָסן: מען דאַרף דאָס ביכל אַריינלייגן צווישן די אַנדערע ספרים און לכשירחיב ווידער אין אים אַריינקוקן. האָב איך אַזוי געטאָן און זיך גענומען צום געדרוקטן בויגן פּאַפּיר. דאָ איז עס שוין געגאַנגען ווי אַ מזמור. איצט ווייס איך, אַז די פּראָקלאַמאַציע האָט מיך פאַרכאַפּט מיט איר טיפן ערנסט, מיט איר פייער־דיקער שפּראַך, מיט איר רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס. דעמאָלט האָב איך נאָר געוואוסט, אַז איך בין אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אינערלעכן אָפּקלאַנג, וואָס די דאָזיקע שריפט האָט אין מיר אַרויסגערופן. געווען איז עס אַ פּראָק־לאַמאַציע פון לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד״ צום יאָרצייט פון הירש לעקערט. געברענט האָט אין מיר דער קידוש השם פון הירש לעקערט, בפרט אין דער שטימונג וואָס איך האָב מיך דאַן געפונען נאָכן קישינעווער פּאָגראָם. איך האָב עס איבערגעלייענט איינמאָל, אַ צווייטן מאָל און איך האָב ביי זיך פעסט אָפּגעמאַכט צו דערוויסן זיך מער וועגן דעם, בעיקר וועגן דעם „בונד״, וואָס האָט די פּראָקלאַמאַציע געדרוקט.

### יב.

די קאָמישע זייט האָט זיך אָנגעהויבן די זעלביקע נאַכט. אין קלויז האָבן זיך אַריינגעריסן פּאָליציי, מען האָט אָנגעהויבן זוכן און מען האָט געפונען סיי די בראָשור, סיי די פּראָקלאַמאַציע. האָט מען מיך געפרעגט, ווי עס קומט צו מיר. איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. מיין מיטשלאָפער איז יענע נאַכט נישט געקומען שלאָפן אין קלויז און איך אַליין קען קיין רוסיש

נישט ריידן. די פּאָליציסטן זיינען געווען זיכער, אַז איך מאַך אַן אָנשטעל. גרויס־געוויקסיק בין איך שוין דאַן געווען, האָבן זיי געמיינט, אַז זיי האָבן דאָ געכאַפּט ווער ווייסט וואָס פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן העכט. האָט מען מיך אָוועקגעשלעפּט אין אוטשאַסטאָק און איינגעזעצט. שבת האָב אידן גאָרנישט געקענט טאָן. זונטיק האָבן די גויים גאָרנישט געוואָלט טאָן. בין איך געזעסן ביז מאָנטיק פרי. במשך דעם זונטיקדיקן טאָג האָט זיך אויך ר׳ חיים עוזר דערוואוסט וועגן דעם. האָט ער געשיקט איינ̇יקע בעלי־בתים און מען האָט מיך באַפרייט.

ווען די אידן האָבן מיך גענומען אויספרעגן, האָב איך זיי אַלץ דער־ציילט. זיי האָבן דאַן די פּאַסירונגען אַזוי דערקלערט: דער בחור וואָס האָט מיר געבראַכט די בראַשור און די פּראָקלאַמאַציע איז, אָן ספק, אַ שפּיאָן, וואָס דאַרף ווייזן „נאַטשאַלסטוואָ״, אַז ער טוט עפּעס אויף. האָט ער אָנגע־נומען די מעטאָדע פון — להבדיל — ביעור חמץ: כדי נישט צו מאַכן קיין ברכה לבטלה צעלייגט מען פריער שטיקלעך ברויט בכדי צו זיין זיכער, אַז עס וועט זיין וואָס מבער־צו־זיין. אַזוי האָט אויך ער געטאָן.

די ווירקונג פון דעם אַרעסט אויף מיר איז שוין גאָר נישט געווען ווי פון אַ פאַרס. איך האָב נישט געקענט פאַרגעסן נישט די בראָשור און נישט די פּראָקלאַמאַציע. ביידע זיינען געבליבן אין אוטשאַסטאָק. די בראָשור האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין אַרויסרופן אין מיר אַ געפיל פון געפאַלנקייט פאַרוואָס איך האָב זי נישט געקענט פאַרשטיין. איך בין פון דעם געפיל באַפרייט געוואָרן ערשט אַ יאָר שפּעטער, שוין זייענדיק אין אַמעריקע, ווען איך האָב געהערט די ערשטע „לעקטשור״ פון דעם שרייבער בנימין פייגנ־בוים. די פּראָקלאַמאַציע האָט כסדר געהאַלטן אין איין וועקן אין מיין געמיט פראַגן: וואָס איז אַזוינס דער „בונד״? ווער איז אַזוינס הירש לעקערט? איך האָב מיך פאַרטרויט פאַר ר׳ חייקל לונסקי, וועלכער איז געווען דער ביבליאָ־טעקאַר פון דער באַרימטער סטראַשון־ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך געפונען פונקט אַנטקעגן דעם גאון׳ס קלויז. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ נייער סאָרט ליטעראַטור, וואָס איך האָב אָנגעהויבן לייענען און זי האָט מיינע רעיונות אָוועקגעפירט צו אַן אַנדער וועלט.

מער ווי איך אַליין, איז צעטומלט געוואָרן מיין טאַטע. מיר איז געווען שווער צו ריידן צו אים. ער האָט געוואוסט איין זאַך: זיין זון, וואָס ער האָט שוין באַטראַכט כמעט ווי אַ רב, איז גאָר אַרעסטירט געוואָרן ווי אַ „ציציליסט״. ער איז אַרומגעגאַנגען שוואַרץ ווי די ערד. ער האָט געוואָלט אָוועקפאָרן און מיך אויך מיטנעמען אין קורעניץ. אים האָט אָבער אָפּגע־

האַלטן דער אַנדערער ענין. זיין בעל־הבית האָט אים צוזאַמענגעפירט מיט אַן אַדוואָקאַט. דער אַדוואָקאַט גרייט־צו פאַרשידענע פּאַפּירן. ער וויל פעסט־שטעלן דעם פאַקט, אַז מיין ברודער איז שוין לאַנג אין אַמעריקע; אַז ער איז נישט אַנטלאָפן פון פריזיוו, דעריבער דאַרף די משפחה נישט צאָלן קיין שטראָף. ער וויל גאָר אַפילו מאַכן אַ פאַרזוך צו באַקומען פאַרן טאַטן און דער שוועסטער אַ גובערנאַטאָרסקן פּאַס, וואָס זאָל זיי פאַרשפּאָרן די ריזיקע פון דאַרפן שוואַרצן די גרענעץ. דאָס אַלץ דאַרף נעמען צייט. דער אַדוואָקאַט האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער לאַגע פון זיין קליענט. ער העלפט מיין טאַטן זייער פיל. דער בעל־הבית פון סאַד העלפט אויך. און דער אַדוואָקאַט וויל, אַז דער טאַטע זאָל בלייבן ביז איבער שבועות. איז דער טאַטע געבליבן.

איין טאָג איז ער געקומען פון אַדוואָקאַט גלייך צו מיר אין קלויז אַריין מיט אַ נייעס. דער אַדוואָקאַט האַלט, אַז אויך איך מוז פאָרן מיט זיי קיין אַמעריקע. ער האָט מורא, אַז וויבאַלד איך בין איינמאָל אַרעסטירט געוואָרן, וועט די פּאָליציי מיך שוין נישט אַפּלאָזן פון אויג. איז בעסער איך זאָל פאַרלאָזן רוסלאַנד. נאָך זיצנדיק אין ווילנע האָט דער טאַטע געשריבן אַ בריוו צו מיין ברודער — אָט־דאָס בריוול האָב איך שוין געשריבן און דער אַדוואָקאַט האָט עס גוט דורכגעקוקט, עס זאָל דאַרטן ניט זיין עפּעס וואָס קען, אויב די פּאָליציי זאָל עס וועלן לייענען, שטערן דעם גאַנצן פּלאַן פון אונזער פאָרן. אינעם בריוו האָט דער טאַטע געבעטן דעם ברודער, ער זאָל טאָן אַלץ וואָס ער קען און זאָל אַרויסשיקן דריי שיפס־קאַרטן, די דריטע אויף מיין נאָמען.

אַ וואָך נאָך שבועות איז מיין טאַטע אָפּגעפאָרן. דער אַדוואָקאַט האָט אַלץ צוגעגרייט. דער טאַטע האָט נאָך אָבער געהאַט אַ וויכטיק שטיקל אַרבעט דורכצופירן. ער האָט געדאַרפט פאַרקויפן אונזער הויז אין קורעניץ, כדי צו האָבן גענוג אויף הוצאות הדרך; באַזאָרגן פאַר דער איבערגעבליבענער טייל פון דער משפחה אַ דירה; זאָרגן אַז די מאַמע מיט די קינדער זאָלן בלייבן מיט עטלעכע רובל ביז דער ברודער וועט איר קענען שיקן אויף חיונה און זאָרגן, אַז די קלענערע ברידערלעך זאָלן קענען ווייטער לערנען אין זייערע חדרים.

פאַרן אָפּפאָרן האָב איך מיין טאַטן פאַרשאַפט אַביסל נחת. שבועות האָט ער געדאַוונט צוזאַמען מיט מיר אין דער שוסטערשער קלויז. ער האָט גע־הערט ווי איך האָב געלייענט פאַרן עולם די מגילת „רות". מען האָט מיך אויך מכבד געווען מיט אויסזינגען „אקדמות". איך קען נישט זאָגן, אַז

דאָס איז געווען אַ געוועלדיקע קאָמפּענסאַציע פֿאַרן האַרץ־ווייטיק וואָס איך האָב אים פֿאַרשאַפֿט. אָבער עפּעס אַ פֿאַרגרינגערונג פֿאַר זײַן צעווייטיקט האַרץ איז עס זיכער געווען.

## יג.

איידער דער טאַטע איז אָפּגעפֿאָרן האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז איך בלײַב אין ווילנע ביז ראש־השנה; איך קום קיין קורעניץ אויף די ימים־טובים און גלײַך נאָך די ימים־טובים פֿאָרן מיר קיין אַמעריקע. איך האָב בכן געהאַט פֿאַר מיר אַ גאַנצן זומער אין ווילנע.

מײַן מאַטעריעלע לאַגע איז געווען נישט קיין שלעכטע. מיט דער הילף פֿון נײַע פּריינט, וואָס איך האָב מיר דערוואָרבן, האָב איך באַקומען פֿיר „טעג" צו עסן — איינשליסנדיק שבת. מײַנע פֿאַרדינסטן ווי אַ בעל־קריאה האָבן מיר געגעבן גענוג חיונה פֿאַר די אַנדערע דרײַ טעג פֿון דער וואָך. איך האָב דעריבער קיין אורחים מער נישט געזוכט.

דערפֿאַר אָבער איז מײַן גײַסטיק לעבן געווען ווײַט נישט בסדר. איך האָב ווײַטער געהערט די שיעורים פֿון ר' חיים עוזר'ן, אָבער איך האָב שוין געוואוסט, אַז איך וועל אין רוסלאַנד נישט בלײַבן; אַז ערשט אין אַמעריקע וועל איך דאַרפֿן באַשליסן מײַן ווײַטערדיקן לעבנס־וועג. פֿון ר' חיים עוזר'ס שיעורים האָב איך נאָך אַלץ שטאַרק הנאה געהאַט. די צײַט וואָס איך האָב געלערנט „פֿאַר זיך" האָב איך געטיילט צווישן לערנען מער פּוסקים און דער סטראַשון־ביבליאָטעק. דאָס לערנען פּוסקים איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון אַ שמועס וואָס איך האָב געהאַט מיט ר' חיים עוזר'ן, אויף זײַן איניציאַטיוו. איך האָב אים דערציילט וועגן מײַן געפּלאַנטער נסיעה קיין אַמעריקע. איך האָב אים אויך דערציילט די סיבות וואָס האָבן דערפֿירט צו דעם. דאַן האָט ער געזאָגט אומגעפֿער אַזוי:

„מײַן עצה איז, אַז דו זאָלסט די געבליבענע צײַט לערנען וואָס מער פּוסקים. אפֿשר וועסטו קענען באַקומען סמיכה אויף איסור והיתר. אין אַמע־ריקע זײַנען אויך דאָ אידן; אויך זיי דאַרפֿן דאָרט רבנים. וועסט קומען אַהין זאָלסטו ממשיך זײַן דאָס לערנען ביז דו וועסט באַקומען פֿולע סמיכה אויף רבנות". האָב איך אים געפֿאָלגט און זיך קאָנצענטרירט אויף פּוסקים.

אָבער די אויבערהאַנט אין מײַן נשמה האָט געוואונען די סטראַשון־ביבליאָטעק. איך האָב געשלונגען אַלץ וואָס מײַן מדריך — חייקל לונסקי הי"ד — האָט פֿאַר מיר אָנגעגרייט. בעיקר ביכער וועגן אידישער געשיכטע. איך האָב געלייענט נישט סיסטעמאַטיש. דערצו אויך ביכער אין אידיש וואָס

איך האָב אַליין אַנטדעקט. איך האָב געלייענט אַלץ וואָס איז מיר געקומען אונטערן האַנט: לאַנגע ראָמאַנען פון שמ״ר און בלאָושטיין, צוזאַמען מיט „דער קליאַטשע״ פון מענדעלען און דערציילונגען פון פּרץ און שלום־עליכם. איך האָב אויך איינגעשלונגען דעם לאַנגן ראָמאַן „מסתרי פריז״ אין לשון־קודש. הייסע טרערן האָב איך פאַרגאָסן איבער „יאָסעלע״ פון יעקב דינעזאָן. דאָס לייענען אַזאַ מיש־מאַש האָט מיינע רעיונות נאָך מער צעטומלט. איך האָב געפירט לאַנגע שמועסן מיט שלמה שניאור, אָבער אויך אים איז נישט געלונגען אַריינצוטראָגן סדר אין מיין גייסטיקןווירוואַר.

עמאָציאָנעל האָבן מיך שטאַרק צעטרייסלט דריי געשעענישן פון יענעם זומער. די ערשטע פון זיי איז געווען דאָס באַרימטע ליד פון שמעון פרוג וועגן קישינעווער פּאָגראָם, צו וועלכער דער ווילנער קאָר־חזן, בערנשטיין, האָט צוגעפּאַסט אַ מעלאָדיע און זי איז געזונגען געוואָרן בכל תפוצות ישראל. מיך האָט זי גאָר פאַרשיכורט. וואו איך בין געשטאַנען און וואו איך בין געגאַנגען האָט אין מיר געזונגען:

„ברידער, שוועסטער, האָט רחמנות,
גרויס און שרעקלעך איז די נויט!
גיט די טויטע אויף תכריכים,
גיט די לעבעדיקע ברויט!״

נאָך מער אויפגעטרייסלט האָט מיך די ידיעה וועגן פנחס דאַשעווסקי׳ס איבערפאַל אויף דעם אַנטיסעמיט קרושעוואַן, וועלכער איז געווען דער הויפּט־העצער פון קישינעווער פּאָגראָם. אין מיטן יוני פון 1903, אויף דער הויפּט־גאַס פון פּעטערבורג, האָט דאַשעווסקי מיט אַ מעסער פאַרוואונדעט זיין האַלז. דאַשעווסקי איז באַלד אַרעסטירט געוואָרן. ער האָט נישט געלייקנט זיין טאַט. ער האָט גלייך דערקלערט, אַז ער האָט דערמיט געוואָלט נקמה נעמען פאַר די קישינעווער קרבנות. ווען איך האָב זיך דערפון דערוואוסט, בין איך גלייך געלאָפן צו שלמה שניאור.

פון אים האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאַשעווסקי איז אַ מיטגליד פון אַ געהיימער אידישער אָרגאַניזאַציע „יונג ישראל״; אַז ער, שניאור, געהערט אויך צו איר; אַז מאָרגן אָוונט קלייבן זיך צוזאַמען די ווילנער מיטגלידער פון „יונג ישראל״ אין אַ הויז אויף דער „גיטקע טויבעס זאַוואולעק״, כדי צו הערן נייעס וועגן פנחס דאַשעווסקי. די צייטונגען האָט מען פאַרבאָטן צו שרייבן וועגן דעם. אין אַ צושטאַנד פון גייסטיקער התרוממות, אָבער גלייכ־צייטיק פון מאַנגל אין גלייכגעוויכט, בין איך מיט אים צומאָרגנס געגאַנגען צו אָט־דער באַגעגעניש.

עס זיינען געקומען אַרום 15 בחורים און מיידלעך. דער געשפּרעך האָט זיך געפירט אין דריי לשונות: רוסיש, אידיש און — בעיקר דורך צוויי מיידלעך — לשון־קודש. ווידער עפּעס אַ נייע דערשיינונג. מיין נשמה האָט צענומען אַ ליד — דווקא אין רוסיש — וואָס זיי האָבן געזונגען. פאַרשטאַנען האָב איך בלויז אַ קליינעם טייל, אָבער דאָס איז געווען גענוג איך זאָל מיך באַוואָשן מיט טרערן און זיך שעמען פאַר די איבעריקע. דאָס וואָס איך האָב פאַרשטאַנען האָט געררופן: „שטיי אויף, ישראל, הויב זיך אויף פון דיין שפלות". דער רעפריין: „אונטער דער פאָן פון ציון זאָל אויפשטיין דאָס גאַנצע פאָלק".

געזונגען געוואָרן איז דאָס ליד זייער, זייער שטיל. די קולות האָבן אַריינגעדרונגען מער אין דער טיף ווי אין דער הויך. די פאַרזאַמלונג איז, ווי געזאָגט, געווען נישט קיין לעגאַלע. אמת, מען האָט צוגעגרייט אַ „חתן" מיט אַ „כלה", כדי צו קענען דערקלערן — אויב עס וועלן קומען אומגעוואונטשענע אַריינדרינגער — אַז מען פּראַוועט דאָ אַ תנאים. אָבער בעסער איז, ווען די אומגעוואונטשענע זאָלן זיך נישט באַווייזן. דערפאַר טאָר מען די שטימען נישט אויפהויבן. איך קען נישט זאָגן, אַז איך האָב מיטן שכל באַגריפן וויאַזוי דאָס פאָלק קען אויפשטיין און פאַרוואָס מען דאַרף דערצו די פאָן פון ציון. עמאָציאָנעל האָט מיך אָבער טיף דורכגענומען די עצם־דערשיינונג פון אַזאַ גרופּע יונגע אידן. איך האָב מיך דערביי דערמאָנט, אַז ישראל עפּרויקין האָט מיר עפּעס דערציילט וועגן אַ ציון־באַוועגונג, ווען איך האָב אויסגעגאָסן מיין ביטער האַרץ קעגן אברהם מאַפּו. דאַן האָט עס אָבער נישט טיף־גענוג אַריינגעדרונגען אין מיר. דאָס מאָל איז עס אַריין פיל טיפער, כאָטש מיטן שכל האָב איך עס נאָך נישט אויפגענומען.

אָט־די אַלע אומקלאָרע געדאַנקען און צעפלאָסענע געפילן האָבן פשוט געטריבט מיין שלאָף. איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אין אַן עולם־התוהו. אין אַזאַ מצב האָב איך מיך געפונען גאַנצע צוויי חדשים, ביז עס איז געקומען דער גרויסער טאָג פון 16טן אויגוסט 1903, ווען ד"ר טעאָדאָר הערצל האָט באַזוכט ווילנע.

# ד״ר הערצל׳ס באַזוך אין ווילנע

א.

במשך די קריטישע חדשים פון גייסטיקער צעטומלטקייט האָב איך דעם נאָ־מען „ד״ר הערצל״ דווקא זייער אָפט געהערט, אָבער מערסטנס — נישט לשבח. איך בין געקומען אין פרומע הייזער. דאָרטן האָב איך אָפט געהערט ריידן וועגן ציוניזם מיט גרויס פּחד. איך האָב אָפט געהערט זאָגן, אַז דער ציוניזם טראָגט אין זיך אַ סכּנה פאַר דער אידישער אמונה. ביי דער משפּחה וואו איך האָב געגעסן שבת, איז איינמאָל פאַרנאַכט, נאָך שלוש־סעודות, פאַרגעקומען זייער אַ שאַרפער וויכוח וועגן דעם. דער בעל־הבית פון דער משפּחה איז געווען קעגן ציוניזם. אָבער ער האָט געהאַט אַ זון וואָס איז דווקא געווען אַ ציוניסט. אין זונס חדר איז אַפילו געהאַנגען הערצלס בילד.

צווישן די פאַרבעטענע געסט זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע זיינען געווען פיל שטרענגערע אַנטי־ציוניסטן ווי דער בעל־הבית. במשך פון דעם וויכוח האָט איינער פון זיי שטאַרק אויסגערעדט דעם בעל־הבית, פאַרוואָס ער דער־לאָזט זיין זון צו האָבן אַ בילד פון „אותו האיש״. ווי באַקאַנט, האָבן אידן מיטן אויסדרוק „אותו האיש״ באַצייכנט יעזוסן. דאָס האָט שוין דער בעל־הבית נישט געקענט פאַרשווייגן. באַצייכענען הערצלען מיט אַזאַ נאָמען איז אַפילו פאַר אַט־דעם אָרטאָדאָקסישן איד געווען צופיל. האָט ער מיט שטאַר־קער אויפרעגונג אַ זאָג געטאָן:

— הערט, וועגן אים זאָלט איר אַזוי נישט ריידן. ער איז גאָר אַ באַ־זונדערע פּרשה.

פאַרוואָס וועגן „אים״ טאָר מען נישט ריידן, ווי זיי האָבן גערעדט וועגן אַנדערע ציוניסטישע פירער, ווּעמענס נעמען איך האָב דאַן צום ערשטן מאָל געהערט — דאָס האָב איך ערשט באַגריפן ווען הערצל האָט באַזוכט ווילנע.

דערוואוסט האָב איך זיך וועגן דעם טאָקע פון שלמה שניאור. ער האָט מיר צוויי טעג פאַר דעם דערציילט, אַז איבערמאָרגן וועט הערצל אָנקומען קיין ווילנע. די ידיעה האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ וואַרעמען ציטער.

אין דער שוסטערשער קלויז, וואו איך האָב געלערנט און גענעכטיקט,

האָט געדאַוונט אַ קליינגעוויקסיקער, דאַרער, אָבער זייער לעבעדיקער איד — אפרים דער שוסטער. איך האָב זייער ליב געהאַט מיט אים אָפּט צו שמועסן. ער איז אויך געווען סיי אַ יודע־ספר, סיי אַ יודע־נגן. האָבן מיר געהאַט וועגן וואָס צו ריידן. ווי נאָר ער איז געקומען דאַוונען מנחה, האָב איך אים איבערגעגעבן וואָס שניאור האָט מיר דערציילט. ער איז פשוט אָנגעצונדן געוואָרן. מיר האָבן אָפּגעמאַכט צוזאַמען אַלץ צו טאָן, בכדי צו זען דעם ד״ר הערצל.

ר׳ אפרים האָט זיך אויף מאָרגן שוין דערוואוסט וואו ד״ר הערצל וועט איינשטיין; וואָס פאַראַ קבלת־פּנים מען גרייט צו פאַר אים; אַז עס וועלן קומען הויכע געסט פון מינסק, פון קאָוונע און אַפילו פון אַ סך קלענערע שטעט — און מיר האָבן אָפּגערעדט צו פּרובירן זיין אומעטום. ער האָט אויס־געפונען די שעה ווען ד״ר הערצל וועט פאָרן צו די צוויי אויפנאַמעס וואָס זיינען פאַר אים צוגעגרייט: איינע אין נאָמען פון דער גאַנצער קהילה אין ווילנער „צדקה־גדולה״ און די צווייטע אין נאָמען פון ווילנער ציוניסטן אויסערן שטאָט, אויף דער דאַטשע פון אַ ציוניסטישן מנהיג — בן־יעקב.

צו דער באַשטימטער צייט, מאָרגן פרי, זיינען מיר געווען ביים האָטעל. טויזנטער ווילנער אידן זיינען געקומען צום זעלביקן פלאַץ מיטן זעלביקן ציל. אַ הייליקער ציטער פון דערוואָרטונג האָט אַרומגענומען די גאַנצע עדה. ענדלעך האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָצעסיע. די מינסקער, קאָוונער און אַנדערע געסט האָבן זיך אויסגעזעצט אין קאַרעטן. דאָס זעלביקע אויך די ווילנער מנהיגים. אַלע האָבן געטראָגן הויכע, שוואַרצע צילינדערס. די בעלי־עגלות — און אַפילו די פערד — זיינען אויך געווען יום־טובדיק אויסגעפּוצט. סוף־סוף האָט זיך באַוויזן די הערצל־פיגור. דער עולם איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין פּרעכטיקן אויסזען. משכמו ומעלה איז ער געשטאַנען איבער די געסט. דאָס הערצלשע פּנים איז נישט נויטיק צו שילדערן. זיינע וואונדער־לעכע אויגן האָבן געשטראַלט מיט אַנטפּלעקונג. עס איז — ווי עס שיינט — פאַר אים געווען אַ נייעס צו זען אַזאַ עדה אידן אָנגעפילט מיט אַזויפיל התלהבות. די פּראָצעסיע האָט זיך אָנגעהויבן רירן. דאָ האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט ממש עלעקטריזירט די גאַנצע עדה.

מיין מיטגייער — אפרים דער שוסטער — איז צוגעלאָפן צו דער הערצל־קאַרעטע, האָט אָנגעכאַפּט אירס אַ הינטערשט ראָד און אַ צי געטאָן מיט אַזאַ קראַפט, אַז די פיר צוגעשפּאַנטע פערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט. הערצל האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ קוק צו טאָן וואָס עס איז געשען. ווען ער האָט

אַ קער געטאָן זיין פנים צו דער עדה באַגלייטער, האָט אפרים דער שוסטער אויסגעשריען:

„דוד מלך ישראל חי וקים!" און דער גאַנצער עולם האָט אינסטינקטיוו אים געענטפערט מיט אויסגעשרייען: „הידד" און „הוראַ".

ב.

שילדערן וואָס עס האָט דאַן דורכגעפילט די גאַנצע עדה אידן, בין איך נישט בכוח. איך אַליין בין, נאַטירלעך, אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אַלגעמיינער שטימונג. וואָס עס האָט זיך געטאָן אין מיין אייגן הארץ, האָב איך דאַן אַליין נישט משיג געווען. ערשט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב אָנגעהויבן טיפער באַגרייפן די פּראָצעסן פון אונזער מיט וואונדער־אָנגעפיל־טער געשיכטע, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך בין אין יענעם טאָג געווען אַ קליין טראָפּנדל אין אַ שטראָם, וואָס זיין נאָמען איז: „אידיש פאָלק"; אַז ווילנער אידן האָבן דאַן זוכה געווען צו אַ התרוממות־הנפש וואָס איז אַרויס־געוואָקסן פון דער גאולה־תשוקה, וואָס איז איינע פון די כאַראַקטעריסטישסטע אייגנאַרטן ביי דעם עם הפלאות. ערשט שפּעטער האָב איך יענעם ווילנער טאָג אַריינגעפּאַסט אין דער מאָזאַיק פון משיחישע איבערלעבונגען ביי אונ־זער פאָלק. אָבער דאַן, דעם 16טן אויגוסט 1903, האָב איך עס דורכגעלעבט אוממיטלבאַר; אָן דערקלערונגען, אַפילו אָן אַ נאָמען ווי די דאָזיקע דורכ־לעבונגען אָנצורופן. אויף מיין דעמאָלטיקן געמיט־צושטאַנד האָט עס געהאַט אַזאַ השפעה, אַז איך האָב נאָך יענעם טאָג אָנגעהויבן אַנדערש צו טראַכטן. אָן אומרו האָט מיך אַרומגעכאַפּט; אָן אומרו וועגן דעם גייסטיקן באָדן צו וועלכן מיין נשמה איז ביז דאַן געווען באַפעסטיקט.

פון דעם, וואָס איך האָב ביז איצטער דערציילט וועגן מיינע גייסטיקע איבערלעבונגען איז קלאָר, אַז אויך פריער האָבן זיך געזאַמלט ספיקות אין מיין מחשבה. דער אייגענער פאַרוואָרצלטער פרומקייט־אינסטינקט האָט זיי אָבער צום פולן אויסדרוק נישט צוגעלאָזט. איצט זיינען די ספיקות פלוצים שאַרפער אויפגעשטאַנען און גענומען פאָדערן: דרשנו.

איך האָב דערפילט, אַז מען מוז טיפער טראַכטן וועגן אָט די ענינים. טעג נאָכאַנאַנד האָב איך קודם געזוכט צו פאַרשטיין זיך אַליין. איך האָב במשך אָט־די זוכענישן דערשפּירט אַ חילוק צווישן די אַמאָליקע ספיקות און די, וואָס דער הערצל־באַזוך האָט ביי מיר אַרויסגערופן. ביי די פריערדיקע ספיקות איז מיין אומרו געטראָגן געוואָרן פון גרויס פּחד, טאָמער וועל איך פאַרלירן דעם אין־האַרצן־פאַרפלאַנצטן, גייסטיקן יסוד. אויך איצט איז אָט־

דער פּחד נישט אינגאַנצן פאַרשוואונדן, אָבער ער האָט מיך באַהערשט אין אַ פיל קלענערער מאָס. אין די פריערדיקע ספיקות איז פּחד געווען גרעסער ווי אומרו, ווייל עס האָט זיך געדוכט, אַז אַן דעם פאַרפלאָנצטן גייסטיקן יסוד פאַלט מען אַריין אין אַ תהום, אין אַ גייסטיקן חלל. אין איצטיקן פאַל איז דער פּחד פאַרגרינגערט געוואָרן דורך אַ נאָך־נישט־קלאָר־באַגריפענעם, אָבער דאָך געאַנטן געפיל, אַז קיין חלל בלייבט נישט; אַז עפּעס אַנדערש גייט אויף אין האַרצן.

וואָלט איך דאַן געקענט באַגרייפן די פּראָצעסן פון מיין אייגענעם געמיט אין ליכט פון דער אידישער געשיכטע, האָב איך שוין דאַן געמעגט פילן, אַז נישט „עפּעס אַנדערש" גייט אין מיר אויף, נאָר אַז דאָס אַלטע אין מיר נעמט אָן אַ נייע פאָרעם; אַז נישט גייסטיקער איבערברוך, נאָר אמת'ער גייסטיקער וואוקס קומט פאָר אין מיר. דאַן וואָלט נישט געדאַרפט זיין קיין אומרו און נישט קיין פּחד. איך דערצייל אָבער וויאַזוי איך האָב עס דאַן באַנומען; און דאַן איז געווען גרויס אומרו און אַפילו גענוג פּחד.

שאַרפער ווי די דעמאָנסטראַציע ביי דער באַן, האָט אויף מיר משפּיע געווען אַ צווייטע פּאַסירונג פון יענעם טאָג. זי האָט פאַרגרעסערט סיי דעם אומרו, סיי דעם פּחד און סיי — בעיקר — מיין באַשלוס מער צו לערנען וועגן די ענינים וואָס האָבן מיך אָנגעהויבן אַזוי טיף צו פאַראינטערעסירן.

נאָכלויפנדיק נאָך הערצלס וואָגן האָב איך, צוזאַמען מיט ר' אפרים, מיך אַריינגעקוועטשט אין זאַל פון דער ווילנער „צדקה־גדולה". דער הויך־פּונקט פון אָט־דעם קבלת־פּנים איז געווען ווען אַ פאָרטרעטער פון דער ווילנער אידישער קהילה האָט איבערגעגעבן הערצלען — צום אָנדענק פון זיין באַזוך — אַ ספר־תורה און ר' שלמה'לע דיין האָט אויפגעהויבן זיינע ווייסע הענט צו זאָגן הערצלען „יברכך ה' וישמרך". מיט מיינע באַגרענעצטע כוחות טאָר איך בשום אופן נישט פּרואוון שילדערן אָט־דאָס קדושה־בילד, וואָס איז אויף אייביק פאַרבליבן אין מיין געמיט. איך וועל עס טאַקע נישט טאָן. איך וויל נאָר פאַרזוכן, דורך עטלעכע פּשוטע ווערטער, אַרויסרופן כאָטש אַ שאָטן פון יענעם הערלעכן בילד.

איך האָב אויבן געגעבן אייניקע שטריכן פון ר' שלמה'לעס ווייסן פּנים און ווייסער, קיילעכיקער באָרד. דאָס מאָל איז די ווייסקייט געווען נאָך פיל בולטער. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס שטענדיקע באָדן זיך אין ים התלמוד האָט אויף אים אַרויפגעדריקט צוויי חתימות: אַן אַלבאַסטער־ווייסע ריינקייט, דורכגעדרונגען פון קדושה און אַזאַ בלאַסקייט, אַזויווי יעדער טראָפּן בלוט וואָלט אַרויסגעצויגן געוואָרן פון פּנים. שטעלט אַוועק אָט־דאָס

פנים אין קאָנטראַסט צום באַקאַנטן הערצל־פּנים, מיט דער לאַנגער, שוואַרצער באָרד, מיט די טיף־שוואַרצע, אומפאַרגלייכלעכע הערצל־אויגן; גיט צו־דעם צו דאָס איבערגעבן הערצלען דאָס הייליקסטע וואָס דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָגט; גיט צו די אויפגעהויבענע הענט פון ר׳ שלמה׳לען; גיט צו די טויזנטער אויגן פון דער עדה, ווילנער אידן, וואָס ציען זיך סיי צו די צוויי קאָנטראַסט־פּנימער, סיי צו דער ספר־תורה — אַלץ צוזאַמען דאַרף אייך געבן כאָטש אַ בלאַסן אָפּשיין פון דעם וואָס עס האָט דאַן פּאַסירט. איר וועט דאַן פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָס דאָזיקע בילד קען קיינמאָל נישט אויסגעמעקט ווערן פון מיין געמיט. איר וועט דאַן פאַרשטיין דעם רושם וואָס דאָס האָט געמוזט איבערלאָזן אויף אַ 16־יעריקן ישיבה־איינגל און וויאַזוי דאָס האָט אים אַ שטויס געטאָן אָנצוהויבן אַנדערש טראַכטן וועגן זיין גייסטיקן לעבן.

דווקא דאָס דערשיינען פון מיין פאַרגעטערטן ר׳ שלמה׳לע האָט אויף מיר געמאַכט דעם שטאַרקסטן רושם. אויב ער באַציט זיך אַזוי צו ד״ר הרצלען, איז דאָך אוודאי געווען גערעכט דער בעל־הבית, ביי וועמען איך האָב געגעסן שבת, אַז „ער איז עפּעס אַנדערש״. אָבער וויאַזוי שטימט עס פאָרט מיט דער אָנגענומענער מורא צווישן פרומע אידן, אַז אין די געדאַנקען וואָס ד״ר הערצל זוכט צו לערנען דעם פאָלק ליגט אַ געפאַר פאַר דער אידישער אמונה? נאָך אַ שווערע קשיה, צו וועלכער איך מוז זוכן אַ תירוץ.

## ג.

טראַכטנדיק אָפט וועגן אָט־דעם הערצל־באַזוך אין ווילנע — און שוין פּרובירנדיק אַריינצושטעלן עס איז דער מאָזאַאיק פון אונזער וואונדערלעכער געשיכטע — טויכט אין מיר אויף אַ פראַגע, אויב הערצל אַליין האָט קלאָר געוואוסט צו וועלכער ראָלע די אידישע געשיכטע האָט אים באַשטימט. איך בין גענייגט צו גלויבן, אַז ער האָט עס נישט געוואוסט. איך האָף, אַז דורכדעם ווערט די הערצל־פיגור, ווי בכלל די דערשיינונג הערצל, נישט קלענער. אין מיינע אויגן ווערט זי גרעסער. ווען איך טראַכט וועגן דער קדושה וואָס זיין באַזוך האָט אַריינגעבראַכט אין דער ווילנער אידישער עדה; ווען איך דערמאָן מיך אָט־דאָס אָקאָרשט־געשילדערטע ר׳ שלמה׳לע־הערצל־בילד; ווען איך דערמאָן מיך ווי עס האָט יענעם טאָג אויסגעזען דער ווילנער שול־הויף; וועגן דעם ווי עס האָבן זיך געהאַלטן יענעם טאָג פאַרשידענע שיכטן אידן אין ווילנע; וועגן דער לעגענדע וואָס מען האָט שפּעטער דערציילט, אַז אין יענעם טאָג האָט קיין אידישער גנב זיין „געשעפט״ נישט געטריבן און וועגן אַנדערע לעגענדעס, מיט וועלכע ווילנער אידן האָבן זיך

געשפּיזט נאָכדעם ווי הערצל האָט פּאַרלאָזט ווילנע; ווען איך וועג אָפּ וואָס אָט־דער באַזוך האָט מיר געגעבן — און איך ווייס דאָך, אַז אַזעלכע אײנגלעך ווי איך זיינען געווען אין ווילנע אַ סך הונדערטער — דאַן מוז איך קומען צום אויספיר, אַז הערצל האָט גאָרנישט געקענט קלאָר וויסן פון אַלע רעזול־טאַטן, וואָס זיין באַזוך אין ווילנע האָבן געבראַכט. וואָס עס איז אמת אין אָט־דעם עפּיזאָד, איז נאָך פיל אמת׳ער אין דער פולער פּרשה הערצל. איך מיין, אַז נישט נאָר יחידים פון גרויסער היסטאָרישער באַדייטונג, נאָר אויך גאַנצע באַוועגונגען וואָס מאַכן געשיכטע, וויסן צומאָל נישט די פולע באַ־דייטונג פון זייערע אייגענע ראָלן אין דעם מערקווירדיקן מענטשלעכן לעבנס־פּראָצעס, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן וואָרט: געשיכטע.

די דירעקטע ווירקונג, וואָס איז דאַן אויף מיר אויסגעאיבט געוואָרן, האָט געפירט דערצו, אַז איך האָב זיך פאַראינטערעסירט אויסצוגעפינען: וואָס איז אַזוינס הערצל? ווער איז ער? פון וואַנען איז ער געקומען? וואָס איז אַזוינס די ציוניסטישע באַוועגונג, וועגן וועלכער איך האָב געהערט בלאָסע קלאַנגען, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן איר? פאַרשטאַרקט האָט אין מיר דעם דאָזיקן דראַנג די צווייטע פּאַסירונג פון זעלביקן טאָג, ריכטיקער געזאָגט: פון דעם אָוונט נאָך יענעם טאָג.

## ד.

ווי איך האָב אויבן דערציילט, איז מיט מיר צוזאַמען געשלאָפן, אין דער שוסטערשער קלויז, נאָך אַ ישיבה־בחור, אַן עלטערער פון מיר. ער איז שוין געווען אַן „אויפגעקלערטער" אַנטי־ציוניסט, אָבער שוין נישט פון אָרטאָ־דאָקסישן שטאַנדפּונקט. ער איז געווען אַ בונדיסט. איך האָב, נאַטירלעך, פון דעם קיין אַנונג נישט געהאַט. ווען ער האָט דערזען ווי שטאַרק דער הערצל־באַזוך האָט אויף מיר געווירקט, האָט ער געוואָלט ראַטעווען מיין נשמה. האָט ער מיך דעם זעלבן אָוונט מיטגענומען אין אַ וואַלד צו הערן אַ רעדע (נישט קיין מגידות, צו וועלכער איך בין געוואוינט געווען, נאָר אַ רעדע). איצט ווייס איך, אַז די דאָזיקע רעדע האָט געהאַלטן אַ בונדיסט. דאַן האָב איך דעם נאָמען „בונד" נאָר פאַרבונדן מיט דער הירש לעקערט־פּראָקלאַ־מאַציע. פיל האָב איך וועגן „בונד" נישט געוואוסט, מחוץ פון עטלעכע בראָשורן אויף וועלכע דער דערמאָנטער קדוש ר׳ חייקל לונסקי האָט מיר אָנגעוויזן. אויך פון די בראָשורן איז דער נאָמען „בונד" אין מיין געמיט רעספּעקטירט געוואָרן. יענע „וואָל־רעדע" האָב איך דעריבער בשום־אופן

נישט געקענט פאַרבינדן מיטן „בונד". אַזאַ נעגאַטיווע השפּעה האָט זי אויף מיר איבערגעלאָזט.

די טעמע פון דער רעדע איז נאַטירלעך געווען „הערצל און ציוניזם". פאַרבליבן זיינען מיר די הויפּט־אַרגומענטן פון דעם רעדנער. ערשטנס — פּאַלעסטינע ווערט מען קיינמאָל נישט קענען קאָלאָניזירן; צווייטנס — ווען פּאַלעסטינע וואָלט געווען פּאַסיק פאַר קאָלאָניזאַציע, וואָלטן די קאַפּיטאַליס־טישע פעלקער זי שוין לאַנג פאַרכאַפּט; דריטנס — דאָס אידישע פאָלק ווערט קיינמאָל נישט קענען קאָלאָניזירן פּאַלעסטינע.

שאַרפער פון אַלץ האָט מיך אָפּגעשטויסן זיין לעצטער אַרגומענט. ער האָט אים אַרויסגעבראַכט מיט פּשוטן געלעכטער אויפן פּנים. „ווער" — האָט ער געחוזקט — „וועלן עס זיין אונזערע קאָלאָניזאַטאָרן? — די בחורים און מיידלעך וואָס דרייען זיך אויף דער ווילנער גאַס? אויפן שול־הויף אין קאָוונע? אויף דער קצבישער גאַס אין דווינסק? זיי וועלן עס זיין די בויער פון אַ ניי לאַנד?" און ער האָט זיך אויסגעלאַכט דערפון דאָס גרויסע געלעכטער.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך אויסגעפונען, אַז אָט־די אַרגומענ־טאַציע איז גאָרנישט געווען קיין אָריגינעל־בונדישע. איך האָב אַלע דריי אַרגומענטן געלייענט אין אַ בריוו, וואָס ה׳ סאַלאָמאָן ריינאַך — דער דעמאָל־טיקער פּרעזידענט פון אַליאַנס איזראַעליט — האָט מיט יאָרן פריער געשריבן צו רבי שמואל מאָהליווער, ווען דער לעצטער האָט צו אים אַפּעלירט — בערך אַ יאָר פאַר דעם ערשטן ציון־קאָנגרעס — צו העלפן אין דער אַרבעט פון די חובבי־ציון. איז דאָס פאַר מיר קיין וואונדער נישט געווען. וואָס עס איז פאַר מיר פאַרבליבן אַ גרויס וואונדער אין אַלע מיינע שפּעטערדיקע יאָרן — איז דער פאַקט, אַז דווקא די בונדיסטן זאָלן האָבן אַזוי אַרגומענטירט. דער וויכטיקסטער פּאָזיטיווער בייטראָג פון „בונד" צו דער אידישער געשיכטע איז בעיקר באַשטאַנען אין דערהויבן דעם אידישן מאַסן־מענטש. און דווקא בנוגע ציוניזם האָט מען זיך באַנוצט מיט אַזעלכע חוזק־באַצייכענונגען וועגן די פּאָטענצן וואָס דער אידישער מאַסן־מענטש האָט אין זיך געטראָגן.

ווי געזאָגט, האָט אויף מיר דעם בונדיסטס רעדע געהאַט פּונקט אַ פאַר־קערטער השפּעה. זי האָט נאָך פאַרטיפט מיין אינטערעס אינעם ציוניזם, וואָס דער רעדנער האָט אַזוי אויסגעלאַכט. איך האָב מיט מער התמדה — און ווידער מיט דער הדרכה פון הקדוש ר׳ חייקל לונסקי — זיך גענומען מער לערנען וועגן ציוניזם. גלייכצייטיק האָב איך אויך גענומען מער לערנען וועגן „בונד".

## ה.

סטראַשונס ביבליאָטעק איז אויך נאָך הערצלס באַזוך פאַרבליבן דאָס אָרט, וואו איך האָב פאַרבראַכט די גרעסטע צאָל שעה'ן פון יעדן טאָג. מיטן אויסנאָם פון ר' חיים עוזר'ס שיעורים צוויי מאָל אין וואָך און אַ שמועס מיט שלמה שניאור'ן פון צייט צו צייט, בין איך טאָג־איין, טאָג־אויס געלעגן אין ביבליאָטעק. דאָס מאָל האָב איך מיך מער מיט דער „שיינער ליטעראַטור" נישט פאַרנומען. איך האָב פאַרגעזעצט לערנען מכל הבא ליד, אַלץ נאָך נישט סיסטעמאַטיש, אידישע געשיכטע און וואָס איך האָב נאָר געקענט געפינען וועגן ציוניזם אָדער וועגן „בונד". איך האָב געלייענט אַ סך אומלעגאַלע בראָשורן און פראָקלאַמאַציעס. אָפט האָב איך אין זיי געטראָפן ביטערע ווערטער קעגן ציוניזם, וואָס האָבן מיר וויי־געטאָן. איך האָב אויך באַקומען אַזעלכע בראָשורן און פראָקלאַמאַציעס אַפילו אין קורעניץ, וואוהין איך בין געקומען אויף ראש־השנה. איך האָב זיי מערסטנס באַקומען דורך מיינע אַמאָליקע חדר־חברים, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען געוואָרן גאַרבער און האָבן געאַרבעט אין דער גאַרבער־שטאָט סמאָרגאָן, וועלכע איז דאַן געווען אַ בונדישע פעסטונג.

קיין שום פועלי־ציוניסטישע פראָקלאַמאַציעס אָדער בראָשורן זיינען צו מיר דאַן נאָך נישט דערגאַנגען. דעם נאָמען פועלי־ציון האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט ליגנדיק אויף אַ פאַרקאַן פון בן־יעקב'ס דאַטשע, וואוהין איך האָב, צוזאַמען מיט אפרים דעם שוסטער, זיך דערשלאָגן, בכדי אויך עפּעס צו געניסן פון דעם קבלת־פּנים וואָס די ציוניסטן האָבן געמאַכט פאַר הערצלען. די מערסטע רעדנער האָבן גערעדט דייטש, וואָס איך האָב ווייניק פאַרשטאַנען. דער איינציקער רעדנער אין אידיש איז געווען טאַקע שלמה שניאור. און אויך פון זיין רעדע האָב איך געהערט נאָר עטלעכע ווערטער, ווייל צו־באַקוועם האָב איך מיך אויפן פאַרקאַן נישט געפילט. די ווערטער וואָס איך האָב געהערט זיינען געווען: „איך קום באַגריסן אונזער גרויסן ד"ר הערצל אין נאָמען פון די ווילנער פועלי־ציון".

ווען איך האָב שפּעטער געפרעגט שניאור'ן: „וואָס איז עס אַזוינס פועלי־ציון?" האָט ער מיר נאָר דערמאָנט די אסיפה אין הויז אויף גיטקע טויבעס זאַוואולעק. ער האָט צוגעגעבן, אַז יענע בחורים און מיידלעך פון „יונג־ישראל" האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַזאַ אגודה וואָס איז דאָ אין מינסק, וועלכע רופט זיך „פועלי־ציון". איינער פון די מינסקער פירער — יצחק בערגער — איז געווען אין ווילנע. ער האָט זיי דערציילט וועגן דער מינסקער אגודה און

איך זיי פאַרגעשלאָגן צו רופן זיך פועלי־ציון. זיי האָבן דערצו מסכים געווען.

מערריידן וועגן דעם האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט געוואוסט, אַז איך וועל אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער מן הסתם נישט געפונען פאַר נויטיק מיט מיר צו פירן ווייטערדיקע געשפּרעכן וועגן פועלי־ציון. די ערשטע פועלי־ציון־שריפטן פון נחמן סירקין, בער באָראָכאָוו און אַנדערע האָב איך געלייענט שוין זייענדיק אין אַמעריקע, עטלעכע יאָר שפּעטער. אָבער די מזיגה פון ציוניזם מיט סאָציאַליזם האָט שוין געפונען אַ פּלאַץ סיי אין מיין האַרץ, סיי אין מיין קאָפּ. איך האָב געפילט, אַז ציוניזם און סאָציאַליזם רופן ביי מיר נישט אַרויס קיין סתירה. פאַרקערט: זיי פאַרמירן אַ פול־שטענדיקייט, אַ דערגאַנצונג פון איינעם צום צווייטן, כאָטש באַגרינדן וואָלט איך עס דאַן נישט געקענט.

# אויפֿן וועג קיין אַמעריקע

א.

וווען איך בין אַהיים־געקומען אויף ראש־השנה, האָט שוין דער טאַטע דורכגעפירט אַלע צוגרייטונגען צו אונזער נסיעה. דאָס הויז איז שוין געווען פאַרקויפט צום טאַטנס אַלטן ידיד נאָטע קאָמיסאַר, דער וואָס האָט מיך אַמאָל געפירט קיין סמאַרגאָן. די דריי שיפס־קאַרטן זייַנען שוין אָנגעקומען. דער ווילנער אַדוואָקאַט האָט פון זיין זייט אַלץ דורכגעפירט על צד היותר טוב. דער גובערנאַטאָרסקער פאַס איז שוין אויך געווען ביי אונז. אויף אים האָט נאָר געפעלט אַ שטעמפל, וואָס דער איספראַווניק (דער העכסטער פאָליציי־באַאַמטער פון דעם אויעזד) האָט נאָך געדאַרפט אַרויפדריקן אויפן פאַס. מיר, אַלע דריי פאַסאַזשירן, האָבן געדאַרפט קומען צום איספראַווניק קיין ווילייקע און באַקומען דעם שטעמפל. מיין טאַטע האָט מיט מיר איינגעשטודירט וויאַזוי איך זאָל אויסזען קלענער ווי איך בין באמת געווען, בכדי דער „גרויסער" נאַטשאַלניק זאָל נישט חושד זיין, אַז איך דאַרף מיך איינגיכן שטעלן צום פריזיוו. אָט־דער עפּיזאָד האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אין מיר די רעוואָלט־געפילן קעגן „נאַטשאַלסטוואָ", וואָס האָט שוין דאַן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין מיר. בעיקר דערפאַר, ווייל דער נאַטשאַלניק האָט בשתיקה צוגענומען אַ גאַנצע העלפט פון די 50 רובל וואָס איך האָב געבראַכט פון ווילנע.

דעם חוב, וואָס דער טאַטע איז געווען שולדיק צו ר' חיים דוד דעם שוסטער, האָט ער נישט געקענט באַצאָלן. הוצאות זייַנען געווען גרויסע. דירה־געלט פאַר דער מאַמען מיט די קינדער האָט דער טאַטע געמוזט איינצאָלן פאַר אַ גאַנצן יאָר פאָראויס. עטלעכע רובל אויף לעבנס־הוצאות האָט מען אויך געמוזט איבערלאָזן. איז מער גאָרנישט געבליבן. ר' חיים דוד האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט דעם טאַטנס אַ תקיעת־כף, אַז ער וועט אים זיין חוב אָפּשיקן פון אַמעריקע. אין שטעטל האָבן אַלע געוואוסט, אַז מיין ברודער שיקט יעדע וואָך געלט. דעריבער האָט ר' חיים דוד געגלויבט דעם טאַטן.

אויסער דעם עפּיזאָד מיטן איספּראַווניק, האָב איך קיין אַקטיוון אָנטייל נישט גענומען אין די הכנות צו דער נסיעה. די מערסטע אַרבעטן זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך מיין טאַטן און מיין שוועסטער נחמה. די מאַמע מיט די קלענערע קינדער האָבן כמעט שטענדיק געוויינט, וואָס דאָס האָט געדריקט אויף אַלעמענס געמיטער, אויך אויף מיינעם. קוקנדיק צוריק אויף יענער צייט, דוכט זיך מיר, אַז דאַן האָט זיך אָנגעהויבן גראָבן דער תהום צווישן מיר און מיין משפחה. דער תהום איז געקומען נישט ווי אַ רעזולטאַט פון אַ סכסוך, חלילה; ער איז געווען דער רעזולטאַט דערפון, וואָס וועגן די ענינים וואָס האָבן געדריקט אויף מיין נשמה האָב איך מיט קיינעם פון מיין משפחה אַפילו נישט געקענטריידן. איך האָב אָנגעהויבן גייסטיק לעבן אין אַ וועלט וואָס איז געווען זייער ווייט פון זייערע באַגריפן און זייערע אינטערעסן.

איך האָב דעריבער די דריי חדשים געלעבט אין קורעניץ מיט שטענדיקע שווער־קייטן אויפן האַרצן. קיין סטראַשון־ביבליאָטעק איז אין קורעניץ נישט געווען. מיט מיינע אַמאָליקע חדר־חברים האָב איך אויך נישט געקענט צוריק אויפשטעלן חברשאַפט. איך בין שטענדיק געווען איינגעשלאָסן אין זיך און האָב בשום־אופן נישט געקענט דערקלערן די סיבות דערפון אַפילו צו מיינע טאַטע־מאַמע. איך פלעג גיין אין בית־המדרש לערנען. פּוסקים זיינען דווקא יאָ געווען אין בית־המדרש, אָבער עס פלעגט מיר אָנקומען מיט גרויסע אָנשטרענגונגען צו קאָנצענטרירן זיך אין זיי. מיין הויפּט־גייסטיקע שפּייז איז דאַן געווען דער תנ״ך — דאָס איינציקע ספר וואָס מיינע חושים האָבן אויפגענומען. האָב איך אים אָפּגעגעבן פיל צייט. עס פלעגן דאַן אָנקומען צוויי צייטונגען קיין קורעניץ. צו איינעם אַ העברעאיש־קענער — בענטשע דאָדזשעס — פלעגט אָנקומען דער „המליץ״ און צום נייעם, יונגן אַפּטייקער פון שטעטל פלעגט אָנקומען „דער פריינד״. אין אָט־די צוויי הייזער פלעג איך קומען טאָג־טעגלעך לייענען די בלעטער. דער קישינעווער פּאָגראָם האָט מיך אויך דאָרטן דערגרייכט. אין דעם ערב־ראש־השנה־נומער, וואָס איז אין קורעניץ אָנגעקומען מיט פיר טעג שפּעטער, איז געווען אָפּגעדרוקט אַ ליד פון אברהם רייזין, וועמענס דערציילונגען און לידער איך האָב שוין פריער געהאַט געלייענט. אין יענעם נומער האָט דער פּאָעט זיך געזעגנט מיטן פאַרגאַנגענעם יאָר. און די לעצטע שורות האָבן געזאָגט:

„און וועסטו תרס״ד באַגעגענען,
געם זיך לינקס, ניט פאַרשפּריץ אים מיט בלוט״.

אויסער די צוויי צייטונגען האָב איך ווייניק געלייענט. באַגעגנט האָב

איך זיך בלויז עטלעכע מאָל מיט מיין אַלטן אַפּוטרופּוס ר׳ אברהם־מענדל. פלעג איך אויך פון אַט־די באַגעגענישן אַוועקגיין מיט אַ ווייטיק אין האַרצן.

איך האָב קיין אָנשטעל פון פרומקייט נישט געקענט מאַכן. עס וואָלט מיר אויך נישט געהאָלפן. ר׳ אברהם־מענדל האָט געקענט מיינע אינערלעכע נשמה־דורכלעבונגען אפשר נישט ווייניקער ווי איך אַליין. אין איין געשפּרעך האָב איך געפּרוּווט באַרירן ד״ר הערצלס באַזוך אין ווילנע. בעיקר האָב איך אונטערשטראָכן דעם פאַקט, וואָס ר׳ שלמה׳לע דיין אַליין האָט געגעבן זיין ברכה דעם ד״ר הערצל. אָבער אויף ר׳ אברהם־מענדלען האָט עס נישט משפּיע געווען. ער האָט ר׳ שלמה׳לעס ברכה אָפּגעפּטרט מיט אַט־די ווערטער: „ר׳ שלמה׳לע האָט עס נעבעך געמוזט טאָן צוליב מלכות״. ווען איך האָב אים געפּרובירט באַווייזן, אַז מלכות האָט גאָרנישט געוואָלט געבן דעם ד״ר הערצל קיין כבוד, נישט קיין ברכות, האָט ער מיר געענטפערט שאַרף:

„דו ביזט שוין טאַקע אַ גרויסער בחור, אָבער פון וואַנען ווייסטו וואָס מלכות וויל אָדער וויל נישט טאָן?״ און ער איז געבליבן ביי זיינס.

מער האָב איך מיט אים נישט גערעדט, נישט וועגן הערצלען, נישט וועגן אַלע אַנדערע פראַגן, וועלכע האָבן מיך געמוטשעט. ער, פון זיין זייט, האָט — ווי עס שיינט — מיך אויפגעגעבן ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטן פון ריכטיקן וועג. אַ טאָג פאַר אונזער אָפּפאָרן בין איך מיטן טאַטן געקומען זיך מיט אים זעגענען. איך האָב דאַן באַמערקט ממש טרערן אין זיינע אויגן. ער האָט זיך געווענדעט צום טאַטן, זאָגנדיק: „איך בין מתפלל, אַז אייער זון און מיין תלמיד זאָל צוריק אַרויף אויפן ריכטיקן וועג פון תורה ומעשים טובים. דער רבונו־של־עולם קען אַלץ באַווייזן״.

דאָס זעגענען זיך מיט דער מאַמען און מיט די אינגערע קינדער איז מיר שווער צו שילדערן. דאָס האָט זיך געצויגן אַ סך טעג נאָכאַנאַנד און האָט זיך בעיקר אויסגעדריקט ממש אין טייכן טרערן.

צו אַלץ קומט אָבער אַ סוף. אין אָנהויב יאַנואַר 1904 האָבן מיר דריי — דער טאַטע, מיין שוועסטער נחמה און איך — פאַרלאָזן קורעניץ און אויף אייביק אַוועק פון „פּאַניעס״ מדינה.

## ב.

איידער איך שילדער מיין אָנקומען קיין אַמעריקע, וויל איך אונטערציען אַ שטיקל סך־הכל פון מיין דעמאָלטיקן גייסטיקן באַגאַזש: פון די ספרי־קודש האָב איך, מחוץ תנ״ך, מיטגעבראַכט עטלעכע טיף־אַדורכגעלערנטע מסכתות פון גמרא, וואָס זיינען איינגעקריצט געוואָרן אין מיין זכרון. אונטער

דער השפעה פון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי האָב איך אַריינגעלערנט אַ רעכט ביסל „יורה־דעה״ און „חושן־משפט״. ר׳ חיים עוזר האָט מיך אַפילו געוואָלט באַווירקן צו בלייבן כאָטש נאָך אַ זמן אין „קיבוץ״. דאַן וואָלט ער אַליין מיר געגעבן סמיכה אויף איסור והיתר. איך האָב עס אָבער נישט געקענט. די אויסלענדישע פּאַספּאָרטן זיינען געווען גרייט און די גאַנצע משפחה איז שוין געווען איינגעשטעלט דערויף, אַז אַלע דריי — דער טאַטע, די עלטערע שוועסטער נחמה און איך — פאָרן־אָפּ און טאַקע וואָס שנעלער. כ׳וויל אויך מודה זיין, אַז דאַן האָט שוין ערגעץ־וואו אין אונטער־באַוואוסטזיין מיך גע־מאַטערט אַ ספק, אויב איך וועל אין אַמעריקע קענען ממשיך זיין דאָס לער־נען. דעריבער האָב איך די עצה פון ר׳ חיים עוזר׳ן נישט אָנגענומען.

דאָס איז נישט געווען דער איינציקער שטח, אין וועלכן איך בין געבליבן אין מיטן וועג. דאָס זעלבע איז געשען, צום ביישפּיל, בנוגע מיין לערנען מוסר. נאָך ליבאַווע האָב איך מיך דערמיט כמעט ווי נישט אָפּגעגעבן. בלויז דאָ און דאָרט האָט זיך דער ענין מוסר אַריינגעפּלאָכטן אין מיינע אָפטע געשפּרעכן מיט שלמה שניאור׳ן. די דאָזיקע געשפּרעכן זיינען אָבער געווען כמעט ווי אויבערפלעכלעכע. דווקא מיט ר׳ חייקל לונסקי (שפּעטער אומגע־קומען דורך די נאַציס, הי״ד) האָב איך אַמאָל פאַרבראַכט אין אַ מער־פאַר־טיפטן שמועס וועגן מוסר. איך האָב שוין דערציילט וויאַזוי ר׳ חייקל האָט מיר אָנגעוויזן אויף ליטעראַטור וועגן ציוניזם און סאָציאַליזם. דאָס זעלבע האָט ער געטאָן וועגן מוסר. אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען נישט נאָר מיט מיר. טאָמער האָט ער דערשפּירט אין אַ יונגן מענטש אַ נייגונג פאַר וועל־כער עס איז גייסטיקער פאַרטיפונג, האָט ער אים געהאָלפן דורך אָנווייזן וואָס צו לייענען. פון אים האָב איך אויך אויסגעהערט לאַנגע און האַרץ־פאַרכאַפּנדיקע מעשה׳לעך וועגן ר׳ ישראל סאַלאַנטער, וועלכער האָט געזוכט צו דעמאָנסטרירן אין ווילנע, דורך זיין אייגן לעבן, וואָס אַזוינס מוסר לערנט דעם מענטש און צו וואָס ער איז אים מחייב.

טאַקע מיט ר׳ חייקלס הילף האָב איך אויך דערוואָרבן אַ באַגאַזש פון ספרי־חול. איך האָב אַדורכגעלייענט אַ גרויסע צאָל פון בראָשורן און אויך אייניקע מער־ערנסטע ביכער. צו די גרויסע סאָציאַליסטישע ווערק — ווי צום ביישפּיל מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל״ — האָב איך נישט דערגרייכט. פּועלי־ציוניסטישע וויכטיקע ווערק זיינען נאָך דאַן געווען זייער ווייניק. געווען שוין דאַן „רוים און ירושלים״ פון משה העס, אָבער איך האָב פון אים נאָך נישט געוואוסט. געווען שוין דאַן די ערשטע אַרבעטן פון ד״ר נחמן סירקין, אָבער איך האָב אויך פון זיי נישט געוואוסט. בער באָראָכאָווס שטערן האָט

אָנגעהויבן אויפגיין, ווען איך בין שוין געווען אין אַמעריקע. ווי די וויכטיקסטע געשעענישן פון דער אידישער געשיכטע זיינען פאַר מיר אַלץ פאַרבליבן יענע, וועלכע דער תנ״ך האָט רעגיסטרירט. פון די שפּעטערדיקע תקופות האָב איך נאָר געוואוסט שטיקלעך און ברעקלעך, וועלכע איך האָב אַרויס־געלייענט פון היסטאָרישע ראָמאַנען. פון דער אידישער ליטעראַטור האָב איך שוין אַריינגענומען אין מיין נשמה די וויכטיקסטע ווערק פון אונזערע קלאַסיקער אין אידיש: פּרץ, שלום־עליכם, מענדעלע, פּינסקי, אַש, רייזין און דינעזאָן. איך רעכן אין דעם נישט אַריין די לאַנגע ראָמאַנען — וועלכע איך האָב דווקא יאָ געלייענט — פון שמ״ר, בלאָושטיין און אַנדערע פון זייער קאַטעגאָריע. אָבער אויך אויף די שטחים בין איך געבליבן אין מיטן וועג.

ווען איך פּרוביר איצט קלאָר מאַכן פאַר זיך אַליין, צי האָבן די אַלע זאַכן, וואָס איך האָב דאַן געלייענט, איבערגעלאָזט אויף מיר טיפע שפּורן, מוז איך מודה זיין: אַ פיל־טיפערע השפעה האָבן אויף מיר געהאַט די לעבעדיקע מענטשן, וועלכע איך האָב באַגעגנט. איך נעם אַרויס פון אַט־דער קאַטעגאָריע די הערצל־פאַרזוענלעכקייט, וועלכע האָט אָן־ספק געהאַט די גרעסטע השפעה אויף מיין ווייטערדיקן לעבנס־וועג. אָבער די דאָזיקע השפעה איז געקומען פון זיין עצם־דערשיינונג אויף אונזערע געשיכטלעכע הימלען און פון דעם צופאַל וואָס איך האָב זוכה געווען אים צו זען און צו דערשפּירן זיין באַדייטונג צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה ווילנער אידן. איך רייד וועגן יענע אידן, וועלכע זיינען טאַקע געקומען אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט מיר פּערזענלעך; וואָס האָבן מיך מדריך געווען, סיי דורך זייער לערנען מיט מיר, סיי דורך זייער אייגענעם — מיט קדושה־אָנגעפילטן — לעבנס־שטייגער. די השפעה פון אַט־די אידן האָב איך, שאַרפער ווי אַלע אַנדערע, מיטגעבראַכט מיט מיר קיין אַמעריקע.

זייער צאָל איז געווען היפשלעך גרויס: ר׳ חיים ראַדזשעוויצער און ר׳ אַברהם־מענדל פון קורעניץ; ר׳ איצעלע פון ווילייקע; דעם מ״צ־ס אײדעם און ר׳ שמערל דער משגיח פון דאַלהינעוו; ר׳ ישראל־ראובן פון אַשמענע; ר׳ נח דער שוסטער און מיין אייגענער קוזין ר׳ נחמיה פון לעבעדאָווע; ר׳ שמואל־יעקב פון יעלאַק און ה׳ קאַסטרעל פון ליבאָווע; ר׳ שמעון שקאָפּ פון טעלז און ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי פון ווילנע; די חברים ישראל עפּרויקין פון וועקשנע, בן־ציון גוטמאַן פון יעלאַק און שלמה שניאור פון ווילנע; און איבער זיי אַלעמען — ר׳ שלמה׳לע דיין און ר׳ חייקל לונסקי פון ווילנע. יעדער איינער פון אַט־דער צאָל מדריכים מיינע האָט עפּעס אַריינגעזייט אין מיין נשמה. זיי אַלע צוזאַמען האָבן אפשר אויך געהאָלפן

מיך צעטומלען, צוליב די פאַרשידנקייטן פון זייערע השפעות. אָבער אין מיין נשמה האָבן זיי אַלע סוף־סוף דערגרייכט צו אַן אונטערשטער גייסטיקער שורה. פונקט ווי פאַרשידענע ציפערן פון אַ חיבור־חשבון ברענגען צו אַן אונטערשטן סך־הכל, וואָס שליסט זיי אַלעמען איין, אַזוי האָט מיין גייסטיקער סך־הכל אַריינגענומען אַלעמען פון זיי. איך שפיר נאָך זייערע השפעות ביזן היינטיקן טאָג, נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעלעבט גאַנצע 52 יאָר אין אַמעריקע און לעב שוין עטלעכע יאָר אין מדינת ישראל.

### ג.

אָבער דער מיש־מאַש פון מיין גייסטיקן באַגאַזש איז דורך אָט־די אַלע פּאָזיטיווע השפעות נישט קלאָרער געוואָרן אַפילו פאַר מיר אַליין. בכדי נאָך־מער צו „פאַרגאַנצן" אָט־דעם מיש־מאַש, דאַרף דאָ פאַרצייכנט ווערן זייער אַ וויכטיקע השפעה וואָס איך האָב באַקומען פון גאָר אַן אַנדער ווינקל:

אין אונזער שטעטל האָט געלעבט אַ פרוי — פייגע די אלמנה — וועלכע האָט געהאַט צוויי בחורים, עלטערע פאַר מיר, וואָס האָבן געלערנט אין מינסק. פון צייט צו צייט פלעגן זיי באַזוכן קורעניץ. די נעמען פון די צוויי בחורים זיינען געווען: עליע (אליהו) פייגעס און מענדל פייגעס.

וואָס זיי האָבן געלערנט אין מינסק, האָב איך נישט געוואוסט אויף קלאָר. אין שטעטל האָט מען וועגן זיי גערעדט ווי וועגן צוויי זייער פעאיקע לומדים. אָבער גלייכצייטיק האָט מען געמורמלט, אַז זייער פרומקייט הינקט זייער שטאַרק אונטער. מיין ערשטער אַפּוטרופּוס — ר' אברהם־מענדל — האָט מיך אַמאָל אַפילו געוואָרנט, אַז איך זאָל מיט זיי זיך נישט באַגעגענען.

זייער מאַמע האָט געוואוינט אין אַ זייטיקער געסלקע הינטער אַ גרויסן גאָרטן, וואָס האָט געהערט צום נגיד פון שטעטל — לייבע מאָשעס. מיין מאַמע פלעגט אָט־דעם גאָרטן באַארבעטן פאַרן נגיד. ווען איך פלעג קומען, אין די סוף־זומערן, אַהיים פון אַ ישיבה, פלעג איך העלפן דער מאַמען אויס־גראָבן די לעצטע קאַרטאָפל, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אין דער ערד. אָט אין דעם גאָרטן האָב איך די דערמאָנטע ברידער עטלעכע מאָל געטראָפן. כמעט שטענדיק האָבן זיי פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס, בעיקר — דער על־טערער, עליע.

ער האָט געהאַלטן אין איין אויספרעגן מיך, כמעט ווי פאַרהערן מיך, און איך האָב אים אַלץ דערציילט. איך האָב קיינמאָל נישט געשפירט ער זאָל האָבן חוזק געמאַכט פון מיר, וואָס איך בין אַ פרומער ישיבה־בחור. פאַרקערט: עס פלעגט מיר פאַרשאַפן גרויס פרייד, ווען ער האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט

מיר אין אַ טיפערן שמועס וועגן דעם וואָס איך האָב געלערנט. און לערנען האָט ער געקענט גאָר אַ סך. דערביי האָט ער נאָך פאַרמאָגט אַ פענאָמענאַלן זכרון. ס׳האָט קיינמאָל נישט געטראָפן ער זאָל נישט האָבן געוואוסט די סוגיא וועגן וועלכער מיר האָבן גערעדט. איך האָב גאָר געשפּירט, אַז ער געדענקט די סוגיא בעסער פאַר מיר, כאָטש איך האָב זי אָקאָרשט — דעם לעצטן זמן — געלערנט.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון לעבעדאָווע אויף פסח תרס״א (1901) און בין פאַרבליבן איבער שבועות אין קורעניץ, האָבן מיר זיך זייער אָפּט געטראָפן לעבן זייער הויז. איך בין שוין דאַן געווען נאָך מיין בר־מצוה, שוין נישט קיין קליינער אינגל ווי ביי די פריערדיקע באַגעגענישן. האָט מיך איינמאָל עליע פייגעס פאַרבעטן צו זיך אין הויז. נאָכדעם ווי איך האָב אים דערציילט וואָס איך האָב געלערנט אין לעבעדאָווע, האָט ער מיך פלוצים איבערראַשט מיט אַ פראַגע, וואָס האָט מיך ממש פריטשמעליעט. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך האָב שוין געלייענט דעם „ברית החדשה״. איך האָב שוין געוואוסט וועגן נייעם טעסטאַמענט. אַמאָל האָב איך געהערט אויך דעם נאָמען אין אַ וויכוח ביי מיין קוזין ר׳ נחמיה אין הויז. דאָרטן איז ער באַ־צייכנט געוואָרן ווי איינער פון די ספרים טמאים. פלוצים שטעלט מיר עליע פייגעס אַזאַ משונה׳דיקע פראַגע! אין מיין צעטומלונג האָב איך נישט באַלד געענטפערט. האָט ער אַליין ממשיך געווען בזה הלשון:

— הער־צו, ברוכל, דיין פרומקייט וועט לאַנג נישט געדויערן. אין דיינע יאָרן בין איך אויך געווען פרום. דו האָסט מיר אַפילו דערציילט, אַז דו האָסט שוין אויך געלייענט ספרי־חול. וואָס־זשע האָסטו זיך דערשראָקן פאַרן „ברית החדשה״? אַפשמדן מיט געוואַלד וועט ער דיך נישט. אָבער אַ מענטש דאַרף לייענען אַלע וויכטיקע ספרים. גאָר אַ סך מענטשן באַטראַכטן אַפילו אָט־דעם ספר ווי אַ הייליק בוך. טאָ פאַרוואָס זאָלסטו נישט וויסן, וואָס דאָרטן איז געשריבן?

ער איז אַריין צו זיך אין קליינעם צימער און האָט אַרויסגעטראָגן אַ בוך מיט שוואַרצע טאָוולען, אויף וועלכע עס איז געווען אַריינגעדריקט מיט גאָלד־אותיות דער נאָמען. די בוך־בלעטלעך זיינען געווען זייער דינינקע און באַזוימט מיט גאָלד אַרום־און־אַרום. ער האָט אָנגעהויבן בלעטערן אין אים, געמאַכט קנייטשן אין עטלעכע ערטער און מיר געראָטן עס צו נעמען אַהיים און לייענען. דערביי האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז עס איז בעסער, קיינער ביי מיר אין הויז זאָל דערפון נישט וויסן.

דאָס האַרץ האָט געציטערט, אָבער דער נייגער האָט געררייצט. איך בין

נישט אַוועק אַהיים, נאָר אין בית־מדרש אַריין. תיכף האָט דער ציטער אין האַרצן זיך פאַרשטאַרקט: צי בין איך נישט באַגאַנגען גאָר אַ גרויסע עבירה, מיט אַריינטראָגן אַט־דעם טמא־ספר אין אונזער מקום־קדוש? קיין אַנדער אָרט האָב איך אָבער פאָרט נישט געהאַט. אין אונזער הויז איז געווען גאָר ענג. דער טומל איז געווען זייער גרויס. אין הויז וועל איך דעם ספר אויך נישט קענען באַהאַלטן. אין בית־המדרש וועל איך אפשר געפינען אַן אָרט פאַר אים. אָבער די מורא צו לייענען אים אין בית־המדרש איז אויך געווען זייער גרויס.

בכדי צו פאַרגרינגערן מיין געוויסן, בין איך מיטן נייעם ספר אַרויף אין דער ווייבערשער שול, וואָס איז גאַנצע טעג געשטאַנען ליידיק, און געעפנט דאָס ערשטע, באַצייכנטע קאַפּיטל. דאָס איז געווען די דרשה אויפן באַרג. עליע פּייגעס האָט מן הסתם אויסגערעכנט, אַז אַט־די דרשה וועט אויף מיר מאַכן אַ שטאַרקן רושם און איך וועל דאַן זיכער אַליין זוכן צו לייענען די אַנדערע קאַפּיטלעך. ביים איבערגעבן מיר דעם ספר האָט ער וועגן דער באַרג־דרשה געזאָגט, אַז דאָס איז דער תמצית פון ישו'ס לערע. איך האָב די דרשה איבערגעלייענט עטלעכע מאָל. איך האָב אין זכרון אַ מיש־געטאָן דעם תוכן פון קאַפּיטלעך ביי מיכה המורשתי, עמוס און בעיקר ישעיה און האָב ביי זיך באַשלאָסן, אַז אונזערע נביאים האָבן דעם מאָראַלן תוכן פון דער באַרג־דרשה אַרויסגעבראַכט פיל בולטער ווי ישו. אינעם נאַאיוון מוח איז אויפגעקומען די פראַגע: צוליב דעם האָט ער געמוזט פאַרלאָזן דאָס אידישע פאָלק? צוליב דעם האָט ער געדאַרפט גרינדן אַ נייע רעליגיעזע סעקטע פון קריסטן? אין מיין געמיט האָט זיך דער נאָמען קריסט צונויפגעגאָסן מיט שנאה צו אידן. איך האָב מער גאָרנישט געוואוסט וועגן דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום. צוליב אַט־די פראַגן אין מיין מוח, האָט עליע פּייגעס נישט דערגרייכט זיין ציל — אויב ער האָט טאַקע אין מיר געוואָלט אַרויסרופן רעספּעקט פאַרן נייעם ספר.

דאָס בוך גופא האָט מיך דווקא יאָ פאַראינטערעסירט, הגם אַ סך שטעלן האָבן מיך שטאַרק שאָקירט. איך האָב אים אין יענע קאַרגע דריי חדשים איבערגעלייענט צוויי מאָל. אָבער אַלץ וואָס איך האָב פון אים אַרויסבאַקומען איז געווען — אַ גרעסערע צעטומלונג אין מיין גייסטיקן לעבן. אַלע מיינע שפּעטערדיקע מדריכים, וועלכע איך האָב דערנאָך באַגעגנט — מיט דעם אויסנאָם פון איינעם — האָב איך קיינמאָל נישט דערציילט, אַז איך האָב געלייענט דעם „ברית החדשה“. איך האָב פשוט מורא געהאַט זיי זאָלן

זיך נישט פילן געקרענקט פון דעם. דער איינציקער אויסנאַם איז געווען — ווידער אַמאָל ר׳ חייקל לונסקי.

איך האָב איינמאָל געטראָפן, אין אַ פּאַק מיט ספרים וואָס זיינען געלעגן אויף זיין אַרבעטס־טיש, אויך אַ „ברית החדשה״. האָב איך אים אומשולדיק אַ פרעג געטאָן: „אַט־דעם ספר לייענען אַ סך מענטשן?״ האָט ער מיר גע־ענטפערט מיט אַ פראַגע: „איר האָט שוין געלייענט דעם ספר?״ האָב איך אים דערציילט דעם אמת. ער האָט דאַן געהאַלטן פאַר מיר אַ גאַנצע לעקציע וועגן דעם ספר און האָט אויסגעפירט: „קיין נייעסן האָט ער טאַקע נישט מחדש געווען. אָבער מיליאָנען מענטשן גלויבן אין אים. הונדערטער טויזנ־טער מענטשן האָבן זיך געלאָזט טויטן צוליב אַט־דעם גלויבן זייערן. ווען די קריסטלעכע רעליגיע וואָלט נישט אַנטשטאַנען, וואָלט די מענטשהייט גע־ווען נאָך־מער באַרבאַריש ווי זי איז איצט. מיר אידן האָבן גאָרנישט צו לערנען פון ישו׳ן. זיינע וויכטיקסטע דרשות האָט ער גענומען פון אונזערע נביאים. אָבער אַ גרויסן טייל פון דער מענטשהייט האָט ער געגעבן אַ גאָט. דאָס איז זייער וויכטיק״.

די פולע טיפקייט פון זיין דעמאָלטיקער לעקציע האָב איך דאַן נאָך נישט תופס געווען. עס איז מיר אָבער געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן, פאַרשטייענ־דיק פון אים, אַז גאָר קיין גרויסן חטא בין איך נישט באַגאַנגען.

## ד.

פון מיין אינערלעכן מיש־מאַש האָבן זיך ביסלעכווייז גענומען אַרויס־הייבן באַשטימטע ענינים, און פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין מיין פאַר־אינטערעסירטקייט. גאָר גיך האָבן פאַרכאַפּט מיין געמיט די ענינים, וועלכע איך האָב פאַר זיך אַליין באַצייכנט מיטן נאָמען, אויסגעבאָרגט פון דער גמרא, „מצוות שהזמן גרמא״ — אַרבעטן וואָס די צייט פאָדערט זיי זאָלן געטאָן ווערן. איך האָב דאַן דערבליקט אין ציוניזם פון איין זייט און אין דעם קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר פון דער צווייטער זייט, די אמתע מצוות שהזמן גרמן. איך האָב פאַר יעדע פון אַט־די צווי באַזונדער נאָך נישט געהאַט קיין פּאַסיקן נאָמען. בלויז דאָס וואָרט „ציוניזם״ איז פאַר מיר שוין דאַן געווען — מער אָדער ווייניקער — קלאָר, הגם איך האָב אים כמעט ווי נאָר באַגריפן אין אַזאַ פאַרנעפּלטער געשטאַלט, ווי איך האָב אים געזען ביי יענער געהיימער מסיבה אין ווילנער „גיטע טויבעס זאַוואולעק״, דורך דעם ליד, וואָס די חברים פון פנחס דאַשעווסקי האָבן דאַן געזונגען. וויאַזוי דער קאַמף פאַר

סאָציאַלן יושר ווערט געפּירט האָב איך בלויז געלערנט פון פלאַמענדיקע פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע איך האָב געלייענט מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם. וועגן דעם סינטעז פון זיי ביידע אין איין־איינציקן, אַל־אַרומנעמענדיקן געדאַנק און אין איין־איינציקער אָרגאַניזאַציע־ראַם, האָב איך דאַן קיין אַנונג נישט געהאַט. איך האָב אָבער שוין געפילט, אַז אָט־די ענינים הויבן זיך אַרויס אין מיין געמיט און פאָדערן דאָס ערשטע אָרט.

ווען איך האָב שוין געוואוסט אויף זיכער, אַז איך פאָר קיין אַמעריקע, האָב איך גענומען אויסנוצן יעדע פרייע מינוט צו לערנען וואָס־מער וועגן אָט־די ענינים. איך האָב אין די קורצע חדשים זייער פיל אויסגעפונען: דורך די אינטעליגענטערע בחורים אין קורעניץ; דורך אַ ריי פּראָקלאַמאַציעס וואָס די קורעניצער גאַרבער־בחורים — וועלכע האָבן געאַרבעט אין סמאָרגאָן — האָבן געבראַכט קיין קורעניץ; דורך לייענען די אידישע און העברעאישע בלעטער וואָס זיינען אָנגעקומען אַפילו קיין קורעניץ. האָב איך באַשטימט פאַר זיך, אַז ווען איך קום קיין אַמעריקע וועל איך אויסגעפינען וואָס דאָרטן ווערט געטאָן פאַרן ציוניזם; וואָס דאָרטן ווערט געטאָן פאַר דעם געדאַנק פון סאָציאַלן יושר — און איך וועל מיך זיי ווידמען.

וועגן דעם וואָס איך וועל טאָן פאַר מיין חיונה האָב איך נישט שטאַרק געזאָרגט. איך האָב גוט געקענט דעם כאַראַקטער פון מיין עלטערן ברודער הירשע־מיכל און האָב מיך פאַרלאָזט, אַז פאַר דעם וועט ער זאָרגן. מיין עלטערער ברודער האָט פאַרמאָגט אַ האַרץ פון ריינעם זייד. ער איז געווען גרייט צו טאָן פאַרן צווייטן מענטש אַלץ, וואָס ער האָט געקענט. פאַר דער אייגענער משפחה האָט ער געטאָן זאַכן, וואָס ער האָט אַפילו נישט געקענט און אפשר אויך נישט געטאָרט. פון אונזערע קרובים אין ניו־יאָרק האָב איך מיר שפּעטער דערוואוסט, אַז ער האָט זיך נישט פאַרגונען גענוג עסן און טרינקען, בכדי צו שפּאָרן די סענטן פאַר דער משפחה; בכדי צו קענען צאָלן פאַר די שיפס־קאַרטן, וועלכע ער האָט גענומען „אויף־אויסצאָלן". ווען ער האָט אין די ערשטע חדשים פון זיין קומען קיין אַמעריקע, אָנגעהויבן פאַר־דינען, האָט ער תיכף געשיקט פינפערלעך און צענערלעך אַהיים און זיך נישט פאַרגונען — די קאַרגע דריי יאָר וואָס ער איז געווען פריער פאַר אונז אין אַמעריקע — צו קויפן אַ נייעם בגד. ווען איך האָב זיך וועגן דעם שפּעטער דערוואוסט, בין איך אויסגעהיילט געוואָרן פון אַ קראַנקייט, וועלכע די פריערדיקע יאָרן פון מיין לעבן האָבן אין מיר אַנטוויקלט; אַ קראַנקייט אַרויפצוואַרפן מיינע אייגענע, מאַטעריעלע דאגות אויף עמעצן אַנדערשס פּלייצעס. אָבער איידער איך בין פון דער קראַנקייט אויסגעהיילט געוואָרן,

איז אַוודאי געווען גרינג אַרויפצואוואַרפן מיינע חיונה־זאָרגן אויף די פּלייצעס פון אַן אייגענעם ברודער. מיר וועט אויסקומען שפּעטער צו דערציילן ווי־אַזוי דווקא זיין עקסטרעמע גוטסקייט צו מיר האָט אונז דערווייטערט איינעם פון צווייטן; וויאַזוי דאָס האָט מיך געצוואונגען זיך צו שטעלן אויף די אייגענע פיס. אָבער דערווייל האָב איך בלויז געלעבט מיט מיין גייסטיקן אומרו. צו דעם האָב איך געווידמעט יעדער אונץ פון מחשבה די אַלע חדשים וואָס איך בין פאַרבליבן אין קורעניץ און צו דעם האָב איך אויך געווידמעט מיינע טראַכטענישן במשך פון די 21 טעג וואָס מיר האָבן זיך געפונען אויף דער „שיף“, וואָס האָט אונז געפירט פון ברעמען קיין ניו־יאָרק.

ה.

געפאָרן זיינען מיר מיט גובערנאַטאָרסקע פּאַספּאָרטן. דעריבער האָבן מיר נישט דורכגעמאַכט די באַרימטע פּחדים און אָפטמאָל אויך גרויסע צרות, וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט יענע, וועלכע האָבן געגנבעט די גרענעצן. מיר זיינען געפאָרן אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער באַן פון ווילנע איבער דער גרע־נעץ, דורך קעניגסבערג. אמת: אין דריטן קלאַס. אָבער אין פאַרגלייך צו די באַנען, מיט וועלכע איך בין פריער געפאָרן פון סמאַרגאָן קיין ווילנע און קיין ליבאַווע, איז די אינטערנאַציאָנאַלע באַן געווען פאַר אונז אַ לוקסוס־רייזע.

אויב מיר האָבן נישט געקענט געניסן ווי געהעריק די פרייד פון דער רייזע איז עס געווען דערפאַר, ווייל אין אונזער גאַנצן וועזן האָט נאָך שאַרף געקלונגען דער געוויין און די געשרייען פון דער מאַמען מיט די קינדער ביים געזעגענען זיך. אָבער ווען מיר זיינען אין די שפּעטע נאַכט־שעה׳ן דורכגעפאָרן קעניגסבערג, האָבן אונז די באַליכטענע, לאַנגע גאַסן פּשוט באַצויבערט. דער טאַטע ביי איין פענסטער, די שוועסטער ביי אַ צווייטן און איך ביי אַ דריטן, האָבן דורך אָט־די פענסטער ממש דערזען אַ נייע וועלט. אַזאַ בלענדנדיקע ליכטיקייט ביינאַכט האָב אַפילו איך קיינמאָל נישט געזען. איך זאָג „אַפילו איך“, ווייל איך בין דאָך שוין געווען אין דער ליכ־טיקער ליבאַווע. דער טאַטע האָט מער ווי די ווילנער באַלייכטונג נישט געזען. די שוועסטער האָט אַפילו ווילנע געזען צום ערשטן מאָל. אין פאַרגלייך מיט ליבאַווע זיינען די ווילנער נעכט געווען פינסטערע. אין פאַרגלייך מיט קעניגס־בערג זיינען אַפילו די ליבאַווער נעכט געווען פינסטערע. און די פּאָר שעה וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין קעניגסבערג — סיי פאָרנדיק דורך באַליכ־טענע גאַסן, וואו די באַן איז דורכגעגאַנגען, סיי שטייענדיק אויף דער נישט־

ווייניק באַלויכטענער באַן־סטאַנציע — האָבן, ווייניקסטנס מיך, געמאַכט פאַרגעסן אַלע אַנדערע זאָרגן.

אָבער אויף מאָרגן האָט זיך אויף אונז אַרונטערגעלאָזט גאָר אַן אַנדער שטימונג. מיר זיינען אָנגעקומען קיין ברעמען און צוגעקומען צום האַפן. דאָ איז דער פאַרגלייך ביי מיר געווען אינגאַנצן לטובת ליבאַווע. דעם ליבאַווער האַפן האָב איך באַזוכט נישט איינמאָל. אין יענע יאָרן האָבן זיך שטאַרק פאַרגרעסערט די עמיגראַנטן־שטראָמען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון רוס־לאַנד. טייל זיינען געפאָרן דורך ליבאַווע. שיפן געפאַקטע מיט אידישע עמיגראַנטן, האָבן אָפט פאַרלאָזט דעם ליבאַווער האַפן און איך, מיט עטלעכע חברים, פלעגן אָפט גיין קוקן, ווי די שיפן זיינען אָפּגעפאָרן. די וואָס זיינען געפאָרן דורך ליבאַווע האָבן אַלע געהאַט אויסלענדישע פּעסער. די מערסטע פון זיי זיינען געפאָרן קיין ענגלאַנד. זיי האָבן נישט אויסגעזען אַזוי פאַרוואָר־לאָזט און אומגליקלעך, ווי די עמיגראַנטן וואָס מיר האָבן געטראָפן אין ברעמען. די גאַנצע געגנט פונעם ליבאַווער האַפן האָט אויסגעזען ריין און ציכטיק. דאָס איז געווען די ערשטע האַפן־שטאָט, וואָס איך האָב געזען אין מיין לעבן. דער איינדרוק איז געבליבן, אַז אַזוי זעען אויס מן הסתם אַלע האַפן־שטעט. שוין צוליב דעם אַליין איז פאַר מיר געווען אַ געוואַלדיקע אַנטוישונג ווען איך בין צוגעקומען צום האַפן־געגנט פון ברעמען. אין מיינע שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך האָב דערקענט זייער פיל האַפן־שטעט, האָב איך מיך איבער־ציינט, אַז די האַפן־געגנט פון ברעמען איז ווייט נישט געווען די ערגסטע. אָבער אין פאַרגלייך מיט ליבאַווע האָט דער ברעמען־האַפן אויסגעזען שמוציק און פאַרפינסטערט.

נאָך שאַרפער איז געווען דער חילוק אינעם אויסזען פון די אידישע עמיגראַנטן. אין ברעמען, אין חודש יאַנואַר פונעם יאָר 1904, האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן עטלעכע הונדערט אידישע עמיגראַנטן, אַלט און יונג, צווישן זיי גאַנצע משפחות. אַלע זיינען געקומען צו אָט־דער שיף „בראַנדענבורג“, וואָס האָט זיי געדאַרפט ברענגען צום גליקלעכן לאַנד אַמעריקע. אָבער דער־ווייל איז זייער אויסזען געווען פשוט האַרץ־רייסנדיק. מיר דריי האָבן אויס־געזען כלפי אָט־די הונדערטער, ווי מענטשן פון אַן אַנדער פּלאַנעט. אפשר אַ דאַנק מיין שוועסטער, וועלכע האָט געזאָרגט אַז אונזערע קליידער זאָלן זיין ריין און נישט צופיל צעקנייטשט. זיכער האָט אונזער אָנקומען מיט אַן אויסלענדישן פּאַס פיל אַרויסגעהאָלפן. אין די אַנדערהאַלבן טעג וואָס מיר האָבן זיך אַלע געוואַלגערט נישט ווייט פון האַפן אין שמוציקע, גרויסע חדרים, וואָס האָבן געהערט צו דער שיפס־געזעלשאַפט, האָב איך מיך צוגע־

הערט צו די געשפּרעכן וואָס אָט־די עמיגראַנטן האָבן צווישן זיך געפירט. די געשפּרעכן האָבן זיך הויפּטזעכלעך פאַרנומען מיט דערציילן וואָס עס האָט יעדן געטראָפן ביים גנבענען די גרענעץ. די פּאַסירונגען זיינען געווען אַזוי שוידערלעך; דער אופן וויאַזוי די באַרימטע „אַגענטן" האָבן באַהאַנדלט „זייערע" קליענטן זיינען געווען אַזוי גרויזאַם, אַז עס איז דאָן פּשוט געווען שווער צו גלויבן, אַז נאָרמאַלע מענטשן זאָלן זיך אַזוי „איזדיעקעווען" איבער קרבנות וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט. איין משפּחה האָט פאַר־לוירן אַ קינד אין פּראָצעס פון גנבענען די גרענעץ. זייערע געשרייען עד־לשמים איז נישט געווען מעגלעך איבערצוטראָגן. דערפאַר איז אונז אַלעמען באַשערט געווען דורכצולעבן, כמעט האַרט איידער די „בראַנדענבורג" איז אָפּגעגאַנגען, די גרויסע שמחה פון דער משפּחה, ווען דער „קאָמיטעט" (אַ גרופּע פון דייטשע אידן וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרגרינגערן די צרות פון די עמיגראַנטן) האָט אויפגעזוכט דאָס פאַרלוירענע קינד, און האָט עס נאָך באַוויזן צו ברענגען צו דער משפּחה איידער די שיף איז אָפּגעפאָרן. די מוטער איז פון גרויס אויפרעגונג געפאַלן אין חלשות. ווען מען האָט זי אָפּגעמינטערט האָט זיך געדוכט, אַז אירע אויגן דריקן אויס עפּעס אַזוינס וואָס איז נאָענט צו משוגעת. איר צושטאַנד האָט אַזוי אָנגעהאַלטן גאַנצע צוויי טעג אויף דער „שיף". זי איז אָבער געקומען צו זיך. אָט־די משפּחה האָט אַרויסגערופן טיפן אינטערעס ביי אַלע הונדערטער עמיגראַנטן וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער שיף.

בכל־אופן איז די שטימונג פון דער עמיגראַנטן־מאַסע געווען זייער אַ געדריקטע און האָט געהאָלפן דערדריקן אויך אונזער שטימונג. אין די אַנדער־האַלבן טעג, וואָס מיר האָבן געוואַרט אויף דער שיף, זיינען דער טאַטע מיט דער שוועסטער אַרומגעגאַנגען איינקויפן עסנוואַרג. אויף דער שיף איז קיין כשר עסן נישט געווען. מען האָט דערוואַרט צו זיין אונטערוועגס וויניקסטנס 14 טעג. מיר האָבן נישט געוואוסט, אַז מיר וועלן זיך שלעפּן פולע דריי וואָכן. אָבער אויף 14 טעג דאַרף מען אויך אָנגרייטן אַ סך. זיי האָבן בעיקר איינגעקויפט די נישט־טייערע פיש־פּראָדוקטן אין קעסטלעך. זיי האָבן גע־האָפט, אַז ברויט וועלן זיי באַקומען אויף דער שיף. טיי אויך. וועט שוין זיין מיט וואָס צו דערהאַלטן די נשמה. מיך האָבן זיי איבערגעלאָזט צו מיינע רעיונות. אין מיין פּעקל „באַגאַזש" האָבן זיך געפונען עטלעכע ספרים, אין וועלכע איך האָב אַריינגעקוקט. אָבער די מערסטע צייט האָב איך אָפּגעגעבן אין ריידן מיט די עמיגראַנטן, ספּעציעל מיט די וואָס האָבן געפירט משפּחות קיין אַמעריקע. פון אָט־די געשפּרעכן איז אין מיר נאָך שטאַרקער געוואָרן

דער באַשלוס, אַז עפּעס מוז געטאָן ווערן, בכדי די אידן זאָלן נישט זיין געצוואונגען צו האַלטן כסדר אין וואַנדערן.

די שלאָף־פּלעצער אויף דער שיף האָבן דערמאָנט יענע מולטערס אין די רוסישע דריט־קלאַסיקע אייזנבאַנען. אַזעלכע מולטערס זיינען געווען אויסגעבויט אין צוויי שטאָקן. די גליקלעכערע האָבן פאַרכאַפּט די אויבערשטע שלאָף־פּלעצער. איך געדענק ווי מיין טאַטע האָט זיך, ווי נאָר ער איז אַרויף אויף דער שיף, אַ לאָז געטאָן צו אָט־די שלאָף־פּלעצער און האָט אַרויפגעוואָרפן אונזערע דריי קלומיקלעך אויף דריי אַזעלכע אויבערשטע „בעטלעך". איך האָב נאָך דאַן נישט באַגריפן דעם חילוק פון די אונטערשטע און אויבערשטע „בעטלעך". אָבער אויפן דריטן טאָג האָט דער עולם גענומען ברעכן גרין־און־גאַל דורך דער ים־קראַנקייט, וואָס האָט דאַן קיינעם נישט אַדורכגעלאָזן. האָב איך דערזען, אַז די וואָס ליגן פון אויבן זיינען גליקלעך, ווייל קיינער „ברעכט" נישט אויף זיי. אויף די וועלכע זיינען געלעגן אונטן איז געווען אַ גאָטס רחמנות. אין צוגאָב צו זייער אייגענער ים־קראַנקייט, האָבן זיי נאָך אָפּט אויף זיך דערשפּירט די רעזולטאַטן פון דער ים־קראַנקייט פון די „יחסנים" פון די אויבערשטע בעטלעך.

מיר דריי זיינען קראַנק געוואָרן, גלייך מיט אַלעמען, אויפן דריטן טאָג פון פאָרן. ביי מיין טאַטן האָט זיך די קראַנקייט געצויגן גאַנצע צען טעג. איך האָב זיך פון איר באַפרייט אין 8 טעג און מיין שוועסטער — אין 6 טעג. פון אָנהויב האָט זיך אונז געדוכט, אַז די איינגעקויפטע עסנס זיינען איבעריק. אָבער ווען מיר האָבן זיך געשטעלט אויף די פיס — די גאַנצע צייט פון דער ים־קראַנקייט איז מען געלעגן אין „בעטל" — האָבן מיר פשוט געדאַנקט דעם בורא־עולם פאַרן איינגעקויפטן עסנוואַרג. דאָס עסן אויף דער שיף — אַפילו דאָס כשרע, ווי הערינג למשל — האָט מען פשוט אין מויל נישט געקענט נעמען. די שוואַרצע לעבלעך ברויט זיינען געווען פאַרטריקנט. אָבער דערצו איז קיין תרופה נישט געווען. ציינער האָבן מיר געהאַט געזונטע, האָט מען זיך דערמיט אַן עצה געגעבן. מיר זיינען געווען מיט די אָנגעקויפטע פישוואַרג זייער שפּאָרעוודיק. מיר האָבן געמוזט דערפון געבן צו אַנדערע עמיגראַנטן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַפריינדעט, וואָס האָבן גאָרנישט מיטגעפירט מיט זיך. אייניקע פון זיי האָבן זיך נאָר באַזאָרגט מיט עטלעכע לעמאָנען, וועלכע זיינען זייער שטאַרק צונוץ געקומען, סיי פאַר זיי, סיי פאַר אונז.

מיט אייניקע פון די עמיגראַנטן האָבן מיר פאַרבונדן אַ לאַנג־יעריקע פריינטשאַפט. שיף־שוועסטער און שיף־ברידער האָבן געשפּילט זייער אַ

וויכטיקע ראָלע אין סאָציאַלן לעבן פון עמיגראַנטן אין די ערשטע יאָרן פון זייער צופּאַסן זיך צום נייעם לאַנד. אַ פּאָר פון זיי זיינען אין די שפּעטער־דיקע יאָרן גאָר־שטאַרק רייך געוואָרן. איינער פון זיי, מיט וועמען איך האָב מיך שטאַרקער פאַרבונדן ווי מיט אַלע איבעריקע, האָט מיך אַפילו באַוויזן צו מוסרן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, וואָס איך טו נישט נאָך זיין ביישפּיל און גיב מיך אָפּ מיט „נאַרישקייטן".

ו.

איבערגעקומען אויך די רייזע אויפן ים. אָנגעקומען אויף „עליס־איילענד". דורכגעגאַנגען די גוט־באַקאַנטע פּחדים ביים אַריינטרעטן אינעם נייעם לאַנד, און זיך שטאַרק געוואונדערט וואָס די פּחדים זיינען געווען איבעריקע. די עמיגראַנטן, אין זייער גרויסער פאַרלוירנקייט, הערן זיך איין צו אַלע קלאַנגען, וואָס ווערן פאַרשפּרייט, וועגן די שטערונגען וואָס מען מאַכט ביים אַריינלאָזן אין לאַנד; וועגן דער מורא טאָמער זיינען די אויגן נישט אין אַ גענוג־געזונטן צושטאַנד. די קאָלעקטיווע שרעק און וועלכער עס קריכן אַריין פאַרוואָגלטע עמיגראַנטן אויף אַ שיף, ווירקט שטאַרק אויפן פיזישן צושטאַנד פון יעדן איינעם. אין אונזער פאַל האָט עס אַמשטאַרקסטן געווירקט אויף מיין טאַטן. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין איינריידן, אַז מיין שוועסטערס אויגן זעען אויס ווי זיי וואָלטן געליטן פון טראַכאָמע, אַ קראַנקייט וואָס האָט מער ווי אַלע אַנדערע אומגעקערט עמיגראַנטן פון עליס־איילענד. אין אונזער פאַל האָט די אונטערזוכונג גענומען בלויז געציילטע מינוטן און מיר זיינען דער־קלערט געוואָרן געזונט גענוג אַריינגענומען צו ווערן אין דעם נייעם, פרייען לאַנד. אונזער באַגאַזש איז געווען גאָר אַ גרינגער, אַזוי אַז די אונטערזוכונג איז אויך שנעל אַריבער. און אָט זיינען מיר אַרויס פון עליס־איילענד און דערזען די ליכטיקע געשטאַלט פון מיין עלטערן ברודער. אָבער פון זיינע אויגן גיסן זיך טרערן. מיט אים צוזאַמען איז געקומען אַ גאַנצע מחנה פאַר אונז אומבאַקאַנטע מענטשן. אַרום דריי יאָר האָבן טאַטע און שוועסטער אים נישט געזען. איך האָב אים נישט געזען מער ווי 4 יאָר. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ שטאַרק־פאַרענדערטער מענטש. נאָר די אויגן זיינען געווען די זעלבע. ווען די ערשטע מינוטן זיינען אַריבער, האָט ער גענומען פאָרשטעלן פאַר אונז די קרובים וואָס זיינען געקומען מיט אים. צווישן זיי אַן עלטערער מענטש, מיט אַן אַרומגעשוירן בערדל, וועלכער איז פון מיין ברודער פאַר־געשטעלט געוואָרן פאַר מיין טאַטן בזה הלשון: „דאָס איז דער פעטער בערל, דער מאַן פון דער מאַמעס שוועסטער חנה־רחל". דער טאַטע האָט געוואוסט

פון דעם יחוס. פאַר אים איז ער געווען אַ שוואָגער. ער האָט אים נאָך געקענט פון לעבעדאָווע, וואו מיין מאַמע איז געבוירן געוואָרן. פונדעסטוועגן איז אַפילו פאַרן טאַטן די באַגעגעניש געווען אַ קאַלטע. פאַר מיין שוועסטער און מיר איז עס געווען גאָר אַ פרעמדער איד, וואָס האָט נישט אַרויסגערופן קיין נאָענטקייט, כאָטש מיר האָבן געוואוסט אַז ער איז אונזערס אַ פעטער.

מיט אונזערע פעקלעך (די מערסטע פון זיי האָב איך מיט מיין ברודער געטראָגן) זיינען מיר אַרויפגעקראָכן אַ סך טרעפּ און מיר האָבן צום ערשטן מאָל דערזען דעם עלעווייטאָר. ביי אונז אין שטעטל האָט מען די דאָזיקע ווילדע זאַך פאַרגעשטעלט ווי אַ באַן וואָס פאָרט איבער דעכער. מיר זיינען באמת נשתומם געוואָרן ווען מיר האָבן אָנגעהויבן פאָרן, אויב נישט אויף דעכער, איז אָבער אין דער לופטן צווישן אומגעהויער־גרויסע, שוואַרצע געביידעס. לאַנג האָבן מיר קיין צייט נישט געהאַט זיך צו וואונדערן פון אָט־דער מאָדנער באַן. אין קורצע מינוטן זיינען מיר אָנגעקומען צו דער קאַנאַל־סטריט־סטאַנציע און זיינען אַראָפּגעקראָכן אין גאַס אַריין. פון דאָרטן זיינען מיר געגאַנגען דורך עטלעכע גאַסן, ביז מיר זיינען אָנגעקומען צו טשערי סטריט. אויף אָט־דער גאַס ביים ראָג פון עסעקס סטריט האָט — אין אַ גרויס, פינסטער הויז, אויפן פערטן שטאָק, וועלכן מען האָט דער־גרייכט דורך זייער שמאָלע קאָרידאָרן און אָפּגעפאָרענע טרעפּ — געוואוינט טאַקע אונזער פעטער בערל. דאָרטן האָבן מיר אין דריי זייער ענגע צימערן געטראָפן וואַרטן אויף אונז אַ גאַנצע עדה אידן און אידענעס. אַלע קרובים פון מיין מאַמעס צד. דער טאַטע האָט קיין קרובים אין אַמעריקע נישט געהאַט. און ערשט דאָרט האָבן זיך פון דאָסניי אָנגעהויבן סיי די געוויינען, סיי די גרויסע שמחות, וואָס זיינען געווען צוזאַמענגעמישט אין האַרץ פון יעדן איינעם. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספרעגעניש וועגן אַלע קרובים. מיך האָט מען אויסגעפרעגט מער פון אַלעמען, ווייל די מערסטע קרובים זיינען געווען אין לעבעדאָווע — און איך האָב וועגן זיי געוואוסט מער ווי דער טאַטע און די שוועסטער.

אַוודאי איז גלייכצייטיק געווען צוגעגרייט כיבוד. אַוודאי האָט מען גע־טרונקען לחיים. טיי און פאַרבייסן איז געווען לרוב. און פונאַנדערקלייבן זיך צווישן די אַלע קרובים, בכדי צו וויסן ווער־איז־ווער, איז די ערשטע טעג געווען נישט אַזוי גרינג. אָבער די אַלגעמיינע שטימונג האָט באַרואיקט אונזערע הערצער. נישט בלויז זיינען מיר צוזאַמען מיט הירשע־מיכלען, וועלכער איז געוואָרן די האַפענונג פון דער גאַנצער משפחה, נאָר מיר פילן אַז מיר געפינען זיך צווישן גאָר אַ סך מענטשן, וועלכע זיינען אונזערע פריינט.

ווען די ערשטע שעה׳ן זיינען אַריבער, האָט מען מיך מכבד געווען מיט שרייבן דעם ערשטן, לאַנגן בריוו צו דער מאַמען און די קינדער אַהיים. דער ברודער הירשע־מיכל האָט שוין באַוויזן אָפּצושיקן אַ טעלעגראַם קיין קורע־ניץ. איך האָב אָבער געדאַרפט דערציילן דער מאַמען וועגן אונזער גאַנצער רייזע און וועגן אַלע קרובים וועלכע האָבן אונז שוין באַגעגנט. מיר צו הילף איז געקומען מיין קוזינע נחמה, די פאַרהייראַטע טאָכטער פון פעטער בערל און דער מומע חנה־רחל, וועלכע האָט געקענט ריידן אידיש. זי איז געבוירן געוואָרן אין לעבעדאָווע. די איבעריקע קינדער זיינען שוין געבוירן געוואָרן אין ניו־יאָרק.

די קוזינע נחמה — וועלכע האָט שוין דאַן געהייסן „עני" — האָט מיר אויסגערעכנט די נעמען פון אַלע קרובים וואָס האָבן זיך געפונען: דריי שוועס־טער דער מאַמעס מיט זייערע מענער און מיט די מערסטע קינדער. און איך האָב צו דער מאַמען געדאַרפט אויסשרייבן וועגן יעדן איינעם פון זיי — צוזאַמען נישט ווייניקער ווי 25 מענטשן — יעדער וואָס ער טוט, צי ער איז רייך, צי אָרעם. בקיצור — וועגן גיין זיך אָפּרוען האָט קיין רייד נישט געקענט זיין. קיינער איז יענע נאַכט נישט געשלאָפן. איך האָב באַוואונדערט מיין טאַטן, וואָס האָט זיך געהאַלטן פרישער און לעבעדיקער ווי זיינע קינדער.

די גרענדע האָט געפירט דער פעטער בערל. קודם האָט ער דערקלערט, אַז פון היינט אָן און ווייטער מוזן מיר אָוועקוואַרפן די גרינע נעמען. שוין אין „עליס־איילענד" האָט ער געמאָלדן צו די אימיגראַציע־באַאַמטע, אַז ער גיט אונז אַלעמען נייע נעמען. מיר דאַרפן די גרינע נעמען נישט האָבן. אונ־זער פאַמיליע־נאָמען אין קורעניץ איז געווען חייט, האָט ער אונז באַקרוינט מיט דער פאַמיליע צוקערמאַן. דאָס איז דער פאַמיליע־נאָמען וואָס ער האָט פאַר זיך גענומען ווען ער איז געקומען פון לעבעדאָווע קיין ניו־יאָרק, מיט 18 יאָר צוריק. מיטן זעלבן נאָמען האָט ער געקרוינט מיין עלטערן ברודער, ווען ער איז געקומען מיט דריי יאָר פריער. און מיט דעם זעלבן נאָמען האָט ער אויך אונז באַקרוינט. איז מילא, בנוגע דעם פאַמיליע־נאָמען האָבן מיר זיך מיט אים נישט געאַמפּערט, ווייל דער ברודער האָט אים שוין אָנגענומען. וועלן מיר זיך דאָך נישט עקשנען. אגב, האָט ער — דער פעטער בערל — געהאַט אַ וויכטיקן אַרגומענט קעגן דעם נאָמען חייט. די אַמעריקאַנער וועלן עס גאָר לייענען „טשאַיעט". דער אמת איז, אַז ער האָט פאַר זיך און פאַר אונז אַלעמען גענומען דעם נאָמען „צוקערמאַן", ווייל אין לעבעדאָווע איז דער נאָמען געווען זייער חשוב. די שענסטע באַלעבאַטים זיינען געווען די צוקערמאַנס.

אַ ווידערשטאַנד האָב איך ערשט אַרויסגעשטעלט, ווען ער האָט „פּראָקלאַ־מירט" אונזערע ערשטע נעמען. דער ברודער האָט שוין פון לאַנג באַקומען דעם נאָמען „הערי". מיין שוועסטער האָט ער גלייך אַ נאָמען געגעבן „ענני", פּונקט אַזויווי זיין עלטערע טאָכטער, וועלכע הייסט אויך נחמה און דאָ רופט מען זי „ענני". וואָס דען? מיט גרינגע נעמען וולן מיר זיך דאָ אַרומטראָגן? מיך האָט ער געקרוינט מיטן נאָמען „באַרנעט". איך האָב תיכף פּראָטעסטירט און געזאָגט, אַז איך וועל זיך קיינמאָל נישט אָפּרופן ווען מען וועט מיך רופן „באַרנעט". האָב איך דאָך געדענקט דעם לויב, וואָס דער רבונו־של־עולם אַליין האָט געגעבן יענע אידן „שלא שינו את שמותיהם". און בכלל האָב איך פיינט געקראָגן אָט־דעם נאָמען באַרנעט. די אינגערע קינדער פון פעטער בערל (זיך אַליין האָט ער אויך גערופן באַרנעט, אָבער מיר האָבן אים גערופן בערל) האָבן דווקא מיך גערופן „באַרנעט". איך האָב געשטרייקט אַ סך טעג און וואָכן. ווייל דווקא אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן צו בלייבן וואוינען מיט דער משפחה אויף טשערי סטריט. צום סוף האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן.

אָבער מיין פעטער האָט דאָך אַדורכגעפירט זיין עקשנות אויף אַן אַנדער אופן. ער האָט אַרויסגענומען פאַר מיר מיינע ערשטע אָפיציעלע פּאַפּירן אין אַמעריקע און דאָרטן האָט ער מיך איינגעשריבן בפירוש „באַרנעט". און סיי אין מיינע בירגער־פּאַפּירן, סיי אין מיינע פּאַספּאָרטן מוז איך עד־היום נוצן אָט־דעם נאָמען. אָבער נישט בלויז מיט דער עקשנות פון פעטער בערל האָב איך מיך אָנגעשלאָגן אין מיינע ערשטע אַמעריקאַנער יאָרן. ער האָט מיר אויך געוואָלט דיקטירן צו וועלכער אַרבעט איך זאָל מיך נעמען דאָ אין אַמעריקע.

ווען עס איז אַריבער די ערשטע וואָך נאָך אונזער אָנקומען, איז דער טאַטע אָפּגעפאָרן קיין העריסבורג, פּענסילווייניע, וואו מיין ברודער האָט דאָרטן געהאַט פאַרלייגט סיי פאַר זיך אַליין, סיי פאַרן טאַטן, אַן עכט־אידישן געשעפט — „דזשאַנק". מיין טאַטע האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין אָט־דעם מסחר. מיין שוועסטער, וועלכע האָט געקענט נייען קליידער, האָט אָנגעהויבן זוכן אַ פּלאַץ וואו צו אַרבעטן. זי האָט אַזאַ פּלאַץ שנעל געקראָגן. אין יענער געגנט, אַרום טשערי סטריט, זיינען דאַן געווען זייער פיל קליינע שעפּער — די „שוויץ־שעפּער" האָט מען זיי גערופן — און אין אַזאַ פּלאַץ האָט זי אָנגעהויבן אַרבעטן. פאַר מיר איז דאַן אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע: וואָס וועל איך דאָ טאָן פאַר חיונה?

מיין ברודער האָט דערוואַרט, אַז איך וועל פאָרן צוזאַמען מיטן טאַטן קיין העריסבורג און וועל אויך אַריינטרעטן אין דעם נייעם געשעפט. ער

האָט אָבער דערשפּירט, אַז איך האָב נישט קיין חשק פאַר אַזאַ קאַריערע. זיין גוט האַרץ האָט אים באַוועגט אַז ער אַליין זאָל מיך טרייסטן, איך זאָל זיך נישט זאָרגן. דערווייל וועט ער זאָרגן איך זאָל נישט הונגערן, ביז איך אַליין וועל באַשטימען וואָס איך דאַרף טאָן אין אַמעריקע.

דער פעטער בערל איז דווקא דאָ מיר געקומען צו־הילף. ער אַליין האָט שוין ביי זיך געהאַט באַשלאָסן, אַז איך דאַרף ווערן אַ רב אין אַמעריקע. האָט ער זיך איינגעשטעלט פאַר דעם, איך זאָל קיין העריסבורג נישט פאָרן. ער האָט פאַרשפּראָכן דעם טאַטן, אַז ער וועט מיך האַלטן ביי זיך אַזוי לאַנג ביז איך וועל עפּעס באַשליסן. געהאָפט האָט ער, אַז ער וועט מיך געווינען פאַר זיין געדאַנק. דער געראַנגל צווישן אונז איז פאָרגעקומען אַרום אַ חודש שפּעטער. אָבער דעם ערשטן מאָנאַט האָט ער געהאַלטן זיין הבטחה.

# מיינע פרנסות אין אַמעריקע

א.

**א**יידער איך נעם מיך דערציילן וועגן מיין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע (דאָס איז דאָך דער הויפּט־ציל פון מיינע זכרונות), וויל איך ווידמען איין קאַפּיטל צו די פאַרשידענע פרנסות פון וועלכע איך האָב געצויגן חיונה במשך די איבער 52 יאָר, וואָס איך האָב געלעבט אין אַמעריקע. פון די 52 יאָר האָב איך 35 יאָר געצויגן מיין פרנסה פון געזעלשאַפטלעכער עסקנות; קאַרגע זיבן יאָר געאַרבעט אין אַ דרוקעריי און די איבעריקע 10 יאָר האָב איך זיך פאַרנומען מיט פּריוואַטע פרנסות, פון וועלכע איך האָב געצויגן חיונה גאָר בצמצום.

ווי איך האָב שוין דערציילט, בין איך לאַנגע חדשים געבליבן וואוינען ביי מיין פעטער בערל אויף טשערי־סטריט. אַ פּאָר וואָכן האָט ער מיך געלאָזט צורו. אָבער איך אַליין בין געווען אומרואיק. איך האָב אויסגעפונען די פּלעצער וואו אַנדערע אימיגראַנטן זוכן אַרבעט און בין אויך אַוועק אַהין. די קליינינקע שאַפּקעלעך — די שוויץ־שעפּער — פון דער קליידער־אינדוסטריע האָבן זיך על פי רוב געפונען דווקא ניט ווייט פון מיין דירה, אין די גאַסן: מאָנראָו, מעדיסאָן, הענרי, העסטער, דיוויזשאָן און אַפילו אין סאַמע איסט־בראָדוויי. אָבער די גרעסערע שעפּער האָבן זיך קאָנצענטרירט אין עטלעכע גאַסן, וועלכע לויפן פּאַראַלעל מיט דער גרויסער בראָדוויי, אין דעם דאַון־טאַון פון יענעם שטאָט־טייל. אַהין האָבן זיך געצויגן פון דער גאַנצער איסט־סייד, וואו די מערסטע אימיגראַנטן האָבן געוואוינט, יעדן פרימאָרגן מחנות אַרבעט־זוכער און איך צווישן זיי. די שעפּער פלעגן אויסהענגען מודעות, וועלכע סאָרטן אַרבעטער זיי דאַרפן. אָפט פלעגט אויף אָט־די מודעות געשריבן ווערן, אַז מען נעמט אויך אָן אַזעלכע, וועלכע ווילן לערנען די מלאכה. אין אָט אַזאַ שאָפּ האָב איך מיך איינמאָל אַריינבאַקומען און געטראָפן דווקא אויף אַ סימפּאַטישן פאָרמאַן (אַ זעלטנקייט אין יענער צייט!). ער האָט מיך אויס־געפרעגט, מיט וואָס איך האָב מיך ביז איצט באַשעפטיקט. דאַן האָט ער זיך מיישב געווען מיט אַ איד, דווקא מיט אַ לאַנגער באָרד (שפּעטער האָב איך

אויסגעפונען, אַז דאָס איז געווען דער „באָס" אַליין). דערנאָך האָט ער מיך צוגעפירט צו אַן אַרבעטער און אין אַ שטרענגן טאָן אים געזאָגט: „ווייז אים ווי צו נייען ׳סליווס׳ (אַרבל), אָבער זיי ניט קיין דבר אחר". דעם זין פון די לעצטע ווערטער האָב איך ערשט שפּעטער באַגריפן. דער דאָזיקער אַרבעטער האָט זייער נישט געוואָלט לערנען מיט עמעצן דעם „טרייד". ווען ער האָט אַליין געאַרבעט אויף דער מאַשין, האָט ער געקראָגן באַצאָלט פון „שטיק". אַזויווי ער איז געווען אַ שנעלער אַרבעטער האָט ער געקענט פאַרדינען מער געלט, ווי ביים לערנען עמעצן דעם „טרייד", ווייל דאַן האָט ער באַקומען באַצאָלט פון „שעה". דאָס האָט אים נישט געלוינט. דעם פאָרמאַנס האַרב וואָרט האָט אָבער געהאַט די געהעריקע ווירקונג. די פאַכן זיינען נאָך דאַן נישט געווען אָרגאַניזירט; נישט בלויז אין די שוויץ־שעפּער, נאָר אַפילו אין די גרעסערע פאַבריקן האָט נאָך געהערשט דער „באָס" און זיין פאָרמאַן.

מיין „לערער" האָט מיט מיר געלערנט ווי מען ציט אַריין פאָדעם אין דער מאַשין, ווי מען ברענגט אַריין דעם פאָדעם אין דער נאָדל, ווי מען לייגט אונטער דעם געוואַנט אונטער דעם ציגגל און ווי מען הויבט־אָן דרייען דאָס רעדל פון דער מאַשין. דאָס לעצטע האָט מען געטאָן דורך באַוועגן אַן אינסטרו־מענט מיטן פוס, וואָס האָט דאַן געדרייט דאָס רעדל. דאַן האָט ער מיך גע־לערנט וויאַזוי צוזאַמענצושטעלן דעם אַרבל פון די פאַרשידענע צוגעשניטענע שטיקלעך סחורה. בעיקר האָט ער שטאַרק אונטערגעהאַרעוועט בכדי מיר אַריינצושטופּן אין קאָפּ די חכמה פון שטעפּן דעם מאַנזשעט (דעם „קאַף" האָט מען עס גערופן) פונעם אַרבל. צו דעם האָט זיך געפאָדערט ספּעציעלע אויפ־מערקזאַמקייט.

אין אַט־דעם „שוירט־שאָפּ" — אַ פאַבריק פאַר מענער־העמדער — האָבן געאַרבעט אַרום 200 אַרבעטער: צושניידער, שטעפּער, פּרעסער און אַנדערע. איך האָב די מלאכה באַנומען שוין דעם ערשטן טאָג. אָבער עס האָט גענומען עטלעכע טעג ביז מיינע פינגער האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער אַרבעט. במשך די דאָזיקע טעג האָב איך אַפילו באַוויזן אַריינצושטעכן די נאָדל, אַנשטאָט אין געוואַנט, אין פינגער אַריין. די ווייטיקן האָב איך אין זיך דערשטיקט און אָנגעגאַנגען ווייטער מיט דער אַרבעט.

ווען די וואָך איז שוין פאַראיבער (דאָרט האָט מען שבת נישט געאַרבעט, און דאָס איז דאַן פאַר מיר נאָך געווען זייער, זייער וויכטיק) האָב איך פריייטיק אָוועקגעטראָגן דעם ערשטן דאָלער מיט אַ פערטל וואָס איך האָב פאַרדינט דורך אמתער אַרבעט. דערצו האָב איך נאָך באַקומען אַ הבטחה, אַז קומענדיקע וואָך וועל איך באַקומען פולע צוויי דאָלער. ערשט נאָך צוויי חדשים בין איך

אַריבער אַרבעטן פון „שטיק“, ווי אַלע אַנדערע „אָפּערייטאָרס“ (שטעפּער אויף דער מאַשין).

## ב.

מיין פעטער בערל האָט געברענט פון כעס. ס'טייטש — איך פּאַלג אים נישט! ער האָט מיך אויך געגומען מוסר'ן מיט „ווייכע“ רייד. „זע“ — פלעגט ער טענה'ן — „וואָס פון מיר איז געוואָרן. איך בין געבליבן אַ פליאַגע (מיט דעם וואָרט האָט ער געמיינט אַ פּאַרטאַטש, אַ שניידער) אויפן גאַנצן לעבן. דו ביסט אַזוי יונג. דו קענסט אַזויפיל לערנען. דיין ברודער און די משפחה וועלן דיר העלפן אַריינגיין אין אַ 'קאַלעדזש'. וועסט ווערן אַ רב. וועסט לעבן אַ פיינעם לעבן. דו דאַרפסט אַפילו נישט זיין צו־שטאַרק פרום. דאָ איז נישט 'יוראָפּ'. דו וועסט דאַן אונז אַלעמען קענען אָפּצאָלן דאָס געלט, וואָס מיר וועלן דיר בלויז אויסלייען. דערצו וועסטו אונז אַלעמען פאַרשאַפן כבוד“. ווען נאָר ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט האָט ער וועגן דעם געשריבן צום טאַטן און צום ברודער. זיי, פון זייער זייט, האָבן מסכים געווען מיט אים.

אָבער מיין גאַנץ געמיט האָט רעוואָלטירט קעגן דעם. מיט די ספיקות וואָס האָבן מיך געמאַטערט בנוגע דער עצם־עקזיסטענץ פון אַ גאָט, האָב איך זיך נישט געקענט פאַרנעמען אויף אַ וועג צו רבנות, אַפילו ניט לויטן אַמעריקאַנער נוסח. אַביסל שפּעטער איז מיין צענטראַלער אינטערעס געוואָרן די גרופּע „פּועלי ציון“, אין וועלכער איך האָב מיך אַנגעשלאָסן אַרום פּסח־צייט פון יענעם יאָר. דער פעטער האָט מיך דאַן בכלל זעלטן געזען. סיי־ווי — איך האָב מיין פעטער נישט געפאָלגט און בין געגאַנגען אין יענעם „שאָפּ“ אויף וואוסטער סטריט, מאַכן אַרבל פאַר מענערישע העמדער.

די דאָזיקע פּראָלעטאַריזירונג מיינע האָט אָנגעהאַלטן אַרום פינף חדשים צייט. איך האָב דערגרייכט די מדרגה פון אַ שטיק־אַרבעטער און האָב איינ־מאָל שוין פאַרדינט 4 דאָלער אַ וואָך. איך בין באַשטאַנען, אַז מיין מומע חנה־רחל (דעם פעטער בערלס פרוי) זאָל נעמען געצאָלט פאַר מיין בעט צום שלאָפן און פאַר די צוויי מאָלצייטן אַ טאָג — פרישטיק און אָוונטברויט — וואָס זי האָט מיר געגעבן. אָבער די אַרבעט איז מיר פיזיש געפאַלן זייער שווער. די ערשטע עטלעכע וואָכן האָב איך אַפילו קיין ברעקל גייסטיקן געגוס נישט געהאַט, וואָס זאָל פאַרגרינגערן די פיזישע אָנשטרענגונגען. דאָס איינציק־גייסטיקע וואָס איך האָב דאַן דורכגעלעבט איז געווען דער באַוואוסטזיין, אַז איך אַליין קען באַזאָרגן מיין חיונה. טאָקע צוליב דעם האָב איך זיך אָנגעשטרענגט מער ווי איך האָב געמעגט. מיין פעטער האָט עס דערשפּירט און האָט ווידער אָנגעהויבן זיינע טענות.

נאָך שאַרפער זיינען געוואָרן זיינע טענות אין די פּאָר חדשים (נאָך פּסח תרס״ד, 1904), ווען — אויסער מיינע אָנשטרענגונגען אין שאָפּ — האָב איך פאַרבראַכט מיינע אָוונטן ניט אין פּיזישער רו, נאָר אין פאַרכאַפּנדיקע באַגעגעניש מיט די חברים פון „פּועלי־ציון״. פאַר מיין נשמה איז דאָס געווען אַ שכרות, וואָס האָט מיך ממש מחיה געווען. זיצנדיק ביים שטעפּן אַרבל, האָב איך יעדער ברעקל מחשבה געווידמעט צו די פראַגן וועגן וועלכע מען האָט געשמועסט נעכטן. איך בין צוגעזאָמען געוואָרן צו צוויי חברים פון דער גרופּע: אברהם גאָלדבערג ז״ל (וואָס איז שפּעטער אַריבער צו די אַלגעמיינע ציוניסטן) און משה יעקב גודמאַן ז״ל, מיט וועמען איך בין שפּעטער מיטגעגאַנגען מיין גאַנצן לעבנס־וועג, ביז איך האָב פאַרלאָזט די פאַראייניקטע שטאַטן. אָט־די צוויי חברים (לגמרי אָן זייער וויסן) האָבן מיך דאַן געשטעלט אויף מיינע גייסטיקע פיס. זיי האָבן מיר געהאָלפן דורכטראָגן די שווערע חדשים פון מיין „פּראָלעטאַריזאַציע״, וואָס האָט סיידוי לאַנג ניט אָנגעהאַלטן.

## ג.

דער פּעטער בערל איז געווען אַ איד אַן עקשן. ער האָט ניט נאָכגעלאָזט. ער איז געוואָרן נאָך כעס׳דיקער ווען ער האָט זיך דערוואוסט מיט וועמען איך חבר זיך. וואָס זיין פּאָליטישע אָנשויאונג איז געווען, ווייס איך ניט עד היום. קען זיין, אַז ער האָט גאָרנישט געוואוסט מיט וואָס מען עסט דאָס. אָבער פאַר מיינע פּועלי־ציון־חברים האָט ער געהאַט איין וואָרט „די אָפּגעריסענע לאַפּאַצאַנעס״. איך פרעג אים אַמאָל: „פּעטער! האָט איר איינעם פון זיי אַמאָל געזען אָדער געהערט?״ און ער ענטפערט: „איך דאַרף זיי נישט זען און הערן. איך ווייס, אַז קיין גוטס וועסטו פון זיי נישט לערנען״.

צו אַ קריזיס צווישן דעם פּעטער און מיר איז געקומען דעם 5טן יולי 1904. איך בין נאָך געלעגן און געשלאָפן. האָט ער זיך זייער פרי אַריינגעריסן אין צימער און מיט איבערגעטריבענער שמחה אויסגערופן: „נאַ, זע! דיין טאַטע איז געשטאָרבן!״ לכתחילה האָב איך געמיינט אַז עפּעס האָט חלילה געטראָפן מיט מיין טאַטן אין הערינסבורג. אָבער ער שטופּט מיר אַ אידישע צייטונג אין די אויגן. איך גיב אַ קוק און אַן אמתע פינסטערניש איז געקומען אויף מיינע אויגן, פון דעם „קאָפּ״ וואָס איך האָב דערזען. מער ווי דעם „קאָפּ״ האָב איך טאַקע נישט געזען, ווייל איך האָב תיכף פשוט אָוועקגע׳חלש׳ט. דער „קאָפּ״ האָט בלויז געזאָגט: דר. טעאָדאָר הערצל טויט! ווען איך בין געקומען צו זיך האָב איך זיך תיכף אָנגעטאָן, קיין פרישטיק נאָטירלעך נישט

געגעסן און אַוועק — נישט אין שאַפּ, נאָר צו חבר אברהם גאָלדבערג. די פּרטים פון אָט־דער באַגעגעניש זיינען ניט זייער וויכטיק איבערצוגעבן. עס איז נאָר נויטיק צו פאַרצייכענען, אַז עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד בין איך אַרומ־געגאַנגען ווי אויפן עולם התוהו. די פראַגע: „וואָס וועט איצט ווערן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג?״ האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט. וועגן גיין אין שאַפּ יענע וואָך האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין. איך האָב אַפילו נישט געטאָן די פשוט׳סטע זאַך: מודיע צו זיין אין שאַפּ פאַרוואָס איך קום נישט.

דער פעטער בערל האָט גלייך מודיע געווען מיין טאַטן און מיין ברודער. וואָס ער האָט זיי דערציילט וועגן מיר, ווייס איך נישט עד־היום. איך ווייס נאָר, אַז דער ברודער איז אויפן צווייטן טאָג געקומען קיין ניו־יאָרק. ווען ער האָט מיך דערזען איז ער בלאַס געוואָרן. איך שטעל זיך פאָר, אַז איך האָב אויסגעזען שרעקלעך. מיין ברודער האָט שוין דאַן געטיילט מיין ווייטיק איבער הערצלס טויט, כאָטש ווייט נישט ביז אַזאַ מדרגה. דער גאַנצער קאַפּיטל „הערצלס באַזוך אין ווילנע״ איז נישט אָפּגעטראָטן פון מיין מוח. עס איז מיר געווען שווער צו געפינען ווערטער מיט וועלכע איך זאָל עס דערקלערן מיין ברודער.

ווען מיר ביידע האָבן זיך אָביסל באַרויִקט, האָט ער מיך געפרעגט וואָס איך טראַכט ווייטער צו טאָן. איך האָב געענטפערט, אַז איך וועל ווייטער גיין אַרבעטן, נאָר ביים פעטער בערל וועל איך נישט בלייבן וואוינען. איך האָב אים דערביי געפרעגט, צי ער ווייסט וואו איך קען באַקומען אַ צימער — נישט ביי אַ קרוב. זיין ענטפער איז געווען, אַז ער וועט זען. מיט דעם האָט זיך יענער ערשטער געשפּרעך נישט פאַרענדיקט.

מיין ברודער האָט דעם ענין, ווי עס ווייזט אויס, גענומען זייער ערנסט. מיט אַ האַלבן מויל האָט ער דורכגעזייעט אַ פראַגע: אפשר וועל איך פאָרט גרייט זיין צו פאָרן קיין העריסבורג און אַריינגיין — צוזאַמען מיט אים און דעם טאַטן — אין זייער געשעפט פון אַלטוואַרג? מיין ענטפער איז געווען אפשר צו שאַרף: איך וועל קיינמאָל נישט מסכים זיין דערצו. בעט איך אים, אַז ער זאָל מיך וועגן דעם מער קיינמאָל נישט פרעגן. מיין ברו־דער — דער מזג־טוב — האָט אַראָפּגעשלונגען מיין שאַרפן טאָן, מיך געבעטן אַז איך זאָל זיך נישט אויפרעגן. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט עפּעס פּרובירן פאַר מיר. איך האָב דעם לעצטן זאַץ נישט טיף גענוג באַנומען. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט זוכן פאַר מיר אַ דירה. אָבער ער האָט געטאָן גאָר עפּעס אַנדערש.

ער איז געבליבן אַ פּאָר טעג אין ניו־יאָרק. איין נאָכמיטאָג איז ער

געקומען אַ פריילעכער. ער האָט געפונען פאַר מיר אַ זייער־גרינג און פּאַסיק געשעפט. דאָ האָט ער אָפּגעטאָן עפּעס אַן מיין וויסן, פאַרוואָס איך בין געוואָרן גאָר אויפגערעגט, הגם איך האָב געוואוסט ווי רייך זיין ברודערלעך האַרץ איז דערביי געווען. ער האָט פאַר מיר געקויפט אַ „קענדי־סטאָר" אויף דער 11טער גאַס. די „סטאָר" האָט אויך אַ גרויסן הינטערשטן צימער, וואו איך וועל קענען נעכטיקן. דער בעל־הבית פון דער „סטאָר" האָט אים צוגעזאָגט צו קומען — אין די ערשטע צוויי וואָכן — יעדן טאָג אויף צוויי שעה, בכדי מיך אויסלערנען דאָס מסחר.

קוים מיט צרות האָב איך געקענט אַרויסריידן די פראַגע: „דו האָסט עס שוין טאַקע געקויפט?" דער ענטפער איז באַלד געקומען: „יאָ! — איך האָב אים שוין געגעבן אויפן חשבון הונדערט דאָלאַר. נאָך צוויי הונדערט וועל איך אויסצאָלן במשך אַ יאָר צייט. אויב דו וועסט פון געשעפט נישט קענען מאַכן קיין ווייטערדיקע צאָלונגען". איך האָב דערשפּירט, אַז איך בין אַ פאַרלוירענער. אָפּזאָגן זיך דערפון, נאָכדעם ווי דער ברודער האָט שוין אויסגעגעבן אַזאַ מטמון מיט געלט, האָב איך נישט געהאַט אין זיך גענוג כוח. איך האָב געשפּירט, אַז איך אַליין גיי אַריין אין אַ צרה; אַז איך וועל דעם ברודער — און אויך דעם טאַטן — פאַרשאַפן גרויס עגמת־נפש. איך בין געווען איבערצייגט, אַז איך טויג נישט פאַר אַזאַ מסחר; אַז דאָס „געשעפט" וועט סוף־כל־סוף רואינירט ווערן. אָבער איך האָב גאָרנישט געזאָגט, אויסער אַ שאַרפן קרעכץ און בלויז אַרויסגעזאָגט: „הלוואי זאָל זיין גוט!" דערמיט האָט זיך מיין ערשטע פּראָלעטאַריזאַציע געענדיקט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך איבערגעצויגן אין מיין נייעם „געשעפט" אַפּ־טאַון, ווייל די 11טע גאַס איז דאַן, לגבי טשערי־סטריט, וואו איך האָב געוואוינט, טאַקע געווען „אַפּ־טאַון".

ד.

אין אָט־דעם נייעם „געשעפט" האָב איך זיך געהאַלטן אַרום דריי־פערטל יאָר. מיינע פאַרגעפילן האָבן זיך ליידער אַרויסגעוויזן צו זיין ריכטיקע. איך האָב נישט געטויגט פאַרן געשעפט. נישט מיין קאָפּ האָט געקענט באַנעמען די חכמה פון איינקויפן פאַרשידענע סחורות — די סאָדע־וואַסער, די סיראָפּן, די צוקערקעס, די פּאַפּיר־מאַטעריאַלן און אַנדערע סחורות, וואָס האָבן געהערט צו אַ „קענדי־סטאָר"; נישט איך האָב געקענט זיך אַן עצה געבן מיט די קינדער פון גאַס, וועלכע זיינען געווען מיינע ערשטע קונים און זיינען אויך געוואָרן מיין גרעסטער קאָפּ־ווייטיק. זיי האָבן געמאַכט מיין „געשעפט" פאַר

זייער „קלוב", האָט מיר שוין קיין צרות נישט געפעלט. וויפל איך האָב זיי געטריבן, האָט עס נישט געהאָלפן.

וועגן האַלטן דאָס „געשעפט" אין אָרדענונג האָט קיין רייד נישט געקענט זיין. דערצו — מוז איך מודה זיין — בין איך אַליין אויך נישט געווען קיין מענטש פון גרויסער אָרדענונג. מיין שלאָף־צימער איז גערייניקט געוואָרן איין מאָל אין וואָך, דורך אַ פרוי וואָס פלעגט אַריינקומען. זי האָט געוואַשן מיינע וועש, איבערגעצויגן די ליילעכער און קישנס. אַ גאַנצע וואָך האָב איך אַליין געדאַרפט זאָרגן פאַר ריינקייט — און איך האָב דערצו נישט געטויגט.

גראָד האָט נאָך פונקט אין יענער צייט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי אָנגעהויבן האַלטן זיינע לאַנגע סעריעס פון לעקציעס, איבער פראַגן מיט וועלכע מיין גאַנצער וועזן איז געווען דורכגעדרונגען. איינמאָל איז אַפילו פאָרגעקומען אַ דעבאַטע צווישן אים — זשיטלאָווסקין — און דעם באַרימטן אידישן דראַ־מאַטורג יעקב גאָרדין איבער דער טעמע „נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָ־נאַליזם". נו, וועל איך בלייבן פאַרשפאַרט אינעם „געשעפט"? נאַטירלעך איז דאָס „געשעפט" געווען געשלאָסן די מערסטע אָוונטן. קען מען זיך שוין פאָרשטעלן, וועלכע גרויסע רווחים איך האָב געקענט אַרויסקריגן.

איין סאָרט „ריווח" האָב איך דווקא יאָ געהאַט: מיין „סטאָרקע" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין קלוב אויך פאַר חברים פון די פועלי־ציון, וועלכע איז במשך דער צייט גאָר נישקשה׳דיק אויסגעוואַקסן. עס זיינען שוין — אויסער דעם ערשטן צוויג — אָרגאַניזירט געוואָרן צוויגן פון פינסקער חברים, פון ווילנער חברים (צו אָט־דעם צוויג האָב איך זיך צוגעשריבן) און אַנדערע. זיך צוזאַמענקלויבן וואו אַנדערש — נאָך דער אַרבעט, אין אָוונטן ווען קיין לעקציעס זיינען נישט פאָרגעקומען — איז נישט געווען. פלעגט מען קומען צו מיר.

די סאָדע־וואַסער, צוקערקעס און אייז־קרים זיינען דווקא פאַרצוקערט געוואָרן דורך מיינע חברים. אָבער עס איז נישט זיי, נישט מיר, איינגעפאַלן אַז זיי דאַרפן דערפאַר באַצאָלן. פאַר אייניקע חברים, ספּעציעל טאַקע די ווילנער, איז מיין צימער געוואָרן אויך זייער דירה. חבר שלמה שניאור, וועלכער איז געקומען קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין פילאַדעלפיע, פלעגט אָפט אַריינפאַלן אין ניו־יאָרק אויף אַ פּאָר טעג און שלאָפן ביי מיר. איך געדענק אַ חבר, וואָס איז דאַן אָנגעקומען פון פינסק (אַהרון שאַפּיראָ ז״ל, שפּעטער געוואָרן אַן אַדוואָקאַט אין לאָס אַנדזשעלעס), וואָס האָט זיך אַ פּאָר וואָכן פאַרקוואַרטירט ביי מיר, אַזוי אויך אַנדערע.

מיין ברודער האָט זיך דערוואוסט פון אָט־די „רווחים". דערפאַר האָט

ער איינגעזען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות אין חשבון. איז ער געקומען און האָט ליקווידירט דאָס „געשעפט״. וויפיל ער האָט פאַרן „געשעפט״ באַקומען ווייס איך נישט. זיכער נישט אַזויפיל ווי ער האָט באַצאָלט. דערצו האָט ער, ווען דאָס מסחר איז נאָך געגאַנגען, געדאַרפט צושיקן עטלעכע דאָלאַר אויף איינקויפן נייע „סחורה״. אויך מיר אויף צו לעבן האָט ער אָפט צוגעשיקט. פונעם געלט, וואָס ער האָט באַקומען פאַרן „געשעפט״, האָט ער מיר נאָך איבערגעלאָזט 25 דאָלאַר, ביז איך וועל צוריק געפינען אַרבעט. האָט אים דאָס עסק אָפגעקאָסט געגנוג — און זיין האָפענונג, מיך צו מאַכן פאַר אַ „מענטש״, איז נעבעך אויסגערונען געוואָרן.

כמעט ביים סוף פון אָט־דער פרשה איז פאָרגעקומען אין פילאַדעלפיע דער ערשטער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די פועלי־ציון אין אַמעריקע (דעם ערשטן מאַי, 1905). איך בין דערוויל געוואָרן אַזוי אַקטיוו אין מיין ווילנער צווייג פון די פועלי־ציון, אַז איך בין אויסגעקליבן געוואָרן ווי איינער פון די צוויי דעלעגאַטן, וואָס דער צווייג האָט געשיקט צום צוזאַמענפאָר. דאָס האָט פאַר מיר געעפנט דעם וועג צו זוכן חיונה אין פילאַדעלפיע.

## ה.

נישט אַזוי שנעל האָב איך זיך איבערגעצויגן קיין פילאַדעלפיע. לכתחילה האָב איך זיך אומגעקערט קיין ניו־יאָרק און אַוועק אין מיין פריערדיקן שאָפּ אויף וואוסטער סטריט. דער „אַלטער״ פאָרמאַן האָט מיך דווקא אויפגענומען אָן כעס. איך האָב אַרויסגעשטאַמלט אַ ליגן, אַז איך בין געווען קראַנק און האָב נישט געהאַט מיט וועמען מודיע צו זיין וועגן דעם אין שאָפּ. צי ער האָט מיר געגלויבט בין איך נישט אַזוי זיכער; אָבער ער האָט מיך צוריק־געפירט צו דער זעלביקער מאַשין און איך בין ווידער געוואָרן אַ פּראָלע־טאַריער. עטלעכע טעג בין איך געשלאָפן ביי אַן אַנדער שוועסטער פון מיין מאַמען. דאַן האָב איך מיר געדונגען אַן אייגן צימערל. איך האָב געמיינט, אַז אַזוי וועט זיך שוין ציען מיין וויטערדיק לעבן.

איז אָבער אין מיין אידייאישער וועלט פאָרגעקומען אַ טיפע ענדערונג. אויף דעם ערשטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט 23 דעלעגאַטן. ווען עס איז פאָרגעקומען דער שאַרפער געראַנגל אַרום אוגאַנדאַ, זיינען 18 פון די דעלעגאַטן געווען פאַר אוגאַנדאַ און 5 זיינען געווען פּאַלעסטינצעס. איך בין געווען איינער פון די 5. אָבער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום בין איך אַרויס לתרבות רעה: איך בין געוואָרן אַ טעריטאָריאַליסט. איך האָב זיך באַצייכנט — לויט דעם נוסח פון אַן אַלטן חבר, דעם באַקאַנטן שרייבער א.

ליטווין — ווי „אַ טעריטאָריאַליסט מיט אַ ווייטיק אין האַרצן". די קליינע גרופּע פּאַלעסטינצעס האָט פאַרלאָזט די פּאַרטיי און אָנגעהויבן גרינדן אייגענע פאַראיינען. מיר האָבן זיך דאַן אָנגעהויבן רופן: סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַ־ליסטן און איך בין געוואָרן זייער אַקטיוו אין דער נייער פּאַרטיי. כמעט דער גאַנצער צווייג פון ווילנער פּועלי־ציון זיינען געוואָרן טעריטאָריאַליסטן. איך בין אַפילו צוגעצויגן געוואָרן צום צענטראַל־קאָמיטעט. סוף זומער פון 1905 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט באַשלאָסן צו שיקן פאַרשטאַרקונג צו אונזער צווייג אין פילאַדעלפיע. דאָרטן זיינען די וויכטיקסטע חברים (חיים פיינמאַן, יחזקאל עדעלשטיין און — זיי צו לאַנגע יאָר — מאיר בראַון און הערש קאַהאַן) אַריבער צו די פּאַלעסטינצעס. בין איך באַשטימט געוואָרן דורכצופירן די פאַרשטאַרקונג און האָב זיך באַזעצט אין פילאַדעלפיע.

כמעט דעם גאַנצן זומער האָב איך אָפּגעאַרבעט אין דעם ניו־יאָרקער „שוירט־שאַפּ". קיין גאָר גרויסער פאַרדינער בין איך נישט געוואָרן. בלויז איין וואָך האָב איך דערגרייכט צו אַ „פּעי" פון 6 דאָלאַר. מיין דורכשניט־פאַרדינסט איז געווען אַרום פיר און אַ האַלב דאָלאַר אַ וואָך. אָבער מען איז ווי עס איז דורכגעקומען. אויף ראש השנה תרס"ו בין איך אַוועקגעפאָרן קיין פילאַדעלפיע, וואו איך בין פאַרבליבן כמעט אַ פול יאָר.

אין מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג האָט דווקא דאָס יאָר געשפּילט אַ וויכ־טיקע ראָלע. מיין פּרנסה־קוואַל איז אָבער געבליבן דער זעלביקער. אַ חברה פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן — דאָרע סוועטינסקי ז"ל — האָט מיך אַרויפגענומען אינעם „שוירט־שאַפּ", וואו זי האָט געאַרבעט. זי האָט געקענט מאַכן אַ גאַנץ העמד. איך האָב אָבער נאָר געקענט מאַכן דעם אַרבל. עס רעדט זיך אַזוי: „איך האָב געקענט". גלייך דעם ערשטן טאָג האָט מיין קענטשאַפט געפּלאַצט.

די ניו־יאָרקער פאַבריק האָט פּראָדוצירט אַ באַשטימטן סאָרט העמד, וואו די אַרבל האָבן זיך פאַרענדיקט מיט האַרטע מאַנזשעטן. בין איך געווען כמעט ווי אַ מומחה צו מאַכן אַזאַ אַרבל. אָבער די פילאַדעלפיער פאַבריק האָט פּראָדוצירט גאָר אַן אַנדער סאָרט העמד. אירע אַרבל האָבן זיך גאָר פאַר־ענדיקט מיט ווייכע מאַנזשעטן. אַזוי ווי איך בין דורך דער חברה דאָרע רעקאָמענדירט געוואָרן ווי אַן „עקספּיריענסד סליוו־מייקער" — אַ דערפאַרע־נער אַרבל־מאַכער — האָט מען מיר צוגעטראָגן אַ פּעקל צוגעשניטענע סחורה און איך האָב געדאַרפט אַליין וויסן וויאַזוי צוצונייען די באַזונדערע טיילן. איך האָב פונאַנדערגענומען דאָס פּעקל און האָב דערזען אַז עפּעס איז עס נישט ווי אין דער ניו־יאָרקער פאַבריק. צו מאַכן עס קורץ: ביים פּרוואון צוזאַמענ־

צושטעלן אַן אַרבל, האָב איך אָנגעגייט דעם מאַנזשעט צום ברעג, וואו מען ניט גאָר אַריין דעם אַרבל אין העמד אַריין. איך האָב אַליין תיכף איינגעזען מיין טעות. אָבער צום אומגליק האָט זיך פּונקט דאַן דערנענטערט צו מיר דער פאָרמאַן. ביים דערזען וואָס איך טו, האָט ער מיך תיכף געהייסן אָפּשטעלן די אַרבעט. אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ הנאה'דיק שמייכעלע, וואָס האָט מיך טיף באַליידיקט. ער איז גלייך אַוועק צו דער חברטע מיט אַזאַ מין פּזמון:

— אייער פריינטל וועט אין אַמעריקע אפשר ווערן אַ גוטער לאָיער, אַ גוטער דאָקטאָר אָדער אַ גוטער „ריעל-עסטייטניק", אָבער קיין גוטער „סליוו-מייקער" וועט ער קיינמאָל נישט ווערן.

מיין חברטע איז צוגעגאַנגען צו מיין מאַשין. קיין גרויסער מאדים זיך צו פאַרענטפערן פאַר מיינעם אַ טעות בין איך קיינמאָל נישט געווען. זי האָט אָבער אַליין פאַרשטאַנען, פון וואַנעט מיין טעות האָט זיך גענומען. האָט זי געבעטן דעם פאָרמאַן מיר צו געבן אַ צווייטן שאַנס. ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. איך האָב געמוזט פאַרלאָזן דעם שאַפּ.

צום גליק האָט עס מיר נישט געבראַכט קיין צופיל שאָדן. אין פילאַ־דעלפיע זיינען געווען אַ גרויסע צאָל שורט־שעפער. אין איניקע פון זיי זיינען אַפילו געווען חברים פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן ווי פאַרלייט. אַזאַ חבר האָט מיך אַרויפגענומען צו זיך אין שאַפּ און האָט טאַקע געזאָרגט דערפאַר, אַז איך זאָל מער אַזעלכע טעותן נישט מאַכן. אין יענעם שאַפּ האָב איך געאַרבעט די גאַנצע צייט וואָס איך בין געבליבן אין פילאַדעלפיע.

דער צענטראַל־קאָמיטעט איז דווקא פון מיין פאַרטיי־אַרבעט אין פילאַ־דעלפיע געווען צופרידן. ביים סוף פון יאָר 1906 איז אַפילו באַשלאָסן געוואָרן מיך אַרויסצושיקן אויף מיין ערשטן טור, בכדי צו ווערן — ווי דער גרויסער פּאָעט יהואָש האָט מיך מיט אַ יאָר שפּעטער אָנגערופן — דער „טראַוולינג־סיילסמאַן" פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. אינעם ווינטער פון 1906־7 האָב איך באַזוכט די שטעט: אַלבאַני, סקענעקטעדי, סיראַקיוז, ראָטשעסטער, באָפאַלאָ, טאָראָנטאָ און קליוולאַנד. אין קליוולאַנד האָב איך געדאַרפט בלייבן ווי דער פּערמאַנענטער פאַרטרעטער פון צענטראַל־קאָמיטעט. דערמיט האָב איך געמאַכט מיין ערשטן שריט אויפן שטאַפּל פון פּראָפעסיאָנעלער עסקנות.

במשך די פאָר חדשים פון „טור" האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט געצאָלט מיינע שכירות פון זיבן דאָלאַר אַ וואָך. די זעלביקע שכירות האָט ער מיר געדאַרפט צאָלן אין קליוולאַנד. ער האָט אָבער נעבעך נישט געהאַט.

ו.

אין קליוולאַנד איז דאָן געווען זייער אַ בכבודיקער פאַראיין פון סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. די מערסטע פון זיי זיינען שוין געווען לענגער פאַר מיר אין לאַנד. דעם ערשטן אָרט האָבן פאַרנומען די דריי גאַרבערס: אהרון גאַרבער, משה גאַרבער און זיין פרוי לאה. זיי האָבן געהאַט אַן עלטערן ברודער, בערל, וועלכער איז געווען אַן עקסטרעמער „פּאַלעסטיניעץ". זיי אַלע האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער קליוולאַנדער קהילה. אהרון גאַרבער איז שוין געווען אַן אַדוואָקאַט, מיט גאָר אַ נישקשה׳דיקער פּראַקטיק. משה גאַרבער איז געווען אַ סטודענט אויף מעדיצין. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ גוט־באַקאַנטער דאָקטאָר אין קליוולאַנד. לאה גאַרבער איז פון דער היים (זיי זיינען אַלע געקומען פון ווילנע) געווען אַ העברעאישע לערערין און אויך אין קליוולאַנד האָט זי זיך דערמיט באַשעפטיקט. דאָרט האָט זיך דאָן אויך געפונען דער חבר מרדכי דאָלניק, דער שפּעטערדיקער אַזוי גוט־באַוואוסטער חבר ד״ר דאָלניק פון שיקאַגאָ. דער סעקרעטאַר פון פאַראיין איז געווען דער חבר י. מיליקאָווסקי — דער שפּעטערדיקער דענטיסט און איבערגעגעבענער חבר פון דער באַוועגונג, ד״ר מילקאָף. איך וועל נישט מגזם זיין ביים זאָגן, אַז אין קליוולאַנד האָט די פּאַרטיי סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן דאָן פאַרמאָגט די אינטעליגענטסטע גרופּע פון גאַנצן לאַנד. דעריבער טאַקע איז באַשלאָסן געוואָרן צו עפענען אין קליוולאַנד אַ ספּעציעלע ביוראָ, וואָס זאָל אָנפירן איר אַרבעט אין גאַנץ אָהייאָ, צפון־פּענסילווייניע, גאַנץ מישיגען און אַפילו אילינאָיס — מיט דער גרויסער שיקאַגאָ איינגעשלאָסן. איך בין באַשטימט געוואָרן צו זיין דער לייטער פון אָט־דער ביוראָ.

אָבער פונקט דאָן איז אויסגעבראָכן דער גרויסער קריזיס. די פּאַרטיי האָט בשום־אופן נישט געקענט צאָלן די שכירות. קיין אַרבעט אין מיין פאַך האָב איך נישט געקענט געפינען. האָב איך טאַקע זייער שטאַרק אונטערגעהונגערט.

מיין דירה איז געווען ביי אַ טייערן חבר, אַן עלטערער פון אונז אַלעמען — יוסף טשערטאָוו ז״ל. זיין פאַרצווייגטע פאַמיליע זיינען געווען ציוניסטן. ער איינער איז געווען אַ טעריטאָריאַליסט. מען האָט אים באַטראַכט ווי אַ מער־פאַרמעגלעכן מענטש. איז וועגן צאָלן דירה־געלט קיין רייד נישט געווען. ער האָט גוט געוואוסט מיין לאַגע. איך האָב אין זיין הויז אויך פאַרלייגט מיין „ביוראָ", וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קליינעם דעסק, פאַרוואָרפן מיט צייטונגען און מיט בריוו. פאַר דעם האָט ער אַוודאי קיין געצאָלט נישט גענומען. פון צייט צו צייט האָב איך דאָרט אַריינגעכאַפּט אַ מאָלצייט, ווען דער הונגער

האָט שוין צופיל געדריקט און ער, צוזאַמען מיט זיין פרוי — אויך אַ חברה פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן — זיינען שטאַרק צוגעשטאַנען. אָבער דווקא צוליב דעם פלעג איך אויסמיידן צו זיין צופיל אין הויז.

דער חבר מיליקאָווסקי האָט דאַן אין קליוולאַנד פאַרמאָגט אַזאַ געשעפט ווי מיין ברודער האָט פאַר מיר געקויפט אין ניו־יאָרק — אַ „קענדי־סטאָר" אויף דער דעמאָלטיקער הויפט־גאַס פון אידישן קוואַרטאַל — די פּרעכטיקע וואודלאַנד עוועניו. ער אַליין פלעגט אָבער אויך גיין אַרבעטן אין אַ שאַפּ. און ער האָט דווקא געהאַט אַרבעט. האָט ער אין זיין געשעפט „אָנגעשטעלט" דעם חבר דאָלניק, וועלכער האָט דערפאַר באַקומען אַן אָרט — צום שלאָפן. חבר דאָלניק האָט פאַרמאָגט אַ זייער זיסע שטימע און פלעגט זייער אָפט פאַרזינגען זיין הונגער מיט האַרציקע רוסישע לידלעך. אַפילו איך, וואָס האָב קיין רוסיש נישט געקענט, האָב זיך אויסגעלערנט פון אים זינגען עטלעכע רוסישע לידלעך. אויף דער זעלביקער וואודלאַנד עוועניו איז געווען נאָך אַ „קענדי־סטאָר". דער בעל־הבית אירער האָט געהייסן וואַטקאָוויטש. זיין פרוי האָט, צוליב דעם קריזיס, אָנגעהויבן קאָכן זופּן, פאַר וועלכע זי האָט גערעכנט פינף סענט. אין די דאָזיקע זופּן האָט זיך אָפט געפונען אַ ביין מיט שטיקלעך פליייש אַרום אים. ווען עמעצער פון אונזער הונגעריקער כנופיא האָט באַקומען ערגעץ אַ „קוואָדער", זיינען שוין פינף חברה געווען זיכער, אַז זיי וועלן עסן יענעם טאָג אַ זופּ ביי וואַטקאָוויטשן.

איך האָב זיך זייער שנעל איבערצייגט, אַז קיין שכירות פון צענטראַל־קאָמיטעט וועל איך פאַר אַ לאַנגער צייט נישט באַקומען. האָב איך גענומען זוכן אַרבעט. אין יענעם יאָר האָב איך געפונען צוויי „פּרנסות": א) שלעפּן אייזן־שטאַנגען אין דער באַן־סטאַנציע, וואָס איז דאַן אויסגעברייטערט געוואָרן. פאַר דעם האָב איך באַקומען 75 סענט אַ טאָג פאַר 9 שעה אַרבעט. 2) איך בין פאַר אַ קורצער צייט געוואָרן אַן אָרגאַניזער אין דער קליוולאַנדער אידי־שער בעקער־יוניאָן. אָנגעהויבן האָב איך מיט שלעפּן אייזן. אַ געזונטער יונג בין איך געווען, האָב איך אויסגעהאַלטן לענגער ווי אַנדערע. אָבער ווען עס איז מיר (דורך דער פּראָטעקציע פון חבר אהרון גאַרבער, וואָס איז געווען דער אַדוואָקאַט פון דער יוניאָן) אָנגעבאָטן געוואָרן דער „דזשאָב" ביי די בעקערס, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אין דעם. שכירות האָב איך באַקומען אַכט דאָלאַר אַ וואָך. אויסגעהאַלטן האָב איך אָבער בלויז דריי חדשים. אַוועק בין איך נישט ווייל די יוניאָן האָט מיך נישט געוואָלט, נאָר צוליב אַנדערע סיבות.

די בעקערס זיינען געווען לײדנשאַפטלעכע פּינאָקל־שפּילערס. זיי פלעגן

זיך צוזאַמענקומען אין צוויי באַשטימטע סאַלונען, דאָרט טרינקען ביר און שפּילן אין קאָרטן. איינע פון מיינע עובדות איז געווען זיי אַרויסצושלעפּן פון די סאַלונען צו דער אַרבעט. די ערשטע וואָכן האָבן זיי מיך געפאָלגט; אָבער וואָס ווייטער האָבן זיי מיך אויפגעהערט פאָלגן. די בעלי־בתים פלעגן אויסלאָדן זייערע טענות צו מיר און דער ענין איז מיר שווער געוואָרן. דערצו האָב איך קיין האַניק נישט געלעקט ביי די יוניאָן־מיטינגען. זיי פלעגן זיך קריגן און זידלען איינע די אַנדערע. אָפט איז געקומען צו פּשוטע געשלעגן. אין איין געשלעג האָט אַ בעקער זיך אַריינגעביסן מיט די ציין אין דעם אויער פון אַ צווייטן בעקער און האָט אים ממש צעבלוטיקט. איך האָב אָפט געמוזט נוצן פיזישן כוח אָפּצורייסן איינעם פון צווייטן און טיילמאָל האָב איך אַליין געכאַפּט קלעפּ. אָבער דאָס אַלץ וואָלט מיך נאָך פון זיי נישט פאַרטריבן. בפרט אַז גיין צוריק שלעפּן אייזנס האָט זיך זייער נישט געגלוסט.

עס האָט אָבער אויסגעבראָכן אַ שטרייק ביי אַ בעקער מיטן נאָמען ראָזען, וואָס האָט געהאַט זיין בעקעריי אין סאַמע צענטער פון וואודלאַנד עוועניו. מיינע בעקערס האָבן זיך צעיושעט, גענומען פאַרניכטן געבעקס און נאָך דערצו ברעכן שויבן און שטולן אין דער בעקעריי. איך האָב זיך דערפון דערוואוסט און בין געלאָפן זיי אַוועקשלעפּן פון דער בעקעריי. דערווייל זיינען אָנגעקומען פּאָליציי־לייט און האָבן אַרעסטירט עטלעכע בעקערס — צוזאַמען מיט מיר. מען האָט אונז געבראַכט אין פּאָליציי־סטאַנציע און אונז פאַרקלאָגט פאַר „דעסטראָקשאָן אָוו פּראָפּערטי" — פאַרניכטן אייגנטום, הייסט עס.

דער אַדוואָקאַט חבר אהרון גאַרבער איז געקומען און מיטגעבראַכט מיט זיך דעם רעדאַקטאָר פון דער אידישער טאָג־צייטונג אין קליוולאַנד — ר' יהושע ראַקער ז"ל. דער לעצטער איז געווען אַ איד אַ תלמיד־חכם און זייער אָנגעזען אין דער קהילה. אויך די נישט־אידישע שטאָט־פירער האָבן אים גוט געקענט. זיינען מיר באַפרייט געוואָרן אויף זיין אַחריות ביז אַ געריכט יועט אונז משפּטן.

חבר גאַרבער האָט באַטראַכט די באַשולדיקונג קעגן אונז פאַר זייער אַן ערנסטער. זיין פאַרטיידיקונג פאַר מיר האָט ער באַזירט אויף דעם פאַקט, וואָס איך בין דווקא געלאָפן נישט דערלאָזן, אַז די אַרבעטער זאָלן אָנטאָן שאָדן. מיט דער הילף פון דעם דערמאָנטן ר' יהושע ראַקער איז געלונגען אונז אַלעמען צו באַפרייען. די יוניאָן האָט אָבער געדאַרפט באַצאָלן 200 דאָלאַר פאַרן שאָדן צום בעקער ראָזען.

פאַר מיר איז אָט־דער עפּיזאָד געווען די לעצטע שטרוי, וואָס האָט

איבערגעבראָכן מיין ווילן צו בלייבן ביי דער יוניאָן. איך בין צוריק אַוועק שלעפּן אייזן אויף דער באַן־סטאַנציע.

במשך די דריי חדשים, וואָס איך בין געווען מיט דער יוניאָן, האָבן זייער פיל חברים געהאַט די מעגלעכקייט צו עסן כאָטש איין מאָל אין טאָג אַ „זופּ" ביי וואַטקאָוויטשן. צווישן זיי איז אויך געווען דער חבר דאַלניק. נאָך יעדער סעודה האָט ער „פּאַרביסן" מיט זיינע האַרציקע געזאַנגען, און אַ סך פון אונז האָבן אים מיטגעהאָלפן. אין מיינע שפּעטערדיקע, שווערע סיטואַציעס, ווען ער, דאַלניק, איז שוין געווען אַ באַרימטער דאָקטאָר אין שיקאַגאָ — האָט ער מיר אָפּגעצאָלט מער ווי כפל־כפליים. דאָס איז געווען איינע פון די איידלסטע נשמות וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן.

סוף־כל־סוף האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט זיך ווי עס איז אַרויסבאַקומען פון דעם שווערן פינאַנציעלן מצב און האָט אָנגעהויבן פאָדערן פון מיר פּאַרטיי־אַקטיוויטעטן. איך בין אַוודאי געווען דערפון זייער צופרידן. פאַרן ווינטער פון 1907־8 איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר מיר גאָר אַ לענגערער טור, וואָס האָט זיך געצויגן ביז דענווער אין מערב, ביז וויניפּעג וואָס אין קאַנאַדע אין צפון און אין אַלע וויכטיקע אידישע צענטערן, וועלכע ליגן צווישן זיי. דער דאָזיקער טור האָט זיך געצויגן ביז אָנהויב פרילינג 1908. במשך פון מיין טור האָב איך נישט געהונגערט. איך האָב, אמת, נישט באַקומען די פולע שכירות און די פּאַרטיי איז מיר געבליבן שולדיק אַ רעכטן חוב, אָבער ווען האָט עס דאַן געאַרט? גייסטיק האָב איך דערפון זייער הנאה געהאַט.

די הנאה איז געווען גרויס, טראָץ די ספיקות וואָס האָבן שוין דאַן אָנגעהויבן טאָטשען וועגן רעאַליזירן דעם טעריטאָריאַליזם. צוליב אָט־די ספיקות האָב איך אַ טייל פון מיינע לעקציעס גענומען ווידמען דער אידישער ליטעראַטור. איך בין ווייט פון ליטעראַטור־קריטיק ווי מזרח פון מערב. אין יענער צייט איז עס אפשר געווען אַ חוצפּה פון מיר צו ריידן וועגן אַזעלכע טעמעס. אָבער איך האָב די אידישע ליטעראַטור זייער ליב באַקומען. מיינע לעקציעס זיינען באַשטאַנען פון צוויי־דריטל פּשוטן לייענען טעקסטן. מיינע באַליבטע שרייבער זיינען געווען פּרץ און יהואש. פון אָט־די לעקציעס האָב איך שטאַרק הנאה געהאַט. נאָכדעם ווי איך האָב איין אַוונט געדאַרפט „פאַר־קויפן" סאָציאַליסטישן טעריטאָריאַליזם — און האָב געמוזט אונטערמורמלען ווען מען האָט מיך אומעטום געפרעגט, וויאַזוי מען רעאַליזירט דעם טעריטאָ־ריאַליזם — האָב איך מיךביים צווייטן אַוונט אָפּגעפרישט מיט לייענען אידישע ליטעראַטור. איך בין זיכער, אַז אויך די צוהערער זיינען געווען מער צופרידן.

איך האָב זיך אומגעקערט קיין קליוולאַנד צו דעם לעצטן לאַנדס־צוזאַמענ־פאָר פון דער פּאַרטיי, אין וועלכן איך האָב זיך באַטייליקט. דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין מאַי 1908. אין אים האָט זיך אויך באַטייליקט ד״ר נחמן סירקין, וואָס איז אינצווישן אָנגעקומען קיין אַמעריקע. איך בין פאַרבליבן אין קליוולאַנד נאָך עטלעכע חדשים און סוף 1908 האָב איך זיך אומגעקערט קיין ניו־יאָרק.

ז.

במשך פון די דאָזיקע נסיעות האָב איך מיר דערוואָרבן גאָר, גאָר אַ וויכטיקן פאַרמעגן. ווען איך האָב אין 1907 באַזוכט ראָטשעסטער, האָב איך מיך דאָרט באַגעגנט מיט נינאַ אַברונין, וועלכע איז מיט צוויי יאָר שפּעטער געוואָרן מיין לעבנס־באַגלייטערין. זי איז געווען זייער אַ יונגע, זייער אַ שיינע און זייער אַ גרויסע שטיפערקע. ביי דער ערשטער באַגעגעניש — טאַקע אויף אַ לעקציע וועגן יהואש — האָט מיך אַ חבר פאָרגעשטעלט פאַר איר און זי האָט מיך באַגעגנט מיט אָפענעם חוזק. מיין גאַנצער ישיבה־בחורישער הילוך, פון וועלכן איך האָב גאָרנישט פאַרזוכט זיך צו באַפרייען, האָט איר אויסגעזען קאָמיש. זי האָט עס פאַר מיר — און אויך פאַר די זייטיקע — גאָרנישט פאַרבאָרגן. אַ יאָר שפּעטער האָב איך זי באַגעגנט אין קליוולאַנד. דאָן האָט דאָרט געלעבט איר ברודער גרשון אַברונין — דער שפּעטערדיקער פּרעזידענט פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. ער איז געווען אַן עקסטרעמער פּאָלעס־טיניעץ, אָבער איך פלעג אָפט אַריינקומען צו אים אין הויז, ווייל אונז האָט ממש געצויגן איינער צום צווייטן, טראָץ די פּאָליטישע חילוקי־דעות. סייווי — דאָרט האָב איך ווידער געטראָפן זיין שוועסטער נינאַ. אונזערע הערצער האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן, טראָץ דעם, וואָס אויך דאָן האָט זי אָפגע־חוזקט פון מיר. אַרויסגעהאָלפן אין אָט־דעם חוזקן איר האָט איר שוועגערין קלאַראַ — וועלכע האָט גאָרנישט פיינט געהאַט צו מאַכן חוזק פון מענטשן. פונדעסטוועגן — נאָך אַלע זאַכן — האָבן מיר זיך פאַרבונדן אויפן גאַנצן לעבן, ווען איך האָב זי געטראָפן — ווידער אַמאָל אין ראָטשעסטער — דעם 19טן מערץ 1909.

יענע טורנע מיינע — די דריטע און די לעצטע פאַר די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן — האָט זיך געענדיקט אין פרילינג פון 1909. אַ חודש שפּעטער בין איך געקומען צוזאַמען מיט מיין פרוי קיין ניו־יאָרק און מיר זיינען שוין דאָרט פאַרבליבן, ביז מיר האָבן אָנגעהויבן אונזערע פאַרזוכן צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל.

דאַן האָט זיך אויך פאַרענדיקט די ערשטע פרשה פון פרנסה דורך עסקנות. אין גיכן האָב איך באַקומען אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט ווי אַ בעל־מגיה אין דער גרויסער, אידישער דרוקעריי פון „גרייזעל און קאָמפּאַני". דאָרט האָב איך געהאַט מיין רעגולערע פרנסה פון 1909 ביזן מיטן 1915, ווען איך בין געוואָרן דער סעקרעטאַר פון „פּיפּלס רעליף".

ח.

די אַרבעט אין דרוקעריי איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. שכירות האָב איך באַקומען 15 דאָלאַר אַ וואָך. דער באַלעבאָס — אַליין אַ ציוניסט נאָך פון מינסק — האָט זיך באַצויגן צו מיר זייער גוט. הגם בדרך־כלל איז ער געווען זייער אַ נערוועזער, אויפגערעגטער מענטש. די אַרבעטער האָבן זיך אויך באַצויגן צו מיר זייער גוט. כדי צו מעגן אַרבעטן אין דרוק האָב איך באַדאַרפט באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער אידישער דרוקער־יוניאָן, לאָקאַל 83, וועלכער איז דאַן געווען זייער גוט אָרגאַניזירט. אַזוי ווי איך האָב דעם פאַך נישט געקענט — איך בין נאָר געווען אַ בעל־מגיה — האָט מען מיך געמאַכט פאַר אַן ערן־מיטגליד און מיר דערלויבט צו אַרבעטן.

מיינע אַקציעס אין דרוק האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן. נישט איינמאָל האָב איך אַפילו געדאַרפט העלפן, ביים פאַרענדיקן אַ סכסוך צווישן די אַרבעטער און דעם באַלעבאָס. דערצו בין איך נאָך געוואָרן אַ וויכטיקער „שרייבער" פאַר הער גרייזעל. עס האָבן זיך ביי אים געדרוקט דריי וואָכנצייטונגען: „די בראָנזווילער פּאָסט", די „נואַרק־צייטונג" און דאָס „וואַשינגטאָנער לעבן". דאָס לעצטע בלאַט איז אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט געוואָרן פון דעם באַקאַנטן זשורנאַליסט ראובן פינק, וואָס האָט געלעבט אין וואַשינגטאָן. דער פּלאַן פון די דריי וואָכנבלעטער איז געווען אַזאַ: יעדער פון די דריי אַרויסגעבער פלעגט ברענגען זיינע לאָקאַלע מאַטעריאַלן און די לאָקאַלע אַנאָנסן. גרייזעל — וואָס האָט אַליין אויך אונטערגעזינדיקט מיט זשורנאַליזם — פלעגט דאַרפן צושטעלן די אַלגעמיינע זשורנאַליסטישע טיילן, וועלכע פלעגן זיין די זעלביקע פאַר אַלע דריי וואָכנבלעטער. האָט ער מיך מכבד געווען — אויפן יסוד פון אייניקע אַרטיקלען וואָס איך האָב אָפּגעדרוקט אין סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע צייטונגען — צו שרייבן דעם לייט־אַרטיקל. נאַטירלעך דעם זעלביקן פאַר אַלע דריי צייטונגען. איך האָב עס אָנגענומען. פאַר אַזאַ אַרטיקל פלעג איך באַקומען פינף דאָלאַר מחוץ פון מיינע שכירות. איז אויך דאָס געווען אַ וויכטיקע סיבה פאַרוואָס איך האָב מסכים געווען. מיין הויפּט־טעמע פאַר די לייט־אַרטיקלען איז געווען: אידישע דערציאונג, וואָס האָט

אונז דאָן אָנגעהויבן שטאַרק צו אינטערעסירן. פאַר אידישע ימים־טובים פלעגט דער לייט־אַרטיקל זיין געווידמעט דעם קומענדיקן יום־טוב.

איך וועל נאָך האָבן פיל צו דערציילן וועגן מיין גייסטיק און געזעל־שאַפטלעך לעבן פון יענע זעקס יאָר. נאָך מער וועל איך האָב צו דערציילן וועגן גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן לעבן במשך די ניין יאָר וואָס איך האָב אָנגעפירט מיט „פיפלס רעליף״. דער אָנהויב פון מיין אַרבעט אין דרוק איז צוזאַמענגעפאַלן מיט מיין צוריקקער צו די פועלי־ציון. אָבער דאָס אַלץ גע־הערט צו די קאַפּיטלען וועגן מיינע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן. בנוגע דעם פרנסה־עלעמענט האָב איך אין די 15 יאָר — פון 1909 ביז 1924 — נישט געהאַט קיין זאָרג. דאָס האָט מיר טאַקע געגעבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויק־לען מיינע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן אויף אַ גאַר ברייטער קאַנווע.

ט.

מיינע שווערסטע יאָרן, פון פרנסה־שטאַנדפּונקט, זיינען געווען פון 1925 (ווען „פיפלס רעליף״ איז געשלאָסן געוואָרן) ביז 1932, ווען מיין משפחה האָט געמאַכט דעם ערשטן פאַרזוך צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. וועגן אָט־די קאַרגע 8 יאָר וועל איך באַלד דערציילן און דערמיט ענדיקן דאָס קאַפּיטל וועגן מיינע פרנסות אין אַמעריקע. די לעצטע 24 יאָר — פון 1932 ביז 1956 — האָב איך נישט געהאַט קיין פרנסה־זאָרג. במשך אָט־די 24 יאָר בין איך געווען באַשעפטיקט דריי יאָר ביים קרן היסוד, וואָס האָט איינ־געשלאָסן דעם „מפעל אַרלוזורוב״; 4 יאָר אין אידישן וועלט־קאָנגרעס; 2 יאָר הסתדרות־קאַמפּיין אין אַמעריקע; דאַן נאָכאַמאָל דריי יאָר ביים אידישן וועלט־קאָנגרעס און געענדיקט מיט 8 יאָר אין דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

אָבער פון 1925 ביז 1932 בין איך מאַטעריעל געווען זייער שטאַרק גע־דריקט. מיר איז געשען אַ נס וואָס במשך די 15 יאָר פון פרנסה האָב איך אָפּגעשפּאָרט עטלעכע הונדערט דאָלאַר. דערצו האָט נאָך מיין פרוי אויך פאַרדינט במשך אָט־די 15 יאָר. זי האָט געענדיקט אַ קורס פון קראַנקן־שוועסטער, ווי נאָר זי איז געקומען קיין ניו־יאָרק. ווען זי האָט געאַרבעט האָט זי גאָר גוט פאַרדינט. זי האָט אָבער געאַרבעט זייער שווער. האָבן מיר באַשלאָסן, אַז זי — מיט אונזערע צוויי קליינינקע טעכטערלעך — זאָלן מאַכן אַ רייזע קיין ארץ־ישראל. דאַן איז גראָד געלייגט געוואָרן דער ווינקל־שטיין פאַר דער ירושלימער אוניווערזיטעט. פיל אַמעריקאַנער אידן זיינען געפאָרן מיט אַ ספּעציעלער שיף („פּרעזידענט אַרטור״) כדי בייצוזיין ביי אָט־דער

היסטאָרישער געשעעניש. איז מיין פרוי אויך מיטגעפאָרן. איך האָב געהאָפט, אַז איך וועל שנעל באַקומען באַשעפטיקונג. אָבער די האָפענונג איז נישט מקויים געוואָרן. איך האָב זיך געוואָרפן אויף פאַרשידענע פרנסות און אין קיינער זיך נישט געקענט באַפעסטיקן. די אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַרן האָבן גענומען ווערן אַלץ ווייניקער. דער פּחד פאַרן מאָרגן האָט אָנגעהויבן מאַטערן.

די ערשטע צייט האָב איך זיך באַשעפטיקט מיט פאַרקויפן „לייף־אינשורענס״. פיל חברים האָבן זיך אין אָט־דער בראַנזשע דווקא גוט אָראַנזשירט. איך האָב אָבער צו דעם אויך נישט געטויגט. עס האָט מיר אַפילו נישט געהאָלפן דער פאַקט, וואָס פאַר לאַנגע חדשים בין איך געווען אַ שותף אין דעם אינשורענס־געשעפט מיט דעם טייערן מענטש מאַקס פיין עליו השלום. מיר זיינען שוין דאַן געווען נאָענטע פריינט. מיר זיינען צוזאַמען דורכגעגאַנגען דאָס קאַפּיטל „פּיפּלס רעליף״, וואָס האָט אונז זייער דערנענטערט. נאָך טיפער איז געוואָרן אונזער פריינטשאַפט דורכן אויפקום פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. די דאָזיקע האַרציקע פריינטשאַפט האָט אונז אַוודאי געהאָלפן שטאַרקן איינעם דעם אַנדערנס געמיט. אָבער צו פאַרקויפן אינשורענס האָט עס נישט געטויגט. דער טייערער מאַקס פיין האָט פונקט אַזוי ווייניק געטויגט פאַר דעם ווי איך.

וועגן איין זייער אינטערעסאַנטן עפּיזאָד אין אונזער אינשורענס־געשעפט איז כדאי צו דערציילן.

דער באַרימטער הערבערט לעהמאַן האָט זיך דערוואוסט, אַז מיר — מאַקס פיין און איך — זיינען אין געשעפט פון לייף־אינשורענס. ער האָט אונז גוט געקענט פון דער רעליף־אַרבעט, בעיקר דורך אונזער אַרבעט אין „דזשאָינט״. האָט ער אונז אויפגעזוכט, נישט מיר אים. מיר האָבן געאַרבעט פאַר דער „עקוויטייבל אינשורענס קאָמפּאַני״. איין טאָג האָבן מיר געפונען אַ מעלדונג, אַז הערבערט לעהמאַן וויל אונז זען. זיינען מיר אַוועק צו אים. האָט ער קודם־כל אונזביידן שאַרף אויסגע׳מוסר׳ט, פאַרוואָס מיר זיינען אַזעלכע בטלנים. מיר גייען אַריין אין אַ נייעם געשעפט און מיר זיינען נישט מודיע וועגן דעם אונזערע נאָענטע פריינט. זויאַזוי — האָט ער געפרעגט — דענקט איר צו פאַרקויפן אינשורענס? דאַן האָט ער אַליין תיכף אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט צו קויפן דורך אונז אַ „פּאָליסי״ אויף 50 טויזנט דאָלאַר. ער האָט אויסגעקליבן אַזאַ „פּאָליסי״ ווענעמס „פּרעמיומס״ זיינען געווען זייער הויכע, אַזוי אַז דער פּרעמיום פאַרן ערשטן יאָר — וואָס געהערט צו די אַגענטן — האָט אויסגעמאַכט גאָר אַ גרויסע סומע. איך געדענק, אַז איך האָב דורכדעם געקענט שיקן אַ פאָר הונדערט דאָלאַר צו מיין פרוי, וואָס האָט

איר געגעבן די מעגלעכקייט צוריקצוקומען קיין אַמעריקע. דאָן האָט ער זיך אונטערגענומען אָפּצורופן איניקע פון זיינע פריינט און זיי רעקאָמענדירן צו קויפן ביי אונז לייף־אינשורענס. ווען די אַנדערע אַגענטן — זייער צאָל איז געווען אַ סך צענדליקער — האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם, האָבן זיי אונז שטאַרק מקנא געווען. זיי זיינען געווען זיכער, אַז מיר זיינען שוין באַזאָרגט מיט פּרנסה. מיר אַליין האָבן אויך געהאָפּט אויף בעסערע צייטן. זיי זיינען אָבער נישט געקומען. מיר האָבן פאַרקויפט נאָך אַ פּאָר גרעסערע פּאָליסיס און — דערמיט האָט זיך עס געענדיקט. די מלאכה פון אַליין זוכן קונים האָבן מיר ביידע נישט געקענט. איך ווייס נישט ווי עס איז געווען די לאַגע ביי דער משפּחה פיין. אָבער ביי דער משפּחה צוקערמאַן האָט זיך אָפּט אַריינ־געריסן אַפילו דער הונגער, לעבנדיק אין דער רייכער אַמעריקע.

ווען מיין פרוי איז צוריקגעקומען, האָט זי אָנגעהויבן אַביסל פאַרדינען. צופיל אַרבעטן האָט זי אָבער נישט געקענט. זי האָט געמוזט זאָרגן סיי פאַר צוויי קליינע קינדער, סיי פאַר דער הויז־באַלעבאַטישקייט. איך האָב געפּרואווט זיך אַרויסצורייסן פונעם שווערן עקאָנאָמישן מצב — און בין נאָך מער נכשל געוואָרן. אין יענע שווערע טעג און וואָכן האָב איך געמאַכט אַ פאַרזוך צוזאַמען מיט אַנדערע חברים — צו עפענען אַ אידישע דרוקעריי. אָבער דאָ האָב איך דערלייגט דאָס ביסל געבליבענע אָפּשפּאָרונג און נאָך געוואָרן אַ בעל־חוב.

י.

אפילו איצט קען איך נישט דערציילן וועגן אָט־דער איבערלעבונג מיט אַבסאָלוטער רו. איך בין דורך דער פּרשה אַריינגעצויגן געוואָרן אין צוויי געריכטס־פּראָצעסן: אין אַ געוויינטלעכן שטאַטס־געריכט און אין אַ משפּט, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט מיר געמאַכט. איך מוז אין מיין דערציילן זיין זייער אָפּגעהיט, ווייל עס זיינען דערמיט פאַרבונדן נעמען פון געאַכטעטע מענטשן, וועלכע זיינען שוין אויפן עולם־האמת און אויך נעמען פון מענטשן וועלכע לעבן נאָך — אַ דאַנק דעם בורא־עולם — מיט אונז. פּאַסירט האָט אָט־וואָס:

אַן עלטערער ברודער פון אונזער חבר פּנחס קרוזאַ איז געווען פאַר־בונדן געשעפטלעך מיט דעם, איצט גוט באַקאַנטן, באַנקיר לייכטמאַן. זיי האָבן צוזאַמען געפירט אַ פינאַנץ־אינסטיטוט. צוליב אַ סיבה, וואָס איך ווייס נישט איר אינהאַלט, האָבן זיי אויפגעגעבן זייער שותפות. לייכטמאַן איז גע־בליבן ביים פינאַנץ־אינסטיטוט, וועלכן ער האָט אַנטוויקלט צו זייער אַ הויכער מדרגה. אָבער קרוזאַ האָט נישט אַזוי מצליח געווען.

ער האָט געזוכט אויפצובויען אַ פינאַנץ־אינסטיטוט וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיטן קויפן און פאַרקויפן סטאָק (שערס), מיט וועלכע מען האַנדלט אויף „וואָל סטריט״. בכדי אויפצושטעלן אַזאַ אַנשטאַלט האָט מען פריער געזוכט צוזאַמענצושטעלן אַ „באָארד אָוו דירעקטאָרס״ וואָס זאָל איינשליסן באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן. די מעלדונג וועגן דער גרינדונג האָט געמוזט דערשיינען אין „ניו־יאָרק טיימס״, און די נעמען פון די דירעקטאָרן זיינען אויסגערעכנט געוואָרן, כדי דער עולם זאָל וויסן ווער עס טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן אַנשטאַלט. דער עלטערער קרוזאַ — מן הסתם אויף דער עצה פון חבר פּנחס קרוזאַ — האָט מיך איינגעלאַדן אויף אַ שמועס. ער האָט מיר פאָרגעשלאָגן צו העלפן אים צוציען באַוואוסטע אידישע פּערזענלעכקייטן פאַרן דירעקטאָרן־באָארד. אויב עס וועט מיר געלינגען, וועל איך אַליין אויך ווערן אַ מיטגליד פון באָארד; דערצו וועל איך באַקומען אַ שטעלע אין דעם נייעם פינאַנץ־אינסטיטוט.

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן אַזעלכע געשעפטן. איך האָב אים צוגעזאָגט דורכצורעדן זיך מיט עטלעכע מענטשן און אים דאַן געבן מיין ענטפער. אַזוי האָב איך געטאָן. צום ערשטן בין איך אַוועק צום באַקאַנטן אַדוואָקאַט און באַוואוסטן ציוניסטישן פירער מאָריס ראָטענבערג ז״ל. איך האָב אים געבעטן מיר צו דערקלערן דעם מאָראַלישן יסוד פון אַזאַ געשעפט. גלייכצייטיק האָב איך אים געפרעגט, צי ער וועט גרייט זיין — אויב דאָס געשעפט איז מאָראַליש כשר — אַריינצוטרעטן אין דירעקטאָרן־באָארד. זיין ענטפער איז געווען אַ פּאָזיטיווער אויף ביידע פּונקטן. ווען איך האָב וועגן דעם אינפאָרמירט קרוזאַן איז ער געווען זייער שטאַרק צופרידן.

דאַן בין איך אַוועק צום גרויסן אינזשעניר — און אידישן ליטעראַטור־קריטיקער — לעאָן מאָיסעיעף, וועמען איך האָב אויך גוט געקענט. ער איז געווען זייער גוט באַהאַוונט אין אַזעלכע פינאַנץ־אַנשטאַלטן. האָט ער מיר דערציילט, אַז אַ סך פון זיינע באַקאַנטע זיינען רייך געוואָרן דורך אַזעלכע געשעפטן. אויך ער האָט מסכים געווען אַריינצוטרעטן אין דירעקטאָרן־באָארד.

אָט־די ידיעה האָט נאָך מער צופרידנגעשטעלט דעם עלטערן קרוזאַ. מיין ביישטייער צום צוזאַמענשטעל פון דירעקטאָרן־באָארד איז סיי פון אים, סיי פון זיין הויפּט־שותף (זיין נאָמען האַלט איך נישט פאַר נויטיק אָנצורופן) זייער הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן. עס זיינען אויך אַריינגעטראָטן נישט־אידישע באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן. די מודעה וועגן דער גרינדונג פון דעם אַנשטאַלט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „טיימס״. צווישן די נעמען פון די דירעק־

טאָרן זיינען געווען סיי מאָריס ראָטענבערג, סיי מאָיסעיעף, דער נאָמען פון חבר פנחס און אויך מיין נאָמען. דער פינאַנץ־אינסטיטוט האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן.

חבר פנחס קרוזאָ און איך זיינען תיכף אָנגעשטעלט געוואָרן צו פאַר־קויפן אַקציעס, קודם־כל פון אונזער אייגענעם פינאַנץ־אינסטיטוט גופא. עס איז פאַר אונז באַשטימט געוואָרן אַ וועכנטלעכער געהאַלט. מיר זיינען צוגע־טראָטן צו דער אַרבעט. אונזערע ערשטע קונים זיינען געווען מערסטנס אונזערע אייגענע חברים. צענדליקער פון זיי זיינען געוואָרן „שערהאָלדערס" פונעם געשעפט.

די עצם־געשעפטן מיט די „וואָל סטריט־סטאָקס" האָט בעיקר אָנגעפירט דער שותף פון חבר קרוזאָ'ס ברודער. ער האָט די געשעפטן אַזוי געפירט, אַז אין קורצע חדשים איז די פירמע אַריינגעצוואונגען געוואָרן אין אַ באַנקראָט. איר פאַרמעגן איז דורך אַ געריכט איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון אַן אַפּוטרופּוס, אַ באַקאַנטער אידישער יוריסט, וואָס איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון „דזשאָינט". נאַטירלעך האָט ער מיך גוט געקענט. ער האָט מיך תיכף איינגעלאַדן צו זיך, מיך געוואָרנט — ווי דאָס גע‍זעץ פאָדערט — אַז אַלץ וואָס איך וועל אים זאָגן וועגן מיין ראָלע אין דעם געשעפט קען אויסגענוצט ווערן קעגן מיר ביים געריכט. האָב איך אים דערציילט דעם גאַנצן אמת. מיר איז דאַן געבליבן צו וואַרטן אויפן געריכט.

דאָס געריכט האָט דעם שותף פאַרמשפּט אויף פינף יאָר טורמע. די איבעריקע — איינשליסנדיק מיך, די ברידער קרוזאָ און אַנדערע וואָס האָבן באַקומען שכירות פון געשעפט — האָבן געמוזט אומקערן צום אַפּוטרופּוס דעם גאַנצן סכום וואָס מיר האָבן פאַר די פאַר חדשים פאַרדינט. איך האָב געדאַרפט אומקערן איבער טויזנט דאָלאַר. איך האָב מיך געמוזט ווענדן צו עטלעכע פריינט פאַר הלוואות. צווישן די וואָס האָבן מיר געהאָלפן זיינען געווען דער אויבן־דערמאָנטער חבר דר. דאָלניק פון שיקאַגאָ; דער איב־שורענס־מאַן ה. מינדלין, אַ גוטער פריינט מיינער, און דער באַקאַנטער אַלעקסאַנדער קאַהאַן, דער איצטיקער גענעראַל־פאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס". דער לעצטער, אַליין אַ יוריסט, האָט אַוודאי פאַרשטאַנען וויאַזוי איך בין דאָ אַריינגעפאַלן. ער איז געווען טשערמאַן פון „פיפּלס רעליף" כמעט אַלע יאָרן, וואָס איך בין געווען דער גענעראַל־מענעדזשער. מיר האָבן זיך דאַן זייער נאָענט באַפריינדעט און די פריינטשאַפט האָלט־אָן עד היום הזה. בעת צרה האָט ער מיר אויך אַרויסגעהאָלפן.

אַט־דער פּראָצעס האָט מיך אַריינגעפּירט מאַטעריעל אין דעם ערגסטן מצב, וואָס איך האָב זיך װען עס איז געפונען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, מחוץ פון דעם קריזיס־יאָר 1907. אָבער דעם העכסטן װייטיק און דעם טיפסטן עגמת־נפש האָט מיר פאַרשאַפן דער צווייטער פּראָצעס — ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט האָט מיך פאַרקלאָגט איינער פון די גאָר־רייכע חברים אונזערע — חבר מאָריס מכתם — װעמען איך האָב פאַרקויפט אַקציעס פון דעם געשעפט. אים איז עס געגאַנגען אין לעבן, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט זאָל מיך דערקלערן װי אַ שווינדלער און זאָל מיך אויסשליסן פון אַלע אַרבעטן אין דער באַוועגונג. איך קען נישט זאָגן אַז אַלע חברים פון צענטראַל־קאָמיטעט האָבן באַנומען די טיפקייט פון מיין צער. איך האָב גע־מוזט אויסהערן זייער ביטערע רייד, אַז איך האָב נישט געטאָרט אַריינגיין אין אַזעלכע געשעפטן. איך אַליין האָב מיר אוודאי נישט געקענט מוחל זיין וואָס איך האָב מיך געלאָזט פאַרשלעפּן פון דער בלאָסער האָפענונג צו קענען לעבן אָן שטענדיקער זאָרג „מאין יבוא לחמי". דעריבער האָבן זייערע שטראָף־רייד נאָך שאַרפער געטראָפן אין האַרץ. און טראָץ דעם, וואָס חבר מכתמ׳ס פאָדערונג איז נישט אָנגענומען געוואָרן; מיין אַרבעט אין דער באַוועגונג איז אויף אַ האָר נישט באַגרענעצט געוואָרן — אָבער אַ דערדריקנדיקער געפיל איז פאַרבליבן. אַפילו איצט גיט פּשוט אַ שטאָך אין האַרצן, ווען איך דערמאָן מיך אין אַט־דער פּרשה פון מיינע פּרנסות.

## יא.

איך וויל פאַרצייכענען נאָך איין פּרט, בשייכות מיט מיינע פּרנסות אין אַמעריקע: ווען איך בין אַריין אַרבעטן אין „גרייזעל פּרעס" האָב איך עס נישט באַטראַכט ווי אַ פּערמאַנענטע באַשעפטיקונג. איך האָב געחלומט צו שטודירן און דערגרייכן אַן אַקאַדעמישע פּראָפעסיע. אַזויווי איך האָב נישט געהאַט קיין צוגרייטונג, האָב איך געטאָן דאָס זעלבע וואָס אַ סך הונדערטער אַנדערע — אויב נישט טויזנטער! — האָבן געטאָן. עס זיינען דאַן געווען ספּעציעלע „פּריפּעראַטאָרי־סקולס", וועלכע האָבן צוגעגרייט נייע אימיגראַנטן אַריינצוטרעטן אין קאָלעדזשעס אָדער אוניווערזיטעטן. די פּאָפּולערסטע צווישן זיי איז געווען: די „איראַן פּריפּעראַטאָרי סקול". דורך אַט־דעם אַנשטאַלט זיינען צוגעגרייט געוואָרן הונדערטער אימיגראַנטן, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן באַרימטע דאָקטוירים, דענטיסטן, אַדוואָקאַטן, אינזשענירן אָדער בוכ־האַלטערס. במשך פון צוויי יאָר — לערנענדיק אין די אָוונטן — האָבן מיר

ביידע, מיין פרוי און איך, גראַדואירט די דאָזיקע „פּריפּעראַטאָרי סקול" און מיר האָבן געהאַט דאָס רעכט אַריינצוטרעטן אין אַ קאָלעדזש אָדער אוני־ווערזיטעט. מיין פרוי האָט — ווי אויבן באַמערקט — געענדיקט אַלס קראַנקן־שוועסטער. איך האָב אָבער מיין אַריינטרעטן אין אוניווערזיטעט כסדר געמוזט אָפּלייגן. איך האָב געהאַפּט אָפּצושפּאָרן גענוג געלט, כדי איך זאָל קענען אַריינגיין אין אַן אוניווערזיטעט און באַקומען אַ דיפּלאָם. שפּעטער איז צוגע־קומען די אַרבעט אין „פּיפּלס רעליף", וואָס האָט מיך אַזוי פאַרכאַפּט, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין צייט, נישט דורך די טעג און נישט דורך די אָוונטן פאַר עפּעס אַנדערש. זייער אָפּט האָב איך געמוזט אַרומפאָרן, סיי אין לאַנד, סיי אין אויסלאַנד. ערשט נאָכדעם ווי „פּיפּלס רעליף" איז געשלאָסן געוואָרן און נאָכדעם ווי איך האָב דריי־פערטל יאָר געמוזט אָפּגעבן אויף צוזאַמענ־שטעלן דעם „פּיפּלס רעליף־בוך" — און בין דאַן געבליבן אָן באַשעפטיקונג — האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן ווייטער שטודירן. עס האָט גענומען אַביסל צייט ביז איך בין אָנגענומען געוואָרן אין דענטאַל קאָלעדזש פון ניו־יאָרק.

איך האָב דאָרט אָבער נישט אויסגעהאַלטן מער ווי איין סעמעסטער. דאָס איז פאַר מיר געווען גענוג זיך צו איבערצייגן, אַז אויך פאַר דער מלאכה פון דענטיסט טויג איך נישט. אפשר בין איך שוין געווען דאַן צו־אַלט פאַר אַ שטודיר־דיסציפּלין, וואָס האָט זיך געדאַרפט ציען עטלעכע יאָר. בקיצור — איך האָב עס אויפגעגעבן. אויך אָט־דעם דורכפאַל האָב איך געליטן במשך די אַכט הונגעריקע יאָרן צווישן 1925 און 1932.

דערמיט איז פאַרענדיקט די פרשה פון מיינע געראַנגלען פאַר פרנסות אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין 1932 האָט מיין גאַנצע משפחה זיך אַוועק־געלאָזט קיין ארץ־ישראל. מיינע צוויי טעכטער זיינען דאָרט פאַרבליבן פער־מאַנענט. איך מיט מיין פרוי האָבן נאָך דורכגעמאַכט פאַרשידענע וואַנדערונגען. אָבער דאָס איז שוין פאַרבונדן מיט מיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, וועגן וועלכע איך וועל דערציילן באַזונדער. איך מוז זיך אומקערן צו 1904, ווען איך בין אַנגעקומען קיין אַמעריקע.

# מיינע ערשטע שריט אין לאַנד

א.

ווי איך האָב שוין דערציילט, האָבן זיך אין מיין געמיט — במשך פון די לעצטע חדשים לערנען אין ווילנע — איינגעבירגערט סיי דער ציוניזם, סיי דער גערעגל פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט. דאָס לעצטע איז ביי מיר דאַן פאַרבונדן געוואָרן מיטן „בונד", ווי איך האָב אים געקענט פון דער הירש־לעקערט־פּראָקלאַמאַציע און פון דער ליטעראַטור אויף וועלכער ר׳ חייקל לונסקי האָט מיר אָנגעוויזן. ביי מיר אין האַרץ איז פעסט געוואָרן די תשוקה זיך צו ווידמען אָט־די שטרעבונגען, ווען איך וועל קומען קיין אַמעריקע.

האָב איך טאַקע באַלד אָנגעהויבן זוכן וועגן, וויאַזוי דאָס דורכצופירן. אין די ערשטע חדשים האָב איך זיך געמוטשט אָפּגעבן מיטן זוכן חיונה. איך בין אָבער שוין אין די ערשטע וואָכן געוואָרן אַן אָפּטער באַזוכער פון דער „אַסטאָר לייברערי" — די גרעסטע אידישע ביבליאָטעק אין ניו־יאָרק. זי האָט זיך געפונען אין דער געביידע, וואָס איז שפּעטער פאַרנומען געוואָרן פון דער באַרימטער געזעלשאַפט „הייאַס". יאָרן שפּעטער איז די ביבליאָטעק אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דער „ניו־יאָרק פּאַבליק לייברערי", וואָס געפינט זיך אויף דער פינפטער עוועניו און 42טע גאַס.

דער אָנפירער פון דער „אַסטאָר לייברערי" איז געווען פריידוס — אַ איד וואָס איז סיי אין אויסזען, סיי אין כאַראַקטער געווען דער היפּוך פון ר׳ חייקל לונסקי; ער איז אויך געווען דער היפּוך פון ר׳ חייקלען אין זיין באַציאונג צו מענטשן. פריידוס איז געווען זייער אַ דיקער און ר׳ חייקל זייער אַ שלאַנקער; ער איז געווען אַ שווייגער, בעת ר׳ חייקל — זייער אַ באַרעדעוודיקער. אָבער זיי האָבן אויך געהאַט עטלעכע בשותפותדיקע שטריכן: ביידע האָבן ליב געהאַט דאָס אידישע ספר; ביידע האָבן פאַרמאָגט די אויסער־געוויינטלעכע פעאיקייט צו קענען דעם אינהאַלט פון כמעט אַלע טויזנטער ספרים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין זייערע ביבליאָטעקן; ביידע האָבן פאַר־מאָגט פענאָמענאַלע זכרונ׳ס. עס איז גענוג געווען זיי צו זאָגן אין וואָס פאַר

אַן ענין איר זיינט פאַראינטערעסירט — און גלייך האָבן זיי געהאַט פאַר אייך אַ רשימה פון ביכער וועגן אַט־דעם ענין.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט פריידוסן האָט זיך געצויגן צענדליקער יאָרן. במשך פון אַט־דער צייט האָט ער אפשר אויסגערעדט צו מיר נישט מער ווי 200 ווערטער. אָבער גלייכצייטיק האָט ער מיר צוגעשטעלט הונדערטער ספרים, וואָס האָבן אויסגעברייטערט מיין אידישן וויסן און מיינע באַגריפן סיי פון ציוניזם, סיי פון סאָציאַליזם. אין די ערשטע אָנדערטהאַלבן יאָר וואָס איך בין געווען אין ניו־יאָרק האָב איך, אונטער זיין שטומער השגחה, אויסגעלערנט גאַנץ גרעץ. די געשיכטע פון אידישן פאָלק האָט אָנגענומען אין מיין וויסן אָרגאַניזירטע פאָרמען. ער האָט מיך אויך באַקאַנט מיט אַלע הערצל־שריפטן, וואָס זיינען שוין דאַן געווען פאַרעפנטלעכט און מיט אַ טייל שריפטן פון מאַקס נאָרדוי. ער האָט מיר אויך צוגעטראָגן סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור (מיט אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור האָב איך זיך פיל מער אָפּגעגעבן ווען איך האָב געוואוינט אין פילאַדעלפיע). אויף זיין איניציאַטיוו האָט ער מיר געבראַכט אידישע איבערזעצונגען פון די וויכ־טיקסטע געדאַנקען וואָס הענרי דזשאָרדזש האָט אַנטוויקלט (ער איז געווען זיינס אַ הייסער חסיד). מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב שוין געקענט לייענען „שווערע" ביכער אין ענגליש, האָב איך די הענרי דזשאָרדזש־ליטע־ראַטור גרינטלעך שטודירט.

אין די ערשטע חדשים, ווען איך האָב אַרומגעזוכט אַ געזעלשאַפט, וועלכע פירט אַן טעטיקייטן אין וועלכע איך האָב געגאַרט אָנטייל צו נעמען, האָב איך דעם רוב פון מיין פרייער צייט פאַרבראַכט אין „אַסטאָר לייברערי". פריידוס האָט באַמערקט וואָס איך זוך, און פונקט ווי ר' חייקל לונסקי אין ווילנע, האָט ער מיר צוגעטראָגן ספרים.

אַרום פורים־צייט האָב איך אין אַ אידישער צייטונג באַמערקט אַן אַנאָנס בזה הלשון: „היינט אָוונט מיטעט דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער פאַראיין פועלי־ציון" (אויפן אויסדרוק „מיטעט" האָב איך מיר צום ערשטן מאָל צעבראָכן מיינע שפּראַך־ציין, וועלכע האָבן געזוכט „צחות הלשון"). די מודעה האָט ביי מיר אַ ריר געטאָן דאָס האַרץ: אַט־דאָס איז עס! דאָס איז דאָך וואָס איך זוך! אין אָוונט בין איך אַוועק אויפן אָנגעגעבענעם אַדרעס.

ב.

אין דעם „מיטינג" האָבן זיך באַטייליקט אַרום דריי־צענדליק בחורים און מיידלעך. דער פאָרזיצער („טשערמאַן" בלע"ז), נאָך אַ וואָרט צו וועלכן מען

האָט זיך געמוזט שנעל צוגעוואוינען) איז געווען אברהם גאָלדבערג (שוין דאַן האָט מען זיין נאָמען פאַרצויגן מיט ליבשאַפט: אייבעלע גאָלדבערג). אויפן סדר־היום זיינען געשטאַנען דריי פונקטן: א) צוגרייטן אַ פסח־פאַרזאַמלונג; ב) אַ וויכוח וועגן אוגאַנדאַ; ג) נייע מיטגלידער. דער ערשטער פונקט איז שנעל פאַרענדיקט געוואָרן. אַ ספּעציעלער קאָמיטעט איז באַשטימט געוואָרן צוצוגרייטן אַזאַ פאַרזאַמלונג. אב. גאָלדבערג און א. ליטווין, וואָס איז שוין דאַן געווען גאָר אַ באַדייטנדיקער זשורנאַליסט, זיינען באַשטימט געוואָרן צו ריידן אויף דער פאַרזאַמלונג. די אויפגאַבע פון דער פאַרזאַמלונג איז פון חבר גאָלדבערג אַזוי פאָרמולירט געוואָרן: „פאַרבינדן יציאת־מצרים מיט דער איצטיקער ציוניסטישער באַוועגונג". ביים דריטן פונקט בין איך געווען דער „העלד" — דער איינציקער נייער חבר ביי יענער פאַרזאַמלונג. ווען דער פאָרזיצער האָט מיך גענומען אויספרעגן, צי איך בין אויך אין דער היים געווען אַ פועלי־ציון, האָב איך אים געמוזט דערציילן דעם אמת. איך האָב זיך אַ רעכט ביסל פאַרפּלאָנטערט אין מיינע אויפקלערונגען, פאַרוואָס איך וויל זיך אָנשליסן אין די פועלי־ציון. סוף־כל־סוף האָט דער פאָרזיצער מיט שמחה דערקלערט, אַז איך ווער אָנגענומען און אַז איך בין דער ערשטער ווילנער וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַמעריקאַנער פועלי־ציון. די מערסטע אַנדערע זיינען געקומען פון מינסק. געווען אויך אייניקע פון קאָוונע, אָדער פון קאָוונער ליטע. פון יענעם טאָג אָן האָט זיך אָנגעהויבן מיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

דער וויכטיקסטער פונקט איז געווען דער צווייטער. דער וויכוח איז געווען זייער אַ הייסער. איך האָב וועגן דער אוגאַנדאַ־פראַגע נאָר געוואוסט אויבערפלעכלעך. דעריבער איז דער וויכוח געווען פאַר מיר זייער ניי און אינטערעסאַנט. פאַרן אוגאַנדאַ־פּלאַן זיינען אַרויסגעטראָטן אב. גאָלדבערג און א. ליטווין. קעגן דעם זיינען אַרויסגעטראָטן משה יעקב גודמאַן און אַ חבר פון קאָוונע, וועלכער האָט שוין באַוויזן צו ענדיקן דאָקטאָר־מעדיצין אין אַמעריקע — חיים יהודה עפּשטיין. איך בין געזעסן אַ געפּלעפּטער, נאָכן אויסהערן די אַרגומענטן פוןביידע צדדים.

ווען די אָנהענגער פון אוגאַנדאַ־פּלאַן האָבן גערעדט — און זיי האָבן באַשאַפן דעם איינדרוק, אַז דאָרט וועלן מיר באַלד קענען צוטרעטן צום בויען אונזער מדינה, אונטער דער אויפזיכט פון ענגלאַנד — זיינען פאַר מיר ווי לעבעדיק אויפגעשטאַנען אַלע עמיגראַנטן, וועלכע איך האָב געטראָפן אין ברעמען. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז זיי אַלע זאָגן: „טוט עפּעס באַלד, בכדי אַנדערע עמיגראַנטן זאָלן קענען האָבן אַן אייגענע היים וואוהין

צו פאַרן!״ מיין האַרץ איז דאַן מיטגעגאַנגען מיט די אָנהענגער פון אוגאַנדאַ־פּלאַן. איין אַרגומענט זייערער איז מיר דווקא נישט געווען צום האַרצן: וועגן אַ „נאַכט־אַזיל״. דער דאָזיקער געדאַנק איז אַפילו געבראַכט געוואָרן אין נאָמען פון מאַקס נאָרדוי, דער צווייטער צו ד״ר הערצל אין דער ציוניס־טישער באַוועגונג; אָבער ער האָט זיך מיר נישט געלייגט אויפן שׂכל. איך האָב נישט געקענט גלויבן, אַז נאָכדעם ווי מיר וועלן אויפבויען אין אוגאַנדאַ אַן אייגענע אידישע מדינה, וועלן מיר — אין שפּעטערדיקע דורות — פון דאָרט צוריקגיין קיין ארץ־ישׂראל. פונדעסטוועגן האָט עס די סימפּאַטיע פאַרן אוגאַנדאַ־פּלאַן נישט אָפּגעשוואַכט.

ווען עס האָבן אָבער אָנגעהויבן ריידן די פּאַלעסטינצעס — און זיי האָבן אַרויסגעבראַכט די בענקשאַפט פון אַלע אידישע דורות אין גלות צו שיבת־ציון — האָט עס אין האַרצן געפונען אַ פּיל טיפערן אָפּקלאַנג, ווי די סימ־פּאַטיע פאַרן אוגאַנדאַ־פּלאַן. אַזוי האָט זיך מיין געמיט געוואָרפן צווישן ביידע צדדים און איך האָב נישט געוואוסט אויף וועלכן צד זיך צו שטעלן.

אַמטיפסטן האָבן אויף מיר געווירקט די רייד פון א. ליטווין. אין אַ שטילן טאָן — אַן די אָראַטאָרישע מיטלען וואָס די אַנדערע דריי דעבאַטאַנטן האָבן דווקא יאָ באַנוצט — האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז ער איז פאַרן אוגאַנדאַ־פּלאַן... מיט אַ ווייטיק אין האַרץ. ער האָט דווקא דעם אַרגומענט פון אַ „נאַכט־אַזיל״ נישט באַנוצט. פאַר אים איז דער אוגאַנדאַ־פּלאַן געווען די פולע טעריטאָריאַליסטישע לייזונג צום אידישן גלות־פּראָבלעם. דאָס וואָס דער גורל האָט אונז צוגעטראָגן אוגאַנדאַ דאַרפן מיר אָננעמען, ווי שטאַרק דאָס האַרץ זאָל נישט ווייטאָן.

איך בין אַוועק אַ צערודערטער און יענע נאַכט נישט געקענט שלאָפן. פון איין זייט האָב איך דערשפּירט, אַז איך האָב ענדלעך געפונען וואָס איך האָב געזוכט. פון דער צווייטער זייט האָב איך זיך פּשוט דערשראָקן פאַר דער אחריות וואָס איך נעם אויף זיך: איך וועל דאַרפן מיטבאַשליסן אין אַזאַ האַרבער פראַגע? בלי שום גוזמא: אַלע פּסוקים וואָס איך האָב געוואוסט וועגן שיבת־ציון האָבן זיך אויסגעשטעלט אין מיין מוח און מיך נישט גע־לאָזט רוען. איז עס מעגלעך, אַז אַט־די אַלע פּסוקים זיינען געווען פאַלש? קען דען זיין, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט זיך באַפעסטיקן אין אַ נייער מדינה, אין אַפריקע, און וועט פאַרגעסן ציון און ירושלים? פון דער אַנדערער זייט האָבן גערעדט צו מיר די אידן פון קישינעוו און אַנדערע שטעט, וואָס זיינען ווען־עס־איז פּאָגראָמירט געוואָרן; עס האָבן גערעדט צו מיר די עמיגראַנטן מיט וועלכע איך בין מיטגעפאָרן. ווער ווייסט — האָבן זיי גע׳טענה׳ט —

ווען די גאולה פון שיבת־ציון וועט קומען! און וואָס וועט דערווייל זיין מיט אונז?

ג.

פונקט אין יענע וואָכן איז מיר באַשערט געווען נאָך אַ מערקווירדיקע איבערלעבונג. איך האָב געלייענט אין „פאָרווערטס" אַן אַנאָנס, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט „גענאָסע בנימין פייגענבוים" געבן אַ „לעקטשור" וועגן דער טעמע „פון וואַנעט שטאַמט דאָס יודענטום?" סיי דער נאָמען פון דעם לעקטאָר, סיי די טעמע האָבן מיך, נאַטירלעך, שטאַרק פאַרכאַפּט. בנימין פייגענבוים איז דאָך דער מחבר פון יענער בראַשור, וועלכע איך האָב נישט פאַרשטאַנען, כאָטש זי איז געשריבן געוואָרן אין אידיש; די בראַשור צוליב וועלכער איך בין אַרעסטירט געוואָרן אין ווילנע. און די טעמע געהערט דאָך צו אידיש־געזעלשאַפטלעכע פראַגן, וועלכע האָבן מיך אַזוי פאַראינטערעסירט. בין איך טאַקע געווען פון די ערשטע, וואָס זיינען געקומען הערן די „לעקטשור".

פייגענבוים האָט אָבער אויסגעקליבן די טעמע נישט בכדי צו געבן זיינע צוהערער אַ לעקציע אין אידישער געשיכטע. די פראַגע פון וואַנעט שטאַמט דאָס אידנטום איז דאַן געווען זייער פּאָפּולער צוליב דעם בוך פון דייטשן פּראָפעסאָר דעליטש „ביבל און באַבעל", וועלכער האָט, צווישן אַנדערן, באַהאַנדלט אויך די פראַגע. פייגענבוים האָט זיך חלילה נישט פאַרמאָסטן צו באַשטעטיקן אָדער אָפּצופרעגן דעליטש'ס באַהויפּטונגען. זיין צענטראַלער געדאַנק וועגן דער פראַגע איז באַשטאַנען אין אָט־דעם פּזמון: „דער משיגי־נער דאַטש" — אַזוי האָט ער באַצייכנט דעם פּראָפעסאָר דעליטש אין זיין, פייגענבוימ'ס, פוילישן אידיש — „דרייט גלאַט אַ ספּאָדעק. וועמען אַרט עס צי בבל איז געווען פריער, אָדער דער תנ"ך איז געווען פריער? וועמען אַרט עס פון וואַנעט מיר שטאַמען. זאָל זיין אַז מיר שטאַמען פון אַ קאָזאַק, אַבי מיר לעבן. דאָס איז פאַר אונז גענוג".

דערמיט האָט ער אויסגעשעפּט זיין טעמע. מען דאַרף דאָך אָבער אויספולן די צייט פון אַ גאַנצער „לעקטשור", האָט ער באַשלאָסן צוצוגעבן עפּעס מעניני דיומא — וועגן דער אוגאַנדאַ־פראַגע, וואָס איז דאַן געווען זייער ברענענדיק.

„איר ווייסט" — האָט ער אויסגערופן — „פאַרוואָס נאָרדוי און זאַנגוויל ווילן פירן די אידן קיין אוגאַנדאַ? איך וועל עס אייך דערקלערן. זיי — נאָרדוי און זאַנגוויל — האַלטן זיך פאַר היינטיקע משה רבינו'ס. און אַזוי ווי משה רבינו האָט פריער חתונה געהאַט מיט אַ גויע, שפּעטער האָט ער נאָך אויך חתונה געהאַט מיט אַ נעגערטע, ווילן זיי אויך אַזוי טאָן. גויעס האָבן

זיי שוין, ווילן זיי איצט שלעפן אידן אין אוגאַנדאַ, כדי זיי — נאַרדוי און זאַנגוויל — זאָלן דאָרט קענען חתונה האָבן מיט נעגערטעס".

אַט־דאָס איז געווען גענאַסע פייגענבוים'ס דערקלערונג וועגן דער פראַגע, וואָס האָט געשפּאָלטן די מוחות פון טויזנטער אידן, מיין מוח צווישן זיי. די פראַגע, צי די אידישע געשיכטע פירט — לויט די בענקשאַפטן פון אַלע אידישע דורות אין גלות — צוריק קיין ארץ־ישראל, אָדער זי פאַרקירעוועט זיך גאָר אויף אַ וועג וואָס פירט קיין אַפריקע, האָט דער גרויסער „אויפקלערער" פאַרענטפערט אויף אַזאַ שפּלות'דיקן אופן. ווען עס איז געקומען צום שטעלן פראַגן דעם „לעקטשורער" האָב איך זיך אויך געמאָלדן צום וואָרט. אַזויווי דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס איך האָב געוואָגט עפּעס צו זאָגן פאַר אַן עולם, בין איך דורכגעדרונגען געוואָרן מיט אַ ציטערניש. מיר איז בלויז געלונגען אַרויסצורייסן מיט מיין ישיבה־בחורישן, כמעט זינגענדיקן, טאָן די קורצע פראַגע: „גענאַסע פייגענבוים, איר האָט גערעדט און גערעדט, אָבער איר האָט אונז גאָרנישט געזאָגט וועגן אייער טעמע, פון וואַנעט שטאַמט דאָס יודענטום?" אויף מער ווי אַט־די עטלעכע ווערטער האָט נישט גע־סטייעט קיין כוח.

ווי עס זעט אויס, זיינען אָבער די עטלעכע ווערטער שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן גענאַסע פייגענבוים'ס חסידים. ווי נאָר איך האָב זיך אַוועקגעזעצט זיינען צוגעקומען צו מיר גאַנצע פיר בחורים, האָבן מיך אויפגעהויבן מיט כוח פון שטול, מיך צוגעשלעפּט צו דער טיר און — געבנדיק מיר נאָך עטלעכע שטורכעס — אַרויסגעוואָרפן פון זאַל.

בלייבנדיק אַליין אין גאַס איז דאָס האַרץ מיר פאַרקוועטשט געוואָרן, ביז איך האָב זיך צעוויינט. פאַרוואָס איז עס מיר געקומען? דער פאַרזיצער האָט דאָך געבעטן מען זאָל שטעלן פראַגן? ווען איך האָב זיך אַביסל באַ־רואיקט בין איך — הגם עס איז שוין געווען נאָענט צו עלף אַזייגער ביינאַכט — אַוועק צו חבר אב. גאָלדבערג. איך האָב געמוזט אויסריידן פאַר עמעצן דאָס האַרץ. ווען גאָלדבערג האָט מיר געעפנט די טיר, האָט ער כמעט ווי אויס־געשריגן:

— וואָס איז מיט דיר געשען? פאַרוואָס ביזטו אַזוי בלייך?

איך האָב אים דערציילט. אב. גאָלדבערג האָט פאַרמאַגט מערקווירדיק־ליכטיקע, אָבער אויך שאַרפע אויגן. נאָכדעם ווי ער האָט מיך אויסגעהערט האָט ער אַרונטערגעלאָזט די אויגן און געבליבן פאַרטראַכט עטלעכע מינוט. ווען ער האָט אויפגעהויבן די אויגן זיינען זיי געווען נאָך ליכטיקער ווי אַלע־מאָל. אין זיי האָט געפינקלט אַ שמייכל. ער בעט מיך: „זאָג נאָר, וויאַזוי

האָסטו דיין פראַגע געשטעלט? אָבער גיב איבער פּינקטלעך, בעיקר דער טאָן זאָל זיין דער זעלביקער״.

איך האָב געמיינט, אַז ער מאַכט פון מיר חוזק. איך האָב כמעט ווי פּראָטעסטירט, פאַרוואָס ער שטעלט מיך צו אַזאַ עקזאַמען. ער האָט אָבער נישט נאָכגעלאָזט. איך האָב געמוזט מאַכן אַ פאַרזוך איבערצופרעגן די פראַגע מיטן זעלביקן ישיבה־בחורישן טאָן. האָט ער זיך דאָן גאָר ברייט צעשמייכלט און האָט מיך ממש פריטשמעליעט, ווען ער האָט אַרויסגערעדט, אַז זיי זיינען געווען גערעכט.

ער האָט עס מיר דאַן מסביר געווען. דער גאַנצער פייגענבוים ווערט אין זיינע קרייזן באַטראַכט ווי אַ פּלפּולדיקער ישיבה־בחור. אייניקע פון זיינע גענאָסן פלעגן אים אָנרופן „דער פּאַטראָן״ — אַ צונאָמען פאַר אַ ישיבה־בחור. ווען זיינע חסידים האָבן דערהערט מיין ישיבה־בחורישן טאָן, זיינען זיי געווען זיכער, אַז מיין פראַגע האָט בלויז געוואָלט אים באַליידיקן. דאָס האָבן זיי נישט געקענט פאַרשווייגן.

בכדי מיר צו מאַכן גרינגער אויפן האַרצן האָט ער צוגעגעבן: „דער פּסק איז דיר געקומען, אָבער דו האָסט גוט געטאָן וואָס דו האָסט געשטעלט די פראַגע״. איך קען אָבער נישט זאָגן, אַז איך בין אָוועק פון אים אַ צופרידענער. יענעם אָוונט בין איך געווען צופרידן מיט איין זאַך: פון יענער חולשת־הדעת, וואָס איך האָב געליטן אין ווילנע דערפאַר, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס בנימין פייגענבוים האָט געשריבן, מיינענדיק אַז אין דעם איז עפּעס געלעגן טיפע גאונות — פון דעם האָב איך זיך באַפרייט. אַזאַ „לעקטשורער״ פאַרמאָגט נישט קיין גאונות. אָבער די עצם דערשיינונג — נישט דווקא די באַליידיקונג וואָס איך האָב פערזענלעך באַקומען, נאָר די שפלות פון דעם סאָרט אויפקלערעכץ וואָס מען גיט די אידישע מאַסן, פון וועלכער איך האָב יענעם אָוונט געזען אַזאַ קאָנקרעטן ביישפּיל — דאָס האָט מיך נישט געלאָזט צורו.

* * *

דאָס דאָזיקע קאַפּיטל קומט מיר אויס צו שרייבן אין ירושלים, אין אַ טאָג, וואָס קען אַרויסרופן ספיקות, אויב עס האָט נאָך עפּעס אַ באַדייטונג זיך אָפּצוגעבן מיט געשעענישן פון קאַרגע 60 יאָר צוריק. איך שרייב עס ערב דער בר־מצוה־פייערונג פון ישראל; אין דעם יום־הזכרון פון די געפאַלענע קדושים אין מלחמת־העצמאות. נעכטן האָבן מיר אַלע פאַרגאָסן טייכן טרערן הערנדיק פון גדעון האָזנער, דעם מלוכה־באַשולדיקער, אויף דעם אייכמאַן־משפּט וועגן חורבן וואָס די היטלער־ווילדקייטן האָבן געבראַכט

אויפן אידישן פאָלק. אין מיטן פון אַזעלכע טעג, וועלכע דעמאָנסטרירן אַזוי בולט די צוויי היסטאָרישע אויפטרייסלונגען אינעם אידישן פאָלק — דעם גרויסע חורבן און דעם אָנהויב פון אונזער גאולה — וואָס פאַר אַ באַדייטונג קען האָבן דאָס גריבלען זיך אין קליינע געשעענישן פון כמעט 60 יאָר צוריק?

דאָך שפּיר איך, אַז צווישן די פּאַסירונגען, וועגן וועלכע איך שרייב, מיט ביידע היסטאָרישע אויפטרייסלונגען — סיי מיטן חורבן, סיי מיט דער גאולה — איז דאָ אַ פאַרבינדונג. מיט דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע נישט אַזוי דירעקט, אָבער מיט דער נאַציאָנאַלער שמחה — זייער דירעקט.

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ווען גרעסערע טיילן פון אידישן פאָלק וואָלטן זיך ערנסטער באַצויגן צו די וואָרענונגען, וואָס זיינען מיט 60 יאָר צוריק — און נאָך פריער! — געהערט געוואָרן וועגן דער סכנה פון אומקום, וואָס איז געלעגן אין דער עצם לאַגע פון אונזער גלות־לעבן; ווען זיי וואָלטן רעאַגירט און געהאַנדלט ווי די חברים פון דער צווייטער עליה — וואָלט אונזער חורבן געווען קלענער. וואָס שייך אונזער שמחה, איז אויסער יעדן ספק, אַז זי וואָלט נישט דערגרייכט געוואָרן, ווען נישט יענע געשעענישן.

דעריבער איז עס מיין חוב פאַרצוזעצן די אַרבעט וואָס איך האָב אָנגע־הויבן. מיין ציל איז דאָך צו שילדערן דעםביישטייער, וואָס די אַמעריקאַנער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט צוגעטראָגן במשך די פאַרגאַנגענע 60 יאָר צו דעם וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט דערגרייכט. איך ווייס זייער גוט, אַז אונזער ביישטייער איז נאָר אַ קליינער טייל, אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס עס האָט צוגעטראָגן די זעלביקע באַוועגונג אין ארץ־ישראל. אָבער אויך דער קליינער טייל מוז פאַרצייכנט ווערן.

קער איך זיך אום צום המשך פון מיינע ערשטע שריט אין אַמעריקע. זיי פאַלן צוזאַמען מיט די ערשטע שריט פון אַט־דער מערקווירדיקער באַוועג־גונג, וואָס נאָר מיין פאַרבינדונג מיט איר גיט מיר בכלל די באַרעכטיקונג צו שרייבן פּערזענלעכע זכרונות.

ד.

מיר זיינען געקומען צו דער אידישער מאַסע אין אַמעריקע מיט אַ נייעס: מיר האָבן צוזאַמענגענומען דעם ציוניזם מיטן סאָציאַליזם אין איין־איינציקן געדאַנקען־גאַנג און געזוכט צו באַזירן אויף דעם אַן איינהייטלעכע באַוועגונג. כדי צו באַנעמען די קאָלאָסאַלע שוועריקייטן, וועלכע מיר האָבן אויף זיך גענומען, דאַרף בקיצור פאַרצייכנט ווערן, וויאַזוי דער ציוניזם און דער סאָציאַ־ליזם זיינען דאַן אויפגענומען און פאַרטייטשט געוואָרן אין דער אידישער אימיגראַנטן־גאַס.

די דאָזיקע גאַס איז דאַן פאַרכאַפּט געווען פון סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע געדאַנקען. זיי זיינען מערסטנס געפּרעדיקט געוואָרן אויף אַזאַ שפּל׳ן אופן ווי די פריער־געבראַכטע פייגענבוים־לעקציע. זיי האָבן אָבער אויך, פון־צייט־צו־צייט, אָנגענומען מער ערנסטע און מער קולטורעלע פאָר־מען. די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן האָבן דאַן געפירט צווישן זיך זייער אַ פאַרשאַרפטן קאַמף, וואָס האָט געצויגן דעם הויפּט־אינטערעס פון דער אידישער מאַסע.

אָט־דער געראַנגל האָט זיך געצויגן יאָרן, איידער די פּועלי־ציון זיינען געקומען. עס הערשט אַ נישט־ריכטיקע מיינונג, אַז דעם סאָציאַליזם צווישן אידן אין אַמעריקע האָבן אַריינגעבראַכט יענע אידישע אימיגראַנטן פון רוס־לאַנד, וועלכע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. די דאָזיקע אימיגראַנטן האָבן אָן ספק משפּיע געווען אויף די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע באַוועגונגען אין אַמעריקע. עס איז אָבער אַ היסטאָרישער טעות צו מיינען, אַז זיי זיינען געווען די ערשטע אַריינצוברענגען אָט־די אידייען. געשען איז גאָר פּונקט פאַרקערט: די ערשטע גרופּן פון אידישע רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד האָבן זיך געשפּייזט מיט סאָ־ציאַליסטישע און אַרבעטער־ליטעראַטור, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אַמע־ריקע און איז אומלעגאַל אַריינגעבראַכט געוואָרן אין רוסלאַנד. דער „בונד״ — די ערשטע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט אָרגאַניזירט גרויסע אידישע מאַסן אין רוסלאַנד — איז געגרינדעט געוואָרן ערשט אין 1897. דער אידישער סאָציאַליזם אין אַמעריקע הויבט אָבער אָן זיין גע־שיכטע אין די מיטעלע 80ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. געבראַכט דעם אידישן סאָציאַליזם קיין אַמעריקע האָבן בעיקר די עם־עולמ׳ניקעס; זיי זיינען געקומען נאָך די רוסישע פּאָגראָמען אין יאָר 1881. סאָציאַליסטישע שריי־בער, סאָציאַליסטישע פּאָעטן און סאָציאַליסטישע עסקנים האָבן אָנגעהויבן ווירקן אין די פריע 90ער יאָרן. שוין דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָלעמיק צווישן סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַנאַרכיסטן. דער דאָזיקער געראַנגל האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע צענדליקער יאָרן.

ווען דער ציוניזם איז אויפגעקומען האָבן די וואָרט־זאָגער פוןביידע מחנות — סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן — זיך באַצויגן צו אים נישט נאָר מיט קעגנערשאַפט, נאָר פּשוט מיט חוזק. זיי האָבן אים אויסגעלאַכט ווי אַ פאַנטאַזיע וואָס וועט קיינמאָל נישט רעאַליזירט ווערן. דערצו האָבן זיי אים דערקלערט ווי אַ בורזשואַזנע קלאַסן־באַוועגונג, וועמענס צוועק עס איז — דער קאַמף קעגן אַרבעטער־קלאַס. ווען דער סאָציאַליסטישער ציוניזם איז

אין יאָר 1903 דערשינען, האָבן זיי אים נאָך שאַרפער באַקעמפט; בעיקר דערפאַר וואָס דווקא ער האָט אַפּעלירט צום אידישן אַרבעטער. די צאָל אידישע אַרבעטער האָט דאָן דערגרייכט הונדערטער טויזנטער. די סאָציאַ־ליסטישע און אַנאַרכיסטישע וואָרט־זאָגער האָבן זיך באַטראַכט ווי די גייסטיקע אַפּורופּסים פון אָט־די אַרבעטער־מאַסן. אין דער נייער פּועלי־ציון־באַוועגונג האָבן זיי דערשפּירט אַ געפאַר פאַר זייער העגעמאָניע. זיינען זיי אַרויס־געטראָטן מיט וואָרענונגען צו די אידישע אַרבעטער, נישט צו ווערן פאַרפירט פון די פּועלי־ציון, וועלכע פאַרטונקלען דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פון די אידישע אַרבעטער, דורך פּרעדיקן אים נאַציאָנאַלע צילן.

די אַלגעמיין־ציוניסטישע באַוועגונג האָט דאַן, אין אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט, כמעט נישט אויסגעאיבט קיין השפעה אויף אָט־דער אימיגראַנטן־מאַסע. דער אָפיציעלער ציוניזם האָט דאַן בלויז געוואונען אַ דינע שיכט פון אידישער הויכער אינטעליגענץ, וועמענס שפּראַך ס׳איז געווען ענגליש, וואָס די מאַסן האָבן דאַן נאָך נישט פאַרשטאַנען. ווען די ערשטע פּועלי־ציון־גרופּע איז אָרגאַניזירט געוואָרן האָט שוין דאַן, אמת, עקזיסטירט אַ פאַראיין פון עסטרייך־אונגאַרישע ציוניסטן, וואָס האָבן דווקא גערעדט אידיש און זיינען אַליין געווען פשוטע פאָלקס־מענטשן. אָבער זייער ציוניזם איז געווען אַ פּראָדוקט פון די סאַמע ערשטע ציוניסטישע יאָרן אין מזרח־אייראָפּע, וואָס האָט זיך באַזירט אויף אויסגעשפּראָכענער קעגנערשאַפט צום סאָציאַליזם. עס האָט דאַן אויך עקזיסטירט אַ פאַראיין „אוהבי ציון“. אין די יאָרן 2־1901 האָבן אַפילו עקזיסטירט פאַראיינען אונטערן נאָמען פּועלי־ציון. זיי זיינען געווען פּרינציפּיעל נאָענט צו דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, וואָס איז אויך געווען קעגן סאָציאַליזם. געווען אַ ריי ציוניסטישע פאַראיינען מיט אַ רעלי־גיעזער טענדענץ. זיי אַלע האָבן אָבער נישט געקענט באַווירקן אַ מאַסע. ביי וועמען סאָציאַליזם איז געווען אַזוי פּאָפּולער. קעגן אָט־די פאַראיינען האָבן די דעמאָלטיקע וואָרט־זאָגער פון דער אידישער גאַס קיין שאַרפע מלחמה נישט געפירט.

אַנדערש האָבן זיי געהאַנדלט בנוגע פּועלי־ציון. קעגן זיי האָט זיך אָנגעהויבן אַ שאַרפע אַטאַקע. בעיקר דורך אויסלאַכן זי. די פּועלי־ציון האָבן אָבער געוואוסט, אַז זייער שליחות איז צו דעראָבערן דעם אַרבעטער און פאָלקס־מענטש. עס האָט גענומען יאָרן פון באַרג־אַרויף קלעטערן, ביז די פּועלי־ציון האָבן אָנגעהויבן משפיע זיין טיילן פון דער אידישער מאַסע. זיי האָבן זיך אין אָט־דעם געראַנגל אַריינגעוואָרפן מיט דעם גאַנצן נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. זיי האָבן געליטן גענוג

מפלות, אָבער דער אימפעט האָט אָנגעהאַלטן. זיי זײַנען געגאַנגען זייער כסדרדיקן וועג.

ה.

איידער איך קער מיך אום צו מײַן חלק אין אָט־דער אַרבעט איז כּדאַי אַרויסצוברענגען נאָך אַן אַלגעמיינעם געדאַנק: די מערסטע מענטשן — פֿון די פֿריערדיקע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן זיך צו אונדז סוף־כּל־סוף דערנענטערט — זײַנען געווען דווקא אַנאַרכיסטן. איך דערקלער עס מיט צוויי סיבות: ערשטנס — סאָציאַל־דעמאָקראַטן זײַנען געווען עקסטרעמע דאָגמאַטיקער. זייער אורים־ותומים איז געווען דער מאַרקסיזם. אַלע זייערע האַנדלונגען זײַנען פֿון אים באַשטימט געוואָרן. אַנאַרכיסטן זײַנען נישט אַזוי שטאַרק באַהערשט געווען פֿון אַזעלכע דאָגמעס. זייערע מוחות האָבן פֿרייער באַנומען נײַע געדאַנקען.

צווייטנס, האָט דער אַנאַרכיזם — אין זײַן אידעאָלאָגיע — שטאַרק אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פֿון יעדן יחיד'ס אינדיווידואַליטעט וואָס דאַרף זיך קענען פֿרײַ אַנטוויקלען. פֿאַר אַנאַרכיסטן איז דעריבער גרינגער געווען אָנצונעמען דעם געדאַנק, אַז עס דאַרף געזאָרגט ווערן אויך פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער אייגנאַרטיקייט פֿון אַ נאַציע. דאָן איז שוין נישט געווען שווער אײַנצוזען, אַז דער הויפּט־באַדינג פֿאַר אַזאַ נאַציאָנאַלער, פֿרייער אַנטוויקלונג איז — אַן אייגענע מדינה. אָננעמענדיק אָט־דעם געדאַנק זײַנען זיי אין זייערע ערשטע סטאַדיעס געבליבן ביים סתם־טעריטאָריאַליזם. צו ארץ־ישראל זײַנען די מערסטע פֿון זיי צוגעקומען שפּעטער, אַ דאַנק פּאָליטישע וועלט־אַנטוויקלונגען.

אין אָט־דער פֿאַרבינדונג איז כּדאַי צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דער עם־עולם־גרופּע. כּמעט אַלע ערשטע אידישע אַנאַרכיסטן זײַנען אַרויסגעוואַקסן פֿון איר.

ווי באַקאַנט, זײַנען נאָך די פּאָגראָמען אויף די רוסישע אידן אין יאָר 1881 אויפֿגעשטאַנען אין רוסלאַנד דרײַ באַוועגונגען, וועלכע האָבן זיך דאַן קעגנזײַטיק באַקעמפֿט. יעדע איינע איז געווען זיכער, אַז נאָר זי פֿאַרמאָגט די אמתע תרופֿה צו די אידישע ליידן, וואָס די פּאָגראָמען האָבן אַזוי אונטערגעשטראָכן. אין איין פּונקט זײַנען אַלע דרײַ געווען איינשטימיק: די אידן דאַרפֿן פֿאַרלאָזן רוסלאַנד. האָט איינע פֿון זיי — די ביל"ו־גרופּע — געפּרעדיקט, אַז אידן דאַרפֿן גיין קיין ארץ־ישראל. די צווייטע האָט גערופֿן צו גיין קיין אַרגענטינע, וואו באַראָן הירש האָט געהאָלפֿן גרינדן אידישע קאָלאָניעס. די דריטע — די עם־עולמ'ניקעס — האָבן געפּרעדיקט, אַז אידישע אויפֿגע־

קלערטע מענטשן דאַרפן באַגלייטן דעם עמיגראַנטן־שטראָם, וואָס האָט זיך דאַן געריסן קיין צפון־אַמעריקע.

אינעם נאָמען „עם־עולם" איז געלעגן סיי זייער נאַציאָנאַלער, סיי זייער סאָציאַלער תוכן. זיי האָבן געהאַלטן אַז דאָס אידישע פאָלק — דער עם־עולם — האָט אַ וועלט־שליחות דורכצופירן. די שליחות איז: אַריינצופירן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט סאָציאַלן יושר, ווי ער איז פאָרמולירט געוואָרן דורך די אידישע נביאים, וואָס דורך זייער נבואה איז דאָס אידישע פאָלק געוואָרן דאָס עם־עולם. די עם־עולמ׳ניקעס — פונקט ווי די אַנדערע צוויי דערמאָנטע באַוועגונגען — האָבן צווישן זייערע קאָנקרעטע צילן אויך געהאַט דעם ציל אַריבערצופירן אידישע מאַסן אויף ערד־אַרבעט. זיי האָבן דעריבער געמאַכט פאַרזוכן אויפצושטעלן אין מערב און צפון פון די פאַראייניקטע שטאַטן קאָלאָניעס, אויף דער זעלביקער סאָציאַלער באַזע, אויף וועלכע אונזערע קיבוצים אין ארץ־ישראל זיינען מיט יאָרן שפּעטער געבויט געוואָרן. עס געהערט נישט צו אונזער טעמע אַריינצוגיין אין אַנאַליז פון די באַדינגונגען, וועלכע האָבן נישט דערלויבט אַזאַ הצלחה אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי מיר האָבן געהאַט אין ארץ־ישראל. מיר דאַרפן נאָר פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז נאָך זייער דורכפאַל אויפן געביט פון אַגראַר־קאָלאָניזאַציע, האָבן אַ טייל פון זיי אַריבערגעטראָגן זייער אידעאַליסטישן ברען צו דער אידישער אימיגראַנטן־מאַסע אין די שטעט. זייער השפּעה איז געווען זייער באַדייטנדיק אין פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען דעם מענטשן־שטויב, וואָס די אידישע מיגראַציע האָט אַריינגעבראַכט, אין אַן אָרגאַניזירטן סאָציאַלן כוח. זיי האָבן געהאָלפן בויען די אידישע טרייד־יוניאָנס און אַנדערע וויכטיקע אַרבעטער־ און פאָלקס־אינסטיטוציעס. זיי האָבן געהאָלפן בויען די אידישע פרעסע און אַנדערע טיילן פון דער אידישער קולטור. די מערסטע פון זיי זיינען — ווי געזאָגט — געוואָרן אַנאַרכיסטן. געווען צווישן זיי אויך סאָציאַליסטן און סתם ראַדיקאַל־דענקענדיקע מענטשן. זיי אַלע האָבן צוגעטראָגן זייערביישטייער אין אויפבויען אַלץ, וואָס דער סעקטאָר פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט און די אידישע פאָלקס־מאַסן האָבן אויפגעשטעלט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מיט וויכטיקע פערזענלעכקייטן זייערע האָט זיך שפּעטער באַגעגנט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

צום קרעדיט פון אַט־די עם־עולמ׳ניקעס דאַרפן צוגעשריבן ווערן די פאַלן פון די מער־ערנסטע און טיפערע אויפקלערונגען וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן צו די אידישע מאַסן פון־צייט־צו־צייט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָכן דורכגעפאַלענעם פאַרזוך פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן אין יאָר 1905,

האָבן זיך אין דעם דעמאָלטיקן אידישן עמיגראַנטן־שטראָם געפונען גאַר אַ באַדייטנדיקע צאָל פון אידישע רעוואָלוציאָנערן — פון אַלע ריכטונגען — וועלכע האָבן שטאַרק צוגעהאָלפן אַריינצוברענגען אין דער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער אויפקלערונג אַ פּאַסיקן טאָן. די מערסטע פון זיי זיינען געווען קעגנער פון אונזער נייער אידייע. אָבער זייער קאַמף קעגן אונז — אַפילו ווען ער איז געווען זייער שאַרף — האָט זיך נישט אַרונטערגעלאָזט צו דער שפל׳דיקייט פון די פייגענבוימס, לעאָן ראָזענצווייגס און די קלענערע „שטערן" פון אָט־דער גאַנצער פלעיאַדע „לעקטשורערס" אין יענער עפּאָכע. איך וועל אָבער נישט מגזם זיין ווען איך וועל זאָגן, אַז נאָך אַ סך יאָרן האָט די שפל׳ע אויפקלערונג געהאַט די אויבער־האַנט. איך מעג אויך צושרייבן צו אונזער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַ גאַר גרויסן חלק אין באַקעמפן די דאָזיקע „אויפקלערונגען". מיר האָבן אין זיי געזען אַ זלזול פאַר די גרויסע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע אידייען. נאָך מער האָבן מיר אין זיי געזען אַ גרינגשעצונג צו די נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן פון אונזער פאָלק און צו זיין נאַציאָנאַלער פרייהייט־באַוועגונג — דעם ציוניזם. מיר האָבן זיך דעריבער פאַרמאָסטן סיי אַנטקעגן די מער־ערנסטע אַרגומענטן וואָס זיינען קעגן אונז אַרויסגעבראַכט געוואָרן, סיי — און בעיקר — קעגן די זלזול־מעטאָדן פון די מערסטע „אויפקלערער".

נאָכן אָנצייכענען אַ שטיקל הינטערגרונט פון דעם גייסטיקן פּרצוף אין דער אידישער מאַסע, וועלכער מיר האָבן געזוכט איבערצוגעווינען פאַר אונזער נייעם געדאַנק, קען איך צוריקגיין צו מיינע זכרונות, וועלכע זיינען טיף פאַרבונדן מיט דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע.

## ז.

איך האָב אָנגעהויבן ווערן זייער אַקטיוו אין דער פּועלי־ציון־גרופּע און געטאָן אַלע סאָרטן טעכנישע אַרבעטן. אַ שטיק צייט האָט מען מיר אָנפאַר־טרויט צו זיין דער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פון דעם פאַראיין. אָבער באַטייליקן זיך אין טעאָרעטישע וויכוחים האָב איך נאָך נישט געוואָגט. אַזעלכע וויכוחים זיינען געווען זייער אָפט און איך האָב מיך צו זיי צוגעהערט מיט אַלע נשמה־פיבערן. אייניקע פון זיי האָבן אַפילו געטראָגן דראַמאַטישע פאָרמען. מיר האָבן דערוואַרט, אַז אונזערע קעגנער — סיי ציוניסטן אָן סאָציאַליזם, סיי (און בעיקר) סאָציאַליסטן אָן ציוניזם — זאָלן אונז אַרויסרופן אויף עפנטלעכע דיסקוסיעס. דאָס איז אמת נישט געקומען אַזוי שנעל. ביידע צדדים האָבן עס באַטראַכט נישט לויט זייער כבוד צו דיסקוטירן עפנטלעך מיט עפּעס אַ

גרינער גרופע, וואָס די מערסטע פון זיי זיינען געווען זייער יונג. אָבער מיר אַליין האָבן עס געהאַלטן פאַר אונזער חוב זיך צוצוגרייטן פאַר אַזעלכע וויכוחים, אויב מיר וועלן צו זיי אַרויסגערופן ווערן. זיינען מיר געפאַלן אויף אַ פּלאַן:

מיר אַליין האָבן באַשטימט פון אונז אַ חבר, וואָס זאָל זיך באַקענען מיט די טענות פון די קעגנער און ער זאָל פאַרוואַנדלט ווערן — פאַר איין אָוונט, נאַטירלעך! — אין אַ בונדיסט, אָדער אַן אַלגעמיינעם ציוניסט. קעגן אים האָבן מיר אַרויסגעשטעלט אַ חבר, וואָס זאָל פאַרטיידיקן אונזער ליניע.

עס האָט אַמאָל אַפילו געטראָפן זייער אַן אינטערעסאַנטער קוריאָז. אַ חבר מיטן נאָמען אַראָנסאָן, וועלכער האָט ביי אונז געהאַלטן עטלעכע לעקציעס און האָט אָנגעשריבן אייניקע אַרטיקלען און אַפילו אַ סקיצע (אין דריי העפטן „די נייע שטימע", וואָס מיר האָבן אין יענעם יאָר אַרויסגעגעבן) האָט גענומען אויף זיך די ראָלע פון פאַרשטעלן זיך ווי דער קעגנער. זיינע אַנאַליטישע פעאיקייטן זיינען געווען גאָר פון אַ הויכער מדרגה. האָט ער זיין צד זייער גוט באַגרינדעט. דער חבר וואָס האָט גענומען אויף זיך צו פאַרטיידיקן אונזער ליניע איז אָבער נישט געווען פון אַזאַ שיעור־קומה. האָט ער אַביסל אונטערגעהונקען. די חברים זיינען נאַטירלעך געווען אומצופרידן. דאָ האָט חבר אַראָנסאָן אָנגעהויבן אַרויסצוהעלפן זיין אַרעמען „קעגנער", און ער האָט גענומען צעוואָרפן אַלע אַרגומענטן, וואָס ער אַליין האָט אַרויסגעבראַכט. אין איין פונקט איז די צוריקגעשטאַנענקייט פון דעם חבר — וואָס האָט אַחוץ זיין טעאָרעטישער נישט־צוגעגרייטקייט, זיך אויך מן הסתם איבערגעשראָקן צו ריידן צום ערשטן מאָל צו אַן עולם — דערגאַנגען צו אַ מדרגה, אַז ער האָט פשוט געשוויגן. האָט חבר אַראָנסאָן — מיט זיין כאַראַקטעריסטישן קאָונער, ליטווישן אַקצענט — אויסגערופן:

— סוטה סבעולם (שוטה שבעולם), ווייסט נישט וואָס מען דאַרף ענטפערן אויף אַזאַ אַרגומענט? און ער האָט אַליין תיכף צעוואָרפן זיין פריערדיקן אַנאַליז. ער האָט באַקומען דערפאַר אַ געוואַלטיקע אָוואַציע פונעם גאַנצן קהל.

ליידער האָט דער דאָזיקער חבר אַראָנסאָן זיך נישט לאַנג געהאַלטן ביי די פּועלי־ציון. ער איז אַוועק שטודירן און זיך מער נישט אומגעקערט. וואָס פון אים איז געוואָרן, ווייס איך נישט. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער איז געפאַלן אַ קרבן פון אַנטוישונגען אין זיינע טעאָריעס און האָט זיך שטילער־הייט צוריקגעצויגן. געווען נישט־ווייניק אַזעלכע פאַלן.

מיין אייגענער ערשטער אויפטריט ווי אַ רעדנער, וואָס האָט מיך אויך דורכגענומען מיט יענעם ציטער פון דעם פרומען חזן ביי „הנני העני ממעש", איז פאָרגעקומען עטלעכע טעג נאָך ד"ר הערצל'ס טויט. אויף אַ טרויער־אָוונט,

וואָס די פּועלי־ציון האָבן איינגעאָרדנט, האָט מען מיך באַשטימט ווי איינעם פון די מספּידים. דאָס האָב איך מיר פאַרדינט דורך דעם, וואָס אויף דער זיצונג פון דער פאַראיין־עקזעקוטיווע האָב איך אַביסל דערציילט וועגן הערצל׳ס באַזוך אין ווילנע. חבר גאָלדבערג, וואָס האָט געפירט די זיצונג, איז אויף דעם זייער שטאַרק באַשטאַנען. ער אַליין איז באַשטימט געוואָרן ווי דער הויפּט־רעדנער. אין זיין רעדע האָט ער אויפגעמאָלט אַ פּרעכטיק בילד פון ד״ר הערצל, אויף דער קאַנווע פון אידישער געשיכטע און דער ציוניס־טישער באַוועגונג.

נאָך אים בין איך אויפגעטראָטן. זייענדיק אונטער דער השפּעה פון זיין רעדע, האָב איך געפּרואווט אַריינפּאַסן הערצל׳ס באַזוך אין ווילנע אין דער היסטאָרישער ראַם וואָס חבר גאָלדבערג האָט אָנגעצייכנט. אין אינהאַלט האָט זיך מיין רעדע זיכער נישט געקענט פאַרגלייכן מיט זיינער. אָבער דווקא די ציטערדיקייט פון מיין קול, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו דער טרויער־שטימונג, האָט איבערגעלאָזט נישט קיין שלעכטן איינדרוק. איך מיין, אַז יענער אויפטריט האָט פאַרזיגלט מיין גורל צו ריידן צו אידן, בעיקר צו חברים, די לעצטע זיבן און פופציק יאָר. און יענע ערשטע רעדע האָב איך געהאַלטן בלויז געציילטע טעג נאָכדעם ווי איך האָב אַריבערגעשפּרייזט מיין זיבעצנטן געבוירנטאָג.

## ז.

אין יענעם הארבסט פון 1904 איז אין דעם אידישן קוואַרטאַל פאַרגע־קומען אַ זייער הייסער פּאָליטישער קאַמפּיין, אויסצואווילן אַ פאַרטרעטער צום אַמעריקאַנער קאָנגרעס. דער קאָנגרעסמאַן — וואָס האָט דאַן פאַרנומען אַט־די זייער חשובע פּאָזיציע — איז געווען פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אין ניו־יאָרק איז זי שוין דעמאָלט באַהערשט געווען פון דער גוט־באַקאַנטער טעמעני־האָל. אירע פירער האָבן באַשטימט דעם זעלביקן קאָנגרעסמאַן אַלס איר קאַנדידאַט. זיין נאָמען איז געווען הענרי גאָלדפאָגל. אַנטקעגן אים האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון יענעם קוואַרטאַל נאָמינירט דעם דאַן־זייער פּאָפּולערן אַרבעטער־פירער יוסף באַראָנדעס (שפּעטער געוואָרן אַ ציוניסט). פאַר די פּועלי־ציון־גרופּן (עס האָבן שוין דאַן עקזיסטירט מער ווי איין גרופּע. זייער טעטיק איז דאַן שוין געווען אַ פאַראיין פון פּינסקער פּועלי־ציון, און אַנדערע) איז עס געווען זייער ערשטע באַטייליקונג אין אַ פּאָליטישן קאַמפּיין. נאַטירלעך האָבן מיר געאַרבעט פאַר באַראָנדעסן.

אין יענע וואָכן האָב איך מיין רעדנערשאַפט אויסגענוצט יעדן אָוונט. קיין געלט אויף דינגען זאַלן האָבן מיר נישט געהאַט. האָבן מיר זיך באַנוצט

מיט די זעלביקע מיטלען, וואָס די אַנדערע אידישע — נישט־ציוניסטישע — פּאַראַיינען. זיי האָבן אויך קיין געלט נישט געהאַט. האָבן מיר זיך אַלע באַנוצט מיט פאַרזאַמלונגען אונטערן פרייען הימל. מען האָט געדונגען אַ פערד־און־וואָגן אויף עטלעכע שעה. אין וואָגן זיינען געזעסן די רעדנער. צום וואָגן איז געווען צוגעבונדן אַ שילד, וואָס האָט גערופן דעם עולם צו הערן די רעדנער. די וועגענער זיינען מערסטנס געווען קליינע, אָפענע „טראָקס". דער רעדנער האָט זיך געשטעלט ביי דער אָפענער זייט פון טראָק און האָט גערעדט.

נאַטירלעך האָבן מיר געוואוסט, אַז יוסף באַראָנדעס וועט נישט געוויילט ווערן. מיר האָבן שנעל דערשפּירט די מעטאָדן וואָס טעמעני־האָל האָט גענוצט. זי איז דאָך אַפילו היינט, ווי באַוואוסט, אַ גרויסע פּאָליטישע צנועה. נאָר דאַן איז זי געווען פיל ערגער. אין יעדער סאַלון זיינען געזעסן טעמעני־מענטשן און האָבן אויפגעקויפט שטימען. צו־טייער האָט עס זיי נישט געקאָסט. אַ דאָלאַר האָט דאַן ביי דעם אָרעמען אימיגראַנט געהאַט גאָר אַ גרויסע באַדייטונג. און אויב ער איז נאָך נישט געווען קיין בירגער, האָט מען אים אָפט געגעבן אַ נייעם נאָמען, פון אַ בירגער וואָס איז שוין געווען אויפן עולם־האמת, און — ער האָט געשטימט. זיין שטימע איז געציילט געוואָרן, ווייל די דעה אין די וואָל־אורנעס האָט ווידער געהאַט דער טעמעני־מענטש. דאָך האָט יוסף באַראָנדעס געצויגן גאָר אַ באַדייטנדיקע צאָל שטימען.

מיך אינטערעסירט אָבער צו דערציילן וועגן אונזער ערשטן צוזאַמענשטויס מיט די אַנטי־ציוניסטישע גענאָסן אין פאַרבינדונג מיט אָט־דעם וואָל־קאַמף. די פּראָפּאַגאַנדע אינעם וואָל־קאַמף איז געפירט געוואָרן דורך אַ אידישער סאָציאַליסטישער „אַגיטאַציאָנס־ביוראָ". זי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורך פאַרטרעטער פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געשטיצט די קאַנדי־דאַטור פון יוסף באַראָנדעס. די פּועלי־ציון זיינען אויך געווען פאַרטראָטן אויף דער קאָנפערענץ וואו די ביוראָ איז אויפגעשטעלט געוואָרן און איינער פון אירע מיטגלידער, דער חבר לואי פייפּמאַכער, איז אַפילו געוויילט געוואָרן ווי אַ מיטגליד פון דער ביוראָ. די אַנדערע צוויי דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ זיינען געווען חבר זאב וואָלסקי (שפּעטער — דער חבר זאב בן־חיים פון רמת מאיר, ביי נען) און דער שרייבער פון אָט־די זכרונות.

נאָך ד"ר הערצל'ס פּטירה זיינען אין דער אַנטי־ציוניסטישער אַרבעטער־פּרעסע — אין „פאָרווערטס" און אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" — פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַרטיקלען, וועלכע האָבן ממש געשענדט ד"ר הערצל'ס נאָמען. דאָס מיאוס'טע אַרטיקל איז געווען געשריבן פון דעם בונדיסט ד"ר קאַרל פאַרנבערג און געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס". ער האָט אָנגערופן

הערצלען „דער נייער משיח השקר". אמת, עטלעכע טעג שפּעטער איז אין „פאָרווערטס" אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ גאָר־גרויסער אַרטיקל פון אברהם ליעסין, וואָס האָט געגעבן אַן ערלעכע, פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פון ד"ר הערצל. אויך ליעסין האָט פאַרענדיקט זיין אַרטיקל מיט אַן אַנטי־ציוניסטישער נאָטע. ער שרייבט: „דער ציוניזם איז נאָר אַ פאַנטאַזיע, אַ שיינער חלום, אָבער דאָך אַ חלום". אָבער די הערצל־פּערזענלעכקייט איז פון אים געשילדערט געוואָרן אין דערהויבנדיקע ווערטער. אַפילו אב. קאַהאַן אַליין האָט געפּרובירט אָפּ־שוואַכן דעם איינדרוק וואָס דער פאַרנבערג־אַרטיקל האָט געמאַכט אויף די לייענער. די פּועלי־ציון האָבן באַשלאָסן, אַז זיי מוזן רעאַגירן קעגן דעם אופן ווי דער פרישער קבר פון ד"ר הערצל איז פון אייניקע שרייבער באַוואָרפן געוואָרן מיט בלאָטע.

מיר האָבן אַרויסגעלאָזט אַ פלוג־בלאַט, געשריבן פון אב. גאָלדבערג, אין וועלכן די בלאָטע־וואַרפער האָבן באַקומען זייער פאַרדינטע תשובה. דער נאָמען פון פלוג־בלאַט איז געווען — „די וואַרהייט". די צווייטע שורה האָט זיך געלייענט: „ד"ר הערצל'ס טויט און די אידישע גענאָסן". דער אינהאַלט פון אָט־דעם פלוג־בלאַט האָט שטאַרק אויפגערעגט די אָנפירער פון באַ־ראַנדעס' וואָל־קאַמף. נאָך מער האָט זיי אויפגערעגט דער הילכיקער געשריי אין די אידישע גאַסן פון יענע חברים — ואני עבדכם צווישן זיי — וועלכע האָבן צעטיילט דאָס פלוג־בלאַט, אויסרופנדיק דערביי: „ד"ר הערצל און דער טויט פון די אידישע גענאָסן". זיי — די וואָל־קאַמף־אָנפירער — האָבן דעריבער באַשלאָסן צו שיקן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע זאָל לערנען די פּועלי־ציון אַ לעקציע, ווי מען דאַרף זיך אויפפירן כלפּי מענטשן מיט וועלכע מען פירט צוזאַמען אַזאַ וויכטיקן, סאָציאַליסטישן וואָל־קאַמף. דער באַשלוס איז געווען צו פאָדערן פון די פּועלי־ציון אַן עפנטלעכע אַנטשולדיקונג. אויב זיי וועלן זיך אָפּזאָגן — זאָל מען זיי אויסשליסן פון דער אידישער אַגי־טאַציאָנס־ביוראָ.

די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון דריי אָנגעזעענסטע פירער פון וואָל־קאַמף: אונזער שוין־באַקאַנטער בנימין פייגענבוים, מאיר גיליס — איינער פון די זיילן פון „פאָרווערטס־אַסאָסיאיישאָן" — און דער פאָרזיצער פון דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן, גענאָסע דזשאָזעפסאָן.

נאָך דעם ווי אַלע דריי האָבן אָפּגערעדט, סיי וועגן דער באַדייטונג פון אייניקייט ביים אַרבעטער־קלאַס בכלל, סיי וועגן דער באַדייטונג פון דעם באַראַנדעס־קאַמפּיין בפרט, וואָס טאָר נישט געשטערט ווערן דורך „קליי־ניקייטן" — פייגענבוים'ס אויסדרוק — האָבן צוויי חברים פון די פּועלי־ציון געגעבן

אונזער ענטפער. דער ערשטער האָט גערעדט אייבעלע גאָלדבערג. ער איז מיט זיין גאַנצער שאַרפקייט אַרויסגעטראָטן, בעיקר טאַקע קעגן אָנרופן דאָס בלאַטע־וואַרפן אויף הערצל׳ס קבר „קליינקייטן״. אָבער צום קלימאַקס פון אונזער ענטפער האָט דווקא דערפירט משה־יעקב גודמאַן, וואָס איז נישט געווען אַזאַ געאיבטער רעדנער ווי גאָלדבערג. גודמאַן האָט גע׳טענה׳ט: „אונזער פלוג־בלאַט איז נישט געווען אַדרעסירט אויפן חשובן פון אַלע סאָציאַליסטן, נאָר פון די וואָס האָבן געלעסטערט דעם אָנדענק פון אונזער גרויסן מנהיג. אויב איר פילט, אַז דאָס שטריימל וואָס מיר האָבן אויפגעניייט פּאַסט אייך — טראָגט עס געזונטערהייט! אויב איר אַליין פילט זיך נישט שולדיק, פאַרוואָס זאָלט איר עס אָננעמען אויף אייער חשבון? זאָלן זיך פילן געטראָפן די וואָס האָבן עס כשר פאַרדינט!״

אַ גרויסער עולם האָט זיך דערוואוסט, אַז די קאָמיסיע וועט קומען צו די פועלי־ציון. דער זאַל איז דעריבער געווען ממש אָנגעפּראַפּט. די אָוואַציע וואָס חבר גודמאַן האָט באַקומען איז געווען ממש אין־לשער. וועגן זיין ענטפער האָט מען גערעדט אויף דער אידישער גאַס וואָכן נאָכאַנאַנד. עס האָט גע־קלונגען פּונקט אַזוי ווי די דויד־גלית־דערציילונג פון תנ״ך: דער אומבאַקאַנ־טער משה־יעקב גודמאַן, אַנטקעגן דעם אַזוי גוט־באַקאַנטן בנימין פייגענבוים. דער פּרעסטיזש פון די פועלי־ציון איז באַדייטנדיק געשטיגן. פון וואַל־קאַמף־ביורא האָט מען אונז נישט אויסגעשלאָסן, כאָטש מיר האָבן זיך נישט אַנטשולדיקט.

וואָס שייך מיר פּערזענלעך, מוז איך מודה זיין, אַז איך האָב גע־האַנדלט ווי אַ חצוף. איך האָב שאַרף באַליידיקט דעם גענאָסע מאיר גיליס. נאָכדעם ווי ער האָט, אויף דער קאָנפערענץ פון אַגיטאַציאָנס־ביוראָ, אָפּגעגעבן זיין באַריכט פון דער קאָמיסיעס באַזוך ביי די פועלי־ציון — און מיר האָט זיך געדאַכט אַז ער איז געווען נישט גענוג אָביעקטיוו — בין איך צוגעלאָפן צו אים און אים אַ וואַרף געטאָן אין פּנים אַזאַ מין זאַג: „איר זיינט דער ריכ־טיקער סימבאָל פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאָ אין ניו־יאָרק. זי איז פּונקט אַזוי פאַרקריפּלט ווי איר״ (מאיר גיליס׳ פיס זיינען געווען אויסגעקרומט).

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך דווקא געאַרבעט מיט גענאָסע מאיר גיליס אין טיפער פריינטשאַפט, בעיקר אין „פּיפּלס רעליף״. ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט האָב איך אים דערמאָנט דעם אינצידענט און געבעטן מחילה אויף מיין דעמאָלטיקער חוצפה. זיין ענטפער איז פאַר מיר געווען אַן איבעראַשונג:

„אַ צייט״ — האָט ער געזאָגט — „בין איך געווען שטאַרק אין כעס

אויף אייך. ווען געגאַסען האָבן מיר אָבער איבערגעגעבן וואָס זיי האָבן גע־הערט פון אייך וועגן הערצל׳ס באַזוך אין ווילנע, האָב איך דאַן פאַרשטאַנען ווי ד״ר פאַרנבערג האָט אייך ווי געטאָן. האָט איר אייער ווייטיק אויסגעלאָדן אויף מיר. איך בין אייך אַוודאי מוחל״. ער איז בכלל געווען אַ זייער קלוגער מענטש און אַן אמתער פריינט.

דזשאַזעפסאָן איז שפּעטער געווען איינער פון די ערשטע מיטגרינדער פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. בלויז פון בנימין פייגענבוים איז אין מיין געמיט נישט איבערגעבליבן קיין איין פּאָזיטיווער מאָמענט. כאָטש די עצם שיטה וואָס ער האָט סימבאָליזירט האָב איך שפּעטער אויפגענומען בעסער און אויף אַ מער־פּאָזיטיוון אופן.

## ח.

דער ווינטער פון 1904־5 איז געווען פאַר מיר אַ צייט פון טיפערער אַריינטראַכטונג אין די פּראָבלעמען פון אונזער באַוועגונג און דער אָנהויב פון פאָרמולירן מיינע אייגענע געדאַנקען וועגן זיי, אין די שטענדיקע וויכוחים וואָס זיינען דאַן געפירט געוואָרן ביי די פּועלי־ציון. די צאָל פון די פּועלי־ציון־פאַראיינען אין ניו־יאָרק איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. עס זיינען אָרגאַני־זירט געוואָרן פאַראיינען אין בראַונזוויל, ברוקלין און האַרלעם; עס זיינען יענעם ווינטער אָרגאַניזירט געוואָרן אייניקע פּועלי־ציוניסטישע לאַנדסמאַנשאַפטן: פּינסקער, ביאַליסטאָקער, וואַרשעווער, מאָהילעווער און אַפילו אַ סניף פון גאַליציאַנער פּועלי־ציון. אומעטום האָט מען געפירט וויכוחים. און ווען נאָר איך האָב געקענט, האָב איך זיך באַטייליקט אין זיי. בעיקר זיינען די וויכוחים געווען זייער אינטערעסאַנט אין דעם ערשטן סניף, צו וועלכן עס האָבן גע־הערט די ערשטע גרינדער.

דעם זעלביקן ווינטער איז אויך פאָרגעקומען די גרויסע סעריע רעפעראַטן וועלכע ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט געגעבן, סיי איבער אידישער געשיכטע, סיי איבער די פאַרשידענע אידישע פּאַרטייען, וואָס האָבן שוין דאַן פונקציאָ־נירט אין רוסישן אידנטום. ער האָט געהאַלטן אַ סעריע רעפעראַטן אין רוסיש וועגן די נישט־אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין דער וועלט בכלל און אין רוסלאַנד בפרט. צו יענע בין איך אָבער נישט געגאַנגען, ווייל איך האָב נעבעך פאַרשטאַנען צו־ווייניק רוסיש, בכדי צו קענען נאָכפאָלגן זיינע געדאַנקען. אָבער צו אַלע רעפעראַטן זיינע אין אידיש בין איך געגאַנגען, ווי אַ פרומער איד צום דאַווענען.

די וויכוחים ביי די פּועלי־ציון גופא האָבן אַרומגענומען — אויסער דער פראַגע פון אוגאַנדאַ, וואָס האָט אונז געמאַטערט די גאַנצע צייט — אויך די

פאָלגנדיקע טעמעס: א) אונזערע באַציאונגען צו אַנדערע אידישע פּאַרטייען; ב) וועגן רעאַליזירונג פון ציוניזם, אָדער טערריטאָריאַליזם; ג) וועגן דער שפּראַכן־פראַגע און ד) וועגן סאָציאַליזם אָדער אַנאַרכיזם.

וועגן דעם ערשטן וויכוח איבער אוגאַנדאַ האָב איך שוין דערציילט. אָבער אַזוי ווי מיר האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דעם ערשטן לאַנד־צוזאַמענ־פאָר פון דער פּאַרטיי, וואו מיר האָבן ענדלעך געמוזט באַשליסן אונזער שטעלונג, זיינען די וויכוחים פאַרגעזעצט געוואָרן. אין די שפּעטערדיקע וויכוחים האָב איך זיך שוין יאָ באַטייליקט, ווייל ביסלעכווייז האָב איך אָנגענומען דעם צד פון די פּאַלעסטינצעס. ביים פּאַלעסטיניזם האָב איך זיך געהאַלטן ביז מיטן זומער 1905, ווען איך האָב מיין שטעלונג געביטן. אָבער במשך דעם ווינטער 1904־5 האָב איך אין די מערסטע פּועלי־ציון־פאַראיינען פאַרטיידיקט דעם פּאַלעסטיניזם. אַחוץ די טיפע סענטימענטן פון שיבת־ציון וועלכע האָבן מיך באַהערשט, האָב איך פאַרגעצויגן פּאַלעסטינע, ווען איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן רעאַליזירן די אידייע פון אַ אידישער מדינה. אין ארץ־ישראל האָב איך געוואוסט וואָס מען דאַרף טאָן, כדי צו רעאַליזירן די אידייע. די סתם־טערריטאָריע איז אָבער נאָך נישט געווען. טאָ וואָס קען מען טאָן צו רעאַליזירן די אידייע אויסער זוכן אַ טערריטאָריע?

זייער אינטערעסאַנט זיינען געווען די וויכוחים וועגן אונזערע באַציאונגען צו אַנדערע פּאַרטייען. בעיקר האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן באַציאונגען צום „בונד". מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן האָט זיך איינגעשטעלט אַ פריינטלעכע באַציאונג, כאָטש נישט קיין אָרגאַניזאַטאָרישע פאַרבינדונג. בנוגע דעם „בונד" האָבן זיך פאַרמירט צוויי קעגנזעצלעכע צוגאַנגען:

דער דערמאָנטער א. ליטווין האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אַ פריינטלעכער און אַפילו פּאָזיטיווער באַציאונג צום „בונד". ער האָט אָט־די איינשטעלונג מיטגעבראַכט פון מינסק, וואו ער איז געווען צווישן די גרינדער פון די דאָרטיקע פּועלי־ציון, וועלכע האָבן געהאַט זייער אייגענעם צוגאַנג צו וויכ־טיקע פּאָליטישע פראַגן און זיינען געווען באַקאַנט מיט דער ספּעציעלער באַ־צייכענונג „דער מינסקער טאָלק". דאָס האָט זיי געדאַרפט אונטערשיידן סיי פון דעם פּאָלטאַווער טאָלק, סיי פון דעם וואַרשעווער טאָלק. בעיקר האָבן די מינסקער געפּרעדיקט, אַז די אידישע אַרבעטער דאַרפן זיך נישט מישן אין דעם פּאָליטישן קאַמף קעגן צאַריזם (אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן זיי געענדערט זייער שטעלונג אין אָט־דעם פּונקט). די אידישע אַרבעטער — לויטן מינסקער טאָלק — האָבן זיך געדאַרפט באַשעפטיקן מיטן עקאָנאָמישן קאַמף פון דעם אַרבעטער און מיט דעם ציוניזם. זיי האָבן אָבער געהאַט

גרויס רעספּעקט פאַרן „בונד“, וועלכער האָט דווקא אין קאַמף קעגן צאַריזם געזען זיין הויפּט־אויפגאַבע. דער „בונד“ האָט אין אָט־דעם קאַמף געבראַכט גרויסע קרבנות. די דאָזיקע קרבנות זיינען אָפטמאָל געקומען פון די זעל־ביקע משפחות, צו וועלכע אויך די פּועלי־ציון האָבן געהערט. אפשר דערפאַר איז גרויס געווען זייער דרך־ארץ פאַר די חברים פון „בונד“.

מען קען אָבער נישט זאָגן, אַז אַלע מינסקער חברים אין ניו־יאָרק האָבן געטיילט חבר ליטווינ׳ס מיינונג. מיר געדענקט זיך אַ חבר ליוואַי, אויך פון מינסק (ער, פּונקט ווי חבר ליטווין, איז געווען צווישן די ערשטע פינף וואָס האָבן געגרינדעט דעם ערשטן ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלן פאַראיין פּועלי־ציון אין 1903. די אַנדערע דריי זיינען געווען — די צוויי שוין־דערמאָנטע חברים אב. גאָלדבערג און משה־יעקב גודמאַן און אַ חברה שרה קאַטין), וועלכער האָט פאַרנומען דווקא אַן עקסטרעמע, קעגנערישע שטעלונג צום „בונד“, צוליב זיין קאַמף קעגן ציוניזם. אָט־דער וויכוח האָט מיך זייער שטאַרק פאַראינ־טערעסירט. איך האָב מסכים געווען מיטן חבר ליטווין. אויסער דעם וואָס אין מיין באַוואוסטזיין איז דער „בונד“ געבליבן פאַרבונדן מיט דער הירש לעקערט־פּראָקלאַמאַציע און מיט דער געהיימער ליטעראַטור וואָס איך האָב וועגן אים געלייענט אין ווילנע, אַ ליטעראַטור וואָס האָט אַלץ געהויבן זיין אָנזען אין מיינע אויגן — האָב איך נאָך אַרויסגעשטעלט אַ נאַאיוון אַרגומענט פאַר אָט־דער איינשטעלונג. איך האָב געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן זיך באַציען פריינטלעך צום „בונד“, וועלן מיר אים נאָך אפשר קענען איבער־געווינען פאַרן ציוניזם.

אונזער צד האָט זיך אויך באַנוצט מיט דעם פאַקט, וואָס די מערסטע ידיעות וועלכע האָבן אונז דאָ דערגרייכט וועגן אידישער זעלבסט־פאַרטיידי־קונג קעגן פּאָגראָמען, זיינען געווען פאַרבונדן מיטן „בונד“. איך געדענק, אַז אַפילו דער גרויסער מטיף־לאומי, צבי הירש מאַסליאַנסקי, וואָס איז געווען אַן אַלגעמיינער ציוניסט, מיט זייער אויסגעשפּראָכענע רעליגיעזע נטיות, האָט אויך אויפגעהויבן זייער הויך דעם נאָמען פון „בונד“. ער פלעגט אין יענעם יאָר ריידן אַלע פרייטיק־צונאַכטס אין „עדיוקיישאַנאַל אַלייאַנס“. איך בין אָפט געווען פון זיינע צוהערער. ער האָט יענעם ווינטער צוויי פון זיינע דרשות געווידמעט דעם „בונד“ און מיט פלאַמענדיקע ווערטער — ווי ער האָט געקענט! — ממש געבענטשט דעם „בונד“ און מתפלל געווען פאַר זיין הצלחה. דאַן האָט די מאַיאָריטעט פון די פּועלי־ציון אָנגענומען חבר ליטווינ׳ס שטאַנדפּונקט און האָט אַפילו געהאָלפן זאַמלען פאָנדן פאַר דער זעלבסט־פאַרטיידיקונגס־אַרבעט פון „בונד“.

אַט־דער וויכוח האָט זיך געצויגן דעם גאַנצן ווינטער, ביז דער ערשטער לאַנד־קאָנפערענץ וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פילאַדעלפיע די ערשטע וואָך פון מאַי 1905. במשך דעם ווינטער האָבן אונז דערגרייכט ידיעות, אַז אויך די פּועלי־ציון אָרגאַניזירן זעלבסטפאַרטיידיקונגס־גרופּן. די באַצי־אונגען פון די ניו־יאָרקער בונדיסטן צו אונז האָבן אויך אָפּגעקילט די סימ־פּאַטיע צום „בונד". אויף דער לאַנד־קאָנפערענץ איז דעריבער די ליטוויך־איינשטעלונג נישט געשטיצט געוואָרן. דאָרט איז קיין באַשלוס וועגן דעם נישט אָנגענומען געוואָרן. דער שפּעטערדיקער פאַרשאַרפטער קאַמף צווישן „בונד" און פּועלי־ציון אין רוסלאַנד האָט אינגאַנצן פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל פון סימפּאַטיע צום „בונד". אָבער אין יענעם ווינטער האָט אָט־דער וויכוח פאַרנומען אַ צענטראַל אָרט ביי אונז.

די וויכוחים וועגן דער שפּראַכן־פראַגע זיינען אויך געווען זייער שאַרפע. די מערסטע חברים זיינען געווען אויסגעשפּראָכענע העברעאיסטן; אַ גאַר־נישקשהדיקע מינאָריטעט זיינען געווען אויסגעשפּראָכענע אידישיסטן. איך האָב דאַן געהערט צו גאָר אַ קליינער גרופּע, וועלכע האָט פאָרמולירט אַזאַ שטעלונג: אין גלות —ביידע שפּראַכן; אין ארץ־ישראל — העברעאיש. דעם תוכן פון אָט־דעם וויכוח האָבן ביידע צדדים געשעפּט פון דער אידישער ליטעראַטור וואָס האָט אונז דערגרייכט פון רוסלאַנד און גאַליציע און אויך פון דעם אָנהויב וואָס אָט־דער וויכוח האָט שוין געהאַט אין דער אידישער פּרעסע אין אַמעריקע. דער אידישיסטישער צד איז דאַן זייער פיל געשטאַרקט געוואָרן דורך די רעפעראַטן פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי.

אין די וויכוחים וועגן סאָציאַליזם אָדער אַנאַרכיזם האָב איך דאַן קיין אָנטייל נישט גענומען. איך האָב נאָך דאַן נישט פאָרמולירט פאַר זיך אַליין קיין שטעלונג וועגן דעם. אָבער דווקא דער נייער סניף פון גאַליציאַנער פּועלי־ציון האָט אַריינגעבראַכט אין אָט־דעם וויכוח אַן אויסטערלישע נאָטע. זיי האָבן דאַן געבראַכט אינעם וויכוח דעם געראַנגל וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען אין עסטרייך וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע און די טעאָריעס, וואָס די עסטריי־כישע סאָציאַליסטן האָבן אויף דעם שטח אַריינגעבראַכט. פאַר מיר איז עס געווען גאָר אַ נייע אַנטדעקונג, וועגן וועלכער איך האָב ערשט דאַן אָנגע־הויבן צו טראַכטן.

אָט־אַזוי זיינען די פאַרזאַמלונגען פון די פּועלי־ציון יענעם ווינטער אויסגעפילט געוואָרן מיט זייער אינטערעסאַנטן אינהאַלט. איך בין אין אָט־דעם ים פון וויכוחים ממש אַרומגעשוואומען. איך האָב אַריינגעטראָגן אין זיי אַ רעכט ביסל פון מיין ישיבה־בחורישער ירושה. אָפט בין איך פאַרגאַנגען

גאַנץ ווייט — און נישט אַלעמאָל אויפֿן ריכטיקן וועג — מיט מיינע איינגע־וואָרצלטע פּלפּול־מעטאָדן. סיוּוּי — איך האָב יענעם ווינטער געלעבט אַ טיף גייסטיק לעבן. זייער פיל דערצו האָבן בייגעשטייערט די רעפעראַטן פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

## ט.

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז נישט געווען דער ערשטער עלטערער אידי־שער סאָציאַליסט, וועמענס אויפטריטן עס האָבן שטאַרק דערמוטיקט די יונגינקע פּועלי־ציון־גרופּן. פאַר אים איז דער באַוואוסטער אַנאַרכיסטישער עסייאיסט, לעקטאָר און זייער אַנגעזעענע פערזענלעכקייט, ד״ר הלל זאָלאָ־טאַראָוו — איינער פון די וויכטיקסטע „עם־עולמ׳ניקעס״ — אַרויסגעטראָטן אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ מיט עטלעכע אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט גענומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום אידישן נאַציאָנאַליזם בכלל און צום טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק בפרט. זיין דאָזיקער אַרויסטריט האָט דעמאָלט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם סיי אין אַנאַרכיסטישע, סיי אין סאָציאַליסטישע קרייזן. די דאָזיקע אַרטיקלען זיינען דערשינען אין 1903, תיכּף נאָכן קישי־נעווער פּאָגראָם, מיט אַן ערך דריי־פערטל יאָר איידער איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דער וויכוח וועגן אָט־די אַרטיקלען — וועלכע זיינען דערנאָך דערשינען אין אַ באַזונדערער בראָשור אונטערן נאָמען „ערנסטע פראַגן״ — האָט דאַן דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה. אָט־די בראָשור איז געווען די סאַמע ערשטע וואָס פריידוס פון „אַסטאָר לייברערי״ האָט שווייגנדיק אַוועק־געלייגט אויפן טיש, וואו איך האָב זיך געזעצט לייענען.

דער קישינעווער פּאָגראָם האָט אַרויסגערופן אידישע געפילן אויך ביי אַנדערע סאָציאַליסטישע וואָרט־זאָגער אין דער אידישער פּרעסע. אין „פאָר־ווערטס״ האָבן צוויי זיילן פון דער רעדאַקציע — דער הויפּט־רעדאַקטאָר אַב. קאַהאַן און דער אָפּטער לייט־אַרטיקל־שרייבער ד״ר ש. פּעסקין — זיך אָפּ־גערופן מיט זייער שאַרפע נאַציאָנאַלע רעאַקציעס אויפן פּאָגראָם. אַב. קאַהאַן, אויף זיין אומרואיקן, צעוואָרפענעם סענטימענטאַלן אופן, ווען נאָר „דאָס פּינטעלע איד״ האָט זיך אין אים אויפגעוועקט, האָט ממש אָנגענומען אַ טאָן פון פאַרצווייפלונג. ער האָט שאַרף פּאָלעמיזירט קעגן יענע גענאָסן וואָס האָבן אַרויסגערוקט די מורא, אַז זייער אינטערנאַציאָנאַליזם זאָל נישט פאַלן קיין קרבן דורך דעם פּאָגראָם. ער האָט פּאָלעמיזירט מיט האַרץ, מיט ווייטיק, מיט נשמה־אויסגעשרייען, אָבער ער האָט נישט אַרויסגעזאָגט וואָס מען דאַרף טאָן. ד״ר ש. פּעסקין איז געגאַנגען פיל טיפער. ער האָט, ערשטנס, גע׳טענה׳ט,

אז ער זעט נישט אײן פּאַרװאָס זאָל אונז אונזער אידנטום נישט זײן אַזױ ליב, װי דעם פראַנצױז זײן נאַציאָנאַליטעט? („פאָרװערטס״ פון 12טן יוני, 1903). אין זעלבן אַרטיקל דערשלאָגט ער זיך צו אַזאַ געדאַנק: „קײנער קען נישט שװערן אַז אונטער דעם אײנפלוס פון ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע באַװעגונגען װעלן דאַן (ער רעדט װעגן דעם װאָס עס קען זײן מיט 50 יאָר שפּעטער) די מלוכות נישט שאַפן אַמאָל אַ באַזונדערן שטאַט פאַרן הױפּט־שטאַם פון אידישן פאָלק״. אַ כמעט סײמיסטיש־טעריטאָריאַליסטישער געדאַנק, װאָס איז צום ערשטן מאָל אַרױסגעבראַכט געװאָרן פון אַ אידישן סאָציאַליסט אין אַמעריקע, לאַנג אײדער ד״ר חיים זשיטלאָװסקי האָט אָט־דעם געדאַנק באַגרינדעט ברײטער און טיפער.

אונזער חבר א. ליטװין, װאָס איז דאַן געװען אַ מיטאַרבעטער פון „פאָר־װערטס״, האָט נאַטירלעך אַרױסגערוקט דעם פולן ציוניסטישן געדאַנק. שפּע־טער, װען דער אױפברױז איבערן קישינעװער פּאָגראָם האָט זיך אַביסל אײנגעשטילט, האָט חבר ליטװין באַצאָלט פאַר זײן ציוניסטישן אַרטיקל מיט זײן שטעלע אין „פאָרװערטס״. מען האָט אים דערלױבט צוצושיקן פון־צײט־צו־צײט אַן אַרטיקל װי אַ דרױסנדיקער מיטאַרבעטער, אָבער קײן פּערמאַ־נענטע שטעלע האָט ער מער נישט געקענט אָנהאַלטן אין „פאָרװערטס״. אױך די דאָזיקע דערלױבעניש איז אים „באַװיליקט״ געװאָרן, װײל אב. קאַהאַן אַלײן האָט זיך פאַר אים אײנגעשטעלט. די גענאָסן פון „פאָרװערטס־אַסאָ־סיאײשאָן״ האָבן אױך דאָס נישט געװאָלט דערלױבן.

אב. קאַהאַן האָט גאָר גיך אָנגעשריבן אַן אַרטיקל קעגן ציוניזם. ער פּסקנט אָפּ, אַז פּאַלעסטינע איז נישט פּאַסיק פאַר אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע. דאָרט קען מען קײן חיונה פון דער ערד נישט ציען (ערשט אַרום 20 יאָר שפּעטער באַזוכט ער ארץ־ישראל און געפינט אױס, אַז אידישע ערד־אַרבעטער ציען דװקא יאָ חיונה פון דער ערד. ער באַציט זיך שױן דאַן מיט פיל װאַרעמקײט צו די אידישע אַרבעטער פון ארץ־ישראל, אָבער דער ציוניזם איז פאַר אים נאָך אַלץ אַן אוטאָפּיע. דאַן האָט ער אױסגעפונען, אַז דער „בום״ — זײן אױסדרוק — אין דער בױ־אַרבעט, װאָס ער האָט דאַן געטראָפן, װעט זיך באַלד ענדיקן. דערנאָך װעלן די אידישע אַרבעטער נישט האָבן פון װאָס צו ציען חיונה).

ד״ר ש. פּעסקין האָט אױך שנעל געפונען אַ געלעגנהײט אַרױסצוטרעטן קעגן ציוניזם. סך־הכל מיט אײן װאָך שפּעטער דערקלערט ער, אַז סאָציאַליסטן האָבן טאַקע אַ רעכט צו פאַרלאַנגען פאַר אידן אַ באַזונדער לאַנד. אָבער

„די ציוניסטן שלעפּן זיך אַרום פון איין קייזערלעכן הויף צום צווייטן". פרעגט ער דעריבער: „קענען מיר מאַכן די אַרבעטער פאַר פּאַרטנערס אין דער דאָזיקער דיפּלאָמאַטישער קאָרטן־שפּילעריי?".

אַט־אַזוי זיינען די פאַר־אַ־קורצער־ווייל אויפגעוועקט־אידישע געפילן איינגעשטילט געוואָרן און כמעט אַלע האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע פריער־דיקע נוסחאות. נישט אַזוי אָבער — ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו.

אין זיין פריער־דערמאָנטער בראָשור דרינגט ער אַריין טיף אינעם אידישן פּראָבלעם. ער דערגייט צום געדאַנק אַז עס איז נישט גענוג צו העלפן אידן זיך ווערן קעגן פאַרפאָלגונגען. מיר מוזן זוכן — זאָגט ער — צו קאָנצענטרירן די אידישע מאַסן אין צענטערן, וואו אַ נאַציאָנאַלע גאַנצקייט זאָל נישט דערלאָזן די אינערלעכע פאַרניכטונג פון פאָלק. מיר מוזן העלפן אַנטוויקלען אַ קולטור, וואָס זאָל פירן צו אַ פרייען און בעסערן לעבן פון פאָלק. ער זאָגט ווייטער, אַז פון דעם ווײ־געשריי פון די אידישע מאַרטירער — וואָס כאַפּט אונז אַרום ווי אַ פלאַם־פייער — ווערן אונזערע נשמות אָנגעפילט מיט דעם ברענענדיקן באַגער עפּעס צו טאָן פאַר אונזער פאָלק.

אַוודאי האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף אים פּראָטעסטן פון אַ ריי אַנאַר־כיסטישע שרייבער, מיטן רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע", ש. יאַנאָווסקי, בראָש. מען ברענגט אַפילו קעגן אים אַן אַרטיקל פון פּעטער קראָפּאָטקין אַליין, וועלכער — שרייבנדיק וועגן דעם קישינעווער פּאָגראָם — האָט איין־איינציקע עצה פאַר אידן: העלפן דעם קאַמף פאַר אַ פרייער וועלט. אָבער דער פלאַם־פייער וואָס איז אָנגעצונדן געוואָרן אין הלל זאָלאָטאַראָוו׳ס נשמה האָט געברענגט אין אים ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג. ער איז, צוזאַמען מיט זיין אַנאַרכיסטישן חבר משה קאַטץ (נישט צו פאַרמישן חלילה מיט יענעם משה כץ, וואָס איז פריער געווען אַ טעריטאָריאַליסט און איז שפּעטער געוואָרן אַ פאַרביסענער יעווסעק. ב. צ.) פריער דורכגעגאַנגען דעם היסטאָרישן טעות פון טעריטאָריאַליזם. זיי האָבן זיך פאַרבונדן אויף זייער גאַנצן לעבן מיט אַלע אַקטיוויטעטן פון סאָציאַליסטישן ציוניזם אין אַמעריקע, אָפּגעבנדיק זיי אַלע זייערע באַגאַבונגען און זייער סאַמע לייב און לעבן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך זיינען די יונגע פּועלי־ציון־גרופּן באַדייטנדיק געשטאַרקט געוואָרן דורך ד״ר זאָלאָטאַראָוו׳ס אַרויסטריט אין זייערע סאַמע ערשטע יאָרן. אין די שפּעטערדיקע צייטן האָבן מיר פון אים געצויגן אומ־געהויערע דערמוטיקונג. אָבער אין יענע ערשטע יאָרן האָבן מיר געקראָגן פיל מער פאַרשטאַרקונג דורך די לעקציעס פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

## י.

ד״ר זשיטלאָווסקי איז סוף 1904 געקומען קיין אַמעריקע, צוזאַמען מיט דער באַרימטער רעוואָלוציאָנערין יעקאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ, וועלכע איז אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אָנגערופן געוואָרן מיט נאָמען „די באַבושקאַ״. זיי זיינען געקומען ווי שליחים פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן צו מאָביליזירן הילף פאַר איר העלדישן קאַמף קעגן צאַריזם. די דאָזיקע פּאַרטיי איז דאַן ממש פאַרגעטערט געוואָרן פון כמעט אַלע עלעמענטן אין אַמעריקע, אידישע און נישט־אידישע, צוליב די שאַרפע קלעפּ וואָס זי האָט דאַן דערלאַנגט דער פאַרהאַסטער צאַרישער רעגירונג. העכער פון אומעטום איז דער פּרעסטיזש פון די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן געווען צווישן די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען אַליין נישט־לאַנג צוריק אַנטלאָפן פון רוסלאַנד צוליב די פּאָג־ראָמען, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אָרגאַניזירט. מען קען זיך דעריבער פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ רענאָמע ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז געקומען צו אָט־די אידישע מאַסן.

מען קען זיך אויך פאָרשטעלן ווי געפּלעפט עס זיינען געוואָרן די דע־מאָלטיקע וואָרט־זאָגער פון דער אידישער אַרבעטער־גאַס, ווען ד״ר זשיט־לאָווסקי, מיט אַזאַ הויכער סאָציאַליסטישער סמיכה, האָט אָנגעהויבן פּראָפּאַ־גאַנדירן זיינע געדאַנקען. דער הויפּט־יסוד זייערער איז געווען, אַז אידישע סאָציאַליסטן זיינען פאַרפליכטעט צו קעמפן פאַרן נאַציאָנאַלן קיום פון אידישן פאָלק. קיין ציוניסט איז ער נאָך דעמאָלט נישט געווען. זיין דעמאָלטיקע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם קען בערך אַזוי פאָרמולירט ווערן:

די אידן אין רוסלאַנד דאַרפן, נאָך דער דערפאָלגרייכער רעוואָלוציע, באַקומען אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן פּאַרלאַמענט (מען האָט עס באַצייכנט מיטן נאָמען „סיים״. דערפון נעמט זיך דער נאָמען „סיימיסטן״ פאַר זשיטלאָווסקי׳ס אָנהענגער). אָט־דער אידישער סיים, וואָס רעפּרעזענטירט דאָס רוסישע אידנ־טום, וועלכעס האָט דאַן געציילט איבער 6 מיליאָן, זאָל דאַן זיך אָפּגעבן מיט זוכן אַ טעריטאָריע פאַרן אידישן פאָלק. דערביי האָט ער אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז די דאָזיקע טעריטאָריע וועט מען געפינען אין רוסלאַנד גופא. אָט־די געדאַנקען האָט ער אַנטוויקלט אין אָנהויב יאָר 1905, אַרום 15 יאָר איידער דער בירָאָבידזשאַן־פּלאַן איז אויפגעקומען.

ס׳איז אַגב אינטערעסאַנט צו דערציילן אַן עפּיזאָד וואָס האָט פּאַסירט יענעם אָוונט, ווען ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט אָט־דעם געדאַנק אַנטוויקלט. די „באַבושקאַ״ איז געווען אויף דער פּלאַטפאָרמע, ווען זשיטלאָווסקי האָט

ווען דעם גערעדט. לעבן איר איז געזעסן דער דערמאָנטער אַנאַרכיסט משה קאַטץ, וועלכער האָט געהערט צו די אָרגאַניזירטע פריינט פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. חבר קאַטץ האָט פאַר דער „באַבושקאַ" איבערגעזעצט אין רוסיש די אויספירונגען פון דעם רעפערענט. נאָכן רעפעראַט האָט זיך אַנט־וויקלט אַ זייער הייסער וויכוח. די אַנטי־נאַציאָנאַלע אידישע סאָציאַליסטן זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן זשיטלאָווסקין. סטייטש — האָבן זיי מיט היץ גע׳טענה׳ט — נאָך אַזאַ דערפאָלגרייכער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד ווען די אידן נאָך אַלץ דאַרפן זוכן אַ טעריטאָריע? וויאַזוי קען אַזאַ באַרימטער סאָציאַליסט גאָר פּרעדיקן אידישע סעפּאַראַציע פון די נישט־אידן? דער טומל אין זאַל איז געוואָרן זייער הויך, ווייל דער וויכוח האָט זיך תיכף אַריבער־געטראָגן צום גאַנצן קהל. די „באַבושקאַ" פרעגט דאַן דעם חבר משה קאַטץ, פאַרוואָס עס קאָכן זיך אַזוי די קעגנער פון חיימען. חבר קאַטץ האָט איר דערקלערט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. האָט זי אַנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן און האָט אַרויסגערעדט אין רוסיש: וואָס, זיי ווילן נאָך נישט אַזאַ געניאַלן פּלאַן?

אָבער די גרויסע, כמעט־רעוואָלוציאָנערע, ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אינעם געמיט פון דער אידיש־ראַדיקאַלער און סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ איז נישט געווען פאַרבונדן מיט אָט־דעם זשיטלאָווסקי־געדאַנק, וואָס זייער ווייניק האָבן אים דאַן אָנגענומען. די ענדערונג איז געקומען דורך דעם, וואָס אַ גרויסער אידישער סאָציאַליסט, וועמען מען האָט זיינע סאָציאַליסטישע ציצית בשום־אופן נישט געקענט פּסל׳ען — ווי מען האָט עס געטאָן מיטן סאָציאַליזם פון אונזערע פּועלי־ציון — קומט אַרויס מיט אַזעלכע וויט־גייענדיקע נאַציאָנאַלע געדאַנקען, וואָס די מערסטע פון די דעמאָלטיקע וואָרט־זאָגער האָבן פאַרמשפּט ווי פּשוטע רעאַקציע.

צום העכסטן פּונקט איז עס געקומען ווען זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט איבער דער טעמע: „רעוואָלוציעס אין דער אידישער געשיכטע". מען קען זאָגן, אַז אָט־די טעמע האָט זשיטלאָווסקין אַליין מער אָנגערעגט, ווי אַלע אַנדערע טעמעס. זיין וואונדערבאַרער אידישער לשון און זיין מייסטער־האַפטע קאָנסטרוקציע פון אַ רעפעראַט האָבן אַלעמאָל געוואָלטיק משפּיע געווען. אָבער ווען ער האָט גערעדט וועגן אָט־דער טעמע האָט מען אַרויס־געשפּירט ווי ער אַליין ווערט פון איר דערהויבן. ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָט זיך דער עולם, וואָס איז געזעסן געשפּאַנט צוויי שעה נאָכאַנאַנד און האָט נישט געוואָלט פאַרלירן קיין איין וואָרט פון דער רעדע, זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ זיסן חלום און ערשט דאַן אויסגעבראָכן אין אַן אָוואַציע, וואָס קיין

אַנדער רעדנער, ביי קיין אַנדער געלעגנהייט, האָט נישט באַקומען. און די מערסטע פון די, פון וועמענס הערצער די אָוואַציע האָט זיך געריסן, זיינען געווען אונזערע פועלי־ציון. אויך זיי האָבן, פונקט ווי איך, נישט פאַרפעלט קיין איינע פון זיינע לעקציעס. זיין פינאַל האָט פיל צוגעטראָגן צו אָט־דער אָוואַציע. ער האָט אַזוי געזאָגט:

„די פון אייך, וואָס שרעקן זיך פאַרן אידישן נאַציאָנאַליזם, וואָס זעען אין דעם רעאַקציע אָדער אַנטי־סאָציאַליזם, יענע ראָט איך: היט זיך פון לערנען אידישע געשיכטע. זי קען אייך נאָך חלילה פאַרפירן אין דער טומאה אַריין. אָבער די פון אייך וואָס שרעקן זיך נישט פאַרן אידישן נאַציאָנאַליזם — אייך ראָט איך: לערנט אידישע געשיכטע. פאַרטיפט זיך אין איר. הפוך בה והפוך בה. איר וועט קענען פון איר שעפּן גייסטיקע כוחות פאַר יענע רעוואָלוציעס וואָס די גאַנצע מענטשהייט דאַרף נאָך דורכמאַכן. איר מעגט זיך אויך פאַרגינען אַ געפיל פון שטאָלץ, וואָס די געשיכטע פון אונזער פאָלק האָט עס צוגעטראָגן דער גאַנצער מענטשהייט!".

נאָך דער אָוואַציע האָבן אַ גרופּע פועלי־ציון — אייער קנעכט צווישן זיי — אים אַרויסגעטראָגן אויף די אַקסלען אין קלינטאָן סטריט, וואו דער רעפעראַט איז פאָרגעקומען, און אים דערטראָגן צו אַ רעסטאָראַן אויף גרענד סטריט, וואו מיר האָבן פאַרבראַכט אין געזאַנג ביז די ערשטע שעה'ן פון פרימאָרגן. אויב די לייענער קענען אין דעם זען אַ נאַאיוויטעט פון אינגלעך און מיידלעך — מעגן זיי. איך וואָלט אָבער געוואָלט זיי זאָלן האָבן אין זינען, וואָס מיר איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויסגעקומען צו ענטפערן אויף אַפּטע קשיות: פאַרוואָס האָבן אַ סך פועלי־ציון, אויך איך צווישן זיי, אַפּטמאָל מוחל געווען זשיטלאָווסקין זיינע זינד קעגן ציוניזם, וואָס עמעצן אַנדערש האָבן מיר נישט מוחל געווען (און ער איז באַגאַנגען זייער פיל זינד, אין זיין ווייטערדיקער קאַריערע, קעגן ציוניזם)? מיין ענטפער איז געווען:

מיר האָבן אים נישט געקענט פאַרגעסן דעם חסד־נעורים וואָס ער האָט אונז געבראַכט. ער, דער סאָציאַליסט פון אַזאַ רום, האָט אונז אַזוי געשטאַרקט אין אונזער דעמאָלטיקער אויסגעלאַכטער איינזאַמקייט, אין וועלכער מיר האָבן זיך דאַן געפונען אין דער אידישער גאַס, וואָס איז באַהערשט געוואָרן פון די בנימין פייגענבוימס און זיינע חברים.

מיט אָט־דעם ווינטער 1904־5 האָבן זיך פאַרענדיקט מיינע ערשטע שריט אין אַמעריקע. איך גיי אַריבער צו אַ פאַר־מיר־נייער תקופה, אַ תקופה פון טיפערער פאַרוואָרצלונג אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן בכלל און אין אונזער באַוועגונג בפרט. די דאָזיקע תקופה האָט זיך אָנגעהויבן מיטן ערשטן לאַנד־

צוזאַמענפאַר פון די אַמעריקאַנער פועלי־ציון, אָפּגעהאַלטן אין פילאַדעלפיע סוף אַפּריל און אָנהויב מאַי 1905.

נאָך די עטלעכע באַגייסטערטע וואָכן זינט דער פאַראייניקונג־קאָנווענשאָן, האָט אָנגעהויבן אַריינטרעטן די געוויינטלעכע אָפּקילונג. אויף די זיצונגען פון דעם נייעם צענטראַל־קאָמיטעט זיינען אַפילו פאַרהאַנדלט געוואָרן זייער גרויסע פּלענער, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיך אָנגעהויבן מערקן געוויסע נעגאַטיווע דערשיינונגען.

דר. חיים זשיטלאָווסקי׳ס אינטערעס האָט זיך גענומען אויסוועפּן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין אים אַ נייער אַנטי־ציוניסטישער גלגול. אמת, ער האָט אָנגעהאַלטן זיין מיטגלידערשאַפט אין צענטראַל־קאָמיטעט ביז צו דער מאָנטרעאָלער קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין האַרבסט פון 1910. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין איר. אָבער שוין אויף דער קאָנווענשאָן האָט מען געשפּירט, אַז ער האָט נישט דאָס האַרץ אין דער פאַראייניקטער פּאַרטיי. לויט מיין מיינונג, איז עס געווען אַ רעזולטאַט פון צוויי פאַקטאָרן: א) ער האָט דערשפּירט — און דאָס איז דער עיקר — אַז די נייע פּאַרטיי וועט אים נישט נאָכגיין דעם גאַנצן וועג וואָס ער האָט פאַר איר צוגעגרייט. זי וועט קיין אידישיסטישע פּאַרטיי נישט ווערן. ב) די לאַגע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז נישט געווען קיין גלענצנדיקע. במשך פון דער צייט איז קלאָר געוואָרן, אַז דער ציוניזם וועט פון דעם נייעם, יונג־טערקישן רעזשים קיין גרויס נוצן נישט האָבן. איז ווײַבאַלד אַזוי, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אפשר איז פון זיין שטאַנדפּונקט דער גאַנצער ענין פון אָנשליסן זיך צו די פועלי־ציון געווען אַ מקח־טעות. האָט ער זיך גענומען צוריקציען, וואָס ווייטער אַלץ מער.

קודם האָט ער זיך שטאַרק פאַר׳חבר׳ט מיט די סאָציאַליסטן־טעררי־טאָריסטן, וועלכע זיינען געבליבן קעגן דער פאַראייניקונג און האָבן ווײַטער פאַרגעזעצט זייער עקזיסטענץ, ווי אַ באַזונדערע פּאַרטיי. זיי האָבן ווידער אָנגעפירט אַ שאַרפן קאַמף קעגן די פועלי־ציון. פאַר אָט־דעם קאַמף האָט זיי דר. זשיטלאָווסקי געגעבן אַ שטענדיקן פּלאַץ — אַפילו אַ באַזונדערע אָפּטיילונג, וועלכע זיי האָבן אַליין רעדאַקטירט — אין זיין חודש־זשורנאַל „דאָס נייע לעבן”. דאָס איז געווען בלויז איינער פון די מאָמענטן, אין וועלכע זיין נייער־אַנטי־ציוניסטישער־גלגול האָט זיך אַנטפּלעקט. זיין צוריקטריט איז געווען זייער עקסטרעם און ער האָט דערגרייכט זיין מאַקסימום נאָך דער מאָנטרעאָלער קאָנווענשאָן.

ער האָט דאַן געמאַכט אַ ספּעציעלן באַזוך אין ארץ־ישראל. קומענדיק

צוריק פון אַט־דער רייזע האָט זיין אַנטי־ציוניזם דערגרייכט דעם הויך־פונקט. ער האָט דאַן פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען אונטערן נאָמען „דער דריטער חורבן״. דאָרט האָט ער געמאַכט אַש און פאַרעך פון אַלץ, וואָס איז ביז דאַן דערגרייכט געוואָרן אין ארץ־ישראל. ער זעט אין דעם אַ נייעם חורבן; אַ חורבן פון דער ציוניסטישער האָפענונג. אמת: אַט־די עקסטרעמע רעאַקציע האָט אין אים זיכער אַרויסגערופן די זייער נישט־אידעלע טאַקטיק פון דעם „גדוד מגיני השפה״ אין ארץ־ישראל, וואָס האָט אים, זשיטלאָווסקין, געגעבן גאָר ניט קיין וואַזשנעם קבלת־פנים. איך בין דאַן געווען איבערצייגט — און בין עס נאָך עד־היום — אַז דער „גדוד״ האָט געהאַנדלט אומזיניק און גראָב. סיווי: אים, זשיטלאָווסקין, האָט עס אַריינגעבראַכט אין אַזאַ אַנטי־ציוניסטישן גלגול, וואָס קען אמ׳בולט׳סטן דעמאָנסטרירט ווערן, דורך אַ דערקלערונג וואָס ער האָט דאַן געגעבן, ווען ער איז צוריקגעקומען פון ארץ־ישראל, צו אַ גרופּע חברים, מיך אייננגע־שלאָסן:

„חברים״ — האָט ער געזאָגט — „איך פאַרזיכער אייך, אַז ווען עס וועלן צוקומען אין אייער ארץ־ישראל נאָך פופציק טויזנט איראָפּעאישע אידן, וועלן זיי אַראָפּשווענקען אייער העברעאיש, פון אים וועט קיין זכר נישט בלייבן״. דערמיט האָט ער געקילט זיין אידישיסטיש האַרץ. דאָס איז אים אָבער נאָך געווען ווייניק. ער האָט געצילט אינעם עצם־ציוניזם. האָט ער נאָך צוגעגעבן: „ליידער זע איך נישט, וואָס נייע 50 טויזנט אידן קענען טאָן אין אייער ארץ־ישראל. נישטאָ דאָרטן קיין פּלאַץ פאַר קיין נייע 50 טויזנט אידן״.

ס׳איז היינט נישט נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז די ווייטערדיקע אַנט־וויקלונגען האָבן אָפּגעלייקנט ביידע השערות זיינע. עס זיינען געקומען מער ווי אַ מיליאָן נייע אידן; עס זיינען אויך צוגעקומען הונדערטער־טויזנטער אין ארץ־ישראל־געבוירענע נייע אידן — און זיי האָבן געפונען גענוג פּלאַץ פאַר זיך, טראָץ דעם פאַקט, וואָס דער שטח פון ארץ־ישראל איז איצט קלענער. אַפילו אין אַט־דעם פאַרקלענערטן שטח ווערן צוגעגרייט מעגלעכ־קייטן אַריינצונעמען נייע הונדערטער־טויזנטער, וואָס דאַרפן נאָך ערשט קומען. אויך העברעאיש איז, חלילה, נישט „אַראָפּגעשווענקט״ געוואָרן: פונקט פאַרקערט! זי ווערט כסדר מער אַנטוויקלט, מער פאַרטיפט און מער פאַר־פלאַנצט אין לאַנד. אָבער איך פאַרנעם מיך איצט נישט אויף קיין וויכוח מיט דעם זייער לאָגיש־דענקנדיקן דר. חיים זשיטלאָווסקי עליו השלום. ער אַליין האָט דאָך אַרויסגעבראַכט אין זיין גרויסער רעדע — אויפן באַנקעט צו פייערן די פאַראייניקונג — שאַרפער ווי איך קען, אַז אַ פאָלק ווערט

געפירט מער פון די מיסטישע כוחות אין זיין געשיכטע, ווי פון לאָגישע אויסרעכענונגען. אָבער איך האָב נאָך דערמאָנט יענע איינשטעלונג פון זשיט־לאָווסקין, כדי צו באַווייזן ווי ווייט עקסטרעם ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין זיין נייעם, אַנטי־ציוניסטישן גלגול. דעם אַנהויב פון אָט־דעם נייעם גלגול האָט מען געקענט שפּירן אין אים כמעט באַלד נאָך די יום־טוב׳דיקע איבערלעבונגען פון דער פּאַראייניקונג. נאַטירלעך האָט עס קיין געזונט דער נייער פאַראייניקטער פּאַרטיי נישט צוגעגעבן.

חבר אַברהם גאָלדבערג האָט נאָך פאַר דער מאָנטרעאַלער קאָנווענשאָן רעזיגנירט פון צענטראַל־קאָמיטעט און איז אַריבער צו די אַלגעמיינע ציו־ניסטן. אויך אייניקע פריערדיקע פועלי־ציוניסטישע קעגנער פון דער פאַר־אייניקונג האָבן אָנגעהויבן שווער מאַכן די אַרבעט. עס האָבן זיך פון זיי דערהערט טענער, אַז די פועלי־ציון פאַרטיי איז אַראָפּ פון דרך הישר. צוויי פון די פירנדיקע חברים פון די פועלי־ציון — דער חבר דוב אַבערסאָן און זיין פרוי אסתר מינץ — זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ באַזונדערן פאַראיין אין שיקאַגאָ, וואָס האָט נישט אָנגענומען די נייע פאַראייניקונגס־פּראָגראַם. ער האָט דערקלערט, אַז ער אָנערקענט העברעאיש ווי די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אידישן פאָלק.

האָבנדיק דאָס אַלץ אין זינען קען מען זיך לייכט פאָרשטעלן, אַז די גע־מיטער פון די דעלעגאַטן צו דער מאָנטרעאַלער קאָנווענשאָן זיינען נישט געווען זייער דערהויבן. אַ פּעסימיסטישער טאָן באַקומען די אויבערהאַנט, כמעט מצד אַלע וויכטיקע חברים. איך מעג באַהויפּטן, אַז איך בין געווען דער איינציקער, וואָס האָב אויף דער קאָנווענשאָן אַריינגעברענגט אַן אָפּטי־מיסטישן טאָן. איך האָב פאַראויסגעזאָגט, אַז די אויסווירקונג פון דער פאַר־אייניקונג וועט מען ערשט דערפילן מיט יאָרן שפּעטער. אין יענער רעדע מיינער, בין איך אַרויסגעטראָטן קעגן דער זשיטלאָווסקי־איינשטעלונג, אַז די פאַרטיי דאַרף זען איר הויפּט־אינטערעס אין נאַציאָנאַלער גלות־אַרבעט. איך האָב געזאָגט, אַז אַפילו די נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות וועט האָבן מער דערפאָלג, אויב די אָנפירער פון אַזעלכע אַרבעטן וועלן געשטאַרקט ווערן אין זייערע נשמות דורך דער איבערצייגונג, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט סוף־סוף אויפבויען זיין אידישע מדינה אין ארץ־ישראל. דאָס האָט מצד דר. זשיטלאָווסקי אַרויסגערופן דעם ענטפער, וואָס ער האָט מיר געגעבן אין זיין זשורנאַל „דאָס נייע לעבן״, וואָס ווערט געבראַכט אין דעם אַריינפיר צו אָט־דעם בוך זכרונות.

ווען איך טראַכט היינט וועגן דעם דוכט זיך מיר, אַז אויך איך אַליין

בין געווען אַ קרבן פון דער אַלגעמיינער פעסימיסטישער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אויף דער מאַנטרעאָלער קאָנווענשאַן. דעריבער האָב איך אָפּגע־לייגט די פּאָזיטיווע אויסווירקונג פון דער פּאַראייניקונג אויף יאָרן שפּעטער. דער אמת איז אָבער, אַז דווקא אָט־די מאָנטרעאָלער קאָנווענשאָן האָט שוין אָנגעהויבן שניידן די פּרוכט פון דער פּאַראייניקונג. פון איר האָט זיך אָנגע־הויבן די רעאַליזירונג פון די צוויי וויכטיקסטע איניציאַטיוועס פון דער פּאַראייניקטער פּאַרטיי: א) די גרינדונג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פּאַרבאַנד און די גרינדונג אין ניו־יאָרק פון דער ערשטער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שולע, וואָס האָט געעפנט דאָס קאַפּיטל פון אידישע פאָלקס־שולן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. דאָס האָט שפּעטער אַריינגעצויגן אויך אַנדערע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס אין אָט־דעם שטח פון אידישער דערציאונג.

ביים צוגרייטן די דאָזיקע צוויי איניציאַטיוועס זיינען — נאָך פאַר דער מאָנטרעאָלער קאָנווענשאָן — פאָרגעקומען וויכוחים און אָנשטרענגונגען. תיכף נאָך דער קאָנווענשאָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ מער־אָרגאַניזירטע און פאַרשטאַרקטע אַרבעט אַרויסצופירן אָט־דיביידע גרויסע איניציאַטיוועס מן הכוח אל הפועל.

# דער ערשטער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון אַמעריקאַנער פועלי־ציון

א.

טראַכט איך איצט, העכער 56 יאָר שפּעטער, וועגן אַט־דעם צוזאַמענפאָר, מוז איך בויגן מיין אַלטן קאָפּ פאַר דער געוואַגטקייט פון 23 בחורים און מיידלעך (די מערסטע פון זיי זיינען נאָך קיין 20 יאָר נישט אַלט געווען) זיך צו פאַרמעסטן און איינצונעמען אַ פעסטונג, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרפאַנצערט קעגן זייערע אידייען. בעיקר טאַקע מצד די אַנטי־ציוניסטישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן. אָבער אויך מצד די אַלגעמיינע ציוניסטן.

נישט איינמאָל האָבן מיר געהערט פון אַלגעמיינע ציוניסטן דעם פאָר־וואורף, אַז מיר זוכן צו פאַראייניקן פייער מיט וואַסער. אַפילו יענע, וועלכע זיינען נישט געווען אַזוי עקסטרעם, האָבן דאָך געזען אין אונזער פאַרבינדן און צוזאַמענגיסן סאָציאַליזם מיט ציוניזם אַ מין אידייאישן שעטנז. מען האָט זיך באַצויגן צו אונז מיט פריינטשאַפט, אָפטמאָל אַפילו מיט וואַרעמקייט. אָבער — מען האָט אָנגענומען, אַז דאָס איז נאָר אַ נאַאיווע פאַנטאַזיע פון יונגע און גרינע קינדער. אַז זיי וועלן עלטער ווערן, וועלן זיי זיך אויס־גרינען און אָנהויבן אַנדערש דענקען.

בלויז איין־איינציקער פון די דעמאָלטיקע ציוניסטישע פירער האָט דערשפּירט אין אונז עפּעס אַ נייעם כוח, וועלכער פאַרדינט מען זאָל אים העלפן אַנטוויקלען זיך. דאָס איז געווען דער טיפסטער ציוניסטישער דענקער וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט אַרויסגעגעבן — לואי ליפּסקי. ער איז טאַקע געקומען צו יענעם צוזאַמענפאָר, נישט אין אָפיציעלער שליחות, נאָר בכדי זיך טיפער צו באַקענען מיט דעם נייעם מענטשן־מאַטעריאַל; בכדי אַליין זיך צוהערן צו זייערע אידעאָלאָגישע וויכוחים און בכדי ער אַליין זאָל קענען טיפער אַריינדרינגען אין דעם מהות פון דער נייער מזיגה פון ציוניזם מיט סאָציאַליזם.

אין יענער נאַכט־סעסיע, ווען עס האָט געברויזט דער וויכּוח אַרום דער אוגאַנדאַ־פּראַגע, איז ער מיטגעזעסן מיט אונז די גאַנצע נאַכט. ער האָט זיך אין וויכּוח נישט באַטייליקט. ער האָט נישט גענומען אויף זיך די ראָלע פון אַן עלטערן חבר און לערער. ער איז פּשוט מיטגעזעסן און מיט טיפן אינ־טערעס זיך צוגעהערט צו וואָס מיר האָבן געהאַט צו זאָגן.

אין שפּעטערדיקע יאָרן האָבן מיר זיך מיט אים זייער אָפט באַגעגנט. אַמאָל אַפילו זיך מיט אים צוזאַמענגעשטויסן. אָבער עד היום הזה איז אין אונזערע הערצער — פאַר זיך אַליין קען איך עס אַוודאי זאָגן — געבליבן אַ טיפע פאַרערונג צו אָט־דעם דעקאַן פון אַמעריקאַנער ציוניזם. פאַר מיר פּער־זענלעך האָט ער אַלעמאָל געדינט ווי אַ באַשטעטיקונג אויף מיין איבערצייגונג, אַז אויך אין אַמעריקאַנער אידנטום קענען אויסוואַקסן גרויסע, שעפערישע פּערזענלעכקייטן, טיפע דענקער און אידעאַליסטן פון דער העכסטער מדרגה. לואי ליפּסקי האָט דאָס אַלץ פאַרמאַגט.

זיין איינשטעלונג צו אונז האָט ער נישט איינמאָל אויפגעקלערט אין פּריוואַטע שמועסן. ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט געלעבט אין ארץ־ישראל, וואָלט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז זיכער, אַז נאָר די אידישע אַרבעטער וועלן קענען בויען די אידישע מדינה. אָבער אין אַמעריקע, האָט ער געהאַלטן, איז נישט נויטיק אַ באַזונדערע ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. אַלע סאָציאַליסטישע ציוניסטן, האָט ער גע־האַלטן, דאַרפן געהערן צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין איר משפּיע זיין פאַר זייער געדאַנקען־גאַנג. סייווי — מיר האָבן דאָך אים נישט געפאָלגט. און ער האָט געוווּסט, אַז אין דעם פּונקט וועלן מיר מיט אים נישט מסכּים זיין. מיר האָבן געשפּירט, אַז נאָר אין אַן אויסגעשפּראָכן־קלאָרער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג ליגט די מעגלעכקייט צו קענען באַאיינפלוסן יענע עלעמענטן, אויף וועלכע מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן. אָבער בשעת עס איז פאָרגעקומען אונזער ערשטע לאַנד־קאָנפערענץ, האָט ער אפשר געהאַט די האָפענונג, אַז מיר וועלן פריער אָדער שפּעטער אָנגעמען זיין דרך. זיכער האָט ער געהאָפט, אַז אויב אונזער כּוח וועט וואַקסן וועלן מיר דאָך, אַלס קערפּערשאַפט, זיך פאַרבינדן מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ צוגאָב־סיבה פאַרוואָס ער איז מיט אונז מיטגעזעסן אַלע פיר טעג פון אונזערע פאַרהאַנדלונגען.

וואָס ער האָט באמת אַרויסגעטראָגן פון יענעם ערשטן לאַנד־כּינוס אונזערן, ווייס איך נישט. איך בין זיכער, אַז ער האָט נישט געשעפּט קיין גרויס נחת פון דעם פאַקט, וואָס ער האָט בייגעוווינט דעם וויכּוח אַרום

אוגאַנדאַ. ער האָט אפשר, שאַרפער ווי מיר, געפילט אַז די נייע פּאַרטיי וועט מוזן געשפּאָלטן ווערן. איך אַליין האָב אויך, טאַקע צוליב דער זעלביקער סיבה, נישט געשעפּט קיין נחת פון יענער אסיפה. אָבער איך האָב כאָטש געהערט צו יענער נאַאיווער גרופּע, וואָס האָט נאָך געהאָפט אויסצומיידן אַ שפּאַלטונג. ער, דער עלטערער און מער־דערפאַרענער, האָט אַוודאי אָט־די נאַאיווקייט נישט געטיילט. איז וואָס העכער ער האָט געשעצט די פּאָטענצן פון אַ נייעם ציוניסטישן כוח אין אונז, אַלץ טיפער האָט אים געמוזט ווייטאָן דער שפּאַלטונגס־קריזיס וואָס איז אונז פאַרגעשטאַנען.

מיין אייגענער ווייטיק איז געווען גאַר־גרויס. פון די 23 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ, זיינען 18 געווען אויסגעשפּראָכענע טעריטאָריאַליסטן. בלויז פינף — איך איינער פון זיי — זיינען געווען פּאַלעסטינצעס. און דווקא איך האָב געהערט צו יענע פון די פּאַלעסטינצעס, וועלכע האָבן געזוכט אויפצוהאַלטן די גאַנצקייט פון דער נאָך־אַזוי־שוואַכינקער פּאַרטיי. די וויכוחים וויאַזוי אָרגאַניזאַטאָריש אויפצוהאַלטן די פּאַרטיי זיינען געווען פיל שווערערע, ווי די וויכוחים אַרום דעם עצם־פּרינציפּ. עס איז טאַקע אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שטיקל פּאַראייניקטע ראַם, וועלכע איז בלויז עטלעכע וואָכן נאָכן צוזאַמענפאָר צוזאַמענגעבראָכן. בעיקר האָבן די דאָזיקע ראַם נישט געוואָלט אָננעמען יענע חברים פּאַלעסטינצעס, וועלכע זיינען ביי דער קאָנפערענץ נישט געווען. זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן סניפים פון פּועלי־ציון פּאַלעסטינצעס און די שפּאַלטונג איז דורכדעם שנעל געקומען.

ב.

די ערשטע לאַנד־קאָנפערענץ האָט פונדעסטוועגן באַוויזן צו באַהאַנדלען אויך אַנדערע פראַגן — מחוץ דעם אוגאַנדאַ־ענין — וואָס איז כדאי צו פאַרצייכענען.

זי האָט באַהאַנדלט די פראַגע פון אַ פּאַרטיי־פּלאַטפאָרמע. זי האָט אָבער נישט באַוויזן אַזוינס צו פאָרמולירן ענדגילטיק. עס איז פאַרגעלייענט געוואָרן די פּלאַטפאָרמע וואָס דער ערשטער פּועלי־ציון צווייג אין ניו־יאָרק האָט פאָרמולירט נאָך אין 1903. די דאָזיקע פּלאַטפאָרמע איז נאָכדעם אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ באַזונדער בראָשור. אין אָט־דער פּלאַטפאָרמע זיינען אָן ספק אַריינגעבראַכט געוואָרן אַלע עלעמענטן פון דער פּועלי־ציון אידיי, ווען אַפילו אין אַ פאַרנעפּלטער פאָרם. עס ווערט אין איר ברייט אַרומגערעדט סיי דער נאַציאָנאַלער קאַמף פון פאַרשידענע פעלקער, וועלכע זוכן

זייער פרייהייט, סיי דער קלאַסן־קאַמף. עס ווערט אין איר אַרויסגעבראַכט די מסקנה, וואָס איז געווען און געבליבן דער יסוד פון אַלע ריכטונגען, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון פועלי־ציוניזם. די מסקנה, אַז דער נאַציאָנאַלער קאַמף און דער קלאַסן־קאַמף זיינען נישט קעגן איינער דעם צווייטן, נאָר פאַרקערט: „זיי זיינען צווייגן פון זעלביקן שטאַם; זיי שטרעבן צו באַפרייען די מענטשהייט מיט פאַרשידענע מיטלען, אויף פאַרשידענע וועגן". די פראָגראַם רעכנט דאַן אויס אַ גאַנצע ריי פון טעטיקייטן וואָס די נייע באַוועגונג פאַרמעסט זיך דורכצופירן אויפן פּאָליטישן געביט, אויפן עקאָנאָמישן געביט און אויפן געביט פון בילדן די מאַסן. דער פאַרמעסט איז אָן ספק זייער אַ ברייטער און פילזייטיקער. די לאַנד־קאָנפערענץ האָט בלויז באַשלאָסן אָט־די פּלאַטפאָרמע ווי אַן אָנוואורף פאַר אַ מער־באַגרינדעטער פּרינציפּן־דערקלערונג, וואָס זי האָט פאַרפליכטעט איר נייעם צענטראַל־קאָמיטעט אויס־צואַרבעטן. מער האָט דאַן די קאָנפערענץ בנוגע אַ פּלאַטפאָרמע נישט גע־קענט אונטערנעמען, ווייל אַלעמענס געדאַנקען זיינען געווען קאָנצענטרירט אַרום דער אוגאַנדאַ־פראַגע.

און בנוגע דער אוגאַנדאַ־פראַגע האָט די קאָנפערענץ, זוכנדיק אַ פאָרמולע וואָס זאָל קענען איינהאַלטן די גאַנצקייט פון דער פּאַרטיי, אָנגענומען אַזאַ מאָדנע רעזאָלוציע: די פועלי־ציון פּאַרטיי שטרעבט צו שאַפן פאַרן אידישן פאָלק אַן אייגענעם באָדן, אַ טעריטאָריע. וועלכער באָדן? וועלכע טערי־טאָריע? דאָס באַשטימט נישט די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע. „יעדער פאַראיין, ווי יעדער חבר מעג אַגיטירן ווי ער פאַרשטייט". עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די גאַנצע פּאַרטיי איז מחוייב צו אַרבעטן פאַר דער קאָלאָניאַל־באַנק, אָבער בנוגע דעם נאַציאָנאַל־פאָנד קען יעדער פאַראיין האַנדלען ווי ער וויל. די סיבה איז אַ פאַרשטענדלעכע: וועגן דער קאָלאָניאַל־באַנק איז נאָך דאַן נישט באַשלאָסן געוואָרן אַז זי דאַרף פירן איר אַרבעט נאָר אין ארץ־ישראל. ערשט אויפן 8טן קאָנגרעס איז אַזאַ באַשלוס אָנגענומען גע־וואָרן נאָך אַ שאַרפן קאַמף. אָבער דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט דאָך געדאַרפט, לויט זיינע סטאַטוטן, קויפן באָדן אין ארץ־ישראל. האָט די טעריטאָריאַ־ליסטישע מאַיאָריטעט נישט געוואָלט פאַרפליכטן אַלעמען צו אַרבעטן פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד.

די קאָנפערענץ האָט אויך פאַרהאַנדלט וועגן דעם פּאָליטישן קאַמף אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָן איז אָנגעגאַנגען דער זייער־שאַרפער געראַנגל צווישן דער יונגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָנגעפירט בעיקר דורך יודזשין דעבס, מאָריס הילקוויט און אַ ריי פון אינטעלעקטועלע כוחות איבערן גאַנצן

לאַנד, און דער עלטערער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס איז אָנ־געפירט געוואָרן דורך דעם עקסטרעמיסט (אין אונזערע איצטיקע באַגריפן וואָלט מען אים געמעגט באַצייכענען ווי אַ לעניניסט) דעניעל דע ליאָן. אונזער קאָנפערענץ האָט אויך בנוגע דער פראַגע איבערגעלאָזט צו יעדן פּאַראיין, ער זאָל באַשליסן, וועלכע פון די פּאַרטייען ער וויל שטיצן.

בנוגע זעלבסט־פּאַרטיידיקונג אין רוסלאַנד, איז באַשלאָסן געוואָרן צו זאַמלען געלט פאַר דער „סאַמאָ־אַבאָראָנע", וואָס די רוסישע פּועלי־ציון פירן אָן. דער באַשלוס האָט אונז שפּעטער פאַרשאַפט גרויסן האַרצוויטיק. ערשטנס, איז אויך אין רוסלאַנד פאַרגעקומען אַ שפּאַלטונג. פון די רוסישע פּועלי־ציון האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן די טעריטאָריאַליסטן, וועלכע האָבן געגרינדעט די נייע פּאַרטיי סאָציאַליסטן־ציוניסטן. די רוסישע חברים־טעריטאָריאַליסטן זיינען געבליבן ביי אָט־דעם נאָמען אַפילו נאָך דער שפּאַלטונג. דאָס געלט וואָס מיר האָבן דאַן געזאַמלט פאַר דער זעלבסטפאַרטיידיקונג איז צעטיילט געוואָרן אין צוויי גלייכע טיילן. די ס. ס. האָבן זייער טייל תיכף באַקומען. פאַר די פּועלי־ציון האָבן מיר דאַן געזוכט דעם ריכטיקן אַדרעס, צו וועמען צו שיקן דאָס געלט. ביז מיר האָבן אויסגעפונען דעם אַדרעס און האָבן אָפּ־געשיקט דאָס געלט, איז דער חבר, וואָס האָט דאָס געלט באַקומען, דערווייל אַריבער צו די סיימיסטן. ער האָט דאָס געלט איבערגעגעבן דער נייער פּאַרטיי. סיוּוּי — מיר אין אַמעריקע, האָבן געזוכט צו זיין אַבסאָלוט גערעכט צוביידע טיילן.

ג.

די פּרינציפּיעלע פאָרמולירונגען פאַר דער נייער פּאַרטיי זיינען פון צענטראַל־קאָמיטעט נישט אויסגעאַרבעט געוואָרן. די סאָציאַליסטן־טערי־טאָריאַליסטן האָבן זייער פּרינציפּן־דערקלערונג פאָרמולירט ערשט אויף דער צווייטער לאַנד־קאָנפערענץ, וואָס איז פאַרגעקומען אין באָסטאָן, אין הערבסט 1906; און די פּועלי־ציון־פּאַלעסטינצעס האָבן זייער פּראָגראַם אָנגענומען אויף זייער ערשטער קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר, אָפּגעהאַלטן אין דעצעמבער 1905. די פּאַלעסטינצעס האָבן אין זומער פון 1905 אַנטוויקלט אַ זייער ענערגישע טעטיקייט, אַזוי אַז זיי האָבן אין פאַרלויף פון אַ האַלב יאָר צייט זיך שוין געהאַט צוגעגרייט צו גאָר אַן אימפּאַזאַנטן לאַנד־צוזאַמענפאָר. זיי האָבן דעם באַלטימאָרער צוזאַמענפאָר פּראָקלאַמירט אַלס זייער ערשטן און האָבן דעם פילאַדעלפיער צוזאַמענפאָר אינגאַנצן אויסגעמעקט פון זייער פּאַרטיי־קאַלענדאַר. איך אָבער מיין, אַז די איצטיקע פּועלי־ציון, וועלכע

זיינען זיכער די ממשיכים פון דער באַלטימאָרער קאָנפערענץ, דאַרפן פון זייער קאַלענדאַר נישט אויסמעקן די ערשטע פילאַדעלפיער לאַנד־קאָנפערענץ. אמת, זי האָט קיין פּראָגראַם־יסודות נישט אויסגעאַרבעט. אָבער דער עצם־פאַקט וואָס זי איז פאַרגעקומען האָט געהאַט אַ גאַר־וויכטיקע באַדייטונג. די יונגע באַוועגונג האָט דאָך געמוזט דורכמאַכן דעם אוגאַנדאַ־קריזיס, וואָס די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג איז דורכגעגאַנגען. שוין מיט דעם אַליין האָט זי דאָך געבראַכט נוצן דער יונגער פּאַרטיי. צווייטנס, זיינען אויף יענער ערשטער קאָנפערענץ פאַרט דערשינען אייניקע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן שפּעטער פאַרנומען גאַר־וויכטיקע ערטער אין אַמעריקאַנער אידנטום, אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און — בעיקר — אין דער אייגענער פועלי־ציון־באַוועגונג. געגוג צו דערמאָנען די חברים חיים פיינמאַן, אברהם גאָלדבערג, משה יעקב גודמאַן, א. ליטווין און יחזקאל עדעלשטיין. דער לעצטער האָט מיט אונז געלעבט בלויז עפּעס מער ווי צוויי יאָר נאָך יענער קאָנפערענץ. ער איז צו אונזער אומגליק, דערטרונקען געוואָרן אין זומער פון 1907, באָדנדיק זיך אין ים אויף אַ ניו־דזשוירזיער ים־ברעג. אָבער אין די קורצע צוויי יאָר האָט ער אַריינגעשריבן וויכטיקע קאַפּיטלעך אין אונזער באַוועגונג. זיין אַרבעט האָט זיך הויפּטזעכלעך קאָנצענטרירט אין פילאַדעלפיע. אָבער זיין השפּעה האָט זיך אויסגעווירקט אין גאַנצן לאַנד. אין דער גרינדונג פון „אידישער קעמפער" אין יאָר 1906 האָט ער געהאַט גאָר אַ גרויסן חלק. די אַנדערע פיר חברים האָבן אַנטוויקלט אַ געבענטשטע טעטיקייט, יעדער לויט זיינע פעאיקייטן, וואָס האָט זיך געצויגן צענדליקער יאָרן. זייער ערשטער אויפטריט מוז דעריבער אַריינגעבראַכט ווערן אין אונזער באַוועגונגס־קאַלענדאַר.

## ד.

מיר אַליין האָט יענער זומער פון 1905, להיפך צום ווינטער 1904־5, פאַרשאַפט טיפע גייסטיקע ווייטיקן. קודם דער פאַקט, וואָס מיר איז געווען זייער שווער צו שיידן זיך פון די חברים, מיט וועלכע איך האָב זיך אַזוי טיף צוזאַמענגעלעבט. זיי האָבן אין מיין געמיט פאַרנומען מער פּלאַץ ווי די מיטגלידער פון מיין משפחה. איך האָב געליטן פון אַ גוואַלטיקן משפחה־הונגער, ווייל מיט די מיטגלידער פון מיין פאַקטישער משפחה האָב איך נישט געקענט טיילן מיינע גייסטיקע איבערלעבונגען. מיין צוגעבונדנקייט צו די חברים האָט פאַקטיש מיר געשטילט אָט־דעם הונגער. דעריבער בין איך טאָקע געווען איינער פון די עקסטרעמסטע קעמפער אויפצוהאַלטן גאַנץ

די אָרגאַניזאַטאָרישע ראָם וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט. איך בין דעריבער אויך געווען קעגן יענע פון מיינע חברים־פּאַלעסטינצעס, וועלכע האָבן זיך תיכף נאָך דער קאָנפערענץ גענומען שפּאַלטן די יונגינקע פּאַרטיי. איך ווייס איצט, אַז איך בין געווען נאַאיוו, דערוואַרטנדיק, אַז די שפּאַלטונג וועט אפשר קענען אויסגעמיטן ווערן. אָבער לגמרי אויפן חשבון פון מיין נאַאי־וויטעט קען איך עס אַפילו איצט נישט פאַרשרייבן. אין אויגוסט פון זעלביקן יאָר — 1905 — האָט געדאַרפט אָפּגעהאַלטן ווערן דער זיבעטער ציוניסטישער קאָנגרעס. צו יענעם קאָנגרעס האָט געדאַרפט געבראַכט ווערן דער באַריכט פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע וואָס איז געפאָרן אויספאָרשן דעם אוגאַנדאַ־פּלאַן. האָב איך געהאָפט, אַז אפשר וועט דער באַריכט זיין אַזעלכער, וואָס וועט נישט ברענגען צו קיין שפּאַלטונג אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַ־וועגונג און אויך נישט אין אונזער פּאַרטיי, וועלכע מיר האָבן אַט־אַקאָרשט געגרינדעט און מיט וועלכער מיר האָבן פאַרבונדן אַזויפיל האָפענונגען. עס האָט אָבער מיר — און יענע פּאַלעסטינצעס וועלכע האָבן אין דעם פּונקט מיט מיר מסכים געווען — נישט געהאָלפן. די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען. איך בין אָבער מיט די שפּאַלטער נישט מיטגעגאַנגען.

דער שטאַרקער באַגער צו בלייבן מיט די חברים איז אָן ספק געווען איינער פון די פאַקטאָרן, וועלכע האָבן מיך אין די שפּעטערע חדשים פון אַט־דעם זומער געפירט זיך אָפּצוזאָגן פון מיין פּאַלעסטינערישער איינשטע־לונג און איבערגיין צום טעריטאָריאַליזם. איך ווייס, אַז דערמיט מאַך איך מיר נישט קיין צו־גרויסן קאָמפּלימענט. איבערצוענדערן אַזאַ וויכטיקע פּרינציפּיעלע איינשטעלונג צוליב דעם חשק ווייטער צו בלייבן מיט שטאַרק־באַליבטע חברים אין איין פּאַרטיי, איז ווייט נישט קיין געהויבענע האַנדלונג. אָבער איך וואָלט געזינדיקט קעגן אָביעקטיוון אמת, ווי איך זע עס איצט אין רעטראָספּעקט, ווען איך וואָלט אַט־דעם פאַקטאָר פאַרלייקנט. ער איז אָבער נישט געווען דער איינציקער.

פון די פריערדיקע קאַפּיטלעך קען מען זען, ווי־ווייט אַט־דאָס פּראָבלעם האָט מיך ממש צעטומלט. אַפילו ווען איך האָב פעסט אָנגענומען דעם פּאַ־לעסטיניזם, בין איך נאָך אַלץ אָפט געמאַטערט געוואָרן פון ספיקות, צי בין איך טאַקע גערעכט. די תשוקה פון אַ באַלדיקער מעגלעכקייט אָנצוהויבן בויען אַן אייגענע מדינה האָט מיך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט. דערצו איז צוגעקומען נאָך אַ פאַקטאָר, וואָס האָט מיך ענדגילטיק באַאיינפלוסט אַריבערצוגיין צו די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן.

במשך די אַנדערהאַלבן יאָר, זינט מיין אָנקומען קיין אַמעריקע ביז מיין

אַריבערגיין צו די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, האָב איך, מיט דער הילף פון דעם דערמאָנטן ה׳ פריידוס פון דער „אַסטאָר לייברערי״ און מיט דער הילף פון חבר אברהם גאָלדבערג, זיך באַקענט מיט די ערשטע שריפטן פון דר. נחמן סירקין. חבר גאָלדבערג האָט באַקומען אַלע אויסגאַבן וואָס זיינען דערשינען, וועלכע האָבן באַהאַנדלט ענינים פון ציוניזם און סאָציאַליזם. צווישן זיי אויך די שריפטן פון נחמן סירקין. צום ערשטן מאָל האָב איך געלייענט שוואַרץ אויף ווייס דעם געדאַנק, אַז דער אידישער צוקונפטיקער שטאַט דאַרף און מוז זיין באַגרינדעט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. פון אַלע פריערדיקע פערזענלעכע שילדערונגען איז קלאָר, אַז אָט־דער געדאַנק האָט זיך אַריינגעפּאַסט סיי אין מיינע מחשבות, סיי אין מיין האַרץ. איך האָב שוין דאַן געוואוסט וועגן ד״ר סירקינ׳ס פּאַרזוכן צו אָרגאַניזירן גרופּן, וועלכע זאָלן אויפנעמען אָט־די אידיי און זי זוכן דורכצופירן אין לעבן. איך האָב במשך דער צייט זיך אויך באַקענט מיט שריפטן פון אַנדערע פּועלי־ציון־ראשונים, בעיקר מיט די פאַרשידענע אויסגאַבן פון די מינסקער פּועלי־ציון, וועלכע האָבן געטרעדט צו מיין האַרץ. קיינער האָט אָבער נישט אַזוי פאַר־כאַפּט מיין נשמה ווי ד״ר נחמן סירקין. אין זיינע שריפטן האָב איך דערשפּירט אַ פולע דעקונג פון אַלץ וואָס מיינע אייגענע פאַנטאַזיעס האָבן אויסגעמאָלט בנוגע די צילן, צו וועלכע עס דאַרפן זיך ציען אַלע מענטשן בכלל און אַלע אידן בפרט. איך בין דעריבער געוואָרן זיין הייסער חסיד מיט איבער צוויי יאָר פרי־ער, איידער איך האָב זיך מיט אים פערזענלעך באַקענט און האָב כמעט 17 יאָר נאָכאַנאַנד זוכה געווען צו געניסן סיי פון זיין אינטימער חבר׳שאַפט, סיי — וואָס איז דער עיקר — פון די משיחישע פונקען, וואָס האָבן פון אים אַזוי אָפט אַרויס־געשפּריצט. וועגן דעם וועט מיר נאָך אויסקומען צו דערציילן.

ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ד״ר נחמן סירקין איז דווקא געווען איינער פון די הייסטע פאַרטיידיקער פונעם טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק, האָט עס מיך אַ שטאַרקן שטויס געטאָן אויף דעם וועג, וואָס איך האָב מיך שוין פריער געגרייט צו גיין. בין איך דעריבער פאַרבליבן מיט מיינע אַלטע חברים און נישט מיטגעגאַנגען מיט די וואָס זיינען געווען אַנטשלאָסן צו שפּאַלטן די פאַרטיי.

אַז מיר האָבן אַלע געמאַכט אַ פאַטאַלן טעות, האָבן מיר דאָך שפּעטער, טאַקע צוזאַמען מיט ד״ר נחמן סירקין, מודה געווען דורך אומקערן זיך צוריק צו די פּועלי־ציון. אָבער מיין אויפגאַבע אין שרייבן מיינע זכרונות איז חלילה נישט צו פאַרדעקן מיינע אייגענע טעותן. איך בעט נאָר, אַז די

וואָס לייענען עס היינט זאָלן געדענקען, אַז אינגאַנצן בין איך דאַן ערשט אָקאָרשט אַריבער מיין 18טן געבוירנטאָג.

סיַיוּוי: איך בין געבליבן מיט די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. מיר האָבן מיט אַ שווער האַרץ אויפגעגעבן דעם נאָמען פּועלי־ציון. איך בין מודה: איך האָב געשטימט קעגן דעם. איך האָב געהאַלטן, אַז מיר מעגן זיך אָנרופן „פּועלי־ציון־טעריטאָריאַליסטן“. ווידער אַ נאַאיוויטעט פון מיין זייט. דער נאָמען „פּועלי־ציון“ איז מיר כמעט אַזוי טייער געוואָרן ווי מיינע חברים. אָבער די מאַיאָריטעט האָט איינגעזען — זיכער מיט רעכט! — אַז מיר זיינען נישט באַרעכטיקט צו טראָגן אַ נאָמען וואָס שליסט איין „ציון“. דערמיט איז געעפנט געוואָרן אַ ניי קאַפּיטל אין מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וועלכער איז אויסגעפילט געוואָרן מיט גרויס ענערגיע און האָט מיר פּערזענלעך פאַרשאַפט גרויס הנאה. איך האָב באַקומען די מעגלעכקייט צו געווינען נייע, טיפע חברים־פריינט פון גאָר אַ הויכער מדרגה. איך האָב באַקומען די מעגלעכקייט אין מיין טעריטאָריאַליסטישער עפּאָכע צו באַקענען זיך מיט אַמעריקאַנער אידנטום פון גאַנצן לאַנד. פון אָט־דעם אַלעם האָבן זיך ברייטער אַנטוויקלט מיינע אינטערעסן־קרייזן און — איך רעכן — עס איז אויך טיפער געוואָרן מיין אייגענע פעאיקייט צו באַגרייפן די געשיכט־לעכע אַחריות וואָס מיר טראָגן אויף זיך. מיר וועלן עס זען אין קומענדיקע קאַפּיטלען.

# א יאָר אין פילאַדעלפיע

## א.

דער חבר אברהם גאָלדבערג איז ווייטער געבליבן די צענטראַלע פּערזענלעכקייט פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן (איך וועל אין די ווייטערדיקע שורות נוצן בלויז די ראשי־תיבות: ס. ט.), אָבער דער אמתער אָנפירער פון דער גאַנצער אַרבעט איז געווען דער סעקרעטאַר, חבר אַלבערט פייפמאַכער. (ער האָט שפּעטער פאַרלאָזט די באַוועגונג, האָט פאַרקירצט זיין נאָמען אויף אַלבערט פייף, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיין אייגענער קאַריערע, אָבער דער ניצוץ איז געבליבן. ווען ער האָט זיך עקאָנאָמיש באַפעסטיקט, האָט אין אים אויפגעוואַכט דער יוגנט־פונק און מיר טרעפן אים אַלס אַקטיוון מיטגליד אין „די פריינט פון חיפה׳ער טעכניקום". ער האָט פיל בייגעשטייערט צו העלפן פאַרוואַנדלען דעם טעכניקום אין איינעם פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס פאַר העכער בילדונג, מיט וועלכער עם ישראל און מדינת ישראל מעגן זיכער שטאָלצירן.) איך בין אריינגענומען געוואָרן אינעם העכסטן קאָמיטעט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט איבערן גאַנצן לאַנד. מיין פונקציע איז געווען: מיטצוהעלפן דעם חבר גאָלדבערג אין דער טעאָרעטישער אויפקלערונג פון די חברים. מיר האָבן צוגעצויגן צו אונזער אַרבעט נאָך צוויי חברים און איין חברה. די צוויי חברים זיינען געווען: חבר לואי פייפמאַכער, אַ ברודער פון דעם סעקרעטאַר, אַ ווילנער חבר ירמיהו פעלדבערג, וואָס איז אין צווישן־צייט אָנגעקומען קיין אַמעריקע און אַ חברה גלאַזער.

מיין חלק אַרבעט האָב איך געקענט טאָן נאָר אין די אָוונטן און אין די זונטיקס. אין די וואָכן־טעג האָב איך געמוזט אַרבעטן אין שאָפּ. די שאָפּ־אַרבעט איז מיר געפאַלן זייער שווער; אָבער די שוועריקייט איז באַדייטנדיק פאַרקלענערט געוואָרן, ווייסנדיק, אַז די אָוונטן וועלן זיין פול מיט אינטערעס. מיט אָט־דער אַרבעט האָב איך מיך אָפּגעגעבן ביזן סוף יאָר 1905.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די ס. ט. האָט נאַטירלעך שטאַרק נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונגען ביי אונזערע אָפּגעשפּאָלטענע חברים. זייער באַלטימאָרער קאָנפערענץ האָט באַוויזן גאָר אַ וויכטיקן וואוקס ביי זיי. די ס. ט.

האָבן נאָך אַלץ פאַרמאָגט מער אָרגאַניזירטע חברים איבערן גאַנצן לאַנד. אָבער מיר האָבן געזען, אַז זייער וואוקס שטייגט פיל אַריבער אונזערן. זייער הויפּט־כוח האָט זיך קאָנצענטרירט אין פילאַדעלפיע. מחוץ די חברים פיינמאַן און עדעלשטיין האָבן זיי פאַרמאָגט נאָך איייניקע הויכע אינטעלעקטואַלן. טייל פון יענע האָבן זיך, אמת, נישט לאַנג געהאַלטן ביי דער באַוועגונג. גאָר גיך האָבן זיי פאַרנומען וויכטיקע פּראָפעסאָר־שטעלן אין פאַרשידענע אוניווער־זיטעטן אין לאַנד און האָבן פאַרלאָזט סיי פילאַדעלפיע, סיי די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. עס זיינען נאָך אָבער אַלץ געבליבן גענוג וויכטיקע, פירנדיקע כוחות ביי די פועלי־ציון אין פילאַדעלפיע. צו זיי איז אויך, גאָר שנעל, צוגעקומען אַ גאַנצע גרופּע פון וויכטיקע, יונגע חברים. איינער פון זיי איז געווען אונזער באַוואוסטער חבר מאיר בראָון. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די ס. ט. האָט דעריבער באַשלאָסן, אַז מיר דאַרפן שיקן „פאַרשטאַרקונג" אין פילאַדעלפיע. אויף דער רעקאָמענדאַציע פון חבר גאָלדבערג בין איך אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אָט־דער מיסיע.

עס זיינען אויך געווען אַנדערע קאַנדידאַטן. איינער פון זיי איז געווען דער דערמאָנטער חבר לואי פּייפּמאַכער. ער איז זיכער געווען מער צוגע־פּאַסט צו פירן אַזאַ אַרבעט ווי איך. ער איז, ערשטנס, געווען עלטער פון מיר. צווייטנס, איז ער געווען אין דער באַוועגונג נאָך אין ליטע, פון וואַנען ער איז געקומען און איז געווען אַ סך אַ גרעסערער למדן אין אונזערע טע־אָריעס ווי איך. ער איז אָבער שוין געווען אַ פאַרהייראַטער, מיט אחריות פאַר אַ משפּחה. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איך בין געווען אַ פרייער מענטש. מיינע פאַרבינדונגען מיט ניו־יאָרק זיינען געווען פיל שוואַכערע, ווי פון אַנדערע חברים. מיין פאַך — מאַכן אַרבל פאַר מענער־העמדער — איז אין פילאַ־דעלפיע געווען — ווי איך האָב שוין אויבן געשריבן — מער אַנטוויקלט ווי אין ניו־יאָרק. קיין משפּחה־פאַרבינדונגען האָב איך אויך נישט געהאַט אין ניו־יאָרק. מיין טאַטע און מיין עלטערער ברודער האָבן זיך באַזעצט אין האַריסבורג, פּענסילווייניאַ, דווקא נישט ווייט פון פילאַדעלפיע. מיין שוועס־טער האָט געפונען פאַר זיך חבר׳טעס און איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל איר שטאַרק נישט אויספעלן. מיינע פּעטערס און מומעס האָבן מיך שוין לאַנג אויפגעגעבן ווי אַן אַוועקגעבלאָנדזשעטן פון זייער קרייז. די אחריות פאַר אַוועקנעמען מיך פון ניו־יאָרק איז בכן געווען אַ זייער קליינע. האָב איך דעריבער זוכה בגורל געווען.

און אין סאַמע אָנהויב פון 1906 האָב איך מיך באַזעצט אין פילאַדעלפיע.

## ב.

מיינע ערשטע באַגעגענישן אין פילאַדעלפיע זיינען געווען מיט דריי חברים. קודם — מיטן פריער־דערמאָנטן אידישן אַנאַרכיסט חבר משה קאַץ. ער איז באַשטימט געוואָרן צו זיין דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון דעם ס. ט. וואָכנבלאַט „דאָס פאָלק״, וואָס האָט אַ חודש שפּעטער — אין פעברואַר 1906 — געדאַרפט אָנהויבן דערשיינען אין פילאַדעלפיע. דאָס וואָכנבלאַט האָט געהאַט אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע פון דריי זייער באַקאַנטע אידישע סאָציאַליסטן. די אַנדערע צוויי צום חבר קאַץ זיינען געווען ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו. אָבער די פאַקטישע רעדאַקציע־אַרבעט האָט איבער־גענומען דער חבר קאַץ. ווי אַ שטענדיקן אַרויסהעלפער האָט מען פאַר אים באַשטימט דעם חבר לייבע באַסין. (ער איז שפּעטער גוט באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען לעאָן עלבע, ווי אַ מחבר פון טעקסט־ביכער פאַר די אידישע שולן ער האָט אויך אָפט געשריבן פעליעטאָנען אונטערן נאָמען „לייבע דער רויטער״). ער איז געווען דער צווייטער חבר, וואָס איך האָב באַגעגנט אין פילאַדעלפיע. אים האָב איך אָבער שוין געקענט פון אונזער צוזאַמענאַרבעט אין ניו־יאָרק. דער דריטער חבר איז געווען אַ פילאַדעלפיער, וואָס איז באַשטימט געוואָרן צו זיין דער געשעפטס־פאַרוואַלטער פון „דאָס פאָלק״. זיין נאָמען איז געווען: ב. מינגענבערג. מיט אים האָב איך זיך זייער נאָענט פאַר׳חבר׳ט די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען אין פילאַ־דעלפיע. אויך ער איז שפּעטער צוריקגעקומען צו די פּועלי־ציון. ער איז געווען זייער אַקטיוו אין אַלע אונזערע אַרבעטן. בעיקר אין מיאַמי, פלאָרידע, וואו ער האָט געלעבט אַ סך יאָרן. איצט, אין יאָר 1961, געפינט ער זיך אין אַ בית־אבות אין ישראל, וואו ער ווענדעט אָן זיין ענערגיע, וועלכע ער פאַר־מאָגט נאָך טראָץ זיינע אַכציק יאָר, צו העלפן זיך און אַנדערע זקנים אָנצופילן זייערע טעג, וואָכן און חדשים מיט אידישן, קולטורעלן אינהאַלט.

אויף מיין אייגענער גייסטיקער אַנטוויקלונג האָט אויסגעאיבט אַ גרויסע השפעה, די גאַנצע צייט וואָס איך בין פאַרבליבן אין פילאַדעלפיע, דער חבר משה קאַץ. איך מוז זאָגן, אַז ביים סאַמע אָנהויב האָב איך אין זיך געטראָגן אַ מין קעגנעריש געפיל צו חבר משה קאַץ. אין ני־יאָרק האָט מען מיר דערציילט, אַז ער, חבר משה קאַץ, איז דער מחבר פון אַן אַנאַרכיסטישער „תפילה זכה״, אַ חוזקדיקע פּאַראָדיע אויף דער תפילה זכה וואָס פרומע אידן זאָגן ערב יום־כיפור פאַר „כל־נדרי״. די דאָזיקע אַנאַרכיסטישע „תפילה זכה״ פלעגט פאַרגעלייענט ווערן אויף די יום־כיפור בעלער, וואָס די אַנאַר־כיסטן פלעגן דורכפירן. מיך האָבן אָט־די יום־כיפור בעלער ממש אָפּגע־

שטויסן פון זיי און האָבן אין מיין האַרץ פאַרמיאוסט דעם גאַנצן אַנאַרכיזם. איך האָב צוליב דעם אַפילו אויסגעמיטן צו לייענען די אַנאַרכיסטישע ליטע־ראַטור, וואָס ה׳ פריידוס פלעגט פאַר מיר צוגרייטן. אָבער דווקא די ערשטע רעדע וואָס איך האָב געהערט פון חבר קאַץ, אויפן קבלת־פּנים וואָס די פילאַדעלפיער ס. ט. האָט פאַר אים איינגעאָרדנט, האָט אָפּגעקויפט מיין האַרץ.

דער תוכן פון דער רעדע איז געווען פונקט פאַרקערט ווי יענע „תפילה זכה" און דאָס חוזקן איבער יום־כיפור. דער וויכטיקסטער פונקט וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט איז גאַר געווען, אַז איינע פון די סיבות וואָס האָבן אים געבראַכט צום אידישן נאַציאָנאַליזם און צום טעריטאָריאַליזם איז דער פאַקט, וואָס מיר האָבן אויפגעגעבן אַלע שיינקייטן פון אידישן טראַדיציאָנעלן לעבן; מיר האָבן זיך אויסגעליידיקט פון אַלע הייליקע געפילן וואָס זיי האָבן אין אונז אַרויסגערופן; קיין נייע הייליקייט האָבן מיר נישט דערוואָרבן. זיינען טאַקע אונזערע נשמות פאַרוועלקט געוואָרן. מוזן מיר זוכן וועגן, וויאַזוי אונזערע נשמות צוריק אָנפילן מיט אידישער קדושה און מיט אידישע שאַפונגען.

ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָב איך אים טאַקע געפרעגט, וויאַזוי האָט אַ מענטש מיט זיינע געפילן געקענט אָנשרייבן די אַנאַרכיסטישע תפילה זכה. איך ווייס, אַז דאָס איז געווען פון מיין זייט אַ חוצפה, אים צו שטעלן אַזאַ פראַגע. איך בין זיך מודה, אַז אַזעלכע חוצפה׳דיקע האַנדלונגען האָב איך געענוג צו פאַרשרייבן אויף מיין חשבון במשך מיינע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן. אויף אַ סך פון זיי האָב איך שפּעטער חרטה געהאַט. אָבער דווקא אויף אָט־דער חוצפה קעגן חבר משה קאַץ האָב איך נישט געדאַרפט חרטה האָבן. און קרעדיט פאַר דעם קומט זיכער נישט מיר, נאָר דעם חבר קאַץ. זיין אײדעלע נאַטור, זיין אויפריכטיקייט און זיין ריכטיקע אָפּשאַצונג פון מיין פראַגע האָט מיר באַצאָלט פאַר מיין חוצפה גלייך אויפן אָרט. איך בין געווען זייער צופרידן פון מיין וואָגעניש, צוליב דעם ענטפער וואָס ער האָט מיר געגעבן.

ער האָט דערשפּירט, אַז מיין פראַגע האָט חלילה נישט באַצוועקט אים ווײ־צו־טאָן. זיין ענטפער איז אויסן־געווען צוויי צילן: ערשטנס, מיר אויפ־קלערן דעם ענין; צווייטנס, כדי אומצואוואַרפן אַ מחיצה וואָס איז געשטאַנען צווישן אונז, אַ מחיצה פון יאָרן און אַ מחיצה פון דערפאַרונג. ער האָט דערי־בער מיר פשוט דערקלערט, אַז יענע „תפילה זכה" באַטראַכט ער אַליין ווי איינע פון זיינע „חטאות־נעורים", אויף וועלכער ער האָט שטאַרק חרטה. ער האָט מיר אויך אויפגעקלערט, פאַרוואָס מען האָט אין זיין יוגנט־צייט

געמוזט אַזוי שאַרף קעמפן קעגן די רעליגיעזע לאַסטן, וואָס דער פּשוטער איד האָט געטראָגן. בעיקר האָט ער געזוכט אין זיין ענטפער אַראָפּצונעמען פון אַנאַרכיסטישן אידעאַל — וואָס ער איז אים געווען טייער ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן — דעם פלעק פון די יום־כּיפּור בעלער. ער האָט מיך דאַן אָנגעהויבן מחנך זיין אין דער טעאָריע פון אַנאַרכיזם. עד היום בין איך אים טיף דאַנקבאַר דערפאַר.

איך האָב מיך דאַן אָנגעהויבן מער אָפּגעבן מיט שטודירן די אַנאַרכיס־טישע ליטעראַטור. איך באַטראַכט נאָך עד היום די אַנאַרכיסטישע אידיי ווי די איידלסטע און אמת׳דיקסטע פון אַלע סאָציאַלע אידייען, וואָס זיינען אויפגעקומען אין דער מענטשהייט. איך בין איבערצייגט, אַז דער אַנאַרכיזם וועט נאָך האָבן זיין עפּאָכע אין דער ווייטערדיקער סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט; אַז די וועלט וועט נאָך זיך אַמאָל דערהויבן צו יענער מדרגה פון אמתער פרייהייט, פאַר יחידים און פאַר פעלקער, וואָס אַנאַרכיזם פּריידיקט; אַז ערשט דאַן וועט מעגלעך ווערן פאַר דער מענטש־הייט זיך צו דערהויבן צו אַזעלכע קולטור־הויכן, וואָס היינט — אין דער עפּאָכע פון דער טעכנאָלאָגישער וויסנשאַפט — איז עס אפשר גאָרניט מעג־לעך פאָראויסצושפּירן און אַוודאי נישט פאָראויסצוזאָגן. עס איז נישט אויס־געשלאָסן, אַז די פעלקער זאָלן דאַרפן אָנקומען צו דער הויכער מדרגה פון פרייהייט, ווי דער אַנאַרכיזם זעט פאָראויס, בכדי זיך פאַרפאַנצערן קעגן די סכנות פון פאַרשקלאַפונג, וואָס די טעכנאָלאָגישע אַנטוויקלונג קען ברענגען דעם מענטשלעכן מין. אַזוי הויך שאַץ איך אָפּ די אַנאַרכיסטישע אידיי. און דאָס איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון מיין טרעפן זיך מיט חבר משה קאַץ.

## ג.

במשך מיינע ערשטע וואָכן אין פילאַדעלפיע האָב איך זיך געהאַט אַ גע־לעגנהייט טיפער צו דערקענען דעם מהות פון חבר יואל ענטין. ער האָט נאָך דאַן נישט געהערט צו די פּועלי־ציון. צו די ס. ט. האָט ער קיינמאָל נישט געהערט. דאַן, ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל געהערט ריידן, איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער טעגלעכער צייטונג „די וואַרהייט", וואָס דער גוט־באַקאַנטער — דאַן נאָך סאָציאַליסטישער — פירער און שרייבער לואי מילער האָט געגרינדעט. לואי מילער איז געווען איינער פון די גרינדער, לאַנג־יעריקער מיטאַרבעטער און אָפטער שרייבער פון לייט־אַרטיקלען פאַרן „פאָרווערטס". ווען לואי מילער איז זיך שאַרף פונאַנדערגעגאַנגען מיט אַב. קאַהאַן — דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" — האָט ער פאַרלאָזט דעם

„פאָרווערטס" און גאָר אין גיכן געגרינדעט „די וואָרהייט". אויך יואל ענטין איז פריער געווען אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס". ער איז אָבער אַוועק צוזאַמען מיט לואי מילער אין דער „וואָרהייט". איך האָב אָפּט געלייענט יואל ענטינ׳ס אַרטיקלען. בעיקר האָט צוגעצויגן מיין אינטערעס זיין ליטע־ראַטור־און־טעאַטער־קריטיק. אָבער דעם טיפערן מהות פון דעם מענטש, פון זיין פערזענלעכקייט האָב איך ערשט דערשפּירט, ווען איך האָב געהערט זיינעם אַ רעפעראַט וועגן דער אידישער ליטעראַטור.

דער רעפעראַט איז געהאַלטן געוואָרן אין זאַל פון דער זייער־באַקאַנטער געזעלשאַפט אין פילאַדעלפיע — „די היברו ליטעראַטור סאָסייעטי". דאָס איז געווען אַ מין קלוב, צו וועלכן עס האָבן געהערט די וויכטיקסטע מענטשן פון דעם אידישן קוואַרטאַל אין פילאַדעלפיע. זי האָט אָנגעפירט אַ ביז־גאָר פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט אין אידיש און אין ענגליש. זייער אָפּט האָט זי אָראָפּגעבראַכט די בעסטע רעפערענטן פון ניו־יאָרק. אין איר געביידע איז אויך געווען אַ ביבליאָטעק. אַזוי אַז עס איז געוואָרן אַ אמתער „בית־ועד" פאַר אַלע וועמען אידישע ליטעראַטור און קולטור האָט אינטערעסירט און פאַר אַלע וואָס זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין פאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן.

דער ניווא פון די רעפערענטן איז דאָרטן געווען אַ פּיל העכערער ווי דער וואָס די פייגנבוימס, די ראָזנצוויגס און זייער גלייכן, פלעגן געבן אין ניו־יאָרק. צווישן די רעפערענטן זיינען אויך געווען אַ גרויסע גרופּע פון לאָקאַלע פילאַדעלפיער אינטעליגענטע אידן. זי האָט זיי פאַרמאָגט אין גאָר אַ גרויסער צאָל. אייניקע גאָר הויכע אָנשטאַלטן פון אידישער בילדונג האָבן פונקציאָנירט דווקא אין פילאַדעלפיע. זיי האָבן אַרום זיך קאָנצענטרירט מענטשן פון גאָר־הויכער אינטעליגענץ און וויסן, סיי אידישן, סיי אַלגעמיינעם. אין די פאַר וואָכן וואָס איך בין געווען אין פילאַדעלפיע, האָב איך באַוויזן צו הערן אייניקע פון זיי. פון קיינעם איז אָבער מיין התרוממות הנפש נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה ווי ביים הערן דעם רעפעראַט פון יואל ענטין.

איך האָב דערשפּירט ווי טיף עס לעבט אין אים דאָס וואָס ס׳ווערט באַצייכנט מיטן טערמין „אידישקייט". איך האָב געפילט ווי דערהויבן ער ווערט אַליין, ווען נאָר ער טראַכט אָדער רעדט וועגן אידישע יצירות, וועגן אידישער גייסטיקייט. זיין פּנים, וואָס האָט — ווי עס האָט זיך געדוכט — אויסגעדריקט טיפן ווייטיק; זיין פּנים, אויף וועלכן מען האָט זעלטן געזען אַ שמייכל, איז ממש באַלויכטן געוואָרן פון העכערער לויטערקייט, ווען אים איז געלונגען אַרויסצוברענגען גרויסע דערגרייכונגען אויפן געביט פון אידי־

שער ליטעראַטור. און אויב דער צוהערער איז אַליין נאָר נישט געווען קיין פאַרהאַרטעוועטער ציניקער, האָט ער געמוזט באַווירקט ווערן פון ענטינס התרוממות הרוח.

מיך האָט ער ממש באַצויבערט. איך האָב דאָך אין ניו־יאָרק געמוזט גיין הערן די פייגנבוימס און זיינע תלמידים. איך בין דאָך אַליין געוואָרן אַ שטיקל אויפקלערער אין אונזערע רייען. מיר האָבן דאָך געוואָלט צוציען אויך נייע מאַסן צו אונזער געדאַנקען־גאַנג. האָבן מיר דאָך געמוזט גוט קענען דאָס „גייסטיקע" שטאָף מיט וועלכע מען שפייזט אָט־דעם עולם. נאַטירלעך האָב איך אין זיך אַליין געצויגן אַ פאַרגלייך צווישן יענע „לעקטשו־רערס" און יואל ענטין. איז דער לעצטער טאַקע געווען פאַר מיר ווי אַ פרישער טוי, וואָס האָט געריי̆ניקט מיין געפיל. אָט־דעם אַנגעצונדענעם ענטינ־פונק האָב איך געהיט — און היט נאָך איצט אויך — טיף אין האַרץ.

## ד.

אין אונזער אייגענעם פילאַדעלפיער ס. ט. פאַראיין זיינען אויך געווען עטלעכע אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייטן. עס איז געווען אַ גרופּע פון ניי־אָנגעקומענע חברים — די מערסטע פון האָמעל — מיט דעם חבר אַלכסנדר בראַכמאַן בראש. חבר בראַכמאַן איז געווען אַ שטרענגער מאַרקסיסט. ער איז געווען אַן עלטערער חבר, וואָס האָט באַוויזן טיף צו שטודירן דעם מאַרק־סיזם. זיינע לעקציעס פאַרן פאַראיין האָבן אַרויסגערופן אינטערעס. ער איז געווען שטאַרק אומצופרידן פון די אַמעריקאַנער ס. ט., ביי וועמען ער האָט נישט געפונען די טיפע טעאָרעטישע באַגרינדונגען, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט פון די רוסישע ס. ס. אָבער קיין אַנדער אָרט האָט ער פאַר זיך נישט געזען. און זיין אינטערעס אין דער אידייע איז געווען זייער טיף. איז ער געבליבן מיט די ס. ט. נאָך דער רעוואָלוציע איז ער צוריק געפאָרן אין רוסלאַנד. איך האָב יאָרן שפּעטער געהערט, אַז ער האָט פאַרנומען אַ פּראָ־פעסאָר־אַמט אין אַ העכער בילדונג־אינסטיטוציע טאַקע אין האָמעל. וואָס פון אים איז נאָך שפּעטער געוואָרן, ווייס איך נישט. מן הסתם איז ער אויך ליקווידירט געוואָרן, ווי עס איז ליקווידירט געוואָרן דער גרעסטער פירער פון די יעווסעקעס, משה ליטוואַקאָוו, וואָס איז אויך געווען פריער אַ חבר פון די רוסישע ס. ס.

דער היפוך פון חבר בראַכמאַן איז געווען דער חבר קלמן וווהייטמאַן. זיין טעריטאָריאַליזם איז געווען אין דעם נוסח פון הלל צייטלין — דער שפּעטערדיקער קדוש פון היטלער־חורבן. הלל צייטלין האָט שוין דאַן פאַר־

נומען אַ גאָר אָנגעזעענעם אָרט אין דער אידיש־גייסטיקער וועלט. חבר ווהייטמאַן האָט געוואוינט מיט הלל צייטלין אין איין דירה, (אויב מיין זכרון נאַרט מיך נישט — אין קיעוו). הלל צייטלינס טעריטאָריאַליזם האָט זיכער נישט געזוכט קיין מאַרקסיסטישע באַגרינדונג. חבר ווהייטמאַנס — אויך נישט. ער איז גאָר געווען אַן עקסטרעמער אָנהענגער פון דער ווירקונג פון מענטשלעכן רצון אויף דער מענטשלעכער געשיכטע. דערצו איז ער געווען פונקט אַזאַ עקסטרעמער העברעאיסט. זיין צענטראַלער אינטערעס האָט זיך שוין דאַן קאָנצענטרירט אַרום דעם העברעאישן חינוך. אין מאָס פון אינטעליגענץ איז ער זיכער נישט צוריקגעשטאַנען פון חבר בראַכמאַן. אַ וויכוח צווישן די צוויי האָט אַלעמען שטאַרק פאַראינטערעסירט. עטלעכע יאָר שפּעטער איז ער געוואָרן איינער פון די מיטגרינדער פון אונזער שול־באַוועגונג. צוזאַמען מיט חבר ש. שאַפּיראָ איז ער געווען פון די ערשטע לערער אין דער ערשטער שול, וועלכע מיר האָבן געגרינדעט אין ניו־יאָרק. זיין עקסטרעמער העברעאיזם האָט אים דאָך אָוועקגענומען פון אונזער שול־וועזן. ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דעם העברעאישן חינוך און איז אויס־געוואַקסן צו איינעם פון די וויכטיקסטע מחנכים אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער אָקאָרשט־דערמאָנטער משה ליטוואַקאָוו האָט אונז מזכה געווען מיט אַ ברודער און אַ שוועסטער, וועלכע זיינען דאַן אָנגעקומען קיין פילאַ־דעלפיע. משה ליטוואַקאָוו האָט אַוודאי פאַרשאַפט זייער שווערע צרות דעם רוסישן אידנטום, ווען ער איז געוואָרן דער ראש פון די יעווסעקעס. ער איז אָבער — לויט דער עדות פון חבר נחמן סירקין — געווען אַ מענטש פון גאָר־הויכער אינטעליגענץ און זייער פאַרוואָרצלט דווקא אין דער העב־רעאישער קולטור, וועלכע ער האָט שפּעטער געזוכט עוקר זיין מן השורש. זיין ברודער און שוועסטער האָבן פון אים געגומען — ווי עס שיינט — נאָר זיין ווילדע עקשנות. קיין פּאָזיטיווס האָבן זיי ביידע נישט פאַרמאָגט. אָבער צוליב זייער „יחוס" — און דאַן, אין 1906, איז דער נאָמען משה ליטוואַקאָוו טאַקע געווען אַ יחוס אין אונזער באַוועגונג — האָט מען זיי געמוזט טאָלע־רירן. אָבער זיי זיינען געווען אַזעלכע „איפכא־מסתברא'ניקעס", אַז גאָר גרינג האָט מען מיט זיי נישט געקענט אויסקומען.

געווען אויך אַ צווייטע גרופּע, וואָס איז נישט לאַנג געקומען פון רוס־לאַנד. אייניקע פון זיי זיינען געקומען פון טשערקאַס גופא, אַנדערע פון דעם שטעטל סמילע, אין דער געגנט פון טשערקאַס. דאָרטן האָט שוין געווירקט אונזער גוט־באַקאַנטער וויסנשאַפטלער יעקב לעשצינסקי. זיי זיינען געווען פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער ווי די האָמליער גרופּע. זיי האָבן אויך

פאַרמאַגט אַ ברודער און אַ שוועסטער: יאַסקע און דאַרע שוויעטינסקי. אַט־די גרופּע, בעיקר טאַקע דער ברודער און די שוועסטער, זיינען שנעל געוואָרן טיפּישע אַמעריקאַנער סאַציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. זיי זיינען נישט געווען קיין מאַרקסיסטן. זיי האָבן אַנערקענט די וויכטיקייט פון דעם מאַטעריאַליזם אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אָבער אויך דעם מאָמענט פון ווילן, דער מאָמענט פון אידעאַליזם האָט פאַרנומען אַ גאַר הויכן אָרט אין זייער באַוואוסטזיין.

מחוץ פון די אויסגערעכנטע, האָבן צום ס. ט.־פאַראיין געהערט אַרום 40 בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן קיין פריערדיקן פּאַרטיי־סטאַזש מיט זיך נישט געבראַכט. אָבער זיי האָבן פאַרמאָגט גענוג אינטעליגענץ צו פאַרמירן אייגענע איבערצייגונגען. געווען צווישן זיי אַ גרופּע חבר׳טעס וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע, ווען זיי זיינען געווען קליינע קינדער און זיינען שוין געווען גאַנץ טיף אַריינגעדרונגען אין דער אַמעריקאַנער קולטור. מיין אויפגאַבע איז געווען צוזאַמענצוהאַלטן אַט־די אַלע עלעמענטן אין איין פאַראיין און נאָך זוכן צו ווערבירן נייע חברים.

אויב עמעצער מיינט, אַז דאָס איז געווען אַ שווערע אויפגאַבע, האָט ער אַ טעות. און נישט דערפאַר ווייל איך בין עס אַזוי באַגאַבט צו קענען איינהאַלטן פאַרשידענע עלעמענטן אין איין ראַם. דווקא די פאַרשידנקייט האָט צוגעגעבן גרויס אינטערעס. די וויכוחים זיינען שטענדיק געפירט געוואָרן אויף אַ הויכן ניוואָ. איך האָב געלערנט פון די חברים פיל מער ווי זיי האָבן געלערנט פון מיר. זייער טעאָרעטישער באַגאַזש איז געווען אַ סך רייכער און טיפער פאַר מיינעם. איך האָב שוין דאַן געהאַט פאַר מיר פאַרמולירט מיינע אייגענע איינשטעלונגען. זיי גייען לויט דעם וועג פון דער „טשערקאַס־סמיעלער" גרופּע, מיט אַ פּאָזיטיווער באַציאונג צום אַנאַרכיזם. איך מוז אָבער זאָגן, אַז פאַר מיר פּערזענלעך איז די פאַרשידנאַרטיקייט פון די חברים געווען זייער אַ גרויסע טובה. דאָס האָט מיך סטימולירט צו באַקענען זיך אַליין אויך מיט די יסודות פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. איך קען זאָגן, אַז וועגן די פאַרשידענע סאָציאַלע אידייען האָב איך אין יענעם יאָר אין פילאַדעלפיע מער געלערנט ווי אין אַנדערע צייטן, סיי פריער, סיי אַפילו נאָכדעם. קיין לערער פון די חברים בין איך טאַקע דאַן נישט געווען. אָבער אַלע חברים האָבן זיך צו מיר באַציגן מיט גרויסע ליבע און אַכטונג.

מען האָט מיך אָנגענומען ווי דער פאַרטרעטער פון צענטער. דאָס האָט מיר געגעבן אַ סטאַטוס, אָבער האָט מיך אויך מחייב געווען צו פיל אַרבעט, וועלכע איך האָב אויף מיר גענומען באהבה. אין סך־הכל האָט דאָס יאָר

אין פילאַדעלפיע מיר זייער פיל געגעבן, סיי אין גייסטיקער פאַרטיפונג, סיי אין פרעסטיזש.

ה.

אין יענעם יאָר זיינען פאָרגעקומען דריי פּאַסירונגען, וועלכע פאַרדינען פאַרצייכנט צו ווערן.

די רוסישע ס. ס. האָבן געשיקט קיין אַמעריקע אַ דעלעגאַט, וואָס זאָל העלפן אין דער פּראָפּאַגאַנדע פון די ס. ט. דער דעלעגאַט איז געווען איסאַק דניאלי (זיין אמתער נאָמען איז געווען יוסף טשערניכאָוו. ער איז שפּעטער אַריבער צו דער פאָלקס־פּאַרטיי. נאָך שפּעטער איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ראש־הקהל פון דער ווילנער אידישער געמיינדע). ער איז זיכער געווען איינער פון די שענסטע, אין אויסזען, מענער וואָס איך האָב אין מיין לעבן באַגעגנט. דער דערמאָנטער לואי מילער, דער רעדאַקטאָר פון דער „וואָר־הייט", האָט אים אַזוי געשילדערט: „אַ פּנים פון יעזוס, אַ טעמפּעראַמענט פון וועזואוויוס". לואי מילער האָט, וואָס אַן אמת, אים אַזוי געלויבט צוליב גאָר אַן אַנדער ציל. דניאלי איז פאַר לואי מילערן געווען אַ וויכטיקע קאָנקורענץ־„פּיטשור" כלפּי דעם „פאָרווערטס", מיט וועמען ער האָט געפירט אַ שטענדיקן קאַמף. אַזויווי דער „פאָרווערטס" האָט דאַן „געפּיטשורט" דעם דעלעגאַט פון „בונד" — ד"ר ליבער, האָט מילער אַנטקעגן אים אַרויסגע־בראַכט דניאלין. און לואי מילער האָט געקענט די מלאכה פון פּרסום בעסער פאַר אַלע שרייבער פון „פאָרווערטס". מען קען אויך נישט זאָגן, אַז לואי מילער האָט זיך אָפּגעהיט פון גוזמאות. ער האָט אויך די מלאכה גוט גע־קענט. אָבער אין דעם פאַל האָט ער בפירוש נישט מגזם געווען. פאַר דעם אינצידענט, וואָס איך וויל איצט דערציילן, איז דאָס וויכטיקסטע געווען זיין שיינע, עכט־אידישע, שוואַרצע באָרד.

נאַטירלעך האָט ער אויך באַזוכט פילאַדעלפיע. איך האָב אים באַגעגנט ביי דער באַן און אים געפירט ווייזן די מערקווירדיקייטן פון דער שטאָט.

נישט ווייט פון דער דעמאָלטיקער באַן־סטאַנציע, וואָס היינט עקזיס־טירט זי שוין נישט מער, איז געווען דער „אינדעפּענדענס סקוועער". אין איינער פון די געביידעס וואָס פירן אַריין צו אָט־דעם „אומאָפּהענגיקייט־סקוועער" הענגט דער „ליבערטי בעל" (דער פרייהייטס־גלאָק). אָט־דער גלאָק האָט דורך זיינע קלאַנגען אָנגעזאָגט די אומאָפּהענגיקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער גלאָק איז אַן אומגעהויער גרויסער. אין איין אָרט איז ער אַביסל אָנגעשפּאָלטן. די גאַנצע אַמעריקאַנער באַפעלקערונג פאַרהייליקט ממש

אַט־דעם סימבאָל פון איר פרייהייט. אינעם טאָג ווען די פאַראייניקטע שטאַטן פייערן זייער אומאָפּהענגיקייט — דעם 4טן יולי — ציען זיך צו אַט־דעם „ליבערטי־בעל" הונדערטער טויזנטער מענטשן. נאַטירלעך איז דאָס געווען דער סאַמע ערשטער פּלאַץ, וואוהין איך האָב געבראַכט דעם חבר דניאלי. און אַזויווי מיר שטייען ביידע און באַוואונדערן דעם סימבאָל פון דער אַמעריקאַנער פרייהייט, דערהערן מיר פּלוצים אַ האַלב־שיכורן קול:

„העי! שיניס! דו יו וואָנט טו סעל איט אין דזשאַנק?!" (עי, זשידעס, איר ווילט עס פאַרקויפן אין אַלטוואַרג?).

מיר זיינען ביידע בלאַס געוואָרן. דאָס זידל־וואָרט „שיניס" און דעם שאַרפן רמז אויף אידישע פּרנסות דורך דעם אויסדרוק „דזשאַנק", האָט אונז געשטאָכן אין דער זיבעטער ריפּ. פון דעם חבר דניאלי האָט זיך עקספּראָמט אַרויסגעריסן: „וואָס, אויך דאָ אין דער פרייער אַמעריקע אַזאַ באַציאונג?" געמאָנט האָט ער דאָס פון מיר, ווייל איך בין דאָך געווען דער אַמעריקאַנער. מיין ענטפער איז געווען: „חבר דניאלי, דערפאַר זיינע מיר דאָך טעריטאָריאַליסטן אַפילו אין אַמעריקע".

נישט חבר דניאלי'ס אויסגעשריי, נישט מיין ענטפער האָבן געגנוג טיף אויסגעדריקט די באַדייטונג פון אַט־דעם אינצידענט. נישט איין מאָל האָט אין מיין זכרון אָפּגעקלונגען אַט־דער אויסרוף פון דאָזיקן שיכור, וואָס האָט נאָר דעמאָנסטרירט אַ היסטאָריש־פאַרוואָרצלטע באַציאונג צו אידן אויך ביי נישט־שיכורע; אַ באַציאונג וואָס איז אַ רעזולטאַט סיי פון דער קריסטלעכער דערציאונג, סיי פון אונזער אומנאָרמאַלן לעבן אין גלות. ווען מיר איז נאָר אויסגעקומען צו טראַכטן וועגן פּראָבלעם ישראל בעמים, האָב איך מיך דערמאָנט אין דעם. עס איז געגנוג, אַז אַ שיכור זאָל זען אַ אידישע באָרד, כדי עס זאָל פון זיין צונג אַרויסריידן דאָס, וואָס ביי די ניכטערע איז אויפן לונג.

חבר דניאלי האָט גענומען אַט־דעם אינצידענט ווי זיין הויפּט־טעמע ביי זיין ערשטן אַרויסטריט אין פילאַדעלפיע. נישט איינער פון די אַנוועזנדיקע האָט שפּעטער דערציילט, אַז אויך זיי האָט ענלעכס געטראָפן ביים פילאַדעלפיער „ליבערטי־בעל".

ו.

אין יענעם יאָר איז אויך אָנגעקומען קיין אַמעריקע אַ צווייטער בונדישער גאַסט אונטערן נאָמען „מאַקסים". וועגן אים האָט דער „פאָרווערטס" צע־קלונגען אַ גאַנצע רעוואָלוציאָנערע עפּאָפּיי. עס זאָל הייסן, אַז ער, מאַקסים,

זאָל האָבן דורכגעפירט אַ דערפאָלגרייכע רעוואָלוציע אין די באַלטישע געגנטן; ער האָט פאַרטריבן די צאַרישע פאַרוואַלטונג; ער האָט פּראָקלאַמירט אַ רעפּובליק; ער האָט נאָמינירט אַ ציטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג מיט אים אַליין אַלס פּרעזידענט! און מיט אָט־דער רענאָמע איז ער עס געקומען קיין אַמעריקע זאַמלען געלט פאַרן „בונד" אין רוסלאַנד.

וויפיל פון אָט־דער שילדערונג איז געווען אמת און וויפיל דערפון איז געווען הוילע פאַנטאַזיע, איז פאַר מיר געבליבן אַ סוד עד היום הזה. איך באַטראַכט זיך נישט פאַר קיין גאָר גרויסן ידען אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע און אין איר ליטעראַטור, בכדי צו וויסן צי אָט־דער עפּיזאָד ווערט ערגעצוואו דערמאָנט אין מעמואַרן פון רוסישע סאָציאַליסטן, אידן אָדער נישט־אידן, וועלכע האָבן געפירט זייער רעוואָלוציאָנערע אַרבעטן אין די באַלטישע קאַנטן. וואָס איך געדענק זייער גוט איז, ערשטנס, דעם פאַקט אַז לואי מילער — און מיט אים נאָך אייניקע גאָר באַקאַנטע אידישע שריפטשטעלער, וועלכע האָבן געוויינטלעך סימפּאַטיזירט מיטן „בונד" — האָבן אָפּגעלייקנט די גאַנצע מעשה. וואָכן נאָכאַנאַנד האָט זיך דער אידישער לייענער געקוויקט מיט די סענסאַציאָנעלע באַהויפּטונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון ביידע צדדים — דער בונדישער צד דורכן „פאָרווערטס" און דער קעגנערישער צד דורך דער „וואַרהייט". צווייטנס — און פאַר מיר איז אָט־דער פּונקט געווען דער עיקר — דער דאָזיקער „מאַקסים" איז אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און געוואָרפן אויפן ציוניזם און ציוניסטן גאַנצע פודן בלאָטע. זיינע פאַרזאַמלונגען זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שאַרפע צוזאַמענשטויסן — אָפטמאָל באַגלייט פון פשוטע געשלעגן — צווישן זיינע חסידים און זיינע קעגנער. איינע פון זיינע ליבלינג־פראַזן איז פאַרבליבן אין מיין זכרון עד היום הזה: „די ציוניסטן — האָט ער געזאָגט — האָבן שוואַרצע נשמות און אַפילו זייערע קינדער ווערן געבוירן מיט שוואַרצע נשמות".

אָט־דער מאַקסים איז, נאַטירלעך, אויך געקומען קיין פילאַדעלפיע. זיין פאַרזאַמלונג איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער פילאַדעלפיער ביוראָ פון „פאָרווערטס". דער דעמאָלטיקער פאַרוואַלטער פון דער ביוראָ — גענאָסע ב. ביכאָווסקי — האָט געוואוסט וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף די מאַקסים־פאַרזאַמלונגען אין אַנדערע שטעט. ער האָט זיך דעריבער געוואָלט פאַרזיכערן, אַז די פאַרזאַמלונג זאָל נישט אויפגעריסן ווערן. האָט ער גלייך פון אָנהויב געבראַכט עטלעכע צענדליק פּאָליציסטן און זיי צעשטעלט איבערן גאַנצן זאָל. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין סאַמע הארץ פון דעם אידישן קוואַרטאַל. ווען אונזער גרופּע איז אַהין אָנגעקומען, איז דער זאָל שוין

געווען איבערגעפּילט. שוין דער „פּאַראַד“ פון עטלעכע צענדליק פּאָליציסטן האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם. און מאַקסים׳ס פּאָפּולאַריטעט האָט אויך געהאָלפן. מיר האָבן זיך ווי עס איז אַריינבאַקומען אין זאַל. דער אויבן־דערמאָנטער חבר ב. מינענבערג איז דווקא געווען אַ פּערזענלעכער ידיד פון דעם גענאָסע ביכאָווסקי. האָט ער זיך דערשלאָגן ביז צו דער סאַמע פּלאַט־פאָרמע. איך האָב געפונען אַ ליידיקע שטול אין מיטן זאַל. מיר — דאָס הייסט די ס. ט. און די פּועלי־ציון — האָבן געמאַכט יד־אחת. מיר האָבן אויסגע־אַרבעט צוזאַמען אַ מין סטראַטעגישן פּלאַן פאַר דעם געראַנגל. מיר זיינען געווען אַנטשלאָסן צו געבן דעם הער מאַקסים אַ געהעריקן ענטפער. מיר האָבן דווקא נישט געוואָלט אויפרייסן די פאַרזאַמלונג. מיר האָבן געוואָלט, אַז דער דערוואַרטעטער גרויסער עולם זאָל אויסהערן אויך אונזער זייט. מיר האָבן באַשטימט, אַז קיינער זאָל אים נישט מאַכן קיין צווישנרופן, נאָר זעקס חברים — דריי פּועלי־ציון און דריי ס. ט. — זאָלן אים ענטפערן. וויסנדיק פון די באַריכטן אין די צייטונגען וואָס עס איז דער אינהאַלט פון זיינע רעדעס, האָבן מיר אַפילו באַשלאָסן, אַז יעדער איינער פון אונזערע זעקס רעדנער זאָל באַהאַנדלען בלויז איין פּונקט, אַזוי אַז אַלע זעקס זאָלן מיט זיך פאַרשטעלן אַן אויסגעאַרבעטן סיסטעמאַטישן ענטפער. דער ערשטער פון אונזער צד האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן דער חבר יחזקאל עדעלשטיין.

מאַקסים׳ס רעדע אין פילאַדעלפיע איז געווען ממש אַ „קלישע“ פון די פריערדיקע רעדעס, ווי זיי זיינען געווען באַריכטעט אין „פאָרווערטס“. אַ טייל פון דער רעדע האָט ער געווידמעט צו זיינע העלדנטאַטן אין באַלטישן געגנט און דער צווייטער טייל — אַן אַטאַקע אויפן ציוניזם. אַזויווי די הויפּט־באַקעמפער אויף זיינע פריערדיקע פאַרזאַמלונגען זיינען געווען די פּועלי־ציון און די ס. ט.; אַזויווי מיר זיינען געווען אָרגאַניזירט און נישט געמאַכט קיין צווישנרופן, איז זיין רעדע אַריבער רואיק. אָבער ווי נאָר דער ערשטער דעבאַטאַנט — דער חבר עדעלשטיין — איז אַרויף אויף דער פּלאַט־פאָרמע, נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַרויסצוריידן אַפילו איין וואָרט, זיינען צוגעגאַנגען צו אים דריי פּאָליציסטן און האָבן אים אַרויסגעפירט פון זאַל. גלייכצייטיק איז אַ באַקאַנטער „פאָרווערטס“־גענאָסע — זיכער לויט דער אינסטרוקציע פון דעם גענאָסע ביכאָווסקי — אַרומגעגאַנגען אין זאַל און האָט אָנגעוויזן אויף אַלע פינף אַנדערע פון־אונז־באַשטימטע רעדנער — מיין ווייניקייט בתוכם — און אונז אַלעמען אַרויסגעפירט פון זאַל. צוזאַמען מיט אונז זיינען אויך אַרויסגעפירט געוואָרן וויניקסטנס אַ צענדליק באַ־קאַנטע פּועלי־ציון און ס. ט.

דער זאַל האָט זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק. דער פּאָליציסט וואָס האָט מיך אַרויסגעפירט, האָט מיך אָנגענומען ביים קראַגן אַזוי פעסט, אַז איך האָב קוים געקענט אָטעמען. ווען ער האָט מיך געבראַכט צו די טרעפּ, האָט ער מיך געגעבן אַזאַ שטויס אַרונטער, אַז איך האָב זיך כמעט ווי אַרונ־טערגעקייקלט. פונדעסטוועגן איז ער געווען פריער פאַר מיר אויפן אונ־טערשטן טרעפּל און האָט מיך ווידער אַ פּאַק געטאָן ביים קראַגן. ווען איך האָב זיך מיטן אימפּעט פון זיין שטויס געקייקלט אַרונטער, האָב איך געמיינט אַז דערמיט ענדיקט זיך מיין אַרעסט. ווען ער האָט מיך ווידער אַ פּאַק געטאָן ביים קראַגן, בין איך אַזוי צעמישט און צע׳כעס׳ט געוואָרן, אַז איך האָב אָפּגעטאָן אַ גרויסע נאַרישקייט. ווען ער האָט מיך געשטויסן דורך דעם גרויסן עולם, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אויפן גאַס ביי דער געביידע פון זאַל, האָב איך אים געגעבן אַ שטאַרקן זעץ מיטן פוס הינטערוויילעכץ. איך האָב אים מן־הסתם אָנגעטראָפן אין אַ זייער איידעלן אָרט. ער האָט זיך צוזאַמענגעבויגן פאַר ווייטיק. ווען איך האָב דערפילט מיין האַלז און קאָפּ פריי, האָב איך מיך שנעל אַריינגעדרייט צווישן עולם. ער האָט מיך געזוכט, אָבער ער האָט מיר נישט געקענט דערקענען אין אַזאַ גרויסן עולם. אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָב איך מיך צוריק אַריינבאַקומען אין זאַל.

דער פאָרזיצער — טאַקע דער גענאָסע ביכאָווסקי — האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אַזויווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. ער האָט געהאַלטן אין רופן די דעבאַטאַנטן. די מערסטע האָבן זיך נישט אָפּגערופן. געווען אָבער אייניקע — מחוץ פון אונזער גרופּע — וואָס האָבן יאָ גערעדט. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער אויסגערופן מיין נאָמען. אַזוי שנעל ווי איך האָב זיך אויפ־געהויבן צו גיין צו דער פּלאַטפאָרמע, האָט דער פּאָליציאַנט וואַרשיינלעך מיך דערקענט. ער האָט גערופן צו זיך נאָך איינעם און זיי זיינען צוגעקומען צו דער פּלאַטפאָרמע גלייך מיט מיר. ווען איך בין צוגעקומען צום רעדנער־פּלאַץ זיינען זיי צוגעגאַנגען און האָבן מיךביידע גענומען אונטער די הענט בכדי מיך אַרויסצופירן. דער חבר ב. מינענבערג, וואָס איז געזעסן אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט תיכף שאַרף פּראָטעסטירט צו ביכאָווסקין. אים האָבן אַרויסגעהאָלפן נאָך אייניקע וואָס זיינען געזעסן אויף דער פּלאַטפאָרמע. האַרט נעבן דער פּלאַטפאָרמע איז געשטאַנען דער „קעפּטיין" פון די פּאָליציסטן. גענאָסע ביכאָווסקי האָט צו אים אַ וואונק געטאָן. איז ער צוגעגאַנגען צו די צוויי פּאָליציסטן און באַפוילן זיי זאָלן מיך אָפּלאָזן.

ריידן האָב איך, נאַטירלעך, נישט געקענט פון גרויס אויפרעגונג. איך האָב נאָר אַריינגעשריען דעם גענאָסע ביכאָווסקי אין פּנים, אַז ער מעג זיך

שעמען, וואָס ער האָט זיך פאַרזיכערט מיט אַן אַרמיי פון פּאָליציסטן. איך האָב נאָך באַוויזן צוצוגעבן, אַז „אין דער פרייער אַמעריקע טאָר קיין פרייער בירגער נישט ריידן אונטער פּאָליציי־אויפזיכט!" אָפּגעזאָגט — און אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרמע.

ווייטער האָט שוין קיינער זיך נישט באַטייליקט אינעם וויכוח. ווען ער האָט אַרויסגערופן האָט געענטפערט: „נישט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט!" דער פאָרזיצער האָט דאַן גערופן דעם גענאָסע מאַקסים צו ענטפערן די דעבאַטאַנטן. דאַן האָט זיך, נישט־אָרגאַניזירטערהייט, אָנגעהויבן אַ פאַראַד פון אַרויסגייער פון זאַל. וויפיל עס זיינען דאָרטן געבליבן מיט אים, ווייס איך נישט. אָבער אַ סך הונדערטער האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל. דאָס איז געווען דער פּאָסיקסטער ענטפער וואָס ער האָט באַקומען.

מיר, די פּועלי־ציון און ס. ט., האָבן זיך דערמיט נישט באַנוגנט. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן, מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג אין זעלביקן זאַל. דער הויפּט־רעדנער איז געווען לואי מילער. זיינע פּאָלע־מישע פעאיקייטן זיינען געווען אויסערגעוויינטלעכע און די צונג — זייער אַ שאַרפע. האָט ער זיך באַנוצט מיטביידע טאַלאַנטן און האָט געשאָטן פייער און פלאַם אויף מאַקסימען און אויפן „פאָרווערטס". דער חבר עדעל־שטיין און איך האָבן אויך גערעדט. חבר עדעלשטיין, וואָס איז געווען איינער פון די אַרעסטירטע — (זיי זיינען אַלע באַפרייט געוואָרן אויף מאָרגן נאָך זייער אַרעסט) האָט געקראָגן די שטאַרקסטע אָוואַציע. מיר ביידע, עדעלשטיין און איך, זיינען געווען אַ סך מילדער אין אונזערע רעדעס ווי לואי מילער. אונז איז בעיקר געגאַנגען צו ענטפערן אויף די אַטאַקעס וואָס מאַקסים האָט געמאַכט אויף די ציוניסטן און טעריטאָריאַליסטן. די פאַרזאַמלונג האָט איבער־געלאָזט אַ גרויסן רושם אויף דער אידישער באַפעלקערונג אין פילאַדעלפיע. נישט אַזוי אפשר מיט איר אייגענעם תוכן, ווי מיט דער מעגלעכקייט, וואָס זי האָט געגעבן דעם עולם אויסצודריקן זיין כעס קעגן מאַקסימען און זיינע חסידים, בעיקר פאַר צוגרייטן זיך מיט אַזאַ מחנה פּאָליציסטן.

ס'איז כדאי דערביי צו פאַרצייכענען אַ קאָמישן — אפשר גאָר אַ טראַ־גישן — אינצידענט:

איינער פון די אַרעסטירטע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן איז געווען אַ זייער האַרציקער פאָלקס־מענטש, חבר חדקל. ווען מען האָט אים אַריינגעפירט אין דער פּאָליציי־סטאַנציע און ער האָט דאָרטן דערזען דעם חבר עדעלשטיין, איז ער אים אַרויפגעפאַלן אויפן אַקסל און דורך הויכן געוויין אַרויסגעזאָגט: „אַזוי, אַזוי, חבר עדעלשטיין, אין אַ צרה זיינען מיר ווייטער צוזאַמען".

ז.

נאָך איין וויכטיקע פּאַסירונג פון יענעם יאָר, אין וועלכער מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן אַ שטיקל ראָלע, איז געווען דער שטרייק ביי דער פירמע „טוטלמאַן בראָדהערס און פּייגין". דאָס איז געווען איינע פון די גאָר גרויסע פירמעס אין פילאַדעלפיע, וואָס האָט פּראָדוצירט מענער־העמדער. דעם שטרייק האָט אַרויסגערופן די „שווירט־מייקערס יוניאָן", פון וועלכער איך בין געווען אַ מיטגליד. איך האָב געאַרבעט אין אַט־דעם פאַך אין אַן אַנדער שאַפּ. מלכתחילה איז מיין אינטערעס אין דעם שטרייק געווען ווי דער אינטערעס פון אַלע אַרבעטער אין דעם פאַך. אָבער ווען דער שטרייק האָט זיך פאַרצויגן — און די אידישע בעלי־בתים האָבן געזוכט צו באַוועגן די איטאַליענישע אַרבעטער צו ברעכן דעם שטרייק — האָבן זיי עס געפּרובירט טאָן דורך העצן די איטאַליענישע אַרבעטער קעגן די אידישע. האָב איך געזוכט אַריינצופירן סיי די ס. ט., סיי די פּועלי־ציון אין אַקטיוויטעט פאַרן שטרייק. ביידע פאַראיינען האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דעם. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע בשותפותדיקע קאָמיסיע פאַר דעם צוועק. אַליין געבן געלט, בכדי צו העלפן דעם שטרייק, האָבן מיר נישט געקענט. מיר זיינען אַלע געווען אמתע קבצנים. אָבער מיר האָבן געקענט אַפּעלירן צו רייכערע פאַראיינען, זיי זאָלן העלפן. מיר האָבן אויך געקענט וועקן סימפּאַטיע פאַר די שטרייקער דורך גאַסן־פאַרזאַמלונגען. דאָס האָבן מיר טאַקע געטאָן. בעיקר האָבן מיר אונטערגעשטראָכן די אַנטיסעמיטישע טאַקטיק פון די בעלי־בתים, צו העצן איטאַליענישע אַרבעטער קעגן אידישע, וועלכע האָבן פריער געאַרבעט צוזאַמען אין דער פאַבריק און האָבן קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין שנאה איינע צו די אַנדערע.

דער שטרייק האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט. אונזער בשותפותדיקער קאָמיטעט, וואָס האָט מיך באַשטימט אָנצופירן די אַרבעט, האָט באמת אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן אידישן קוואַרטאַל. די אַרבעטער האָבן סוף כל סוף מנצח געווען. דער שאַפּ איז אָרגאַניזירט געוואָרן. סיי די אידישע, סיי די איטאַליענישע אַרבעטער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער יוניאָן. איך, פערזענלעך, האָב זיך דאַן פאַרדינט אַן אויסדרוק פון לויב סיי מצד דער יוניאָן, סיי מצד ביידע פּאַרטייען: די פּועלי־ציון און די ס. ט. איך מיין, אַז אונזער קאָמיטעט האָט עפּעס בייגעטראָגן צום נצחון פון די אַרבעטער.

ח.

ווען די אַרבעט פֿאַרן שטרייק האָט זיך פֿאַרענדיקט, האָבן זיך די פֿילאַ־דעלפֿיער ס. ט. אָנגעהויבן גרייטן צו זייער צווייטן נאַציאָנאַלן צוזאַמענפֿאָר. די אַמעריקאַנער ס. ט. האָבן זיך געפֿונען אין גאָר אַ שווערער סיטואַציע. קיין אַלגעמיינע (נישט־סאָציאַליסטישע) טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג איז דאָ נישט אויפֿגעקומען. דאָ און דאָרט האָבן זיך געפֿונען יחידים־סימפּאַטיקער. אָבער דער איינציקער אָרגאַניזירטער טעריטאָריאַליסטישער כּוח איז געווען די ס. ט.־פּאַרטיי. אונזערע חברים ס. ס. אין רוסלאַנד האָבן געהאַט אַ בעסער מזל. זיי האָבן יאָ געהאַט אַן אַלגעמיין־טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַני־זאַציע. אמת, זי האָט נישט מאריך־ימים געווען, ווייל דער גאַנצער טערי־טאָריאַליזם האָט נישט מאריך־ימים געווען, אָבער פֿאַר דער צייט וואָס זי האָט עקזיסטירט האָט זי געהאָלפֿן טראָגן די טעריטאָריאַליסטישע אידיי אין פֿאָלק אַריין. אין אַמעריקע האָבן עס נאָר געטאָן די ס. ט. די אַמעריקאַנער־פּועלי־ציון האָבן יאָ פֿאַרמאָגט אַלגעמיינע שותּפים פֿאַר זייער געדאַנק. דווקא נאָכן 7טן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס האָט זיך די אַלגעמיין־ציוניסטישע באַוועגונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אָנגעהויבן גאַנץ ברייט צו אַנטוויקלען. די פּועלי־ציון זיינען אין יענעם פּעריאָד נישט באַקעמפֿט געוואָרן פֿון די אַלגעמיינע ציוניסטן. פֿאַרקערט: נאָך דעם אוגאַנדאַ־קריזיס האָבן די פֿאַר־בליבענע ציוניסטן קולטיווירט יעדע גרופּע וואָס איז מיט זיי פֿאַרבליבן. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַציען פֿיל ערנסטער צו די פּועלי־ציון. זיי האָבן עס געטאָן אויך דערפֿאַר, ווייל אין דעם פֿון־זיי־פֿריער־פֿאַרנאַכלעסיקטן סעק־טאָר איז געווען אַ געפֿאַר, אַז די ס. ט. זאָל האָבן אַ גרעסערן דערפֿאָלג ווי די פּועלי־ציון. האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן געזוכט צו שטאַרקן די פּועלי־ציון.

פֿאַקטיש איז דער וואוקס פֿוןביידע פּאַרטייען דאַן געגאַנגען כּמעט מיטן זעלביקן טעמפּאָ. אויף דער ס. ט. קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באָסטאָן פֿון 18טן ביזן 21טן אָקטאָבער 1906, האָט דער סעק־רעטאַר, חבר אַלבערט פּייפּמאַכער, געמאָלדן, אַז די פּאַרטיי פֿאַרמאָגט 32 פֿאַראיינען מיט 12 גרופּן. זייער אַלעמענס מיטגלידערשאַפֿט איז העכער פֿון 15 הונדערט. אויף דער פּועלי־ציון קאָנווענשאָן, וואָס איז אויך פֿאָרגעקומען אין באָסטאָן, מיט קאַרגע צוויי חדשים שפּעטער (18—15 דעצ. 1906), האָט זייער סעקרעטאַר, חבר יואל ראָזאָווסקי, געמאָלדן, אַז זיי האָבן 37 אָרגאַ־ניזירטע סניפֿים מיט קאַרגע 15 הונדערט מיטגלידער. אין פֿילאַדעלפֿיע

זיינען אויך ביידע גרופּן געוואַקסן מיטן זעלביקן טעמפּאָ. ביידע האָבן כמעט אין דער זעלביקער צייט אָנגעהויבן אַרויסגעבן זייערע וואָכנבלעטער אין פילאַדעלפיע. דאָס ס. ט.־וואָכנבלאַט „דאָס פאָלק" האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין פעברואַר 1906 און דאָס פּועלי־ציון־וואָכנבלאַט „דער אידישער קעמפער" האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין מערץ פון זעלביקן יאָר.

אָבער אינווייניק, אין די ס. ט.־רייען, האָבן טעאָרעטישע חילוקי־דעות זיך אָנגעהויבן מער פאַרשאַרפן ווי ביי די פּועלי־ציון. איך מיין, אַז איינע פון די וויכטיקסטע סיבות וואָס האָבן געפירט דערצו איז געווען דער פאַקט, וואָס צו די ס. ט. זיינען דאַן געקומען פיל מער חברים פון אויסלאַנד, בעיקר פון די רוסישע ס. ס., ווי עס זיינען אַזעלכע געקומען צו די פּועלי־ציון. די רוסישע ס. ס. זיינען געווען עקסטרעמע מאַרקסיסטן און האָבן שאַרף געקעמפט פאַר זייער היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע, וואָס איז דאַן געווען אַ מטבע עובר לסוחר אין דער אידישער רעוואָלוציאָנערער גאַס. אויך די פּועלי־ציון האָבן געהאַט צרות מיט ספּעציעלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּן. אָבער ביי זיי איז די צאָל געווען לפי־ערך זייער אַ קליינע. ביי די ס. ט. האָבן אפשר פולע 50 פּראָצענט פון דער דעמאָלטיקער מיטגלידערשאַפט געהערט צו אָט־דער מאַרקסיסטישער איינשטעלונג.

# די צווייטע ס. ט. קאָנווענשאָן אין באָסטאָן

### א.

פאַרשאַרפט אָט־דעם אינערלעכן געראַנגל האָט נישט קיין אַנדערער ווי דער וויכטיקסטער חבר פון די ס. ט. — אַב. גאָלדבערג. אין לייפּציק איז מיט אייניקע וואָכן פאַר דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ וועלט־צוזאַמענפאָר פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. די גרעסטע צאָל פאַרטרעטער אויף אָט־דעם צוזאַמענפאָר זיינען געווען פון די רוסישע ס. ס., וועלכע האָבן אומלעגאַל, אונטער פאַרשטעלטע נעמען, זיך אַרויסבאַקומען פון רוסלאַנד און זיך באַטייליקט אין לייפּציקער צוזאַמענפאָר. חבר גאָלד־בערג איז אַהין דעלעגירט געוואָרן פון די אַמעריקאַנער ס. ט. מיט אַ זייער־וויכטיקער, ספּעציעלער מיסיע: ווירקן עס זאָל קומען צו אַ פאַראייניקונג פון די ס. ס. מיט דער נישט־הונדערט־פּראָצענטיק־מאַרקסיסטישער אָרגאַני־זאַציע — „די אידישע טעריטאָריאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון". די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז באַשטאַנען פון געוועזענע פּועלי־ציון פון דעם „מינסקער טאָלק", וועלכע זיינען געוואָרן טעריטאָריאַליסטן, אָבער האָבן נאָך אָנגעהאַלטן דעם נאָמען פּועלי־ציון (אַזאַ פאַראייניקונג איז טאַקע פאָרגעקומען אין אָנהויב 1907). במשך דער לייפּציקער קאָנפערענץ איז אונזער חבר אב. גאָלדבערג אונטערגעפאַלן דער ווירקונג פון די רוסישע ס. ס., וועלכע האָבן צוזאַמענגעבראַכט קיין לייפּציק זייערע בעסטע טעאָרעטיקער. ער איז גע־קומען קיין אַמעריקע אַן איבערצייגטער מאַרקסיסט. אויף דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָט ער געפירט, צוזאַמען מיט דעם דערמאָנטן פילאַדעלפיער חבר אלכסנדר בראַכמאַן, די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע. צום ערשטן מאָל איז מיר דאַן אויסגעקומען צו פירן אַ שאַרפן קאַמף קעגן דעם חבר, וואָס איך האָב אַזוי שטאַרק רעספּעקטירט און ממש האַרציק ליב געהאַט. מיר, צוזאַמען מיט חבר שלמה שניאור, איז אויסגעקומען אָנצופירן מיט דער פראַקציע, וואָס האָט זיך דערקלערט ווי סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, אָן מאַרקסיסטישע אָדער אַנטי־מאַרקסיסטישע באַגרינדונגען. געווען אַ דריטע גרופּע אויף דער קאָנווענשאָן, וואָס איז באַשטאַנען פון אויסגעשפּראָכענע

אַנאַרכיסטן, אָדער פון אויסגעשפּראָכענע אַנהענגער פון דער רוסישער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אָבער דער הויפּט־געראַנגל איז פאָרגעקומען צווישן די ערשטע צוויי גרופּירונגען.

## ב.

די צוגרייטונגען פאַר אָט־די געראַנגלען האָבן זיך אין פילאַדעלפיע אָנגעהויבן אין סאָמע־מיטן זומער 1906. דער חבר אלכסנדר בראַכמאַן, וואָס איז געווען פיל עלטער פון מיר, איז אויך געווען פיל געשיקטער פון מיר אין דער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק. איך בין זיך מודה, אַז ער האָט דעם מאַרקסיזם ברייטער און טיפער געלערנט ווי איך. אָבער איך האָב פונדעסטוועגן מיין צד נישט פאַרשעמט. מיר צוהילף זיינען געקומען גאָר וויכטיקע חברים, ווי דער חבר קלמן ווהייטמאַן און די סוויעטינסקיס. צו קיין ענדגילטיקן באַשלוס האָבן די וויכוחים אין פילאַדעלפיע נישט געפירט. חבר בראַכמאַן און איך זיינען ביידע אויסגעקליבן געוואָרן ווי דעלעגאַטן צו דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן, מיטן רעכט צו שטימען ווי יעדער איינער געפינט פאַר ריכטיק. דער פאַראיין אַלס גאַנצער האָט באַשלאָסן אָנצונעמען דעם באַשלוס, וועלכן די מאַיאָריטעט פון דער קאָנווענשאָן וועט פאָרמולירן.

די קאָנווענשאָן האָט, מיט געוויסע ענדערונגען, אָנגענומען דעם מאַרקסיסטישן נוסח. חבר אב. גאָלדבערגס השפּעה האָט איבערגעוואויגן. אָבער אונזער צד איז דאָך געלונגען אַריינצוברענגען אין דער רעזאָלוציע אייניקע זאַצן, וואָס האָבן אַביסל געמילדערט דעם איינזייטיקן מאַרקסיזם. די רעזאָלוציע האָט אויך גערעדט וועגן דער ווירקונג פון דעם אידעאַליסטישן פאַקטאָר אויף דער מענטשלעכער געשיכטע. עס איז אונז אויך געלונגען אַרויסצונעמען פון דער רעזאָלוציע דעם מאַרקסיסטישן פּאַראַגראַף, וואָס האָט פּראָקלאַמירט, אַז צוליב דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל פאַרלירט דער מיטל־קלאַס זיינע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס; ער פאַלט דאַן אַריין אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט און דאָס פאַרזיכערט דעם נצחון פון סאָציאַליזם. מיר האָבן דאַן באַהויפּטעט — דאָס איז געווען נישט קיין קליינע חוצפּה פון 20־19־יעריקע אינגלעך און מיידלעך — אַז די אַנטוויקלונג מוז נישט אַזוי גיין. דעריבער טאָר מען אויף דעם אַליין נישט באַזירן די רעאַליזירונג פון סאָציאַליזם. די מאַיאָריטעט האָט אונז נאָכגעגעבן. צי יענע אָנגענומענע רעזאָלוציע פון דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָט געקענט ווערן אַ מאָדעל פון טעאָרעטישער אויסגעהאַלטנקייט, בין איך היינט גאָרנישט זיכער. אָבער די מאַיאָריטעט האָט נאָכגעגעבן און די פּאַרטיי איז געבליבן געאייניקט.

וואָלט אָט־די רעוואָלוציע געדאַרפט האָבן וועלכע ס'איז אויסווירקונג אויף אונזערע באַלדיקע אַקטיוויטעטן, וואָלט זי וואַרשיינלעך געהאַט דעם זעלביקן מזל, וואָס די רעזאָלוציע פון דער ערשטער פילאַדעלפיער קאָנ־ווענשאָן, וועלכע האָט אויך נאָאיוו געזוכט אויפצוהאַלטן די גאַנצקייט פון דער פּאַרטיי, און אייניקע וואָכן נאָכדעם איז די רעזאָלוציע — צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי — צעשפּאָלטן געוואָרן. אָבער אַזוי ווי די באָסטאָנער רעזאָלוציע האָט געקענט בלייבן אַרומשוועבן אין די טעאָרעטישע הימלען, איז זי טאַקע דאָרטן געבליבן. אַרום דריי יאָר שפּעטער האָט איר הויפּט־אַדוואָקאַט — דער חבר אב. גאָלדבערג — זי אַזוי ווייט פאַרגעסן, אַז ער איז אַוועק צו די אַלגעמיינע ציוניסטן.

## ג.

אַ מער־פּראַקטישע באַדייטונג האָבן געהאַט אייניקע אַנדערע וויכוחים אויף יענער קאָנווענשאָן, צו וועלכער די פילאַדעלפיער דעלעגאַציע — מיין וויניקייט בתוכה — האָט צוגעטראָגן אַ וויכטיקן שטייער. אויך וועגן זיי איז דער „געפעכט" פריער אָנגעגאַנגען אין דעם פילאַדעלפיער פאַראיין.

צווישן די דיסקוטירטע פראַגן זיינען געווען: ערשטנס — וועגן אונזער באַטייליקונג אין פּאָליטיש־פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווי געזאָגט, זיינען אין פאַראיין געווען אייניקע אַנאַרכיסטן, וועלכע זיינען פּרינציפּיעל געווען קעגן דעם פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף. און צווישן די וואָס זיינען פּרינציפּיעל געווען פאַר, איז געווען אַ מינדערהייט אָנהענגער פון דער עלטערער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (ס. ל. פּ.), אָנ־געפירט פון דעניעל דע־ליאָן, און די מאַיאָריטעט איז געווען אָנהענגער פון דער אינגערער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (ס. פּ.), אָנגעפירט פון יוגדזשין וו. דעבס. דער פילאַדעלפיער פאַראיין האָט דעריבער זיך גע־אייניקט פאָרצושלאָגן דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן, אַז זי זאָל אינסטרואירן דעם נייעם צענטראַל־קאָמיטעט דורכצופירן וועגן דעם אַ רעפערענדום צווישן דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט, נאָכדעם ווי יעדער פאַראיין וועט באַקומען דעם מאַטעריאַל וועגןביידע פּאַרטייען און פאַרוואָס זיי האָבן זיך מיט עט־לעכע יאָר פריער געשפּאָלטן. דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז אויך אָנגענומען געוואָרן פון דער קאָנווענשאָן.

צווייטנס — וועגן דער טרייד־יוניאָן פראַגע. מיט דעם פּונקט זיינען געווען פאַרבונדן צוויי אַספּעקטן: א) אונזער אייגענער אָנטייל אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. קיין פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות וועגן דעם זיינען אַוודאי נישט געווען; בפרט נאָך אונזער דערפאָלגרייכער באַטייליקונג אין דעם שטרייק

קעגן דער פירמע „טוטלמאַן בראָדערס און פייגין". נאַטירלעך האָבן מיר אַלע געטראַכט, אַז אונזער ערשטע פליכט איז אַליין צו געהערן צו די יוניאָנס פון די פאַכן אין וועלכע מיר אַרבעטן. און דאַן איז צווישן אונז געווען אַ גאַר גרויסער פּראָצענט אַרבעטער. דער צווייטער — דער פּיל־וויכטיקער אַספּעקט — האָט זיך באַשעפטיקט מיט דעם שאַרפן אינערלעכן קאַמף אין דער אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן צעפלאַקערן. עס האָט זיך שוין דאַן גענומען אָרגאַניזירן די „אינדאַסטריעל וואָירקערס און טהי וואָירלד", ווי אַן אָפּאָזיציע צו דער „אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָוו לייבאָר". די מאַיאָריטעט פון אונזערע חברים האָט נוטה געווען צו די „אינדאַסטריאַליסטן", אָבער קיין איינשטימיקן פאָר־שלאַג צו דער קאָנווענשאַן האָבן מיר נישט געבראַכט. די קאָנווענשאַן אַליין האָט אויך נישט אָנגענומען קיין שטעלונג. זי האָט זיך באַנוגנט מיט צוויי אַלגעמיינע באַשלוסן: אַז מיר זיינען פאַרפליכטעט צו העלפן בויען יוניאָנס און צו העלפן אויסמיידן אינערלעכע מלחמות אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג.

די וויכּוחים וועגן אָט־די פראַגן, סיי אין פילאַדעלפיע, סיי ביי דער קאָנווענשאַן, האָבן אָבער אונזערע מחשבות געגעבן אַ שטאַרק שטויס צו די אַלגעמיין־אַמעריקאַנער פּראָבלעמען. פריער זיינען אונזערע מחשבות וועגן סאָציאַליזם און וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג געווען פיל מער געווענדעט צו איירעפּע, בעיקר צו רוסלאַנד און עסטרייך. אָבער ביסלעכווייז האָבן מיר „אַנטדעקט" אין די פאַראייניקטע שטאַטן גופא וויכטיקע אַרבעטער־פּראָב־לעמען. דאָס האָט אונז שטאַרק געהאָלפן אינעם פּראָצעס פון איינבירגערן זיך אין דער נייער מדינה.

דריטנס — וועגן נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות. אַ קליינער טייל פון אונזערע חברים — איך צווישן זיי — האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיטן נאַאיוון געדאַנק, אַרויסצושטעלן אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־פּערסאָנעלער אויטאָנאָמיע פאַר אידן; אַ נוסח וואָס אַ גרויסער טייל פון די רוסישע ס. ס. — און כמעט אַלע סיימיסטן — האָבן אַרויסגעשטעלט פאַר די רוסישע אידן. די מערסטע חברים זיינען אָבער נישט געווען אַזוי נאַאיוו. זיי האָבן איינגעזען דעם גרויסן חילוק צווישן איירעפּע און אַמע־ריקע. אין די איירעפּעאישע לענדער, בעיקר אין עסטרייך און רוסלאַנד, זיינען געווען אויך אַנדערע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, וועלכע האָבן געפאָדערט ספּעציעלע נאַציאָנאַלע רעכט פאַר זיך. אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט קיין אַנדער מינאָריטעט, אַזעלכע וועלכע זיינען געקומען אין אַמעריקע פריער ווי די אידן, קיין שום מינאָריטעט־פאָדערונגען נישט אַרויסגעשטעלט. דערי־

בער קענען מיר עס אויך נישט טאָן. אַזוי האָט די מאַיאָריטעט פון די פילאַדעלפיער ס. ט. באַשלאָסן און אַזאַ איז אויך געווען די שטעלונג פון דער קאָנווענשאָן.

איך מוז נאָך דערביי מודה זיין, אַז איך אַליין האָב זיך אָפּגעזאָגט פון אָט־דער נאַאיווער איינשטעלונג, וואָס איך האָב אָנגענומען אין פילאַדעלפיע, ערשט עטלעכע יאָר שפּעטער. מיט דעם קאָנווענשאָן־באַשלוס בין איך נישט געווען צופרידן.

## ד.

סיי אין פילאַדעלפיע, סיי אין באָסטאָן זיינען קלאָרער פאָרמולירט געוואָרן אונזערע נאַציאָנאַלע אַקטיוויטעטן, וואָס דאַרפן פון אונז אַליין אָנגעפירט ווערן. שוין אַזוי פרי ווי אין זומער 1906 האָבן די פילאַדעלפיער ס. ט. באַשלאָסן, אַז אונזערע וויכטיקסטע אַקטיוויטעטן דאַרפן זיין: גרינדן אידישע שולן, אַנטוויקלען די אידישע שפּראַך און ליטעראַטור, שטיצן אידישע אַגריקולטור־שולן, וועלכע האָבן זיך דאַן אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, שאַפן אַ אידישע פּרעסע מיט אַ נאַציאָנאַל־אידישן און סאָציאַליסטישן תוכן, העלפן אַנטוויקלען דעם אידישן טעאַטער און נאָך אַ גאַנצע ריי פון אַזעלכע אַקטיוויטעטן. דער פּאַרנעם איז געווען זייער אַ ברייטער.

עס זיינען געווען חברים, בעיקר טאַקע אַריבערגעקומענע ס. ס. פון רוסלאַנד, וועמענס נעגאַטיווע באַציאונג צום גלות איז געווען זייער שאַרף. זיי זיינען אפשר געווען די עקסטרעמסטע פּאַרניינער פון גלות־אַרבעט, ווייל זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז אין גלות לאָזט זיך עפּעס אויפטאָן. זייער קאָנצענטראַציע האָבן זיי געווידמעט די פּראָצעסן פון אידישע מיגראַציע, האָפנדיק אַז די אידישע וואַנדערונג וועט סוף־כל־סוף דערפירן צו אַ אידישער טעריטאָריע. וועגן דעם וועט אויסקומען שפּעטער צו שמועסן. דאַן, זומער 1906, האָט עס זיי נאָר באַוועגט אָפּצושוואַכן די באַדייטונג פון נאַציאָנאַלע אַקטיוויטעטן אין גלות. אין דעם האָט מנצח געווען אונזער ריכטונג, וואָס איז געפירט געוואָרן אויף דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן דורך חבר שלמה שניאור און דעם שרייבער פון אָט־די זכרונות. אין פילאַדעלפיע איז דער געראַנגל געפירט געוואָרן צווישן דעם חבר אלכסנדר בראַכמאַן און מיין ווייניקייט. אויף דעם שטח — מעג איך זאָגן — בין איך, דער פיל־איינגערער, געווען שטאַרקער פון אים. ער איז געווען ווייניקער פאַרוואָרצלט אין טיפער אידישקייט ווי איך. מיין שטאַנדפּונקט איז אָנגענומען געוואָרן און איז געבראַכט געוואָרן צו דער קאָנווענשאָן. אויף די קאָנווענשאָן האָט זיך געשטעלט אויף אָט־דעם שטאַנדפּונקט. אין דער דורכפירונג פון אָט־די אַקטיוויטעטן

האָט די ס. ט., ווי אַ פּאַרטיי, נישט געהאַט קיין גרויסן חלק. די מערסטע פון די חברים וואָס האָבן געטיילט מיין שטאַנדפּונקט זיינען שפּעטער צוריק אַריבער צו די פּועלי־ציון, וואו זיי האָבן אַריינגעגאָסן זייערע אַקטיוויטעטן. אויך וועגן דעם וועט שפּעטער דערציילט ווערן.

עס דאַרף דערמאָנט ווערן איין פּונקט, וואָס אין פילאַדעלפיע איז ער נישט דיסקוטירט געוואָרן, אָבער אויף דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָט ער פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט. דער פּונקט איז געווען: וועגן אונזערע באַציאונגען צו די פּועלי־ציון.

די שיקאַגער דעלעגאַציע צו דער קאָנווענשאָן האָט געבראַכט וועגן דעם אַ פאָרמולירטע רעזאָלוציע. אין שיקאַגאָ איז דער קאַמף צווישן די צוויי גרופּירונגען געווען זייער אַ שאַרפער. זייער רעזאָלוציע האָט דעריבער געטראָגן אַ שאַרפע קריגס־דערקלערונג קעגן די פּועלי־ציון. קעגן דעם זיינען אַרויסגעטראָטן די ניו־יאָרקער, די פילאַדעלפיער, די באָסטאָנער און די מאָנטרעאָלער דעלעגאַציעס. די אָנגענומענע רעזאָלוציע וועגן דעם האָט דווקא אָנערקענט די אַרבעט פון די פּועלי־ציון ווי אַ זייער נוצלעכע, ווייל אויך זיי פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק, אַז דאָס אידישע פאָלק נויטיקט זיך אין אַ טעריטאָריע. פאַר שעדלעך האָט די קאָנווענשאָן געפונען נאָר דעם מאָמענט וואָס זיי פּראָפּאַגאַנדירן, אַז בלויז פּאַלעסטינע קען זיין די אידישע טעריטאָריע.

די פּראַקטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּונקטן וואָס די קאָנווענשאָן האָט באַהאַנדלט זיינען נישט געווען פון גרויסער באַדייטונג. פאַר מיר אַליין איז געווען פון חשיבות נאָר דאָס, וואָס איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אין נייעם צענטראַל־קאָמיטעט. מיין זיץ־פּלאַץ איז פאַרבליבן פילאַדעלפיע בלויז נאָך צוויי מאָנאַטן נאָך דער קאָנווענשאָן. דאַן האָט מיך דער צענטראַל־קאָמיטעט אַריבערגעפירט קיין קליוולאַנד. דאָרטן איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ספּע־ציעלע ביוראָ פאַר דער זייער גרויסער געגנט, וואָס האָט אַרומגענומען גאַנץ אָהייאָ, אילינאָי, מישיגען און די צפון־טיילן פון פּענסילוויניע און ניו־יאָרק. איך בין אויסגעקליבן געוואָרן אָנצופירן מיט אָט־דער ביוראָ. עס איז אויך באַשטימט געוואָרן, אַז אויף מיין וועג קיין קליוולאַנד זאָל איך באַזוכן — צוליב פּראָפּאַגאַנדע — אַ ריי שטעט. אָנהויב 1907 איז די טורנע דורכגעפירט געוואָרן. אין משך פון צוויי חדשים האָב איך באַזוכט 12 אידישע קהילות. דורכדעם האָט זיך אָנגעהויבן מיין ענגערע באַקאַנטשאַפט מיטן אידישן לעבן מחוץ ניו־יאָרק, וואָס איז אין פיל פּרטים געווען אַנדערש ווי אין ניו־יאָרק, ווי מיר וועלן עס זען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

# די אַמעריקאַנער אידישע פּראָווינץ
# אין די יאָרן 1907־8

א.

מיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער קליוולאַנדער ביוראָ פון די סאָציאַ־ליסטן־טעריטאָריאַליסטן האָט זיך געצויגן איבער אַנדערהאַלבן יאָר. זי האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער דריטער לאַנדס־קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי, אָפּגעהאַלטן אין קליוולאַנד, אין פרילינג פון 1908. אין דער קאָנפערענץ האָט זיך אויך באַטייליקט חבר ד״ר נחמן סירקין, וועלכער איז מיט עטלעכע חדשים פריער אָנגעקומען קיין אַמעריקע. די וויכטיקסטע איבערלעבונגען במשך אָט־דער צייט האָב איך געהאַט נישט דווקא אין קליוולאַנד, נאָר אויף די דריי „לעקטשור־טורס" איבער דער פּראָווינץ, וואָס די פּאַרטיי האָט פאַר מיר איינגעאָרדנט. איך האָב דאַן באַזוכט פאַרשידענע טיפּן אידישע קהילות, אָנהויבנדיק פון דער — שוין דאַן גרויסער — אידישער קהילה אין שיקאַגאָ, איינשליסנדיק קלענערע שטעט ווי קליוולאַנד אַליין, דעטראָיט, פּיטסבורג, מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ און נוּאַרק און נאָך קלענערע, ווי: באָפאַלאָ, ראָטשעס־טער, מילוואָקי, מינעאַפּאָליס, סט. פּאָול, ווינניפּעג, אָמאַהאַ, דענווער, קענזעס־סיטי און סינסינעטי; און גאָר קליינע ישובים, ווי: גלאָווערסוויל און סקע־נעקטעדי אין ניו־יאָרק־סטייט; טרענטאָן ניו־בראָנזוויק און עליזאַבעט אין ניו־דזשוירזי; האַריסבורג און אַלטונא אין פּענסילווייניע; קאָלאָמבוס, יאָנג־סטאָן און קענטאָן אין אָהייאָ און נאָך אַ ריי שטעט און שטעטלעך, וואו איך האָב באַגעגנט אַ ריי אידישע פּערזענלעכקייטן. דורכדעם האָב איך באַ־קומען איינדרוקן פון אַ קוועלשניט פונעם נייעם אַמעריקאַנער אידנטום. אין צוגאָב צום אידנטום פון ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע האָב איך במשך פון אָט־דער צייט געקענט טיפער אַריינדרינגען אינעם מהות פון דעם אידנטום אין די פּאַראייניקטע שטאַטן וואָס האָט זיך גענומען פאָרמירן.

במשך אָט־דער צייט זיינען פאַר מיר קלאָרער געוואָרן אַ ריי פראַגן פון אַמעריקאַנער אידנטום. אויף איניקע פון זיי האָב איך געפונען תשובות טאַקע אין יענע יאָרן; אַנדערע האָבן געמוזט וואַרטן יאָרן אויף זייערע ענט־

פערס און אויף גאָר אַנדערע האָב איך נאָך נישט קיין זיכערע תשובות עד היום. די פראַגן וואָס זיינען באַלד פאַר מיר פאַרענטפערט געוואָרן זיינען: א) דער פּראָצעס פון מיזוג־גלויות, וואָס קומט פאָר אין אַמעריקאַנער אידנטום; ב) אין אָט דעם פּראָצעס האָט זיך אַמשאַרפסטן געצייכנט דער גראַנגל מיט די „יאַהודים"; ג) וועגן דער אינערלעכער אידישער וואַנדערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן גופא פון מזרח צו מערב; ד) דאָס פּראָבלעם פון דע־פּראָלעטאַריזאַציע; ה) די ספּעציעלע סכנה פון אַסימילאַציע וואָס שטאַמט פון דער גלייכגילטיקייט צום אידישן־נאַציאָנאַלן המשך; ו) די בענקשאַפט פון דעם אידישן עמיגראַנט צו דער אַלטער היים. אָט־די אַלע פּראָבלעמען האָב איך באַהאַנדלט אין מיינע אויפטריטן און דעם ענטפער זייערן האָב איך געזען אין אַ אידישער טעריטאָריע.

צו דער צווייטער קאַטעגאָריע פּראָבלעמען געהערן: א) דאָס „פּעדלער"־פּראָבלעם; ב) פּראָבלעמען פון אידישער דערציאונג; ג) די פאָרם פון קאַמף צווישן עלטערן און קינדער; ד) די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג פון דעם אידישן אַרבעטער; ה) אַ ספּעציעל־אַמעריקאַנישע דערשיינונג וואָס האָט אין אונז אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט: די וואולגאַרע שילדערונג פון דעם „אידישן" טיפּ אין „וואָדעוויל" און אויף דער לעגיטימער טעאַטער־בינע. אין קאַמף קעגן דעם האָבן מיר געזען אונזער נאַציאָנאַלע אַרבעט אין דעם נייעם גלות. אין פאַרבינדונג מיט אָט־די פּראָבלעמען איז פאַר אונז קלאָר געוואָרן די וויכטיקייט פונעם אויפשטייגן פון דער אידישער ליטעראַטור און טעאַטער אין אַמעריקע. די פּראָבלעמען אויף וועלכע איך האָב נאָך היינט אויך נישט קיין זיכערן ענטפער, זיינען: א) דאָס פּראָבלעם פון געמישטע חתונות און ב) די חשובסטע פּראָבלעם — צי קען דאָס אידנטום אין אַמעריקע אַזוי דערצויגן ווערן, אַז יעדער אידישער יחיד זאָל זיך פילן ווי אַ געהעריקער צו דער אידישער עדה, באַזירט אויף אַ אידישקייט־יסוד, וואָס אַלע גרופּירונגען אַנערקענען אים. אין ענגער פאַרבינדונג מיט דעם לעצטן פּראָבלעם קומט די פראַגע: וואָס פאַראַ אָרט דאַרף די אידישע אמונה פאַרנעמען אין אָט־דעם אידישקייט־יסוד? וויל איך אַרויסברענגען בקיצור וויאַזוי אָט־די פּראָבלעמען האָבן דאַן אויסגעזען; דאַן — אין פּראָצעס פון זייער אויפקומען אין מיין געדאַנק.

## ב.

אין יעדן נייעם איינוואַנדערונגס־לאַנד (און אַזעלכע זיינען אין די לעצטע אַנדערהאַלבן יאָרהונדערטער פון דער אידישער געשיכטע געווען אַ סך) האָבן

אידן געמוזט דורכגיין אַ פּראָצעס פון מיזוג־גלויות. ווייל אַפילו די פאַר־שידנקייטן צווישן — זאָגן מיר — די ליטווישע און גאַליצישע אידן, פון וואַנען אימיגראַציע פון גרויסע מאַסן האָט זיך געצויגן, זיינען אויך נישט גרינג געווען איבערצוקומען, ווען זיי האָבן צוזאַמען געדאַרפט פאָרמירן אַ נייע עדה. אַזעלכע פאַרשידנקייטן זיינען געווען אין די צענדליקער. די אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אַוודאי געמוזט דורכגיין דעם פּראָ־צעס און ווי ווייט־מעגלעך אויסגלייכן אָט־די פאַרשידנקייטן. אינגאַנצן איז עס ביים ערשטן דור אימיגראַנטן קיינמאָל נישט געלונגען. אָבער ביסלעכ־וויז זיינען די פאַרשידנקייטן רעדוצירט געוואָרן — אָפט ביז אַ מינימום. נעמען מיר ווי אַ ביישפּיל די בולטסטע פאָרם פון פאַרשידנקייטן — די שפּראַך־דיאַלעקטן. אָפּטמאָל האָבן דווקא אָט־די דיאַלעקטן־פאַרשידנקייטן פון דער זעלביקער אידישער שפּראַך שאַרף צעטיילט די אידן וואָס זיינען געקומען פון פאַרשידענע לענדער. ביז עס איז געקומען צו אַ בהדרגה׳דיקן דיאַלעקטן־אויסגלייך. מיר דוכט זיך, אַז דער וואָלינער אידיש־דיאַלעקט האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען דאָס צענטראַלע אָרט, צו וועלכן אַלע — וואָס האָבן באַנוצט אַנדערע אידיש־דיאַלעקטן — האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן און צופּאַסן. די הויפּט־ראָלע אין אָט־דעם פּראָצעס האָט דאַן געשפּילט דער זייער פאַרצווייגטער אידישער טעאַטער.

אידישע טעאַטערס האָבן דאַן פונקציאָנירט אויך אין אַ ריי שטעט, מחוץ ניו־יאָרק. אין פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ און קליוולאַנד האָבן עקזיסטירט פּער־מאַנענטע טעאַטער־טרופּעס. אין אַנדערע גרעסערע און מיטעלערע שטעט זיינען די ניו־יאָרקער טרופּעס אָפט געקומען גאַסטראָלירן. דער אידישער אימיגראַנטן־עולם איז ממש געלאָפן צו די פאָרשטעלונגען. דאָס גערעדטע אידיש פון טעאַטער איז געווען פיל ריינער, ווי דער אידיש פון די צייטונ־גען. אין דעם פּראָצעס פון שפּראַך־אויסגלייכונג האָט דאָס גערעדטע וואָרט סייווי מער משפּיע געווען. דאָס געדרוקטע וואָרט האָט דאָך יעדער געלייענט מיטן דיאַלעקט, צו וועלכן ער איז געווען צוגעוואוינט. אָבער דאָס געהערטע וואָרט האָט ער געמוזט אַריינגעמען אין זיך פון דעם, וואָס האָט עס אויס־גערעדט — און דאָס טעאַטער־וואָרט איז געווען כמעט שטענדיק אין וואָלינער אידיש.

אַזוי זיינען אויך פאָרגעקומען אַנדערע בהדרגה׳דיקע אויסגלייכונגען פון די פאַרשידנקייטן וואָס יעדער אידישער שבט האָט מיט זיך געבראַכט. ווי געזאָגט, איז קיין פולער אויסגלייך ביים ערשטן דור קיינמאָל נישט דער־גרייכט געוואָרן. אָט־דער סאָרט מיזוג־גלויות איז אַ סך מער געקומען צום

צווייטן דור, וועלכע האָט — אין צוגאָב צו די אויבנדערמאָנטע אויסגלייך־פּראָצעסן — נאָך אויך באַקומען אַ מעכטיקן שטויס צו מער אויסגלייכונג דורכן בשותּפותדיקן וואָס זיי האָבן אַריינבאַקומען אין זייערע נשמות פון די אַמעריקאַנער פאַרשידענע השפּעות — בעיקר די „פּאַבליק־סקול". אין דעם זין האָט די אַמעריקאַנער „פּאַבליק־סקול" געבראַכט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. פונקט פאַרקערט זיינען אירע השפּעות געווען בנוגע דעם פּראָצעס פון אַסי־מילאַציע, צו וועלכן איך קום שפּעטער. אָבער אָט־דער סאָרט מיזוג הגליות איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן נישט געווען דער וויכטיקסטער.

פיל שווערער איז אָנגעקומען דער פּראָצעס פון מיזוג הגליות פון מזרח־איראָפּעאישע אידן מיט אידן וואָס האָבן געשטאַמט פון צענטראַל־איראָפּע, בעיקר פון דייטשע אידן. אויף אָט־דעם שטח איז שוין אין יענע יאָרן געצייכנט געוואָרן דער גערעַנגל וואָס האָט זיך געצויגן צענדליקער יאָרן און איז נאָך עד־היום נישט פאַרענדיקט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך באַגעגנט מיזוג־פּראָבלעמען ביי אידן אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, וועלכע איך האָב עטלעכע מאָל באַזוכט. כמעט אין אַלע פון זיי איז דאָס הויפּט־פּראָבלעם באַשטאַנען אין אויסגלייכן די פאַרשידנקייטן צווישן אידן וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון שפּאַ־נישע לענדער און צווישן אידן פון די אשכנזישע לענדער. אין צוויי־דריי מדינות איז אויך געווען אַ פּראָבלעם פון מיזוג צווישן אידן וואָס שטאַמען פון מזרח־איראָפּע און אידן וואָס שטאַמען פון צענטראַל־איראָפּע. דאָרטן איז אָבער דער לעצטער מיזוג־פּראָבלעם נישט געווען אַזוי שאַרף. די אידן פון מזרח־איראָפּע זיינען אָנגעקומען אין יענע לענדער פריער ווי די אידן פון צענטראַל־איראָפּע. און די לעצטע זיינען געקומען ערשט דאַן, ווען דער היטלער־שטורעם האָט שוין אָנגעהויבן פאַרפלייצן דייטשלאַנד. זיי זיינען דעריבער געקומען אין די נייע לענדער אין אַ געדריקטער שטימונג. זיי האָבן זיך אָפט געניטיקט אין דער הילף פון די מזרח־איראָפּעאישע אידן, בכדי זיך איינצואָרדנען אין די נייע לענדער. זייערע אַמאָליקע נעגאַטיווע באַצי־אונגען צו „אָסט־יודן" האָבן זיי געמוזט אויפגעבן. גאַנץ אַנדערש איז עס געשען אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען די אידן פון צענטראַל־איראָפּע גע־קומען פריער. זייער שטראָם האָט זיך אָנגעהויבן ציען נאָך די רעוואָלוציעס פון 1848, בעת דער מזרח־איראָפּעאישער שטראָם האָט זיך ערשט אָנגעהויבן נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין יאָר 1881. די פריער־געקומענע האָבן זיך שוין געהאַט פעסט איינגעאָרדנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן — און

די מערסטע פון זיי האָבן דווקא יאָ מיטגעבראַכט מיט זיך זייער באַציאונג צו די „אָסט־יודן", ווי צו אַ נידעריקערן אידישן שבט. אָט־די באַציאונג איז אַנטוויקלט געוואָרן ביי די דייטשע אידן דורך דעם, וואָס „אָסט־אידן", בעיקר פון גאַליציע, האָבן זיך באַוויזן אין נישט קיין קליינע צאָלן אין בערלין און אין וויען. רוסישע אידן האָבן זיך אויך — אמת אין אַ קלענערער צאָל — באַוויזן אין די דייטשע שטעט. די לעצטע זיינען אָבער על־פי־רוב געווען שטודירנדיקע יוגנט, וועלכע האָבן נישט אַרויסגערופן אַזאַ ווידער־ווילן ביי די איינגעזעסענע דייטשע אידן. אָבער גאַליציאַנער אידן, מיט זייער עכט־אידישן טראַכט און מיט זייערע כאַראַקטעריסטיש־אידישע פּנימער, האָבן יאָ אַרויסגערופן אומצופרידנקייט ביי די איינגעזעסענע דייטשע אידן. דערפון איז געקומען זייער קאָמפּלעקס פון קוקן אויף זיך ווי אויף אַ העכערן שבט, וועלכער איז באַרופן צו לערנען און דערציען די „אָסט־יודן" צו אַ פּאַסיקער אויפפירונג. אָט־דעם קאָמפּלעקס האָבן די דייטשע אידן יאָ מיט־געבראַכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דעריבער איז בלויז דאָ פאָרגעקומען דער שאַרפער צוזאַמענשטויס מיט די „יאַהודים", הגם אין אַנדערע לענדער, וואוהין אידן האָבן עמיגרירט, איז אַזאַ צוזאַמענשטויס נישט פאָרגעקומען.

## ג.

עס מוז צוגעגעבן ווערן, אַז בנוגע העלפן דעם נייעם אימיגראַנט האָט דער פריער־געקומענער, דייטשער איד געזוכט צו טאָן זיין פולן חוב. אמת, די דאָזיקע הילף האָט נישט מילדער געמאַכט דעם געראַנגל. ביז אַ געוויסן גראַד האָט עס דעם געראַנגל גאָר פאַרשאַרפט. עס האָט געבראַכט מיט זיך אַ מין געפיל פון קלאַסן־קאַמף; די קלאַסן האָבן זיך צעטיילט לויט דער ליניע פון דייטשע אידן ווי אַרבעטס־געבער און מזרח־אייראָפּעאישע אידן, ווי אַרבעטס־זוכער. דאָס דאַרף נישט פאַרמישט ווערן מיט דעם גוט־באַקאַנטן „שוויץ־שאָפּ" סיסטעם, וואָס האָט זיך צעבליט אין יענע יאָרן, בעיקר אין ניו־יאָרק. די מערסטע בעלי־בתים פון די „שוויץ־שעפּער" זיינען גאָר געווען אידן פון מזרח־אייראָפּע, וועלכע האָבן זיך שוין אַביסל „אַרויפגעאַרבעט" און האָבן דערשפּירט אין זייערע „לאַנדסלייט", וואָס האָבן געהאַלטן כסדר אין קומען קיין אַמעריקע, אַ „גוטן" מאַטעריאַל פאַר עקספּלואַטאַציע, וואָס האָט נישט געהאַט איר גלייכן אין דער גאַנצער אַמעריקאַנער אינדוסטריע. ווי אַ כלל, איז אָבער דער דייטשער איד אין יענער צייט געווען פעסט איינגע־אָרדנט אין לאַנד. דער ניי־געקומענער עמיגראַנט האָט אין אים געזען דעם „גביר" פון זיין שטעטל און זיך האָט ער געזען ווי דעם אָרעמאַן פון זיין

שטעטל. ביים פֿאַרקריפּלטן סאָציאַליזם, וואָס איז דאָן געפּריידיקט געוואָרן צווישן דער עמיגראַנטן־מאַסע, האָט אָט־דער געפֿיל פֿון קלאַסן־קאַמף געפֿונען אָרט אין מאָסן הערצער. דאָס האָט דעם געראַנגל מיט „יאַהודים" אַ סך שאַרפֿער געמאַכט.

דער דראַמאַטישער קאַמף איז אויסגעבראָכן יאָרן שפּעטער, בעיקר אַרום דער קאָנגרעס־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען תּיכּף נאָכן אויסברוך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אָבער דאַן איז שוין אין די רייען פֿון די מזרח־אייראָפּעאישע אידן גופֿא פֿאַרגעקומען אַ פּראָצעס פֿון צעטיילונגען לויט פּאָליטישע און סאָציאַלע אידייען. נישט אַלע מזרח־אייראָפּעאישע גרופּירונגען האָבן געפֿירט אין אַ גלייכער מאָס דעם געראַנגל קעגן די „יאַהודים". וועגן דעם וועט דערציילט ווערן ווען מיר וועלן קומען צו יענער צייט. איצט האַלטן מיר ערשט ביים טיף־פּסיכאָלאָגישן געראַנגל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרמירן — דער געראַנגל קעגן דעם פֿאַרזוך פֿון די פֿריער־געקומענע דייטשע אידן „אויסצומענטשלען" דעם נייעם עמיגראַנט; ער זאָל אַביסל ענדערן זיין ספּעציפֿיש־אידישן פּרצוף וואָס ער האָט מיט־געבראַכט און העלפֿן אים זיך „אַמעריקאַניזירן". דאָס האָט געמיינט: נישט אַזוי שטאַרק באַשטיין אויף אָנהאַלטן זיין אייגענעם לשון, און בכלל זאָל זיך זיין אַנדערשקייט וואָס ווייניקער וואַרפֿן אין די אויגן. בעיקר זאָל ער וואָס שנעלער באַפֿרייט ווערן פֿון די געפֿערלעכע רעוואָלוציאָנערע טענדענצן וואָס ער, דער נייער עמיגראַנט, ברענגט מיט זיך.

דער איינגעזעסענער איד, וואָס איז געקומען פֿון צענטראַל־אייראָפּע מיט איבער אַ דור פֿריער, האָט זיך נישט ווייניק איבערגעשראָקן פֿאַרן נייעם עמיגראַנט, וואָס האָט גענומען שטראָמען ביים סוף פֿון 19טן און אָנהייב פֿון אונזער יאָרהונדערט. ער, דער איד פֿון צענטראַל־אייראָפּע, איז אַנטלאָפֿן פֿון זיין לאַנד צוליב דער מהומה וואָס די רעוואָלוציעס פֿון יאָר 1848 האָבן געבראַכט אין צענטראַל־אייראָפּע. דאָ, אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער סוף־כּל־סוף געפֿונען מנוחה. איצט אָבער האָט ער דערשפּירט, אַז עס שטראָמט אַריין אַ נייע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אין לאַנד. דער גרעסטער טייל פֿון אָט־דער כוואַליע באַשטייט פֿון זיינע „גלויבנס־גענאָסן". זיין פֿליכט איז דעריבער צו זאָרגן דערפֿאַר, אַז זיי זאָלן זייערע רעוואָלוציאָנערע טענ־דענצן נישט אַריינפּלאָנצן אין דעם נייעם לאַנד. און רעוואָלוציאָנערע טענ־דענצן זיינען פֿאַר דעם דייטשן „יאַהודי" געווען אַלץ, וואָס דער נייער אידישער עמיגראַנט האָט מיט זיך אידייאיש מיטגעבראַכט: ציוניזם, טערי־טאָריאַליזם, אידישיזם, העברעאיזם און אַלע סאָרטן סאָציאַליזם. מיט דער

רוסישער רעוואָלוציע האָט ער דווקא סימפּאַטיזירט. די שפּיצן פון די „יאַהו־דים" האָבן אַפילו פינאַנציעל געהאָלפן דער רוסישער רעוואָלוציע. דאָרט וואו זיי האָבן שוין דעמאָלט געקענט אויסאיבן פּאָליטישע השפעה — איז זייער ווירקונג שטענדיק געגאַנגען קעגן צאַריזם, וועלכן זיי האָבן שטאַרק פיינט געהאַט. אָן ספק האָט זיך דאָ אויסגעווירקט זייער אידישקייט און זייער סימפּאַטיע פאַר די רוסישע אידן, וועלכע די צאַרישע רעגירונג האָט אַזוי גערודפט. אָבער — זאָל די רעוואָלוציע בלייבן אין די גרענעצן פון רוסלאַנד; זאָלן, חלילה, אירע קערנער נישט פאַרזייט ווערן אינעם נייעם לאַנד.

און געזען האָבן זיי דאָס פאַרקערטע. זיי האָבן געהאַט זייערע שטענ־דיקע פאַרבינדונגען מיט דער נייער אימיגראַנטן־מאַסע, דורך אינסטיטוציעס וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן צו העלפן דעם נייעם אימיגראַנט געפינען זיין אָרט אינעם נייעם לעבן. די מערסטע אַנשטאַלטן זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך די אימיגראַנטן גופא, אָבער די דייטשע אידן האָבן בייגע־שטייערט גרעסערע סומעס, בכדי די אַנשטאַלטן זאָלן קענען פונקציאָנירן ווי געהעריק. די פאַרוואַלטער פון אַט־די אַנשטאַלטן זיינען, אויף אַזאַ אופן, געשטאַנען אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די פירער פון די „יאַהודים". דורך אַט־דעם קאַנאַל האָבן זיך די לעצטע געהאַלטן אינפאָרמירט וועגן אַלץ וואָס ס׳קומט פאָר אין דער אימיגראַנטן־מאַסע. די דאָזיקע אינפאָרמאַציע האָט זיי דערציילט, אַז אַט־דער נייער עלעמענט כאַפּט זיך שטאַרק צו די סאָציאַ־ליסטישע, אַנאַרכיסטישע, ציוניסטישע און נאַציאָנאַליסטישע געדאַנקען. דורכ־דעם איז די שרעק פון די „יאַהודים" פאַרשטאַרקט געוואָרן. ווער ווייסט, וואָס אַט־די נייע פייגל ברענגען אין זייערע פליגלען? דאָס קען צעשטערן די מנוחה, וואָס זיי, די אידן פון צענטראַל־אייראָפּע, האָבן דאָ געפונען.

האָבן זיי דעריבער געזוכט צו פאַרשטאַרקן זייערע השפעות אויף דעם נייעם עלעמענט. זיי האָבן עס געטאָן טאַקע דורך פאַרגרעסערטער הילף צו די אַנשטאַלטן. זיי האָבן עס אויך געטאָן דורך אָפטע באַזוכן אין דעם אימיגראַנטן־קוואַרטאַל. נישט אַלעמאָל זיינען אַזעלכע באַזוכן געווען אין הסכם מיט געהעריקן טאַקט. אָפטמאָל האָט צו־שטאַרק אַרויסגערעדט פון זיי דער טאָן פון דעם רייכן פעטער, וואָס העלפט דיר אַרויס. דאָס האָט אין די מערסטע פאַלן געהאַט פונקט אַ פאַרקערטע השפעה. דער פּסיכישער יסוד פאַר דעם געראַנגל פון אַט־די צוויי באַזונדערע שבטים איז געוואָרן אַלץ פעסטער. ביז ער האָט דערפירט אויך צו די שפּעטערדיקע אָפענע און אויך דראַמאַטישע קאַמפן.

## ד.

דערביי דאַרף פאַרצייכנט ווערן אַ וויכטיקער גענביט, אויף וועלכן עס האָבן זיך דווקא צוזאַמענגעטראָפן די בענקשאַפטן פון די דייטשע „יאַהודים״ מיט אמתע אינטערעסן פון דעם אידישן אימיגראַנט. מער ווי אַלע אַנדערע גרופּירונגען האָבן דווקא די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן געפונען די דאָזיקע געמיינזאַמע שפּראַך מיט די פירער פון די דייטשע „יאַהודים״. די העכסטע מדרגה פון אָט־דער בשותפותדיקייט איז דערגרייכט געוואָרן אין דעם גוט־באַוואוסטן „גאַלוועסטאָן־פּלאַן״.

די „יאַהודים״ זיינען צוגעטראָטן צו אָט־דעם שטח דורכן פּחד, וואָס די נייע אימיגראַנטן־מאַסן קאָנצענטרירן זיך בעיקר אין די צוויי שטעט — ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע. אָט־דער פּחד איז דווקא געווען אַ באַרעכטיקטער. עס איז געווען אַ געפאַר פון אַ צו־גרויסער אַרבעט־זוכנדיקער אימיגראַנטן־מאַסע, וואָס קען דערפירן צו מאַסן־אַרבעטסלאָזיקייט. און אַרבעטסלאָזיקייט איז טאַקע געווען זייער אַ שאַרף פּראָבלעם פאַר די נייע אימיגראַנטן.

בעיקר איז דאָס פּראָבלעם געשטיגן אין ציטן פון „סלעק״. די צוויי טערמינען „סיזאָן״ און „סלעק״ זיינען דאַן געווען זייער פאַרשפּרייט אין דער אימיגראַנטן־מאַסע. אין די נאָדל־אינדוסטריעס זיינען געווען צוויי אַרבעטס־סעזאָנען אין יאָר און צווישן זיי האָבן זיך געצויגן וואָכן, אָפט עטלעכע חדשים, פון „סלעק״, פון אַרבעטסלאָזיקייט. אין ציטן פון סלעק האָט אָפט געפעלט דאָס נויטיקע שטיקל ברויט פאַר דער משפּחה — און אויב די משפּחה איז נאָך געווען אין דער אַלטער היים איז געווען נאָך ערגער. עס איז דאַן נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו שיקן איר די נויטיקע פאַר דאָלאַר אויף חיונה. דער אימיגראַנט האָט דערפון שאַרפער געליטן ווי פון זיין אייגענעם הונגער. די דאָזיקע שאַרפע נויט האָט אָפטמאָל געפירט צו גאָר־טראַגישע סיטואַציעס.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע האָט מען דערציילט פון פאַלן, ווען אַגענטן פון פאַרשידענע פירמעס — וואו אַרבעטער האָבן געשטרייקט — האָבן צווישן אָט־די פאַרצווייפלטע עלעמענטן געזוכט (און אָפט טאַקע גע־פונען) שטרייק־ברעכער. מען האָט די פאַרהונגערטע מענטשן נישט דער־ציילט צו וואָס מען פירט זיי. מען האָט זיי צוגעזאָגט אַרבעט, וואָס וועט זיי דערמעגלעכן צו פאַרדינען עטלעכע דאָלאַר. זיינען זיי געגאַנגען צו יעדער סאָרט אַרבעט. אַפילו צו מינען האָבן זיי זיך דערשלאָגן, אויב נאָר מען האָט פאַר זיי געהאַט שווערע אַרבעט, וועלכע זיי האָבן געקענט טאָן. עס

איז קיין ספק נישט, אַז אָט אַזעלכע דערשיינונגען האָבן געהערט צו די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן ביי די אַמעריקאַנער אָרגאַניזירטע אַרבעטער די שטעלונג קעגן דערלויבן פרייע איינוואַנדערונג. אַזעלכע דערשיינונגען זיינען געווען פיל אָפטער ביי די איטאַליענישע און פוילישע נייע אימיגראַנטן. זיי זיינען געווען בעסער צוגעפּאַסט צו די שווערע אַרבעטן. אָבער אויך אידישע פאַרצווייפלטע אימיגראַנטן האָט די נויט געצוואונגען זיך צוצוהערן צו אָט־די אַגענטן און ווערן זייערע קרבנות.

ווען זיי האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, צו וואָס מען האָט זיי אויסגענוצט, האָבן זיי זיך געזוכט אַרויסצוראַטעווען. די הילף דערצו האָבן זיי באַקומען דורך די אויבנדערמאָנטע אינסטיטוציעס צו וועלכע די דייטשע אידן האָבן בייגעשטייערט גרעסערע סומעס. דורכדעם זיינען פאַר זיי, פאַר די דייטשע אידן, נאָך בולטער געוואָרן די סכנות וואָס וואַקסן אַרויס פון דעם, וואָס גרויסע מאַסן אַרבעט־זוכער זיינען קאָנצענטרירט בעיקר אין ניו־יאָרק און אין פילאַדעלפיע.

אַ צוגאָב־סיבה צו אָט־דער שרעק איז געווען דער דערמאָנטער „פּראָדוקט" — דער שוויץ־שאַפּ — וואָס איז אויך בעיקר דערמעגלעכט געוואָרן דורך דער גרויסער נויט צווישן די אידישע אימיגראַנטן. זיי האָבן גענומען זוכן מיטלען קעגן אָט־די אַלע סכנות. דאָס האָט זיי דערבראַכט צום געדאַנק פון גרינדן דעם „אינדאַסטריעל רעמוואוול אָפיס", וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען: אָפּצוּוואָרעכדן דעם אימיגראַנטן־שטראָם פון די מזרח־שטאַטן און אים פּרובירן פאַרקירעווען צו די מערב־שטאַטן.

די טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג, פון איר זייט, האָט זיך דאַן בעיקר קאָנצענטרירט אויפן פּראָבלעם פון רעגולירן די אידישע מיגראַציע. דער אוגאַנדאַ־פּלאַן איז שנעל אַראָפּ פון סדר היום. נייע טעריטאָריע־פּלענער זיינען בלויז אויפגעשוואומען אין די מוחות פון די טעריטאָריאַליסטישע פירער. די האָפענונג באַלד צו באַקומען אַ טעריטאָריע האָט אָנגעהויבן בלאַסער ווערן. קיין פּראַקטישע טעריטאָריאַליסטישע אַרבעט איז פאַר דער באַוועגונג נישט באַשאַפן געוואָרן. האָט זיך די באַוועגונג „דערווייל" פאַרנומען מיט רעגולירן די אידישע מיגראַציע, בכדי ווען די צייט וועט קומען — זי צו קענען קירעווען אין דער נייער טעריטאָריע.

ווען דער „גאַלוועסטאָן־פּלאַן" איז אויפגעקומען (מיר איז נישט באַוואוסט וועמענס איניציאַטיוו עס האָט אַרויסגעבראַכט דעם פּלאַן. איך האַלט אויך נישט פאַר נויטיק עס אויסצופאָרשן, ווייל איך שרייב דאָ נישט קיין געשיכטע) האָבן סיי די טעריטאָריאַליסטישע פירער, סיי די „יאַהודימשע"

פירער, געזען אין דעם אַ ציל, אין וועלכן זיי בײדע קענען זיין פּאַראינטע־רעסירט, הגם יעדער פון זיין באַזונדער קוק־ווינקל. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען דעם דאָזיקן פּלאַן אין זיין ממשות׳דיקער דורכפירונג.

דער הויפּט־צענטער פאַר דער דיסטריבוציע פון די גאַלוועסטאָן־אימיג־ראַנטן איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין קענזעס־סיטי. דער הויפּט־פּאַרוואַלטער פון אָט־דעם צענטער איז געוואָרן דער גוט־באַקאַנטער עסקן ד״ר דזשייקאָב ביליקאָף (אַליין אַ ליטווישער איד, אָבער שוין שטאַרק פאַרוואָרצלט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דורך זיין חתונה איז ער געוואָרן גאָר אַ נאָענטער קרוב פון דעם באַרימטן אַמעריקאַנער־אידישן פירער לואיס מאַרשאַל). ווען איך האָב, ווי אַ טעריטאָריאַליסט, דאַן באַזוכט קענזעס־סיטי, האָט ד״ר ביליקאָף מיר באַוויזן אַלע פּרטים פון זיין אַרבעט. ער האָט מיך אויך באַקאַנט גע־מאַכט מיט די פּלענער, לויט וועלכע די נייע אימיגראַנטן ווערן צעשיקט אין פאַרשידענע שטעט פון אַמעריקע. איך האָב דאַן אָנגעשריבן מיין ערשטן אַרטיקל, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם חודש־זשורנאַל פון די ס. ט. „דאָס פאָלק״. אין אָט־דעם אַרטיקל האָב איך פּאָלעמיזירט קעגן די ציוניסטן, פאַרוואָס זיי אָנערקענען נישט די גרויסע באַדייטונג פון דעם גאַלוועסטאָן־פּלאַן. (טאָמער וועט זיך עמעצער ווען עס איז אָפּגעבן מיט אויפקלייבן מיינע שריפטן, וואָלט מיך נישט געאַרט, אַז ער זאָל אָט־דאָס אַרטיקל דן זיין לגניזה. עס האָט פון אים אַרויסגערעדט מער דעמאָלטיקע פּאַרטיי־אידעאָלאָגיע, ווי שכל הישר).

ה.

ווען איך טראַכט איצט, כמעט 55 יאָר שפּעטער, וועגן דעם גאַלוועסטאָן־פּלאַן, זע איך נאָך אַלץ אין דעם פּאָזיטיווע מאָמענטן, כאָטש ווייט נישט יענע וואָס איך האָב דערוואַרט פון אָט־דעם פּלאַן. דער פאַנטאַסט אין מיר האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ גרויסן חלום. איך האָב געזען אין דער אַמע־ריקאַנער „סאַוט״ אַ גרויסע קאָנצענטראַציע פון אידישער עמיגראַציע; איך האָב געזען די מעגלעכקייט פון אַ נייעם „סטייט״ אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויף טייל שטחים פון טעקסאַס און די שכנותדיקע „סטייטס״. דער נייער „סטייט״ ווערט אָפיציעל אָנערקענט פון דער פעדעראַלער רעגירונג. און אין דעם „סטייט״ איז די מאַיאָריטעט אַ אידישע. איך האָב שוין דאַן געוואוסט וועגן דעם פּלאַן פון דעם גרויסן אַמעריקאַנער איד מרדכי עמנואל נח, וועל־כער האָט מיט צענדליקער יאָרן פריער געחלומט וועגן דער אידישער טערי־טאָריע, וואָס האָט געדאַרפט — לויט אים — אויסגעשניטן ווערן פון אַ טייל

פון שטאַט ניו־יאָרק, וואָס ליגט ביים ניאַגאַראַ וואַסערפאַל, און אין וועלכער עס זאָל טאַקע זיין איינגעשלאָסן אַ טייל פון דעם וואונדערלעכסטן וואַסער־פאַל אויפן גאַנצן קאָנטינענט. איז אויב אַן אַמעריקאַנער איד האָט געקענט דאַן חלומען וועגן אַ אידישער טעריטאָריע אין די פאַראייניקטע שטאַטן — פאַרוואָס קען די געשיכטע אונז נישט דערמעגלעכן אַזאַ טעריטאָריע, נישט אין צפון פון ניו־יאָרק־סטייט, נאָר אין די דרום־געגנטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן?

איך געדענק, ווי פאַרוואונדערט דער דערמאָנטער ד״ר דזשייקאָב בילי־קאָף איז געוואָרן, ווען איך האָב פאַר אים געפּרובירט אַרויסברענגען אָט־דעם געדאַנק. ער, וואָס האָט פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט פון דעם „אינ־דאַסטריעל רעמואוול אָפיס״, האָט מיר פשוט דערקלערט, אַז די פינאַנסירער פון דעם פּלאַן האָבן גאָר אַ פאַרקערטן ציל: זיי ווילן וואָס מער צעשפּרייטן די אידישע אימיגראַנטן אין אַלע טיילן פון לאַנד. זיי זיינען קעגן יעדער געדאַנק פון קאָנצענטרירן זיי אויף איין געאָגראַפישן פּונקט. עס איז פאַר מיר דאַן קלאָר געוואָרן, אַז דער צוזאַמענטרעף פון די טעריטאָריאַליסטישע פירער מיט די פירער פון די „יאַהודים״ אויף אָט־דעם שטח איז געווען נאָר אַ צייטווייליקער און אַ באַגרענעצטער; אַז יענע טעריטאָריאַליסטן וועלכע האָבן, ווי איך, פאַרבונדן מיט „גאַלוועסטאָן״ גרויסצוגיק־היסטאָרישע פּלענער (זייער צאָל איז, אַגב, געווען זייער אַ קליינע, די מערסטע טעריטאָריאַליסטן האָבן אין דעם גאַלוועסטאָן־פּלאַן נאָר געזען אַן אָנהויב פון אַ פאַרזוך צו רעגולירן אידישע מיגראַציע) וועלן מוזן אַנטוישט ווערן; פּונקט ווי איך אַליין בין אַנטוישט געוואָרן נאָכן שמועס מיט ד״ר ביליקאָף. אין מיין פריער־דערמאָנטן אַרטיקל האָב איך דעריבער וועגן מיינע אייגענע טעריטאָריע־חלומות דורך „גאַלוועסטאָן״ אַפילו מיט קיין רמז נישט דערמאָנט. איך האָב בלויז גערעדט וועגן רעגולירן די כאַאָטישע אידישע וואַנדערונג. סיווי האָט דער גאַלוועסטאָן־פּלאַן צו אַזעלכע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן נישט דערפירט.

אָבער אַפילו די שמעלערע האָפענונגען, וואָס דווקא די מענטשן פון „רעמואוול־אָפיס״ האָבן יאָ דערוואַרט, זיינען אויך נישט רעאַליזירט געוואָרן. זיי האָבן געוואָלט דערפירן צום אויסגלייכן די צאָל אידישע עמיגראַנטן, וואָס זאָלן זיך באַזעצן אין די מערב־שטאַטן, מיט דער צאָל וואָס באַזעצט זיך אין די צוויי גרויסע שטעט אין מזרח: ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע. אָט־דער ציל וואָלט יאָ דערגרייכט געוואָרן, ווען דער גאַלעווסטאָן־פּלאַן זאָל געווען האָבן אריכת־ימים און ווען די פירער פון די „יאַהודים״ וואָלטן געהאַט אַביסל מער געדולד. ווען זיי האָבן אויסגעפונען, אַז טיילן פון די „גאַלוועסטאָן״־

אימיגראַנטן האָבן סוף כל סוף דערגרייכט ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע, האָט דער גאַנצער פּלאַן פאַרלוירן פאַר זיי דעם צויבער. וואָלטן פונדעסטוועגן שיפן נאָך שיפן געהאַלטן אין איין ברענגען אידישע אימיגראַנטן צום גאַל־וועסטאָן־האַפן אָנשטאָט נאָר קיין ניו־יאָרק, וואָלט אַ באַדייטנדיקע צאָל דאָך פאַרבליבן אין די מערב־שטאַטן. ווייל אַפילו די פאַרהעלטנישמעסיקע קליינע צאָל וואָס זיינען געקומען דורך גאַלוועסטאָן, האָבן דאָך איבערגעלאָזט אין אידישע קהילות פון דער „וועסט" עלעמענטן, וועלכע האָבן שטאַרק געהאָלפן אַנטוויקלען די דאָזיקע קהילות. איך האָב אַזעלכע געטראָפן, אין מיינע שפּעטערדיקע רייזעס איבער די פאַראייניקטע שטאַטן, סיי אין אַ ריי קהילות פון דער וועסט, סיי אין קהילות פון „נאָרט" און „סאַוט" פון די פאַראייניקטע שטאַטן. און אין דעם זע איך נאָך אויך היינט די פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, וואָס דער גאַלוועסטאָן־פּלאַן האָט געגעבן.

פון טעריטאָריאַליסטישן שטאַנדפּונקט האָט דער פּלאַן פאַרלוירן זיין באַדייטונג אויך צוליב אַן אַנדער אַנטוויקלונג, וואָס איז מיר ערשט שפּעטער באַקאַנט געוואָרן. די פירער פון טעריטאָריאַליזם — ישראל זאַנגוויל און זיין קליינע גרופּע — זיינען דאַן געווען באַשעפטיקט מיט אַ נייער טעריטאָריע־האָפענונג: זיי האָבן פאַרהאַנדלט מיט דער רעגירונג פון דער ווייטסטער מערב־פּראָווינץ פון קאַנאַדע — בריטיש קאָלומביאַ — וועגן אַ טעריטאָריע פאַר אידן אין אָט־דער פּראָווינץ. ישראל זאַנגוויל האָט צוליב דעם געשיקט אונזער חבר ד"ר נחמן סירקין אויסצופאָרשן אָט־די מעגלעכקייט. אַז פון דעם האָט זיך נאָר אויסגעלאָזט נאָך אַן אילוזיע, איז היינט נישט נויטיק אונטערצושטרייכן. אָבער דאַן האָט עס אין די אויגן פון די טעריטאָריאַליסטישע פירער אויסגעזען ווי אַ פּראַקטישע מעגלעכקייט. אויך צוליב דעם האָבן אייניקע פון זיי געשטיצט דעם גאַלוועסטאָן־פּלאַן. עס וואָלט אַוודאי געווען פּראַקטישער און פיל גרינגער צו פירן אידישע עמיגראַנטן קיין מערב־קאַנאַדע דורך גאַלוועסטאָן, ווי דורך ניו־יאָרק. אָבער ווען דער קאַנאַדער פּלאַן איז אויסגערונען געוואָרן, האָבן טעריטאָריאַליסטן אויך פאַרלוירן דעם אינטערעס אין דעם גאַלוועסטאָן־פּלאַן. דאָס האָט אויך געהאָלפן דערפירן דערצו, אַז דער דאָזיקער פּלאַן האָט קיין אריכת־ימים נישט געהאַט. ביי אַ סך טעריטאָריאַליסטן — מיך בתוכם — האָט אָט־דער דורכפאַל איבערגעלאָזט גאָר אַ שאַרפן ווייטיק אין דער נשמה. איך בין זיכער, אַז דאָס איז געווען אַ פאַקטאָר וואָס האָט אייניקע פון אונז — מיך בתוכם — אַ שטויס געטאָן צו טראַכטן וועגן צוריקגיין צו די פּועלי־ציון.

ביים אומקערן זיך צום מיזוג־גלויות פּראָצעס אינעם אידנטום פון די

פאַראייניקטע שטאַטן מוז פאַרצייכנט ווערן, אַז אַפילו אויף אַ שטח, וואו אַ טייל פון די מזרח־איראָפּעאישע אידישע אימיגראַנטן האָבן זיך פאַראייניקט מיט די פירער פון די „יאַהודים" אין אַ בשותפותדיקער אַרבעט, איז דער תהום צווישן זיי נישט פאַרקלענערט געוואָרן. פאַרקערט, ער איז נאָך בולטער געוואָרן. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז זייער ציל איז וואָס מער אויסצושפּרייטן און צעפּיצלען די אידישע אימיגראַנטן־מאַסן און אונזער שטרעבן איז דווקא זיי וואָס מער צו קאָנצענטרירן.

ז.

צוזאַמען מיט אָט־דעם פּונקט אינעם טעריטאָריאַליסטישן געדאַנקען־גאַנג האָב איך זיך במשך אָט־די דריי רייזעס איבערן לאַנד באַשעפטיקט מיט אַ צווייטן פּראָבלעם: דאָס פּראָבלעם פון דעפּראָלעטאַריזאַציע.

די דאָזיקע פראַגע האָבן קיין אַמעריקע מיטגעבראַכט די מיטגלידער סיי פון דער ס. ס.־פּאַרטיי (געמיינט — סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן), סיי די מאַרקסיסטיש־איינגעשטעלטע פּועלי־ציון. אין די טעאָריעס פון ביידע פּאַרטייען האָט פאַרנומען אַ באַדייטנדיק אָרט דער געדאַנק, אַז אין גלות קענען זיך די אידישע מאַסן נישט פּראָלעטאַריזירן; זיי זיינען פאַר׳משפּט צו לעבן פון לופט־פּרנסות; אַז פאַרוואַנדלט ווערן אין אמתע פּראָלעטאַריער וועלן די אידישע מאַסן נאָר קענען אין אַן אייגענער טעריטאָריע.

אָבער קומענדיק קיין ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע אין די ערשטע יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט, האָבן אַלע געזען ווי גרויסע מאַסן אידן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט אין דער אַלטער היים מיט לופט־פּרנסות, גייען דאָ אַריבער צו פיזישער אַרבעט. זיי האָבן אין דעם געזען אַ דערשיינונג וואָס גייט להיפוך צו די טעאָריעס וואָס האָבן זיי געבראַכט צום ציוניזם, אָדער צום טעריטאָריאַ־ליזם. זיינען זיי ממש צעטומלט געוואָרן.

פערזענלעך האָב איך מיין ציוניזם אָדער טעריטאָריאַליזם קיינמאָל נישט באַזירט אויף עקאָנאָמיש־מאַרקסיסטישע אויסטייטשונגען. פאַר מיר האָט בעיקר געשפּילט אַ ראָלע דער וואונטש צו פאַרזיכערן דעם נאַציאָנאַלן המשך פון אידישן פאָלק. אָבער די מערסטע חברים האָבן אָט־די טעאָריע פון דע־פּראָלעטאַריזאַציע יאָ אָנגענומען. זיי האָבן אָבער נישט ריכטיק פאַרשטאַנען און נישט טיף־געגנוג זיך אַריינגעטראַכט אין איר. איז מיר, דעם נישט־מאַרקסיסט, זייער אָפט אויסגעקומען זיך איינצושטעלן פאַר דעם געזונטן טייל, וואָס די טעאָריע פון נישט־פּראָלעטאַריזאַציע האָט פאַרמאָגט.

די טעאָריע האָט נישט גערעדט וועגן סתם נישט־פּראָלעטאַריזאַציע.

שניידער, שוסטער, גאַרבער און ענלעכע אַרבעטער האָבן מיר פאַרמאָגט אויך אין די מזרח־איראָפּעאישע לענדער. אין יענער צייט האָט זיך זייער צאָל דווקא געהאַלטן אין פאַרגרעסערן. אמת, דער איבערגאַנגס־פּראָצעס פון לופט־פּרנסות צו פיזישער אַרבעט איז נישט געווען קיין גרויסער, אָבער ער האָט זיך שוין גאַנץ קענטיק אָנגעזען. בעיקר האָט אים אַרויסגערופן די שטענדיקע גרייטקייט צו עמיגרירן, וואָס האָט דאַן אַרומגעכאַפּט גרויסע טיילן אידן אין שטעט און שטעטלעך. די ידיעות וואָס זיינען דערהאַלטן געוואָרן פון יענע, וועלכע זיינען שוין אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָבן קלאָר איבער־געגעבן, אַז דאָרט מוזן די מערסטע לופט־מענטשן אַריבערגיין צו פיזישער אַרבעט. די זעלביקע ידיעות האָבן דערציילט וועגן דעם כאַראַקטער פון פיזישער אַרבעט, צו וועלכער מען גייט איבער. די נייע אימיגראַנטן נעמען זיך בעיקר צו די נאָדל־פאַכן. האָט מען שוין אָנגעהויבן אין שטעט און שטעטלעך זיך צוגרייטן צום נאָדל־פאַך. און דער אמת איז דאָך, אַז דער גרעסטער פּראָצענט פון נייע אימיגראַנטן האָט געדאַרפט דורכגיין דעם „שאָפּ“, איידער ער האָט זיך שפּעטער גענומען צו אַן אַנדער באַשעפטיקונג. די טעאָריע פון דע־פּראָלעטאַריזאַציע האָט דעריבער נישט געהאַט אין זינען דאָס קענען, אָדער נישט־קענען אַריבערצוגיין צו דער נאָדל־אינדוסטריע.

די טעאָריע האָט גערעדט וועגן דעם, אַז אין גלות זיינען מיר פאַר־משפּט צו קאָנצענטרירן זיך בלויז אין די ברעג־אינדוסטריעס און קענען קיינ־מאָל נישט אַריינדרינגען אין אַלע סאָרטן פון אינדוסטריעלער פּראָדוקציע — בעיקר אין דער שווערער אינדוסטריע, וואָס איז געווען די וויכטיקסטע אינעם סך־הכל פון דער נאַציאָנאַלער באַלעבאַטישקייט אין יעדער מדינה. אַריינ־דרינגען אין אַלע טיילן פון דער אינדוסטריע — האָט די טעאָריע געהאַלטן — וועלן מיר קענען נאָר אין אַן אייגענער מדינה. אָט־דער טייל פון דער טעאָריע האָט זיך אָן ספק באַשטעטיקט. בלויז אין אונזער אידישער מדינה זיינען מיר אַריינגעדרונגען אין אַלע אינדוסטריעס פון לאַנד. אין די גלות־לענדער — אויף וויפיל אונז איז נאָך דאָרט פאַרבליבן אַן אַרבעטער־קלאַס — געפינט ער זיך נאָך אַלץ בלויז אין די אינדוסטריעלע ברעגן און איז נישט אַריינ־געדרונגען אין אַלע טיילן פון דער אינדוסטריע, בעיקר אין דער שווערער.

אָט־דעם געדאַנק האָב איך געזוכט אויפצוקלערן און דערביי כסדר אונ־טערגעשטראָכן, אַז פאַר מיר גופא איז אָט־דער געדאַנק נישט דער יסוד פאַר מיין טעריטאָריאַליזם. אָבער דווקא אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָב איך געזען אַ באַשטעטיקונג פאַר אָט־דעם טעאָרעטישן געדאַנק. אויך אין אַ נייעם לאַנד, וואו מיר זיינען מצד דער רעגירונג נישט באַגרענעצט בלויז צו

גערויסע אינדוסטריעס; וואו מיר קענען אַליין אויסקלייבן וועלכע פאַכן מיר ווילן נאָר, דערגייען מיר אין אונזער פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזירונג נאָר צו די ברעגן־אינדוסטריעס. איז דאָך דאָס דער שאַרפסטער באַווייז פאַר דער אומנאָרמאַלקייט פון אונזער גלות־לעבן. די אַרגומענטן וואָס אַנטי־ציוניסטישע אידישע סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד האָבן אַרויסגעבראַכט קעגן אָט־דער טעאָריע, אַז נאָכדעם ווי מען וועט פטור ווערן פון צאַריזם וועט ווערן פריי דער צוטריט צו אַלע אינדוסטריעס פאַר אידישע מאַסן, זיינען דווקא פון די אַנטוויקלונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אָפּגעפרעגט גע־וואָרן. נישטאָ דאָ קיין צאַריזם, נישטאָ דאָ קיין שום ספּעציעלע באַגרענע־צונגען און רדיפות קעגן אידן. און דאָך!...

צי מיינע אַרגומענטן האָבן וועמען עס איז אָפּגעהאַלטן פון פאַרלאָזן די פּאַרטיי — ווייס איך נישט. איך ווייס אָבער יאָ, אַז גאָר באַדייטנדיקע צאָלן זיינען שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם גרויסן פּראָלעטאַריזי־רונגס־פּראָצעס, וואָס זיי האָבן דאָ דערזען און האָבן פאַרלאָזט די באַוועגונג. אגב, האָט עס אַ סך פון זיי געהאָלפן זיך פערזענלעך צו דע־פּראָלעטאַריזירן וואָס שנעלער. זיי האָבן אין נייעם לאַנד דערשפּירט די פרייע מעגלעכקייט צו מאַכן פערזענלעכע קאַריערעס — אַ מעגלעכקייט וואָס זיי האָבן אין די אַלטע לענדער קיינמאָל נישט געהאַט — און זיי האָבן זיך מיט אַלע כוחות געוואָרפן אינעם גערעַנגל פאַר פערזענלעכע קאַריערעס. אַ סך פון זיי האָבן זיך גאָר, גאָר הויך דערשלאָגן.

ז.

דאָס האָט אַוודאי שיטערער געמאַכט די קרייזן סיי פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, סיי פון די פּועלי־ציון — אָבער אויך געבראַכט אַ זייער וויכטיקן, פּאָזיטיוון רעזולטאַט: דאָס נייע לאַנד האָט דורכגעזיפּט די אַריבער־געקומענע רוסישע רעוואָלוציאָנערן פון אַלע ריכטונגען — ציוניסטישע און אַנטי־ציוניסטישע — און האָט איבערגעלאָזט אין די באַוועגונגען נאָר יענע, וועלכע האָבן געטראָגן אין זיך טיפן באַוואוסטזיין פון זייער אידעאַל און גרייטקייט צו ברענגען קרבנות פאַר אים אויך אינעם נייעם לאַנד. יענע וועלכע זיינען אין רוסלאַנד אַריינגעצויגן געוואָרן דורך דעם צויבער פון דער רוסישער רעוואָלוציע און דאָס איבעריקע איז פאַר זיי בלויז געווען אַ תפל־זאַך, זיינען אַוועק פון דער באַוועגונג, אַזוי שנעל ווי דער דירעקטער צויבער האָט זיי מער נישט פאַרכאַפּט. אויף אַזאַ אופן זיינען אין די באַווע־גונגען איבערגעבליבן נאָר יענע עלעמענטן, וואָס האָבן געטראָגן אין זייערע

הערצער דעם מאַקסימום פון אידעאַליזם. און נאָר זיי — בעיקר די פּועלי־ציון, וועמען עס איז באַשערט געווען אַ סך יאָרן פון אַרבעט און השפּעה — האָבן געקענט דורכפירן אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן ממש רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען.

צו אַט־דעם פּונקט בעט זיך נאָך אַ צוגאָב: דעם פּראָצעס פון אינגאַנצן פאַרלאָזן די נאָדל־אינדוסטריע מצד אידישע אַרבעטער און זיך וואַרפן אויף אַנדערע — מערסטנס נישט־פּראָלעטאַרישע — פּרנסות האָט נאָך דאַן קיינער נישט געקענט באַמערקן. דאַן האָבן נאָך די טאַטעס, וועלכע זיינען אַליין אריין אין די נאָדל־פאַכן, נישט געהאַט קיין קינדער וועמען זיי זאָלן דאַרפן באַזאָרגן מיט אַ פאַך. קיינער האָט נאָך נישט געקענט פאָראויסזען, אַז אַט־די טאַטעס וועלן נישט אַריינפירן זייערע אייגענע קינדער אין די „נאָדל־שעפּער". אַט־דער פּראָצעס האָט גענומען קענטיק ווערן שפּעטער. פאַר די וואָס האָבן זייער שטרעבן צו אידישער מדינה׳שאַפט באַזירט אויף עקאָנאָמיש־מאַרקסיסטישע יסודות, איז צוגעקומען נאָך אַ פאַרשטאַרקונג פאַר זייער טעאָריע פון נישט־פּראָלעטאַריזאַציע. מיר וועט נאָך אויסקומען צו דערגאַנצן אַט־דעם געדאַנקען־גאַנג, ווען איך וועל האָבן צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם „פּעדלער"־פּראָבלעם.

ח.

דאָס וויכטיקסטע פּראָבלעם פון אַמעריקאַנער אידנטום האָב איך געזען אין דער סכנה פון אַסימילאַציע. די פאָרם וואָס אַסימילאַציע האָט שוין דאַן אנגענומען צווישן אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז געווען גאָר אַן אַנדערע, ווי די אַסימילאַציע־סכנה צווישן די אייראָפּעאישע אידן. נישט דערפאַר וויל דאָרט האָט קעגן אַזאַ סכנה געקעמפט אַ טיף־פאַרוואָרצלט אידנטום. די אייראָפּעאישע אַסימילאַציע־סכנה האָט זיך דאַן שוין געהאַט אַריינגעריסן אַפילו אינעם פּוילישן אידנטום, וואו דאָס אידישע לעבן איז געווען טיפער ווי אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע. די סכנה איז דעריבער געווען גאָר אַ גרויסע. דער חילוק צווישן דער אייראָפּעאישער אַסימילאַציע־סכנה און דער אַמעריקאַנער איז געלעגן גאָר אויף אַן אַנדער פלאַך.

די ערשטע, די אייראָפּעאישע אַסימילאַציע־טענדענצן, זיינען געווען באַזירט — ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען — אויף אַן אידעאַליסטישער באַזע און האָט געהאַט פאַר זיך אַ באַלדיק־פּאָליטישן ציל. דער אידעאַליסטישער יסוד איז געווען: די פולע לייזונג פון דער אידן־פראַגע; און דער באַלדיקער פּאָליטישער ציל איז געווען: צו דערגרייכן פולע בירגערלעכע

און מענטשלעכע אויסגלייכונג מיט דעם נישט־אידישן בירגער. דאָס וואָס די לייזונג פון דער אידן־פראַגע האָט געמוזט קומען דורך טאָטאַלן פאַרשווינדן פון אידן ווי אַ פאָלק, ענדערט נישט דעם פאַקט, אַז די מערסטע אידעאָלאָגן פון אַסימילאַציע האָבן געהאַט פאַר זיך אַ ציל. אין אַנדערע לייזונגען פון דער אידן־פראַגע האָבן זיי נישט געגלויבט, אָדער נישט געוואָלט גלויבן. די פון זיי, וואָס האָבן נאָך פאַרמאָגט אין זייערע הערצער אידישע המשך־בענקשאַפטן, האָבן זיי עס פאַרבונדן מיט דער „מאָזאַאישער קאָנפעסיאָן". אויפגעבן דאַרפן אידן זייער פאָלקישע עקזיסטענץ, אָבער נישט זייער קאָנ־פעסיע, זייער רעליגיע. דער איד וועט דאַן אויפגענומען ווערן ווי אַ זון פון פאָלק צווישן וועלכן ער לעבט, און פון וועלכן ער איז אַ טייל, אויף יסודות פון אַבסאָלוטער גלייכקייט. דעם שאַרפסטן ביישפיל האָבן געגעבן די אידישע אַסימילאַטאָרן אין דייטשלאַנד. זיי האָבן געזאָגט: עס זיינען דאָ קאַטאָליקן, קינדער פון דייטשן פאָלק; עס זיינען דאָ פּראָטעסטאַנטן, קינדער פון דייטשן פאָלק און עס וועלן אויך זיין אידן, קינדער פון דייטשן פאָלק. זייער אידישקייט איז באַגרענעצט צו זייער „קאָנפעסיע". אַלדאָס־אַנדערע דאַרף אויסגעמעקט און פאַרגעסן ווערן. אַלע חלומות פון שיבת־ציון דאַרפן אויפגעגעבן ווערן. אַלע פאַרזוכן פון אידישער אייגנאַרטיקער יצירה דאַרפן אָפּגעשטעלט ווערן. בלויז אויפן געביט פון אידישער „קאָנפעסיאָן" מעג ווייטער פאַרגעזעצט ווערן אידישע אייגנאַרטיקע מחשבה, וואָס קען אפשר דאָ און דאָרט דערפירן צו אידישער אייגנאַרטיקער שעפערישקייט. דער־מיט איז עס פאַרענדיקט. דאָס אידישע פּראָבלעם איז דאַן לגמרי פאַרענטפערט.

מיר דאַרפן איצט נישט אַרויסברענגען אַלע אונזערע טענות קעגן אַזאַ איינשטעלונג. דאָס אויבן־געזאָגטע איז נאָר אויסן־געווען צו באַווייזן, אַז צו דער אייראָפּעאישער פאָרם פון אַסימילאַציע האָט מען זיך געמוזט דער־טראַכטן. צו אַסימילאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט מען זיך נישט געניטיקט אין אַ פּראָצעס פון מחשבה. זי איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דער פּשוטער גלייכגילטיקייט צו דער אידישער אייגנאַרטיקער עקזיסטענץ.

די דאָזיקע גלייכגילטיקייט האָט געשטאַמט פון פאַרשידענע מקורות. דער ערשטער און וויכטיקסטער מקור איז געווען — די שווערע און איבערמענטש־לעכע אָנשטרענגונג, וואָס דער נייער אימיגראַנט האָט געדאַרפט מאַכן אין זיינע ערשטע יאָרן, בכדי צו באַזאָרגן זיך און זיין משפחה — מערסטנס זיינען נאָך די פאַמיליעס געווען אין דער אַלטער היים און דער אימיגראַנט האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר דער מעגלעכקייט זיי איבערצוברענגען — מיט דעם מאַטעריעלן קיום. נאָך אַ טאָג אַרבעט אין „שאָפּ", וואָס האָט זיך געצויגן

פון 12 ביז 14 שעה, איז נישט פאַרבליבן קיין כוח צו זאָרגן פאַר גייסטיקע ענינים. דער צווייטער מקור איז געלעגן אין דעם פאַקט, וואָס די ערשטע עמיגראַנטן־כוואַליעס האָבן פאַרכאַפּט מער אידן פון פּראָסטן עולם. ערשט נאָך דער רוסישער „רעוואָלוציע" פון 1905 האָט אָנגעהויבן שטראָמען אַ מער־אינטעליגענטער עלעמענט, סיי בנוגע אידישקייט, סיי בנוגע וועלט־ענינים. דער דריטער פאַקטאָר איז געווען: די פאַרקריפּלטע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס דער אידישער אימיגראַנט האָט דאָן באַקומען און גרויסע טיילן זיינע האָבן זיך אין איר אָנגעכאַפּט. דער פערטער מקור איז געווען דאָס, וואָס די דערציאונג פון זיינע קינדער האָט דער נייער אימיגראַנט געקענט איבערלאָזן צו דער „פּאַבליק־סקול", וואָס איז געווען פריי פאַר אים; עפּעס וואָס אין מזרח־איראָפּע, בעיקר אין צאַרישן רוסלאַנד, האָט ער נישט געהאַט.

אָט־די אַלע פיר פאַקטאָרן האָבן געווירקט, אַז די עלטערן זאָלן ווייניק זאָרגן פאַר זייערע אייגענע גייסטיק־אידישע הצטרכותן און אַז זייערע קינדער זאָלן זיי איבערלאָזן כמעט לגמרי אויף הפקר (איך קום שפּעטער צום פּראָבלעם פון אידישער דערציאונג אין אַמעריקע, ווי עס האָט אויסגעזען אין ערשטן צענדליק פון אונזער יאָרהונדערט). זיין אידישער באַוואוסטזיין האָט נישט באַקומען קיין גייסטיקע שפּייז. איז ער דעריבער געוואָרן גאָר אַ גרינגער קרבן צו דער אַסימילאַציע, וואָס קומט פון גלייכגילטיקייט. אָט־די געפערלעכע דערשיינונג אין אַמעריקאַנער אידנטום האָב איך געטראָפן אומעטום, וואו איך בין געקומען. וואָס קלענער די אידישע קהילה, אַלץ גרעסער די סכנה. אָט־די טעמע — די סכנה פון גלייכגילטיקייט־אַסימילאַציע — איז געווען פאַר מיר די וויכטיקסטע, בכדי צו באַגרינדן מיט איר מיין טעריטאָריאַליזם.

ט.

איך האָב ביז־איצט נישט גערעדט וועגן אַסימילאַציע־טענדענצן צווישן די דייטשע „יאַהודים" אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דווקא ביי זיי איז די פון־דייטשלאַנד־געבראַכטע אַזוי־גערופענע מחשבה'דיקע אַסימילאַציע באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די דייטשע אידן אין אַמעריקע זיינען נישט געשטאַנען פאַרן פּראָבלעם, וואָס די אידן אין דייטשלאַנד גופא האָבן פאַר זיך געהאַט. די לעצטע האָבן שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַ לאַנגע געשיכטע אינעם פּראָבלעם פון „ישראל בין העמים". זיי האָבן זיך געפונען ביים סאַמע סוף פון געראַנגל פאַר בירגערלעכער און מענטשלעכער אויסגלייכונג מיט די

נישט־אידישע דייטשן. זיי זיינען געווען פסיכיש גרייט פאַר דעם לעצטן שפרונג אין תהום פון פאָלקיש־אידישן נעלם־ווערן. זיי זיינען אים גע־ווען גרייט צו מאַכן, בכדי סוף כל סוף זיך צו דערשלאָגן צו בירגערלעכער און מענטשלעכער אויסגלייכונג מיט די נישט־אידישע דייטשן. גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען די לאַגע פון די דייטשע אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

זיי האָבן שוין דאַן פאַרענדיקט די ערשטע 60 יאָר פון זייער איינוואַנ־דערונג אין אַמעריקע. קיין קאַמף פאַר בירגערלעכער און מענטשלעכער אויס־גלייכונג האָבן זיי דאָ נישט געדאַרפט פירן. דער דאָזיקער קאַמף איז געווען אַ פאַרענדיקטער. געפירט האָבן אים די ערשטע שפּאַניש־אידישע גרופּן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן קומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן מיט קאַרגע 2 הונדערט יאָר פריער, פאַר די דייטשע אידן. פון די דייטשע אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך נישט געפאָדערט קיין קרבן פאַר זייער ביר־גערלעכער אויסגלייכונג. דעריבער איז פאַר זיי דאָס פּראָבלעם פון אַסי־מילאַציע נישט אַזוי שאַרף געשטאַנען, ווי פאַר די אידן אין דייטשלאַנד גופא.

אין דער צייט, ווען וועלכער איך רייד דאָ, איז שוין אויך די מזרח־אייראָפּעאישע איינוואַנדערונג אַלט געווען 25 יאָר. די דייטשע אידן האָבן שוין דאַן גאַנץ בולט געזען, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן זיי דאַרפן לעבן אין אַ אידישער געמיינשאַפט צוזאַמען מיט די אידן וואָס שטאַמען פון מזרח־אייראָפּע. אָט־דאָס פּראָבלעם איז פאַר זיי געווען די שאַרפסטע. ווי שטאַרק עס איז נישט געווען זייער חשק אַריינצוברענגען די נייע אידישע אימיגראַנטן אין פאָרמען וואָס זיי, די דייטשע אידן, וועלן פאַר די נייע מאַסן צוגרייטן, האָבן זיי אָבער געשפּירט, אַז די „תורה" פון מחשבה'דיקער אַסימילאַציע וועט דאָ נישט אָנגענומען ווערן. און וויבאַלד זיי אַליין האָבן זיך אין אָט־דער „תורה" מער נישט געגלויבט, איז דווקא צווישן זיי אָפּגעשוואַכט געוואָרן יענער דראַנג צו אַסימילאַציע, וואָס האָט געלעבט אין די הערצער פון די אידן אין דייטשלאַנד גופא.

מיר, וואָס זיינען דאַן אָקאָרשט געקומען פון אייראָפּע, האָבן אַריבער־געטראָגן אויף די אַמעריקאַנער „יאַהודים" אונזער קריטיק, וואָס מיר האָבן אויסגעדריקט קעגן די אידן פון דייטשלאַנד. מיר זיינען געווען אומגערעכט, ווען מיר האָבן די „יאַהודים" פון די פאַראייניקטע שטאַטן אָנגערופן אַסי־מילאַטאָרן. ערשט שפּעטער האָבן מיר איינגעזען אונזער טעות. אָבער דאַן האָט אונזער געפיל קעגן אַסימילאַנטן שטאַרק באַשווערט די דערנענטערונג צו די „יאַהודים". דאָס האָט נאַטירלעך געשטערט דעם פּראָצעס פון אָט־דעם סאָרט מיזוג־גלויות אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָבער דווקא די אַסימילאַציע וואָס האָט געשטאַמט פון גלייכגילטיקייט, וואָס איך האָב דערזען אומעטום וואו איך בין געקומען; די אַסימילאַציע וואָס האָט געשטעלט אין סכנה די אידן, וואָס שטאַמען פון מזרח און דרום־אייראָפּע, אַט אין דעם האָב איך דערזען די געפאַר פאַר אונזער נאַציאָנאַלן קיום. ווי געזאָגט, האָב איך אויף דעם געשטיצט אין דעמאָלטיקן טעריטאָריאַליזם, פונקט ווי מיין פריערדיקן — און אויך שפּעטערדיקן — ציוניזם.

י.

איך האָב אויבן אָנגעצייכנט, אַז איינער פון די פאַקטאָרן וואָס האָט געהאָלפן פירן צו גלייכגילטיקייט־אַסימילאַציע איז געווען די פאַרקריפּלטע פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם אין יענער עפּאָכע. ברייטער וועגן דעם האָב איך גערעדט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל. איצט האַלט איך פאַר נויטיק צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן די פּאָזיטיווע מאָמענטן וואָס אַט־די פּראָפּאַגאַנדע, ווי פאַרקריפּלט זי איז נישט געווען, האָט מיט זיך געבראַכט. זי האָט דעם נייעם אימיגראַנט פאַרט געגעבן אַ גייסטיקן יסוד, אויף וועלכן ער האָט זיך געקענט אָנשפּאַרן. דער נייער אימיגראַנט האָט זיך אין אַזאַ גייסטיקן אָנשפּאַר זייער שטאַרק גענויטיקט.

דער פּראָצעס פון וואַנדערונג — אויב ער איז נישט פאַרבונדן מיט קיין גרויסער אידיי, און ווערט נאָר געטריבן דורך רדיפות, אָדער דורך דער נויט צו זוכן אַן אָרט וואו מען קען פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט — דערהויבט נישט גייסטיק דעם וואַנדערער. פאַרקערט, עס צעשטערט אין אים אַ סך עלעמענטן וואָס שטעלן צוזאַמען זיין גייסט. מען קען זאָגן, אַז די גייסטיקע שרייפלעך, וואָס האָבן צוזאַמענגעהאַלטן זיין אינערלעך נשמה־לעבן, זיינען אָפּגעשרויפט געוואָרן. ער האָט פאַרלוירן אַ סך פּאָזיטיוו־גייסטיקע השפּעות, וואָס ער האָט באַקומען אין זיין שטאָט אָדער שטעטל. ער האָט אויפן וועג פאַרלוירן די גייסטיקע השפּעה וואָס דער מנהיג פון זיין שטעטל, צי דאָס איז געווען דער רב, דער מלמד, אָדער דער לערער, האָט אויף אים אויסגעאיבט. ער באַפרייט זיך בכלל פון דער גייסטיקער דיסציפּלין אין וועלכער ער האָט פריער געלעבט. אויך די פאַמיליע־דיסציפּלין האָט ער פאַרלוירן. די הפקר־עלעמענטן פאַרשטאַרקן זיך אין אים. און אויב מען געדענקט נאָך, אַז אין די ערשטע כוואַליעס האָט עמיגרירט דער המון — מיינט עס דאָך, אַז אויך די גייסטיקע דיסציפּלין פון רעליגיע האָט אים נישט שטאַרק אָפּגעהאַלטן פון הפקרות־עלעמענטן. די מערסטע פון המון האָבן אויך זייער רעליגיעז לעבן גיכער ממשיך געווען אונטער דער השפּעה פון דער

עדה־דיסציפּלין, איידער אונטערן איינפלוס פון אייגענע טיף־רעליגיעזע איבערצייגונגען. ווען אַט־די אַלע שרייפלעך פון דעם עמיגראַנטס גייסטיקן וועזן זיינען פלוצלונג אָפּגעשרויפט געוואָרן, האָט ער פאַרלוירן זייער פיל פון זיין גייסטיקער פעסטקייט און איז געבראַכט געוואָרן כמעט צו דער מדרגה פון „עבדא בהפקירא ניחא ליה״. ווען אָט דער אימיגראַנט ווערט נאָך אַריינגעצוואונגען אין אַ לאַגע פון אומגעהויער־שווערער פּראַצע, ווערט ער נאָך גרינגער אַ קרבן פון אַ הפקר־לעבן.

וועלכע פאַקטאָרן האָבן אין דעם נייעם לאַנד געווירקט קעגן אָט־די הפקר־פּאָטענצן? פאַרנדיק איבער שטעט און שטעטלעך האָב איך געקענט פעסטשטעלן: אין די רעליגיעזע אינסטיטוציעס האָבן נאָר אַ קליינע צאָל געפונען פאַקטאָרן קעגן דער סכנה פון הפקרות. דאָס זיינען געווען יענע, וועלכע האָבן טאַקע פאַרמאָגט אמתע יראת־אלקים אין אייגענעם האַרץ. פאַר זיי האָט די שול, וואו זיי האָבן געדאַוונט, געדינט ווי אַ גייסטיק־דיסציפּלינירנדיקער פאַקטאָר, וואָס האָט זיי אויסגעהיט פון הפקרות. אַזעלכע שולן האָבן אַוודאי אומעטום עקזיסטירט. אין די גרעסערע שטעט האָבן די אימיגראַנטן אַליין אויפגעשטעלט אַזעלכע בתי־תפילה, וואָס זיינען מערסטנס באַזוכט געוואָרן פון אידן פון זייער אייגענער שטאָט אָדער שטעטל אין דער אַלטער היים. אָבער דעם איד אָן דער טיפער רעליגיע אין דער אייגענער נשמה, האָבן אָט־די אינסטיטוציעס כמעט ווי גאָרנישט געגעבן. אַפילו מענטשן וואָס האָבן פאַרמאָגט פּיעטעט צו די בתי־תפילה אין זייערע אַלטע היימען, האָבן דאָ, אין די נייע שולן, נישט געפונען די וואַרעמקייט און נאָענטקייט צום בורא עולם, וואָס זיי האָבן געפילט אין בית־התפילה פון דער אַלטער היים. אַזעלכע מענטשן האָבן אָט־די בתי־תפילה מער אָפּגעשטויסן ווי צוגעצויגן. איין אויסנאַם — זייער אַ וויכטיקער — דאַרף פאַרצייכנט ווערן.

דאָרטן וואו דער נייער אימיגראַנט האָט אַביסל געקענט שטילן זיין בענקשאַפט צו דער אַלטער היים; אין אַ בית־תפילה וואו ער האָט דערוואַרט צו באַגעגענען לאַנדסלייט מיט וועלכע מען וועט קענען דורכלעבן צוזאַמען די טיפע נאָסטאַלגיע וואָס לעבט אין האַרץ; אין בתי־תפילה וואו מען האָט געקענט דערוואַרטן אַ פרישן אימיגראַנט, וואָס וועט דערציילן נייעס פון אייגענעם שטעטל, אַהין איז דער אימיגראַנט געלאָפן; דאָרט האָט ער יאָ באַקומען אַ גייסטיקן אָנשפּאַר.

## יא.

אָט־דער געפיל פון בענקשאַפט צו דער אַלטער היים האָט געדינט ווי דער שטאַרקסטער דיסציפּלינירנדיקער פאַקטאָר קעגן די סכנות פון הפקרות.

אַט־דער געפיל האָט געבראַכט צום גוואַלטיקן אויפבלי פון לאַנדסמאַנשאַפטן־פאַראיינען אומעטום. אין די גרויסע שטעט האָט כמעט יעדע שטאָט אָדער שטעטל פון דער אַלטער היים פאַרמאָגט אַ לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען אַ שול, אַ צווייג פון אַן אָרדן, אָדער סתם אַ קעגנזייטיקער הילפס־פאַראיין. אין אייניקע קליינע אַמעריקאַנער שטעטלעך זיינען כמעט אַלע אידישע אימיגראַנטן געקומען פון זעלביקן שטעטל. איין משפחה האָט געהאָלפן ברענגען אַ צווייטע. אין אַזעלכע אַמעריקאַנער שטעטלעך — זייער צאָל איז נישט געווען צו־גרויס — איז אין די ערשטע יאָרן פון דער מאַסן־אימיגראַציע אויפגעהאַלטן געוואָרן זייער פיל פון דעם גייסט, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון זייער היים־שטעטל. דאָס האָט זיכער שטאַרק געווירקט קעגן דער הפקרות־סכנה. די באַדייטונג פון אַט־די לאַנדסמאַנשאַפטן — דער רעזולטאַט פון די בענקשאַפטן — פאַר די ערשטע כוואַליעס פון דער גרויסער אידישער אימיגראַציע, איז נאָך ווייט נישט דערשאַצט געוואָרן. ווער עס האָט אָבער, ווי איך, געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרן אין דער אידישער פּראָווינץ אין די יאָרן 1907־8, דער האָט געמוזט איינזען ווי וויכטיק זיי זיינען געווען פאַרן דערהאַלטן די גייסטיקע גלייכוואָג פון דער אימיגראַנטן־מאַסע.

דערביי איז כדאי צו פאַרצייכענען אַ מערקווירדיקע דערשיינונג: אין אַ ריי פאַלן איז אַט־די בענקשאַפט פון דעם אימיגראַנט צו זיין אַמאָליקער היים־שטעטל אויך טיילוויז איבערגעטראָגן געוואָרן צו אַמעריקאַנער־געבוי־רענע קינדער. שיריים פון אַט־דער אויסווירקונג קען מען נאָך אַפילו היינט געפינען. פאַראַן נאָך היינט לאַנדסמאַנשאַפט־צווייגן פון אַרבעטער רינג, פון „פאַרבאַנד" און פון זעלבסטשטענדיקע הילף־אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווערן אָנגעפירט פון די קינדער פון יענע אימיגראַנטן וואָס האָבן זיי געגרינדעט. אָפט ווערט איר ממש פאַרוואונדערט, ווען איר הערט אַט־די קינדער ריידן מיט באַגייסטערונג וועגן פערזענלעכקייטן וואָס זיינען פון זייערע עלטערן שטאַרק רעספּעקטירט געוואָרן. די טאַטעס און מאַמעס האָבן אין זיי פאַר־וואָרצלט אַט־די באַגייסטערונג. די פאַרהערלעכטע פערזענלעכקייטן זיינען פאַרשידענע: וויכטיקע ציוניסטן פון שטאָט, וויכטיקע בונדיסטן, וויכטיקע העברעאישע אָדער אידישע לערער — אָבער אָפטער פאַר אַלעמען איז עס דווקא דער רב פון שטעטל. ער פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט אַפילו אין לאַנדסמאַנשאַפטן וואָס זייערע מיטגלידער לעבן שוין לאַנג נישט לויט דער אידישער טראַדיציע. אויב דער רב האָט נאָך געהאַט אַ גרויסן שם אויך מחוץ דעם שטעטל, גרויסט מען זיך מיט אים נאָך מער. אַזעלכע דערשיינונ־

גען קען מען נאָך אַפּילו איצט אָנטרעפֿן. אין דער צייט וואָס איך באַשרייב, האָבן אָט־די אויסווירקונגען געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע. זיי האָבן בלי ספק פיל צוגעטראָגן צום קאַמף קעגן דער גלייכגילטיקייט־אַסימילאַציע צווישן אַמעריקאַנער אידן.

ווי אַ פֿאַקטאָר פון גייסטיקן אָנשפּאַר האָבן בלי ספק אויך געדינט די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע באַוועגונגען אין יענע יאָרן. אין קאַמף קעגן אַסימילאַציע איז זייער ראָלע, ווי אויבן געזאָגט, געווען דורכאויס אַ נעגאַטיווע. ערשט די איינפלוסן פון אידישע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען שפּעטער געקומען אין אַמעריקע, זיינען אויסגעאַיבט געוואָרן קעגן אַסימילאַציע. אָבער אין יענער צייט, אין דער עפּאָכע פון בנימין פייגנבוים, לעאָ ראָזנצוויג און די אַנדערע „אויפקלערער", האָט זייער אַגיטאַציע געהאָלפן דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע און נישט פאַרקערט. פונדעסטוועגן האָבן אויך זיי פּאָזיטיוו געדינט די אידישע אימיגראַנטן־מאַסע. זיי האָבן איר צוגעשטעלט אידייאישע שפּייז, ווען אַפּילו נישט אין דער ריכטיקער פאָרם. דורכדעם האָבן זיי באַווירקט נשמות און זיי אַ רעכט ביסל קאָמפּענסירט פאַר זייער שווערער פּראַצע.

איך האָב אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל זייער שווער פאַר׳משפּט די פייגנבוימס, ראָזנצוויגס און זייער גאַנצער חבריה. אָבער ווען איך האָב שפּעטער גענומען מעסטן זייערע אַרבעטן מיט דער מאָס פון געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, האָב איך געמוזט צוגעבן, אַז פאַר דער מענטאַליטעט פון יענעם אימיגראַנטן־דור וואָלט אַן אַנדער פאָרם פון ברענגען זיי די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע אידייען, נישט אַזוי שנעל אַריינגעדרונגען אין זייערע הערצער. זיי זיינען פּשוט נישט געווען צוגעגרייט צו אַ טיפערער פּראָפּאַגאַנדע פון אָט־די גרויסע אידייען. איך מיין נישט, אַז יענע לערער האָבן עס געטאָן צוליב אָט־דער היסטאָרישער אויסרעכענונג. איך בין גענויגט אָנצונעמען, אַז די דעמאָלטיקע „אויפקלערער" האָבן מער נישט געהאַט וואָס צו געבן די מאַסן. איך זאָג נאָר, אַז היסטאָריש גענומען האָט דער דעמאָלטיקער דור געפונען זיינע פּאַסיקע פּאָפּולאַריזאַטאָרן. און ווען איך שטעל זיך איצט די פראַגע: האָט יענע פּראָפּאַגאַנדע געבראַכט נוצן? — מוז דער ענטפער זיין אַ פּאָזיטיווער. דאָס אַריינדרינגען פון גרויסע סאָציאַלע אידייען אין די נשמות, אַפּילו דורך פאַרקריפּלטער פּראָפּאַגאַנדע, האָט דאָך דערהויבן די מאַסן; האָט דאָך געהאָלפן פאַרוואַנדלען זיי פון מענטשן־שטויב אין גרויס־אָרגאַניזירטע, סאָציאַלע כוחות. די מאַסן אַליין האָבן דערפון באַקומען גאָר אַ וויכטיקן אָנשפּאַר קעגן אַ הפקרות־געפאַר פון בלייבן אינגאַנצן אויסגע־

ליידיקט פון גייסטיקע אינהאַלטן. און דער היסטאָרישער פאַקט רעדט דאָ זייער קלאָר:

טאָקע אַט־די אימיגראַנטן־מאַסן האָבן גאָר שנעל אָנגעהויבן בויען גרויסע אידישע יוניאָנס; אַט־די אימיגראַנטן־מאַסן האָבן געבויט די אידישע פּרעסע; אויף אַט־די אימיגראַנטן־מאַסן האָט זיך אויפגעהאַלטן דער ווייט־אויסגע־בויטער אידישער טעאַטער־וועזן, וואָס איז געשטיגן זייער הויך סיי מאַטעריעל, סיי קינסטלעריש; אַט־די אימיגראַנטן־מאַסן האָבן אויפגעבויט דעם „אַרבעטער רינג" און שפּעטער דעם „אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד"; אַט־די אי־מיגראַנטן־מאַסן האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן צוגעטראָגן זייער חלק צו דער אידישער דערציאונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן; אויפן יסוד פון אַט־דער אימיגראַנטן־מאַסע האָט זיך צעבליט די וואונדערבאַרע ניי־אידישע ליטעראַטור, צו וועלכער אַמעריקאַנער־אידישע קינסטלער האָבן זייער פיל צוגעטראָגן. איך ווייס, אַז אין אַט־די אַלע דערגרייכונגען האָבן געהאַט אַ גרויסן חלק וויכטיקע עלעמענטן פון דער שפּעטערדיקער אידישער אימיגראַ־ציע, וועלכע האָט געבראַכט מיט זיך אַ גייסטיק־העכערן עלעמענט און אויך מיטגעבראַכט אַ באַדייטנדיקע צאָל פון אידיש־שעפערישע מענטשן, וועמענס שעפערישקייטן עס האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אין דער אַלטער היים. איך בין אָבער זיכער, אַז ווען יענער דור פון אידישע אימיגראַנטן וואָס האָבן זיך געשפּייזט מיט סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע אידייען דורך לערער, וועלכע איך האָב פאַר׳משפּט, וואָלטן אַפילו אַט־די גייסטיקע שפּייז אויך נישט באַקומען, וואָלט עס געווען פיל שווערער פאַר דעם נייעם שיכט אידישע אימיגראַנטן צו דערגרייכן אַלץ וואָס איך האָב אויסגערעכנט און נאָך אַ סך דערגרייכונגען וואָס איך האָב נישט אויסגערעכנט. דערפאַר באַהויפּט איך, אַז אויך יענער סאָרט אויפקלערונג האָט געבראַכט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

## יב.

עס איז שוין צייט איבערצולאָזן אויף אַ ווייל די שילדערונגען פון אַל־געמיין־אידישע פּראָבלעמען אין די יאָרן 1907־8 און אַרויסברענגען צוויי פּונקטן. ערשטנס: אייניקע חילוקים צווישן דעם אידישן לעבן אין דער פּראָווינץ אין פאַרגלייך מיט ניו־יאָרק. צווייטנס: דערציילן וועגן אייניקע באַגעגענישן מיט וויכטיקע פּערזענלעכקייטן אויף מיינע רייזעס.

דער וויכטיקסטער חילוק איז געווען אין דער כאַראַקטעריסטיק פון די אימיגראַנטן גופא. די פון דער פּראָווינץ האָבן נישט געקענט באַצייכנט ווערן ווי נייע אימיגראַנטן. די צאָל פון אידישע אימיגראַנטן, וועלכע זיינען געקומען

דירעקט פון דער שיף אין דער פראָווינץ, איז געווען זייער אַ קליינע. זיי זיינען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון קרובים, וועלכע האָבן זיך שוין עקאָנאָמיש פאַרוואָרצלט אין דער פראָווינץ־שטאָט. די מערסטע אימיגראַנטן פון דער פראָווינץ זיינען געקומען אַהין נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעפּינסטערט חדשים, אַמאָל אויך יאָרן, אין ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע און האָבן אויף אייגענער אחריות אונטערגענומען דעם נייעם וואַנדערונגס־פּראָצעס: זוכן ברויט אין דער פראָווינץ. געווען אויך אַזעלכע וועלכע האָבן דורך דער שווערער פּראָצע זיך „אָפּגעשפּאָרט״ אַ קראַנקייט און האָבן געמוזט פאַרלאָזן ניו־יאָרק, אָדער פילאַדעלפיע. דער דערמאָנטער „אינדאָסטריעל רעמוואָול אָפיס״ האָט נאָך נישט פונקציאָנירט. די אימיגראַנטן האָבן דעם דאָזיקן נייעם עול גענומען אויף זיך אָן שום הילף פון עפּעס אַן אַנשטאַלט. דערצו האָט זיך געפאָדערט מוט און אַנטשלאָסנקייט. נאָר יענע וואָס האָבן עס פאַרמאָגט, זיינען אַוועק אויף אָט־דעם וועג פון אַ נייער, אינערלעך־אַמעריקאַנער, וואַנדערונג.

האָבנדיק די ביטערע דערפאַרונג פון ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע, האָבן זיי שוין אין דער פראָווינץ־שטאָט נישט געזוכט קיין אַרבעט אין דער נאָדל־אינדוסטריע. די קראַנקע האָבן עס אַוודאי נישט געקענט טאָן. זיינען זיי מערסטנס אַריבער צו „ביזנעס״. אַ טייל האָבן זיך גענומען — ווי מיין טאַטע און ברודער — צו „דזשאַנק״־געשעפטן. אַ סך אימיגראַנטן האָבן אין אָט־דעם געשעפט דערגרייכט, במשך פון עטלעכע יאָר, גאָר גרויסע עשירות. אָבער די גרעסטע צאָל אידישע אימיגראַנטן אין דער פראָווינץ האָבן זיך גענומען צו קרעמעריי. דאָס האָט איינגעשלאָסן גאָר קליינע קראָמען און אויך גרעסערע. מען קען זאָגן, אַז וואָס קלענער די שטאָט, אַלץ אַ גרעסערן פּראָצענט אין אידישע פּרנסות האָט פאַרנומען די קרעמעריי. דאָס האָט נאַטירלעך אַרויפגעלייגט אַ ווירטיקן חותם אויף דעם אויסזען פון דער לאָקאַלער אידישער געמיינדע.

אַ צווייטער חילוק איז באַשטאַנען דעריך, וואָס אין דער פראָווינץ איז די פּלאָג פון שוויץ־שאָפּ געווען זייער אַ קליינע. די דאָזיקע מגיפה איז מערסטנס געווען אין דער נאָדל־אינדוסטריע, וואָס איז זיך דאַן בעיקר צע־וואַקסן אין די דריי גרויסע שטעט: ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע און שיקאַגאָ. די הויפּט־פאַרשפּרייטונג פון שוויץ־שאָפּ איז געווען אין ניו־יאָרק. אַביסל אויך אין שיקאַגאָ און פילאַדעלפיע, אין דער צווייטער מער ווי אין דער ערשטער. אין דער איבעריקער פראָווינץ האָט מען פון דער צרה נישט געוואוסט. אַפילו אין דער שטאָט ראָטשעסטער (פון שטאָט ניו־יאָרק), וואו די נאָדל־אינדוסטריע איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט, איז כמעט נישט געווען קיין

סימן פון דעם „שוויץ־שאָפּ". אין דער דאָזיקער שטאָט זיינען אויפגעבויט געוואָרן גרויסע פאַבריקן פון דער נאָדל־אינדוסטריע. זיי זיינען געווען פיל מער מאָדערנער אָרגאַניזירט ווי די גרויסע פאַבריקן אין ניו־יאָרק. טייל פון די אידישע אימיגראַנטן אין ראטשעסטער האָבן געפונען באַשעפטיקונג אין דער גרויסער קאָדאַק־פאַבריק פון „באַאוש און לאָם", וואָס האָט פּראָדוצירט גלאָז־מאַטעריאַלן פון פאַרשידענע סאָרטן: פון פאַרגרעסערונג־גלעזער פאַר ברילן ביז די געשליפנסטע גלעזער פאַר טעלעסקאָפּן. די דאָזיקע פאַבריק האָט באַשעפטיקט הונדערטער אַרבעטער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען צענדליקער אידישע אימיגראַנטן. אין ראָטשעסטער איז דעריבער דער פּראָצענט אידן וואָס האָט געלעבט פון קרעמעריי געווען אַ סך קלענער ווי אין אַנדערע פּראָווינץ־שטעט.

עס איז זיך איצט שווער פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ טיפע ענדערונג אין דער פּסיכיק פון דעם אידישן אימיגראַנט עס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן דורך דעם פאַקט, וואָס ער האָט נישט געליטן פון דעם פּלאָג פון שוויץ־שאָפּ. דער מער־שפּירעוודיקער אידישער אימיגראַנט אין ניו־יאָרק האָט זיך פּשוט געפילט פאַרשעמט און באַליידיקט, וואָס אין זיין סאָציאַלן לעבן איז אויסגעוואַקסן אַזאַ מיאוסע פּלאָנטער. וויפיל די אידישע שרייבער פון יענער צייט האָבן נישט געשילדערט די דאָזיקע פּלאָג, בין איך נאָך אַלץ נישט זיכער, אויב דער מאָדערנער איד, וואָס האָט עס אַליין נישט דורכגעלעבט, וועט טאַקע קענען משיג זיין די נעגאַטיווע השפּעה וואָס אָט־דער פאַקט האָט אויס־געאיבט אויף דעם אידישן אימיגראַנט אין ניו־יאָרק. פון אָט־דער דירעקטער נעגאַטיווער השפּעה איז דער פּראָווינץ־איד באַפרייט געווען. און אויך דאָס האָט אָוועקגעלייגט אַ חותם אויף זיין כאַראַקטער.

דער אידישער אימיגראַנט אין דער פּראָווינץ איז געווען ווייניקער שטור־מיש, מער רואיק, מער געזעצט. די שטורמישקייטן פון דעם אימיגראַנט איז געווען אין פּראָפּאָרץ צו דער גרויסקייט פון זיין צאָל אין אַ געוויסער שטאָט. די אומרואיקסטע זיינען געווען אין ניו־יאָרק, ווייניקער, אָבער נאָך אַלץ שטורמיש, אין פילאַדעלפיע און שיקאַגאָ. כמעט ווי אין גאַנצן רואיק אין די קלענערע שטעט. איך מיין, אַז אויך דער כאַראַקטער פון די אידישע טאָג־צייטונגען פון יענער עפּאָכע אונטערשטרייכן אָט־דעם אונטערשייד פון געמיט ביי די אימיגראַנטן פון די פאַרשידענע שטעט.

עס זיינען דאָן דערשינען זעקס אידישע טאָג־בלעטער. פיר אין ניו־יאָרק און צו איינציקע אין שיקאַגאָ און אין קליוולאַנד. די שטורמישסטע און טומלדיקסטע זיינען געווען די ניו־יאָרקער, כאָטש נישט אַלע פיר פון

זיי זיינען געווען גלייך שטורמיש. דער „פאָרווערטס", רעדאַקטירט פון אַב. קאַהאַן, און די „וואַרהייט", רעדאַקטירט פון לואי מילער, האָבן פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין שטורמישקייט. דער „מאָרגן־זשורנאַל", רעדאַקטירט פון פיטער וויערניק, איז געווען אַ סך רואיקער, מער אחריות'דיק אין טאָן, אָבער אויך ער האָט זיך נישט געקענט אינגאַנצן אויסשפּאַנען פון דער אומרואיקייט, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון זיינע לייענער. „דאָס טאָגעבלאַט", רעדאַקטירט דאַן פון פּראָפ. געצל זעליקאָוויטש, האָט טיילמאָל געוואָלט גיין אין די וועגן פון „מאָרגן־זשורנאַל", אָבער אָן דעם זשורנאַליסטישן טאַלענט פון דעם רעדאַקטאָר פון „מאָרגן זשורנאַל". „דאָס טאָגעבלאַט" האָט אָפט געזוכט מיטצוהאַלטן דעם שטורמישן טאָן פון „פאָרווערטס" און „וואַרהייט". דערצו האָט אים נאָך מער געפעלט די פעאיקייט פון פּאָלעמיק פון די רעדאַקטאָרן פון „פאָרווערטס" און „וואַרהייט", בפרט די פעאיקייט פון לואי מילער אויף אָט־דעם געביט, וואָס אין אומרואיקן טומל און פּאָלעמיק איז ער געווען דער „מייסטער" פון דער דעמאָלטיקער אידישער זשורנאַליסטיק.

פילאַדעלפיע איז געלעגן נעענטער צו ניו־יאָרק, און איז דעריבער מער באַאיינפלוסט געוואָרן פונעם ניו־יאָרקער אומרו. אין יענער צייט, וועגן וועלכער מיר דערציילן האָט זי נאָכנישט געהאַט קיין אידישע טאָג־צייטונג. אַביסל שפּעטער, אין 1913, האָט אָנגעהויבן דערשיינען די „פילאַדעלפיער אידישע וועלט" — און אויך אויף איר איז געלעגן דער נערוועזער חותם פון דער גרויסער שטאָט. איר אומרו איז אָבער געשטאַנען אונטער דער קאָנטראָל פון איר דעמאָלטיקן רעדאַקטאָר משה קאַץ, וועגן וועמען איך האָב אַביסל דערציילט אין אַ פריערדיק קאַפּיטל. ער האָט געזוכט צו געבן דער צייטונג אַ העכערן קולטור־טאָן און האָט געהאָלפן אַרויסברענגען נייע טאַלענטן אין דער אידישער שפּראַך. נאָר אין דעם האָבן די ניו־יאָרקער צייטונגען זיך פיל מער אויסגעצייכנט. אַלע פון זיי, יעדע אויף איר אופן, האָבן געהאָלפן אַרויסברענגען נייע אידישע ליטעראַטור־שאַפער. אָבער פון די פּראָווינץ־צייטונגען האָט בלויז „די פילאַדעלפיער אידישע וועלט" דערצו אַביסל בייגעטראָגן. דער בעסטער עדות אויף דעם איז דער באַרימטער פּאָעט ה. לייוויק, וואָס האָט זיינע ערשטע פּאָעטישע אַרויסטרעטונגען געמאַכט אין אָט־דער צייטונג. עס דאַרף דערביי אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דעם גרעסטן ביישטייער צו דער אַנטוויקלונג פון גרויסע ליטעראַטור־טאַלענטן האָבן צוגעטראָגן נישט די טאָג־בלעטער, נאָר די וואָכן־בלעטער און זשורנאַלן. די ביישפּילן זיינען: די „פרייע אַרבעטער שטימע", די „צוקונפט" און „דער אידישער קעמפער". אָבער איך רייד דאָ וועגן די טאָג־צייטונגען, וואָס האָבן בעסער אָפּגעשפּיגלט דעם פּרצוף פון די

אידישע אימיגראַנטן אין יענע יאָרן, ווי די זשורנאַלן אָדער וואָכן־בלעטער.

שיקאַגאָ, וואָס איז געלעגן פיל ווייטער פון ניו־יאָרק, איז ווייניקער באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם אומרואיקן טומל. איר צייטונג איז דורך איר דעמאָלטיקן רעדאַקטאָר, לעאָן זאָלאָטקאָף, מער געפירט געוואָרן לויטן מוס־טער פון „מאָרגן זשורנאַל". די צייטונג האָט אויך געהאַט עטלעכע באַדייטנ־דיקע מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן צוגעטראָגן וויכטיקע עסייאיסטיק צום אידישן זשורנאַליזם. אָבער אויך אין איר האָט זיך נאָך געשפּירט די אומ־רואיקייט פון דעם אידישן אימיגראַנט.

די רואיקסטע פון אַלע איז געווען די „קליוולענדער אידישע וועלט", רעדאַקטירט פון אַ איד אַ תלמיד־חכם פון אַלטן שניט, ר' יהושע ראָקער. דערמיט מיין איך נישט אָפּצופרעגן די אידישע אינטעליגענץ פון אַלע אַנדערע רעדאַקטאָרן פון אידישע טאָג־צייטונגען. צווישן די מיטאַרבעטער פון די צייטונגען זיינען זיכער געווען אידן מיט מער תורה — אידישע און וועלטלעכע — ווי ר' יהושע ראָקער האָט פאַרמאָגט. אָבער ער איז דאָך געווען אַנדערש פון זיי. איך דערלויב מיר צו מאַכן אַ פאַרגלייך וואָס טאָר נישט פאַלש אויסגעטייטשט ווערן. איך ווייס, אַז צום קדוש ר' הלל צייטלין קענען פאַרגליכן ווערן זייער ווייניק פון אונזערע דורות. ר' הלל צייטלין איז זיכער געווען אַ „חד בדרא". אָבער אַ ניצוץ פון דער הלל־צייטלין־נשמה האָט ר' יהושע ראָקער יאָ פאַרמאָגט. ער איז געווען אַ טיף־רעליגיעזער איד, אַ גוטער קענער פון תלמוד, אַ קענער פון אידישער געשיכטע, גלייכ־צייטיק באַהאַוונט אין וועלט־ענינים און אַ זשורנאַליסט פון אַ באַדייטנדיקער מדרגה. איך קען נישט קיין אַנדער רעדאַקטאָר פון אַ אידישער צייטונג צו וועמענס נאָמען איר מוזט צוגעבן דעם ר' — אים אָבער קען איך אַנדערש גאָרנישט פאַרצייכענען ווי ר' יהושע ראָקער.

דאַרף די פאַרהעלטנישמעסיקע רואיקייט פון דער קליוולענדער „אידישע וועלט" פאַרשריבן ווערן בעיקר אויף זיין חשבון. אָבער איך בין זיכער, אַז די באַזונדערע רואיקייט פון דער אידישער אימיגראַנטן־באַפעלקערונג אין קליוולאַנד האָט אים דערצו פיל מיטגעהאָלפן.

טראָץ דעם וואָס די גייסטיקע וויכוחים, וואָס זיינען אין יענעם דור געפירט געוואָרן דורך די פאַרשידענע באַוועגונגען וועלכע האָבן אָנגעהויבן פונאַנדערבליען אין אַמעריקאַנער אידנטום, האָבן אויך דערגרייכט די פּראָ־ווינץ־שטעט, זיינען אָפילו די וויכוחים דאָרט געווען רואיקער ווי אין ניו־יאָרק. אין דעם איז באַשטאַנען די אַנדערשקייט פון דעם אימיגראַנטן־דור אין דער פּראָווינץ אין פאַרגלייך מיט ניו־יאָרק.

## יג.

איך האָב שוין אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל דערציילט וועגן מיינע באַגעגענישן מיט דער גרופּע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן אין קליוולאַנד. אין אַט־דעם קאַפּיטל האָב איך צוגעגעבן עטלעכע ווערטער וועגן ר׳ יהושע ראָקער. וועגן אים האָב איך אויך דערציילט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל בשייכות מיט מיינע צווייטע אַרעסטן אין קליוולאַנד. צו אַט־דער גאַנצער גרופּע פון קליוולענדער אידן איז פאַרבליבן אין מיין האַרץ אַ ים פון פריינטשאַפט און חבֿרישקייט. די מערסטע פון זיי זיינען שוין אויפן עולם האמת, אָבער אין מיין גייסטיקן לעבן פאַרנעמען זיי נאָך אַלץ אַ וויכטיק אָרט. איך האָב אויבן אויך דערציילט וועגן מיינע באַגעגענישן מיט ד״ר דזשייקאָב בּיליקאָף, וואָס האָט שפּעטער פאַרנומען וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס אין אידישן און אַמעריקאַנער לעבן. פון אַט־דער באַגעגעניש איז איבערגעבליבן אין מיין האַרץ בלויז אַ געפיל פון רעספּעקט צו אַ פּעאיקן עסקן. בלויז אין איין וויכטיקן פאַל בין איך געווען לחלוטין קעגן זיינס אַ געזעלשאַפטלעכער השפעה. דאָס איז געווען אין דעם מאָרגענטאַו־פאַל. איך האָב אין זיבעטן דעם באַזוך פון מאָרגענטאַו (דער טאַטע) אין פּוילן תיכף נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. וועגן דעם פאַל גופא האָב איך דערציילט ברייטער אין מיין בוך „אויפן וועג״, אינעם קאַפּיטל וועגן „דזשאָינט״. איך וועל עס דעריבער דאָ נישט ברענגען. איך האָב דעם דאָזיקן באַזוך באַטראַכט ווי אַ זייער שאַרפן טאַקטישן טעות. עס האָט מיך געפּרייט ווען איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז אויך דער גרויסער אידיש־אַמעריקאַנער פירער לואיס מאַרשאַל איז געווען קעגן אַט־דעם באַזוך. אָבער דערציילנדיק וועגן דעם האָב איך נישט אַרויסגעבראַכט דעם פאַקט, אַז דער איניציאַטאָר פון דעם געדאַנק — און דער וואָס האָט געהאַט דעם הויפּט־חלק אין רעאַליזירן אים — איז געווען ד״ר דזשייקאָב בּיליקאָף. אויסער אַט־דעם פאַל קען איך נאָר פאַרצייכענען פּאָזיטיווע געזעלשאַפטלעכע דערגרייכונגען אויף זיין חשבון, אין אַלע אַרבעטן צו וועלכע ער האָט זיך איבערגעגעבן.

פון די איבעריקע באַגעגענישן במשך מיינע דעמאָלטיקע רייזעס איז די וויכטיקסטע זיכער געווען מיין באַגעגעניש מיט דעם גרויסן פּאָעט, גרויסער חכם און תלמיד־חכם ס. יהואָש. דאָס איז נאָך געווען איידער ער איז נאָכמער באַרימט געוואָרן דורך זיין איבערזעצן גאַנץ תנ״ך אויף אידיש. אַט־די באַגעגעניש פאַרדינט אַ באַזונדער קאַפּיטל.

# מיין באַקאַנטשאַפט מיט יהואש׳ן

**א.**

סיי ער, יהואש, סיי זיין נאָענטער חבר און מיטאַרבעטער אין אַ סך קול־טורעלע אונטערנעמונגען, ד״ר חיים ספּיוואַק, זיינען געקומען צו דער פאַרזאַמלונג וואָס די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן פון דענווער האָבן פאַר מיר צוגעגרייט. ס׳איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז די וויכטיקסטע עסקנים פון די ס. ט. אין דענווער זיינען געווען די שוועסטער און דער שוואָגער פון אונזער איצטיקער אויסערן־מיניסטאָרין גאָלדע מאיר: שיינע און שמאי קאָרנגאָלד. די קאָרנגאָלדס זיינען געווען נאָענט באַפריינדעט סיי מיט דער יהואש־משפחה, סיי מיט ד״ר חיים ספּיוואַק. חבר שמאי קאָרנגאָלד האָט שטאַרק געזאָרגט דערפאַר, אַז ביידע זאָלן קומען צו מיין רעפעראַט — און זיי זיינען טאַקע געקומען.

דעם תוכן פון מיין רעפעראַט איז נישט נויטיק איבערצוגעבן. ער איז באַשטאַנען פון די פונקטן, וועגן וועלכע איך האָב אויבן גערעדט. אַזויווי דער גאַלוועסטאָן־פּלאַן איז דאַן געשטאַנען אויפן סדר־היום האָב איך, נאַטיר־לעך, אויך וועגן דעם גערעדט. דאָ האָב איך יאָ מרמז געווען אויף מיינע פאַנטאַסטישע חלומות בנוגע גאַלוועסטאָן, צוגעבנדיק דערביי: אויב נאָר אונ־זערע דייטשע „יאַהודים״ וועלן זיך נישט אָפּשרעקן פאַר דעם געדאַנק פון קאָנצענטרירן אידן אין איין געאָגראַפישן פונקט. אין דעם וויכוח האָבן בעיקר אָנטייל־גענומען די פּועלי־ציון. זייער ראש־המדברים איז געווען חבר ד״ר מאָריס. ער איז אַרויסגעטראָטן זייער שאַרף קעגן דעם, וואָס מיר, טערי־טאָריאַליסטן, שפּייזן דעם אידישן עולם מיט אילוזיעס און ציען אָפּ זיינע כוחות פון דער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל. מיין ענטפער צו אים איז געווען, אַז בלויז די וויטערדיקע אידישע געשיכטע וועט באַשטימען ווער עס שפּייזט איצט דעם עולם מיט אילוזיעס און ווער עס זוכט ממשות׳דיקע ענטפערס אויף ביטערע לעבנס־פראַגן פון אידישן פאָלק. נישט יהואש און נישט ד״ר ספּיוואַק האָבן זיך באַטייליקט אינעם וויכוח. ווען איך האָב פאַר־

ענדיקט מיין ענטפער, איז יהואש — פאַר וועמען דער חבר שמאי קאַרנ־גאָלד האָט מיך פאַרגעשטעלט איידער איך האָב גערעדט — צוגעגאַנגען צו מיר און מיך פאַרבעטן צו אים אין הויז אויף אַ מאָלצייט. ער האָט אויך פאַרבעטן נאָך עטלעכע אידן צו אָט־דער באַגעגעניש.

נאַטירלעך האָב איך זיך זייער דערפרייט פון אָט־דער איינלאַדונג. איך האָב שוין דאַן געהאַט געלייענט אַ רעכט ביסל פון זיינע לידער. דאָס ליד וואָס האָט אויף מיר איבערגעלאָזט דעם טיפסטן רושם — כאָטש אַנדערע לידער זיינען אָן ספק געווען פון אַ העכערער קינסטלערישער מדרגה — איז געווען דאָס ליד „כי תצא למלחמה", אָפּגעדרוקט אין דעם „אידישער קעמ־פער" סוף מערץ 1906. דאָס דאָזיקע ליד האָט גערעדט צו מיין האַרץ, ווייל עס איז געווען דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט, וואָס האָט אונז — אינגלעך און מיידלעך צווישן די יאָרן 18 און 25 — דאַן זייער שטאַרק פאַרכאַפּט. עס איז דעריבער פאַר מיר געווען ממש אַ גליקס־געפיל צו באַקענען זיך מיטן גרויסן פּאָעט און בפרט נאָך צו זיין אַ גאַסט ביי אים אין הויז. איך בין אַהין געקומען מיט פיל מער ציטערניש אין האַרץ, ווי איך האָב דאַן דורכגעלעבט יעדעס מאָל, ווען איך האָב געדאַרפט אויפ־טרעטן מיט אַ רעדע. איך האָב גוט געוואוסט, אַז די איינלאַדונג איז נישט געווען בלויז צוליב דעם מאָלצייט; אַז דאָרט דאַרף מען זיך גרייטן צו דברי תורה. און איך האָב שאַרף דערפילט פאַר וועמען איך וועל דאָרט דאַרפן עפּעס זאָגן. איך האָב געוואוסט, אַז ד"ר חיים ספּיוואַק וועט דאָרט אויך זיין. איך האָב דאַן שוין געהאַט געלייענט זיינס אַ סעריע עסייען, די מערסטע גע־דרוקט אין „צוקונפט", וואָס האָבן אויף מיר איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם, דורך זיין טיפן וויסן און הויכער אינטעליגענץ. פאַר אָט־די צוויי וויכטיקע אידישע מלומדים וועל איך, אַ 20־יעריקער — נאָך אַלץ כמעט אַ ישיבה־בחור — דאַרפן אויסהאַלטן אַ פּראָבע. און אין קאַן איז דאָך אויך געשטאַנען די אידייע וואָס איך האָב רעפּרעזענטירט. טראַכטנדיק איצט וועגן דעם, זע איך, אַז איך האָב די פּראָבע נישט אויסגעהאַלטן. דער פאַרמעסט איז געווען צו־הויך פאַר מיר.

ב.

עס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן איבער אַ מנין מענטשן. צווישן זיי די ליבע פרוי פונעם פּאָעט, פלאָראַ בלומגאַרטן (יהואש'עס נאָמען איז געווען סאָלאָמאָן בלומגאַרטן), ד"ר חיים ספּיוואַק, ד"ר מאָריס און אייניקע אַנפירער פונעם דענווער־סאַנאַטאָריום — די קרוין־דערגרייכונג פון ד"ר חיים ספּיוואַקס

געזעלשאַפטלעכער עסקנות. נאָכן ביסל משקה האָט דער מכניס־אורח — יהואָש אַליין — אָנגעהויבן דעם געשפּרעך. ערשטנס האָט ער מיך, ביים פאָר־שטעלן פאַר די געסט, באַקרוינט מיטן טיטל דער „טראַוולינג סיילסמאַן" פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. דאַן איז ער אַריבער צום טעריטאָריאַליזם און האָט — אמת אויף אַן איידעלן אופן — מבטל געמאַכט אַלע מיינע פּראָ־טעריטאָריאַליסטישע אַרגומענטן. שאַרפער ווי ווער עס איז פריער, האָט ער אַרויסגעבראַכט די גרויסע שוועריקייטן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אויפבויען אַ אידישע טעריטאָריע. ער איז געקומען צום אויספיר, אַז נאָר ארץ־ישראל, וואָס לעבט אַזוי טיף אין דער אידישער נשמה, קען אַרויסרופן יענע ענערגיעס וואָס זיינען דערצו נויטיק. ער האָט זיך באַצויגן צו דעם ענטפער וואָס איך האָב געגעבן דעם חבר ד"ר מאָריס און האָט צוגעגעבן: „ליבער פריינט, איר דאַרפט אונז נישט אָפּשיקן צו דער וויטערדיקער אידישער געשיכטע. דער טעריטאָריאַליזם איז שוין אַ פאַר'משפט'ער. איך האָב גרויס רעספּעקט פאַר אייער גאַלוועסטאָן־פאַנטאַזיע, ווייל איך האָב רעספּעקט פאַר יעדער פאַנ־טאַזיע וועגן דער אידישער צוקונפט, ווי אומפּראַקטיש זי זאָל נישט זיין און ווי אומגעשיכטלעך (דאָס דאָזיקע וואָרט האָט ער שאַרף אונטערגעשטראָכן) זי זאָל נישט זיין. איך ווייס אָבער, אַז געשיכטע לאָזט זיך נישט אַזוי גרינג אַראָפּפירן פון איר דרך המלך. דער פאַקט וואָס אַפילו איר האָט זיך געדאַרפט אָנכאַפּן אין דער גאַלוועסטאָן־פאַנטאַזיע רעדט בולטער ווי אַלץ וועגן דעם, אַז דער טעריטאָריאַליזם איז שוין פאַר'משפט. איך מיין נישט אַז די דייטשע יאַהודים־פירער זיינען גערעכט, ווען זיי שטעלן זיך איין פאַרן צעשפּרייטן אידן. אָבער זיי זיינען אָן ספק גערעכט, ווען אין דעם גאַלוועסטאָן־פּלאַן זעען זיי נאָר דאָס. איך האָב נישט צו אייך בלויז די טענה, אַז אייער פּראָפּאַגאַנדע שוואַכט אָפּ די אַרבעטן פאַר ארץ־ישראל. אין דעם איז אויך דאָ אַביסל אמת. מיר טוט אָבער פיל מער וויי ווען איך טראַכט וועגן די אַנטוישונגען וואָס איר, טעריטאָריאַליסטן, וועט מוזן דורכלעבן. אָט־די אַנטוישונגען קע־נען אַוועקנעמען ביים אידישן פאָלק כוחות אין וועלכע עס נויטיקט זיך פאַרן גערانגל וואָס עס מוז פירן פאַרן סאַמע קיום, סיי אין גלות, סיי אין ארץ־ישראל". ער איז דאַן אַריבער צו דער אַסימילאַציע־געפאַר און האָט צו־געגעבן: „די סכנה וואָס איר זעט איז זייער אַ רעאַלע. אָבער צי מיינט איר, אַז בלויז די האָפענונג אויף אַ טעריטאָריע קען אָפּהאַלטן די סכנה? אַפילו ווען איר וואָלט היינט געהאַט אַ פּאַרטיקע טעריטאָריע, מיט אַן עפנטלעך־רעכטלעכן און אָנערקענטן טשאַרטער, וואָלטן געמוזט פאַרוועגדעט ווערן די ענערגיעס פון מינדסטנס צוויי אידישע דורות בכדי פון דער טעריטאָריע

צו מאַכן אַ יש. און וואָס וועט במשך אָט־דער צייט זיין מיט יענער סכנה פון אַסימילאַציע, וואָס איר האָט ריכטיק געשילדערט, ווי אַן אָפּשטאַמיקע פון דער גלייכגילטיקייט וואָס וואַקסט דאָ צווישן די אידן צום עצם ענין פון אידישן המשך? אויף אָט־דעם שטח זינדיקן נישט נאָר די טעריטאָריאַליסטן, גאָר אויך די ציוניסטן".

דערפון האָט זיך אַנטוויקלט אַ גאָר ברייטער שמועס וועגן דער צוקונפט פון די אַמעריקאַנער אידן גופא. יהואש — און צוזאַמען מיט אים ד"ר חיים ספּיוואַק — האָבן אַרויסגעבראַכט די פראַגע, צי דאָס אַמעריקאַנער אידנטום וועט אַמאָל קענען דערגרייכן אַ מדרגה פון אידישער שעפערישקייט, ווי עס האָבן דערגרייכט פריערדיקע גלותן. יהואש איז אין דעם פּונקט געווען אַביסל מער אָפּטימיסטיש ווי ד"ר ספּיוואַק. דער לעצטער האָט אָנגעוויזן אויף דעם שטייגנדיקן מאַטעריאַליזם צווישן די אַמעריקאַנער אידן. ער האָט דאָס דערקלערט פּסיכיש: די פרייקייט וואָס די אַמעריקאַנער אידן האָבן דאָ געפונען, גיט זיי די מעגלעכקייט אויסצונוצן זייער נאַטירלעכע פעאיקייט פאַר גרויסע געשעפטן. אין מזרח־אייראָפּע, בעיקר אין רוסלאַנד, זיינען די דאָזיקע פעאיקייטן געהאַמעוועט געוואָרן דורך ספּעציעלע רדיפות קעגן די אידן. דאָ האָט זיך אַרויסגעריסן זייער איינגעשלאָפענע ענערגיע און רייסט זיך צום אויסדרוק. זיי וועלן דעריבער דאָ שטייגן זייער הויך אויפן עקאָנאָמישן געביט. דאָס וועט אָבער גלייכצייטיק צוריקהאַלטן זייער גייסטיקע אַנטוויקלונג. יהואש איז דווקא געווען איבערצייגט, אַז אידן וועלן דאָ דערגרייכן הויכע מדרגות סיי אויפן עקאָנאָמישן, סיי אויפן גייסטיקן שטח. ער האָט אָבער אויסגעדריקט טיפע ספּיקות, צי זייערע גייסטיקע כוחות וועלן אויך געווידמעט ווערן אידישע שעפערישקייטן. ער איז געווען זיכער, אַז די מערסטע אידישע גייסטיקע כוחות וועלן געווידמעט ווערן דעםביישטייער וואָס אידן וועלן דאָ צוטראָגן צו דער אַמעריקאַנער קולטור. אָבער זייער ווייניק כוחות וועלן זיך קאָנצענטרירן אַרום ספּעציעלע אידיש־קולטורעלע שאַפונגען.

ג.

איך בין דווקא געווען דער עקסטרעמער אָפּטימיסט. איך האָב אַרויסגעבראַכט מיין איבערצייגונג, אַז די אַמעריקאַנער אידן וועלן צוטראָגן צו דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אידישן פאָלק אַ נייעם נוסח. צום נוסח ספרד און נוסח אשכנז וועט צוקומען אַ נוסח אמריקה. איך ווייס נישט, ווי דער נייער נוסח וועט אויסזען, אָבער אַז ער וועט זיין סיי ניי, סיי אידיש אין זיין כאַראַקטער — אין דעם האָב איך נישט קיין צווייפל.

ווען יהואָש האָט — מיט זיין כאַראַקטעריסטיש־ליבן שמייכל, וואָס איך האָב אַזוינס נישט געטראָפן ביי קיין אַנדער מענטש, אויסער ביי זיין טאָכטער חוה דוואָרקין — געזאָגט: „איך וואָלט זיך געפילט זייער גליקלעך ווען איך וואָלט פאַרמאָגט אייער אָפּטימיזם. אָבער זאָגט מיר, אויף וואָס באַזירט איר אייער אָפּטימיזם?" איז מיין ענטפער געווען:

„איך וואָג נישט אין דער סביבה פון אַזעלכע גרויסע אידן צו ריידן מיט אַזאַ זיכערן טאָן. איך ווייס, אַז איר קענט אידישע געשיכטע בעסער פאַר מיר. איך האָב ערשט אין די לעצטע פּאָר יאָר זיך דערוואָרבן אַביסל סיס־טעמאַטישן וויסן פון דער אידישער געשיכטע. פון דעם ביסל וואָס איך האָב געלערנט, האָב איך איינגעזען וויאַזוי אין אַלע נייע גלותן זיינען די ערשטע דורות נייע אימיגראַנטן געשטאַנען אויף אַ נידעריקערער, אידיש־גייסטיקער מדרגה, ווי די וואָס זיי האָבן דערוואָרבן אין זייערע פריערדיקע גלותן. אָבער שפּעטערדיקע דורות האָבן ווידער באַקומען זייערע אייגנאַרטיק־אידישע יצירה־כוחות; און יעדער פון די נייע גלותן האָט סוף כל סוף צוגעטראָגן דעם „נופך משלו" צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער אידישער קול־טור. איך האָף, אַז דאָס זעלביקע וועט געשען מיט די אַמעריקאַנער אידן".

ערשט דאַן האָט זיך יהואָש געגומען צו מיר און האָט אַנטוויקלט זייער ברייט זיין געדאַנקען־גאַנג. מיין אָפּשאַצונג פון די פריערדיקע גלותן האָט ער באַשטעטיקט, אָבער ער איז אַריין אין אַ טיפן אַנאַליז פון די גייסטיקע כוחות וואָס האָבן באַוועגט די אידן פון די פריערדיקע גלותן אין פאַרגלייך מיט די כוחות וואָס קענען אַנטוויקלט ווערן אין אַמעריקע. בעיקר האָבן די אידישע דורות אין די פריערדיקע גלותן געלעבט מיט טיפער אמונה אין זייערע הערצער, וואָס עס פעלט דעם אַמעריקאַנער אידנטום, אויף ווי ווייט מען קען אים איצט שאַצן. ער האָט דאַן אַרויסגעבראַכט אַ זייער טיפע שילדערונג פון דער אויבערפלעכלעכקייט פונעם רעליגיעזן לעבן ביי אַמע־ריקאַנער אידן אין פאַרגלייך מיט דער טיפקייט פון אמונה אין די הערצער פון די פריערדיקע דורות. ער האָט אויפן חשבון פון אָט־דער טיפקייט פאַר־שריבן אַלע דערשיינונגען פונעם ווידעראויפבליען פון אידישע יצירה־כוחות אין די פאַרשידענע גלותן. אָן אָט־דעם טיפן נשמה־לעבן האָט ער נישט געזען די מעגלעכקייט, אַז די אַמעריקאַנער אידן זאָלן קענען צוטראָגן אַן אייגענעם נוסח צו דער אידישער קולטורעלער אַנטוויקלונג. ער האָט מיך „געשלאָגן" מיט מיינע אייגענע אויסדרוקן: „נוסח ספרד און נוסח אשכנז גופא" — האָט ער געזאָגט — „זיינען מער רעליגיעזע אידישע שאַפונגען ווי סתם אידיש־קולטורעלע. אויב דער רעליגיעזער מאָמענט וועט נישט אַריינ־

דרינגען טיפער אין די אַמעריקאַנער אידישע הערצער, וועלן זיי אויך ווייניק צוטראָגן צו די סתם־אידישע קולטור־אוצרות״. ער איז דאַן אַריבער צו דער טעמע „אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע״, אָנווייזנדיק, אַז די וויכטיקסטע אידישע שרייבער אין אַמעריקע זיינען דווקא יענע, וואָס זיינען נאָך דורכגעדרונגען מיט אמונה־איבערלעבונגען, אַפילו ווען זיי אַליין לעבן נישט לויטן שולחן ערוך. זיין מסקנה איז געווען, אַז וואָס נידעריקער עס וועט זינקען דער אמונה־עלעמענט, אַלץ מער וועט זינקען די מדרגה פון דער אידישער אייגנאַרטיקער יצירה. און „די מאַטעריאַליסטישע טענדענצן און מעגלעכקייטן אויף וועלכע עס האָט אָנגעוויזן מיין חבר ספּיוואַק, וועלן האָבן די אויבערהאַנט״.

און אַזויווי ער וואָלט פּלוצים דערזען אַ נייע אַנטפּלעקונג, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אַ זאָג געטאָן אויף אַ פּיל העכערן טאָן:

„זעט איר, מיין טייערער„טראַוולינג סיילסמאַן״ פון טעריטאָריאַליזם, איין איינציקע מעגלעכקייט איז פאַרבליבן, וואָס קען העלפן די אַמעריקאַנער אידן זיך אַ הויב טאָן גייסטיק. זי איז פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל. אויב דאָרט זאָל באמת אויפשטייגן אַ אידישער ישוב מיט אַ טיף־אידישן גייסט, מיט טיפע אידישע יצירות, דאַן וועלן די אידן פון אַמעריקע פון דאָרט שעפּן גייסטיקע השראה״. און מיט אַ פּיל־נידעריקן טאָן האָט ער צוגעגעבן: „איך בין נישט זיכער צי די ציוניסטן, וואָס קומען איצט קיין ארץ־ישראל, ווייסן ווי גרויס עס איז ייער אחריות אויף פאַר אונז, אידן אין אַמעריקע״.

ער וואָלט נאָך אָן ספק גערעדט ווייטער. עס האָט זיך געשפּירט, אַז ער איז פול מיט רעיונות, שפּירונגען און זאָרגן וועגן דער אידישער צוקונפט אומעטום. ער האָט זיי געוואָלט באַלד אַרויסברענגען. ער האָט אָבער עס געמוזט איבערלאָזן אויף שפּעטער, ווייל זיין ליבע פרוי, פלאָראַ, האָט אים אָפּגעשטעלט:

„מיין טייערער״ — האָט זי געזאָגט — „דו האָסט זיך היינט צערעדט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, אַז דו האָסט אַפילו מיך פאַרוואונדערט. נישט אָפּט האָב איך דיך געהערט אַזוי ריידן. דו האָסט פאַרגעסן, אַז דו האָסט פאַרבעטן געסט צו אַ מאָלצייט. דאָס עסן וועט איבערגעפּירט ווערן״. און זי האָט צייטווייליק איבערגענומען די הויפּט־ראָלע פון הכנסת־אורחים. זי האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָל קיינעם פון די באַטייליקטע קיין זאַך נישט פעלן.

## ד.

במשך פון מאַלצייט זיינען נאָך אַלץ גערעדט געוואָרן דברי תורה. בעיקר האָט ווייטער גערעדט יהואָש. אָבער דאָס זיינען געווען געדאַנקען־בליצן, וואָס האָבן צום הויפּט־וויכוח קיין שייכות נישט געהאַט. זיי האָבן אָבער פאַרשאַפט נישט ווייניק התרוממות הרוח, ווייל די צופעליקע געדאַנקען־בליצן פון דעם גרויסן יהואָש זיינען ממש געווען גייסטיקע פּערל. ווען דער מאָל־צייט איז פאַראיבער, האָט יהואָש ווידער אָנגעהויבן:

„אפשר האָט אונז דער גאַסט נאָך עפּעס צו זאָגן וועגן זיין אָפּטימיסטישן צוגאַנג צו דער צוקונפט פון אַמעריקאַנישן אידנטום?"

איך האָב שאַרפער דערפילט די שטימונג פון „הנני העני ממעש". ווי וואָג איך גאָר אַרויסצוזאָגן מיינונגען וועגן אַזעלכע פראַגן און נאָך פאַר אַזעלכע גרויסע תלמידי־חכמים? אָבער די לעצטע געדאַנקען וואָס יהואָש האָט אַרויסגעבראַכט האָבן מיך שטאַרק אינטריגירט. האָב איך דעריבער נאָך צוגעגעבן:

„איך דערלויב מיר די חוצפה צו באַהויפּטן, אַז איך בין דאָ אפשר דער טיפסטער מאמין אין די יצירה־כוחות פון אידישן פאָלק. דערפאַר נעם איך נישט אָן די איינשטעלונג, אַז נאָר מיטן כוח פון דער אידישער אמונה קען דאָס אידישע פאָלק שאַפן אייגנאַרטיקע קולטור־ווערטן. איך נעם גאָר אָן, אַז אויך די אידישע אמונה גופא איז דאָס באַשאַף פון אידישן פאָלק און נישט פאַרקערט. איך גלויב דעריבער, אַז יעדער טייל פון אידישן פאָלק — דאָס פאָלק וואָס האָט באַשאַפן אַזאַ אמונה — וועט זיכער געפינען אין זיך כוחות פאַר גייסטיקער באַנייאונג, אויב צוליב אויסערלעכע אומשטענדן האָט עס געליטן פון אַ גייסטיקן צוריקשטויס. אַמעריקאַנער אידן שטאַמען אויך פון זעלביקן פאָלק. אויף דעם איז באַזירט מיין גלויבן, אַז אויך ער וועט נאָך צוטראָגן זיין חלק צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור".

יהואָש האָט מיר כמעט ווי איבערגעשלאָגן מיינע רייד מיט אַ מערק־ווירדיקער פראַגע: „אין וועלכע ישיבות האָט איר געלערנט איידער איר זייט געקומען אַהער?" האָב איך אים דערציילט אַביסל וועגן דעם. האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון נייע פראַגן, ביז ער האָט פון מיר אַרויסגעקראָגן כמעט אַלץ וואָס איך האָב דערציילט פון מיין לעבן אין אָנהויב פון אָט־דעם בוך, ביז מיין אָנקומען קיין אַמעריקע. דאַן האָט ער אַ זאָג געטאָן: „קיין וואונדער נישט וואָס איר קענט אַרגומענטירן. די טעלזער ישיבה האָט עס

איך אויסגעלערנט. אָבער גערעכט זייט איר נישט, מיין יונגער פריינט". און יהואש האָט אַנטוויקלט אַ נייעם טיפן געדאַנק, דעם סאַמע טיפסטן פון גאַנצן שמועס.

איידער איך גיי איבערגעבן די טיפסטע געדאַנקען וואָס יהואש האָט דאַן אַרויסגעבראַכט, מוז איך קלאָר מאַכן אַ וויכטיקן פּונקט. איך גיב איבער זיינע געדאַנקען ווי זיי האָבן זיך דאַן איינגעקריצט אין מיין זכרון. עס איז נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז געוויסע טערמינען און אויסדרוקן זיינען אין מיין זכרון געענדערט געוואָרן. איך האָב במשך די 54 יאָר זינט אָט־דעם שמועס, זיכער אַריינגענומען אין מיין אָרעמען שפּראַך־אוצר נייע באַגריפן, נייע אויסדרוקן. קען זיין, אַז טייל פון זיי זיינען אַן מיין באַוואוסט־זיין אַריינגעדרונגען אויך אין דעם גאַנצן געוועב, וואָס שטעלט צוזאַמען אַ מענטשלעכן זכרון. אין איין זאַך בין איך פולקאָם איבערצייגט: דער תוכן פון זיינע געדאַנקען איז ביי מיר פאַרבליבן קלאָר און אומפאַרענדערט. דאָס זעלביקע איז אויך ריכטיק בנוגע די יהואש־געדאַנקען וואָס איך האָב ביז איצט ציטירט.

יהואש האָט דאַן אַזוי געזאָגט: „עס איז טאַקע אמת, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט באַשאַפן זיין אמונה, און דאָך זייט איר נישט גערעכט, ווען איר מיינט אַז אמונה האָט נישט געהאַט די ווירקונג אויף זיין וויטערדיקער אַנטוויקלונג, ווי איך האָב עס פריער אַרויסגעבראַכט. ווען איר וועט טיפער שטודירן די אידישע געשיכטע וועט איר דערזען פאָלגנדיקע דערשיינונג: יענער מאָמענט, ווען דאָס פאָלק האָט פאַרענדיקט דעם וויכטיקסטן עטאַפּ פון זיין אמונה־באַשאַף, ווען ער האָט דורך זיין באַשאַף פּראָקלאַמירט די עשרת הדברות און האָט עס געבראַכט אין שריפט, קען זיכער באַצייכנט ווערן מיט אונזער אַלטן אויסדרוק „מתן תורה". דאָס אידישע פאָלק האָט געגעבן אַ נייע תורה דער מענטשהייט. ווען דאָס אידישע פאָלק אַליין האָט פולקאָם דערפילט אין זיין באַוואוסטזיין די באַדייטונג פון זיין באַשאַף, איז ער שטאַרק דערהויבן געוואָרן אין זיינע אייגענע אויגן. ער האָט דערשפּירט, אַז דורכדעם איז ער אַרויפגעטראָטן אויף דער וועלט־בינע מיט אַ גרויסן ביישטייער; אָבער גלייכצייטיק מיט גרויס פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין אייגענער וועלט־ראָלע. אַזוי דאַרף אויפגעפאַסט ווערן די באַדייטונג פון דעם דראַמאַטישן פּסוק: „היום הזה נהיית לעם!" אָט דער אַקט פון מתן תורה האָט משפּיע געווען אויף זיינע אייגענע גייסטיקע אַנטוויקלונגען. פון דאַן אָן איז אָט־דער באַשאַף געוואָרן דער הויפּט־פאַקטאָר אין זיין וויטערדיקער אייגנאַרטי־קער שעפערישקייט. אָט־דער היסטאָרישער אַקט האָט דעריבער באַשטימט,

אַז נאָר ווי אַ המשך פון, אָדער אין פאַרבינדונג מיט, זיין אייגענער מתּן־תּורה קען דאָס אידישע פאָלק ווייטער שאַפן גרויסע ווערטן. זיינע ווייטער־דיקע יצירה־פּעאיקייטן, אין אַלע דורות נאָך מתּן־תּורה און אין אַלע גלותן, זיינען דעריבער געווען אין פאַראַפּאַרץ צו דעם, ווי ווייט ער האָט אויפגעהאַלטן אין זיך אַליין דעם המשך פון זיין אייגענעם מתּן־תּורה.

„אַט־דעם פּראָצעס מוזן מיר האָבן אין זינען. די פראַגע וועלכע מיר באַהאַנדלען היינט איז דעריבער — צי פאַרמאָגט דאָס אידנטום, וואָס פאַר־מירט זיך פאַר אונזערע אויגן אין אַמעריקע, אין זיין נשמה געוואָג המשך־זאַפט פון יענעם היסטאָרישן מתּן־תּורה־אַקט. מיר שיינט, אַז אין די לעצטע דורות זיינען אין אידישן פאָלק פאָרגעקומען אַזעלכע גייסטיקע אויפטרייס־לונגען, וואָס צוזאַמען מיט די אויסערלעכע אָביעקטיווע באַדינגונגען פון זיין גלות־לעבן, צוזאַמען מיט די אַלע גייסטיקע שקיעות, וואָס קומען פון דער כאַאָטישער וואַנדערונג, האָבן זיי שטאַרק אונטערגעגראָבן די יסודות פון אונזער גייסטיקן לעבן. איך האָב מורא, אַז עס איז אויף אַ לאַנגער צייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן די דירעקטע איינפלוסן פון דעם מתּן־תּורה־אַקט. דערי־בער איז געשטעלט געוואָרן אין סכנה די מעגלעכקייט, אַז אויך איצט זאָל פאָרקומען די זעלביקע דערשיינונג פון אונזערע פריערדיקע גלותן, וועלכע האָבן, נאָך אַן עפּאָכע פון גייסטיקער אָפּשוואַכונג, זיך צוריק דערהויבן צו גייסטיק־אידישע שאַפונגען".

אויף אַט־דעם טיף־היסטאָרישן אַריינבליק האָב איך נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן און איך האָב עס טאַקע אָפּן, מיט אַ דערדריקטער שטימע, צוגעגעבן.

דאָ איז מיר גראָד ד"ר חיים ספּיוואַק געקומען צו הילף: „זייט פונ־דעסטוועגן נישט אַזוי פאַרצווייפלט. איך קאָן זיך נישט איינשטעלן פאַר אייער טעריטאָריאַליזם. אָבער בנוגע דער צוקונפט פון אַמעריקאַנער אידנטום זאָג איך — דער עקסטרעמסטער פּעסימיסט — אַז אויב די נייע אידישע וואַנ־דערונג וועט אונז ברענגען כאָטש עטלעכע טויזנט יונגע, אידישע מענטשן, וואָס טראָגן אין זיך סיי טיפן אידעאַליזם, סיי אַזויפיל אָפּטימיזם, וועט איר געשיכטלעך גערעכט זיין". יהואָש האָט דאַן צוגעגעבן פון זיין זייט: „מיט דעם וואָס מיין חבר ספּיוואַק האָט איצט געזאָגט בין איך פולשטענדיק מסכּים".

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער דאָזיקער שמועס. יהואָש האָט מיך געפרעגט, ווי לאַנג איך פאַרבלייב נאָך אין דענווער, אפשר וועט מען קענען אַראַנזשירן אַ המשך פון אַט־דעם שמועס. איך בין אָבער געבליבן אין דענווער בלויז נאָך איין טאָג. מער קיין שמועס האָט דעריבער נישט געקענט

פאַרקומען. מיך האָט עס זייער פאַרדראָסן. מיר שיינט, אַז מיינע מיט־שמועסער אויך. איך האָב אויסגעדריקט מיין טיפע התרוממות הנפש פון אָט־די באַגעגענישן, האָב אָפּגעדאַנקט יהואָשן און זיין פרוי פאַר דעם שיינעם קבלת־פנים וואָס זיי האָבן מיר געגעבן און האָב זיך מיט זיי צעזעגנט.

מיר האָבן אַלע געפילט, אַז מיר וועלן זיך נאָך נישט איינמאָל באַגעגענען. יהואָש מיט זיין משפחה האָבן זיך גאָר גיך אַריבערגעקליבן קיין ניו־יאָרק. ווען איך בין סוף 1908 צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק — דאָסמאָל שוין נישט אַליין נאָר מיט מיין לעבנס־באַגלייטערין נינאַ — פלעגן מיר זיין אָפטע געסט אין יהואָש'עס הויז. פון דאַן אָן זיינען מיר געבליבן פאַרבונדן, דורך טיפער פריינטשאַפט, ביז די לעצטע טעג פוןביידן: יהואָש און זיין פרוי פלאָראַ. מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען מיט יהואָשן אין די וייטערדיקע קאַפּיטלען פון אָט־די זכרונות. ווי אַ ירושה פון יענער באַגעגעניש איז אונז — מיין פרוי און מיר — געבליבן די חברשאַפט און נאָענטקייט מיט זייער טאָכטער חוה דוואָרקין און איר משפחה.

אויך מיט ד״ר חיים ספּיוואַק האָב איך זיך פיל מאָל געטראָפן. איך האָב באַזוכט דענווער אין די שפּעטערדיקע יאָרן עטלעכע מאָל. און בעת יעדן באַזוך זיינען באַשטימט געוואָרן עטלעכע שעה פאַר אַ באַגעגעניש מיט ד״ר ספּיוואַק און זיינע פריינט. נישט איינמאָל האָבן מיר זיך דערמאָנט אין יענער ערשטער אונזער באַגעגעניש אין 1907 און אין דעם וויכוח וואָס מיר האָבן דאַן געפירט. ד״ר ספּיוואַק איז אין דער פיפלס־רעליף־עפּאָכע געווען אַקטיוו און איז אַפילו געקומען צו עטלעכע צוזאַמענפאָרן פון פיפלס־רעליף. אויך צו אָט־דעם קאַפּיטל וועלן מיר זיך נאָך אומקערן.

בכלל האָט יענע ערשטע באַגעגעניש מיט יהואָש און ד״ר ספּיוואַק איבערגעלאָזט אין מיין נשמה אַזאַ רושם, אַז זייער אָפט קער איך מיך אום צו איר איינער אַליין, ווען אין האַרץ הויבט אָן ווערן אַביסעלע פוסט, און עס איז דאָ אַ נויטווענדיקייט מיט עפּעס עס אויסצופילן. געוויינטלעך קערט מען זיך דאָך אום צו די זכרונות פון אַמאָל. און עס העלפט זייער פיל פאַרטרייבן די פוסטקייט, ווען מען קען נאָכאַמאָל איבערלעבן אַזעלכע דער־הויבנדיקע מאָמענטן, ווי די באַגעגעניש מיט יהואָשן.

# ווייטערדיקע באַגעגענישן

א.

געדאַרפט האָב איך די פּרשה פון מיינע באַגעגענישן אין יענע רייזעס פאַר־ענדיקן מיט יהואָשן, ווייל אין איר האָב איך דערגרייכט דעם סאַמע קלי־מאַקס. די אַנדערע באַגעגענישן זיינען, אין פאַרגלייך מיט דער יהואָש־באַקאַנטשאַפט, געווען אַ מין אַנטי־קלימאַקס, כאָטש אייניקע פון זיי זיינען געווען גאָר וויכטיקע. ווייס איך אָבער, אַז די כאַראַקטעריסטיק פון דער אידישער פּראָווינץ אין יענע יאָרן ווערט ריכטיקער רעפּרעזענטירט דווקא דורך די אַנדערע באַגעגענישן. סיי יהואָש, סיי ד״ר ספּיוואַק קענען נישט אַזוי באַגרענעצט ווערן. זיי געהערן צו דער סאַמע העכסטער מדרגה פון אַל־אידישער כאַראַקטעריסטיק. זייער השפּעה איז אוודאי אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין דער ווייטערדיקער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון גאַנצן אַמעריקאַנער אידנטום. זיי זיינען אָבער נישט קיין פּאַסיקע מאָס צו מעסטן דעם גייסטיקן אויסזען פון דער אידישער פּראָווינץ אין יענער צייט. קער איך מיך אום צו די ווייטערדיקע באַגעגענישן; אָבער זיי וועל איך מיך באַמיען צו שילדערן בקיצור.

אין מינעאַפּאָליס האָב איך זיך באַגעגנט מיט דעם וויכטיקסטן מחנך פונעם נייעם אידישן דור, וואָס מיר האָבן דאַן פאַרמאָגט אפשר אין גאַנץ אַמעריקע — דער באַוואוסטער ד״ר גאָרדאָן. איך וועל זיך צו אים דאַרפן אומקערן ווען איך וועל קומען צו דער פּרשה „אידישע דערציאונג אין אַמע־ריקע״. דערווייל קען איך נאָר זאָגן, אַז אַזאַ טיפּ מחנך האָב איך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, געטראָפן אין ליטע און אין וואָלין, וואו ס׳איז דאַן אַנטוויקלט געוואָרן די גרויסע „תרבות״־באַוועגונג. ער האָט אויפגעבויט אין מינעאַפּאָליס אַ תלמוד־תורה, וואָס איז ממש געוואָרן אַ שם־דבר און האָט געדינט ווי אַ ביישפּיל וויאַזוי איינצופלאַנצן העברעאיש צווישן אַמעריקאַניש־אידישע קינדער. אין יענע יאָרן, ווען מען האָט געטראָפן אַ יונגן איד וואָס קען ריידן העברעאיש, צי דאָס איז געווען אַן אַמעריקאַנער־געבוירענער, אָדער אַזאַ וועמען די עלטערן האָבן געבראַכט קיין אַמעריקע

אײדער ער האָט באַװיזן צו באַזוכן אַ חדר אין דער אַלטער הײם, האָט מען געמעגט אָננעמען אַז ער האָט געלערנט אין דער מינעאַפּאָליסער תלמוד־תורה.

װעגן דעם תוכן פון זײן דערציאונג — מחוץ פון דער העברעאישער שפּראַך — קענען עדות זאָגן פאָלגנדיקע רעזולטאַטן: פון די תלמידים פון דער מינעאַפּאָליסער תלמוד־תורה זײנען אַרויסגעקומען אײניקע פון די גריג־דער פון קיבוץ „כפר־בלום", װאָס אין אויבערשטן גליל; פון דאָרט זײנען געקומען אײניקע פון די גרינדער פון דעם אויסגעצײכנטן מושב „בית חירות" לעבן כפר ויתקין, װאָס אין עמק חפר; אַ גראַדואירטן פון יענער תלמוד־תורה געפינט מען צװישן די פּראָפעסאָרן פון דער ירושלים׳ער אוניװערזיטעט. אין אַמעריקע גופא געפינט מען זײ אין דער פירערשאַפט פון הסתדרות־קאַמפּײן און אין אַנדערע ציוניסטישע — בעיקר ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע — געזעלשאַפטלעכע אַקטיװיטעטן.

פונעם שמועס מיט אים איז מיר קלאָר געװאָרן אײן פּונקט — װאָס איז שפּעטער נאָך בולטער געװאָרן דורך דער אַרבעט פון ליובאַװיטשער רבין אין אַמעריקע — אַז װען מען גײט צו צום אַמעריקאַנער־געבוירענעם אידישן קינד מיט אַן אמתן גאָט אין האַרצן, אַ גאָט אין װעלכן מען גלויבט אַלײן, קען מען אין אים אײנפּלאַנצן טיפע אידישע װערטן. דער גאָט פון ד״ר גאָרדאָן איז באַשטאַנען פון העברעאישן לשון באַפּעסטיקט דורך אַ גרויסער מאָס פון אידישער טראַדיציע. אין לעצטן פּונקט איז ער געװען אַנדערש װי די „תרבות"־פירער אין מזרח־אײראָפּע, װעלכע זײנען געװען מער װעלט־לעך — קײן אַנדער אויסדרוק פאַר אַן אײנשטעלונג װאָס איז מער־װײניקער פרײ פון טראַדיציע איז נאָך ביז איצט נישט אַרויסגעבראַכט געװאָרן — װי ד״ר גאָרדאָן. די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסן פון מינעאַפּאָליס האָבן פונדעסטװעגן געפירט קעגן אים זײער אַ שאַרפע מלחמה. ער האָט אָבער ממשיך געװען זײן אַרבעט. די געבענטשטע רעזולטאַטן האָבן מיר געזען אויבן.

ב.

אין שיקאַגאָ האָב איך דאַן געטראָפן אַ גרופּע סאָציאַליסטיש־טעריטאָ־ריאַליסטישע אינטעליגענטן מיט די דאָקטוירים נאַדלער און האַלפּערן בראש. זײ זײנען אָבער מיט צו־טיפער אידישקײט נישט געװען באַשאָנקען. זײער טעריטאָריאַליזם, געבראַכט פון רוסלאַנד, איז געװען באַגרינדעט אויף מאַ־טעריאַליסטישע אויסרעכענונגען. די מערסטע פון זײ זײנען געבליבן פאַר־עקשנ׳ט און האָבן זיך צום פּועלי־ציוניזם נישט אומגעקערט. אין דער װײטער־דיקער אידיש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָט מען זײ שוין נישט באַגעגנט.

ערשט שפּעטער האָט אַ געוועזענער סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט, וואָס איז יאָ אַריבער צוריק צו די פּועלי־ציון — דער דערמאָנטער חבר ד״ר מרדכי דאָלניק — אויסגעאיבט גאָר אַ טיפע השפּעה אויפן אידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שיקאַגאָ. אָבער די גרופּע ס. ט., וועלכע איך האָב אין שיקאַגאָ באַגעגנט אין 1907, האָט קיין רושם נישט איבערגעלאָזט.

דאַקעגן האָב איך דאָרט באַגעגנט דעם דעמאָלטיקן אָנפירער פון די פּועלי־ציון, דעם חבר ב. דזשיי. שאַפּיראָ. מיט אים איז פאַרבונדן געוואָרן אַ טיפע חברשאַפט נאָך איידער איך האָב זיך צוריקגעקערט צו די פּועלי־ציון. אין מיין באַנייטער פּועלי־ציון עפּאָכע איז מיר אויסגעקומען נאָך טיפער צו פאַר׳חבר׳ן זיך מיט אים. ווען נאָר איך האָב באַזוכט שיקאַגאָ — און אַזעלכע באַזוכן זיינען געווען אַ סך — איז זיין הויז געווען סיי מיין האָטעל, סיי מיין גייסטיקער צענטער. אויסער די פאָרמעלע אַרויסטרעטונגען, פלעג איך אין שיקאַגאָ זייער אָפט פאַרלייענען אידישע ליטעראַטור. בעיקר פון יצחק לייבוש פּרץ. דאָס דאָזיקע לייענען פלעגט פאַרקומען אין ב. דזשיי. שאַפּיראָס הויז. זיין פרוי, רייזל, פלעגט מכבד זיין מיט גוטע זאַכן און איך — מיט אַ פּרץ־מעשהלע. איך געדענק, אַז פּרץ׳ס „מקובלים״ האָב איך געדאַרפט איבערלייענען עטלעכע מאָל, ביז יעדער ניואַנס פונעם טיפן אַריינבליק אין דער נשמה פון דעם פאַרוואָרלאָזטן ראש־ישיבה מיט זיין איינציקן תלמיד האָט דורכגעדרונגען די נשמות פון אַלע צוהערער. אָפט זיינען צו אַזאַ לייענען אויך געקומען חברים פון מילוואָקי, צווישן זיי די יונגינקע חברטע גאָלדע — די איצטיקע אַזוי גוט־באַוואוסטע גאָלדע מאיר. די טיפע חברישע פאַרבינדונג מיט ב. דזשיי. שאַפּיראָ איז געבליבן ביז צו זיין טראַגישן סוף. און אויך איצט ווערט וואַרעם אויף דער נשמה ווען נאָר איך דערמאָן זיך וועגן אים.

וועגן דער כאַראַקטעריסטיק פון דער שיקאַגער אידישער קהילה אין יענער צייט דאַרף — צו דעם וואָס איך האָב ביז איצט געזאָגט — צוגעגעבן ווערן, אַז אין איר האָבן שוין דאַן געפונען אויסדרוק אַלע אידייאישע צעטיילונגען, וועלכע זיינען שפּעטער נאָך שאַרפער געוואָרן, סיי אויפן רעליגיעזן, סיי אויפן וועלטלעכן געביט. דאָרט איז אָבער די השפּעה פון די „יאַהודים״ געווען נישט אַזוי שטאַרק ווי אין ניו־יאָרק. אידן, אָפּשטאַמענדיקע פון מזרח־איראָפּע האָבן דאָרט שוין פאַרנומען אַ קענטיק אָרט אין אַלע אַקטיוויטעטן פון דער דאָזיקער עדה. אויפן רעליגיעזן געביט האָט מען שוין דאָרט געקענט מערקן דעם אָנהויב פון אַ נייער אַנטוויקלונג: מזרח־איראָפּעאישע אידן האָבן זיך אָנגעהויבן ציען אין די רעפאָרם־טעמפּלען, אַ דערשיינונג וואָס אין ניו־יאָרק איז עס דאַן נישט מעגלעך געווען. אַן ענלעכע לאַגע האָב איך

דאָן אויך געזען אין קליװלאַנד. איך װײס נישט, צי עמעצער האָט שוין דאָן געטראַכט װעגן די ענדערונגען װאָס אָט־די דערשײנונג איז עלול צו ברענגען אין רעפֿאָרם־אידנטום. איצט זע איך אָט־די דערשײנונג װי גאָר אַ פּאָזיטיװע. זי האָט געבראַכט דאָס רעפֿאָרם־אידנטום פֿיל נעענטער צו טיפֿע אידישע מקורות. דאַן האָב איך אָבער װעגן דעם גאָר אַנדערש געטראַכט. פֿאַר מיר, װאָס די פֿרומקייט פֿון דער יוגנט האָט נאָך טיף געלעבט אין מײן נשמה, כאָטש נישט אין מײן אויפֿפֿיר, איז דאָס דאַן געװען אַ נעגאַטיװע דערשײנונג. איך האָב אין דעם געזען אַ פּראָצעס פֿון אויסשפּאַנען זיך פֿון דער דיסציפּלין, װאָס אָרטאָדאָקסישע אידישקייט — דאַן פֿאַר מיר די אײנציק־ריכטיקע רעליגיעזע אידישקייט — האָט געפֿאָדערט.

## ג.

אין דעטראָיט איז אויך געװען אַ גאָר אַקטיװע גרופּע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, אָנגעפֿירט פֿון דעם העברעאישן לערער יוסף חגי. זי האָט אָבער קײן צו־טיפֿע השפּעה אין דעם אַלגעמײנעם לעבן פֿון דער דעטראָיטער אידישער קהילה נישט אויסגעאיבט. די דעטראָיטער אידישע קהילה איז שוין דאַן געװען געבענטשט מיט אַנשטאַלטן, װאָס זײנען מערסטנס פֿינאַנסירט גע־װאָרן דורך דײטשע „יאַהודים". ערשט אין שפּעטערדיקע יאָרן איז די פֿירערשאַפֿט פֿון דער דעטראָיטער אידישער קהילה איבערגענומען געװאָרן פֿון אָפּשטאַמיקע פֿון מזרח־אײראָפּע. דאַן האָבן דעם גרעסטן אײנפֿלוס אויס־געאיבט די פֿאַרשידענע ציוניסטישע גרופּירונגען. דװקא דעמאָלט איז אין דעטראָיט צוגעקומען אַ גרופּע פֿון געװעזענע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, װעלכע האָבן געפֿירט אַקטיװיטעטן בעיקר אויפֿן געביט פֿון אידישער שפּראַך און קולטור. זײ האָבן אויך אויפֿגעהאַלטן אַ אידישע שול, אַרום װעלכער עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַ גרופּע זײער אידעאַליסטישע יונגעלײט. דער בולט׳סטער צװישן זײ איז געװען דער חבר יוסף קאַמיי — אַ זון פֿון דעם ראש־ישיבה הגאון ר׳ אליהו ברוך קאַמיי פֿון דער באַרימטער ישיבה אין דער שטאָט „מיר" (אידן פֿלעגן זי רופֿן: „דער מיר"). ער איז זיכער גע־װען אײנער פֿון די מאָדערנע לאַמעד־װאָװניקעס. װען איך האָב צום ערשטן מאָל באַזוכט דעטראָיט, איז שוין דאָרט געװען זײן ברודער יעקב קאַמיי. אין טאָראָנטאָ האָב איך אין מײן ערשטן באַזוך באַגעגנט זײן עלטסטן ברודער זלמן קאַמיי. אויך אין די אַנדערע ברידער — אַלע דרײ זײנען געװען און פֿאַרבליבן אויך נאָך דער פֿאַראײניקונג סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן — האָט מען געשפּירט די ירושה פֿון זײער גרױסן טאַטן. אָבער אין יוסף קאַמיי

מער ווי אין די אַנדערע צוויי. ער איז אָן ספק געווען איינער פון די אידעאַליסטישסטע פערזענלעכקייטן וואָס איך האָב געטראָפן אין מיין לעבן.

די מערסטע דעטראָיטער סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן האָבן זיך יאָ אומגעקערט צו די פועלי־ציון. אייניקע קינדער פון דעטראָיטער ס. ט. קען מען טרעפן אין מדינת ישראל. דער זון פון חבר יוסף חגי איז אַ מיטגליד פון דעם השומר־הצעיר קיבוץ „עין השופט“. קינדער פון אַנדערע דעטראָיטער חברים געפינען זיך אין קיבוצים און אויך אין די שטעט פון מדינת ישראל. יענע ס. ט., וועלכע זיינען צוריק אַריבער צו די פועלי־ציון, האָבן שפּעטער אָנגעפירט זייערע געבענטשטע אַקטיוויטעטן אין דעטראָיט, אָדער אין לאָס־אַנדזשעלעס, וואוהין אַ סך האָבן עמיגרירט.

מיין וויכטיקסטע באַגעגעניש אין דעטראָיט איז אָבער געווען מיטן אָנפירער פון די פועלי־ציון, חבר גרשון אָוורונין, דער שפּעטערדיקער פּרעזידענט פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. ער איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע אָנפירער פון דעם אידישן לעגיאָן פאַר ארץ־ישראל, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן באַלד נאָכדעם, ווי די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אַריינגעטראָטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אונזער חברישע נאָענטקייט איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען ער איז געוואָרן מיין שוואָגער, דורך מיין חתונה מיט זיין שוועסטער נינאַ אָוורונין. די דאָזיקע וואַרעמע חברשאַפט האָט זיך געצויגן ביז זיין פּטירה. ליידער איז ער אַוועק פון דער וועלט זייער פרי. זיין זון, וויקטאָר אָוורונין, לעבט שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר, פריער אין ארץ־ישראל, דערנאָך אין מדינת־ישראל.

די אידישע קהילה פון דעטראָיט איז בכלל זייער ברייט אויסגעוואַקסן און זייער טיף פאַרוואָרצלט, סיי אין רעליגיעזער, סיי אין וועלטלעכער אידישקייט. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס האָט אין זיך אַריינגענומען אַ גרויסן טייל פון די טעריטאָריאַליסטן און האָט צוגעקראָגן אַ סך נייע כוחות, האָט אויסגעאיבט, און איבט נאָך אויך איצט אויס, אַ זייער שטאַרקע השפּעה. אין 1907 האָב איך דאָרט אויך באַגעגנט די פאַמיליע פון חבר יעקב לאַזאַראָף — דער פאָטער פון דער באַקאַנטער זינגערין עמאַ לאַזאַראָף־שייוער — וועלכע האָט זיך זייער צעצווייגט און זיינען אַקטיוו סיי אין דעטראָיט, סיי אין סט. לואיס, סיי אין לאָס־אַנדזשעלעס. צו זייער משפחה איז שפּעטער צוגעקומען דער חבר משה ל. שייוער, וועגן וועמענס אַקטיוויטעטן סיי אין די אויבנדערמאָנטע אַלע דריי שטעט ובעיקר אין ארץ־ישראל און אין מדינת־ישראל, וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן אין די קומענדיקע קאַפּיטלען.

## ד.

אין קאַנאַדע האָב איך במשך פון יענע נסיעות באַזוכט דריי שטעט: מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ און וויניפּעג. די מאָנטרעאָלער סאָצ. טעריטאָריאַליסטן האָבן פאַרמאָגט אַ באַדייטנדיקע צאָל עסקנים פון אַ הויכער מדרגה. אייניקע פון זיי זיינען נאָך עד היום זייער אַקטיוו, ווי דער חבר ל. צוקער אין מאָנטרעאָל גופא; די חברים מרים און לייזער מעלצער, איצט אין לאָס־אַנדזשעלעס און נאָך אַ צאָל אַקטיווע חברים. די מאָנטרעאָלער סאָצ. טעריטאָריאַליסטן האָבן זיך כמעט אַלע צוריקגעקערט צו די פּועלי־ציון נאָך דער פאַראייניקונג־קאָנווענשאָן פון האַרבסט 1909. פון דאַן אָן, במשך פון איבער 50 יאָר, האָט די ס. ט.־גרופּע, צוזאַמען מיט די אָריגינעלע פּועלי־ציון — און מיט די אַביסל־שפּעטער צוגעקומענע חברים, ווי משה דיקשטיין, עליו השלום, און שלמה וויסמאַן זאָל מאריך ימים זיין — צוגעטראָגן גאָר אַ גרויסן חלק צום גייסטיק־אידישן תוכן פון דער מאָנטרעאָלער אידישער קהילה. אַרויסגעהאָלפן האָט זיי דער חבר ד״ר יהודה קויפמאַן (ער לעבט איצט אין ירושלים אונטערן נאָמען ד״ר יהודה אבן שמואל, איז דער מחבר פון ספרים וועגן רמב״ם און ר׳ יהודה הלוי, ועוד ידו נטויה), וועלכער האָט אַ פּאָר יאָר געוואוינט אין מאָנטרעאָל. זייער הויפּט־השפעה האָבן זיי צוגעטראָגן אויפן שטח פון אידישער דערציאונג, וואו זיי האָבן דורכגעפירט ממש פּיאָנערן־אַרבעט און דערגרייכט גאָר באַדייטנדיקע רעזולטאַטן.

שוין ביים ערשטן באַזוך געדענק איך אַ וויכוח ביי די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן וועגן דער פראַגע פון אידישער דערציאונג, וואָס האָט אין מאָנטרעאָל געטראָגן אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. אין דער פּראָווינץ קוויבעק זיינען געווען צוויי, מצד דער רעגירונג־אַנערקענטע, דערציאונגס־קערפּערשאַפטן: אַ קאַטוילישע און אַ פּראָטעסטאַנטישע. די רעליגיעזע צעטיילונג איז כמעט צוזאַמענגעפאַלן מיט דער צעטיילונג צווישן פראַנצויזן און ענגלענדער. די אידן האָבן מערסטנס געשיקט זייערע קינדער אין די פּראָטעסטאַנטישע שולן. איז פאַר די צוויי שול־סיסטעמען אויפגעקומען אַ וויכטיקע בודזשעט־פראַגע: זייערע בודזשעטן זיינען געדעקט געוואָרן לויט דער צאָל קינדער וואָס האָבן באַזוכט זייערע שולן. אַזוי ווי די אידישע קינדער האָבן באַזוכט די פּראָטעסטאַנטישע שולן איז זייער בודזשעט פאַרגרעסערט געוואָרן. די פירער פון קאַטוילישן שול־וועזן זיינען דערפון נישט געווען זייער צופרידן. מן־הסתם האָבן ביידע שול־סיסטעמען אויך געהאַפט צו קענען דערנענטערן אידישע קינדער יעדע צו איר רעליגיעזן נוסח. סיווי האָט עס פאַרשאַפט גרויס זאָרג די אידישע פירער, ווייל איינרייסן זיך מיט די קאַטאָליקן האָבן

זיי אויך נישט געוואָלט. איז דאָרטן דיסקוטירט געוואָרן אַ פאָרשלאָג וועגן באַמיען זיך צו באַקומען אַן ענלעכן סטאַטוס פאַר אַ באַזונדערן אידישן שול־וועזן. די דאָזיקע פראַגע האָט אין אַ יאָר אַרום אויפגעשטורעמט דאָס מאָנט־רעאָלער אידנטום. עס זיינען געווען שאַרפע חילוקי־דעות צווישן דעם פאָלקס־עלעמענט, וואו די פּועלי־ציון און סאָצ.־טעריטאָריאַליסטן האָבן געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע, פון איין זייט, און די מער־איינגעזעסענע אידישע בירגער פון קאַנאַדע, פון דער צווייטער זייט. די ערשטע האָבן געוואָלט ברענגען די פראַגע צום בריטישן „פריווי־קאָונסיל״ — די קערפּערשאַפט וואָס האָט געדאַרפט ענדגילטיק באַשטימען וועגן אַזאַ פאָרשלאָג — און די לעצטע זיינען געווען קעגן דעם. דער וויכוח איז דאַן אַוודאי געווען זייער אַ וויכטיקער. צו קיין אָנערקענטן ספּעציעל־אידישן שול־וועזן איז עס נישט געקומען — אָבער צום עצם ענין פון אידישער דערציאונג האָט עס אַרויסגערופן גאָר פיל אינטערעס. דאָס איז זיכער געווען איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געפירט צו דעם, אַז פון אַלע אידישע שולן — בעיקר פון דער שול־נעץ וואָס אונזער באַוועגונג האָט אויפגעשטעלט — זיינען די מאָנטרע־אָלער שולן געווען די דערפאָלגרייכסטע. דעם אָנהויב פון אָט־דער דערשיינונג האָט מען שוין געקענט שפּירן אַזוי פרי ווי אין 1907.

אין מאָנטרעאָל איז מיר באַשערט געווען צו האַלטן דעם ערשטן עפנטלעכן הספד אויף אַ פאַרשטאָרבענעם חבר. ליידער האָב איך געהאַט אויף זיך אָט־די פליכט במשך די 58 יאָר פון מיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט צו־אַפּט. אָבער אין 1907 האָב איך צום ערשטן מאָל מספּיד געווען אַ חבר. דער פאַרשטאָר־בענער איז געווען דער פילאַדעלפיער חבר יחזקאל עדעלשטיין, וועלכער איז יונגערהייט דערטרונקען געוואָרן. דעם הספד האָבן איינגעאָרדנט די פּועלי־ציון צוזאַמען מיט די סאָצ.־טריטאָריאַליסטן. די לעצטע האָבן מיך באַשטימט ווי זייער רעדנער.

אין מאָנטרעאָל האָב איך זיך דאַן געטראָפן מיט דעם סאַמע ערשטן חלוץ וואָס איז אַרויסגעקומען דירעקט פון אונזער באַוועגונג (די פריערדיקע חלוצים פון אַמעריקע, די וואָס זיינען געקומען פון האיכר הצעיר, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען דער חבר אליעזר יפה, דער גרינדער פון נהלל, זיינען געווען נאָענט צו אונז, אָבער האָבן נישט דירעקט געהערט צו אונזער באַוועגונג) — דער חבר יעקב פּרושאַנסקי. ער איז איצט באַקאַנט אין מדינת ישראל אונטערן נאָמען יעקב אחוה. דעם גייעם נאָמען האָט ער גענומען פון דער געזעלשאַפט „אחוה״, אין וועלכער ער איז געווען דער טעטיקסטער חבר. די דאָזיקע געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן אונטער דער השפעה פון

ד״ר נחמן סירקין. זי האָט צוגעטראָגן אַ גאַר וויכטיקן ביישטייער צו די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע אַנטוויקלונגען פון די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל. איר וויכטיקסטער ביישטייער איז — וויניקסטנס אין מיינע אויגן — טאַקע דער חבר יעקב פּרוזשאַנסקי. זיינע אַקטיוויטעטן אין פּתח־תקווה, אין דער גרינדונג פון „גבעת השלושה״ און אין דעם נייעם קיבוץ „עינת״, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך דער שפּאַלטונג אין קיבוץ המאוחד, זיינען געוועזן פון אַזאַ מדרגה, אַז די חברים פון נייעם קיבוץ „עינת״ האָבן אַנגע־רופן איינע פון זייערע וויכטיקע קולטור־אַנשטאַלטן אויף זיין נאָמען. מיט אים איז פאַרבונדן געוואָרן אַ טיפע לעבנס־פריינטשאַפט און חברשאַפט, וואָס האַלט אָן עד היום הזה.

אין טאָראָנטאָ איז דאַן געווען אַ גרופּע סאָצ.־טעריטאָריאַליסטן, וואָס אייניקע פון זיי האָבן אָפּגעשטאַמט פון לאָנדאָן און זיינען שוין דאָרט געווען מיטגלידער פון גרופּירונגען וואָס ד״ר סירקין האָט געגרינדעט אין די יאָרן צווישן 1901—4. זיי זיינען געווען טעאָרעטיש זייער גוט באַהאַוונט און זיינען דעריבער געווען אַנגעזעזן אין דער אידישער קהילה, וואָס האָט דאַן דורכ־געמאַכט אירע פאָרמאַטיווע יאָרן. דאָרט האָב איך זיך באַגעגנט מיט דעם באַקאַנטן ציוניסטישן און געזעלשאַפטלעכן עסקן סעם קראַניק, אַ מענטש פון גאַר גרויסע פאַרדינסטן פאַרן ציוניזם בכלל און פאַר קאַנאַדער אידנטום בפרט. די אידישע קהילה אין אַלגעמיין האָט נאָך דאַן נישט פאַרמאָגט קיין אייגענעם פּרצוף, וואָס זי האָט שפּעטער באַקומען, ווי די גייסטיקע פירערין פון דעם אידנטום אין דער גרויסער אָנטאַריאָ־פּראָווינץ פון קאַנאַדע. אָבער פאַרזייטע קערנער האָט מען שוין דאַן געקענט דערשפּירן. זי איז געווען פיל נעענטער צו אַ מזרח־אייראָפּעאישער אידישער קהילה, ווי אַלע אַנדערע וואָס איך האָב באַגעגנט, מיט דעם אויסנאַם פון וויניפּעג, וועמענס קהילה איז געווען נאָך מער מזרח־אייראָפּעאיש ווי אַפילו טאָראָנטאָ.

אין דעם זין איז די וויניפּעגער אידישע קהילה פאַר מיר געווען אפשר די אינטערעסאַנטסטע פון די אַלע, וועלכע איך האָב ביז דאַן באַזוכט. איך האָב אין מיינע ערשטע פאַרטיי־יאָרן באַגעגנט ווייניק חברים וואָס זיינען געקומען פון אוקראַינע. בלויז די משפּחות סוויטינסקי און ליטוואַקאָוו אין פילאַדעלפיע. איידער איך בין געקומען קיין אַמעריקע האָב איך אוודאי נישט געקענט דעם טיפּ פון אוקראַינער אידן. איך האָב אויפגעכאַפּט עטלעכע אַזעלכע טיפּן אין דער אידישער ליטעראַטור. אָבער צו־קלאָר זיינען זיי פאַר מיר נישט געווען, ווי די געשילדערטע טיפּן פון ליטווישע און ווייס־רוסישע אידן. דאָ בין איך געקומען אין אַ שטאָט, וואו די אידישע באַפעלקערונג

איז אין גרעסטן טייל געקומען פון אוקראַינע. אויך די נישט־אידישע באַ־פעלקערונג איז מערסטנס געווען אַן אוקראַינישע. איז כמעט ווי אַריבער־געטראָגן געוואָרן אַן אוקראַיניש־אידיש שטעטל אויפן קאַנאַדישן באָדן.

אויך די מערסטע וויניפעגער סאָצ.־טעריטאָריאַליסטן זיינען געווען אוק־ראַינישע אידן. אין די צוויי משפחות, מיט וועלכע איך האָב זיך אָנגעפרענדט פאַר׳חבר׳ט, איז בלויז איינער געווען אַ באַברויסקער. זיין נאָמען איז געווען יחיאל נעלסאָן. ער איז געווען אַ נאָענטער קרוב פון אונזער בערל קאַצנ־נעלסאָן. זיין פרוי דבורה און איר שוועסטער בתיה האָבן אָבער געשטאַמט פון אַן אוקראַיניש־אידישער משפחה. אַלע דריי האָבן געהערט צו די סאָציאַ־ליסטן־טעריטאָריאַליסטן.

דער פירער פון די ס. ט. איז דאַן געווען דער חבר אַלטער טשערניאַק און אים האָט זייער פיל אַרויסגעהאָלפן זיין פרוי פאַניע. אָט־די צוויי משפחות האָבן אין דער גרופּע געבראַכט די וויכע, אָפענע האַרציקייט פון די אוקראַי־נער אידן, וואָס איז פיל אָנגענעמער ווי די ליטווישע האַרטקייט און אָפט אין־זיך־פאַרשלאָסנקייט. זייענדיק אַליין אַ ליטוואַק — איז מיר די דאָזיקע וואַרעמקייט, פונדעסטוועגן, געווען זייער צום האַרצן.

אין אָט־דער קהילה זיינען דעמאָלט אַרומגעגאַנגען זייער אָרעמע אידן, וואָס זיינען שפּעטער שטאַרק רייך געוואָרן. צווישן זיי די איצט־באַרימטע בראָנפמאַן־משפחה. איינער פון זיי — סעם בראָנפמאַן — פאַרנעמט איצט די וויכטיקסטע פּאָזיציעס, סיי אין קאַנאַדער, סיי אין וועלט־אידנטום. אויך די אַנדערע מיטגלידער פון דער בראָנפמאַן־משפחה פאַרנעמען גאָר באַדייטנ־דיקע פּאָזיציעס אין קאַנאַדער אידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיט זיי האָב איך מיך נעענטער באַקענט אין די שפּעטערדיקע יאָרן. פון מיין דעמאָלטיקן ערשטן באַזוך אין וויניפעג איז מיר פאַרבליבן אַ שטענדיקע פריינטשאַפט מיט די צוויי דערמאָנטע משפחות: טשערניאַק און נעלסאָן. די ווייטערדיקע אידיש־געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונגען פון אָט־די ביידע משפחות זיינען נישט געגאַנגען אויף דעם זעלביקן וועג.

די משפחה נעלסאָן האָט נישט זוכה געווען צו אַזאַ השפּעה אין דער וויניפּעגער אידישער קהילה ווי די משפחה טשערניאַק. יחיאל נעלסאָן איז ליידער נפטר געוואָרן אין זיינע מיטעלע יאָרן. בעת ער האָט געלעבט, האָט ער באַוויזן זיך צו באַטייליקן אין פאַרשידענע פּלענער פאַר ארץ־ישראל. ער איז געווען אַ דיפּלאָמירטער מעכאַניקער. אויף אָט־דעם שטח האָט ער גע־זוכט ביישטייערן זיין טייל צום אויפבוי פון לאַנד. דער טויט האָט אָבער

פאַרענדיקט אַלע זיינע פּלענער. זיין משפחה איז פאַר׳יתומ׳ט געוואָרן און האָט זיך אַרויסגעצויגן פון וויניפּעג.

די טשערניאַק־משפחה ווירקט נאָך אין דער וויניפּעגער אידישער קהילה ביזן היינטיקן טאָג. זיין השפעה איז געווען און געבליבן גאָר אַ באַדייטנדיקע. ער האָט זי בעיקר אויסגענוצט אויפן שטח פון אידישער דערציאונג. טאַקע אַ דאַנק אים און נאָך אייניקע געוועזענע סאָצ.־טעריטאָריאַליסטן איז דאָרט אויפגעהאַלטן געוואָרן איינע פון די גרעסטע דערציאונגס־שולן וואָס אונזער באַוועגונג האָט אַרויסגעבראַכט. דער תוכן פון דער דאָזיקער דערציאונג איז געווען זייער פיל אין גייסט פון חבר אַלטער טשערניאַק. און אין וואָס איז באַשטאַנען זיין ספּעציעלער גייסט?

ער איז פאַרבליבן אַ טעריטאָריאַליסט, אָבער בעיקר אַ אידישיסט. אַ פיל־טרעפלעכערע כאַראַקטעריסטיק פאַר אים וואָלט געווען, אַז ער איז פאַר־בליבן אַ זשיטלאָווסקיאַנער. אַלטער טשערניאַק איז געגאַנגען אין די אידיי־אישע פוס־טריט פון ד״ר זשיטלאָווסקי, ביז דער לעצטער האָט אָנגעהויבן אוועקבלאָנדזשען אויף סטאַליניסטישע וועגן. צו דער פּערזענלעכקייט זשיט־לאָווסקי, וועגן וועלכער איך האָב גערעדט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, וועל איך מיך נאָך ווידער אומקערן. דאָ איז נאָר וויכטיק צו באַצייכענען, אַז זיין תלמיד, אַלטער טשערניאַק, האָט זיין אידישיזם אויפגעהאַלטן עד־היום. ער האָט זיינע פעאיקייטן — וועלכע ער פאַרמאָגט אין גאָר אַ באַדייטנדיקער מאָס — דעריבער געווידמעט דער אידישער קולטור. זיין מיטאַרבעט אויף אָט־דעם שטח שפּרייט זיך אויך אויס מחוץ וויניפּעג. אין די וויכטיקסטע אידיש־אַנשטאַלטן אין אַמעריקע איז ער טעטיק עד היום הזה.

אין מיין טעריטאָריאַליסטישן גלגול זיינען אונזערע קעגנזייטיקע באַצי־אונגען געווען זייער טיף חברישע. זיי זיינען היפּש אָפּגעקילט געוואָרן ווען איך בין אַרויס „לתרבות רעה״ און זיך אומגעקערט צו די פועלי־ציון. עס דאַרף אָבער באַצייכנט ווערן, אַז די סאָצ.־טעריטאָריאַליסטישע גרופּע בכלל און די טשערניאַק־משפחה בפרט האָבן שטאַרק באַאיינפלוסט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער וויניפּעגער אידישער קהילה. זי איז אויך היינט פאַר־בליבן זאַפטיק־אידיש. קיין איינפלוס פון דייטשע יאַהודים איז אין אָט־דער קהילה כמעט ווי נישט געווען.

# אידישע פּראָבלעמען אין יענער צייט

א.

דאָבנדיק פאַרענדיקט די צוויי פונקטן — וועגן דעם אונטערשיד צווישן די אידן אין ניו־יאָרק און אין דער פּראָווינץ און וועגן מיינע באַגעגענישן אין די יאָרן 8־1907 — קען איך זיך אומקערן צו דעם צווייטן סאָרט פּראָבלעמען, וואָס איך האָב אָנגעצייכנט אין אָנהויב פונעם קאַפּיטל וועגן די יאָרן 8־1907. דאָס ערשטע איז דאָס „פּעדלער״־פּראָבלעם, ווי מיר האָבן אים דאָן אויפגעפאַסט. אין וואָס איז באַשטאַנען דאָס דאָזיקע פּראָבלעם?

מיר זיינען דאָן געווען דורכגעדרונגען מיט דער איבערצייגונג, אַז דאָס וואָס אידן באַשעפטיקן זיך אַזוי פאַרהעלטנישמעסיק ווייניק מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט שטעלט אין געפאַר די אידיש־ווירטשאַפטלעכע צוקונפט און דערצו פאַרשאַרפט עס דעם אַנטיסעמיטיזם אין דעם נייעם לאַנד. מיר האָבן דעריבער געהאַלטן פאַר אונזער חוב צו אַגיטירן, אַז אידן זאָלן זיך וואָס ווייניקער באַשעפטיקן מיט פּעדלעריי. דאָס האָבן מיר באַטראַכט ווי איינע פון אונזערע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן אין גלות.

אָט־די איינשטעלונג האָט אייגנטלעך נישט געהאַט קיין דירעקטע פאַרבינדונג נישט מיטן ציוניזם, נישט מיטן טעריטאָריאַליזם. די געזעלשאַפט „אָרט״, וועלכע מען האָט דאָן זיכער נישט געקענט באַשולדיקן אין ציוניסטישע סימפּאַטיעס, האָט אָנגעהויבן פּריידיקן אָט־די געדאַנקען עטלעכע יאָר פאַר דעם ערשטן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס. עס איז אָבער ריכטיק, אַז סיי דער ציוניזם, סיי דער טעריטאָריאַליזם — בעיקר זייערע סאָציאַליסטישע צווייגן — האָבן די אידייע פון פּראָדוקטיוויזאַציע אַריינגענומען אין זייער פּראָפּאַגאַנדע. דעריבער האָבן זיי זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו דער פאַרשפּרייטונג פון פּעדלעריי אין אידישן לעבן.

איך האָב שוין געשריבן פריער וועגן דער טעאָריע פון דע־פּראָלעטאַריזאַציע, וואָס די מאַרקסיסטיש־איינגעשטעלטע טיילן, סיי פון די פּועלי־ציון, סיי פון די ס. ט., האָבן כמעט דערהויבן צום הויפּט־יסוד פון דער

באַגרינדונג פון זייערע אידייען. אין דעם איז ממילא געווען איינגעשלאָסן דער געדאַנק פון פּראָדוקטיוויזאַציע. די עקסטרעמע אַנהענגער פון דע־פּראָלעטאַריזאַציע האָבן דעם געדאַנק פון פּראָדוקטיוויזירן אונזערע מאַסן נאַטירלעך אַוועקגעשטעלט אינעם צענטער פון זייערע אויפגאַבן. אָבער אַפילו די נישט־מאַרקסיסטן צווישן אונז האָבן דעם ענין פון פּראָדוקטיוויזאַציע באַהאַנדלט זייער ערנסט. מיר האָבן אַלע אַנגענומען, אַז איינע פון די רעוואָ־לוציעס וואָס דער אידישער שטאַט דאַרף אַריינברענגען אין אידישן לעבן איז אויסצוגלייכן אונזער עקאָנאָמישע קרומקייט, וואָס דאָס האָט געמיינט ביידע זאַכן: סיי פאַרגרעסערן דעם פּראָצענט פון אַרבעטער צווישן אידן, סיי אַריינברענגען דעם אידישן אַרבעטער אין אַלע טיילן פון דער אינדוסטריע, און נישט בלויז ביי אירע ברעגן. די צוגרייטונג פון דעם מענטשן־מאַטעריאַל פאַר דער קומענדיקער טעריטאָריע, אָדער פאַר ארץ־ישראל, האָט דעריבער דיקטירט דאָס אַריבערפירן וואָס מער אידישע לופט־מענטשן צו אַרבעט. אויך אונזער אויפגאַבע אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן מיר אַזוי פאַרשטאַ־נען. דעריבער איז אונזער באַציאונג צו פּעדלעריי נישט געווען קיין פּאָזיטיווע. די נעגאַטיווע באַציאונג איז נישט געווען צום מענטש וואָס איז אַ פּעדלער. צו אים האָבן מיר דווקא געהאַט אַ באַציאונג פון סימפּאַטיע, וואָס האָט זיך אָפּטמאָל געמישט מיט רחמנות. איך מיין, אַז דער פּאָעט י. י. שוואַרץ האָט אויסגעדריקט אונזער אַלעמענס באַציאונג צום פּעדלער אין זיין גרויסער עפּישער פּאָעמע „קענטאַקי״. אָבער צו דער דערשיינונג פון צופיל פּעדלעריי האָבן מיר זיך זיכער באַצויגן נעגאַטיוו. ס'האָט זיך אונז זייער שטאַרק געוואָלט אַז דער פּעדלער זאָל אַריבער צו אַרבעט. עס האָט אונז אָבער נישט גע־האָלפן. ער איז געגאַנגען זיין וועג.

ב.

איידער איך גיי איבער אָנצוצייכענען דעם דאָזיקן וועג, וואָס האָט געהאַט אי פּאָזיטיווע, אי נעגאַטיווע מאָמענטן, דאַרף איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם עצם געדאַנק פון פּראָדוקטיוויזאַציע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיינען אויפגעשטאַנען שאַרפע קריטיקער פונעם שטרעבן צו פּראָדוקטיווי־זאַציע. זיי האָבן אין דעם געזען אַן אומבאַגרינדעטן אידישן זעלבסט־האַס. זייער טענה איז געווען, אַז האַנדל איז אַ באַשעפטיקונג, וואָס פאַרדינט נישט מען זאָל זי פאַרמיאוסן אין אונזערע אויגן; אַז דער פאַרזוך צו דערגרייכן אַ העכערן שטאַפּל אין עקאָנאָמישן לעבן דאַרף נישט באַטראַכט ווערן ווי

עפּעס אַן אומעטישע סאָציאַלע דערשיינונג; אַז אַפילו דער פּאַרזוך זיך צו באַפרייען פון פיזישער אַרבעט דאַרף אויך נישט פאַרדאַמט ווערן אַזוי שאַרף.

שטעל איך פאַר אַן עדות די פילע הונדערטער חברות און חברים וואָס האָבן נישט איינמאָל מיך געהערט ריידן וועגן אָט־דער טעמע, אַז איך בין געגאַנגען פיל ווייטער אין פאַרטיידיקן דעם אַזוי־אויסגעלאַכטן פאַרמיטלער אין עקאָנאָמישן לעבן, ווי די שפּעטערדיקע קעגנער פונעם געדאַנק פון פּראָדוקטיוויזאַציע. מיין אַרגומענט איז געווען, אַז אויך אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט עמעצער מוזן אויספילן די פונקציע פון פאַרמיטלעריי. כדי די פאַרשידענע פּראָדוקטן פון די פאַרשידענע לענדער זאָלן קענען צוגעשטעלט ווערן צו די געברויכער פון אַלע לענדער, מוז אַריינטרעטן פאַרמיטלעריי. איך האָב דערביי נאָר צוגעגעבן, אַז אויך די פאַרמיטלעריי וועט נישט איבער־געלאָזט ווערן צו דער איצטיקער אינדיווידואַליסטישער אַנאַרכישער סיסטעם; אין איר וועט אויך אַריינגעבראַכט ווערן מער סאָציאַלער קאָנטראָל. פונדעסט־וועגן בלייבט נאָך אַלץ ריכטיק די פּראָ־פּראָדוקטיוויזאַציע־איינשטעלונג, סיי פון יענער צייט, סיי אויך פון היינטיקן טאָג.

די דאָזיקע איינשטעלונג איז נישט קעגן האַנדל אָדער פאַרמיטלעריי בכלל. די איינשטעלונג איז, ווי אויבן פאָרמולירט, פאַר אַ געזונטערער צעטיילונג פון אידישע פּרנסות: אַז דער פּראָצענט אידן וואָס לעבן פון לופט־פּרנסות זאָל אַלץ קלענער ווערן און דער פּראָצענט וואָס לעבט פון פּראָדוקטיווער אַרבעט זאָל גרעסער ווערן. און נאָר באַוועגט פון אָט־דעם אינטערעס איז געקומען אונזער באַציאונג צו פּעדלעריי. וואָס אייניקע פון אונז האָבן אין דעם געזען די ריכטיקייט פון זייער טעאָריע, וועגן דעפּראָלעטאַריזאַציע פון אידן אין גלות.

דער וועג אויף וועלכן דער אידישער פּעדלער איז געגאַנגען האָט זיך צעטיילט אויף צוויי: די מערסטע פּעדלער האָבן אָנגעהויבן מיט זייער פּעד־לעריי אַ ווירטשאַפטלעכן באַרג־אַרויף. פון אַרומטראָגן זיינע „סחורות" אין אַ קערבל אין די גאַסן האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט צו אַ „פּושקאַרט" (סטראָ־גאַן), דערנאָך צו אַן אייגענעם קרעמל, שפּעטער צו אַ גרעסערער קראָם. אין אויסנאַמס־פאַלן האָט ער אויך דערגרייכט צו אַ „דעפּאַרטאַמענט־סטאָר". די וואָס זיינען געגאַנגען אויף דעם וועג האָבן זיך אַליין אויפגעהויבן אויפן עקאָ־נאָמישן לייטער און האָבן אויך צוגעטראָגן פּאָזיטיוועביישטייערן צום אַמע־ריקאַנער אידנטום. זיי האָבן געהאָלפן אויפהאַלטן אונזערע אַלע נויטיקע פילאַנטראָפּישע, קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

די קלענערע צאָל איז געגאַנגען אַן אַנדער וועג. סימנים פון אָט־דעם

וועג האָט מען שוין דאַן, אין די יאָרן 8—1907, געקענט מערקן כמעט אין אַלע שטעט און שטעטלעך. דאָס איז געווען דער אַזוי־גערופענער „קאַסטו־מער־פּעדלער". ער האָט פאַרקויפט צו זיינע קונים כמעט אַלץ אין וואָס דער מענטש נויטיקט זיך: קליידער, מעבל, מאַשינען און אַנדערע הצטרכותן. ער האָט עס פאַרקויפט אויף אַן „אינסטאַלמענט"־פּלאַן. דער קונה האָט געצאָלט וועכנטלעכע אָפּצאָלונגען, און די עקספּלואַטאַציע פון דעם קונה איז געווען אומגעהויער גרויס. די רווחים האָבן געמוזט זיין זייער הויכע, כדי צו דעקן היזקות, ווען די קונים האָבן אויפגעהערט צאָלן און מען האָט פון זיי אויך געריכטלעך נישט געקענט אויפמאָנען. ווייל די קונים זיינען געווען פון אָרעמסטן און צוריקגעשטאָנענסטן עלעמענט. די מערסטע האָבן געפּעדלט צווישן די נעגערישע משפחות. פונדעסטוועגן האָבן די „קאַסטומער־פּעדלער" אַלץ פאַרדינט גרויסע פּראָצענטן אויף זייערע אינוועסטירטע קאַפּיטאַלן. די מערסטע פון זיי זיינען געבליבן ביי אָט־דער פּרנסה. זיי האָט די נויט נישט געשטויסן צו הויבן זיך אויף אַ העכערן עקאָנאָמישן שטאַפּל. זיינען זיי גע־בליבן ביי זייערע פּרנסות — און זיי האָבן צום גרויסן אומגליק דערמיט קיין סך פּאָזיטיוועס נישט צוגעטראָגן.

אויך דער ערשטער טיפּ פּעדלער האָט אַרויסגערופן צו זיך אַ ווידער־ווילן מצד די נישט־אידן. אָבער דאָס איז שוין געשען אין יענע סטאַדיעס, ווען דער פּעדלער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ העכערער עקאָנאָמישער מדרגה, ווי עס האָבן זיך געפונען זיינע נישט־אידישע קונים. דער פּעדלער איז אין זייערע אויגן פאַרבליבן דער „גרינער", דער אַקאָרשט־געקומענער פון יענער זייט ים. געבראַכט האָט ער פון דאָרטן גאָרנישט. פּלוצים האָט מען אים געזען אויף אַ העכערן עקאָנאָמישן שטאַפּל, ווי זיך אַליין. איז דערפון קיין ליבשאַפט נישט אַרויסגעקומען. אָבער פיל שעדלעכער איז געווען דער אַנטי־אידישער געפיל, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין די הערצער פון די נישט־אידישע קונים פון די „קאַסטומער־פּעדלער". מען האָט אים אָנגע־הויבן באַטראַכטן ווי אַן עקספּלואַטאַטאָר, וואָס דאָס איז ליידער נישט געווען ווייט פון אמת. יענע פון אונז, וואָס האָבן דעם אָנהויב פון אָט־דעם טיפּ פּעדלער באַגעגנט שוין אין די ערשטע יאָרן פון אונזער אַרבעט, האָבן דערי־בער באַשלאָסן: דער קאַמף קעגן אָט־דער דערשיינונג דאַרף זיין איינע פון אונזערע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן אין גלות־אַמעריקע. לויט אונזערע כוחות — האָבן מיר דעם קאַמף געפירט. דערביי מוז איך מודה זיין, אַז אַזעלכע טיפּן פּעדלער זיינען אויך געווען מיטגלידער אין אונזערע פּאַרטייען, סיי ביי די ס. ט., און נאָך מער ביי די פּועלי־ציון. מיר האָבן ליידער נישט געפונען

אין זיך דעם כוח צו באַפרייען זיך פון אָט־די עלעמענטן. צו זייער קרעדיט דאַרף אָבער פאַרצייכנט ווערן, אַז אַ צאָל פון זיי זיינען געווען איבערגעגעבן אונזערע אידייען ממש בלב ונפש. וויאַזוי זיי האָבן עס געבראַכט צו אַ האַר־מאָניע אין זייערע אייגענע נשמות, ווייס איך נאָך היינט אויך נישט.

ג.

עס איז כלל נישט נויטיק מאריך צו זיין וועגן פּראָבלעם פון אידי־שער דערציאונג, ווי מיר האָבן עס שאַרף דערשפירט אין יענער צייט, ווייל דאָס פעלד איז געווען שרעקלעך פאַרוואָרלאָזט. עס האָבן, אמת, שוין דאַן עקזיסטירט אַ צאָל תלמוד־תורה׳ס אין פאַרשידענע שטעט. זייער חינוך־אינהאַלט איז געווען אַ פאַרשידענער. מיר האָבן אויבן גערעדט וועגן דער תלמוד־תורה אין מינעאַפּאָליס, וועלכע איז געפירט געוואָרן דורך ד״ר גאָרדאָן. די דאָזיקע תלמוד־תורה האָט, ווי געזאָגט, אין איר חינוך־פּראָגראַם בעיקר געהאַט העברעאיש, אידישע געשיכטע און אידישע טראַדיציע. דאָס וואָס זי האָט איינגעשלאָסן אידישע טראַדיציע איז, פאַר מיר וויניקסטנס, נישט געווען קיין חסרון, נאָר דווקא אַ מעלה. ווען איך האָב זיך, אין שפּעטערדיקע יאָרן, באַקענט מיט „תרבות־שולן״ אין מזרח־איראָפּע האָב איך אויסגעפונען, אַז זייער באַציאונג צו אידישער טראַדיציע איז נישט געווען אַזוי ווייט פּאָזיטיוו ווי ד״ר גאָרדאָנ׳ס — ווייל זיי, אין מזרח־איראָפּע, האָבן שאַרפער געפילט די לאַסט פון דער שולחן־ערוך־רעליגיע, ווי די אידן אין אַמעריקע. די „תרבות״־פירער האָבן געהאַפט צו באַפרייען זייערע תלמידים פון אָט־דער משא. דאַ־קעגן ד״ר גאָרדאָן האָט געזען אין דער אידישער טראַדיציע אַ גרויסע דאַמבע קעגן אַסימילאַציע; האָט ער געוואָלט, אַז זיינע תלמידים זאָלן עס פאַרמאָגן אין זייערע נשמות. איך האָב מסכים געווען מיט ד״ר גאָרדאָן. געווען אויך אַנדערע סאָרטן תלמוד־תורה׳ס, וואו דער עיקר פון חינוך איז געווען — אידישע טראַדיציע. אידישע געשיכטע און העברעאיש ווי אַ שפּראַך איז אין זיי וויניק געלערנט געוואָרן. אָבער אַפילו אין זיי האָט דאָס אידישע קינד באַקומען אַ דיסציפּלינירטע דערציאונג, מיט אַ אידישקייט־פּראָגראַם, וואָס האָט דאָך עפּעס איבערגעלאָזט אין דער נשמה פון קינד. דער הויפּט־קרעדיט פאַר אָט־די דערציאונגס־אַנשטאַלטן דאַרף פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום, וואָס איז געווען דער ערשטער אַנצוהויבן זאָרגן פאַר אידישער דערציאונג. ליידער איז זיי נישט געלונגען צו באַוועגן גאָר אַ גרויסן טייל פון די אימיגראַנטן־עלטערן צו שיקן זייערע קינדער אין די תלמוד־תורה׳ס.

איך האָב אויבן אָנגעוויזן די סיבות פאַרוואָס די גרויסע צאָל אידישע אימיגראַנטן האָבן אַזוי שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט דאָס דאָזיקע געביט. מיר שיינט, אַז צו נאָך־ערגערע רעזולטאַטן האָט געפירט אַ מין סאָרט „חינוך", וואָס אַ סך אימיגראַנטן האָבן מיט אים באַזאָרגט זייערע קינדער. דאָס איז געווען דער „רבי" מיטן טייטל, וואָס איז געקומען „לערנען" מיט די קינדער אין די הייזער. דער דאָזיקער „רבי" איז מערסטנס געווען אַזאַ שלימזל, וואָס האָט פריער אויסגעפּרובירט דעם „שאַפּ" און ער האָט נישט געטויגט. דערנאָך האָט ער אויסגעפּרובירט דעם „פּושקאַרט" און ער האָט דערצו אויך נישט געטויגט. איז ער געוואָרן אַ „מחנך" פון אידישע קינדער. סיי זיין „וויסן", סיי — בעיקר — זיין אויסזען האָבן נאָר אַרויסגערופן אין די קינדער אַ ווידערווילן צו אים, צו זיין „לערעריי" און צו די עלטערן, וואָס צווינגען אויף זיי אַרויף אַזאַ בריאה. מיר מוזן נאָך האָבן אין זינען דעם פאַרגלייך וואָס די יונגע קינדערלעך האָבן אין זייערע קעפּלעך געמוזט מאַכן: צווישן אָט־דער בריאה, וואָס גיט זיי „היברו־לעסאָנס" און דעם עלעגאַנטן לערער, וואָס זיי האָבן געהאַט אין פּאַבליק־סקול. ס'איז קלאָר אַז פיל וויניקער באַפלעקט, אין זייער באַציאונג צו אידישקייט, זיינען געבליבן יענע אידישע קינדער, וואָס האָבן בכלל קיין אידישע דערציאונג נישט באַקומען.

סיי די פּועלי־ציון, סיי די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן האָבן דעריבער, שוין אין זייערע ערשטע יאָרן אייגעזען, אַז זיי זיינען מחויב צו פּרובירן אַריינטראָגן ענדערונגען אויפן חינוך־געביט. אַ סך חברים האָבן גענומען ערנסט טראַכטן וועגן דעם. מיר האָבן געזוכט צו דערגרייכן עטלעכע צילן: ערשטנס: פּטור ווערן פון דעם טיפּ „רבי" מיטן טייטל; צווייטנס: אַ פאַרזוך אַריינצוברענגען שינויים אין די עקזיסטירנדיקע חינוך־אַנשטאַלטן. די שינויים האָבן זיך געדאַרפט אויסדריקן אין לערנען מער און מעטאָדישער אידישע געשיכטע, לערנען די אידישע שפּראַך און לערנען העברעאיש ווי אַ שפּראַך און זיך נישט צופרידן־שטעלן מיט אויסלערנען די קינדער „זאָגן" ברכות, אָדער אַפילו קענען זאָגן גאַנצע תפילות. ביי אייניקע פון אונז איז אַפילו צייטיק געוואָרן דער געדאַנק וועגן גאָר אַ ראַדיקאַלן ציל: גרינדן אייגענע חינוך־שולן. צווישן די לעצטע איז שוין אַפילו אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער וויכוח וועגן דער שפּראַכן־פראַגע — אידיש־העברעאיש — אין אונזערע קומענדיקע שולן.

די דאָזיקע וויכוחים האָבן מיר געפירט צווישן זיך. אין מיינע אייגענע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען האָב איך נישט געוואָגט צו באַרירן אָט־דעם פּונקט, ווייל די פּאַרטיי האָט נאָך וועגן דעם קיין קלאָרע שטעלונג נישט

פאַרמולירט. איך האָב אָבער זייער אָפט געדאַרפט ענטפערן אויף פראַגן וועגן אידישער דערציאונג, וואָס זיינען מיר געשטעלט געוואָרן אין די דעבאַטן. צווישן זיך האָבן מיר אָבער זייער ערנסט דיסקוטירט. אונזער שטימע איז דאַן אויף דעם שטח נאָך וויניק געהערט געוואָרן.

די פראַגע איז דיסקוטירט געוואָרן אין די וואָכנבלעטער פוןביידע פאַרטייען: „דאָס פאָלק" פון די ס. ט. און דער „אידישער קעמפער" פון די פועלי־ציון, וואָס ביידע האָבן אָנגעהויבן דערשיינען אין פרילינג פון 1906. אין „אידישער קעמפער" זיינען וועגן דעם פאַרעפנטלעכט געוואָרן פיל אָפ־טערע און פיל אויספירלעכערע אַרטיקלען. אָבער אויך זיי זיינען געבליבן כמעט אויסשליסלעך אין די רייען פון די אָרגאַניזירטע מיטגלידער. קיין מאַסן־לייענער האָבן ביידע וואָכנבלעטער נישט פאַרמאָגט. און די אייגענע חברים האָבן דאָך קיין אייגענע קינדער נאָך נישט געהאַט. די פראַגע איז פאַר זיי געווען מער אַ טעאָרעטישע. הינטער איר איז נאָך נישט געשטאַנען דער דרוק פון דאַרפן דערציען אייגענע קינדער. אָבער מיר האָבן געוואוסט, אַז די פראַגע מוז באַקומען אַ פּאָסיקן ענטפער.

## ד.

צו הילף זיינען אונז דאַן געקומען צוויי חברים: יואל ענטין און ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, בעיקר דער ערשטער. חבר ענטין האָט אין דער „וואָר־הייט", אין וועלכער ער האָט דאַן מיטגעאַרבעט, אָנגעהויבן אַ גאַנצע סעריע אַרטיקלען וועגן אידישער דערציאונג. ער איז נאָך דאַן קיין מיטגליד פון די פועלי־ציון נישט געווען. אָבער סיי די פועלי־ציון, סיי מיר פון די ס. ט. האָבן אין זיינע אַרטיקלען דערשפּירט דאָס, וואָס לעבט אין אונזערע תשו־קות. אין די יאָרן 1909־10, ווען די פועלי־ציון זיינען צוגעטראָטן פּראַקטיש צו דער גרינדונג פון חינוך־שולן, איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ נאָענטע, בשותפות'דיקע אַרבעט צווישן אונז (איך בין שוין צוריק געווען ביי די פועלי־ציון) און דעם חבר ענטין. טאַקע אַדאַנק אָט דער שותפות האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין די פועלי־ציון. זיינע אַרטיקלען האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן מיט אַ פּאָר יאָר פריער. איך געדענק, אַז בעת מיינע רייזעס פון די יאָרן 1907־8, האָב איך זייער אָפט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אונזערע חברים צו זיינע אַרטיקלען. פונקט אַזוי האָב איך כסדר אָנגעוויזן און אונטער־געשטיצט די פּראָפּאַגאַנדע וואָס ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט דאַן אָנגעפירט פאַר אידישער דערציאונג אונטער דער לאָזונג: „דאָס אידישע קינד פאַרן אידישן פאָלק".

די פועלי־ציון זיינען געווען רירעוודיקערער פאַר אונז, כאָטש די וויכו־חים צווישן זיי וועגן דעם תוכן פון חינוך זיינען געווען שאַרפערע. אפשר האָבן דווקא אָט־די שאַרפע וויכוחים אַרויסגערופן די שטאַרקערע רירעוודיקייט. די מערסטע פועלי־ציון זיינען געווען פאַר אַן אויסשליסלעך־העברעאישע דערציאונג. געווען אָבער צווישן זיי אַזעלכע, וועלכע האָבן געפאָדערט, אַז אויך אידיש זאָל פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט אין אונזער דערציאונגס־אַרבעט. די גרויסע מאַיאָריטעט פון ס. ט. זיינען געווען שאַרפע אידישיסטן. ד״ר נחמן סירקין, וועלכער איז אָנהויב 1908 געקומען קיין אַמעריקע, האָט אַפילו געזוכט אָפצושוואַכן זייער עקסטרעמען אידישיזם, אָבער עס האָט אים נישט פיל געהאָלפן. אַפילו די שטעלונג פון דער גרופּע — ואני בתוכם — אַז ביידע שפּראַכן דאַרפן זיין גלייכבאַרעכטיקט אין דער דערציאונג, האָט אויך נישט שטאַרק משפיע געווען. די דאָזיקע פראַגע איז ערשט פאַרענטפערט געוואָרן אויף דער פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן פון די פועלי־ציון, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין הערבסט פון 1909. דאָרט איז אָנגענומען געוואָרן די נייע פאַראייניקטע פּראָגראַם, וועלכע האָט די פראַגע פון אידישער דער־ציאונג געשטעלט אין צענטער פון אונזערע נאַציאָנאַלע אַרבעטן אין גלות און האָט פאָרמולירט אַ פשרה־פּראָגראַם אין דער שפּראַכן־פראַגע. פאַר מיר פּערזענלעך איז עס נישט געווען קיין „פשרה". איך האָב עס געהאַלטן ווי פונדאַמענטאַל, אַז ביידע שפּראַכן זאָלן געלערנט ווערן. אָבער עקסטרעמע העברעאיסטן צווישן די פועלי־ציון און עקסטרעמע אידישיסטן צווישן די ס. ט. זיינען געבליבן אומצופרידן. איך בין זיכער, אַז דער עקסטרעמער אידישיזם האָט פיל מער אָפּגעהאַלטן ס. ט.־חברים פון צוריקגיין צו די פועלי־ציון, ווי זייערע אַנטי־פּאַלעסטינישע איינשטעלונגען. אַלע ס. ט. וואָס זיינען צוריקגעקומען האָבן אָנגענומען די נייע פּלאַטפאָרם און דאָס האָט געעפנט דעם וועג פאַר איינער פון די געבענטשטע איניציאַטיוועס וואָס די פועלי־ציון האָבן אונטערגענומען אינעם אַרבעטער־ און פאָלקס־סעקטאָר פון אַמעריקאַנער אידנטום — די אויפשטעלונג פון אייגענע קינדער־שולן. אין שפּעטערע יאָרן זיינען צוגעקומען די אַנדערע שול־גרופּן, ווי פון שלום־עליכם אינסטיטוט און נאָך שפּעטער פון אַרבעטער־רינג. די פּיאָנערן־אַרבעט אויף דעם געביט געהערט זיכער צו די פועלי־ציון. די פאַרבליבענע — נישט־פאַראייניקטע — סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן האָבן אין איניקע שטעט אויפגעשטעלט אייגענע שולן. אין אייניקע קהילות — ווי וויניפּעג, טאָראָנטאָ און דעטראָיט — האָבן זיי געהאַט גאָר גוטע שולן. אָבער זייער ראָלע ווי אַ באַזונדערע פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן צו ווערן וואָס ווייטער אַלץ

שוואַכער. פיל פון די ס. ט.־מיטגלידער זיינען אַנטוישט געוואָרן, טאַקע אַזוי־ווי דער פּאָעט יהואש האָט פאָראויסגעזאָגט, און האָבן בכלל פאַרלאָזט די אידיש־געזעלשאַפטלעכע עסקנות.

עס איז נישט מיין אויפגאַבע צו געבן דאָ אַ געשיכטלעכע אָפּשאַצונג וועגן דער ראָלע פון אונזערע שולן אויפן גאַנצן שטח פון אידישער דער־ציאונג אין אַמעריקע. קיינער קען אָבער נישט אָפּפרעגן, אַז אין דעם ספּעציעלן סעקטאָר, וואו אונזערע השפּעות האָבן זיך דאַן אויסגעווירקט, האָט עס אַרויס־גערופן פּאָטענצן, וואָס די אַנדערע, שוין דאַן עקזיסטירנדיקע חינוך־ריכטונגען, וואָלטן זיי קיינמאָל נישט אַרויסברענגען מן הכוח אל הפועל.

איך מעג זיך נעמען דעם קרעדיט פון האָבן געהאָלפן צוגרייטן דאָס פעלד פאַר דער שפּעטערדיקער אַרבעט, וואָס איז אויפן דערציאונגס־געביט געפירט געוואָרן כמעט אין אַלע גרעסערע אידישע קהילות אין די פאַראיי־ניקטע שטאַטן.

ה.

האָט מען אין די יאָרן 1907־8 שוין געקענט באַמערקן שפּורן פון דעם שפּעטערדיקן געראַנגל צווישן עלטערן און קינדער נוסח אַמעריקע? — דער ענטפער איז אַ פּאָזיטיווער. עס דאַרף נאָר פאָרמולירט ווערן בתכלית הקיצור דער תוכן פון אָט־דעם געראַנגל.

די איינשטעלונג וואָס זאָגט, אַז דער געראַנגל איז געווען צווישן עלטערן וואָס פאַרמאָגן אידעאַלן און קינדער וואָס פאַרמאָגן נישט קיין אידעאַלן, נעם איך נישט אָן. איך וויל פאַרצייכענען בלויז אייניקע פון די פאַקטן וואָס פרעגן אָפּ אָט־די איינשטעלונג.

איך דאַרף זיך נישט פאָרשטעלן ווי אַ שאַרפער אַנטי־קאָמוניסט. דאָס איז קלאָר פון אַלץ וואָס איך האָב ביז איצט דערציילט. מיינע חברים ווייסן עס זייער גוט. אין דעם פּונקט בין איך זיך שטאַרק פונאַנדערגעגאַנגען מיט מיין וויכטיקסטן רבין ד״ר נחמן סירקין, וועלכער האָט ביים אויסברוך פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד געהאַט פאַר איר גרויס סימפּאַטיע. נישט איינמאָל האָב איך מיט אים זייער שאַרף דיסקוטירט אָט־די פראַגע. איך האָב בשום אופן נישט געקענט איינזען, וויאַזוי מען קען דערפירן — דורך די מיטלען וואָס זיי האָבן דאַן אָנגענומען — צו אַן אמתער פרייער, דעמאָקראַטישער רוסלאַנד. איך האָב קיינמאָל נישט געקענט איינ־זען וויאַזוי עס איז מעגלעך דורך אַזעלכע מיטלען צו דערפירן צו אַ פרייער, סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. חבר סירקינ׳ס אַרגומענט, אַז דאָס איז אַן

איבערגאַנגס־תקופה, האָט מיך נישט איבערצייגט. סיווי: איך בין געווען און געבליבן אַ קעגנער פון קאָמוניזם נוסח רוסלאַנד עד היום הזה.

אָבער דאָס טאָר מיך נישט בלינד מאַכן צום היסטאָרישן פאַקט, אַז אין דער אַמעריקאַנער־געבוירענער אידישער יוגנט האָט דווקא דער קאָמוניזם נוסח רוסלאַנד געפונען אַ סך אָנהענגער. זיי זיינען ממש געווען גרייט אויף קידוש־השם פאַר אָט־דעם אידעאַל. איז צי איך נעם אָן דעם „שם" וואָס זיי זיינען גרייט מקדש צו זיין — איז לגמרי נישט וויכטיק. וויכטיק איז, וואָס אַ מענטש איז גרייט פאַר קידוש־השם, פאַר יענעם „שם" אין וועלכן ער גלויבט. און טויזנטער יונגע אַמעריקאַנער אידן האָבן עס באַוויזן. גענוג אָנצואווייזן אויף דער גרויסער צאָל פון אַזעלכע אידישע יונגע מענטשן, וועלכע האָבן זיך מאָביליזירט פאַר דעם קאַמף אין שפּאַניען. דאָס איז איינער פון די פאַקטן וואָס פרעגט אָפּ די איינשטעלונג, אַז די אַמעריקאַנער־געבוירענע יונגע אידן האָבן נישט קיין אידעאַלן. פאַרוואָס אַזויפיל פון זיי האָבן נישט אָנגענומען אונזערע אידעאַלן, דאַרף מען די סיבות זוכן — אוודאי אין אָביעקטיוונע באַדינגונגען אויך, וואָס איז נישט מיין אויפגאַבע אויף זיי אָנצואווייזן — אָבער, בעיקר אין אונז אַליין, אויב מיר האָבן אָט־דעם גרויסן אידעאַליסטישן עלעמענט נישט געקענט דערנענטערן צו אונזערע אידעאַלן.

דער צווייטער פאַקט, וואָס פרעגט אָפּ אָט־די איינשטעלונג איז טאַקע דער, אַז יענע פון דער דאָ־געבוירענער אידישער יוגנט, וועלכע מיר האָבן יאָ באַוויזן צוצוציען צו אונזערע אידעאַלן — און אויך זיי ציילן זיך אין אַ סך הונדערטער — האָבן מערסטנס אויסגעקליבן פאַר זיך די שווערסטע פּאָזיציעס פון הגשמה עצמית. איר געפינט זיי אין קיבוצים און מושבים אין מדינת־ישראל.

דער דריטער פאַקט איז די געבענטשטע אַקטיוויטעט פון ליובאַוויטשער רבין, וועגן וועלכער איך האָב אָפּט גערעדט און געשריבן. ער האָט געפונען פאַר זיינע טיפע חב"ד'ישע אידעאַלן טויזנטער אָפענע הערצער צווישן אַמע־ריקאַנער־געבוירענער אידישער יוגנט.

מען קען די דאָזיקע רשימה ציען און ציען. דער ליובאַוויטשער רבי איז נישט דער איינציקער אויפן רעליגיעזן געביט; מיר זיינען נישט די איינציקע אויפן נאַציאָנאַל־ציוניסטישן געביט; עס זיינען דאָ אַנדערע אידע־אַליסטישע גרופּירונגען וואָס האָבן אויך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אַמעריקאַ־נער־געבוירענער אידישער יוגנט. איך מיין אָבער, אַז דורך די דריי געבראַכטע פאַקטן ווערט פעסטגעשטעלט, אַז דער גערעאַנגל צווישן אידישע עלטערן און קינדער אין צפון־אַמעריקע איז נישט געווען צווישן אידעאַליסטן און

אַזעלכע וואָס ווילן נישט און זוכן נישט קיין שום אידעאַל. במשך פון מיין לעצטער רייזע איבער צפון־אַמעריקע — אינעם ווינטער פון 1960־1 — האָב איך געפונען, אַז דער פּראָצענט פון דער אידיש־אַמעריקאַנער יוגנט וואָס זוכט אַפילו היינט אידעאַלן איז נישט קלענער, ווי דער פּראָצענט וואָס האָט געזוכט אידעאַלן אין מזרח־אייראָפּע. נאַטירלעך דאַרף מען פון דעם פאַר־גלייך אויסשליסן יענע, וועלכע דער צויבער פון דער רוסישער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג קעגן צאַריזם האָט אַזוי שטאַרק פאַרכאַפּט.

אין וואָס איז אָבער יאָ באַשטאַנען דער גערעאַנגל? — אין דער געענדער־טער פּסיכיק פון דעם ערשטן דור אַמעריקאַנער־געבוירענע אידן. איך זאָג „פון דעם ערשטן דור", ווייל צווישן די ווייטערדיקע דורות ווערט אָט־דער פּסיכישער גערעאַנגל באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט, טאַקע צוליב דעם כאַראַקטער פון אָט־דער פּסיכישער דערשיינונג. דער ערשטער דור אַמעריקאַנער־געבוי־רענע האָט זיך געפילט פּסיכיש — מילד אויסגעדריקט — נישט רואיק דורכדעם וואָס ער איז אַ קינד פון אַן אימיגראַנט. מן־הסתם איז דאָס ריכטיק אויך מיט דעם ערשטן דור אַמעריקאַנער־געבוירענע ביי אַנדערע עטנישע אימיגראַנטן־גרופּן. אָבער איך קען די דאָזיקע דערשיינונג, ווי זי אַנטפּלעקט זיך צווישן דער אידישער יוגנט. און אָט־די דערשיינונג האָב איך שוין אַרויסגעשפּירט אין די יאָרן 8־1907, סיי אין ניו־יאָרק, סיי אויף דער פּראָווינץ.

איך בין ווייט פון קענען מאַכן פּסיכישע אַנאַליזן. איך קען זיכער נישט אָנווייזן אויף די קאָמפּלעקסן, וואָס זיינען דורך דעם פאַקט געבוירן געוואָרן אין די נשמות פון דעם ערשטן דור אַמעריקאַנער־געבוירענע. איך ווייס אָבער זיכער, אַז דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין גרינגשעצונג צו די עלטערן. אָפטמאָל האָט עס דערגרייכט צו אַ מדרגה פון ווידערווילן קעגן זיי. דאָס האָב איך אָמבולטסטן געזען דווקא אין די יאָרן 8־1907.

די מאַסן־אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּעאישע אידן איז דאַן שוין אַלט געווען אַרום 25 יאָר. עס האָט זיך שוין דאַן אָנגעהויבן באַווייזן דער ערשטער נייער דור פון אַמעריקאַנער־געבוירענע. איך האָב זיי אין ניו־יאָרק געזען אין מיין אייגענער פאַרצווייגטער משפחה פון פּעטערס, מומעס און זייערע דערוואַקסענע קינדער. איך האָב בפועל ממש דערפילט דעם תהום צווישן זיי. אין דער פּראָווינץ איז דער תהום נאָך בולטער געוואָרן. אין ניו־יאָרק האָבן די אַמעריקאַנער־געבוירענע יונגע אידן געלעבט כמעט לחלוטין צווישן אידן. אין דער פּראָווינץ האָבן זיי געהאַט אַ ברייטערע און בעסערע מעגלעכ־קייט זיך צו באַגעגענען מיט נישט־אידן פון זייער עלטער. זיינען זיי נאָך ווייטער פּסיכיש אַוועקגעצויגן געוואָרן פון זייערע אימיגראַנטן־עלטערן.

אינעם צווייטן דור, וואָס איז געבוירן אין אַמעריקע, ווערט אַט־דער תהום נאַטירלעך טיילווייז פאַרשאַטן. דער אונטערשיד צווישן זיי און זייערע עלטערן איז שוין פּסיכיש פיל קלענער. אינעם דריטן דור פאַרשווינדט דער תהום כמעט אינגאַנצן. אָבער די פּסיכישע אויסווירקונגען פון דעם ערשטן דור אַמעריקאַנער־געבוירענע זיינען נישט פאַרבליבן לגמרי אָן אַ רושם אויף די ווייטערדיקע דורות. דאָס געהערט שוין אָבער צו אַ שטודיום וואָס פאָדערט אַ ספּעציעלע צייט, כדי פעסצושטעלן ווי טיף דער דאָזיקער רושם איז געגאַנגען און וועלכע השפּעות — אויב אַזעלכע זיינען געווען — זיי האָבן איבערגעלאָזט אויפן מאָדערנעם יונגן צפון־אַמעריקאַנער אידנטום.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף אַט־דעם פּונקט ערשטנס דערפאַר, ווייל דאָס גיט צו אַ נויטיקן שטריך צו דער פיזיאָנאָמיע פון צפון־אַמעריקאַנער אידנטום אין אָנהויב פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט; צווייטנס, דערפאַר, ווייל יענע פון אונז, וועלכע האָבן דאַן באַמערקט דעם וואַקסנדיקן תהום צווישן עלטערן און קינדער, זיינען געווען איבערגעצייגט, אַז אונזערע באַוועגונגען האָבן די אויפגאַבע צו העלפן ביים פאַרשיטן לגמרי אַט־דעם תהום נוסח אַמעריקע.

ו.

אויך די פראַגע פון פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג פון די אידישע אַרבעטער נויטיקט זיך נישט אין ברייטע שילדערונגען. שוין דאָס וואָס ס'איז אויבן דערציילט געוואָרן וועגן דער פּלאָג פון שוויץ־שאָפּ איז גענוג בולט צו מאַכן ווי נויטיק עס איז געווען — דורך פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג פון די אימיגראַנטן־אַרבעטער — אַ סוף צו מאַכן צו אַט־דער מיאוסער דערשיינונג. און אונזערע סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען האָבן אַוודאי גע־פאָדערט פון אונז אַקטיוויטעטן אויף אַט־דעם געביט. איך קען אָבער נישט באַהויפּטן, אַז אויף אַט־דעם שטח האָט אונזער באַוועגונג פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט. אין אייניקע פאַלן — ווי אין דעם אויבן־געבראַכטן פאַל פון „טוטלמאַן בראָדערס און פייגין" אין פילאַדעלפיע — האָבן מיר זיך באַטייליקט אינעם שטרייק ווי אַן אָרגאַניזירטע באַוועגונג. אַזעלכע פאַלן זיינען אָבער געווען זייער ווייניק. אויף דעם עצם שווערן און אַזוי־וויכטיקן פּראָצעס פון אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעל די גרויסע מאַסן פון אידישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען אַריבער צו אַרבעט, האָט אונזער באַוועגונג דאַן קיין השפּעה נישט אויסגעאיבט. דאָ איז די השפּעה געקומען פון די אָרגאַניזירטע סאָציאַ־ליסטן, אָרגאַניזירטע אַנאַרכיסטן און די „עם־עולמ'ניקעס". זיי האָבן אָנגע־פירט מיט דער גאַנצער אַרבעט. און באַטראַכטנדיק אונז ווי זייערע פּאָלי־

טישע קעגנער, האָט אונזערס אַ חבר זעלטן געהאַט די מעגלעכקייט אַרויפֿצושטייגן אויף אַ מדרגה פֿון פֿירערשאַפֿט אין אַט־דער גרויסער אַרבעט, וואָס האָט געמוזט געפֿירט ווערן אין דער ביז דאַן צעשטויבטער אידישער אימיגראַנטן־מאַסע.

עס מוז, למען האמת, פֿאַרצייכנט ווערן, אַז פֿון אונזער זייט איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין צו־גרויסער פֿאַרזוך צו פֿאַרנעמען דאָרט פּאָזיציעס. מיר האָבן אונזער אימפּעט אויסגעלעבט און אַריינגעגעבן אונזער ענערגיע אין קאַמף פֿאַרן ציוניזם און פֿאַר אַנדערע נאַציאָנאַלע צילן. אויף דעם געביט, האָבן מיר געפֿילט, זיינען מיר די איינציקע. אויב מיר וועלן עס נישט טאָן, וועט עס קיינער נישט טאָן. אין די יאָרן נאָך דער דורכגעפֿאַלענער רוסישער רעוואָלוציע פֿון 1905, ווען פֿון מזרח־אייראָפּע, בעיקר פֿון רוסלאַנד, האָבן אָנגעהויבן קומען באַדייטנדיקע צאָלן פֿון אידישע סאָציאַליסטן, סיי אָנהענגער אָבער, בעיקר, קעגנער פֿון ציוניזם, האָבן די לעצטע אַריבערגעטראָגן זייערע אידייאישע אַקטיוויטעטן אויפֿן שטח פֿון טרייד־יוניאָניזם. קיין שום אַנדערע אַרבעטס־שטחים האָבן זיי כמעט ווי נישט געפֿונען. זיי האָבן, אמת, אָרגאַניזירט סאָציאַליסטישע גרופּירונגען. אָבער זייער בעסטע ענערגיע האָבן זיי געווידמעט דער רעאַלער און זייער נויטיקער טרייד־יוניאָן־אַרבעט. זיי זיינען אויך אויפֿגענומען געוואָרן מיט אָפֿענע אָרעמס, ווי פּאָליטישע חברים, מצד יענע פֿירער — סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן — וועלכע האָבן שוין איבער אַ צענדליק יאָר זיך אָפּגעגעבן מיט דער טרייד־יוניאָן־אַרבעט. אָבער אונזערע חברים־סאָציאַליסטן, סיי ציוניסטן, סיי טעריטאָריאַליסטן, האָט מען מיט אַזעלכע אָפֿענע אָרעמס נישט באַגעגנט. און זעענדיק ווי פֿאַרוואָרלאָזט עס זיינען די שטחים פֿון ציוניזם — אָדער טעריטאָריאַליזם — און ווי ווייניק עס ווערט בכלל געזאָרגט פֿאַר נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג צווישן אָט־די מאַסן, האָבן זיך אונזערע ניי־אָנגעקומענע חברים געווידמעט צו אָט־די אַרבעטן.

אין די שפּעטערדיקע עטאַפּן האָבן פּועלי־ציון־חברים יאָ דערגרייכט באַדייטנדיקע פֿירער־פּאָזיציעס אין דער אידישער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג. אייניקע פֿון זיי האָבן זייער השפּעה אויך אויסגעאיבט אין דער אַלגעמיין־אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג. דער בולטסטערביישפּיל איז דער גאָר גוט באַקאַנטער אַלעקס ראָז. געווען מיט אים אין זיין מילינערי־יוניאָן אויך דער חבר י. ה. גאָלדבערג. אין דער „אינטערנעשאָנאַל" האָט זיך דערהויבן צו אַ פֿירער־פּאָזיציע אונזער חבר מישאַ פֿאַלעקמאַן. (איך רעכן דאָ בלויז אַזעלכע פֿירער, וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירטע מיטגלידער פֿון די

פועלי־ציון. צו יענער גאַר גרויסער צאָל אידישע אַרבעטער־פירער, וועלכע האָבן זיך פאַרבונדן מיטן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, וועל איך קומען אין די וויטערדיקע קאַפּיטלען). אין די יאָרן וועגן וועלכע איך שרייב איצט, האָבן מיר זיך געמוהט באַגנוגענען מיטן אָננעמען פּאָזיטיווע טעאָרעטישע שטע־לונגען, אַז אַלע אונזערע חברים מוזן אַליין געהערן צו זייערע באַטרעפנדיקע יוניאָנס און זיינען מחויב צו העלפן בויען סיי זייערע, סיי אויך אַנדערע יוניאָנס. אייניקע יחידים אונזערע זיינען געוואָרן זייער טעטיק אין זייערע יוניאָנס. אַ גוטער ביישפּיל איז געווען איינער פון אונזערע בעסטע און ליבסטע חברים — וועלוול שוואַרץ, וועלכער איז דאַן געווען זייער אַקטיוו אין דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן. (ער איז געשטאָרבן אין זיינע מיטעלע יאָרן. צוליב ליבשאַפט האָבן אים אַלע גערופן ביים ערשטן נאָמען: וועלוול. איך וועל נאָך האָבן וואָס צו דערציילן וועגן אים). עס זיינען געווען אַזעלכע יחידים אויך אין אַנדערע פאַכן און נאָכמער אין דער פּראָווינץ. אָבער די באַוועגונג, ווי אַ באַוועגונג, האָט קיין ראָלע אין דער דעמאָלטיקער היסטאָ־ריש־וויכטיקער טרייד־יוניאָן־אַרבעט נישט געהאַט. מיר אַליין איז אויסגע־קומען צו ברענגען צו די קאָנווענשאָנס פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי פּלענער וועגן ספּעציעלע טרייד־יוניאָן־אַקטיוויטעטן. אָבער ווייניק פון זיי זיינען דורכגעפירט געוואָרן.

ז.

דווקא דער שאַרפסטער אַרבעטער־קאַמף איז דאַן פאַרגעקומען אויפן שטח פון טרייד־יוניאָניזם. אויפן פּאָליטישן געביט האָבן סיי דעליאָנ׳ס „סאָ־ציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי" (ס. ל. פּ.), סיי די פון אים אָפּגעשפּאָלטענע און פיל גרעסערע און ברייטערע „סאָציאַליסטישע פּאַרטיי" (ס. פּ.) נאָך נישט אויסגעאיבט קיין גרויסן כוח. אַפילו דער קאַמף צווישן אָט־די צוויי פּאַרטייען איז אויסגעפאָכטן געוואָרן מער אויפן טרייד־יוניאָן־געביט, ווי אויפן פּאָלי־טישן שטח. דעניעל דעליאָן האָט געזוכט אויפצובויען יוניאָנס אויף אַ פּאָליטישן — נאַטירלעך, סאָציאַליסטישן — יסוד. אַנטקעגן אים איז געשטאַ־נען דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט און גייסטיקער פירער פון דער פעדעראַציע פון טרייד־יוניאָנס, סעמועל גאָמפּערס. ער האָט פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער טרייד־יוניאָניזם מוז זיין פולשטענדיק אומפּאָליטיש. דאָס איז געווען די באַקאַנטע טעאָריע פון „פּיור ענד סימפּל טרייד־יוניאָניזם". די אידישע טרייד־יוניאָן־פירער האָבן געדאַרפט נעמען אַ שטעלונג אין אָט־דעם געראַנגל. די מערסטע פון זיי האָבן אַוודאי געוואָלט, אַז די סאָציאַליסטישע אידייע זאָל באַאיינפלוסן די טרייד־יוניאָנס. זיי זיינען אָבער געווען קעגן, אַז דע־

ליאַנ׳ס סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, ווי אַן אָרגאַניזאַציע, זאָל אויסאיבן דאָרט גרויס איינפלוס. זיי זיינען אויך געווען קעגן דעם, אַז די סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי, צו וועלכער די מערסטע פון זיי זיינען געווען אָנגעשלאָסן, זאָל, ווי אַ קערפּערשאַפט, זוכן צו קאָנטראָלירן די יוניאָנס. דעליאָנ׳ס טאַקטיק איז געווען אַ דיקטאַטאָרישע — און דעריבער זיינען ממעט אַלע אידישע פירער פון דער יונגיינקער אידישער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג געגאַנגען מיט סעמועל גאמפּערס, כאָטש אויך זיין עקסטרעמע איינשטעלונג איז זיי נישט געווען צום האַרצן.

אין פאַרלויף פון יענער צייט זיינען נאָך פאָרגעקומען פיל דראַמאַטישערע קאַמפן אויפן טרייד־יוניאָן־געביט, ווי דער געראַנגל צווישן דעליאָן און זיינע קעגנער. דער אַטענטאַט פון דעם אידישן אַנאַרכיסט אַלעקסאַנדער בערקמאַן אויף דעם פּיטסבורגער מיליאָנער פריק, איז אויך פאָרגעקומען, מיט אַ פּאָר יאָר פריער, אויפן טרייד־יוניאָן־געביט. דער אָפּקלאַנג פון אָט־דעם אַטענטאַט האָט געהאַלטן אין שפּאַנונג די אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט יאָרן נאָכאַנאַנד. אין די אידישע אַרבעטער־קרייזן איז דעמאָלט — טאַקע ווי אַ רעזולטאַט פון אָט־דעם אַטענטאַט — שאַרף דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע, ווי וויט — אויב בכלל — מעג מען זיך באַנוצן מיט טעראָר אין דעם קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס פאַר זיינע אינטערעסן. אָט־דער אַטענטאַט האָט נאָך פאַרשאַרפט דעם קאַמף צווישן די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, וואָס האָט זיך דאַן שוין געצויגן עטלעכע יאָר. סיווי, אָט־דער דראַמאַטיש־אויפ־געשטיגענער קלאַסן־קאַמף איז פאָרגעקומען אויפן טרייד־יוניאָן־שטח.

אַ פיל מער דראַמאַטישער קלאַסן־קאַמף־קאַפּיטל פון יענער צייט שטעלט מיט זיך פאָר די באַרימטע „היי־מאַרקעט״־פּרשה אין שיקאַגאָ, וועלכע איז אויך פאָרגעקומען אויפן שטח פון טרייד־יוניאָניזם. אויפן „היי־מאַרקעט״ איז פאָרגעקומען אַן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע. דאָרט איז אויסגעפּאַכטן געוואָרן ממש אַ מלחמה צווישן דער פּאָליציי און די דעמאָנסטראַנטן. באָמבעס זיינען געוואָרפן געוואָרן. עס זיינען געפאַלן קרבנות פוןביידע צדדים. די פּאָליציי האָט דאַן אַרעסטירט עטלעכע אַרבעטער־פירער מיט אַלבערט פּאַר־סאָנס בראש. זיי זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין וואַרפן די באָמבעס. זייער לאַנג־פאַרצויגענער משפט האָט ממש עלעקטריזירט די גאַנצע אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. אין די רייען פון יענע, וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע פון די קרייזן פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג קעגן צאַריזם, האָבן די צוויי דערמאָנטע פאַלן — אַלעקסאַנדער בערקמאַן און דער שיקאַגער „היי־מאַרקעט״ — אַרויסגערופן אַ געפיל, ווי זיי וואָלטן ממש געזען דאָ דעם

המשך פון זייער קאַמף אין דער אַלטער היים. די מערסטע דעמאָלטיקע חברים פון פועלי־ציון און ס. ט. האָבן געהערט צו אָט־דער קאַטעגאָריע. דער אינטערעס צו טרייד־יוניאָן־אַרבעט איז דעריבער נישט געווען קיין שוואַכער. אָבער צוליב די אויבן־געבראַכטע סיבות האָט זיך אונזער באַטייליקונג באַגרענעצט נאָר צו יחידים. אין שיקאַגאָ, וואו די „היי־מאַרקעט"־טראַגעדיע האָט זיך געשפּירט מער ווי אין אַנדערע שטעט, זיינען פּראָפעסיאָנעל מער חברים געווען אַקטיוו אין די טרייד־יוניאָנס. אויף דעם געביט זיינען די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן פון שיקאַגאָ געווען מער רירעוודיק ווי די פועלי־ציון. אָבער אויך פועלי־ציון־חברים אין שיקאַגאָ זיינען געווען גאַנץ אַקטיוו.

איך מיין אָבער, אַז דער גייסטיקער ביישטייער וואָס די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון ארץ־ישראל האָט, אין די שפּעטערדיקע יאָרן דורכן געווערקשאַפטן קאַמפּיין, צוגעטראָגן דער אידישער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע, איז געווען פון פיל טיפערער השפעה, ווי אַלץ וואָס מיר — אַפילו די פועלי־ציון — האָבן צוגעטראָגן דער אידישער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג אין אַלע יאָרן, איידער די הסתדרות אין ארץ־ישראל איז געגרינדעט געוואָרן. ווי געזאָגט, וועל איך קומען צו אָט־דער פרשה אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

# „קינסטלערישער" חוזק — און אַ מוסר־השכל

א.

עס זיינען געבליבן אומבאַהאַנדלט דריי פונקטן פון דער רשימה וואָס איך האָב אויסגערעכנט אויבן. איינעם פון זיי — וועגן געפינען אַ בשותּפותדיקן יסוד פאַר אידישקייט, וואָס אַלע גרופּירונגען זאָלן אים אָננעמען — וועל איך איבערלאָזן פאַר שפּעטערדיקער באַטראַכטונג, ווען איך וועל צוקומען צו די פאַרזוכן וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון ד״ר י. ל. מאַגנעס צו גרינדן אַ קהילה אין ניו־יאָרק. דער צווייטער פונקט — וועגן געמישטע חתונות — האָט מען זיי שוין געקענט באַמערקן דאָ און דאָרט אין דער פּראָווינץ, בעיקר צווישן אידן וואָס זיינען געקומען פון צענטראַל־אייראָפּע. דאָס פּראָבלעם צווישן די מזרח־אייראָפּעאישע אידן איז אויסגעוואַקסן אַביסל שפּעטער. וועלן מיר אויך אָט־דעם פּראָבלעם באַהאַנדלען אין די קומענדיקע קאַפּיטלען. עס בלייבט מיר נאָר איבער די דער־ציילונג פון דעם „דזשו־טייפּ" אינעם אַמעריקאַנער וואָדעוויל, צו וועלכן איך גיי באַלד איבער. אָבער פריער מוז איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן זיך אַליין.

סיי מיינע רייזעס אין די יאָרן 8־1907, סיי דער פאַקט וואָס אין יוני 1907 האָב איך איבערגעשפּאַנט מיין 20סטן געבוירנטאָג האָבן אַריינגעבראַכט גאָר שאַרפע ענדערונגען אין דעם גאַנג פון מיין מחשבה. דער ערשטער פאַקט האָט מיך געשטעלט פאַר דער לאַגע פון מוזן זיך מער פאַרלאָזן אויף דער אייגענער מחשבה. איך האָב כמעט צוויי יאָר נאָכאַנאַנד נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו פירן קאָלעקטיווע שמועסן מיט די חברים פון צענטער, צו וועלכע איך בין צוגעוואוינט געוואָרן. האָב איך געמוזט מער שטעלן אויף זיך אַליין. דערצו האָט אויך געשטויסן די נויטיקייט צו ענטפערן אויף הונדערטער פראַגן, וואָס זיינען מיר געשטעלט געוואָרן ביי די צענדלי־קער אויפטריטן, וואָס איך האָב געמוזט מאַכן במשך די רייזעס. און טראָץ דעם, וואָס איך האָב אָפט געמוזט צוגעבן אַז איך ווייס נישט קיין שום ענטפער אויף געשטעלטע פראַגן, האָט אָבער סיי דער אייגענער פּרעסטיזש, סיי דער

פּאַרטיי־פּרעסטיזש נישט דערלויבט צו געבן צו־אַפּט אַזעלכע ענטפערס. האָב איך געמוזט פּרובירן אָנווענדן אייגענע מחשבה, ווי ווייט איך בין צו איר געווען פּעאיק. דער פאַקט וואָס איך בין שוין אַלט געוואָרן 20 יאָר האָט מיך אויך געשטויסן צו אַ חשבון־הנפש וועגן מיין אייגענעם גייסטיקן באַגאַזש.

איך האָב זיך דאַן דערזען אין דער ראָלע פון דעם בגד פון י. ל. פּרץ'ס „משוגענער בטלן", ווען ער גייט אַרום און הויבט אָן טראַכטן „ווער בין איך?" אין זיין צעטומלטן קאָפּ שטייט אויך אויף די פראַגע: און „ווער איז מיין בגד?" ער דערזעט די לאַטעס אויף די לאַטעס און ער דערמאָנט זיך, אַז יעדע לאַטע איז פון עמעצנס אַנדערש'ס אַן אַלטן בגד. נישט איין מאָל האָב איך אין די שפּעטערדיקע רייפערע יאָרן געזען דעם גייסטיקן פּרצוף פון גאַנצן אידישן פאָלק אין דער פאָרם פון דעם בגד פון „משוגענעם בטלן": אַ שטיק קולטור פון דאַנען, אַן אַנדער שטיק פון דאָרטן, אַלץ לאַטעס אויף לאַטעס וואָס פאַרשטעלן — און אָפטמאָל פאַרשמעלערן זיי אַפילו — דאָס אָריגינעלע פון אונזער גייסטיקן נאַציאָנאַלן בגד. דאָס איז אָבער אויפגעקומען אין מיין מחשבה שפּעטער. דאַן, אין די יאָרן פון 8־1907, האָב איך עס אָנגעמאָסטן אויף זיך אַליין און האָב זיך שטאַרק איבערגעשראָקן.

## ב.

איך האָב דערשפּירט, אַז איך ווער צופיל אַ שרייפל פון אַ קאָלעקטיוו און צו־ווייניק „איך" אַליין. אַפילו דאָס וואָס איך האָב געלערנט, האָב איך מערסטנס באַקומען פאַרטיק, פון עמעצן אַנדערש, און לפי ערך ווייניק אַרויסגעבראַכט פון זיך אַליין. איך האָב דערפילט, אַז אַפילו כדי אַרויסצוברענגען עפּעס פון זיך אַליין האָב איך געמוזט סטימולירט ווערן דערצו דורך די מיינונגען פון אַנדערע, דורך וויכוחים וואָס אַנדערע האָבן מיט מיר געפירט. אַמשאַרפסטן האָב איך עס דערשפּירט אין די פּאָר שמועסן מיט יהואשן און ד"ר ספּיוואַק; דאָס ביסל אייגענע מחשבה איז מיר געקומען אויפן מוח, דורכדעם וואָס זיי האָבן מיך באַוועגט דערצו. אויך מיינע ריכטיקע, אָדער נישט־ריכטיקע, איינשטעלונגען אין כמעט אַלע פראַגן וואָס זיינען דאַן געשטאַנען אויפן סדר־היום, זיינען מערסטנס געווען אַ רעזולטאַט פון וויכוחים, וואָס אַנדערע האָבן אין מיר אַרויסגערופן. דאָס בעסטע וואָס איך האָב דעריבער זיך געמעגט דערלויבן דאַן — איז צו ריידן וועגן אַלע פראַגן בלשון „מיר". און דער „מיר" איז געווען אַ באַרעכטיקטער. איך נעם, צום־ביישפּיל, די שילדערונגען וואָס איך האָב ביז איצט געבראַכט וועגן אַמעריקאַנער אידנטום אין אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט. אָט־די אָפּשאַצונגען האָבן, אָן ספק,

געטיילט אַלע חברים סיי פון די פּועלי־ציון, סיי פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, וואָס צוזאַמען מיט זיי האָב איך דאָך געלעבט מיין גייסטיק לעבן. איך פיל אָבער, אַז איך טאָר ווייטער דעם טערמין „מיר" נישט אַזוי פריי באַנוצן. איך בין געצוואונגען פון איצט און ווייטער זיך האַלטן ביים אויסדרוק „איך", סיי אין פּאָזיטיווע, סיי אין נעגאַטיווע מחשבות אָדער האַנדלונגען.

אַ סך האָט דערצו בייגעטראָגן דער פאַקט, וואָס איך בין במשך פון מיינע רייזעס אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער לאַגע פון דאַרפן אויף אייגענער אחריות לערנען אַנדערע, ווי צו טראַכטן און וואָס צו טאָן. ווי אויבן געזאָגט, האָב איך מיינע חברים פון צענטער נישט געהאַט מיט זיך כמעט פולע צוויי יאָר נאָכאַנאַנד. האָב איך געמוזט שטעלן אויף זיך. אויפן 21סטן יאָר האָב איך דעריבער געמוזט ווערן מער זעלבסטשטענדיק אין מיין טראַכטן.

אַוודאי האָבן מיר — דאָסמאָל מיינט „מיר" די דעמאָלטיקע פירערשאַפט פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן — געהאַנדלט ווי אַ קאָלעקטיוו. אָבער חוין ביישטייער צו אָט־די האַנדלונגען האָב איך געמוזט אַליין דורכטראַכטן, איידער איך האָב אים געקענט צוטראָגן צום קאָלעקטיוו. דאָס זעלביקע איז געשען נאָכדעם, ווען מיין קאָלעקטיוו איז צוריק געוואָרן די פּועלי־ציון־באַוועגונג. דאָס האָט אַוודאי אַרויפגעלייגט אויף מיינע אָרעמע פּלייצעס שווערערע אחריות, אָבער דאָס האָט אויך פאַרשאַפט גרעסערע סאַטיספאַקציע.

ג.

הויב איך אָן ריידן בלשון „איך". דער ענין וועגן דעם „דזשו־טייפ" — וואָס איך וויל דאָ באַרירן — געהערט אייגנטלעך צו יענער עפּאָכע, ווען מיין אינערלעכער חשבון־הנפש איז קלאָרער געוואָרן. איך בין אָבער זיכער, אַז אויך אַנדערע חברים האָבן אָפט געטראַכט וועגן אים און געהאַט צו אים די זעלביקע באַציאונג. אָבער ווען איך האָב אָט־דעם ענין שאַרף דערשפּירט, האָב איך גאָר קיין געלעגנהייט נישט געהאַט וועגן אים צו דיסקוטירן מיט אַנדערע חברים. מיט די חברים אויף די ערטער האָב איך — איך מוז מודה זיין — זיך אַביסל אונטערגעשעמט צו ריידן וועגן דעם. איך האָב זיך מיט דער טעמע באַגעגנט ביים באַזוכן אייניקע אַמעריקאַנער „וואָדעוויל"־פאַרשטעלונגען און איך האָב די דאָזיקע באַזוכן נישט געמאַכט מיטן וויסן פון די לאָקאַלע חברים.

אין ניו־יאָרק, אָדער פילאַדעלפיע, האָב איך קיין צייט נישט געהאַט פאַר אַזעלכע באַזוכן. עס האָט מיר גאָרנישט געקענט איינפאַלן צו מאַכן אַ באַזוך אין אַ וואָדעוויל־הויז. בייטאָג האָט מען געמוזט זיצן אין „שאָפּ",

און די אָוונטן און די פרייע טעג האָט מען אָפּגעגעבן דער באַוועגונג. און אויב מען האָט זיך אַמאָל געקענט דערלויבן אַ פּאַרווײַלונג, וואָס נישט די באַוועגונג אַליין האָט צוגעגרייט, איז מען געלאָפן אין אידישן טעאַטער, וואָס האָט פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן. אָבער ווען איך בין אַרומגעפאָרן אין דער פּראָווינץ זײַנען מײַנע טעג געווען כמעט אינגאַנצן פרײַ. די חברים זײַנען בײַטאָג געווען פאַרנומען אין זייערע אַרבעטן. האָב איך מיר פאַרגונען צו באַזוכן אַמאָל אַ שטילע „מואווי" — וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן ברייט צו צעוואַקסן און דער „איינטריט" האָט געקאָסט ממש אַ שיבוש — און אַמאָל אַ „וואָדעוויל". פאַר אַן ערנסטן טעאַטער האָב איך דאַן נישט פאַרמאָגט קיין געלט און נישט גענוג ענגלישע שפּראַך. דאָס ערשטע וואָדעוויל־הויז האָב איך באַזוכט אין שיקאַגאָ. דאָרט האָב איך דעם ענין דערזען און טאַקע דער־שפּירט די גאַנצע חרפּה אונזערע. איך האָב דערזען וויאַזוי דאָרט ווערט געשילדערט דער ספּעציעלער „אידישער" טיפּ. אין ניו־יאָרק האָב איך אַמאָל וועגן דעם געלייענט אַרטיקלען אין דער פּרעסע. אָבער די אַרטיקלען האָבן אין מיר נישט אַרויסגערופן דעם טיפן ווייטיק און די גרויסע בושה, וואָס איך האָב דערפילט, ווען איך האָב עס געזען מיט די אייגענע אויגן.

איך האָב דערזען וויאַזוי מען שילדערט אונז, פאַר די אויגן פון מיליאָ־נען אַמעריקאַנער; איך האָב דערשפּירט די גוואַלטיקע הנאה וואָס די מאַסן האָבן געהאַט פון אָט־די פאַרשטעלונגען. איך האָב באַלד דערפילט סײַ דעם ווייטיק, סײַ די שאַנדע — דעם ווייטיק, אַז אויך אין דער פרייער אַמעריקע לאַכט מען אַזוי אָפּ פון אונז; און די שאַנדע — ווײַל אַ שמץ פון אמת איז לײַדער געווען אין אָט־די שילדערונגען.

פאַרוואָס אַזאַ שאַרפער ווייטיק? האָבן דאָך די זעלביקע וואָדעוויל־פּראָג־ראַמען אויך אָפּגעלאַכט פון אַנדערע אימיגראַנטן־טיפּן: איטאַליענער, פּאָ־ליאַקן, סלאָוואַקן — און מער פון אַלץ פון אירישע טיפּן? ווייס איך נישט ווי עס האָבן געפילט די קינדער פון די אַנדערע פעלקערשאַפטן, וועלכע האָבן זיך געזען אויסגעלאַכט אין דעם „וואָדעוויל". איך ווייס אָבער וואָס איך האָב געשפּירט. אפשר זײַנען מיר, אידן, מער שפּירעוודיק ווי אַנדערע, צוליב אונזער לאַנגן גלות. אָבער איך האָב געפילט, אַז פון אַנדערע עטנישע גרופּן לאַכט מען גוטמוטיק. מען כאַפּט אַן זייערס אַ ספּעציעלע, אויסערלעכע כאַראַקטעריסטיק, מען פאַרשפּיצט זי פאַרס־מעסיק און מען האָט דערפון הנאה. גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער האָבן געטראָגן די שילדערונגען פון דעם ספּעציעלן „דזשו־טייפּ" אויף אָט־די וואָדעוויל־בינעס.

דער „דזשו־טייפּ" איז געווען פאַרמישט מיט מער ווי אַ שמץ אַנטי־

סעמיטישן גיפט. צוזאַמען מיט דער גוטמוטיקער אויסלאַכונג איז געבליבן ביים עולם זייער אַ נעגאַטיווער געפיל צו אַט־דעם טיפּ. און ווײַסנדיק, אַז די סערווירער פון אַט־דעם סאָרט „קונסט" קענען זייער גוט דעם עולם און ווייסן וואָס ער וויל מען זאָל אים געבן, איז געוואָרן ביטער אויפן האַרצן. הייסט עס — אויך דאָ אין אַמעריקע איז דער איד נאָך אַלץ אויסגעשטעלט צו אַנטיסעמיטישע געפילן מצד די נישט־אידן.

## ד.

איך האָב זיך גענומען גוט צוקוקן צום עולם. ווער זיינען עס די, וואָס ווערן ממש צעשמאָלצן פון הנאה ווען מען סערווירט זיי דעם „דזשו־טייפּ"? די גרעסטע צאָל האָט אויסגעזען צו געהערן צום ערשטן דור נישט־אידישע אימיגראַנטן. דאָס האָט אוודאי אַביסל מילדער געמאַכט דעם ווייטיק. די מערסטע פון זיי האָבן זייערע אַנטי־אידישע געפילן מיטגעבראַכט מיט זיך פון אייראָפּע. ס'איז אָבער געווען צווישן דעם עולם גאָר אַ באַדייטנדיקע צאָל יונגע, אַמעריקאַנער־געבוירענע, וועלכע האָבן נישט־ווייניקער הנאה געהאַט ווי די אימיגראַנטן. און זיי זיינען דאָך זיכער דאָס צוקונפטיקע אַמעריקע! מיט זיי וועט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום דאַרפן לעבן צוזאַמען דורות נאָך דורות. דערפון איז געקומען דער ווייטיק און צוזאַמען מיט דעם אויך די פראַגע: וואָס זאָגט אונז אָן די דאָזיקע דערשיינונג? און די נאָך־וויכטיקערע פראַגע: וואָס דאַרף מען טאָן בכדי צו קעמפן קעגן די רעזולטאַטן וואָס קענען קומען?

די שאַנדע איז געווען אין דעם, וואָס שילדערנדיק דעם „אידישן" טיפּ האָט מען זיך נישט באַגנוגנט מיט אַרויסברענגען זיין אויסערלעכע כאַראַקטעריסטיק און זי פאַרשפּיצן. למשל: זיין לאַנגע נאָז נאָך מער אויסציען און שאַרפער אויסבויגן. ניין! מען האָט אויך אַריינגעבראַכט די ספּעציעלע אידישע „עקאָנאָמיק", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרמירן, און זי שטאַרק־איבערגעטריבן „פאַרפּוצט". דער אידישער „פּעדלער" איז כמעט שטענדיק געווען אַזאַ, וואָס זוכט אָפּצונאַרן זיין אָרעמען קונה. אַזוי אויך דער אידישער קרעמער — און די צוויי „טיפּן" זיינען די גרעסטע צאָל, וואָס דער אַמעריקאַנער וואָדעוויל האָט „פאַראייביקט". אויב עס האָט זיך אַמאָל באַוויזן אַ אידישער אַרבעטער, האָט ער געמוזט זיין אָדער אַ שלומיאל, אָדער אַזאַ וואָס חנפ'עט זיך כסדר צום „באָס" און צום פאָרמאַן, אָדער אַזאַ איינער וואָס מאַכט אַלע אומריינע פאַרזוכן כדי זיך אַליין וואָס שנעלער אַרויפצואַרבעטן און ווערן אַ פאָרמאַן, און פאַרוואָס טאַקע נישט אַ „באָס"? אויב מ'האָט אַמאָל

געוויזן דעם ניו־יאָרקער שוויץ־שאַפּ־אַרבעטער, האָט ער אַרויסגערופן מער עקל ווי רחמנות. שטענדיק איז, צוזאַמען מיט אים, געשילדערט געוואָרן זיין „באָס״, פאַרפּוצט דווקא מיט לאַנגע פּיאות און זייער אַ לאַנגן טלית־קטן. ווען מען האָט באַוויזן אַ אידישן אינטעליגענט, איז ער כמעט שטענדיק געשילדערט געוואָרן ווי אַן עקסטרעמער, פאַרוואָקסענער אַנאַרכיסט, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט „באָמבעס״ אין די קעשענעס. די פּיפּיקע מחברים האָבן געוואוסט ווי אויסצונוצן אונזער קלענסטן חסרון, אים פאַרשפּיצן, אים אויפבלאָזן און אים סערווירן פאַרן עולם, בכדי צוטראָגן דורכדעם נאָך אַביסל אַנטיסעמיטישע שפּייז פאַר יענעם עולם וואָס האָט דערפון שטאַרק הנאה געהאַט.

נאָך שאַרפער איז געוואָרן דער וויטיק און נאָך טיפער די שאַנדע ווען מען האָט אָט־דעם זעלביקן „אידישן״ טיפּ דערזען אָפּט אויך אויף דער לעגיטימער אַמעריקאַנער בינע. דאָ איז דווקא דער אויסערלעכער אויסזען אַביסל מילדער געוואָרן. די נאָז נישט אַזוי שטאַרק פאַרלענגערט און אויס־געבויגן. אָבער וואָס שייך אונזער שטייגער לעבן איז עס דאָ נאָך אַרויס־געקומען אין אַ מער־פאַרקרימטן שפּיגל, אַפילו ווי אין וואָדעוויל; דווקא דערפאַר וואָס עס האָט אָנגענומען אַ מער־ערנסטן פּנים.

ה.

איז פאַר מיר נאָך בולטער געוואָרן די פּאָליטישע אויפגאַבן, וואָס ליגן אויף די פּלייצעס פון מיין דור. אונזערע לעבנס־פּאָרמען אינעם נייעם לאַנד מוזן באַפרייט ווערן פון יענע מיאוסקייטן, וואָס גיבן אַ יסוד פאַר אַזאַ אַנטי־סעמיטישער שפּייז. אָבער וואָס דאַרף דערצו געטאָן ווערן? איך האָב דער־זען אַ גרויסע, היסטאָרישע אויפגאַבע פאַר דער אידישער ליטעראַטור און פאַרן אידישן טעאַטער. זיי דאַרפן נישט מורא האָבן אָפּצושפּיגלען אונזערע נעגאַטיווע דערשיינונגען, בכדי די מאַסן זאָלן זיך פון זיי באַפרייען. איך האָב געזען אַ גרויסע אויפגאַבע אין אַנטוויקלען אַ געפיל פון קאָלעקטיווער אחריות — דעם אַלטן געפיל פון „כל ישראל ערבים זה לזה״. פאַר מיר זיינען בולטער געוואָרן אונזערע הויפּט־אויפגאַבן: אַ אידישע מדינה און סאָציאַליזם. אין דער אידישער מדינה וועלן מיר אַוודאי, פּונקט ווי אַנדערע פעלקער, פאַרמאָגן אויך נעגאַטיווע עלעמענטן. זיי וועלן אָבער נישט קענען אויסגענוצט ווערן בכדי אָפּצושפּאָטן פון אונז אָדער סטימולירן אַנטי־אידישע געפילן. מיר אַליין וועלן אַוודאי דאַרפן זוכן אויסצוראָטן די נעגאַטיווע פלאַנצן צווישן אונז. אין סאָציאַליזם האָב איך געזען די מעגלעכקייט זיך

סוף־כל־סוף איינגאַנצן צו באַפרייען פון אַלע סאָרטן נעגאַטיווע פּלאַנצן, וועלכע איך האָב באַטראַכט ווי אַ רעזולטאַט פון דעם אומ׳יושר׳דיקן, כאַאָטישן, קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. דאָס וואָס אין סאָציאַליסטישן גאָרטן גופא זיינען שפּעטער אויסגעוואַקסן ווילדע פּלאַנצן — צום עצם ענין וועל איך שפּעטער קומען — האָב איך דאַן נישט פאָראויסגעזען, פּונקט ווי קיינער האָט עס נישט פאָראויסגעזען. איך קען נאָר זאָגן, אַז מיין אידייע איז אין מיר טיפער איינגעפלאַנצט געוואָרן, אויך פון אָט־דער דערשיינונג פון דעם „דזשו־טייפּ״ אויפן אַמעריקאַנישן וואָדעוויל.

די דאָזיקע דערשיינונג איז נישט געווען די איינציקע וואָס האָט אויף מיר אויסגעאיבט אַזאַ השפּעה. איך קען זאָגן, אַז במשך פון דער צייט, וואָס איך בין געווען — לויט יהואָש׳עס אויסדרוק — דער „טראַוולינג סיילסמאַן״ פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, האָב איך בעסער דערקענט דאָס אידנ־טום אין צפון־אַמעריקע, וואָס האָט זיך גענומען פאָרמירן; כ׳האָב אָנגעהויבן טיפער צו באַגרייפן זיינע פּראָבלעמען, סיי ווי אַ אידנטום וואָס וואַקסט אַריין אין אַ נייעם גלות, סיי ווי אַן עדה וואָס איז אַ טייל פון גאַנצן אידישן פאָלק און טיילט מיט אים די אַל־אידישע פּראָבלעמען; איך האָב אויך טיפער באַגריפן מיינע אייגענע אידעאַלן, וועלכע דאַרפן געבן די תשובות אויף אָט־די אַלע פּראָבלעמען. מיט אָט־דער געוואוינענער רייפקייט בין איך אַריינ־געטראָטן אין דעם לעצטן עטאַפּ פון מיינע טעריטאָריאַליסטישע בלאָנדזשע־נישן. דער דאָזיקער עטאַפּ האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער דריטער קאָנווענשאָן אין פרילינג פון 1908 און האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער פּועלי־ציון פּאַרטיי־קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ אין הערבסט פון 1909.

# דער פונאַנדערפאַל פון די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן

א.

פאַראַן דער אַלגעמיינער איינדרוק, אַז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר וואָס האָט באַוועגט די פירער פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן און דער זשיטלאָווסקי־גרופּע צו טראַכטן וועגן פאַראייניקונג מיט די פּועלי־ציון, איז געווען די יונג־טערקישע רעוואָלוציע. די דאָזיקע רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין מערץ פון 1908, האָט אַוודאי געגעבן אַ שטאַרקן שטויס דערצו. אָבער דער אמתער גורם צו דער פאַראייניקונג איז געווען: די אַנטווישונג אין דער מעגלעכקייט פון באַקומען אַן אַנדער טעריטאָריע. לאַנג פאַר דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע האָט אין די קרייזן פון די ס. ט. זיך אָנגעהויבן דער אינעווייניקסטער וויכוח וועגן דער פאַראייניקונג. איך אַליין האָב געפירט אַזעלכע וויכוחים מיט אַ גרויסער צאָל וויכטיקע חברים אין די שטעט וואָס איך האָב באַזוכט. בעיקר האָב איך דיסקוטירט מיט די פירנדיקע חברים אין קליוולאַנד, וואוהין איך בין צוריקגעקומען פון יעדער רייזע, וואָס איך האָב געמאַכט במשך די יאָרן 1907־8. די מיינונג צווישן זיי האָט זיך זייער שאַרף צעטיילט. די חברים אהרון און משה גאַרבער, די חברה לאה גאַרבער (פרוי פון ד״ר משה גאַרבער), דער חבר מרדכי דאָלניק — דער שפּעטערדיקער חבר ד״ר דאָלניק פון שיקאַגאָ, וואָס האָט פריער געלעבט אין קליוולאַנד, און נאָך אייניקע פירנדיקע חברים זיינען געווען שטאַרק גענויגט אָנצונעמען מיין איינשטעלונג פון פּראָ־פאַראייניקונג. אָבער די חברים מיליקאָווסקי, יוסף מאָרגנשטערן און נאָך עטלעכע זיינען געווען קעגן דעם. ד״ר מיליקאָווסקי — דער שפּעטערדיקער חבר ד״ר מילקאָף — האָט זיך אומגעקערט צו די פּועלי־ציון מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער און איז געוואָרן איינער פון די אַקטיוויסטע חברים איבערן גאַנצן לאַנד, אין אַלע אונטערנעמונגען וואָס די באַוועגונג האָט דורכגעפירט. דער חבר יוסף מאָרגנשטערן איז געבליבן פאַר׳עקשנ׳ט. ער איז געבליבן אַ טעריטאָריאַליסט אפילו נאָכדעם ווי אַ גרויסער טייל פון די פאַרבליבענע סאָציאַליסטן־טערי־

טעריטאָריאַליסטן האָבן זיך אין 1917, נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, צוריק אָנגעשלאָסן אין די פּועלי־ציון. שפּעטער־צו האָט ער — דורך דעם בירא־בידזשאַן־פּלאַן, אין וועלכן ער האָט געזען די פאַרווירקלעכונג פון טעריטאָ־ריאַליזם — פאַרבלאָנדזשעט צו די לינקע. וועלכע גלגולים ער איז דורכגע־גאַנגען נאָך דער פיאַסקאָ פון ביראָ־בידזשאַן איז מיר נישט באַקאַנט. איך ווייס נאָר, אַז ער איז דערנאָך זייער רייך געוואָרן און שטיצט מיט אַן אָפענער האַנט אַלע אַנשטאַלטן, מיט וועמענס אַרבעט ער איז מסכים. בנוגע מדינת ישראל שטיצט ער שטאַרק מפּ״ם. דער חבר א. קאַמענעצקי — זייער אַן אַקטיווער סאָצ־טעריטאָריאַליסט, ווען איך בין אָנגעקומען קיין קליוולאַנד — האָט נישט געוואַרט אויף דער אָפיציעלער פאַראייניקונג; ער איז אַליין אַריבער צו די פּועלי־ציון. שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין יאָנגסטאָן, אָהייאָ, און איז דאָרט געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע טוער ביי די אַלגע־מיינע ציוניסטן. עס זיינען אויך געווען גאָר אַ באַדייטנדיקע צאָל חברים, וועמען דער דורכפאַל פון טעריטאָריאַליזם האָט דערפירט צו געזעלשאַפט־לעכער אַפּאַטיע בכלל. יהואש׳ס נבואה איז ליידער פאַרווירקלעכט געוואָרן.

איך האָב בכיוון געגעבן אויספירלעך די שטעלונג פון די וויכטיקסטע חברים אין קליוולאַנד: דאָס גיט אונז אַ בילד סיי פון דער צעמישעניש, וואָס דער טעריטאָריאַליזם האָט אַריינגעבראַכט אין רייען פון יונגע מענטשן, וועלכע זיינען געווען גרייט צו גרויסע קרבנות פאַר גרויסע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן, סיי דעם פּראָצעס פונעם פונאַנדערפאַל אין דער פּאַרטיי. האָבן מיר דאָך אין קליוולאַנד דאַן פאַרמאָגט אונזער בעסטע און גרעסטע אָרגאַניזאַציע. ממש דאָס זעלביקע האָט אויך פּאַסירט אין וויניפּעג, וואו מיר האָבן פאַרמאָגט די צווייט־בעסטע ס. ט.־אָרגאַניזאַציע, הגם דאָרט איז די לאַגע געווען אַ פאַרקערטע: די מערסטע זיינען פאַרבליבן קעגן דעם פאַראייניקונג־געדאַנק. אָבער אַ צאָל וויכטיקע חברים זיינען שוין דאַן — די ערשטע וואָך פון יאַנואַר 1908 — געווען פאַר דער פאַראייניקונג. דאָס זעלבע איז אויך געשען אין מאָנטרעאָל. דאָרט איז די צאָל פאַר׳עקשנ׳טע געווען נאָך אַ קלענערע ווי אין קליוולאַנד. אָט־די אַלע דריי פאַראיינען האָבן זיכער רעפּרעזענטירט די שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין דער גאַנצער פּאַרטיי. דער פּראָצעס פון פונאַנדערפאַל האָט זיך שוין דאַן אָנגעהויבן.

## ב.

די דריטע ס. ט.־קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אָנהויב מאַי 1908, אין קליוולאַנד. זי איז געשטאַנען סיי אונטער דעם איינפלוס פון

פריער־געצייכנטע שטימונגען אין דער פּאַרטיי, סיי אונטער דעם איינפלוס פון דער יונג־טערקישער באַוועגונג, וואָס איז שוין געווען שטאַרק אַנטוויקלט — און משפּיע געווען אומעטום. די אָנהענגער פון פּאַראייניקונג האָבן דורכ־דעם באַקומען אַ שטאַרקע אונטערשטיצונג. פונדעסטוועגן איז די מאַיאָריטעט פון דעלעגאַטן געבליבן קעגן, ווייל זיי האָבן אַזעלכע אינסטרוקציעס באַקומען פון די פּאַראיינען, וועלכע האָבן זיי געשיקט צו דער קאָנווענשאָן. די קעגנער האָבן דערוואָרט אונטערשטיצונג מצד ד״ר נחמן סירקין, וועלכער איז מיט עטלעכע וואָכן פריער אָנגעקומען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און האָט זיך באַטיילט באַטייליקט אין דער קאָנווענשאָן. אין געשפּרעכן מיט פּאַרשידענע דעלעגאַטן, וואָס איך האָב געפירט איידער די קאָנווענשאָן האָט זיך געעפנט, האָבן זיי שטאַרק אונטערגעשטראָכן דעם פּונקט, אַז קיינער קען נאָך איצט נישט וויסן וואָס פאַר אַ שטעלונג די יונג־טערקן וועלן נעמען צו די ציוניסטישע צילן. זיי האָבן דעריבער געוואָרנט קעגן איבערגעטריבענע האָפענונגען, וועלכע קענען פירן צו נייע אַנטוישונגען.

אַפילו דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט אין פעברואַר פון 1908 געווידמעט דעם ענין אַ ספּעציעלע זיצונג, צו וועלכער איך בין נאַטירלעך גערופן געוואָרן. די טעריטאָריאַליסטישע „טאָריס״ פון לאַנד האָבן מיך פאַר׳מסר׳ט, אַז איך גראָב אונטער די יסודות פון דער פּאַרטיי. די דאָזיקע בריוו זיינען געשיקט געוואָרן נישט צום גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, חבר אַלבערט פּייפּמאַכער, נאָר צום חבר ד״ר ירחמיאל אָווערבוך, וואָס איז געווען דער דעלעגאַט פון די אַמעריקאַנער סאָצ.־טעריטאָריאַליסטן צום אוגאַנדאַ־קאָנגרעס, נאָך איידער די פּאַרמעלע שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען. ער איז פאַרבליבן אַ טעריטאָריאַליסט אַ לאַנגע צייט נאָך דער צוריק־פאַראייניקונג פון טיילן פון די ס. ט. מיט די פּועלי־ציון. צו אים האָבן די טרייע טעריטאָריאַליסטן געהאַט מער צוטרוי ווי צום חבר פּייפּמאַכער — און זיי זיינען געווען גערעכט. אויך חבר פּייפּמאַכער איז נישט אַריבער צוריק צו די פּועלי־ציון. אָבער ער איז נישט געווען אַזוי עקסטרעם ווי חבר ד״ר אָווערבוך. דער לעצטער איז אויפגעטראָטן ווי דער אָנקלאָגער קעגן מיר אויף דער באַזע פון די בריוו וואָס ער האָט באַקומען און דער חבר פּייפּמאַכער איז גאָר אויפגעטראָטן אַלס מיין פּאַרטיידיקער, אויף דער באַזע פון די אָפיציעלע באַריכטן, וואָס ער האָט באַקומען. דאָרט איז מיין אַרבעט דווקא געלויבט געוואָרן. אָבער נישט דאָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע פון יענער סעסיע.

איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט און אַרויפגעבראַכט די עצם פראַגע:

קענען מיר ווייטער אויפריכטיק ריידן וועגן רעאַליזירן דעם טעריטאָריאַליזם? דאַן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אויך צווישן די חברים פון צענטראַל־קאָמיטעט געפינען זיך צווייפלער. אמת, די מערסטע חברים פון צ. ק. האָבן געהאַלטן, אַז די לאַגע איז נאָך נישט אַזוי שלעכט; אַז נישט אַלע מעגלעכקייטן זיינען שוין אויסגעפּאַרשט געוואָרן; אַז די טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס ... מענטן, קעגן פאַרשטייפן זיך נאָר אויף פּאַלעסטינע, בלייבן אין זייער קראַפט. אָבער דער וויכטיקסטער חבר, אב. גאָלדבערג, האָט זיך נאָך עקסטרעמער פאַר מיר איינגעשטעלט פאַרן געדאַנק פון ווידער־פאַראייניקונג. איך האָב זיך דאַן דערוואוסט, אַז גאָלדבערג און איך זיינען נישט די איינציקע. נאָך חברים פון צענטער האָבן אָנגעהויבן צווייפלען. דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער פאַקטאָר וואָס האָט געפירט צו די פאַרהאַנדלונגען וועגן פאַראייניקונג.

* * *

די ערשטע באַגעגעניש פון די קליוולאַנדער חברים מיט חבר סירקין — אויך פאַר מיר איז עס געווען די ערשטע באַגעגעניש פּנים אל פּנים מיטן גרויסן חבר, מיט וועמען איך האָב געהאַט דעם זכות זיך צו פאַרבינדן אַלע יאָרן פון זיין, לייִדער, צו־קורצן לעבן — איז פאָרגעקומען אינעם הויז פון חבר יצחק מיליקאָווסקי — דער שפּעטערדיקער ד״ר מילקאָף. יענער אָוונט איז געווען זייער אַ פייערלעכער. צום ערשטן מאָל האָבן זיך חברים געטראָפן מיט דעם באַגרינדער פון דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס איז געווען אַ וויכטיקע פיגור אין וועלט־אידנטום. אין נאָמען פון די קליוולענדער חברים האָט דעם גאַסט באַגריסט, דער עלטסטער צווישן זיי, דער חבר אַדוואָקאַט אהרון גאַרבער. איך האָב באַגריסט דעם גאַסט אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט, וועמענס פאַרטרעטער איך בין געווען אין קליוולאַנד. חבר גאַרבער האָט געגעבן גאָר אַ געהויבענע אָפּשאַצונג פון דער סירקין־פּערזענלעכקייט. איך האָב דערציילט וועגן דער טיפער השפּעה וואָס זיינע שריפטן האָבן אויף מיר אויסגעאיבט*). אויף יענעם פייערלעכן אָוונט איז די פראַגע פון רעאַליזירן דעם טעריטאָריאַליזם נישט באַרירט געוואָרן, נישט דורך דעם חבר אהרון גאַרבער און נישט דורך מיר. מיר האָבן ביידע איבערגעלאָזט די איניציאַטיוו צום גאַסט, חבר ד״ר סירקין.

---

*) מיין הויפּט־אָפּשאַצונג וועגן דער סירקין־פּערזענלעכקייט און זיין ראָלע אין אידישער מחשבה בכלל, און אין אונזער באַוועגונג בפרט, האָב איך געגעבן אין אַ גרעסערער אַרבעט וועגן אים אין מיין בוך „אויפן וועג״, וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1956. איך וועל מיך דעריבער, אין מיינע איצטיקע זכרונות, דערמיט ניט פאַרנעמען. עס וועט מיר אָבער אויסקומען זייער אָפט צו דערציילן וועגן זיינע אַקטיוויטעטן אין צפון־אַמעריקע במשך די 18 יאָר וואָס ער האָט דאָרטן געלעבט. — ב. צ.

בעיקר האָבן מיר דערוואַרט צו הערן פון אים עטוואָס וועגן דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע און וואָס זי קען מיינען פאַרן ציוניזם.

די יונג־טערקישע רעוואָלוציע איז דורכגעפירט געוואָרן אַרום דריי חדשים שפּעטער, ערשט אין אויגוסט, 1908. אָבער די באַוועגונג פון די יונג־טערקן האָט זיך נאַטירלעך אָנגעהויבן מיט אַ סך חדשים פריער. די ציוניסטישע וועלט־פירערשאַפט האָט נאַטירלעך געזוכט אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט די יונג־טערקישע פירער סיי אין טערקיי גופא, סיי מיט זייערע פאַרטרעטער אין פאַרשידענע אייראָפּעאישע שטעט. די פון אונז, וועלכע זיינען געווען פאַר אַ צוריק־פאַראייניקונג מיט די פּועלי־ציון האָבן נאַטירלעך געוואָלט באַקומען וועגן דעם וואָס מער אינפאָרמאַציע.

אָבער אויך חבר סירקין האָט יענעם אָוונט אויסגעמיטן די אָנגעווייטיקטע טעמע וועגן דער רעאַליזירונג פון טעריטאָריאַליזם. אין זיין ענטפער האָט ער אויסגעדריקט דאַנק און ליבע צו די אַמעריקאַנער חברים און פול מיט זיין כאַראַקטעריסטישער, שאַרפער פּאָלעמיק האָט ער גערעדט וועגן „בונד". ער האָט דערציילט ווי ער האָט דערשפּירט אין די עטלעכע וואָכן אויך דאָ אין אַמעריקע דעם גלגול פונעם „עם הארץ אויף דער אידישער גאַס" (אונטער אָט־דעם נאָמען האָט סירקין אָנגעשריבן איינעם פון זיינע שאַרפסטע פּאָלעמישע פּעליעטאָנען קעגן „בונד"). אויך דאָ איז די כאַראַקטעריסטיק פון די היגע אַנטי־ציוניסטישע „גענאָסן", זייער אויבערפלעכלעכקייט און זייער שנאה צו מענטשן, וועלכע וואָגן טיפער צו טראַכטן וועגן אידישע און וועלט־פּראָבלעמען. דאָס איז אייגנטלעך נישט געווען קיין רעדע, נאָר אַ געמיטלעכער חברישער שמועס. אָבער אין אים זיינען שוין קענטיק געוואָרן אייניקע שטריכן, סיי פון די מעלות, סיי פון די חסרונות, פון חבר סירקין ווי אַן אָראַטאָר. אָבער זיינע אָראַטאָרישע פעאיקייטן האָבן אונז דאַן ווייניק אינטערעסירט. מיר האָבן זיך געקוויקט מיטן טיפן תוכן פון זיינע געדאַנקען און פון זיין שאַרפקייט אין פּאָלעמיק מיט אידיאישע קעגנער.

פיל שטאַרקער איז געווען זיין אויפטריט אויף דער קאָנווענשאַן, אויף וועלכן עס האָבן געוואָרט סיי די דעלעגאַטן, סיי די גרויסע צאָל געסט, וואָס זיינען געקומען אים הערן. דאָרט האָט ער שוין די פראַגע וועגן רעאַליזירונג פון טעריטאָריאַליזם יאָ באַרירט. אין פאַרגלייך מיט די שפּעטערדיקע רעדעס וואָס איך האָב געהערט פון ד"ר סירקין, איז זיין רעדע אויף דער דריטער ס. ט.־קאָנווענשאַן נאָך אַלץ געווען אַ בלאַסע. אָבער דער איינפלוס אירער איז געווען זייער אַ שטאַרקער. ער האָט אין איר קריטיקירט דווקא די טעריטאָריאַליסטישע פירערשאַפט מיט ישראל זאַנגוויל בראש. זיין שטעלונג

איז געווען, אַז מען דאַרף אויפהערן „זוכן" טעריטאָריעס, נאָר אָפּשטעלן זיך אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע. די דאָזיקע טעריטאָריע איז פֿאַר אים געווען מעסאָפּאָטאַמיע. זיין באַגרינדונג איז געווען: א) ענגלאַנד האָט באַוויזן איר גרייטקייט צו העלפֿן רעאַליזירן אידישע מלוכה׳שאַפֿט, דאַרפֿן מיר זוכן איר הילף אין מעסאָפּאָטאַמיע, וואו איר איינפֿלוס איז זייער גרויס; ב) מעסאָפּאָטאַמיע געפֿינט זיך אין שכנות מיט ארץ־ישראל און דורכדעם זוכן מיר בלויז אונטערצושטרייכן יענעם פּסוק אינעם באַזעלער פּראָגראַם, וואָס רעדט וועגן „נאַכבאַר־לענדער". ג) דער געדאַנק פֿון „נאַכט־אַזיל" איז אַ פֿאַרפֿירערישער. מיר דאַרפֿן נישט באַטראַכטן מעסאָפּאָטאַמיע ווי אַ נאַכט־אַזיל, פֿון וועלכער מיר וועלן זיך אין אַ שפּעטערדיקן מאָרגן איבערקלייבן קיין ארץ־ישראל. אונזער שטרעבן בלייבט „ארץ־ישראל און די נאַכבאַר־לענדער". מיר הויבן אָבער אָן מיט אַ גרויסער אַרבעט אין דעם שכנישן לאַנד מעסאָפּאָטאַמיע. ד) מעסאָפּאָטאַמיע דאַרף פֿאַר אונז זיין די בריק אויף צוריק אַריבערצוגיין צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכער מיר דאַרפֿן באַאיינפֿלוסן, אָנצוהויבן דאָרט אַ גרויסע קאָלאָניזאַציע, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון ענגלאַנד. ער האָט אויסגעדריקט די האָפֿענונג, אַז אין אַ פּאָר דורות אַרום וועט דווקא ירושלים ווערן די הויפּט־שטאָט פֿון דער סאָציאַליסטישער אידישער מדינה — און זי וועט איינשליסן אויך יענע געביטן פֿון מעסאָפּאָטאַמיע, וועלכע מיר וועלן האָבן קאָלאָניזירט. וועגן דער יונג־טערקישער באַוועגונג האָט ער בלויז געזאָגט, אַז עס איז נאָך צו פֿרי צו קענען וויסן אירע וויטערדיקע אַנטוויקלונגען. אָבער ער אַליין האָט צו די טערקן נישט קיין צוטרוי, אויך ניט צו די יונג־טערקן. אָט־דעם שטאַנדפּונקט האָט ער באַגרינדעט אין זיין רעדע אויף דער גרויסער מאַסן־פֿאַרזאַמלונג, לכבוד דער קאָנווענשאַן.

נאַטירלעך איז אָט־די רעדע געוואָרן דער צענטראַלער פּונקט פֿון דער קאָנווענשאַן. נישט אַלע פֿון די קעגנער פֿון פֿאַראייניקונגס־געדאַנק זיינען אַנטוישט געוואָרן אין זייערע דערוואַרטונגען, אַז חבר סירקין וועט שטאַרקן זייער עקסטרעמע שטעלונג. געווען צווישן זיי אַזעלכע, וועלכע האָבן אין דער האָפֿענונג אויף מעסאָפּאָטאַמיע געזען די רעאַליזירונג פֿון זייערע טעריטאָריאַליסטישע תשוקות. געווען אויך אַזעלכע עקשנים, וועלכע האָבן גלייך דערקלערט אויף דעם חבר סירקין ווי כמעט אַ „בוגד" אין טעריטאָריאַליזם. מיר, אָבער, די אָנהענגער פֿון דעם פֿאַראייניקונגס־געדאַנק, האָבן תיכף דערפֿילט, אַז אונז איז צוגעקומען אַ גרויסער כוח. אונזערע הערצער זיינען ממש אָנגעפֿילט געוואָרן מיט פֿרייד.

* * *

אַלע אַנדערע „פּראַקטישע״ פראַגן, מיט וועלכע אַ קאָנווענשאָן באַשעפ־טיקט זיך געוויינטלעך, זיינען פאַרשטויסן געוואָרן אין אַ ווינקל. זיי האָבן נישט אַרויסגערופן קיין אינטערעס. פאַראינטערעסירט האָבן נאָר נאָך צוויי פונקטן אויף דער קאָנווענשאָן: די גרויסע עפנטלעכע מאַסן־פאַרזאַמלונג און דער אויסוואַל פון צענטראַל־קאָמיטעט.

די מאַסן־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן טעאַטער אין קליוו־לאַנד. זי האָט צוזאַמענגעבראַכט זייער אַ גרויסן עולם און די קליוולענדער אידישע קהילה האָט ביז דאַן אַזאַ גרויסע אסיפה נישט געהאַט. די צענטראַלע רעדע האָט ווידער געהאַלטן חבר סירקין. ער האָט קודם אויסגעברייטערט זיינע געדאַנקען, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין רעפעראַט ביי דער קאָנווענשאָן. דאָס מאָל האָט ער זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף דער באַ־דייטונג פון דער יונג־טערקישער באַוועגונג. ער האָט באַגרינדעט זיין באַהויפּטונג פאַרוואָס ער האָט נישט צו זיי קיין צוטרוי. די טערקן — האָט ער דערקלערט — וועלן קיין וויכטיקע זעלבסטשטענדיקע ראָלע שוין מער נישט פאַרנעמען אין גאַנג פון דער צוקונפט. זיי וועלן מוזן זיין פאַרבינדעטע מיט איינער פון די גרויסע מאַכטן, וואָס גרייטן זיך צו אַ קאַמף פאַר דער העגעמאָניע איבער איראָפּע, וואָס מוז אויך איינשליסן אַזיע. דערמיט האָט ער אויך געזוכט צו פאַרשטאַרקן זיין מעסאָפּאָטאַמיע־איינשטעלונג, ווייל דעמאָלט וועלן מיר זיין נאַטירלעכע פאַרבינדעטע מיט ענגלאַנד. די טערקן וועלן, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, זיך פאַרבינדן מיט דייטשלאַנד. און אין דער פאַרשטאַרקונג פון דייטשלאַנד זעט ער, סירקין, אַ געפאַר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

די אַנדערע רעדנער אויף דער מאַסן־פאַרזאַמלונג זיינען געווען: די חברים אהרון גאַרבער, ד״ר אַווערבוך פון ניו־יאָרק, דער פיל־מאָל־דערמאָנטער שלמה שניאור, וואָס איז געווען אַ דעלעגאַט פון די באָסטאָנער ס. ט. און איך. דער חבר גאַרבער און איך האָבן ווידעראַמאָל באַגריסט דעם חבר סירקין צו זיין באַזעצן זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן און באַרירט אין אַ פּאָזי־טיפן אופן די פראַגע פון צוריקפאַראייניקונג מיט די פועלי־ציון. דער חבר אַווערבוך האָט ווידעראַמאָל אַרויסגעזאָגט זיין קעגנערשאַפט דערצו, כאָטש שוין נישט מיט אַזאַ שאַרפקייט ווי ביי דער קאָנווענשאָן. דאָס פרישסטע וואָרט ביי יענער גרויסער אסיפה איז געווען פון דעם חבר שלמה שניאור. זיין רעדע איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ זייער הויכן פּאַטאָס, וואָס נאָר דער חבר סירקין האָט אים, ביי שפּעטערדיקע אויפטריטן אין לאַנד, איבער־

געשטיגן. חבר שניאור איז ממש געווען איין שטיק אידעאַליסטיש פייער. ער איז אויך געווען דער עקסטרעמסטער אין זיין שטעלונג צו דער פאַר־איייניקונג. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז גרייט אויף אַ פאַראייניקונג אַפילו ווען די פועלי־ציון וועלן נישט מסכים זיין צו חבר סירקינ׳ס פאָרשלאַג, אָנצו־הויבן באַלד אַ גרויסע קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין מעסאָפּאָטאַמיע. ער האָט שוין אויפן אָרט געגעבן אַ פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פון דער יונג־טערקישער באַוועגונג פון ציוניסטישן שטאַנדפּונקט.

ביים אויסוואַל פון אַ צענטראַל־קאָמיטעט זיינען פאָרמירט געוואָרן נישט צוויי, נאָר דריי ריכטונגען. געוויילט זיינען געוואָרן דריי פון די אַנהענגער פון פאַראייניקונג — ד״ר סירקין, אַב. גאָלדבערג און איך; דריי פון די קעגנער מיט ד״ר אַווערבוך בראש און 9 פון די נישט־באַשטימטע מיטן חבר אַלבערט פּייפּמאַכער בראש. די באַשטימונג פון דער פראַגע, צי די ס. ט. פּאַרטיי זאָל נעמען די איניציאַטיווע אין דער פאַראייניקונגס־פראַגע איז איבערגעלאָזט געוואָרן צום צענטראַל־קאָמיטעט.

נאָך דער קאָנווענשאָן בין איך ווידער געבליבן אַ פונקציאָנאַר פון דער ס. ט.־פּאַרטיי. איך האָב נאָכאַמאָל באַזוכט די שטעט באַפאַלאָ, ראָטשעסטער און סיראַקיוז. איך האָב אויך באַזוכט אַ ריי אַנדערע שטעט. איך האָב איצט שוין געקענט ריידן פרייער צו חברים וועגן דער פאַראייניקונג, כאָטש אָפיציעל האָט די קאָנווענשאָן נישט אָנגענומען קיין באַשלוס וועגן פאַראייניקונג. די חברים פון צ. ק., וואָס האָבן געקענט מיינע מיינונגען, האָבן מיר געגעבן אַ פרייע האַנט אין דעם פּונקט. זיי האָבן נאַטירלעך געגעבן אויך די קעגנער אַ פרייע האַנט צו אַגיטירן זייער שטאַנדפּונקט. די יונג־טערקישע באַוועגונג איז געוואָרן אַ וויכטיקע טעמע פון מיינע אויפטריטן, בעיקר נאָכדעם ווי די רעוואָלוציע איז שוין דורכגעפירט געוואָרן. דער פּונקט וועגן רעאַליזירן דעם טעריטאָריאַליזם איז פאַר מיר שוין געוואָרן נישט אַזאַ שווערער ווי אין די פריערדיקע רייזעס. סוף זומער האָב איך זיך אומגע־קערט קיין ניו־יאָרק. גאָר אין גיכן האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַראייניקונגס־פאַרהאַנדלונגען, אין וועלכע איך האָב זיך, נאַטירלעך, באַטייליקט.

### ג.

אַרום אַ חודש נאָך דער קאָנווענשאָן האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט גערופן אַ ספּעציעלע זיצונג צו פאַרהאַנדלען וועגן דער פאַראייניקונגס־פראַגע. איך בין נאַטירלעך, אויפגעפאָדערט געוואָרן צו קומען צו אָט־דער זיצונג. ביי

די וויכוחים האָבן מיר דערפילט, אַז דער וועג צו פאַראייניקונג וועט אונז נישט אָנקומען גרינג.

אין יענער זיצונג האָט זיך באַטייליקט אַ נייער חבר, וואָס איז אָקאָרשט אַריבערגעקומען פון די רוסישע ס. ס. — יאַשאַ סעקאָדער. די פירערשאַפט פון די רוסישע ס. ס. האָבן געקוקט זייער קרום אויף די פאַראייניקונגס־שטימונגען וואָס האָבן זיך געטראָגן צווישן זייערע חברים אין אַמעריקע. זיי האָבן גוט געקענט דעם חבר ד״ר נחמן סירקין און זיינע פּאָליטישע נייגונגען. זיי האָבן זיך, דעריבער, נישט אומזיסט דערשראָקן פאַר דער השפעה וואָס ער קען אויסאיבן צווישן די אַמעריקאַנער ס. ט. מיר איז נישט באַקאַנט, צי זיי האָבן טאַקע ספּעציעל געשיקט דעם חבר יאַשאַ סעקאָדער, בכדי קעגנצואווירקן סירקינ׳ס איינפלוס, אָדער ער איז דאַן געקומען קיין אַמעריקע ווי אַ געוויינטלעכער אימיגראַנט. סיי ווי: ער האָט זיך באַוויזן אויף דער זיצונג. געבראַכט האָט אים דער חבר ד״ר ירחמיאל אווערבוך. און ווי נאָר די פראַגע פון פאַראייניקונג איז אַרויפגעבראַכט געוואָרן, איז ער באַלד אַרויס דער ערשטער מיט אַ שאַרפער אַטאַקע אויף די דריי אונ־טערגראָבער פון דער ס. ט.־פּאַרטיי אין אַמעריקע — ד״ר סירקין, אב. גאָלד־בערג און מיין ווייניקייט.

ער האָט גלייך אָנגעהויבןריידן וועגן דער נויטיקייט צו ראַטעווען „אונ־זער“ באַוועגונג, די באַוועגונג, וואָס „מיר“ האָבן אויפגעבויט, און וועלכע די דריי חברים האָבן זיך פאַרשוואוירן צו פאַרניכטן. איך קען זאָגן בלי גוזמא, אַז ווי יחידים־חברים האָבן אב. גאָלדבערג און איך צוגעטראָגן דעם גרעסטןביישטייער צום אויפבוי פון די אַמעריקאַנער ס. ט. חבר גאָלדבערג איז במשך פון דער גאַנצער צייט, וואָס די ס. ט. האָט פונקציאָנירט, געפאָרן איבערן לאַנד און האָט כסדר געהאָלפן בויען די פּאַרטיי. זיין השפעה איז געווען פיל גרעסער ווי מיינע. אים האָבן חברים בעסער געקענט און ער איז טאַקע געווען אַ פיל בעסערער רעדנער מיט מער ווירקונג פאַר מיר. ד״ר סירקין, כאָטש ער איז דאַן געווען אין צפון־אַמעריקע בלויז אַרום אַ פערטל יאָר, האָט ער שוין דאַן געהאַט די גרעסטע השפעה אויף חברים. סיי זיין וועלט־נאָמען, סיי זיינע שריפטן, וואָס זיינען געלייענט געוואָרן פון כמעט אַלע ס. ט.־חברים, האָבן אַרויסגערופן גרויס צוטרוי צו אים. זיינע אויפטריטן אויפן קאָנווענשאָן האָבן פאַרשטאַרקט זיין רענאָמע און השפעה. איך בין זיכער, אַז ווען מען נעמט צוזאַמען דעם ביישטייער פון אָט־די דריי חברים צום אויפבוי פון דער פּאַרטיי, וואָלטן זיי געווען שקול כנגד דעם ביישטייער פון אַלע אַנדערע ווירקנדיקע חברים צוזאַמענגענומען. און דאָ קומט אַ נייער

חבר, די סאַמע ערשטע וואָך אין לאַנד, און שרייט זיך פונאַנדער, אַז אַט־די דריי חברים גראָבן אונטער די באַוועגונג, וועלכע עפּעס אַן אומבאַשטימטער „מיר״ האָט אויפגעבויט אין אַמעריקע.

דער עפּיזאָד גופא האָט אונז אַוודאי ווייניג געטאָן, אָבער ער איז נאָר געווען וויכטיק ווי אַ באַווייז, אַז מיר — די אָנהענגער פון פּאַראייניקונג — דאַרפן זיך גרייטן צו אַ שווערן קאַמף אין דער פּאַרטיי. און דער קאַמף האָט זיך געצויגן דורך דער גאַנצער צייט וואָס די פּאַרהאַנדלונגען האָבן זיך גע־פירט. זיי האָבן געדויערט עטלעכע חדשים. איך וויל נאָר דערציילן וועגן נאָך איין עפּיזאָד, דער שאַרפסטער אין דער גאַנצער פּרשה, וואָס איז שוין פאָרגעקומען נאָך דער פּאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן; און דאַן וועל איך איבער־גיין צו די פּאַרהאַנדלונגען גופא. מער וועל איך זיך צו די אינעווייניקסטע שוועריקייטן אין דער ס. ט.־פּאַרטיי נישט אומקערן.

* * *

תיכף נאָך דער שיקאַגער פּאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די ניו־יאָרקער סאָציאַליסטן־טערי־טאָריאַליסטן, וואו די חברים סירקין און גאָלדבערג האָבן געדאַרפט אָפּגעבן אַ באַריכט פון דער קאָנווענשאָן (איך האָב צו דער קאָנווענשאָן נישט געקענט פאָרן). גלייך ווי חבר גאָלדבערג האָט אָנגעהויבן זיין רעדע, איז אויס־געבראָכן אין זאַל אַ פיזישער געשלעג צווישן די אָנהענגער און קעגנער פון דער פּאַראייניקונג. עד היום קלינגט מיר נאָך אין די אויערן די דינע, כמעט סאָפּראַנאָ־שטימע פון חבר ד״ר סירקין, וואָס איז אַראָפּ פון דער טרי־בונע און איז אַריין אין סאַמע מיטן פון די שלעגער און האָט אויסגערופן: „חברים, איר ווילט מיך שלאָגן — אָט בין איך!״. דורך אָט־דעם רוף זיינעם איז דאָס געשלעג תיכף אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַ פּאָר צע׳כעס׳טע חברים האָבן געשריען: „מיר ווילן גאָלדבערגן!״ איז חבר גאָלדבערג אויך אַרונטער־געגאַנגען זאָגנדיק: „אָט בין איך״. אָבער די היץ פון די שלעגער איז שוין געווען אָפּגעקילט. חבר גאָלדבערג איז צוריק אַרויף אויף דער טריבונע און האָט געפּרובירט פאָרזעצן זיין רעדע־באַריכט. עס איז אים אָבער נישט געלונגען זי צו ענדיקן. מען האָט אים כסדר איבערגעריסן מיט שאַרפע אויסרופן.

ווען סירקין האָט זיך געשטעלט ריידן, האָבן אייניקע חברים נאָך אַלץ פּרובירט אים פאַרוואַרפן מיט צווישן־רופן. אָבער סיי דער דרך־ארץ צו אים, סיי זיינע שאַרפע ענטפערס אויף די צווישן־רופן, סיי אויך דער פאַקט, וואָס

דאָס פּייער אין די הערצער איז שוין געווען אויסגעברענט. דערפאַר האָט ער זיין רעדע יאָ פאַרענדיקט. דאָס איז שוין געווען אַ כאַראַקטעריסטישע סירקין־רעדע, מיט אַלע יענע עלעמענטן וואָס ער האָט שטענדיק דעמאָנסט־רירט אין אַ רעדע, אויב נאָר ער אַליין האָט דאַן געהאַט עליית נשמה. און דווקא דער ביטערער עפּיזאָד האָט זי אין אים אַרויסגערופן.

ער האָט בעיקר גערעדט וועגן די רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין דער גאַנצער וועלט. די יונג־טערקישע רעוואָלוציע איז נאָר דער ערשטער אָנזאָג פון די ענדערונגען; ער האָט ברייט און טיף אַנאַליזירט די קעגנזייטיקע אינטערעסן צווישן די אייראָפּעאישע גרויסמאַכטן; ער האָט אָנגעוויזן אויף עטלעכע אינטערנאַציאָנאַלע דערשיינונגען, וואָס באַווייזן ווי פאַרשאַרפט ס׳ווערן די באַציאונגען צווישן זיי; קיינער קען נישט פאָראויס־זאָגן ווען, אָבער אַ שטורעם וועט אויסברעכן. דאָס אידישע פאָלק מוז זיך גרייטן סיי צו פאַרטיידיקן זיינע אינטערעסן במשך פון די שטורעמדיקע יאָרן, וועלכע וועלן זיכער שטאַרק אָנגערירט ווערן, סיי אויסצונוצן אַלע מעגלעכ־קייטן, וואָס נייע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע קאָניוקטורן קענען אונז אפשר ברענגען. די אידישע אַרבעטער־כוחות, ספּעציעל יענע, וואָס זוכן לייזונגען, סיי פאַר נאַציאָנאַל־אידישע און סיי פאַר אַלוועלטלעך־סאָציאַלע פּראָבלעמען, דאַרפן זיך גרייטן צו אַ גרויסער ראָלע אין דער נייער אידישער געשיכטע. אויך צוליב דעם מוזן אונזערע כוחות זיין פאַראייניקט. פּסוקים פון אַ פּראָגראַם טאָרן נישט שטיין אין אונזער וועג. מיר האָבן אין שיקאַגאָ געפונען דעם נוסח, וואָס אַלע קענען אָננעמען. אונזערס אַ גרויסע איניציאַ־טיוו, וואָס וועט ווערן מעגלעך נאָר דאַן, ווען מיר וועלן זיך פאַראייניקן, וועט אַרויסרופן פּאָטענצן אויך אין די אידישע בירגערלעכע קרייזן. דאַן האָט ער צום ערשטן מאָל אַרויסגערוקט דעם געדאַנק פון אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס דאַרף שנעל צוזאַמענגערופן ווערן, בכדי דאָס אידישע פאָלק זאָל באַקומען אַן אָנערקענטע רעפּרעזענטאַנץ.

מען דאַרף געדענקען, אַז אין טעריטאָריאַליסטישע קרייזן פון אייראָפּע איז דאַן אויפגעשוואומען דער געדאַנק וועגן רופן אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס צוליב דער רעגולירונג פון דער אידישער וואַנדערונג. חבר סירקין האָט אויך דעם פּונקט אַרויסגעבראַכט. אָבער דאָס איז נאָר געווען אגב־אורחא. בעיקר איז אים דאַן געגאַנגען אין אויפשטעלן אַן אָנערקענטע אידישע וועלט־רעפּרעזענטאַנץ, וואָס זאָל קענען אין נאָמען פון גאַנצן אידישן פאָלק, אָננעמען אַלע יענע נויטיקע שריט, וואָס די נייע אינטערנאַציאָנאַלע קאָניוקטור קען אונז אפשר ברענגען. (אין דעם פּונקט איז ער נישט געווען דער ערשטער

וואָס האָט דעם געדאַנק פון אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס געבראַכט צו דער אידישער עפנטלעכקייט. מיט דריי יאָר פאַר אים האָט דער אַדוואָקאַט אברהם שאָמער, דער זון פון דעם באַרימטן לאַנגע־ראָמאַנען שרייבער, אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור, אין וועלכער ער האָט אַגיטירט פאַרן געדאַנק פון אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס. מער וועגן דעם — ווען איך וועל צוקומען צום קאַפּיטל „די קאָנגרעס־באַוועגונג אין אַמעריקע"). דאָס אידישע, הומאָריסטישע וואָכנ־בלאַט, „דער קיביצער", האָט אויסגעלאַכט דעם דאָזיקן סירקין־געדאַנק דורך אַ קאַריקאַטור, וואָס האָט באַוויזן וויאַזוי סירקין אַדרעסירט דעם ערשטן אידישן וועלט־קאָנגרעס, וועלכער איז באַשטאַנען פון ליידיקע שטולן. אָבער דער געדאַנק איז פאַרזייט געוואָרן און איז שפּעטער אויך פאַרווירקלעכט געוואָרן, ווען אַפילו זייער וייט פון דעם פאַרנעם וואָס חבר סירקין האָט אָנגעצייכנט פאַר אַן אידישן וועלט־קאָנגרעס אויף יענער פאַרזאַמלונג, וואו די חברים פון דער ס. ט.־פּאַרטיי האָבן, דווקא דורך גאָר נישט קיין אָנגענעמע האַנדלונגען, אַרויסגערופן אין חבר סירקין זיין אינערלעכן פּאַטאָס וואָס האָט אים ממש דערהויבן.

די דאָזיקע רעדע האָט אוודאי געשטאַרקט די הערצער פון די אָנהענגער פון פאַראייניקונג; האָט זיכער משפּיע געווען אויף די צווייפלער אָפּצושוואַכן זייערע ספיקות און האָט נאָך מער פאַרביטערט די עקסטרעמע קעגנער פון דער פאָרגעקומענער פאַראייניקונג.

## ד.

אָבער אָט־די פאַרזאַמלונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן שוין נאָך דער פאַראייניקונג. עס דאַרף נאָך בקיצור דערציילט ווערן וועגן דעם גאַנג פון די פאַראייניקונגס־פאַרהאַנדלונגען.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט, אויף דער אויבן־דערמאָנטער זיצונג, אָנגענומען דעם פאָרשלאָג אויסצואווילן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג סיי מיט די פּועלי־ציון, סיי מיט ד"ר חיים זשיטלאָווסקיס גרופּע (זי האָט זיך אין ניו־יאָרק גערופן „די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן־טעריטאָריאַליסטן"). ד"ר זשיטלאָווסקי אַליין איז באַלד געוואָרן דער הייסטער אָנהענגער פון דער פאַראייניקונג. ער האָט זיך נאַטירלעך נישט באַנוגנט מיט סתם אַ הסכמה. ער האָט פאָרמולירט זיין אייגענעם פאַראייניקונגס־פּראָגראַם. ער האָט אין דער פאַראייניקונג אויך געוואָלט אַריינברענגען דעם „בונד". ער האָט אין זיין חודש־זשורנאַל „דאָס נייע לעבן" אָנגעהויבן דרוקן אַ סעריע בריוו צו אַלע פּאַרטייען, באַווייזנדיק זיי, אַז זיין פאַראייניקונגס־

פראגראם נעמט אריין אַלע פּאָזיטיווע צילן פון אַלע פּאַרטייען. בעיקר דאַרף דאָמינירן אין דער אַקטיוויטעט פון דער קומענדיקער פאַראייניקטער פּאַרטיי די נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות.

ווען חבר זשיטלאָווסקי האָט געגעבן זיין הסכם איז, נאַטירלעך, זיין גרופּע מיט אים מיטגעגאַנגען. אָבער בעת עס איז געקומען די צייט אַריינצוטרעטן אין דער נייער פּאַרטיי, וואָס האָט אָנגענומען כמעט דעם גאַנצן זשיטלאָווסקי־פּראָגראַם וועגן נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות, האָבן זיך דאָן נישט אַלע אָנגעשלאָסן. אָבער די גרופּע האָט, ווי אַ גרופּע, נישט געשפּילט קיין ראָלע. דער עיקר איז געווען די פּערזאָן זשיטלאָווסקי. און ער האָט זיך יאָ אָנגעשלאָסן און זיך אַפילו געלאָזט וויילן אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער נייער פּאַרטיי. עס וועט נאָך אויסקומען צו דערציילן וועגן זיין ראָלע אין איר.

דאָס וויכטיקסטע איז אָבער דאָן געווען די שטעלונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון. וואָס עס איז פאַרגעקומען אויף זיינע זיצונגען ווייס איך נישט. מן־הסתם האָבן אויך אים נישט געפעלט קיין שוועריקייטן מצד דער ברייטער מיטגלידערשאַפט. איך בין נאָר באַקאַנט מיט דער אָפיציעלער שטעלונג, וואָס די פּועלי־ציון־פאַרטרעטער אין די פאַרהאַנדלונגען האָבן אָנגענומען צו די פאַרשידענע פונקטן וואָס זיינען דיסקוטירט געוואָרן.

די פּועלי־ציון־פאַרטרעטער אין די פאַרהאַנדלונגען האָבן אָנגענומען די פאָלגנדיקע ליניע, וועלכע זיי האָבן אָנגעהאַלטן כמעט ביז צום סאַמע סוף פון די פאַרהאַנדלונגען: בנוגע די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן האָבן זיי אַרויסגערוקט די טענה, אַז אויב די ס. ט. האָבן זיך איבערצייגט, אַז די איינציק־מעגלעכע טעריטאָריע איז ארץ־ישראל, טאָ צו וואָס דאָס דינגעניש וועגן אַ נייעם פּראָגראַם? זאָלן זיי אַריינטרעטן אין דער פּועלי־ציון פּאַרטיי. זאָלן זיי דאָרט פאַרשלאָגן דעם געדאַנק וועגן אָנהויבן קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין מעסאָפּאָטאַמיע. זיי זאָגן דאָך אַליין, אַז די שכנותדיקע לענדער זיינען איינגעשלאָסן אין דער ציוניסטישער באַזעלער פּראָגראַם. טאָ זאָלן זיי קומען מיט קאָנקרעטע פאַרשלאָגן און מיר וועלן צוזאַמען באַטראַכטן, צי מען קען זיי יאָ אָדער נישט רעאַליזירן.

גאָר אַן אַנדער באַציאונג האָבן זיי געהאַט צו דער זשיטלאָווסקי־גרופּע. זיי האָבן זיך שטאַרק איבערגעשראָקן פאַר זשיטלאָווסקין און פאַר זיין פּראָגראַם. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער וועט אויסאיבן גאָר אַ שטאַרקן איינפלוס, אויב ער וועט זיך באמת אָפּגעבן מיט דער פאַראייניקטער פּאַרטיי. זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז זיין צענטראַלער ציל איז: די אָנערקענונג פון אידיש ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך. די שטעלונג פון די וויכטיקסטע פּועלי־ציון־פירער איז

דאָן געווען, אַז די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אידישן פאָלק איז העבּ־רעאיש. זיי זיינען געווען פאַר דעם צו באַטראַכטן אידיש ווי אַ פאָלקס־שפּראַך, אָבער נישט ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך.

נאָך שאַרפער איז געווען זייער פּחד פאַר זשיטלאָווסקיס „סיימיסטן־"־איינשטעל, אַז די אַרבעט פון בויען די טעריטאָריע — ווען אַפילו מען איניקט זיך פּרינציפּיעל אַז די טעריטאָריע איז ארץ־ישראל — קען וואַרטן. פריער, און בעיקר, דאַרף קומען די נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות. אַמשאַרפסטן האָט ער אַרויסגערוקט דעם געדאַנק וועגן גרינדן אייגענע שולן צו דערציען אידישע קינדער. און גלייך האָט ער פאָרמולירט, אַז די לערן־שפּראַך אין די שולן מוז זיין אידיש. די פּועלי־ציון זיינען, נאַטירלעך, געווען פאַר גרינדן שולן און פאַר טאָן אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע אַרבעטן אין גלות. אָבער — ערשטנס — נישט אויפן חשבון פון די פּראַקטישע בוי־אַרבעטן אין ארץ־ישראל און נישט אויפגעבן זייער שטעלונג וועגן העברעאיש. זיי — די פּועלי־ציון־פאַרטרעטער, וואָס איינער פון זיי דער חבר ד״ר ישראל אַפּעלבוים, לעבט שוין אַ סך צענדליקער יאָרן אין ארץ־ישראל — האָבן געהאַט פאַר זיך אַ קלאָרע, אויסגעהאַלטענע ליניע במשך דער גאַנצער צייט, וואָס די פאַרהאַנד־לונגען זיינען אָנגעגאַנגען.

ה.

פיל שווערער האָבן עס געהאַט די פאַרטרעטער פון די ס. ט., ווייל אין זייער פאַרהאַנדלונגס־קאָמיטעט גופא איז נישט געווען קיין הסכמה וועגן פאַרשידענע פאַרהאַנדלטע פונקטן. אָפט האָט מען געדאַרפט רופן ספּעציעלע זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט, בכדי צו באַקומען נייע אינסטרוקציעס. ביי יעדער זיצונג האָבן די עקסטרעמע קעגנער געזוכט צו מאַכן שטערונגען אינעם גאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען.

פון די דריי שאַרפסטע אָנהענגער פון דער פאַראייניקונג האָט איינער — חבר אב. גאָלדבערג — ביסלעכווייז פאַרלוירן דעם גאַנצן אינטערעס אין די פאַרהאַנדלונגען. ער האָט משמעות שוין במשך פון די פאַרהאַנדלונגען גע־טראַכט וועגן דעם לעצטן שריט, וואָס ער פערזענלעך וועט מאַכן, נאָכדעם ווי די פאַרהאַנדלונגען וועלן דערפירט ווערן ביז צו דער פּועלי־ציון־קאָנ־ווענשאָן. נישט לאַנג נאָכדעם האָט ער זיין שריט געמאַכט און איז אַוועק צו די אַלגעמיינע ציוניסטן. ד״ר סירקין און איך זיינען געבליבן די איינציקע צוויי, וועלכע האָבן געמוזט טראָגן אויף זיך די אחריות פאַרן דערפירן צו אַ פּאָזיטיוון אָפּשלוס פון די פאַרהאַנדלונגען. מיר האָבן אָבער צוגעקראָגן די

גאָר באַדייטנדיקע אונטערשטיצונג פון דעם חבר שלמה שניאור, וואָס איז נאָך דער ס. ט.־קאָנווענשאָן פאַרבליבן אין ניו־יאָרק עטלעכע חדשים. קיין מיטגליד אין דעם פאַרהאַנדלונגס־קאָמיטעט איז ער נישט געווען. אָבער ד״ר סירקין און איך האָבן זיך מיט אים זייער אָפט געטראָפן און באַטראַכט אונזערע ווייטערדיקע שריט אין די פאַרהאַנדלונגען.

און אַפילו אָט־די דריי חברים האָבן אויך נישט געהאַט קיין פעסט־געשטעלטע ליניע, ווי ווייט מיר קענען און מעגן גיין ביים מוותר זיין אויף אונזערע פאָרמולירטע פונקטן. צווישן די דריי איז די צעטיילונג געווען: חבר סירקין פון איין זייט און חבר שניאור און איך פון דער צווייטער זייט. איך וועל בלויז אָנצייכענען אונזערע שטעלונגען צו די צוויי וויכטיקסטע פונקטן.

דער פונקט וועגן מעסאָפּאָטאַמיע איז ביי חבר סירקין געווען כמעט ווי אַן אולטימאַטום: די נייע פאַראייניקונגס־פּראָגראַם מוז בולט אַרויסשטעלן אָט־דעם פונקט און נישט באַהאַלטן אים אונטער דעם אויסדרוק „די נאָכבאַר־לענדער". ער האָט אין יעדן נייעם געשפּרעך פון די דריי חברים אַלץ שאַרפער אונטערגעשטראָכן די געפאַר פון זיין פּאָליטיש אָנגעוויזן בלויז אויף טערקיי. דערצו האָט ער נאָך אַרויסגעבראַכט די האָפענונג, אַז אויב דער מעסאָפּאָטאַמיע־מאָמענט וועט בולט אַרויסגעהויבן ווערן, וועלן פיל מער חברים פון די ס. ט. אַריינטרעטן אין דער נייער פּאַרטיי. חבר שניאור האָט אַרגומענטירט, אַז עס וועט זיין אַ גרויסער היסטאָרישער טעות, אויב מען זאָל צוליבן בולטער אונטערשטרייכן דעם מעסאָפּאָטאַמיע־מאָמענט שטעלן אין געפאַר די פאַראיי־ניקונג. ער האָט זייער אָפט דערמאָנט דעם חבר סירקין זיינע, סירקינ׳ס, געדאַנקען וועגן דער גרויסער היסטאָרישער אחריות וואָס ליגט אויף אונזער באַוועגונג. ער האָט אַזעלכע רעדעס געהערט פון אים נאָך זייענדיק אין רוסלאַנד. איך האָב אויסגעדריקט שטאַרקע ספקות, צי ענגלאַנד וועט גרייט זיין צו טאָן עפּעס ממשות׳דיקס פאַר אונז. אויך איך האָב זיך געשטיצט אויף סירקינ׳ס אייגענעם אַנאַליז וועגן דער לאַגע פון טערקיי, ווי ער האָט עס אַרויסגעבראַכט אויף דער ס. ט.־קאָנווענשאָן. ענגלאַנד, האָב איך געזאָגט, וועט זוכן צוצוציען טערקיי צו זיך, פּונקט ווי דייטשלאַנד וועט זוכן צו ברענגען טערקיי אונטער איר איינפלוס. אין איר אוגאַנדאַ־פאָרשלאַג האָט ענגלאַנד זיך נישט געפונען אין אַזאַ לאַגע ווי בנוגע טערקיי. איך גלויב דעריבער נישט, אַז מיר האָבן אַן אַנדער אויסוועג ווי צו אָריענטירן זיך אויף טערקיי. אויב ענגלאַנד וועט געלינגען איינצוהאַלטן איר השפעה אין נאָענטן מזרח, וועט זי — אויב זי איז צו אונז באמת פריינטלעך — קענען

באַאיינפלוסן טערקיי לטובת אונז, צי מעסאָפּאָטאַמיע וועט יאָ, אָדער נישט אַרויסגעהויבן ווערן אין דער נייער פּראָגראַם.

סיי חבר שניאור, סיי איך האָבן צוגעגעבן, אַז דער צווייטער אַרגומענט פון חבר סירקין האָט וואָג. אָבער ביידע האָבן מיר געהאַלטן, אַז אויך די מעגלעכקייט צו געווינען נאָך אַ פּאָר צענדליק ס. ט.־חברים פאַר דער פאַר־אייניקטער פּאַרטיי איז נאָך אַלץ נישט אַזוי וויכטיק ווי די פאַראייניקונג גופא. מיר האָבן דעריבער פאָרגעשלאָגן, אַז אונזער טאַקטיק זאָל זיין צו פּרוּוון אַרויסברענגען אַזוי בולט ווי מעגלעך דעם מעסאָפּאָטאַמיע־פּונקט, אָבער — נישט איבערציען אַזוי שטאַרק דעם פאָדעם, אַז עס זאָל דערפירן צום פּלאַצן פון די פאַרהאַנדלונגען.

בנוגע זשיטלאָווסקיס פאָרשלאָגן זיינען אויך די מיינונגען צעטיילט גע־וואָרן צווישן חבר סירקינען פון איין זייט און חבר שניאור און מיר פון דער צווייטער זייט.

פאַר זיינע „סיימיסטישע" נייגונגען האָבן מיר אַלע דריי זיך ווייניקער געשראָקן ווי די פּועלי־ציון־פאַרטרעטער. אַנטקעגן דעם, האָבן מיר גע־וואוסט, אַז אין דער נייער פאַראייניקטער פּאַרטיי וועלן מיר מיט די פּועלי־ציון האָבן די אויבערהאַנט. די צעטיילונג צווישן אונז איז בעיקר געווען וועגן דער שפּראַכן־פראַגע. חבר סירקין האָט שטאַרק געוואָרנט קעגן די אַנטי־העברעאישע שטימונגען, וואָס באַהערשן דעם חבר זשיטלאָווסקי. ער האָט אָנגעוויזן אויף זשיטלאָווסקיס שטעלונגען אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואו אַפילו דער גרויסער קינסטלער פון דער אידישער ליטע־ראַטור, יצחק לייבוש פּרץ, האָט אים, זשיטלאָווסקין, געדאַרפט צוימען אין זיין עקסטרעמיטעט. פּרץ האָט נישט דערלאָזט, אַז אידיש זאָל אָנערקענט ווערן ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך, ווי ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט פאָרגעשלאָגן. דאָרט איז כאָטש געווען אַזאַ גרויסע פיגור ווי פּרץ, וועלכער האָט באַגריפן די באַדייטונג פון העברעאיש און האָט זיך דעריבער איינגעשטעלט פאַרן געדאַנק, אַז מיר האָבן צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן און אַז אידיש איז בלויז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך. אין דער נייער פּאַרטיי וועלן מיר קיין פּרץ־פיגור נישט האָבן. אַפילו צווישן די פּועלי־ציון זיינען דאָ עקסטרעמע אידישיסטן; ביי די ס. ט. איז דאָך די מאַיאָריטעט אידישיסטיש. אין דער נייער פּאַרטיי קענען די אידישיסטן ווערן אַ גרויסער כוח, סיידן עס זאָל לכתחילה, אין דער נייער פּראָגראַם, געגעבן ווערן העברעאיש דאָס פּאַסיק־היסטאָרישע אָרט, וואָס זי האָט אַלעמאָל פאַרנומען אין אונזער קולטור־לעבן. חבר סירקין האָט אונטערגעשטראָכן: „אַוודאי דאַרפן מיר בויען שולן פאַר אידישע קינ־

דער; אַוודאי דאַרף אידיש פאַרנעמען דאָרט אַ וויכטיק אָרט; אָבער דאָס וויכ־טיקסטע אָרט, און בעיקר די לערן־שפּראַך אין די שולן, מוז זיין העברעאיש.

חבר שניאור און איך זיינען אויף דעם שטח זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיטן חבר סירקין בעיקר אין צוויי פּונקטן: ערשטנס: מיר האָבן זיך וויי־ניקער געשראָקן פאַר זשיטלאָווסקיס איינפלוס אין דער נייער פּאַרטיי; אַפילו אויפן שטח פון נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות. אונזער שטעלונג איז געווען, אַז ער, זשיטלאָווסקי, ברענגט אונז אויך אויף דעם שטח נישט קיין נייעס. סיי די פּועלי־ציון, סיי די ס. ט. האָבן אָנגעפירט אַזעלכע אַרבעטן ביז איצט און וועלן עס אויך פירן אין דער צוקונפט. אויב חבר זשיטלאָווסקיס השפּעה וועט דערפירן צו מער אַקטיוויטעט איז — תבוא עליו ברכה. חבר שניאור האָט נאָך צוגעגעבן, אַז אויך דער געדאַנק וועגן בויען דערציאונגס־שולן איז נישט קיין נייער. ער האָט אונטערגעשטראָכן די געראַנגלען וואָס ביידע פּאַרטייען פירן אָן אין מאָנטרעאָל פאַרן געדאַנק פון בויען אייגענע שולן. עס בלייבט איבער בלויז די שפּראַך־פראַגע. איז חבר סירקין גערעכט, ווען ער פאָדערט, אַז העברעאיש זאָל פאַרנעמען איר היסטאָריש־באַרעכטיקטע פּאָזיציע, סיי אין דער נייער פּראָגראַם, סיי אין אונזערע שולן, ווען זיי וועלן אויפגעבויט ווערן. מיר האָבן אָבער מיט אים נישט מסכים געווען בנוגע דער לערן־שפּראַך אין די שולן. מיר האָבן דאַן ביידע געהאַלטן, אַז אידיש דאַרף זיין די לערן־שפּראַך. מיר האָבן עס באַגרינדעט דורך דער פּאַקטישער לאַגע פון די קינדער, וועלכע וועלן קומען אין אונזערע שולן. דאָס וועלן זיין קינ־דער פון אימיגראַנטן, וואָס זיינען נישט לאַנג געקומען אין לאַנד. אין זייערע הייזער איז אידיש די לעבעדיקע שפּראַך. דאָס וועט סיי פאַרגרינגערן די אַרבעט פון די לערער, סיי די קינדער וועלן קענען שנעלער זיך אויסלערנען דאָס, וואָס די שול וועט זיי דאַרפן געבן. אויסער דעם פּונקט וועגן דער לערן־שפּראַך איז אונזער שטעלונג געווען, אַז אידיש און העברעאיש דאַרפן באַקומען די גלייכע אויפמערקזאַמקייט אין דער דערציאונג.

חבר סירקין האָט סוף־כל־סוף אָנגענומען אונזערע פאָרשלאַגן. די גרעסטע השפּעה איז געקומען מצד דעם חבר שלמה שניאור, וועמען חבר סירקין האָט גוט געקענט פון די גאָר־ערשטע פּועלי־ציון פאַרזוכן אין ווילנע. חבר סירקין האָט נישט איינמאָל אויסגעדריקט גאָר אַ הויכע מיינונג וועגן חבר שלמה שניאור. איך האָב נאָך דאַן נישט געקענט דערוואַרטן אַזאַ באַציאונג פון חבר סירקין צו מיר. דעם חבר סירקין האָב איך שוין געקענט — דורך זיינע שריפטן — אַ פּאָר יאָר; ער מיך האָט אָבער געקענט בלויז עטלעכע וואָכן. איך בין אָבער גליקלעך צו פאַרצייכענען, אַז במשך די פאַראייניקונגס־פאַר־

האַנדלונגען זיינען אונזערע הערצער שטאַרק צוגעצויגן געוואָרן איינע צו דער צווייטער.

### ו.

די דריי חברים וואָס האָבן זיך אַליין באַשטימט ווי אַ „קאָמיטעט", וואָס זאָל העלפן ברענגען צו דער פאַראייניקונג, האָבן אויך פאַרהאַנדלט אַנדערע פונקטן, וואָס איניקע חברים פון די ס. ט. האָבן געזוכט אַרויפצו־ברענגען אויפן סדר־היום פון די פאַרהאַנדלונגען. ווי אַ ביישפּיל קען איך נעמען דעם פּונקט „וועגן רעגולירן די אידישע וואַנדערונג". די אייראָפּעאישע טעריטאָריאַליסטן האָבן אָט־דעם פּונקט באַטראַכט ווי זייערס אַ ספּעציעלן ביישטייער צו דער אידיש־געזעלשאַפטלעכער מחשבה. ווי שוין אויבן באַ־מערקט, האָבן זיי גערעדט וועגן צוזאַמענרופן אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס צו באַהאַנדלען די פראַגע וויאַזוי אַריינצוטראָגן מער אָרדענונג אין דער כאַאָ־טישער אידישער וואַנדערונג. האָבן איניקע פירנדיקע ס. ט.־חברים געטראַכט, אַז אויך דער פּונקט דאַרף געבראַכט ווערן צו די פאַרהאַנדלונגען מיטן צוועק, אַז אָט־דער געדאַנק זאָל געפינען זיין אָרט אין דער טעטיקייטס־פּראָגראַם פון דער נייער פּאַרטיי. געווען חברים וואָס האָבן עס ווירקלעך באַטראַכט ווי אַן ערשט־קלאַסיק פּראָבלעם. געווען אויך אַנדערע, וואָס האָבן געזוכט דורך אַזעלכע נייע פאָרשלאָגן שווערער צו מאַכן דעם גאַנג צו פאַראייניקונג. מיר אַלע דריי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז נישט קיין פּונקט פאַר פּראָגראַם־פאַרהאַנדלונגען. דאָס קען זיין אַ פאָרשלאָג פאַרן נייעם צענטראַל־קאָמיטעט. עס דאַרף בלויז פאַרהאַנדלט ווערן לויט די מעגלעכקייטן וואָס אַזאַ וועלט־קאָנגרעס וואָלט פאַרמאָגט ביים אויפשטעלן אַפּאַראַטן אין אַלע לענדער פון אידישער עמיגראַציע, וועלכע זאָלן זיין בכוח צו געבן דעם פּאָטענציעלן וואַנדערער סיי ריכטיקע אינפאָרמאַציע וועגן די איינוואַנדערונגס־לענדער, סיי טאַקע אויך ממשות'דיקע הילף. אַנדערש וועט עס זיין בלויז אַ פּוסטע אסיפה. אונז איז געלונגען צו איבערצייגן דעם צ. ק. פון די ס. ט., אַז מען דאַרף די פראַגע נישט אַריינברענגען אין די פאַרהאַנדלונגען. אַזוי איז עס אויך געווען בנוגע אַנדערע „נייע" פּונקטן.

בנוגע חבר זשיטלאָווסקיס פאָרשלאָג צו פאַרבעטן דעם „בונד" צו די פאַראייניקונגס־פאַרהאַנדלונגען, האָבן מיר אַלע דריי מסכים געווען. שפּע־טער האָט אויך דער גאַנצער צענטראַל־קאָמיטעט דערצו מסכים געווען — אַז מען טאָר דאָס נישט טאָן. מיר זיינען געווען זיכער, אַז די אַמעריקאַנער בונדישע גרופּן וועלן גאָרנישט ענטפערן אויף אַזאַ איינלאַדונג, סיידן זיי וועט זיך פאַרגלוסטן צו טרייבן אַביסל חוזק אויפן חשבון פון די בעלי־חלומות,

וואָס גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַ אידישער מדינה. און טאָמער וועט געשען עפּעס אַ נס און די אַמעריקאַנער בונדיסטן וועלן אָננעמען די איינ־לאַדונג, וועלן זיי פאָרמולירן אַזעלכע פּאָליטישע פּראָגראַם־פאָדערונגען, וואָס קענען שטעלן אין געפאַר אויך די מעגלעכקייט פון פאַראייניקן די דריי גרופּי־רונגען, וועלכע באַטייליקן זיך אין די פאַרהאַנדלונגען. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן, אַז סיי די ס. ט., סיי די פּועלי־ציון זאָלן פאָרשלאָגן זשיטלאָווסקין צו וואַרטן ביז מיר אַלע דריי וועלן זיך פאַראייניקן. מיר וועלן אויסקלייבן אַ פאַראייניקטן צענטראַל־קאָמיטעט. ער, זשיטלאָווסקי, וועט דאַן קענען גע־פינען אַ פּאַסיקע געלעגנהייט צו ברענגען זיין געדאַנק וועגן איינלאַדן דעם „בונד״ צו אַ פאַראייניקונג. דאַן וועלן מיר קיין זאַך נישט ריזיקירן. חבר זשיטלאָווסקי האָט מער וועגן דעם נישט גערעדט. ער איז געוויילט געוואָרן אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי. ער האָט געבראַכט צום צענטראַל־קאָמיטעט דווקא פיל פאָרשלאָגן. אָבער וועגן „בונד״ האָט ער קיין שום קאָנקרעטע פאָרשלאָגן מער ניט געבראַכט. דאָ און דאָרט האָט ער מרמז געווען, אַז פאַר אים איז נאָך די פאַראייניקונג ניט קיין פולשטענדיקע. גאָר בולט האָט ער אָט־דעם געדאַנק ערשט אַרויסגעבראַכט אויף דער מאָנטרעאָלער קאָנווענשאָן, ווען ער האָט דערקלערט, אַז מיר זיינען נאָך דערוויל ניט די פאַראייניקטע פּאַרטיי, נאָר די פאַראייניקונגס־פּאַרטיי. אָבער קיין וויטערדיקע אָנשטרענגונגען, אַז מען זאָל טאַקע אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיטן „בונד״ האָט ער ניט געמאַכט.

ז.

עס איז נישט מיין אויפגאַבע צו דערציילן וויאַזוי די פאַראייניקונגס־פּראָגראַם איז סוף־כל־סוף פאָרמולירט געוואָרן. ווער עס איז פאַראינטע־רעסירט זיך צו באַקענען מיט איר, קען באַקומען די מאַטעריאַלן. וויכטיק איז נאָר צו פאַרצייכענען, אַז די פאַראייניקונג איז סוף־כל־סוף צושטאַנד־געקומען; אַז אַ גרויסע צאָל — כאָטש נישט די מאַיאָריטעט — פון די ס. ט. האָבן זיך אין איר אָנגעשלאָסן; אַז אַ פאַרבליבענע ס. ט.־פּאַרטיי האָט ווייטער אָנגעפירט אַקטיוויטעטן אינעם אידישן לעבן, אָבער איר כוח איז וואָס ווייטער אַלץ קלענער געוואָרן; אַז נאָך אַ טייל פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן האָבן זיך צוריק אָנגעשלאָסן ערשט נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע; אַז דורכדעם איז זי נאָך מער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. און טראָץ דעם, וואָס פאַר־שידענע יחידים האָבן אויך נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע ווידער געפּרובירט אויפהויבן די סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע פאָן, האָבן זיי קיין דערפאָלג

נישט געהאַט. עד היום זיינען געבליבן יחידים, וועלכע באַטראַכטן זיך נאָך אַלץ ווי טעריטאָריאַליסטן. איך מעג אָבער, אָן מורא פאַר איבערטרייבונג, זאָגן, אַז מיטן פונאַנדערפאַל פון דער צפון־אַמעריקאַנישער סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג, האָט דער טעריטאָריאַליזם אויפגעהערט צו עקזיסטירן ווי אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע.

# יאָרן פון גרויסע פאַרמעסטן

**א.**

די פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן האָט געמאַכט אַ זייער טיפן איינדרוק אין דער גאַנצער אידישער עפנטלעכקייט. איך האָב זי פּערזענלעך נישט דורכ־געלעבט. דעריבער האָב איך נישט וועגן דער קאָנווענשאָן גופא קיין שום פּערזענלעכע זכרונות. מיינע איינדרוקן וועגן איר האָב איך באַקומען דורך דער פּרעסע. אַפילו די נישט־פּריינטלעכע צייטונגען האָבן געמוזט פּאָזיטיוו פאַרצייכענען דעם עצם־פאַקט פון דער פאַראייניקונג. די צייטונגען, וועלכע זיינען געווען פריינטלעך געשטימט, האָבן שטאַרק באַגריסט קודם די פּועלי־ציון און דאַן אויך די אַנדערע גרופּירונגען, וואָס זיינען אַריינגעטראָטן אין דער פאַראייניקטער פּאַרטיי. זיי האָבן אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז די נייע פּאַרטיי וועט אָנהויבן דורכפירן איר אָנגענומענעם פּראָגראַם און דורכדעם משפיע זיין דעם ווייטערדיקן גאַנג פונעם אידישן לעבן, בעיקר אינעם פאָלקס־סעקטאָר. איך בין ביי דער קאָנווענשאָן אַריינגעוויילט געוואָרן אין נייעם צענטראַל־קאָמיטעט. קיין פּאַרטיי־סעקרעטאַר איז ביי דער קאָנווענשאָן נישט אויסגעקליבן געוואָרן. און ביי דער סאַמע־ערשטער זיצונג פון נייעם צענטראַל־קאָמיטעט בין איך געבעטן געוואָרן איבערצונעמען צייטווייליק דעם אַמט פון פּאַרטיי־סעקרעטאַר. איך האָב מסכים געווען, מיטן באַדינג, אַז איך בלייב בלויז געצייילטע חדשים. איך האָב נישט געוואָלט ווייטער בלייבן אַ פּאַרטיי־אָנגעשטעלטער, בפרט אַז מיר איז דאַן אָנגעבאָטן געוואָרן אַ שטעלע ווי אַ בעל־מגיה אין דער „גרייזעל־פּרעס", וואָס האָט מיך שטאַרק געצויגן. אָבער במשך די פּאָר חדשים איז אויף מיר געפאַלן די אחריות איינצושטעלן די נויטיקע אַפּאַראַטן פאַר דער אַרבעט פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי. און געגרייט האָבן מיר זיך צו פאַרנעמען סיי אין דער ברייט, סיי אין דער טיף. גרויסע אַרבעטס־פּלענער זיינען במשך פון אָט־די חדשים פאַרהאַנדלט געוואָרן. די אויספירונג פון די דאָזיקע פּלענער איז שפּעטער געפאַלן אויף די פּלייצעס פון אַנדערע חברים, וואָס האָבן איבערגענומען דעם סעקרעטאַר־אַמט, בעיקר אויף די פּלייצעס פון דעם ענערגישן חבר הירש עהרנרייך עליו־השלום.

פּרטים וועט מיר אויסקומען צו דערציילן שפּעטער. איך האַלט אָבער פאַר נויטיק צו דערציילן וועגן מיין ערשטער דורכגעפירטער אַרבעט. זי געהערט צו יענע מאָמענטן וואָס האָבן אַ שטויס געטאָן פאַראויס אונזערע אַלע אַרבעטן. דער קרעדיט פון אָט דער השפּעה געהערט נישט צו מיר. זי געהערט צו די חברים ד״ר נחמן סירקין און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. די דאָזיקע ערשטע אַרבעט מיינע איז געווען: דורכצופירן דעם פייערלעכן באַנקעט אין ניו־יאָרק לכבוד דער פאַראייניקונג, אויף וועלכן די הויפּט־רעדנער זיינען געווען: ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און ד״ר נחמן סירקין. איך בין זיכער, אַז אַלע יענע וועלכע האָבן בייגעוואוינט אָט־די פייערונג — און געפינען זיך נאָך מיט אונז אויף דער וועלט; לײדער זיינען גאָר אַ סך פון זיי שוין אויף יענער וועלט — האָבן, פונקט ווי איך, קיינמאָל נישט פאַרגעסן די התרוממות הנפש וואָס מיר האָבן דאַן איבערגעלעבט.

עס איז איבעריק אונטערצושטרייכן דאָ מיינע אייגענע איבערלע־בונגען. איך האָב צוגעטראָגן זייער פיל מי צו דערפירן צו דער פאַראייניקונג. מיין קאָמפּענסאַציע איז אָבער, ביי אָט־דער פייערונג, געווען פיל גרעסער ווי איך האָב דערוואַרט. איך בין נאָך אַלץ געווען אַ רעכט ביסל נאַאיוו אין מיין אָפּטימיזם. פונעם צוזאַמענברענגען ד״ר זשיטלאָווסקי און ד״ר סירקין אין איין פּאַרטיי־ראַם האָב איך דערוואַרט זייער פיל, וואָס איז שפּעטער, לײדער, נישט רעאַליזירט געוואָרן. אָבער אויף דעם פייערלעכן באַנקעט לכבוד דער פאַראייניקונג זיינען מיינע דערוואַרטונגען געשטיגן גאָר־גאָר הויך, בעיקר דורך דער גרויסער רעדע פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

## ב.

אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך דערציילט וועגן דעם איינדרוק וואָס ד״ר זשיטלאָווסקיס רעפעראַט אויף דער טעמע „רעוואָלוציעס אין דער אידי־שער געשיכטע״, געהאַלטן כמעט גלייך נאָך זיין אָנקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט געמאַכט אויף אונזערע חברים, מיין ווייניקייט בתוכם. זיין רעדע אויפן פייערלעכן באַנקעט איז געווען פון דעם זעלביקן זשאַנער, אָבער מיט אַ זייער וויכטיקן קאָנקרעטן צוגאָב, וואָס האָט מער פון אַלע דערפרייט די פּועלי־ציון. אויף אַ ברייטער געשיכטלעכער קאַנווע האָט ער אויסגעמאָלט די ראָלע וואָס דער דראַנג צו שיבת־ציון האָט געשפּילט אין אונזער גע־שיכטע. „ווי אַ רויטער פאָדעם״ — טאַקע זיינע אייגענע ווערטער — „ציט זיך דורך אַלע אונזערע דורות די תשוקה אומצוקערן זיך נאָך ציון. נישט געווען קיין איין דור במשך דעם גאַנצן לאַנגן גלות, וואָס האָט נישט געהאָפט,

אַז אין זיין צייט וועט קומען די נאַציאָנאַלע גאולה. די גייסטיקע אויפברויזן, וואָס אָט־די תשוקה האָט אַרויסגערופן אין אידישע נשמות, האָט געפירט צו געוואַלטיקע אויפטרייסלונגען, וואָס האָבן אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון מיסטישע משיחישע באַוועגונגען. די דאָזיקע באַוועגונגען האָבן אויסגעאיבט השפעות אויך אויסער די גרענעצן פון אידישן פאָלק. וועגן דעם איז היינט נישט די רייד. אין אונזער אינעווייניקסטן לעבן איז דורך אָט־די באַוועגונגען געשטאַרקט געוואָרן אונזער נאַציאָנאַלער פּאַטאָס. דאָס האָט געגעבן כוח אויסצוהאַלטן אַלע שיפלותן פון גלות און נישט פאַרלירן, נישט דעם צלם איד און נישט דעם צלם מענטש. ווען איך טראַכט, אַז אפשר איז דווקא אונזער באַשערט צו זיין דער דור אין וועלכן אָט־די גאולה־תשוקות קענען פאַרווירקלעכט ווערן און אַז מיר אַליין קענען העלפן דערפירן צו אָט־דער פאַרווירקלעכונג, פאַל איך אַליין אַריין אין מיסטישע ספערן. איך כאַפּ מיך אָפּט ביי אָט־דעם „פאַרברעכן". איך זוך מיך באַלד צו באַפרייען דערפון און צוריק זיך לאָזן פירן פון „קאַלטן", לאָגישן פאַרשטאַנד. אָבער ווען איך אַנאַליזיר מיך אַליין פיל איך, אַז עס איז זייער גוט וואָס מיין נשמה באָדט זיך אָפּט אויס אין די מיסטישע נעפּלען. דאָס לאָזט מיך נישט אינגאַנצן פאַרזינקען אין דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע; יענע פילאָזאָפיע וואָס וויל מאַכן פון מענטשלעכן גייסט אַ פּוס־בענקעלע פאַר זיינע מאַטעריאַליסטישע אינטערעסן, אָדער, אין בעסטן פאַל, אַ דאַך־היטעלע, וואָס זאָל זיך האָבן אַנטוויקלט פון דעם מענטשס מאַטעריאַליסטישע האָר (אַ סאַרקאַזם קעגן דעם מאַרקסיזם. ב. צ.). איך בין דאָך אָבער נישט מער ווי אַ יחיד. אַ פאָלק טאָר זיכער נישט בלייבן אָן אַ מיסטישן גאָט, צו וועלכן ער זאָל זיך ציען, בפרט אַ פאָלק וואָס לעבט אין גלות". און וויטער און וויטער האָט ער געוועבט זיין אייגענעם מחשבה־פאָדעם, וואָס האָט באַצויבערט די פאַרזאַמלטע.

ווען חבר נחמן סירקין האָט זיך געשטעלט ריידן איז ער שוין געווען דורכגעדרונגען מיט עלית נשמה דורך ד״ר זשיטלאָווסקיס רעדע. און ווען סירקין איז בשעת׳ן ריידן געווען פאַרכאַפּט דורך עלית נשמה, איז זיין רעדע אַלעמאָל געווען געלונגען. דאָס מאָל האָט ער ממש איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. ער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע מיט אַ כאַראַקטעריסטישן סירקין־סאַרקאַזם אויפן חשבון פון ד״ר זשיטלאָווסקי. זיינע ערשטע אַריינפיר־ווערטער געדענק איך זייער פּינקטלעך. ער האָט אַזוי געזאָגט:

„ווען איך האָב זיך צעטיילט מיט זשיטלאָווסקין די אידישע וועלט, האָב איך אים אָפּגעגעבן אַלץ וואָס איז דאָ און פאַר מיר האָב איך איבערגעלאָזט אַלץ וואָס איז נאָך דערווייל נישטאָ. איז אין זיין חלק געבליבן דער גלות,

וואָס איז דאָ, און איך האָב פאַר זיך געגומען אַ טעריטאָריע, וואָס איז נאָך נישטאָ. אמת, זשיטלאָווסקי רעדט אַמאָל אויך וועגן אַ טעריטאָריע, אָבער ער לייגט זי אָפּ עד ימות המשיח. איך וויל אַ טעריטאָריע במהרה בימינו. אין זיין חלק איז איבערגעבליבן אידיש, וואָס איז דאָ, און פאַר זיך האָב איך איבערגעלאָזט העברעאיש, וואָס איז נאָך נישטאָ. (מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין 1909, צענדליקער יאָרן פאַרן היטלער־חורבן, ווען אידיש האָט געלעבט וויי־ניקסטנס אין 10 מיליאָן אידישע מיילער. די צאָל פון אַזעלכע אידן אין וועמענס מיילער העברעאיש האָט שוין געלעבט, האָט געקאָנט זיין העכסטנס צוויי־דריי צענדליק טויזנט. ב. צ.). היינט אָבער איז געקומען זשיטלאָווסקי און האָט איבערגענומען אונזער טעריטאָריאַליזם. נאָכמער: ער האָט באַשטימט וועלכע טעריטאָריע מיר מוזן האָבן און האָט זי פאַרבונדן מיט דער אידישער געשיכטע. אַ געוויסע צייט האָבן מיר ביידע געבלאָנדזשעט אין סתם־טעריטאָריעס. ער האָט נאָך צו זיין טעריטאָריאַליזם צוגעגעבן זיין רוסישע ס. ר.־פירמע (זשיטלאָווסקיס גרופּע האָט, ווי שוין דערציילט, זיך גערופן סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן־טעריטאָריאַליסטן) און איך האָב זיך באַגוגנט מיטן כלל־סאָציאַליסטישן געדאַנק. איך וואָרן אייך, חברים, אַז אין גיכן וועט ער אויך איבערנעמען מיין העברעאיש און מיך וועט ער טאַקע איבערלאָזן בעירום ובחוסר כל. אָבער אונזער באַוועגונג וועט אין אים געווינען אַ זייער גרויסן כוח. איך האָף, אַז ער וועט מיטגיין מיט אונז אין אַלע אונזערע צוקונפטיקע אַרבעטן. איך באַטראַכט זיין אַריינ־קומען ווי איינעם פון די וויכטיקסטע דערגרייכונגען פון אונזער פאַראייניקונג".

ד"ר סירקין איז דאַן אַריבער צו אַן אַנאַליז פון די וועלט־פּראָבלעמען און איז אַוועקגעשוואומען אין אַ פאַרזוך פאַראויסצוזאָגן וואָס עס מוז געשען. „די גאַנצע מענטשהייט" — האָט ער געזאָגט — „איז אַריינגעטראָטן אין אַ רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע, וואָס מוז סוף־כל־סוף פירן צום צוזאַמענפאַל פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. מען קען איצט נאָך נישט וויסן צי דאָס וועט געשען דורך מלחמות צווישן די גרויסע מאַכטן, אָדער דורכן קלאַסן־קאַמף פון דעם אַרבעטער, אָנגעפירט דורך דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג. מען קען אויך נישט וויסן, וואָס עס וועלן טאָן אַלע יענע אונטערדריקטע ראַסן און גרופּן, וואָס פאַרנעמען גרויסע שטחים אין אַזיע און אַפריקע און זיינען קרבנות פון קאַפּיטאַליסטישן אימפּעריאַליזם. אָבער גרויסע רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען מוזן קומען".

דאַן איז ער אַריבער צום אַנאַליזירן די לאַגע פון אידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. ער האָט געוואָרנט וועגן די סכנות פון פולשטענדיקן

אומקום וואָס לויערט איבער אים, אינעם פּראָצעס פונעם געראַנגל פון די גרויסע וועלט־כוחות. מיט שאַרפע פיילן האָט ער באַשאָסן די אידישע בורזשואַזיע, וואָס איז בלינד צו דער לאַגע און מיינט, אַז פולע בירגערלעכע רעכט פאַר אידן אומעטום (דאָס איז דאַן געווען די צענטראַלע פּאָליטישע פאָדערונג פון כמעט אַלע אידישע בירגערלעכע פּאַרטייען אין אייראָפּע, בעיקר אין רוסלאַנד. ב. צ.) וועט קענען פאַרהיטן פון דער סכנה. זיי זעען נישט, אַז ווען אָט דער געראַנגל וועט זיך פונאַנדערפלאַקערן וועט פון אַלע הבטחות פון די איצטיקע רעגירונגען נישט איבערבלייבן קיין שריד ופליט. עס איז דעריבער אונזער היסטאָרישע פליכט צוצוגרייטן אונזער פאָלק „לקראת הימים הבאים״. דאָס קען טאָן נאָר דער באַוואוסטזיניקער אידישער פּראָלעטאַריאַט. דאַן האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו ד״ר זשיטלאָווסקין און זיך צו אים געווענדעט: „חבר זשיטלאָווסקי, איך אונטערשטרייך דער באַוואוסט־זיניקער אידישער פּראָלעטאַריאַט. דערמיט מיין איך בלויז יענעם טייל פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט אָנגענומען דעם טעריטאָריאַליזם, וואָס ווייסט, אַז אָן אַן אייגענער טעריטאָריע קען זיך דאָס אידישע פאָלק נישט ראַטעווען פון דעם אומגליק, וואָס דער קומענדיקער גרויסער וועלט־געראַנגל טראָגט מיט זיך פאַרן אידישן פאָלק אין גלות. (דאָס איז געווען אַ רמז קעגן חבר זשיטלאָווסקיס שטעלונג, אַז מען דאַרף אויך זוכן אַ פאַראייניקונג מיטן „בונד״. ב. צ.). פון די כוחות וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט אין שיקאַגאָ מוז אַרויסקומען סיי די זאָרג, סיי די מחשבה, סיי די איניציאַטיוו פאַר אַזעלכע צוגרייטונגען — און ווידער האָט ער באַנוצט דעם זעלביקן טערמין — לקראת הימים הבאים. מיך נעמט דעריבער אָן אַן אַנדער סאָרט ציטער ווי דעם חבר זשיטלאָווסקי, ווען איך טראַכט וועגן די שווערע אויפגאַבן מיט וועלכע די אידישע געשיכטע האָט באַלאַסטעט אונזער דור. ערשטנס: צי וועט דער דור עס ריכטיק אָפּשאַצן, ריכטיק אַנאַליזירן היסטאָריש; צווייטנס: צי וועט ער, דער דור, פאַרמאָגן גענוג אויסדויער, גענוג קאַמף־און־קרבנות־גרייטקייט פאַר דעם וואָס מוז געטאָן ווערן. בעיקר באַפאַלט מיך אַ פּחד ווען איך טראַכט, צי וועלן מיר זיך דאָ קענען דערהויבן צו יענער מדרגה פון אידעאַליסטישער איבערגעגעבנקייט, וואָס עס ווייזן שוין אַרויס אונזערע — ליידער, דערווייל, נאָך נישט זייער גרויסע צאָל — חברים אין ארץ־ישראל. אויב מיר וועלן יאָ פאַרמאָגן אָט־די מדרגה פון אידעאַליזם, וועלן דווקא מיר אָנהויבן שרייבן אַ נייעם הערלעכן קאַפּיטל אין דער אידישער געשיכטע דורך אונזער אַרבעט אין ארץ־ישראל״.

און כדי צו קאָנקרעטיזירן זיינע געדאַנקען איז ער אַריבער צו זיין

דעמאָלטיקער ליבלינג־טעמע: „קאָאָפּעראַטיווע גאָרטן־דערפער אין ארץ־ישראל”. ער האָט געשילדערט וויאַזוי די אידישע אַגראַר־אַרבעטער וועלן דאָרט איינאָרדענען זייער לעבן, אַזויווי דגניה און נהלל — און די הונדערטער אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע אַגראַר־ישובים — וואָלטן שוין דאַן באמת געווען עקזיסטירט און נישט זיך ערשט געפונען אין דער עמבריאָ־מחשבה פון געציילטע אידעאַליסטן. ער האָט פאַרענדיקט זיין רעדע מיט אַ רוף צו די חברים פון אַלע גרופּירונגען זיך אָנצוהויבן גרייטן פאַר זייער היסטאָרישער שליחות.

קוקנדיק איצט — 52 יאָר שפּעטער — אויף די אַנטוויקלונגען וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט די פאַראייניקונגס־קאָנווענשאַן און דעם פייערלעכן באַנקעט, קען מען עס אַזוי סומירן: ד״ר סירקין אַליין האָט זיין טייל שליחות אויסגעפירט פולע הונדערט פּראָצענט ביזן סאַמע לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ליידער קען מען עס נישט זאָגן וועגן ד״ר זשיטלאָווסקין. די האָפענונגען וואָס ד״ר סירקין — צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע חברים, איך צווישן זיי — האָבן פאַרבונדן מיט ד״ר זשיטלאָווסקיס אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי, זיינען ליידער נישט רעאַליזירט געוואָרן. איך וועל וועגן דעם דערציילן אין די וויטערדיקע קאַפּיטלען. וואָס איז שייך די האָפענונג וואָס ד״ר סירקין האָט פאַרבונדן מיט אונזער אַמעריקאַנער באַוועגונג, וועלן מוזן משפּטן מער אָביעקטיווע געשיכטע־פאָרשער. איך בין סיי נישט אָביעקטיוו, סיי נישט קיין געשיכטע־פאָרשער. איך קען נאָר דערציילן וועגן די וויטערדיקע אַנטוויקלונגען, ווי איך האָב זיי סוביעקטיוו דורכגעלעבט. און צו דעם וועלן זיין געווידמעט די וויטערדיקע שילדערונגען.

# די גרינדונג פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד

### א.

דער אָרדן־וועזן איז אין אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט געווען שטאַרק אַנטוויקלט צווישן די אידישע פאָלקס־מאַסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. עס זיינען געווען אָרדנס, וועלכע האָבן געציילט אַ סך צענטליקער־טויזנטער מיטגלידער. זיי זיינען מערסטנס באַשטאַנען פון נישט־לאַנג געקומענע אימיגראַנטן. די אָרדנס האָבן דאַן געגעבן זייערע מיטגלידער פאַרשידענע בענעפיטן: קראַנקען־בענעפיטן, פאַרזיכערן די משפחה אין פאַל פון טויט און ענלעכע בענעפיטן, אין וועלכע די אימיגראַנטן־מאַסן האָבן זיך שטאַרק גענויטיקט. איך מיין אָבער, אַז נישט די מאַטעריעלע בענעפיטן, ווי וויכטיק זיי זיינען געווען, האָבן צוזאַמענגעהאַלטן די גרויסע צאָל מיטגלידער פון די אָרדנס. אַ פיל־וויכטיקער צעמענט איז געווען די מעגלעכקייט, וואָס די אָרדנס האָבן געגעבן זייערע מיטגלידער פאַר געזעלשאַפטלעכער אויסלעבונג אין נאָענטע, פריינטשאַפט־שאַפנדיקע קרייזן. דער רוב אידישע מאַסן פון יענער עפּאָכע זיינען געווען דורכגעדרונגען פון עלנטקייט, פון בענקשאַפט נאָך זייערע אַלטע סביבות, וועלכע זיי האָבן פאַרלוירן; אַ בענקשאַפט נאָך דער נאָענטקייט פון מענטשן. די אָרדנס האָבן געזוכט כאָטש טיילווייז צו געבן אַזאַ ערזאַץ, אין וועלכן זייערע מיטגלידער זאָלן קענען שטילן אָט־די בענקשאַפט. די אָרדנס האָבן געגעבן די מעגלעכקייט פאַר דער אויפהאַלטונג פון די פאַרשידענע לאַנדסלייט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די אָרדנס. עס האָבן זיי נאָטירלעך געצויגן איינע צו די אַנדערע: רומענישע צו רומענישע, אונגאַרישע צו אונגאַרישע, גאַליציאַנער צו גאַליציאַנער. די אָרדנס האָבן בכן אויך געגעבן די מעגלעכקייט צוזאַמענצוברענגען אַזעלכע מענטשן איינע צו די אַנדערע, וועלכע קענען נאָך האָבן אויך בשותפות׳דיקע היימישע זכרונות, און דורך דעם פאַרגרינגערן זייער עלנט.

די ניי־געקומענע פּועלי־ציון האָבן אויך געליטן פון די זעלביקע בענק־

שאַפטן און איינזאַמקייט. אמת, זיי האָבן אַ טייל פון אָט־די בענקשאַפטן גע־שטילט אין זייער פועלי־ציון סביבה. די דאָזיקע סביבה איז אָבער דאָך געווען זייער אַ באַגרענעצטע. דערצו האָבן זיי זיך אויך געניטיקט אין די מאַטעריעלע בענעפיטן, וואָס די פועלי־ציון גרופן האָבן זיי נישט געקענט געבן. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ביי אַ טייל חברים איז אויפגעקומען דער געדאַנק פון זוכן אַ וועג צו דערמעגלעכן אויך פאַר זיי אַ ברייטערע סביבה פאַר געזעלשאַפטלעכער אויסלעבונג און אויך די בענע־פיטן, וואָס די אָרדן־מיטגלידער באַקומען.

אויסער די גאַר גרויסע אָרדנס האָבן שוין דאַן — ווען די פועלי־ציון האָבן געזוכט פאַר זיך דעם וועג פון אַזעלכע פאַרזיכערונגען — עקזיסטירט דער ראַדיקאַלער אַרבעטער־אָרדן: דער אַרבעטער־רינג. דאַן האָט שוין אויך עקזיסטירט אַ פּאָר יאָר צייט דער אָרדן בני־ציון, געגרינדעט פון די אַל־געמיינע ציוניסטן.

ב.

דער אָנהויב פון דער גרינדונג פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַר־באַנד איז דעריבער געווען פאַרבונדן מיט זייער שאַרפע וויכוחים אַרום פאָלגנ־דיקע מעגלעכקייטן:

א) אַריינטרעטן אין די עקזיסטירנדיקע אָרדנס;

ב) גרינדן אַ נייעם פאָלקס־אָרדן;

ג) גרינדן אַן אָרדן נאָר פון פועלי־ציון.

בנוגע פונקט „א", איז קיינעם נישט איינגעפאַלן אַריינצוטרעטן אין די אַלגעמיינע פאָלקס־אָרדנס. זיי זיינען געווען צוזאַמענגעשטעלט פון אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע פועלי־ציון האָבן נישט געקענט באַטראַכטן ווי סביבות פאַר זייער געזעלשאַפטלעכער אויסלעבונג. עס זיינען אָבער יאָ געווען חברים וואָס האָבן גערעכנט, אַז די פועלי־ציון דאַרפן אַריינטרעטן אין אַרבעטער־רינג. זייער צאָל איז אָבער געווען אַ קליינע. צווישן די סאָציאַליסטן־טערי־טאָריאַליסטן, וועלכע האָבן אויך געהאַט פאַר זיך דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, זיינען די אָנהענגער פון אָנשליסן זיך אין אַרבעטער־רינג געווען פיל מער. זיי האָבן טאַקע געגרינדעט עטלעכע אַזעלכע „בּרענטשעס" פון אַרבעטער־רינג. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פועלי־ציון (דאָס איז געווען אַרום אַ יאָר און אַ האַלב פאַר דער פאַראייניקונג) האָט געהאַט באַשלאָסן, אַז די פועלי־ציון זאָלן זיך אָנשליסן אין אָרדן בני־ציון.

געווען אַ גרופע פועלי־ציון אין ניו־יאָרק, צו וועלכער אויך איך האָב געהערט, וועלכע האָבן געדענקט, אַז מיר דאַרפן אָרגאַניזירן אַן אָרדן נאָר

פון פועלי־ציון. אַזאַ ערשטער פאַראיין איז טאַקע געגרינדעט געוואָרן. אין עטלעכע יאָר שפּעטער האָט דער דאָזיקער פאַראיין זיך אָנגעשלאָסן אין „פאַרבאַנד“, און איז געוואָרן זיין 40סטער צווייג.

אָבער צו דער גרינדונג פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, ווי מיר קענען אים איצט, האָט דווקא דערפירט אַן אַנדער גרופּע פון חברים, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן סיי פונקט „א“, סיי פונקט „ג“, און האָבן אָנגענומען דעם געדאַנק, אַז מען דאַרף גרינדן אַ נייעם אָרדן, וואָס זאָל נישט זיין באַגרענעצט אין זיין מיטגלידערשאַפט בלויז צו די פועלי־ציון, אָבער וואָס זאָל אָננעמען דעם גייסט פון די פועלי־ציון. אין אים זאָל קענען געפינען אַן אָרט יעדער אידישער פאָלקס־מענטש אָדער אידישער אַרבעטער, וואָס איז גרייט אָנצונעמען סיי זיין נאַציאָנאַלן, סיי זיין אַרבעטער־פּראָגראַם.

אָט־די גרופּע איז צוגעטראָטן צו דער פּראַקטישער אַרבעט. איר אָנפירער איז געווען דער איצטיקער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד, חבר מאיר בראָון. די ערשטע גרופּע האָט זיך אָרגאַניזירט אין פילאַדעלפיע, וואו חבר בראָון האָט דאַן געלעבט. די ערשטע גרופּע האָט זיך אָרגאַניזירט אָנהויב אויגוסט 1908 און אויף איר ערשטער זיצונג האָט זי פאָרמולירט אַ מין פּראָגראַם. עס איז כדאי איבערצוגעבן דעם דאָזיקן פּראָגראַם, ווייל איך רעכן, אַז ער האָט זייער פּינקטלעך געטראָפן צום סאַמע פּינטל, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד ביזן היינטיקן טאָג, כאָטש ער איז איצט אַ וועזנטלעכער טייל פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי עס האָט געשטרעבט יענע גרופּע, מיך איינגעשלאָסן, וואָס האָט געוואָלט האָבן אַ פועלי־ציון אָרדן. דאָס פּראָגראַם האָט געלויטעט:

> שאַפן אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַראיין פאַר קעגנזייטיקער פאַרזיכערונג און הילף; שטאַרקן דעם אידישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין פון זיינע מיטגלידער; קעמפן קעגן אַסימילאַציע־טענדענצן אין אידישן לעבן און אין אידישן אַרבעטער־לעבן; אָנפירן אַ אידישע קולטור און דערציאונגס־אַרבעט; אָפּגעבן זיך מיט אידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט; אַרבעטן פאַר דער ווידער־פאַראייניקונג פון פועלי־ציון און ס. ט.; פאַר פּראַקטישע מעשים לטובת דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן אידעאַל; זיך פאַרבינדן מיט חברים איבערן לאַנד, מיטן צוועק צו גרינדן ענלעכע פאַראיינען, וואָס זאָל פירן צו דער פאַרמירונג פון אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אַלס פּראָגרעסיוון אידישן אַרבעטער־אָרדן.

## ג.

דער ענדגילטיקער וויכוח וועגן פּראָגראַם פון אונזער אָרדן איז דורכגעפירט געוואָרן אויף דער דערמאָנטער פועלי־ציון קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאָל (געעפנט דעם 20טן אָקטאָבער 1910). אייניקע חדשים פריער איז שוין

פּאַקטיש פאַרגעקומען די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד. די דאָזיקע קאָנפערענץ איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ראָטשעסטער פון 10טן ביז 16טן יולי 1910. דאָרטן איז נאַטירלעך אויך געפירט געוואָרן דער וויכוח וועגן די פּרינציפּיעלע יסודות פון „פאַרבאַנד". ס'איז אויך כדאי צו פאַרצייכענען דעם באַשלוס פון דער גרינדונגס־קאָנפערענץ וועגן די גרונט־פּרינציפּן פון פאַרבאַנד. דער נוסח איז נישט געווען קיין סך אַנדערש פון דעם נוסח, וואָס די פילאַדעלפיער איניציאַטאָרן האָבן פאָרמולירט. אָבער דער פילאַדעלפיער נוסח האָט רעפּרעזענטירט די מיינונגען פון בלויז איינצלנע יחידים, בעת דער נוסח פון ראָטשעסטער האָט רעפּרעזענטירט די מיינונג פון אַ פאָרמעלער גרינדונגס־קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס זיינען געווען פאַרטראָטן שוין אויפגעשטעלטע פאַרבאַנד־צווייגן פון איבער 10 שטעט. איך האָב אויף אָט־דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פאַרטראָטן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. פּערזענלעך האָב איך רעפּרעזענטירט אַ מיינונג, וואָס איז נישט געווען צופרידן פון ביידע נוסחאות: נישט פון דעם פילאַדעלפיער און נישט פון דעם ראָטשעסטער. ווי מיר וועלן עס זען, ווען איך וועל דערציילן פונעם וויכוח אויף דער מאָנטרעאָלער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן. עס איז אָבער וויכטיק איבערצוגעבן אויך דעם נוסח ראָטשעסטער, ווייל סוף־סוף האָט דער געדאַנקענגאַנג פון אָט־דעם נוסח מנצח געווען אויך אין מאָנטרעאָל. דער ראָטשעסטער־נוסח האָט זיך געלייענט:

> דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד שטרעבט צו אָרגאַניזירן אַלע אידישע אַרבעטער אויף פאָלגנדיקע יסודות:
>
> א) קעגנזייטיקע הילף אין פאַל פון נויט, קראַנקייט און טויט;
>
> ב) דערציאונג פון אידישן אַרבעטער אין פולן באַוואוסטזיין פון זיינע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אינטערעסן;
>
> ג) דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד אונטערשטיצט אַלע אַרבעטן, וואָס פירן צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און אויפלעבונג פון אידישן פאָלק; ער אונטערשטיצט אויך אַלע אַרבעטן, וואָס פירן צו דער פאַרשטאַרקונג פון אַרבעטער־קלאַס.

ווי מען זעט איז דאָ נאָר איין פראַזע „צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און אויפלעבונג פון אידישן פאָלק", וואָס איז אין דעם פילאַדעלפיער נוסח נישטאָ. אָבער זאָגן קלאָר וואָס מען מיינט דערמיט, האָט אויך דער ראָטשעסטער־נוסח נישט געוואָלט. אין די וויכוחים אויף דער ראָטשעסטער גרינדונגס־קאָנפערענץ איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן קלאָר, פאַרוואָס די פאָרמולירער האָבן נישט געוואָלט ריידן קלאָר. זיי האָבן אַרגומענטירט, אַז מען דאַרף אַריינגעמען וואָס מער אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן אין דער אָרגאַניזאַציע. אין איר וועלן זיי דערציען ווערן צו קלאָרערע פּראָגראַמען און אויפגאַבן.

אָבער ביים אָנפאַנג קען אַזאַ קלאָרקייט אָפּהאַלטן אַ סך פון אָנשליסן זיך. זיכער איז אין דעם אַרגומענט געלעגן וואָג. מיין מיינונג האָט עס נישט געענדערט. אָבער די גאָר גרויסע מערהייט פון דעלעגאַטן האָבן יאָ אָנגענומען אָט־די אַרגומענטאַציע. עס קען דווקא זיין, אַז זיי — און נישט איך — זיינען געווען גערעכט. ווי געזאָגט, איז דער וויכוח אויך פאַרגעזעצט געוואָרן אויף דער מאָנטרעאָלער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן.

ד.

דער צענטראַלער פּונקט פונעם וויכוח אין מאָנטרעאָל איז אָבער שוין נישט געווען אַרום די דריי אויבן־דערמאָנטע איינשטעלונגען, נאָר אַרום דער פראַגע: ווי ווייט אָפן און ברייט דער פּראָגראַם פון אונזער נייעם אָרדן זאָלן זיין. דר. זשיטלאָווסקי האָט פאָרגעשלאָגן אַז דאָס פּראָגראַם זאָל זיין אַזוי ברייט, אַז אין אים זאָלן זיך קענען אָנשליסן מיטגלידער פון אַלע 4 אידישע אַרבעטער־פּאַרטייען: פּועלי־ציון, סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, זיין גרופּע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן־טעריטאָריאַליסטן און „בונד". נאָך דעם ווי אין דער פּאַרטיי איז עס אים נישט געלונגען, האָט ער געמאַכט אַ פּאַרזוך, אַז אינעם נייעם אָרדן זאָלן קענען אַריינטרעטן אויך מיטגלידער פון „בונד". דעריבער האָט ער גע׳טענה׳ט, אַז מען דאַרף נישט אַריינברענגען אינעם פּראָגראַם אַפילו דעם טעריטאָריאַליסטישן פּרינציפּ. קעגן אים זיינען מיר — דר. סירקין און איך — געווען דערפאַר, אַז דער נייער אָרדן זאָל לכל־הפחות אָננעמען דעם פּרינציפּ, אַז דאָס אידישע פאָלק נויטיקט זיך אין אַן אייגענער טעריטאָריע. מיר האָבן אויך געוואָלט, אַז אין דער אַרבעטס־פּראָגראַם פון דעם נייעם אָרדן זאָלן זיין איינגעשלאָסן פּראַקטישע אַרבעטן פאַר ארץ־ישראל. די גרויסע מאַיאָריטעט דעלעגאַטן, באַאיינפלוסט פון דער ראָטשעסטער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד און פון די גאָר־באַדייטנדיקע דערפאָלגן, צו וועלכע די פילאַדעלפיער איניציאַטאָרן־גרופּע האָט דער־פירט, האָבן אָנגענומען דעם שטאַנדפּונקט, ווי ער איז פאָרמולירט געוואָרן סיי אין פילאַדעלפיע, סיי אין ראָטשעסטער. זיי האָבן נישט אָנגענומען אונזערע אַרגומענטן. די מאָנטרעאָלער קאָנפערענץ האָט זיך געשטעלט פיל נעענטער צו זשיטלאָווסקי׳ס איינשטעלונגען, ווי צו אונזערע — פון דר. סירקין און מיך. די יעניקע חברים וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער פּראַקטישער אָרגאַניזירונגס־אַרבעט פון פאַרבאַנד, האָבן בכן געוואונען אויך די מאָנט־רעאָלער קאָנפערענץ אויף זייער זייט. דערמיט איז דער ערשטער פּרינציפּיעלער וויכוח פאַרענדיקט געוואָרן. איך רוף אים דער ערשטער וויכוח, ווייל שוין

נאָך מאָנטרעאָל איז אין די רייען פון די פאַרבאַנד־טוער גופא פאָרגעזעצט געוואָרן דער גראַנגל אַרום די פרינציפּיעלע יסודות פון פאַרבאַנד. אָבער דאָן איז עס שוין געווען אַ פּיל־רואיקערער וויכוח, וואָס האָט נישט אַזוי צעשטורעמט די געמיטער און האָט שוין נישט געשטערט דעם ווייטערדיקן פונאַנדערבוי פון אונזער אָרדן.

ה.

חבר סירקין און איך האָבן גלייך נאָכן באַשלוס אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז מיר זיינען גרייט מיט אַלע כוחות צו העלפן בויען אונזער אָרדן. דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט אַזאַ דערקלערונג נישט אָפּגעגעבן. איך ווייס נישט צי ער האָט שוין דאַן געטראַכט וועגן דעם שריט, וואָס ער האָט געמאַכט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַרבעטער־רינג. פּערזענלעך האַלט איך דווקא אָט־דעם שריט זיינעם פאַר אַ ריכטיקן. ער האָט אָן ספק שטאַרק באַאיינפלוסט דעם אַרבעטער־רינג, אַז אויך ער זאָל אָנהויבן בויען אידישע דערציאונג־שולן.

דר. סירקין און איך האָבן זיך נאַטירלעך אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד. גאָר גיך האָבן מיר געהאַט די טיפע סאַטיספאַקציע, ווען בסך־הכל מיט צוויי יאָר שפּעטער — אויף דער פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן אין אָלבאַני — איז קלאָר געמאַכט געוואָרן די שטעלונג פון „פאַרבאַנד" צו ארץ־ישראל. עס מוז פאַר־צייכנט ווערן צום קרעדיט פון דער פירערשאַפט פון פאַרבאַנד — וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ אין ראָטשעסטער — אַז זיי האָבן די צוויי יאָר צייט, צווישן ראָטשעסטער און אָלבאַני, אויפגעטאָן גרויסע דערציאונגס־אַרבעט צווישן זייער אַלץ־שטייגנדיקער צאָל חברים. די חברים פון פאַרבאַנד זיינען שטאַרק צופרידן געווען פון די געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אָדער אַליין אונטערגענומען, אָדער מיט־געהאָלפן די פּועלי־ציון. זיי האָבן גענומען בעסער באַגרייפן דעם קאַמף וואָס ווערט געפירט צווישן די אַרבעטער פאַר נאַציאָנאַלער פאַרשטאַרקונג פון אידישן פאָלק; זיי האָבן געשעפּט נחת פון דער אַרבעט אַרום קינדער־דערציאונג, וואָס האָט זיך דאַן צעוואָרעמט. און די חברים זיינען אויך דער־צויגן געוואָרן צו באַגרייפן דעם ארץ־ישראל פּונקט. אַפילו יענע, וועלכע האָבן פריער זיך באַצויגן פרעמד און קאַלט צום ארץ־ישראל געדאַנק, זיינען אויפגעקלערט געוואָרן צו באַנעמען אַנדערש די באַדייטונג פון ארץ־ישראל פאַרן קיום פון אידישן פאָלק. אַפילו זיי, די וואָס זיינען געווען פריער קאַלט צום ציוניזם, האָבן זיך אָנגעהויבן פילן זייער גליקלעך אין פאַרבאַנד, דווקא

פאַר זיין פּאָזיטיווער באַציאונג צו דער ארץ־ישראל אַרבעט. אין אָלבאַני איז עס געקומען צום אויסדרוק אויך אין די נייע אָפיציעלע באַשלוסן.

דער „פאַרבאַנד״ האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרנעמען זיין פּאַסיקן פּלאַץ אין אַלע אויפגאַבן, צו וועלכע ער האָט זיך גענומען. ביסלעכווייז איז ער צוגעגרייט געוואָרן צו יענע פיל־גרעסערע פאַרמעסטן, וואָס די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אויף זיך גענומען; צו יענע גרויסע פּרשיות אין וועלכע די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג איז געשטיגן זייער הויך אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט און האָט טאַקע צוגעטראָגן אַ גרויסן שטייער צו יענע קאַפּיטלען אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן. וועגן זיי וועט דערציילט ווערן אינעם צווייטן באַנד פון מיינע זכרונות.

דאָ וויל איך נאָר צוגעבן: איך בין איבערגעצייגט, אַז ווען נישט די דערמוטיקונג, וואָס די פּועלי־ציון באַוועגונג האָט אַרויסבאַקומען פון דער פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן, וואָס האָט זי גרייט געמאַכט פאַרן גרויסן שוואונג אין אירע אַרבעטן, וואָלט עס גענומען פיל מער צייט, ביז דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד וואָלט געגרינדעט געוואָרן. איך באַטראַכט דעריבער דעם אויפבוי פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע דערגרייכונגען אין יענע יאָרן פון גרויסן שוואונג.

# די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולע

א.

דער וויכוח וועגן גרינדן אייגענע קינדער־שולן האָט זיך געפירט עטלעכע יאָר, איידער די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אידישע שול איז געעפנט געוואָרן אין ניו יאָרק, שבת, דעם 10טן דעצעמבער 1910. דער דאָזיקער וויכוח האָט זיך געפירט אין „אידישער קעמפער"; אין דער אַלגעמיינער אידישער פרעסע; אין די פאַראיינען סיי פון דער פּאַרטיי, סיי פון „פאַרבאַנד"; אויף די צוזאַמענפאָרן סיי פון דער פּאַרטיי, סיי פון „פאַרבאַנד". דער וויכוח האָט זיך געפירט אויך אין די רייען פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, וועלכע זיינען נישט אַריינגעגאַנגען אין דער פאַראייניקטער פּאַרטיי. ווי שוין דערציילט, האָט דער דאָזיקער וויכוח פאַרנומען אַ צענטראַלן אָרט אין די פּאַר־איינקונגס־פאַרהאַנדלונגען. איך רעכן אָבער אַז עס איז נישט קיין גוזמא, ווען איך שטעל פעסט, אַז די וויכטיקסטע און ווירקנדיקסטע אַגיטאַציע פאַר בויען אַ נייעם טיפּ דערציאונגס־שולן פאַר אַמעריקאַנער אידישע קינדער האָט אָנגעפירט דער חבר יואל ענטין זכרונו לברכה, נאָך איידער ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָפיציעל אין די פועלי־ציון, אָדער אין נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

כראָנאָלאָגיש האָט די אַגיטאַציע אָנגעהויבן „דער אידישער קעמפער" נאָך אין יאָר 1906. אָבער דאָרטן איז די פראַגע אויפגענומען געוואָרן אין אַ צופיל־אַלגעמיינער פאָרם. עס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן זייער פיל אַרטיקלען, וועגן דער נויטיקייט צו שענקען מער אויפמערקזאַמקייט צו דער פראַגע פון קינדער־דערציאונג. אמת: אין די דאָזיקע אַרטיקלען איז אַרויס־געבראַכט געוואָרן זייער שאַרף די סכנה פון אַסימילאַציע, וואָס לויערט איבער דעם נייעם אידישן דור אין אַמעריקע. עס איז אויך טעאָרעטיש דיסקוטירט געוואָרן די שפּראַכן־פראַגע אין פאַרבינדונג מיט דער אידישער דערציאונג. אָבער די אַרטיקלען זיינען נישט אַרונטערגעגאַנגען פון די ספערן פון אַלגעמיינע, טעאָרעטישע וויכוחים.

דער ערשטער וואָס האָט אָנגעהויבן ריידן און אַגיטירן פאַר גרינדן שולן

פון אַ נייעם טיפּ; דער ערשטער וואָס האָט פאָרמולירט לערן־פּראָגראַמען פאַר אַזעלכע שולן; דער ערשטער וואָס האָט מיט געוואַלטיקער התלהבות גערעדט וועגן די פּאָטענצן וואָס זיינען דאָ אין דער אידישער פאָלקס־מאַסע פאַר אַזעלכע שולן; דער ערשטער וואָס האָט אונטערגעשטראָכן דעם פּלאַץ וואָס אידיש דאַרף פאַרנעמען אין דעם נייעם טיפּ פון אַ אידישער קינדער־שול איז געווען יואל ענטין *).

אין דער אַזוי־גערופענער „גאַס" האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז די פּערזענלעכקייט וועמען עס קומט דער גרעסטער חלק קרעדיט פאַר דער גרינדונג פון אָט־דעם טיפּ שולן איז דר. חיים זשיטלאָווסקי. איז זיכער ריכטיק, אַז זיין השפּעה איז געווען גאָר אַ באַדייטנדיקע. אָבער זייענדיק באַקאַנט מיט אַלע השפּעות, וועלכע האָבן געהאָלפן רעאַליזירן אָט־די גרויסע איניציאַטיווע און וואָס האָבן געפירט צום אויפקום פון דער ערשטער אידישער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שולע אין ניו־יאָרק, איז ביי מיר קיין ספק נישט, אַז דער גרעסטער טייל פון קרעדיט געהערט צום חבר יואל ענטין.

אמת, אויף דעם ערשטן אויפרוף וועגן דער גרינדונג פון אַזעלכע שולן איז נאָך נישטאָ זיין נאָמען, ווייל נישט יחידים האָבן זיך אָפיציעל גענומען דערצו, נאָר די נייע פאַראייניקטע פּאַרטיי איז צוגעטראָטן צו דער פּראַק־טישער רעאַליזירונג פון דעם געדאַנק. דעריבער האָבן דעם ערשטן אויפרוף גע'חתמ'עט נאָר מיטגלידער פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע, וואָס דער נייער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויפגעשטעלט פאַר אָט־דעם צוועק, נאָכדעם ווי די אויבן־דערמאָנטע מאָנטרעאָלער קאָנווענשאָן פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי האָט ענדגילטיק געפאַסט דעם באַשלוס, אַז מען דאַרף שוין אויפהערן די וויכוחים אַרום דער פראַגע און אַז מען דאַרף צוטרעטן אָנצוהויבן פּאַקטיש בויען אַזעלכע שולן. אין אָט־דער קאָמיסיע האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אַריינ־געשיקט די פאָלגנדיקע חברים (לויטן א"ב): מאיר בראַון, דר. דזשיימס גלאַבוס (ער איז געווען דער ערשטער פּרינציפּאַל פון דער ערשטער שולע, ביז חבר יואל ענטין האָט איבערגענומען די אָנפירערשאַפט), י. וועקסלער, דר. חיים זשיטלאָווסקי, הירש עהרענרייך, דר. ד. פעלדמאַן, ברוך צוקערמאַן

*) איך ראָט אַלע וואָס זיינען פאַראינטערעסירט זיך צו אינפאָרמירן וועגן די אמת'ע פּיאָנערן־אַרבעטן, וואָס זיינען אויף דעם שטח דורכגעפירט געוואָרן און ווער עס זיינען געווען אָט־די פּיאָנערן אויף דעם געביט, זיי זאָלן לייענען די אַרבעט וואָס חבר יואל ענטין האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם גרויסן זאַמל־בוך, וואָס איז דערשינען אין 1946 לכבוד דעם 30סטן יובילעאום פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. דאָס זאַמל־בוך הייסט טאַקע „אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, 1946־1916". די אַרבעט פון חבר ענטין טראָגט די איבערשריפט „וועגן דער נייער אידישער דערציאונג; דער אָנהויב פון די אידישע פאָלקס־שולן".

און יואל ראַזאָווסקי. דעריבער האָבן נאָר זיי גע׳חתמ׳עט דעם ערשטן אויפֿרוף. אָבער אונז אַלעמען איז שוין דאַן געווען גוט באַקאַנט, ווי גרויס עס איז געווען דער ביישטייער וואָס חבר ענטין האָט צוגעטראָגן צו דער גרינדונג פֿון דער ערשטער שולע.

## ב.

נאָך גרעסער איז געווען זיין ביישטייער צו דער אויסאַרבעטונג פֿון דעם לערן־פּראָגראַם פֿאַר אָט־דעם טיפּ שולן. אין דעם האָט חבר דר. זשיטלאָווסקי גענומען אַ זייער קליינעם אַנטייל. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען די שול־באַוועגונג איז זיך שטאַרק צעוואַקסן און האָט שוין גערופֿן אירע אייגענע קאָנפֿערענצן און צוזאַמענפֿאָרן צו באַהאַנדלען טעאָרעטישע, פּעדאַגאָגישע און פּראַקטישע פּראָבלעמען — וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן פֿאַר דער באַוועגונג — האָט דר. זשיטלאָווסקי זיך אַוודאי באַטייליקט. אָבער אין יענער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פֿון צוגרייטן די ערשטע טעאָרעטישע יסודות פֿאַר אונזער דערציאונג; אין פּאָרזיכטיק צוגרייטן די ערשטע פּעדאַגאָגישע שריט וואָס דאַרפֿן געמאַכט ווערן און אויספּלאַסטערן דעם וועג פֿאַר אַן אַרבעט, וואָס האָט צוגעזאָגט אַ גרויסע הצלחה; אָט־די לאַסטן זיינען קודם־כל געפֿאַלן אויף די אַקסלען פֿון חבר יואל ענטין, דאַן אויף די אַקסלען פֿון אַ ספּעציעלער קאָמיסיע וואָס איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן פֿאַר אָט־דער אויפֿגאַבע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון דריי חברים: יואל ענטין, הירש עהרענרייך און דער שרייבער פֿון אָט־די שורות. מיטן הסכם פֿון צענטראַל־קאָמיטעט זיינען צוגעצויגן געוואָרן צו אָט־דער קאָמיסיע נאָך עטלעכע יחידים, וואָס האָבן צוגעטראָגן באַדייטנדיקע שטייערן צו אָט־דער אַרבעט. פֿון זיי איז נאָר איינער געווען דאַן אַ מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי, דאָס איז געווען דער דאַן זייער באַקאַנטער פּעדאַגאָג און העברעאישער לערער קלמן וויטמאַן (ער האָט פֿריער געהערט צו די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. נאָך דער פֿאַראייניקונג איז ער אַריינגעטראָטן אין דער נייער פּאַרטיי). די אַנדערע צוגעצויגענע יחידים האָבן צו דער פּאַרטיי דאַן נישט געהערט. זיי זיינען: אַ צווייטער העברעאישער לערער און פּעדאַגאָג, ז. פֿרישבערג, און די איצט גוט־באַקאַנטע שרייבער און פּעדאַגאָגן חיים ליבערמאַן און ש. שאַפּירא. אָט־די קאָמיסיע האָט במשך חדשים־לאַנג ממש געהאָרעוועט איבער די זייער שווערע פּראָבלעמען:

א) וואָס זאָל זיין די באַציאונג צו רעליגיע אין אונזערע נייע שולן?

ב) וויאַזוי זאָלן געפֿייערט ווערן אידישע שבתים און יום־טובים אין די נייע טיפּן שולן?

ג) ווי־אזוי זאָלן דיביידע אידישע שפּראַכן געלערנט ווערן אין אונזערע שולן?

ד) וועלכע פּעדאַגאָגישע מיטלען מוז מען אָנווענדן אין לערנען מיט אַמעריקאַנער־געבוירענע קינדער אַזעלכע פאַר זיי פרעמדע ענינים?

ה) זוכן פּאַסיקע לערן־ביכער און אויב אַזעלכע זיינען נישט צו געפינען, וואָס קען מען טאָן כדי אַזעלכע צו פאַרפאַסן?

ו) גרויסע וויכוחים זיינען אין דער קאָמיסיע געפירט געוואָרן וועגן דער מעטאָדע פון איינפלאַנצן אין די קינדערשע הערצער ליבשאַפט צו אַלץ וואָס זיי לערנען אין דער שול, סיי וועגן אידישקייט, סיי וועגן סאָציאַליזם.

אין סאַמע אָנהויב און אין די ערשטע חדשים האָט דעם מאַקסימום פון מחשבה וועגן אָט־די אַלע פונקטן צוגעטראָגן ווידער דער חבר ענטין. ביס־לעכווייז האָבן די אַנדערע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע — בעיקר די חברים חיים ליבערמאַן און ש. שאַפּירא — אָנגעהויבן צוטראָגן זייערע וואָגיקע ביישטייערן צו אָט־די אַלע פּראָבלעמען. עס האָבן שפּעטער אַרויסגעהאָלפן זייער שטאַרק די חברים לייבע דער רויטער (דער פּסעוודאָנים פון דעם חבר לייבע באַסיין, אויך אַ געוועזענער סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט. איך האָב אים דערמאָנט אין מיינע זכרונות וועגן דעם וואָכנבלאַט פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן „דאָס אידישע פאָלק", וואָס איז אין יאָר 1906 דערשינען אין פילאַדעלפיע). עס זיינען אויך צוגעקומען נאָך אַ ריי מיטגלידער (די וואָס וועלן פאָלגן מיין עצה צו לייענען דעם חבר ענטינ׳ס אַרבעט אין דעם דערמאָנטן זאַמל־בוך פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, וועלן זיך באַקענען מיט גאָר אַ גרויסע פּלעיאַדע פון וויכטיקע מיטאַרבעטער, וואָס די שול־באַוועגונג האָט צו זיך צוגעצויגן). עס דאַרף אויך אונטערגעשטראָכן ווערן דער גאָר וואָגיקער שטייער, וואָס עס האָט צוגעטראָגן חבר הירש עהרענרייך, סיי צו דעם טעאָרעטישן טייל פון דער אַרבעט, אָבער בעיקר צו די פּראַקטישע אינטערעסן פון דער שול־טעטיקייט. אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט ער אויסגעפילט אויף אָט־דעם שטח די וויכטיקסטע טיילן פון דער שליחות.

ג.

ביי דעם גאַנצן קרעדיט וואָס דאַרף געגעבן ווערן אַלע דערמאָנטע אידישע יחידים, וועלכע האָבן, יעדער אויף זיין אופן און לויט זיינע פעאיקייטן, צוגעטראָגן זייער שטייער צו דער גרינדונג פון אָט־דעם נייעם טיפּ פון אידישע קינדער־שולן, מוז דאָך אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דער וויכטיקסטער כוח, וואָס האָט אויסגעטראָגן אָט־די נייע שולן־באַוועגונג און האָט איר אַריינ־

געגעבן איר ספּעציעלע נשמה, איז געווען די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג. זי איז דאַן באַשטאַנען פון די פּועלי־ציון, וועלכע האָבן דאַן שוין געפירט אַרבעטן איבער זיבן יאָר נאָכאַנאַנד, און דער גאָר יונגינקער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, וואָס איז כמעט דאַן ערשט געגרינדעט געוואָרן. חבר יואל ענטין אונטערשטרייכט עס זייער שטאַרק. ער ווייזט נישט איינמאָל אָן, אַז נאָר אַ דאַנק דעם וואָס אָט־די איניציאַטיוו איז געטראָגן געוואָרן פון אָט־דער הויך־אידעאַליסטישער פאָלקס־באַוועגונג, איז איר געלונגען אַריינצושרייבן דאָס נייע קאַפּיטל אין דער אידישער דערציאונג אין אַמעריקע; און אַז נאָר די אויסגעברייטערטע אַרבעט פון די חברים פון אָט־דער באַוועגונג אין גאַנצן לאַנד, האָט אַרויסגערופן דעם אינטערעס אויך פון אַנדערע קרייזן, וועלכע האָבן שפּעטער זיך אויך אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיטן פּראָבלעם פון אידישער דערציאונג אינעם נייעם לאַנד.

וואָס איז געווען די טרייב־קראַפט וואָס האָט איר, דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג געשטויסן אַריינצוגעבן אַזויפיל ענערגיע אין אָט־דער איניציאַטיוו? איך מיין, אַז דער זעלבער לייטנדיקער מאָטיוו, וואָס האָט באַוועגט אָט־די מערקווירדיקע באַוועגונג אין אַלע אירע אַקטיוויטעטן, האָט אויך דאָמינירט אין איר שול־טעטיקייט. אָט־דער לייטנדיקער מאָטיוו קען אויסגעדריקט ווערן אין איין קורצן פּסוק: איר גלויבן אין דער אַל־וועלטלעכקייט פון אידישן פאָלק און איר געפיל אַז מען מוז זאָרגן פאַר זיין המשך און קיום.

איצט, ווען כמעט אַלע אידישע קרייזן האָבן אָנגענומען דעם געדאַנק — אויסער די אַסימילאַנטן פון די צוויי עקסטרעמען: די אידישע קאָמוניסטן אומעטום און די „דזשודעאַיסטן" אין אַמעריקע — איז שווער משיג צו זיין די אינערלעכע קראַפט פון אָט־דעם פּשוטן געדאַנק, וואָס האָט ביי די ציוניסטן־סאָציאַליסטן אַרויסגערופן אַזאַ רעוואָלוציאָנערן אימפּעט. דאַן איז אָבער אָט דער געדאַנק נאָך נישט געווען אַזוי אַלגעמיין אָנגענומען. גענוג בלויז צו נאָטירן צוויי געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען פון יענער צייט, בכדי בולט אַרויסצוברענגען די סיבה, פאַרוואָס דער דאָזיקער געדאַנק האָט אַרויסגערופן אַזויפיל ענערגיע מצד די ציוניסטן־סאָציאַליסטן.

די ערשטע דערשיינונג: ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן שרייבן די גרויסע פּרשה פון „רעליף" אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידנטום, איז געווען אַ גרופּע פון דער אַמעריקאַניש־אידישער גרויס־בורזשואַזיע, וואָס האָט באַקעמפט דעם געדאַנק פון אַ ספּעציעלער אידישער הילפס־אַקציע. זי האָט גע׳טענה׳ט, אַז זיי אָנערקענען נישט די אַלוועלטלעכע איינהייט פון אידישן

פאָלק; אַז זיי זיינען נאָר אַמעריקאַנער, און וויבאַלד די אַמעריקאַנער באַ־פעלקערונג האָט אָרגאַניזירט קערפּערשאַפטן צו געבן הילף אַלע ליידנדיקע, דאַרפן אַמעריקאַנער אידן זיך נישט סעפּאַרירן. דאָס איז געשען אַרום פינף יאָר שפּעטער, ווי די צייט וועגן וועלכער מיר ריידן, ווען אונזער שול־אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן. אין יענער צייט זיינען אָט־די עלעמענטן גע־גאַנגען פיל ווייטער אין זייער קעגנערשאַפט צום געדאַנק פון דער אַלוועלט־לעכקייט פון אידישן פאָלק.

די צווייטע דערשיינונג: אַפילו אַזאַ פאָלקס־אָרגאַניזאַציע ווי דער „בונד", האָט דאַן נישט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא מיט קיין קערפּערשאַפט, וואָס האָט געטראָגן אַן אַלוועלטלעך־אידישן כאַראַקטער. דער שטח פון די טעטיקייטן פון „בונד" האָט ער אַליין באַגרענעצט צו רוסלאַנד, פּוילן און ליטע. אייגנטלעך האָט עס געמיינט בלויז רוסלאַנד, ווייל ליטע און פּוילן האָבן דאַן אויך געהערט צו רוסלאַנד. אַפילו אין גרענעץ פון רוסלאַנד האָט דער „בונד" דאַן נישט געהאַט — און נישט געוואָלט האָבן — קיין מגע־ומשא מיט אַנדערע אידישע קערפּערשאַפטן. דער באַגריף „כלל־ישראל" איז פון די בונדיסטן באַ־נוצט געוואָרן כמעט ווי אַ פּאָליטיש זידל־וואָרט.

פאַר דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז אָבער די אַלוועלט־לעכקייט פון אידישן פאָלק — דער כל־ישראל־חברים־געדאַנק — און דער המשך און קיום פון אונזער אַלוועלטלעכן אידישן פאָלק, אַלעמאָל געווען — און פאַרבליבן! — דער וויכטיקסטער יסוד אויף וועלכן סיי איר גאַנצע אידעאָלאָגיע, סיי אַלע אירע אַקטיוויטעטן, זיינען געווען באַזירט.

ווען די דאָזיקע באַוועגונג איז צוגעטראָטן צום פּראָבלעם אידישע דער־ציאונג, איז זי דערפאַר אויך באַוועגט געוואָרן פון דעם זעלביקן מאָטיוו. פון אים האָט זי געצויגן איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט. דערפאַר האָט זי באַוויזן אַריינצוציען אין דער אַרבעט אַלע אויבן־אויסגערעכנטע — און פיל מער נאָך נישט אויסגערעכנטע — יחידים. מיט אָט־דעם כוח האָט זי אויך געקענט משפּיע זיין אַפילו אַנדערע אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטן, וועלכע זיינען אין צאָל געווען פיל גרעסער, און דערפאַר פיל שטאַרקער, פון איר.

### ד.

ווען די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז צוגעטראָטן צו דער איניציאַטיווע פון גרינדן אידישע קינדער־שולן, איז איר ראָלע באַשטאַנען נישט נאָר אין דעם עצם פאַקט, וואָס זי איז געווען די ערשטע אין אַמעריקע (אין דער נישט־אָרטאָדאָקסישער אידישער וועלט) אָנצוהויבן בויען אידישע

דערציאונגס־אַנשטאַלטן. דאָס אַליין איז אַוודאי אויך אַ וויכטיקע דערגרייכונג. בעיקר איז אָבער איר ראַלע באַשטאַנען אין איר עצם צוגאַנג צום פּראָבלעם פון אידישער דערציאונג. חינוך האָט פאַר איר געמיינט אַ זייער קלאָרע זאַך: צוגרייטן די נייע אידישע דורות אין אַמעריקע צום המשך פון אידישן פאָלק. עס איז דאָ אַ אידיש וועלט־פאָלק; אַ טייל זיינער לעבט אין אַמעריקע. דער אַמעריקאַנער טייל מוז, דורך זיינע קומענדיקע דורות, וואָס טיפער אַריינוואַקסן אין אָט־דעם וועלט־פאָלק. די נייע דורות מוזן דעריבער וואָס מער וויסן, וואָס מער לערנען, וואָס מער שעפּן פון אַלטע אידישע קוואַלן. זיי מוזן סיי פילן, סיי פאַרשטיין, די נויטיקייט פאַרוואָס זיי דאַרפן זיך וואָס ענגער פאַרבינדן מיט אַלע אַנדערע טיילן פון אידישן וועלט־גוף, כדי דאָס אַמעריקאַנער אידנטום זאָל ווייטער וועבן, צוזאַמען מיט אַנדערע טיילן פון אידישן וועלט־פאָלק, דעם פאָדעם פון דער אידישער אייגנאַרט; זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין בויען דעם נאַציאָנאַלן, קולטורעלן און פּאָליטישן עתיד פון פאָלק אין גלות, סיי ביי זיך אין אַמעריקע, סיי אין אַנדערע גלות־לענדער און זאָלן זיך אין פולער מאָס באַטייליקן אין דער בוי־אַרבעט פון ארץ־ישראל.

דערביישפּיל פון אַזאַ געוואַגטן אַנהויב, וואָס איז געטראָגן געוואָרן פון אַ באַוועגונג, מיט אַזאַ רייכן גייסטיקן באַגאַזש אין די הערצער, האָט געווירקט אויך אויף אַנדערע קערפּערשאַפטן. זיי האָבן אויך אָנגעהויבן בויען שולן. זיינען זיי מיטגעגאַנגען מיט דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויך אין דעם גייסטיקן באַגאַזש, וואָס זי האָט אַריינגעבראַכט אין די שולן? — דאָס קען איך נישט באַהויפּטן. געווען אַ טייל וואָס האָט טאַקע אָט־דעם פאָלקס־המשך־ציל געהאַט אין אויג. ער האָט אפשר געלייגט צופיל געוויכט אויף איין שפּראַך — אידיש. איז דאָס אין מיינע אויגן אַוודאי אַ חסרון. אָבער אויך אונזער שול־טעטיקייט איז נישט געווען פריי פון חסרונות. אָבער די וואָס האָבן געהאַט פאַר זיך דעם נאַציאָנאַלן המשך־ציל, האָבן זייערע פעלערן מער אָדער ווייניקער אויסגעבעסערט.

עס זיינען אויך געווען טיילן, וואָס האָבן געגרינדעט קינדער־שולן, ווייל אידישע דערציאונג איז געווען אַ באַשטאַנד־טייל פונעם אידישן אָרגאַניזירטן לעבן אין אַמעריקע, און זיי האָבן עס געמוזט מיטמאַכן. אָבער קיין ציל פון פאָלקס־המשך האָבן זיי פאַר זיך נישט געשטעלט. מען האָט דאָך געמוזט אויף עפּעס באַגרינדן, פאַרוואָס זיי האָבן זיך גענומען צו אַזאַ אַרבעט. האָבן זיי דערקלערט, אַז מען דערציט דעם קומענדיקן אידישן דור צום סאָציאַליזם. איז דאָס פאַר זיך אַליין אַוודאי אַ וויכטיקער ציל. אויך אין אונזערע שולן איז אָט־דער טייל פון דערציאונג נישט פאַרגעסן געוואָרן. אָבער אויב נאָר

דאָס איז דער ציל — איז צו וואָס דווקא די אידישע שפּראַך? צו סאָציאַליזם קען מען דאָך אויך דערציען דורך אַנדערע שפּראַכן. מען האָט אָפט געגעבן אַנדערע זייטיקע דערקלערונגען. איך בין איבערצייגט אַז דאָס זיינען געווען אַפּאָלאָגעטישע דערקלערונגען, אַרויסגערופן דורך מאַנגל אין באַציאונג צום הויפּט־ציל, צו אידישן המשך. מען האָט דאַן געמוזט צאָלן צינזן פאַרעלטערטע איינשטעלונגען, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דעם סאָרט סאָציאַליזם, וואָס איז געפּריידיקט געוואָרן צווישן די אידישע מאַסן אין אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט, וועגן וועלכן עס איז אויבן גערעדט געוואָרן. קיין לאַנג־דויערב־דיקן יסוד וועלן אָט־די דערקלערונגען נישט קענען זיין פאַר ווייטערדיקן אויסבוי פון דעם טיפּ שול־וועזן. מיר שיינט, אַז איצט קען מען שוין זען דעם גזר פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג: די שולן וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן פון אַזעלכע אַפּאָלאָגעטיקער דערשלאָגן זיך אַליין צום המשך־ציל. זיי הויבן שוין אָן צו ריידן פּראָסט און פּשוט וועגן אים. אָט־יענע שולן, וועלכע ווילן זיך אַליין אַרויפשטעלן אויפן המשך־יסוד, האָבן פאַר זיך אַ צוקונפט. זיי וועלן זיין די אמתע נאָכפאָלגער פון דער גרויסער איניציאַטיוו אויף אָט־דעם געביט מצד דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. און אַלע פון זיי וועלן העלפן אַריינבויען טיפער דאָס אַמעריקאַנער אידנטום אינעם אידישן וועלט־פאָלק.

אויך אָט־די איניציאַטיוו האָט באַקומען גאָר אַ גרויסן שטויס פון דער פאַראייניקונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין האַרבסט פון 1909 אין שיקאַגאָ. נאָכדעם איז דער שטויס פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דער קאָנווענשאָן פון דער פאַראייניקטער פאַרטיי, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין האַרבסט פון 1910 אין מאָנטרעאָל. און אַזוי האָט די פאַראייניקונג זיך אָנגעהויבן פּאָזיטיוו אויסווירקן אַ סך פריער, ווי אַפילו איך, דער אָפּטימיסט, האָב דערוואַרט. אַוודאי האָט איר הויפּט־השפּעה זיך דעמאָנסטרירט ערשט אין די פיל גרעסערע איניציאַטיוועס, אין די גאָר גרויסע פּיאָנערישע פאַרמעסטן פון דער צוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען סיי אין אַמעריקאַנער אידנטום, סיי אין אידישן פאָלק אין אַלע זיינע תפוצות און בעיקר אין דעם גרעסטן פאַרמעסט, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אונטערגענומען דורכצופירן אין ארץ־ישראל. וועגן אָט־די אַלע פאַרמעסטונגען, וועט נאָך אַוודאי דערציילט ווערן אין דעם צווייטן באַנד פון מיינע זכרונות.

# 1911 — אַ וויכטיק יאָר פאַר מיר

### א.

דעם ערשטן באַנד וויל איך פאַרענדיקן מיטן דערציילן וועגן עטלעכע פערזענלעכע דורכלעבונגען אין יאָר 1911, וועלכע האָבן מיך דערפירט צו דער עלטער פון 24 יאָר. אַזוי אַז אָט־דאָס באַנד שליסט אָפּ, ווי געזאָגט אין אַריינפיר, די ערשטע 24 יאָר פון מיין לעבן. דאָס יאָר 1911 איז פאַר מיר געווען פון באַדייטנדיק־גייסטיקער אַנטוויקלונג.

איך בין געבליבן צייטווייליק סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי נאָר עטלעכע חדשים צייט. אַרום מערץ 1910 האָט דעם אַמט איבערגענומען דער חבר הירש עהרענרייך. ער איז געבליבן פאַר אַ סך יאָרן דער פערמאַנענטער פאַרטיי־סעקרעטאַר. אויף ווי ווייט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי האָט זיך באַטייליקט אין די צוויי וויכטיקסטע איניציאַטיוועס, וועגן וועלכע איך האָב אויבן דערציילט, איז די אַחריות דורכצופירן די באַשלוסן פון צענטראַל־קאָמיטעט געפאַלן אויף חבר עהרענרייך. איך, פונקט ווי אַנדערע חברים פון צענטראַל־קאָמיטעט, האָב אים מיטגעהאָלפן. איך בין פסח 1910 אַריבער אַרבעטן אין „גרייזעל פרעס״, וואו איך בין פאַרבליבן אַרבעטן, ווי איך האָב אויבן־דערציילט, ביז 1915, ווען איך האָב איבערגענומען מיין אַמט אין „פיפלס־רעליף״, פריער ווי דער סעקרעטאַר פאַר דער אַרבעט אין דער פראָווינץ און עטלעכע חדשים שפעטער ווי דער גענעראַל־פאַרוואַלטער פון פיפלס רעליף. אין 1911 האָב איך מיין הויפט־צייט געמוזט ווידמען מיין אַרבעט אין דרוק, ווי דער קאָרעקטאָר פון אַלץ וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דער „גרייזעל פרעס״ אין אידיש און העברעאיש. איך האָב אָבער גלייכצייטיק אָפּגעגעבן פיל צייט צו די אַרבעטן פון דער באַוועגונג, הויפטזעכלעך יענע אַרבעטן, וועלכע דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט. איינע פון אָט־די פונקציעס, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט מיר איבערגעגעבן איז די אויפזיכט איבער אונזער אַרבעט אין די טרייד־יוניאָנס. איך בין אין אונזער קרייז געוואָרן דער מומחה אויף אָט־דעם שטח. איך פלעג באַזוכן די זיצונגען פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, וואָס איז

דעמאָלט געווען דער צענטראַלער נערוו פון דער אידישער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג. דאָרטן האָב איך אָנגעהויבן מאַכן פאַרבינדונגען מיט די וויכטיקסטע אידישע אַרבעטער־פירער פון יענער עפּאָכע. דאָרט האָב איך מיך באַקאַנט מיט מאַקס פּיין און אַברהם שיפּליאַקאָוו, וועלכע האָבן שפּעטער געשפּילט אַזעלכע אַנטשיידנדיקע ראָלעס אין געווערקשאַפטן־קאַמפּיין (וועגן זיי וועל איך האָבן אַ סך צו דערציילן, ווען איך וועל צוקומען צו אַט־דעם קאַפּיטל). דורך אַט־די פאַרבינדונגען האָב איך מיך באַקאַנט מיט דעם באַרימטן אַר־בעטער־פּאָעט און גלייכצייטיק פּעליעטאָניסט — מאָריס ווינטשעווסקי. זיין הויפּט־מקור פון פּרנסה איז נישט געווען דאָס שרייבן. ער האָט אויסגע־שטודירט דעם פאַך פון „סוירטיפייד פּאַבליק אַקאַונטענט". דאַן האָט ער פאַרנומען דעם אַמט פון הויפּט־בוכהאַלטער אין דער „שוירט און ווייסט מאַכערס יוניאָן". פון אַט־דער יוניאָן בין איך געווען אַ מיטגליד אין דער צייט ווען איך האָב געמאַכט אַרבל פאַר מענערשע העמדער. איך בין געווען אַן אָפּטער באַזוכער אין דער ביוראָ פון אַט־דער יוניאָן. דורך אַט־די צוויי קערפּערשאַפטן — די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן און די ווייסט מאַכער יוניאָן — האָב איך באַקומען די נויטיקע ידיעות סיי וועגן דער אַלגע־מיינער, סיי וועגן דער אידישער, טרייד־יוניאָן באַוועגונג אין אַמעריקע. דאָרטן האָב איך שטודירט די מאַטעריאַלן פאַר די רעפעראַטן וועגן טרייד יוניאָניזם, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו האַלטן אויף אונזערע פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, אָדער אויף זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט.

## ב.

די באַקאַנטשאַפט מיט מאָריס ווינטשעווסקי איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גאָר אַ נאָענטער פריינטשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז לעצטן טאָג פון זיין לעבן. זיינע לעצטע עטלעכע יאָר איז ער געלעגן אַ פּאַראַליזירטער אין בעט. מיין פרוי און איך זיינען געווען פון זיינע אָפטסטע באַזוכער. ווען די פּאַראַליז־יסורים האָבן אים אַמאָל אָפּגעלאָזט און ער האָט זיך געקענט באַטייליקן אין אַ שמועס, האָבן זיך 90 פּראָצענט פון די שמועסן — וואָס זייערע אָנהויבן זאָל נישט האָבן געווען — געדרייט אַרום זיין ליבשאַפט צו העברעאיש, צו זיינע זכרונות פון יענער תקופה, ווען ער האָט געשריבן העברעאישע פּעליעטאָנען אונטערן פּסעדאָנים בן־נץ; צו זיינע געזעלשאַפט־לעכע פאַרבינדונגען פון יענער צייט, בעיקר זיינע פאַרבינדונגען מיט משה־לייב לילינבלום. זיינע גליקלעכסטע זכרונות זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער ערשטער גרופּע אידישע סאָציאַליסטן בראש פון וועלכער עס זיינען

געשטאַנען אַהרן ליבערמאַן און אַהרן זונדעלעוויטש. געווען אין יענער גרופּע איינער מיטן נאָמען לייזער צוקערמאַן. האָט ער, ווינטשעווסקי, זיך פאַראינטערעסירט צו וויסן, אויב יענער צוקערמאַן האָט נישט געהאַט אַ משפחה־פאַרבינדונג מיט מיר. נישט איינמאָל האָט ער אויסגעדריקט זיין איבערצייגונג, אַז ווען די חברים פון יענער גרופּע וואָלטן דערלעבט די איצטיקע צייט, וואָלטן זיי אַלע געהערט צו די פּועלי־ציון.

ווינטשעווסקי איז דאַן געווען זייער אַנגענומען סיי ביי די סאָציאַליסטן, סיי ביי די אַנאַרכיסטן. נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז ווען אונזער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע מחנה האָט זיך וועגן עפּעס געאַמפּערט מיט דער מחנה פון „געגנאַסן" (אין אָט־דעם טערמין האָבן מיר דאַן איינגעשלאָסן סיי סאָציאַליסטן, סיי אַנאַרכיסטן, וועלכע זיינען געווען קעגן אונזער נאַציאָנאַליזם און אַוודאי קעגן אונזער ציוניזם), האָט זיך ווינטשעווסקי געשטעלט אויף אונזער צד, כאָטש ער איז דאַן קיין ציוניסט נישט געווען. איך וועל נאָך האָבן צו דערציילן וועגן אים אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פון מיינע זכרונות.

### ג.

איצט, ווען איך האַלט ביי מיינע זכרונות פון יאָר 1911 אין פאַרבינדונג מיט מאָריס ווינטשעווסקי, טויכט אויף אין מיין זכרון איין שרעקלעכע געשעעניש, וואָס מיר האָבן צוזאַמען — מאָריס ווינטשעווסקי און איך — איבערגעלעבט אין חודש מערץ 1911. איך האָב אין זינען דעם שוידערלעכן „טרייענגל פייער", אין וועלכן עס זיינען אומגעקומען אַרום 150 יונגע אידישע אַרבעטער, מערסטנס מיידלעך, וועסט־מאַכערקעס, וועלכע האָבן געאַרבעט אין יענער אומגליקלעכער פאַבריק.

איך בין פּונקט יענעם טאָג געקומען אין דער ביוראָ פון דער יוניאָן אַרויסצוהעלפן דעם טייערן מאָריס ווינטשעווסקי אין זיין אַרבעט. אויסער מיין טיפסטער אַכטונג און ממש ליבשאַפט צו אָט־דעם מענטש, האָט מיך נאָך צוגעצויגן צו אים אַ מערקווירדיקער פּרט: ווינטשעווסקי׳ס כתב־יד! זיין כתב־יד איז געווען ממש קאַליגראַפישע קונסט פון גאָר אַ הויכער מדרגה. זיינע אויפגעשריבענע אידישע אותיות זיינען געווען אַזוי רונד און פולקאָם, זיינע שורות זיינען געווען אויסגעשטעלט גלייך, אַלע פון איין גרויס און דער מרחק צווישן די שורות אַזוי סימעטריש, אַז אַ קוק טאָן אויף אַ בלעטל וואָס ער האָט אָנגעשריבן האָט פאַרשאַפט אומגעהויערן, עסטעטישן תענוג. פּונקט אַזאַ תענוג פאַרן אויג האָט פאַרשאַפט יעדע קאָלומנע פון זיינע אויסגעשטעלטע ציפערן. נאָך איצטער זע איך פאַר זיך די פאַרשריבענע

זייטן פון די ביכער וואָס ער האָט געפירט, אַז אַפילו בלויז דורכן זכרון פאַר־שאַפט עס מיר גרויס גענוס. מיין טעכנישע הילף צו אים איז באַשטאַנען אין איבערקאָנטראָלירן זיינע חיבור־חשבונות. איך געדענק נישט קיין איין פאַל, ווען ווינטשעווסקי זאָל האָבן געמאַכט אַ טעות. כמעט יעדע וואָך, גע־ווײנטלעך שבת נאָכמיטאָג — מען פלעגט אַרבעטן בלויז ביז 11 פאַר מיטאָג — פלעג איך גלייך פון דער אַרבעט אַוועקגיין אין דער יוניאָן־ביוראָ צו מאָריס ווינטשעווסקי. אַזוי איז עס אויך געווען יענעם פאַרשאָלטענעם שבת פון מערץ 1911.

מיר זיינען ביידע געווען אַריינגעטאָן אין די חשבונות. פּלוצים האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. דעם טעלעפאָן האָט געענטפערט איינער פון די „אָרגאַניזערס" פון דער יוניאָן — וויטאַשקין. ער האָט נאָר באַוויזן אויס־צושרייען: „גענאָסע ווינטשעווסקי, אַ גרויס אומגליק האָט אונז געטראָפן, אַ שריפה אין דער 'טריייענגל' פאַבריק. אונזערע מיידלעך ווערן דאָרט פאַר־ברענט". מער האָט ער קיין כוח נישט געהאַט צו ריידן. ער איז אַראָפּגעפאַלן פון דער הויכער שטול, אויף וועלכער ער איז געזעסן און תיכף גע'חלש'ט. אויסער ווינטשעווסקין און מיר איז קיינער נישט געווען אין ביוראָ. די געוויינט־לעכע אַרבעטער פון דער ביוראָ האָבן געהאַט פאַרענדיקט זייער אַרבעט און אַוועק אַהיים. איך בין צוגעלאָפן צום גע'חלש'טן וויטאַשקין און אים גענומען מינטערן. ער איז אַביסל געקומען צו זיך און האָט נאָך באַוויזן אַרויסצוריידן: „מען דאַרף טעלעפאָנירן די אידישע געווערקשאַפטן". איך האָב אַזוי געטאָן. עס האָט אָבער געדויערט איבער אַ פערטל שעה, ביז עס איז אָנגעקומען דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, גענאָסע ב. וויינשטיין. ער האָט מיטגעבראַכט די אַנדערע „אָרגאַנייזערס" פון דער ווייסט מאַכערס יוניאָן, וועמען ער האָט באַוויזן אויפצוקלויבן. זיי האָבן שוין געוואוסט וועגן דעם גרויסן אומגליק. איינער נאָכן צווייטן האָבן זיי גענומען איבערגעבן איוב־בשורות, איינע שוידערלעכער פון דער צווייטער. זיי האָבן דערציילט, אַז אַלע טירן און פענצטער פון דער גרויסער פייער־פאַסטקע זיינען געווען פאַרשלאָסן; אַז די מערסטע זיינען אין אַט־דער פאַסטקע פאַרברענט געוואָרן. עס איז זיך קוים פאַרצושטעלן די צעטומלטקייט, די אָפּ־געגעסנקייט אין וועלכע די גאַנצע גרופּע האָט זיך געפונען. מאָריס ווינטשעוו־סקי האָט תיכף אַרויסגערופן אַ טאַקסי, האָט מיך גענומען ביי דער האַנט און איינעם פון די „אָרגאַנייזערס" — גענאָסע סטופּניקער ביים נאָמען — און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן צו דער טריייענגל פאַבריק.

איך מוז זיך פשוט אָפּזאָגן פון שילדערן דאָס גיהנום־בילד וואָס מיר

האָבן דאָרט דערזען. ווען מיר זיינען געקומען האָבן פייערלעשער שוין געהאַט באַוויזן אויפצוברעכן די שלעסער און ריגלען פון דער פייער־פּאַסטקע. מיר האָבן דערזען די פענצטער־לעכער דורך וועלכע די קרבנות זיינען אַרויסגעפאַלן אויפן טראָטואַר און אין מיטן גאַס. מיר האָבן דערזען די צעבראָכענע גופים, פילע פון זיי צעשמעטערטע דורכן אַרויספאַלן און זיך אָנשלאָגן אין דעם האַרטן טראָטואַר. אין מיינע אויערן קלינגען נאָך איצט, שרייבנדיק די שורות, די מענטשלעכע יאָמער־קולות פון טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן זיך דערוואוסט פון זייער בראָך און זיינען געקומען צו אָט־דער שוידערלעכער סצענע.

צווישן די וואָס האָבן זיך געפונען אין אונזער גרופּע — עס זיינען אָנגעקומען נאָך צוויי טאַקסיס מיט אַרבעטער־פירער — איז דער איינציקער וואָס האָט זיך נישט פאַרלוירן געווען ווינטשעווסקי. אַלע איבעריקע, איך בתוכם, האָבן ממש פאַרלוירן דאָס לשון. אַפילו וויינען האָבן מיר נישט געקענט. מיר זיינען געשטאַנען פאַרשטיינערט און קיינער פון אונז האָט נישט געוואוסט, וואָס מיר דאַרפן אָנהויבן צו טאָן. ביז ווינטשעווסקי האָט אונז אַלעמען פאַרנומען אין דער ביוראָ פון דער יוניאָן. פון דאָרטן האָט ער טעלעפאָנירט צום באַקאַנטן סאָציאַליסטישן קאָנגרעסמאַן, אַדוואָקאַט מאֵיר לאָנדאָן, וואָס איז טאַקע געווען דער אַדוואָקאַט פון דער יוניאָן. זיי האָבן באַשלאָסן צוזאַמענצורופן אויף מאָרגן — זונטיק — אַ באַראַטונג פון די פירער פון דער יוניאָן, צוזאַמען מיט די פירער פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, כדי צו באַטראַכטן וואָס צו טאָן.

אויף מאָרגן איז פאַרגעקומען די באַראַטונג. מאָריס ווינטשעווסקי האָט פאַרבעטן אַלעמען, אויך מיך, צו קומען צו דער באַראַטונג. נאַטירלעך בין איך געקומען. זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז עס קיין רואיקע באַראַטונג נישט געווען, ווייל עס האָט נישט געקענט זיין. אַפילו מאֵיר לאָנדאָן, אויף וועמען אַלע האָבן אַרויסגעקוקט ער זאָל ברענגען קלאָרע פּלענער וואָס מען דאַרף טאָן, האָט אויך צוזאַמענגעבראָכן, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן אַרויסריידן די ערשטע ווערטער. עס האָט געדויערט צענטליקער מינוטן ביז ער האָט געקענט אַרויסברענגען וואָס ער האָט געוואָלט פאַרשלאָגן; אַפילו דאָן זיינען זיינע ווערטער אַרויסגעקומען ווי צעהאַקטע פראַזן. מיט שוועריקייטן האָט ער גערעדט וועגן די געזעצלעכע פראַגן: וועגן אָנקלאָגן אין געריכט די בעלי־בתים פון דער פייער־פּאַסטקע, די בעלי־בתים סיי פון דער טרייענגל פאַבריק, סיי פון דער געביידע. ער האָט אויך גערעדט וועגן די אומגליקלעכע משפחות און די „אינשורענס" פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַר זיי. ער האָט

געבעטן אַז די באַראַטונג זאָל אים, צוזאַמען מיט נאָך צוויי אַרבעטער־פירער געבן די פולמאַכט צו טאָן אין די נאָענטע טעג, אַלץ וואָס עס וועט זיין נויטיק. נאַטירלעך איז מאָריס ווינטשעווסקי געווען איינער פון די דאָזיקע אַרבעטער־פירער.

די טעג און וואָכן נאָך דער קאַטאַסטראָפע האָט דער גאַנצער אידישער קוואַרטאַל זיך קאָנצענטרירט אַרום אָט־דעם שוידערלעכן אומגליק. די אידישע — און אויך די אַלגעמיינע — פּרעסע איז געווען פול מיטן אומגליק. נישט נאָר דער אידישער קוואַרטאַל, נאָר אויך די נישט־אידישע באַפעלקערונג פון ניו־יאָרק האָט ממש געפיבערט מיט דער גרויסער קאַטאַסטראָפע. דאָס האָט זיך נאַטירלעך אויך אַריבערגעטראָגן אויף דער גאַנצער פּראָווינץ. משפטים זיינען פאַרפירט געוואָרן קעגן די בעלי־בתים. דער האַס קעגן זיי האָט וואָכן נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין כסדר׳דיקן שטייגן. וויפל מאָנאַטן אָט־די שטימונג האָט אָנגעהאַלטן צווישן דער באַפעלקערונג איז נישט גרינג צו באַשטימען. איין זאַך ווייס איך: די — און איינער פון זיי בין אויך איך געווען — וועלכע האָבן יענעם שבת׳דיקן פאַרנאַכט געזען די פאַרברענטע גופים, ליגנדיק אויף דעם טראָטואַר און אין גאַס, האָבן זיך פון אָט־דעם קאָשמאַר נישט געקענט באַפרייען, נישט בייטאָג און נאָך ווייניקער אין די לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט. וואָכן נאָכאַנאַנד האָב איך נישט געקענט איבערלייענען אין דרוק קיין איין ברעקל געדרוקטע זאַך, וועלכע איך האָב געדאַרפט קאָרעגירן. די אותיות זיינען צעשוואומען געוואָרן פאַר די אויגן און דער מוח האָט זיך סיווי נישט געקענט קאָנצענטרירן אויף עפּעס אַנדערש, ווייל באַלד זיינען אויפגעשוואומען יענע שרעק־בילדער.

מאָריס ווינטשעווסקי איז פון דער אָנשטרענגונג אין די ערשטע טעג פיזיש צוזאַמענגעבראָכן. דעם צווייטן שבת, נאָכן „שוואַרצן שבת״, בין איך אים געגאַנגען מבקר־חולה זיין. זיין פרוי און זיין טאָכטער האָבן מיך נישט באַגעגנט מיט צופיל וואַרעמקייט. זיי האָבן מיך געבעטן נישט צו שטערן זיין רו. איך האָב זיך געקליבן אַוועקצוגיין. אָבער ער, ווינטשעווסקי, האָט פון זיין קראַנקן־צימער געפרעגט זיין טאָכטער ווער עס איז געקומען. ווען זי האָט אים געזאָגט ווער דער באַזוכער איז, האָט ער געבעטן אַז זי זאָל מיך צופירן צו אים. זי האָט אַזוי געטאָן נאָר האָט מיר אָנגעזאָגט צו מאַכן דעם באַזוך זייער קורץ. איך האָב עס איר פאַרשפּראָכן. אָבער אַפילו במשך פון דעם קורצן באַזוך, ווען איך האָב מיך באמת נישט אויסצורעדן קיין איין וואָרט, בכדי אים וואָס־ווייניקער צו שטערן, האָט ער אָבער באַוויזן אויסצוגיסן זיין האַרץ פאַר מיר. בעיקר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אידישן

שפרוך גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט. „ווי גרינגער וואָלט עס געווען פאַר מיין האַרץ", האָט ער געזאָגט, „ווען איך וואָלט געקענט גלויבן אין אָט־דעם שפרוך. אָבער פאַרוואָס האָט עס פאַרט געקענט קומען אַזאַ שטראָף אָט־די יונגינקע, ריינע, אומשולדיקע קינדערלעך, ביים סאַמע אָנהויב פון זייער לעבן? און ווי קען מען באַרעכטיקן אַזאַ משפּט איבער די פאַר־ווּיסטע משפּחות?" איך האָב דערשפּירט, אַז מיין אָנוועזנהייט מאַכט זיין שטימונג שאַרפער און ביטערער. האָב איך שנעל פאַרענדיקט מיין באַזוך.

און יאָרן נאָכאַנאַנד, ווען נאָר מיר האָבן זיך באַגעגנט, איז אַ טייל פון דעם שמועס אויסגעפּילט געוואָרן מיט די שרעק־בילדער פון יענעם פינצ־טערן „טרייענגל"־טאָג.

ד.

מיין אַרבעט אין דרוקעריי האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט אַ סך אידישע פעדער־קינסטלער. די וויכטיקסטע ביכער אין אידיש זיינען געדרוקט געוואָרן אין אונזער דרוקעריי, אויסער דעם זיינען כמעט אַלע אידישע זשורנאַלן דאָרט געדרוקט געוואָרן. קודם — דר. חיים זשיטלאָווסקי׳ס חודש־זשורנאַל „דאָס נייע לעבן". דר. זשיטלאָווסקי פלעגט דעריבער כמעט יעדן חודש זיין אַ באַזוכער פון דרוק, ווען די חודש־שריפט איז געדרוקט געוואָרן. עס פלעגן דאַן אויך אַמאָל קומען שרייבער, וועמענס אַרטיקלען זיינען דאָרט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ וואָכן־שריפט אין אידיש. איר רע־דאַקטאָר איז געווען י. ב. סאַלוצקי און זיין געהילף איז געווען פּ. נאָוויק, דער איצטיקער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער קאָמוניסטישער טאָג־צייטונג „מאָרגן־פרייהייט". די דאָזיקע וואָכן־שריפט איז אויך געדרוקט געוואָרן אין אונזער דרוק, אַזוי אויך אונזער „אידישער קעמפער". אָבער די גרעסטע צאָל פון נייע באַקאַנטע זיינען מיר צוגעקומען, ווען דער באַרימטער אַברהם רייזען איז געקומען קיין אַמעריקע און האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן זיין וואָכן־שריפט „דאָס נייע לאַנד", וואָס איז אויך געדרוקט געוואָרן ביי אונז.

קודם־כל די באַקאַנטשאַפט טאַקע מיט אים אַליין, מיט אַברהם רייזען. דאַן זיינען צו אים אַרויפגעקומען די וויכטיקסטע אידישע פעדער־מענטשן פון יענער תקופה, ווען די אידישע ליטעראַטור האָט זיך אַזוי שטאַרק צעבליט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

פון רייזענען אַליין האָב איך געהאַט אַ רעכטע צאָל שווערע מאָמענטן. דאָס איז אַרויסגעקומען פון זיין אויסערגעוויינטלעכער ליבשאַפט צו דער

אידישער שפּראַך. ער איז געווען אַ געוואַלטיקער מקפּיד, אַז יעדע קאָמאַ און יעדער פּונקט זאָל קומען, וואו מען דאַרף זיי און זאָלן זיך חלילה נישט אַריינ׳גנב׳ענען דאָרט, וואו מען דאַרף זיי נישט. פאַר מיין קאָרעקטור האָב איך פון אים, דווקא אָפּט, באַקומען לויב־געזאַנגען. און אַז ר׳ אַברהם רייזען האָט געגעבן קאָמפּלימענטן, האָט ער נישט געקאַרגט. זיי זיינען געגעבן געוואָרן מיט דער פולער מאָס. אָבער ווען עפּעס איז אַמאָל געווען נישט לויט דעם מאַקסימום פון זיין פּעדאַנטישקייט, האָט ער פּונקט אַזוי נישט געקאַרגט דעם היפּוך פון לויב־געזאַנגען. איך האָב מיך אָפּט געפונען ממש צווישן צוויי פייערן. די אַרבעטער וועלכע האָבן אַריינגעשטעלט די געשלאָסענע פורעמס אין דרוק־מאַשין, האָבן געדאַרפט באַקומען פון מיר אַ צעטעלע, אַז די לעצטע קאָרעקטור איז פאַרענדיקט. פלעגן זיי דאַן אַריינשטעלן די פורעמס און לאָזן לויפן די דרוק־מאַשין. אין יענע „נעילה״־מאָמענטן פלעגט דער בעל־הבית, הער גרייזעל, שטיין איבער מיין קאָפּ און אַכטונג געבן אַז איך זאָל געבן דאָס צעטל וואָס שנעלער, כדי סיי די אַרבעטער, סיי די דרוק־מאַשין זאָלן נישט פאַרלירן אומזיסטע צייט. אָבער פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען אַברהם רייזען, וואָס האָט געפונען נאָך אַ קאָמאַ, וואו מען דאַרף זי נישט און ער לאָזט מיר נאָך נישט אַרויסגעבן דאָס צעטל.

איינעם אַזאַ פאַל געדענק איך זייער גוט. ער האָט מיר פאַרשאַפט אַ געוואַלטיק ביטערן געפיל און האָט געבראַכט דעם געוויינטלעכן מזג־טוב, ר׳ אַברהם רייזען עליו השלום, צו אַזאַ כעס, וואָס האָט מיך ממש צעטרייסלט. דאָס איז טאַקע געווען איבער אַזאַ קאָמאַ.

ער האָט, נאָכדעם ווי די גאַנצע „פאָרם״ איז שוין געווען אין דרוק־מאַשין, געפונען נאָך אַן איבעריקע קאָמאַ. האָט ער אָנגעצייכנט דאָס אָרט, וואו די „קאָמאַ״ האָט זיך באַהאַלטן און האָט ביי דער זייט פון יענער שורה צוגעשריבן: „נעמט אַרויס די קאָמאַ״. איך האָב זיך געבעטן ביי אים ער זאָל עס לאָזן אַזוי, די זעצער קענען נאָך אין דער נייער שורה אַריינברענגען אַ נייעם, אַן ערגערן גרייז. אָבער ער איז באַשטאַנען אויף זיינס. בין איך אַוועק מיט דעם אויסגעבעסערטן אָרט צו לינאָטיפּיסט און געבעטן אים איבערזעצן די שורה. דער לינאָטיפּיסט האָט, ווי געוויינטלעך, מעכאַניש געמאַכט די קאָרעקטור. ער האָט אָנגעהויבן אויפזעצן אַ נייע שורה און ווען ער איז געקומען צום אָרט וואָס ער האָט געדאַרפט אויסבעסערן, האָט ער מעכאַניש אויסגעזעצט וואָס רייזען האָט צוגעשריבן: „נעמט אַרויס די קאָמאַ״. שפּעטער האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט די דאָזיקע ווערטער נישט געדאַרפט זעצן און האָט, ווידער, ווי געוויינטלעך, באַשלאָסן אַרויסצוּוואַרפן די

ניי־אויפגעזעצטע שורה. האָט ער אויסגעפּילט די שורה מיט נאָך סתם בוכ־שטאַבן. ווען די שורה איז אין לינאָטיפּ אויסגעפּילט געוואָרן האָט ער זי אַרויסגעוואָרפן. אַזוי וויניקסטנס האָט דער לינאָטיפּיסט שפּעטער גע'טענה'ט. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער האָט דערנאָך אויסגעזעצט אַ צווייטע שורה, אַ ריכטיקע, אָן דער קאָמאַ, אָבער אויך אָן די ווערטער וואָס רייזען האָט צוגעשריבן און אָן די „ווילדע" אותיות.

אָבער ווען די שורה איז געקומען צום האַנט־זעצער האָט אויך ער מע־כאַניש אַרויסגעוואָרפן די שורה מיט דער קאָמאַ, און אַריינגעשטעלט די נייע שורה, וואָס ער האָט באַקומען. אָבער אָט־די נייע שורה איז געווען דווקא די שורה וואָס דער לינאָטיפּיסט האָט געדאַרפט אַרויסוואַרפן. און אַזוי איז עס אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן.

דעם זעלביקן אָוונט איז אין אַ אידישן טעאַטער פאָרגעקומען אַ ליטע־ראַרישע אימפּרעזע, מיט דער באַטייליקונג פון אַברהם רייזען. איך בין אַוועק צו שעפּן אַביסל קולטורעלן פאַרגעניגן. ביי'ם סאַמע אַריינגאַנג פון טעאַטער האָט אונזער טייערער ר' אַברהם רייזען מיך באַגעגנט מיט געוואַלטיקער רוגזה: „וואָס האָט איר מיר אָפּגעטאָן?" האָט ער מיר ממש אַריינגעשריגן אין פּנים. דערצו האָט ער נאָך אַרויסגעברומט אַן אומפאַרשטענדלעכן זאַץ: „נעמט אַרויס די קאָמאַ, טרר־טרר־טרר". לכתחילה האָב איך נישט משיג געווען וואָס ער מיינט. נעמט ער אַרויס דעם פרישן נומער פון זיין „דאָס נייע לאַנד" און וויזט מיר אָן אויף דער „ווילדער" שורה, וואָס איז פאַרבליבן. ווען איך האָב דערזען די שורה האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיר אַ גרויס געלעכטער. האָט עס אים — מיט רעכט! — נאָך מער אויפגערעגט. האָט ער זיך שוין אויף אַן אמת צעשריגן: „מיר רינט בלוט פון האַרצן און איר לאַכט גאָר!". ער האָט מיך באַשולדיקט, אַז איך האָב עס געטאָן בכיוון, ווייל ער האָט ניט אָנגענומען מיין עצה איבערצולאָזן די קאָמאַ.

איך האָב אים געפּרובירט באַרויקן. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך וואָלט אַזאַ זאַך נישט געטאָן צו קיינעם נישט; דאָס איז קעגן דער עטיק פון מיין פּראָפעסיע און מיין אייגן געוויסן וואָלט עס אַוודאי נישט דערלאָזט. באַזונדערס וואָלט איך עס אים נישט געטאָן; אים, וועמען איך האָב געלערנט פשוט ליב צו האָבן. עס איז מיר געגאַנגען אין לעבן אַרויסצונעמען פונעם האַרצן פון אָט־דעם טייערן איד יעדן שאָטן פון חשד קעגן מיר. ביסלעכווייז האָט ער זיך באַרויקט. זיין אויפטריט יענעם אָוונט — טראָץ זיין האַרץ־ווייטיק — איז געווען גאָר אַ געלונגענער. ווען דאָס פּראָגראַם האָט זיך

געענדיקט האָט ער מיך אויפגעזוכט און געבעטן איך זאָל אים מוחל זיין, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ כעס קעגן מיר.

קיין צווייטן פאַל פון אַזאַ אָדער ענלעכן צוזאַמענשטויס געדענק איך נישט. פאַר דער גאַנצער צייט וואָס „דאָס נייע לאַנד" איז געדרוקט געוואָרן אין אונזער דרוק — און דאָס האָט זיך געצויגן עטלעכע יאָר — איז „דער רייזען טאָג" — אַזוי האָבן אָנגערופן יענעם טאָג, ווען די צייטונג איז גע־שטעלט געוואָרן, אַלע אַרבעטער וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין צוגרייטן דעם נומער — דווקא געווען אַ טאָג פון עליית נשמה, פון גייסטיקער הנאה. אַפילו ה׳ גרייזעל, וואָס איז געווען אַ שטיקל מרוק, איז יענעם טאָג אַרומגעגאַנגען אַן אויפגעלייגטער; אָפט אַפילו מיט אַ שמייכל אויפן פּנים.

דער קרייז פון מיינע באַקאַנטע צווישן די אידישע פען־קינסטלער איז געוואָרן ברייטער. ווייל אין דרוק פלעגן — אין דעם רייזען־טאָג — קומען ממש די בעסטע און די נייעסטע אידישע פּאָעטן און דערציילער, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געזוכט צו דרוקן זיינע שאַפונגען אין „דאָס נייע לאַנד". אַ רעכטע צאָל פון זיי זיינען געוואָרן מיינע נאָענטסטע ידידים. אייניקע פון זיי געפינען זיך נאָך — גאָט זיי דאַנק — צווישן די לעבעדיקע. איך בין זיכער, אַז אויך זיי האָבן נישט פאַרגעסן יענע יום־טוב׳דיקייט פון „דעם רייזען־טאָג" אין דער „גרייזעל פרעס" פון יאָר 1911.

### ה.

מיין אַרבעט אין דרוק האָט מיר געבראַכט אַ צווייטע התרוממות הנפש, אפשר נאָך פון אַ העכערער מדרגה. אין יענעם יאָר האָט חבר דר. נחמן סירקין איבערגעזעצט אין אידיש דעם ספר „רוים און ירושלים" פון משה העס. דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם פאַרלאַג פון „מאַקס מייזעל" און איז געדרוקט געוואָרן אין אונזער דרוקעריי.

איז עס פאַר מיר געווען אַ דאָפּלטע התרוממות: ערשטנס — די געלעגנהייט וואָס איך האָב דורך דעם באַקומען צו זיין אין דער מחיצה פון מיין גרויסן לערער און חבר נחמן סירקין, וואָס איז עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד געקומען יעדן טאָג אויף עטלעכע שעה אין דרוקעריי צו מאַכן די קאָרעקטורן. צווייטנס — דער תוכן פון „רוים און ירושלים", וואָס איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו לערנען יעדעס וואָרט מיט דער פאַרטיפונג וואָס עס האָט פאַרדינט. איך האָב בפועל־ממש געווידמעט אָט־דער אַרבעט יעדן טראָפּן פון גייסטיקער ענערגיע וואָס איך האָב פאַרמאָגט. איך האָב יעדן אויפגעזעצטן בויגן גע־לייענט, ווייניקסטנס, דריי מאָל. אָפט זיינען מיר ביידע — חבר סירקין און

איך — געזעסן גאַנצע שעה'ן און דיסקוטירט איבער געוויסע אויסדרוקן אין דער איבערזעצונג גיבן איבער דעם פּינקטלעכן און פולן זין פון דעם אָריגינאַל. מיר איז צוגעקומען נאָך אַ צוגאָב תענוג. אָט־אַזוי לערנענדיק דעם טעקסט האָט חבר סירקין אין יענע שעה'ן נאָך צוגעגעבן זיינע אייגענע לומדישע פּירושים צום טעקסט. דורך דעם איז מעגלעך געוואָרן פאַר מיר אַריינצודרינגען טיפער לעומקא דדעתו פון משה העס. ס'איז איבעריק אונטערצושטרייכן, אַז איך בין געווען פול מיט דאַנקבאַרקייט צום גורל, וואָס האָט מיר געבראַכט אַזאַ גייסטיקן גענוס. איך האָב דעריבער געהאַט די אַמביציע, אַז אָט־דאָס בוך זאָל אַרויס מיט וואָס ווייניקער דרוק־פעלערן. איך האָב פאַר אָט־דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט באַקומען אַ ספּעציעלן שכר:

אַ פּאָר וואָכן נאָכדעם ווי דער ספר איז דערשינען איז מאַקס מייזעל געקומען אין דרוקעריי. הער גרייזעל האָט אים נאַטירלעך פאַרבעטן אין זיין פּריוואַטער ביוראָ אַריין. מייזעל האָט געבעטן מען זאָל אויך מיך אַריינרופן. ווען איך בין אַריינגעקומען, האָט מייזעל גערעדט צום הער גרייזעל, אים אויסגעדריקט אַ דאַנק און אָנערקענונג פאַר דעם וואָס דאָס בוך איז טעכניש אַרויסגעקומען אַזוי צופרידנשטעלנדיק. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו מיר בזו הלשון:

„דר. סירקין האָט מיר דערציילט ווי שטאַרק איר האָט זיך געווידמעט דער קאָרעקטור פון בוך; ווי איר האָט מקפּיד געווען אויף יעדן וואָרט און אויף יעדן פּינטל. ער האָט מיר געזאָגט, אַז די ערשטע פּאָר טעג האָט ער אַליין געאַרבעט אויף דער קאָרעקטור. ווען ער האָט זיך איבערצייגט מיט וואָס פאַר אַ קדושה איר האָט זיך באַצויגן צו דער הגהה, דווקא פון אָט־דעם בוך, האָט ער זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט אויף אייך. מחמת אָנערקענונג האָב איך אייך געבראַכט אַ באַזונדערע מתנה".

ער נעמט דאַן אַרויס פון אַ וואַליזע 12 ביכער און גיט מיר זיי איבער. ער האָט דערביי צוגעגעבן: „איך האָב געבעטן 5 אידישע שרייבער זיי זאָלן איבערלייענען דאָס בוך. און זיי אַלע האָבן מיר געזאָגט, אַז צום ערשטן מאָל איז דערשינען אַ בוך אין אידיש אָן אַן איינציקן דרוק־פעלער. האָב איך אַליין איבערגעלייענט דאָס בוך און האָב אויך קיין איינציקן פעלער נישט געפונען. מיין פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן אַ גאַנג ביכער פון דער בעסטער ענגלישער פּאָעזיע. שעקספּירן געפינט איר דאָ אינגאַנצן, אַלץ וואָס ער האָט געשריבן איז דאָ געדרוקט. אויך אַנדערע גרויסע ענגלישע פּאָעטן. דאָס גיב איך אייך אַלס צייכן פון מיין אָנערקענונג פאַר אייער אַרבעט". די דאָזיקע מתנה געפינט זיך נאָך עד־היום ביי מיר אין ביבליאָטעק.

ו.

מיין אַרבעט אין דרוק האָט מיך איינמאָל געשטעלט אין אַ פּאַרלעגנהייט.

דאָס איז געווען די וואָך נאָך דעם ווי עס איז אין ניו־יאָרק געעפנט געוואָרן די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולע, וועגן וועלכער איך האָב אויבן דערציילט. דער רעדאַקטאָר פון „אידישער קעמפּער" איז דאַן געווען דער חבר א. ש. וואַלדשטיין. ער איז געווען אַן עקסטרעמער העברעאיסט. ער איז געווען זייער קריטיש צו אונזער גאַנצער דערציאונגס־פּראָגראַם, בעיקר קעגן דעם, וואָס די לערן־שפּראַך איז געוואָרן אידיש. זייענדיק אין נאַטור זייער פּרינציפּן־פעסט, האָט ער אָנגעשריבן אַ לייט־אַרטיקל פאַרן „קעמפּער" וועגן דעם נייעם אויפטו אונזערן. אַנשטאָט אַ באַגריסונג איז גאָר אַרויסגעקומען ביי אים אַ שאַרפע קריטיק קעגן אָט־דער נייער אַרבעט פון אונזער באַוועגונג. איבערגעלייענט דאָס אויפגעזעצטע אַרטיקל בין איך געבליבן זיצן אַ דער־שטוינטער. איך האָב טעלעפאָנירט צום גענעראַל־סעקרעטאַר, דעם חבר הירש עהרענרייך. ער איז תיכף געקומען אין דרוק. ווען ער האָט איבערגעלייענט דעם לייט־אַרטיקל איז ער נאָך מער איבערראַשט געוואָרן ווי איך. מינוטן נאָכאַנאַנד זיינען מיר געזעסן שווייגנדיקע. ווען דער ערשטער „שאָק" איז אַריבער, האָט מען דאָך געמוזט באַשליסן, וואָס צו טאָן. אונזער ערשטער באַשלוס איז געווען, אַז לאָזן דעם לייט־אַרטיקל גיין, אַזויווי ער איז געשריבן, טאָר מען בשום־אופן נישט. מיר האָבן צווישן זיך צעטיילט די אויפגאַבן. איך האָב אויף מיר גענומען אָנצושרייבן אַ נייעם לייט־אַרטיקל. ער האָט אויף זיך גענומען די פיל שווערערע אויפגאַבע פון צופאָרן צום חבר וואַלד־שטיין און אים אינפאָרמירן וואָס מיר האָבן באַשלאָסן צו טאָן. ער איז אַוועק־געפאָרן. איך האָב דערווייל אָנגעשריבן אַן אַנדער לייט־אַרטיקל. מיר האָבן אָפּגערעדט אַז ער, חבר עהרענרייך, וועט טעלעפאָנירן נאָכדעם ווי ער וועט האָבן גערעדט מיט חבר וואַלדשטיין. אַ שעה שפּעטער האָט ער טעלעפאָנירט. זיין באַריכט איז געווען אַ קורצער, זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר חבר עהרענ־רייך. דער באַריכט האָט געלויטעט: „ער פּראָטעסטירט, ער סטראַשעט אַז ער וועט רעזיגנירן — אָבער איך נעם אויף זיך די אחריות. שטעלט אַרויס זיין אַרטיקל, אויב איר האָט שוין אָנגעשריבן אייערן, גיט עס אַריין און דרוקט עס אָפּ. מיר וועלן זיך מוזן באַגעגענען מיטן חבר וואַלדשטיין ביי דער קומענדיקער סעסיע פון צענטראַל־קאָמיטעט. איך האָב אים טאַקע אַזוי געזאָגט. איך בין זיכער אַז ער וועט קומען צו דער זיצונג אויסדריקן זיין פּראָטעסט".

איך האָב אַזוי געטאָן. גאַנץ אָנגענעם איז עס מיר נישט געווען. איך האָב

זיך באַנוצט מיטן פאַקט וואָס דער „קעמפער" דרוקט זיך אין דער דרוקעריי וואו איך אַרבעט און געטאָן אַן אומעטישן טאַט קעגן דעם רעדאַקטאָר. צום קרעדיט פון חבר וואַלדשטיין דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז ער האָט דווקא געהאַנדלט זייער עטיש. ער האָט ביי דער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט נישט פראָטעסטירט; ער האָט נישט רעזיגנירט. פאַרקערט, ער האָט גאָר געבעטן אַנטשולדיקונג ביים צענטראַל־קאָמיטעט. ער זעט איין, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער. ער, פערזענלעך, בלייבט ביי זיין מיינונג וועגן דעם עצם ענין; אָבער נאָך דעם ווי די פאַרטיי האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, מוזן די לייט־אַרטיקלען פון איר „קעמפער" געשריבן ווערן אין הסכם מיט איר באַשלוס און נישט קעגן אירע באַשלוסן. ער האָט אונז, חבר עהרענרייך און מיך, באַדאַנקט דערפאַר וואָס מיר האָבן אים פאַרהיט פון דעם מכשול. ער האָפט נאָר, אַז אונטער זיין אייגענעם נאָמען וועט אים דערלויבט זיין אַרויס־צוברענגען זיין פערזענלעכע שטעלונג. די דערלויבעניש איז פון דעם פאַר־זיצער — צופעליק בין איך עס טאַקע געווען — דערקלערט געוואָרן ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך, און אַ נומער שפּעטער איז טאַקע דערשינען אַזאַ אַרטיקל זיינס.

ז.

אינעם יאָר 1911 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט מיך באַאויפטראַגט אָנ־צושרייבן אַ בראָשור צו באַגרינדן דעם פּועלי־ציוניזם. ביז דאַן זיינען אין אונזער פּראָפּאַגאַנדע גענוצט געוואָרן בראָשורן געשריבן פון חברים אין אַנ־דערע לענדער. איך האָב אַזאַ בראָשור אָנגעשריבן. מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָב איך זי ווידער איבערגעלייענט און איך קען נישט זאָגן, אַז זי האָט מיר פאַרשאַפט נחת־רוח. ניין, ווייט דערפון! זי איז אַ רעכט ביסל אומבאַ־האָלפן. אַז איך טראַכט איצט וועגן איר תוכן, זע איך, אַז איך בין דאַן געפאַלן אַ קרבן פון אַ ספּעציעלער סאָרט גייסטיקער דערדריקונג, וואָס האָט דאַן געהערשט ביי אַ סך חברים, בעיקר ביי יענע, וואָס זיינען געקומען פון אייראָפּע אין די יאָרן פון 1906 ביז 1911. איך האָב אויף אָט־דער דערשיינונג שוין אָנגעוויזן אין אַ פריערדיק קאַפּיטל. יענע חברים האָבן זייער פּועלי־ציוניזם באַגרינדעט אויף דער טעאָריע פון דעפּראָלעטאַריזאַציע פון די אידישע מאַסן, וואָס האָבן בעיקר אין אייראָפּע געצויגן זייער חיונה פון קליין־האַנדל און, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, פון „קליין־אַרבעט". זיי האָבן נישט געהאַט קיין האָפענונג אין גלות אַריינגענומען צו ווערן ווען עס איז אין דער גרויס־אַרבעט אין דער שווערער אינדוסטריע. די אַמעריקאַנער אידישע ווירקלעכקייט — ווי זיי האָבן זי דאַן פאַרשטאַנען — לייקנט אָפּ

זייערע טעאָרעטישע איינשטעלונגען. זיי האָבן פאַר זיך דערזען אַ גרויס־צאָליקע אידישע אַרבעטער־באַפעלקערונג. זיי האָבן געטראַכט, אַז דאָ, אין דער פרייער אַמעריקע, וועט אויך די גרויס־אינדוסטריע געעפנט ווערן פאַר דעם אידישן לופט־מענטש. דעריבער איז דער גאַנצער רעיון וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַן אייגענער מדינה נישט געווען קיין באַגרינדעטער. טייל פון זיי האָבן טאַקע פאַרלאָזט די פאַרטיי. די בראָשור האָט עס געדאַרפט קעגן־ווירקן אָט־די מסוכנ׳דיקע ספיקות, מיט וועלכע חברים טראָגן זיך אַרום. האָב איך אין דער בראָשור געמאַכט אַ פאַרזוך — ליידער זייער נישט קיין געלונגענעם! — אָנצואווייזן, אַז די פראָצעסן, וועלכע האָבן זיך שוין אין 1911 אָנגעהויבן פאַרמירן אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן, באַשטעטיקן דווקא די פועלי־ציוני׳סטישע טעאָריעס.

צי איך האָב דאַן מחזיר געווען למוטב וועמען עס איז פון די בעלי־ספיקות בין איך שטאַרק אין ספק. היינט, בין איך זיכער, וואָלטן יענע אַרגומענטן, וועלכע איך האָב אַרויסגעבראַכט, קיינעם נישט משפיע געווען — ווייל זיי זיינען מער נישט משפיע מיך אַליין. היינט וואָלט איך בלויז ווידעראַמאָל געשריבן דאָס, וואָס איך האָב געשריבן אין דער בראָשור קעגן אַסימילאַציע, אָבער דאָס איז איר סאַמע קלענסטער טייל. דאָס וואָס איך האָב דאַן געשריבן ווי טעאָרעטישע פראָגנאָזן, וואָלט איך היינט נישט איבערגע׳חזר׳ט. כאָטש דאָ און דאָרט קען מען אויך אין אָט־דעם טייל געפינען אַ געדאַנקל, וואָס האָט נאָך אַ האָפט עד־היום.

אָבער דער סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי, חבר הירש עהרענרייך, וועלכער איז געווען מיין שטאַרקסטער מוט־געבער צו שרייבן די בראָשור, איז געווען פון איר צופרידן. ער האָט איינגעבונדן אַ קאָפּיע אין דיקע טאָוולען און האָט עס מיר צוגעטראָגן אַ מתנה ביי דער געלעגנהייט ווען חברים האָבן זיך געזעגנט מיט מיר, איידער איך בין אָפּגעפאָרן, ווי דער דעלעגאַט פון דער פאַרטיי, צום צענטן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין באַזעל און צו דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ פון די פועלי־ציון, וואָס איז פאָרגעקומען אין ווין.

דערמיט קום איך טאַקע צום שלוס־קאַפּיטל פון אָט־דעם באַנד זכרונות, וואָס נעמען אַרום די ערשטע 24 יאָר פון מיין לעבן.

## ח.

דאָס איז געווען מיין ערשטע רייזע אין דער ברייטער וועלט ווי אַ פאָרשטייער פון דער פאַרטיי. איך האָב זיך צו איר געגרייט ממש מיט ציטער,

ווי עס גרייט זיך אַ פרומער חזן צו תפילת כל־נדרי. איך בין געווען דורכ־געדרונגען סיי פון התרוממות הרוח, סיי פון אַ טיפן פּחד. התרוממות פון דעם עצם געדאַנק, וואָס איך בין דערהויבן געוואָרן צו אַזאַ הויכער מדרגה פון אַ שליח־ציבור, און פּחד פאַר דער אַחריות, וואָס דאָס לייגט אַרויף אויף מיר. אַ קלייניקייט! אַ דעלעגאַט צו אַ ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס! די ציוניסטישע וועלט־קאָנגרעסן זיינען געוואָרן די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען אין דער גאַנצער אידישער וועלט. אַזוי האָבן זיך צו די קאָנ־גרעסן באַצויגן אַפילו קעגנער. פאַר ציוניסטן זיינען זיי זיכער געווען נייע מאָדערנע אידישע יום־טובים. אין מיין אפשר צופיל־פאַנטאַסטישן מוח, זיינען זיי דערהויבן געוואָרן צו נאָך העכערע מדרגות. און צו אַזאַ קאָנגרעס ווער איך צום ערשטן מאָל געשיקט ווי אַ דעלעגאַט!

די פּועלי־ציוניסטישע וועלט־קאָנפערענצן זיינען אין אַלגעמיין־אידישן באַוואוסטזיין נאָך נישט דערהויבן געוואָרן צו אַזאַ הויכער מדרגה, ווי די ציוניסטישע וועלט־קאָנגרעסן. דער מרחק צווישן זיי איז שוין געווען אויס־געדריקט אַפילו אין די נעמען. דער ערשטער איז אַ קאָנגרעס! דאָס צווייטע איז נאָר אַ קאָנפערענץ. פאַר מיר איז אָבער דאָס צווייטע געווען פיל נעענטער, פיל אינטימער: זי איז געווען מער מיינע!

איך האָב מיך געגרייט צו טיפע איבערלעבונגען אויף ביידע. איך האָב אָבער דערוואַרט פיל מער פון קאָנגרעס, ווי פון דער קאָנפערענץ. אָבער אַרויסגעקומען איז דאָס פאַרקערטע.

דער 10טער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין אויסערגעוויינטלעכע פּאַסירונגען. די מלחמה אַרום אוגאַנדאַ איז שוין כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן. די צויבער־פיגור דר. הערצל האָט געפעלט. איך האָב אים זוכה געווען צו זען אין ווילנע, אָבער איך האָב נישט זוכה געווען צו זען אים אין זיין פולער פּראַכט ביים דיריגירן מיט אַ ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס. וועגן יענער צויבערלעכער דערשיינונג האָב איך בלויז געלייענט אין די קאָנגרעס־באַריכטן אין די צייטונגען. פון יענער גרויסער צייט פון דער העכסטער ציוניסטישער ראָמאַנטיק איז אויפן צענטן קאָנגרעס בלויז געבליבן די פיגור פון מאַקס נאָרדוי. און זיין צויבער־אויפטריט האָב איך דורכגעלעבט מיט אַלע פיבערן פון דער נשמה. כאָטש דעלעגאַטן אַרום מיר, אַזעלכע וואָס האָבן זיך יאָ באַטייליקט אין די ערשטע קאָנגרעסן, האָבן גאַנץ הויך צווישן זיך גערעדט: „עס איז נישט דער אַמאָליקער נאָרדוי!״ איך, אָבער, וואָס האָב נישט געקענט מאַכן אַזאַ פאַרגלייך, האָב דורכגעלעבט נאָר־דוי׳ס אויפטריט, ווי עס וואָלט געווען זיין ערשטע דערשיינונג אויף דער

אידישער וועלט־טריבונע. זיין טעמע איז אויך דאָס מאָל געווען די זעלביקע, וואָס אויף די פריערדיקע קאָנגרעסן: אַן איבערבליק איבער דער לאַגע פון אידן אין דער וועלט.

מיר איז נישט גרינג געווען צו באַנעמען אַלע ניואַנסן פון זיין גרויסער רעדע. ער האָט גערעדט דייטש, אָבער נישט דעם „באַרימטן" קאָנגרעס־דייטש, וואָס איז באַנוצט געוואָרן שפּעטער, וועלכן אויך איך האָב גוט געקענט פאַרשטיין. אין נאָרדוי׳ס דייטש האָט מיר אָפּט אויסגעפעלט אַפילו אַ טייל פון תוכן און אַוודאי האָב איך נישט געקענט געניסן פון זיין שפּראַך־מייס־טערשאַפט. דאָך האָב איך גענוג באַנומען בכדי צו דערשפּירן ווי זיין האַרץ איז וואַך פאַר יעדער געשעעניש אין דעם אידישן לעבן פון דער גאַנצער וועלט; כדי צו שפּירן ווי טיף ער פילט אַדורך יעדע באַליידיקונג קעגן אידן, וואו דאָס זאָל נישט געשען. אַוודאי האָב אויך איך געקענט דערשפּירן ווי ער ווייטיקט איבער די שפלות און רדיפות צו וועלכע אידן זיינען אויסגע־שטעלט אין געוויסע ווינקלען פון דער וועלט. דאָס וואָס איך האָב פאַרפעלט צו באַגרייפן פון זיינע רייד האָט פאַר מיר אויסגעפילט זיין פנים, זיינע טיפע אויגן דורכגעדרונגען מיט אידישן צער און צאָרן. פאַר מיר איז נאָרדוי׳ס אויפטריט געווען און געבליבן דער גלאַנץ־מאָמענט פון גאַנצן 10טן ציוניס־טישן וועלט־קאָנגרעס.

אין די ווייטערדיקע פאַרהאַנדלונגען פון קאָנגרעס האָבן מיך בעיקר פאַראינטערעסירט די וויכוחים אַרום דער פּראַקטישער בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל. די אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגן, אַפילו די פראַגע פון די „זאָנדער־פאַר־באַנדן" — דאָס הייסט, וועגן דעם סטאַטוס פון די באַזונדערע פראַקציעס אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַן האָט עס געמיינט די מזרחי־פראַקציע און אונזער פועלי־ציוניסטישע פראַקציע — האָט מיך אויך נישט שטאַרק פאַראינטערעסירט. צוליב דעם האָב איך באַקומען אַ שאַרפן פאַר־וואורף פונעם מזרחי־פירער הרב מאיר בערלין. ער האָט מיך אַפילו פאַר׳־מסר׳ט פאַר די פירער פון אונזער פראַקציע, בעיקר פאַר חבר שלמה קאַפּ־לאַנסקי.

ט.

געשען איז דאָס פאָלגנדיקע: אונזער פראַקציע האָט מיך פאַרשריבן צום וואָרט אין דער „גענעראַל־דעבאַטע". איך האָב טאַקע געדאַרפט ריידן וועגן דעם ביישטייער, וואָס די אידישע אַרבעטער טראָגן־צו צו דער בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל. עס האָבן וועגן דעם גערעדט אויך אַנדערע חברים. ווי ווייט איך געדענק — אויב מיין זכרון פאַרפירט מיך נישט — האָט די הויפּט־

רעדע וועגן דעם געדאַרפט האַלטן און טאַקע געהאַלטן דער חבר יעקב אורי פון נהלל. אַוודאי האָבן די אַנדערע חברים געוואוסט פיל מער וועגן דעם ווי איך. אָבער די חברים פון דער פראַקציע האָבן געהאַלטן, אַז עס וועט זיין גוט ווען אויך אַן אַמעריקאַנער דעלעגאַט וועט ריידן וועגן דעם. איך האָב געזוכט צו באַקומען — און האָב טאַקע באַקומען — אינפאָרמאַציע פון די ארץ־ישראל־חברים סיי וועגן זייערע דערגרייכונגען, סיי וועגן זייערע פאָדערונגען וואָס זיי ברענגען צום קאָנגרעס. איך האָב וועגן דעם צוזאַמענ־געקליבן גענוג מאַטעריאַל מיט וועלכן איך האָב גוט געקענט אויספילן די 10 מינוט וואָס זיינען מיר צוגעטיילט געוואָרן. פונדעסטוועגן איז די אימתא דציבורא געשטיגן אין מיר צו גאָר אַ הויכן גראַד. איך האָב מיך דערשראָקן פאַר מיין ערשטן אויפטריט פאַר אַזאַ געהויבענעם פאָרום. פון אָט־דער לאַגע האָט מיך געראַטעוועט אַ באַשלוס וואָס די זיצונג האָט פלוצים אָנגענומען אָפּצושטעלן די דעבאַטע. עס זיינען נאָך געווען פאַרשריבן 17 רעדנער, וואָס זיינען נאָך נישט געקומען צום וואָרט. צווישן זיי מיין ווייניקייט און אַזעלכע באַקאַנטע דעלעגאַטן ווי דר. בן־ציון מאָסענזאָן און הרב מאיר בערלין. דער פּלענום האָט באַשלאָסן אַז אָט־די 17 זאָלן אויסקלויבן פון זיך צוויי גענעראַל־רעדנער, וועלכע וועלן נאָך באַקומען דאָס וואָרט און דערמיט וועט די „גע־נעראַל־דעבאַטע" פאַרענדיקט ווערן. דער פּרעזידיום האָט אויפגעפאָדערט די 17 פאַרבליבענע פּאָטענציעלע רעדנער, זיי זאָלן אַרויפקומען אויף דער טרי־בונע און תיכף אויסקלויבן די צוויי „גענעראַל־רעדנער". זיינען מיר אַלע אַרויף און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגער פּראָצעס. לכתחילה האָט יעדער געוואָלט זיין צווישן די צוויי. ביז די די צאָל קאַנדידאַטן צו ווערן גענעראַל־רעדנער איז רעדוצירט געוואָרן צו פיר. נאָך אַ נייער אָפּשטימונג איז אויס־געוויילט געוואָרן איינער. געבליבן איז אויסצוקלויבן נאָך איינעם. פאַר דעם דאָזיקן איינעם זיינען די קאַנדידאַטן פאַרבליבן טאַקע די דערמאָנטע צוויי: הרב מאיר בערלין און דר. בן־ציון מאָסענזאָן. אין דער אָפּשטימונג איבער אָט־די צוויי האָט הרב מאיר בערלין באַקומען 7 שטימען און דר. מאָסענזאָן 8. איך בין געווען צווישן די 8. הרב מאיר בערלין האָט אין דעם געזען כמעט ווי אַ פאַרראַט צו די אינטערעסן פון די „זאַנדער־פאַרבאַנדן". אפשר איז ער געווען גערעכט. ווען איך זאָל איצט וועלן דערקלערן פאַרוואָס איך האָב פאַרגעצויגן דר. בן־ציון מאָסענזאָן, וואָלט עס מיר גאָרנישט געווען אַזוי גרינג. אפשר האָט זיין הערצל־באָרד מיך פאַר׳כישופ׳ט. סיי ווי, הרב מאיר בערלין האָט מיך פאַרקלאָגט פאַרן חבר שלמה קאַפּלאַנסקי, וואָס איז געווען דער אָנערקענטער פירער פון אונזער פראַקציע אויף יענעם קאָנגרעס. חבר קאַ־

פלאַנסקי האָט מיך גערופן אויף אַ שמועס און האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז הרב בערלין איז גערעכט. קאַפּלאַנסקי האָט אַרויפגעלייגט אויף מיר די פליכט צו דערקלערן דעם רב בערלין, אַז מיין האַנדלונג איז געווען על דעת עצמי; אַז אונזער פראַקציע טראָגט נישט פאַר דעם קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. דאָס איז געווען מיין ערשטע דערפאַרונג אינעם גרעאַנגל, וואָס די פראַקציעס האָבן געפירט פאַר זייער סטאַטוס אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. אין שפּעטערדיקע יאָרן בין איך געוואָרן כמעט ווי אַן עקספּערט אין אַט־דעם גרעאַנגל.

י.

מער קיין ספּעציעלע זכרונות פון יענעם קאָנגרעס זיינען מיר נישט פאַרבליבן. עס זיינען אַוודאי געווען פייערלעכע מאָמענטן, אָבער זיי האָבן זיך נישט שטאַרק רעגיסטרירט אין מיין זכרון. אַזאַ מאָמענט איז זיכער געווען די שלוס־זיצונג, וואָס איז אַלעמאָל פייערלעך. אָבער יענע פייערלעכקייט איז פון מיר אַוועקגענומען געוואָרן דורך אַ פּערזאָן, צו וועמען איך בין דווקא געווען צוגעקלעפּט במשך די טעג פון קאָנגרעס. די פּערזאָן איז געווען דער דר. יחזקאל וואָרטסמאַן. צי ער איז געווען אַ דעלעגאַט צום 10טן קאָנגרעס ווייס איך נישט עד־היום. איך ווייס אָבער — און איך האָב עס אויך דאַן געוווּסט — אַז ער איז געווען אַ דעלעגאַט צום ערשטן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס. אַ יחוס וואָס איז דאַן שטאַרק אָפּגעשאַצט געוואָרן פון אַלע דעלעגאַטן, בפרט נאָך פון אַזאַ צוציק־דעלעגאַט ווי איך בין געווען. מיך האָט ער אויך אימפּאָנירט צוליב אַן אַנדער יחוס זיינעם. ער איז געווען דער אַרויסגעבער פון אַ מאָנאַט־שריפט אין אידיש — „די אידישע צוקונפט", וועמענס אידייאישע איינשטעלונגען זיינען געווען נאָענט צו אונזערע. די מאָנאַט־שריפט האָט ער אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן, אָבער מיר, אין ניו־יאָרק, האָבן זי אויפמערקזאַם געלייענט. ווען איך האָב אים געטראָפן אין באַזעל האָט עס מיך, נאַטירלעך, זייער געפרייט. דערצו האָט ער פאַרמאָגט נאָך אַ מעלה. סיי אין זיין קליידונג, סיי אין זייןריידן איז ער געווען אַ פאָלקס־מענטש, האָט גערעדט איינפאַכן אידיש, צום אונטערשיד פון אַלע די הונדערטער פאַרשטייפטע, פאַרקנעפּלטע, קאָנגרעס־דייטש־ריידנדיקע דעלעגאַטן פון אַלע כנפות פון דער אידישער וועלט. דעריבער האָב איך מיך געהאַלטן כמעט די גאַנצע צייט נאָענט צו אים.

ער האָט זייער נאָענט געקענט אַלע וויכטיקע פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער איז אין זיין נאַטור געווען קריטיש געשטימט צו אַלץ און

אַלעמען. און זיין צונג — ווי זיין פעדער — איז געווען זייער אַ שאַרפע. ער האָט געקענט זייער וויטיקדיק בייסן, די וועמען ער האָט געוואָלט. אויך ביי דער פיערלעכער שלוס־זיצונג זיינען מיר געזעסן איינער לעבן דעם אַנדערן. האָט ער מיר שטילערהייט אָנגעהויבן „שילדערן" אין אויער אַריין די טריבונע־זיצער. קיינעם האָט ער נישט דורכגעלאָזט. נאָר פאַר נחום סאָקאָלאָוו האָט ער געהאַט אַ גוט וואָרט. איך מיין אַז דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס סאָקאָלאָוו האָט אים צוגעצויגן ווי אַ מיטאַרבעטער אין זיין — סאָקאָלאָוו'ס — טאָגבלאַט אין אידיש, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין וואַרשע מיט עטלעכע יאָר פריער. דאָס טאָגבלאַט האָט געהייסן „דער טעלע־גראַף". פאַר די אַנדערע מכובדים פון דער טריבונע האָט ער קיין איינציק גוט וואָרט נישט פאַרמאָגט. דוד וואָלפסאָנען האָט ער אַזוי „צעגומען", אַז עס איז פון אים ממש גאָרנישט געבליבן. נישט פיל בעסער — כאָטש ווייט נישט אַזוי עקסטרעם — האָבן אָפּגעשניטן דר. באָדנהיימער, מנחם אוסישקין, דער מזרחיסט פאַרבשטיין און די אַנדערע טריבונע־מכובדים. ער האָט זיך וואָר־שיינלעך געגוויטיקט אין עמעצן פאַר וועמען אויסצוגיסן אַביסל גאַל, מיט וועלכער זיין האַרץ איז פול געווען. בין איך געווען דער פּאַסיקער מקבל דערפון. אַזוי אַז ער האָט מיר צעשטערט די פייערלעכקייט פון דער שלוס־זיצונג.

ווען ער איז נישט געזעסן פנים־אל־פנים מיט אָט־די אַלע מכובדים, האָט ער אויך געקענט זיין אַן אָנגענעמער שמועסער. מיר האָבן געמאַכט אַ שפּאַציר איבער באַזעל. ער איז דאַן נישט געווען אין קיין פאַרביטערטער שטימונג. האָט ער מיר אָנגעהויבן דערציילן פון זיינע קינדער־יאָרן, פון זיין געבורט־שטעטל זוואָניק, פון די צרות וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיינע ערשטע יאָרן, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו ווערן אַ סטודענט אין דער אוניווערזיטעט אין בערן, אין דער שווייץ. אָט־דער שמועס איז פאַר מיר געווען אינטערעסאַנטער ווי אַ ריי אַרויסטרעטונגען פון אַ געוויסער צאָל דעלעגאַטן אויף דער קאָנגרעס־טריבונע.

ווען ער איז שפּעטער געקומען קיין ניו־יאָרק און האָט באַנייט דאָס אַרויסגעבן זיין מאָנאַט־שריפט „די אידישע צוקונפט", זיינען מיר דאָרט געוואָרן נאָך נעענטער. ליידער האָט זיין שריפט אויסגעהאַלטן בלויז איניקע, זייער וויניקע נומערן. ער האָט געלעבט אַ זייער שווער לעבן. ער איז אין ניו־יאָרק געווען נאָך גאַליקער ווי אין באַזעל. דאַן האָט ער שוין מן הסתם איינגעשלאָסן אַ טייל פון אונזערע חברים, מיך אַוודאי, אין דער רשימה פון יענע קעגן וועמען ער איז שטענדיק געווען פאַרביטערט. אָבער די שעה'ן

וואָס ער האָט מיר געגעבן אין באַזעל, בשעת דעם 10טן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס, פאַרצייכן איך דאָ מיט גרויס פאַרגעניגן.

## יא.

אַ פיל טיפערע איבערלעבונג איז פאַר מיר געווען די דריטע וועלט־קאָנפערענץ פון די פועלי־ציון אין ווין.

דאָ האָב איך מיך מיטאַמאָל באַקאַנט מיט די וויכטיקסטע פערזענלעכ־קייטן פון אונזער וועלט־באַוועגונג, וואָס ביז דאַן האָב איך נאָר געקענט איינעם פון זיי, דעם חבר ד״ר. נחמן סירקין. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל באַגעגנט אונזער געניאַלן בער באָראָכאָוו; דאָ האָב איך מיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט די חברים יצחק בן־צבי (וועלכן מיר, אין אַמעריקע, האָבן געקענט מיטן נאָמען אַבנר, ווייל עס זיינען צו אונז געקומען די בראָשורן וואָס ער האָט אונטער אָט־דעם נאָמען אַרויסגעגעבן און מיר האָבן עס נישט נאָר געלייענט, נאָר ממש געלערנט.) און דוד בן־גוריון; מיט דעם חבר בערל לאָקער. דאָ האָב איך געהאַט די געלעגנהייט טיפער צו דערקענען דעם מהות פון אונזער חבר שלמה קאַפּלאַנסקי. דאָ האָב איך אַפילו צום ערשטן מאָל געזען דעם שפּעטער באַרימט־געוואָרענעם חבר „כאַנע״. מיט אָט־די אַלע חברים, און נאָך אייניקע, וועלן מיר זיך נאָך באַגעגענען אין די ווייטערדיקע זכרונות.

איידער איך גיי איבער דערציילן וועגן די ענינים וואָס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אויף דער וועלט־קאָנפערענץ, וויל איך דערציילן וועגן אַ פּאָר איינ־צידענטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט צוויי פון די חברים מיט וועלכע איך האָב מיך דאָרט באַקענט — מיט די חברים בן־צבי און בן־גוריון.

דער אויפטריט פון חבר בן־גוריון האָט אויף מיר געמאַכט אַ זייער טיפן רושם. מיך האָט אימפּאָנירט סיי די פעסטקייט פון זיין טאָן, די זיכערקייט פון זיינע איינשטעלונגען, די אַרומנעמענדיקע כאַראַקטעריסטיק וואָס ער האָט געגעבן פון די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל און די קלאָרקייט פון אַרויסברענגען אַלע זייערע פּראָבלעמען.

ווען איך האָב מיך אומגעקערט קיין אַמעריקע האָב איך נאַטירלעך אָפּ־געגעבן אַ באַריכט צום צענטראַל־קאָמיטעט. איך האָב אין מיין באַריכט איינ־געשלאָסן דעם רושם וואָס חבר בן־גוריון האָט אויף מיר געמאַכט און האָב געזאָגט, אַז מיר וועלן נאָך פון אָט־דעם חבר זייער פיל הערן אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט. איין מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט — דער חבר שמואל

סיגעל עליו השלום — האָט זיך זייער שטאַרק צע׳כעס׳ט אויף מיר. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דורך אַרויסהייבן דעם נאָמען פון אַ נייעם חבר, בן־גוריון (וואָס ביז דאַן האָבן חברים אַזוי ווייניק געהערט וועגן אים), ווען אויף דער קאָנפערענץ זיינען געווען סיי באַראָכאָוו אַליין און טאַקע דער חבר אַבנר, האָב איך די לעצטע צוויי באַליידיקט. ער האָט עס תיכף צוגעשריבן צום פאַקט וואָס איך בין נישט געווען קיין באַראָכאָוויסט, נאָר אַ סירקיניסט. ער אַליין — דער חבר סיגעל — איז טאַקע געווען אַ פאַרברענטער באַראָ־כאָוויסט. ער האָט מיך גע׳מוסר׳ט, אַז מען טאָר נישט אַזוי זיין פּאַרטייאיש. עס האָט מיר נישט געהאָלפן מיין פאַרענטפערונג, אַז בנוגע דעם חבר בן־גוריון ווייס איך נישט, צי ער איז אַ סירקיניסט אָדער אַ באַראָכאָוויסט. ער איז געבליבן ביי זיינס. נאָך שאַרפער איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן מיר איבער אַ צווייטן אינצידענט וואָס איז אויך געווען פאַרבונדן מיט די חברים בן־צבי און בן־גוריון. דער צווייטער אינצידענט האָט פּאַסירט אַזוי:

נאָכדעם ווי די חברים בן־צבי און בן־גוריון האָבן פאַרענדיקט זייערע באַריכטן פון ארץ־ישראל, האָב איך זיי געשטעלט אַ פראַגע: פאַרוואָס האָבן זיי געמוזט אויפשטעלן אַ באַזונדערע פּועלי־ציון פּאַרטיי, ווען אין ארץ־ישראל האָט שוין עטלעכע יאָר עקזיסטירט אַ ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי — „הפּועל הצעיר"? ביידע חברים האָבן דאַן געגעבן לאַנגע דערקלערונגען, פאַרוואָס הפּועל הצעיר שטעלט זיי נישט צופרידן און פאַרוואָס זיי האָבן געמוזט גרינדן אַ פּועלי־ציון פּאַרטיי. אויך אַט־דעם ענטפער האָט חבר בן־גוריון באַנוצט, כדי נאָך טיפער אויפצוקלערן די אידייאישע ריכטונגען צווישן די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל און אויך דער ענטפער האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. חבר שמואל סיגעל האָט געהאַט צו מיר די שווערע טענה, אַז איך האָב די פראַגע גאָר נישט געטאָרט פרעגן. ער האָט גע׳טענה׳ט: חברים אין ארץ־ישראל האָבן געגרינדעט אונזער שוועסטער־פּאַרטיי, אַ פּאַרטיי מיט די זעלביקע אידעאַלן וואָס מיר אין אַמעריקע. קומט אַן אַמעריקאַנער חבר און פרעגט זיי גאָר פאַרוואָס זיי האָבן עס געטאָן?! די עצם פראַגע — האָט ער גע׳טענה׳ט — איז קעגן די אינטערעסן פון פּועלי־ציון. און ווידער האָט ער עס פאַרשריבן אויפן חשבון פון מיין חטא הקדמון, מיין סירקיניזם.

אין אַט־דער טענה האָט חבר סיגעל באַקומען די אונטערשטיצונג פון אַ צווייטן חבר אין צענטראַל־קאָמיטעט — דעם אומפאַרגעסלעכן חבר וועלוול שוואַרץ עליו השלום, וואָס איז געווען ביי אַלעמען זייער שטאַרק באַליבט און געשעצט. ער איז נישט געווען אַזוי שטרענג ווי חבר שמואל סיגעל. ער

האָט מיר נישט פאַרגעוואָרפן מיין סירקיניסטישן חטא, אָבער אויך ער האָט געזאָגט, אַז איך האָב די פראַגע נישט געטאָרט שטעלן.

אָבער די זעלביקע, אפשר אומגעלומפּערטע, פראַגע מיינע האָט מיר אין שפּעטערדיקע יאָרן געבראַכט דווקא אַ זייער שטאַרקן קאָמפּלימענט מצד איינעם פון די ליכטיקסטע פיגורן אין דער ארץ־ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפט, מצד דעם חבר יוסף אַהראָנאָוויטש זכרונו לברכה. ער, חבר אהראָנאָוויטש, איז דאַן, ווען אונזע וועלט־קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען, געווען אין ווין. איך ווייס נישט צי האָט ער דאַן ערשט עולה געווען קיין ארץ־ישראל, אָדער זיך שוין צוריקגעקערט אַהיים פון עפּעס אַ שליחות אין אייראָפּע. ער איז גראַד געווען אין זאַל ווען איך האָב געשטעלט מיין פראַגע צו די חברים בן־צבי און בן־גוריון. ער האָט פון דער פראַגע זיכער הנאה געהאַט. איז ער דאָך געווען איינער פון די גאָר וויכטיקסטע באַגרינדער פון די אידייען פון „הפּועל הצעיר״. ער האָט די פראַגע נישט פאַרגעסן. ער האָט זי מיר דערמאָנט מיט איבער צוויי צענטליק יאָר שפּעטער.

איך האָב מיך דאַן אומגעקערט פון אייראָפּע, וואוהין איך בין געשיקט געוואָרן צו פירן קאַמפּיינען פאַר קרן היסוד. איך האָב דאַן באַריכטעט צו חברים וועגן דער לאַגע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל און אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג בפרט. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סכנה וואָס לויערט אויף אונזער באַוועגונג דורך די פאַרשידענע שפּאַל־טונגען. איך האָב אויך באַרירט די, נאָך מיין מיינונג, שעדלעכע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס דער סעפּאַראַטיסטישער „השומר הצעיר״ פירט אָן, ווי איך האָב זי דער־קענט אין פּוילן, ליטע און רומעניע. איך האָב אַרויסגעבראַכט די מסקנה, אַז פאַרהיטן פון אַט־די סכנות קען נאָר אַ פאַראייניקונג פון אַט־די אַלע ריכטונגען, דאָ, אין ארץ־ישראל.

חבר יוסף אַהראָנאָוויטש האָט אויך געהערט מיין באַריכט. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער האָט זיך צעשמייכלט. פרעג איך אים צי שמייכלט ער אַזוי איבער מיין נאַאיווקייט? זאָגט ער ניין! איך האָב מיך גראַד איצטער אין עפּעס דערמאָנט.

און ער האָט מיך תיכף געפרעגט:

„איר ווייסט ווער עס איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אָנגעהויבן פרעדיקן פאַראייניקונג צווישן אונז?״. האָב איך אים געענטפערט, אַז ווי ווייט מיר איז באַקאַנט פון אונזער ארץ־ישראל׳דיקער ליטעראַטור, איז עס געווען דער חבר בערל כצנלסון. האָט ער געענטפערט: „ניין! טאַקע איר אַליין!״ און דאַן האָט ער מיר דערציילט, וויאַזוי ער איז געזעסן אין זאַל,

ווען איך האָב געשטעלט די חברים בן־צבי און בן־גוריון די אויבן־געבראַכטע פראַגע. ער האָט עס געשילדערט מיט זיינע ווערטער אין אידיש — ווייזט אויס אַז ער איז ניט געווען זיכער צי איך פאַרשטיי עברית: — „פלוצים שטעלט זיך אויף אַ גרויס־וואוקסיקער, ברייט־ביינערדיקער פּועלי־ציוניק דווקא פון אַמעריקע און פרעגט די חברים בן־צבי און בן־גוריון די האַרבע פראַגע, פאַרוואָס זיי האָבן געגרינדעט די נייע פּאַרטיי פּועלי־ציון, ווען אין לאַנד עקזיסטירט דער הפועל־הצעיר. ווי איך זע האַלט איר נאָך אַן אייער ליניע עד היום הזה. איר זוכט נאָך אַלץ די פאַראייניקונג צווישן אונז. הלוואי זאָל עס אייך געלינגען".

ליידער איז זיין ברכה נאָך עד־היום ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

## יב.

צווישן די פראַגן וואָס זיינען פאַרהאַנדלט געוואָרן ביי דער וועלט־קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון זיינען געווען צוויי, איבער וועלכע עס זיינען געווען חילוקי־דעות צווישן די ארץ־ישראל'דיקע דעלעגאַטן און די פירער פון וועלט־פאַרבאַנד, וועלכע האָבן זיך געפונען אין גלות. דאָס זיינען געווען:

א) די פראַגע פון דער באַלעבאַטישקייט איבער דעם „פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד", וואָס די אַלוועלטלעכע פּועלי־ציון באַוועגונג האָט גע־גרינדעט בכדי צו מיטהעלפן די בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל. די ארץ־ישראל'־דיקע האָבן געהאַלטן, אַז די בעלי־בתים פון דעם פאָנד דאַרפן זיין נאָר די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון ארץ־ישראל. און די אָנפירער פון וועלט־פאַרבאַנד, בראש מיטן חבר שלמה קאַפּלאַנסקי, האָבן געהאַלטן, אַז די באַלעבאַטישקייט דאַרף בלייבן ביים גאַנצן וועלט־פאַרבאַנד.

ב) צי די פאַרבאַנדס־ביוראָ זאָל בלייבן אין גלות — זי איז דאַן געווען אין ווין — אָדער זי זאָל אַריבערגעפירט ווערן קיין ארץ־ישראל.

וועגן דער צווייטער פראַגע האָב איך באַקומען אַ קלאָרע אינסטרוקציע פון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז געווען באַזירט אויף אַ קלאָרן באַשלוס פון דער מאָנטרעאָלער קאָנווענשאָן. די אינסטרוקציע האָט געלויטעט, אַז איך דאַרף שטימען מיט די ארץ־ישראל'דיקע חברים. וועגן דער ערשטער פראַגע האָב איך קיין אינסטרוקציע נישט געהאַט. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס געפיל פון די מערסטע חברים אין אַמעריקע איז געווען צו גיין אין אַלע פראַגן מיט די איינשטעלונגען פון די ארץ־ישראל חברים. האָב איך מיך געפונען אין אַ דילעמאַ. איך אַליין האָב געהאַלטן אין דעם פּונקט מיט חבר קאַפּלאַנסקי. איך האָב מורא געהאַט, אַז אויב די באַלעבאַטישקייט אויף אַ פאָנד, וואָס

ווערט געזאַמלט פון פּועלי־ציון אין דער גאַנצער וועלט; צו וועלכן מיר זוכן בײשטײערער אויך פון נאָענטע צו אונז נאָך נישט אָרגאַניזירטע חברים, זאָל אַרויסגיין פון רשות פון דער פּועלי־ציון וועלט־באַוועגונג, וועלן קודם־כל די זאַמלונגען גופא פאַרקלענערט ווערן. אויסער דעם האָב איך געפילט, אַז אַזאַ שיטה קען פאַרמינערן דעם אינטערעס פון חברים וועלכע זיינען שוין אין דער פּאַרטיי, ווען זיי — אָדער זייערע פּאַרטרעטער — וועלן נישט אָנפּאַרטרויט ווערן מיטן אָנפירן פון פאָנד און מיט די אַרבעטן וואָס דאַרפן מיט זיין הילף געפירט ווערן. דער וויכוח וועגן דעם איז געווען זייער אַ שאַרפער. די ארץ־ישראל׳דיקע האָבן גע׳טענה׳ט, אַז די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל דאַרפן נישט האָבן איבער זיך קיין פּאַרוואַלטער פון דרויסן. זיי קענען אַליין אָנפירן זייערע ענינים. די מאַיאָריטעט פון די קאַנדידאַטן האָט אָנגענומען די שטעלונג פון חבר קאַפּלאַנסקי. די ארץ־ישראל חברים זיינען אַוועקגעפאָרן נישט קיין צופרידענע.

אָבער דער באַשלוס איבערצופירן די פאַרבאַנדס־ביוראָ אין ארץ־ישראל האָט זיי געגעבן די האָפענונג, אַז צוזאַמען מיט דער ביוראָ וועלן אויך קומען די וויכטיקסטע פירער פון וועלט־פאַרבאַנד. ווען זיי וועלן אַליין לעבן אין ארץ־ישראל, וועלן זיי ווערן איבערצייגט, אַז די ארץ־ישראל׳דיקע חברים זיינען גערעכט. די דאָזיקע חילוקי־דעות זיינען נישט אַזוי שנעל אויסגעגליכן געוואָרן. זיי האָבן זיך געצויגן אַ פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד. אָבער די פאַרבאַנדס־ביוראָ איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ארץ־ישראל. דער חבר ישראל בלוּ־פעלד — דוד בלאָך — האָט עולה געווען און איז געוואָרן דער אָנפירער (אונטער דער אויפזיכט פון פאַרבאַנד־ביוראָ, וואָס איז נאָך אַ צייט לאַנג געבליבן אין ווין) פון דער אַרבעט פון פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד (אין ארץ־ישראל האָט עס געהייסן קפא״י: די ראשי־תיבות פון קופּת פּועלי ארץ ישראל). די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען פון דער אַרבעט פון קפא״י געהערט שוין צו די שפּעטערדיקע יאָרן און די שפּעטערדיקע קאַפּיטלען.

## יג.

איך אַליין האָב פון אָט־דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ אַרויסגעטראָגן גאָר וואָגיקע איינדרוקן. דער ארץ־ישראל־מאָמענט אין אונזער אַרבעט איז פאַר מיר געוואָרן מער רעאַל. די טעאָרעטישע באַגרינדונגען פון סאָציאַליס־טישן ציוניזם זיינען אין מיר באַדייטנדיק פאַרטיפט געוואָרן. מיין קוק אויפן גאַנצן אידישן לעבן איז אויסגעברייטערט געוואָרן. איך בין דורך מיינע ערשטע שליחות׳ן אין חוץ־לאָרץ, סיי דורך דעם ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס, סיי

דורך אונזער אייגענער וועלט־קאָנפערענץ, בעסער צוגעגרייט געוואָרן צו יענע ראָלעס, וואָס זיינען מיר באַשערט געווען צו שפּילן אין די שפּעטערדיקע פאַרמעסטונגען פון אונזער באַוועגונג, וועגן וועלכע איך האָף צו קענען דערציילן אין צווייטן באַנד פון מיינע זכרונות.